STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03993

DI GESHIKHTE FUN TREYD YUNYONIZM

Sidney Webb

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

BEN Z. HERSCH
1930 E. Locust Street
Milwaukee 11, Wisconsin

די

געשיכטע פון טרייד יוניאניזם

פון

סידנעי און ביטריס וועבב

איבערזעצט נאך דער לעצטער אויסגאבע
פון עקיבא ברוידעס

צווייטער טייל

ארויסגעגעבען פון דער
קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט
ניו יארק, 1921.

פון דעם איבערזעצער

די בערה‌ב׳דיגע אָרימקייט פון אונזער לשון אין פאַרגלייך מיט די מאָדערנע אייראָפּעאישע שפּראַכען איז ניט די גרעסטע צרה פאַר אַן איבערזעצער אין אידיש. אונזער מאַמע־לשון האָט אין תוך אַלע עלעמענטען, וואָס זיינען נויטיג פאַר זיין אייגענער אנטוויקלונג, פאַר דער שאַפונג פון די נייע ווערטער און אויסדרוק־פאָרמען, אָהן וועלכע מענשען פון אונזער צייט מוזען בלייבען אָפּגעשטאַנען אין לעבען. אָבער כדי דאָס נייגעשאַפענע זאָל האָבען אַ ממשות, מוז עס זיין בדמותו ובצלמו פון דעם שעפער. אַנדערש קאָן עס ניט האָבען קיין קיום. דער איבערזעצער אין אידיש שטויסט זיך אָפט אָן אין אָריגינאַל אָן אויסדרוקען און אָן פאָרמען פון ריידען, צו וועלכע דער אידישער עולם איז ניט צוגעוואוינט, אָבער וועלכע מען מוז איבערגעבען אין אַ פאַרשטענדליכען אידיש, אויב מען וויל זיין עהרליך צום מחבר, צו דעם ענין, וואָס ער באַהאַנדעלט, און טאַקע אויך צו די מענשען, פאַר וועלכע די איבערזעצונג ווערט געמאַכט. מען מוז שאַפען עטוואָס נייעס, אום דאָס צו טאָן, און אין *דער* אַרבייט זיינער באַגעגענט דער אידישער איבערזעצער די גרעסטע שוועריגקייטען און געפאַהרען.

אידיש איז אומעטום אונטער דער השפעה פון פרעמדע, מעהר אַנטוויקעלטע קולטורען. אונזער לשון איז *ניט געצוואונגען* שטענדיג צו שאַפען פאַר זיך זיינע אייגענע רייכטימער. ארום און ארום זיינען דאָ אַזוי פיעל אוצרות, מיט וועלכע עס איז אַזוי לייכט זיך צו באַנוצען. דער פועל יוצא פון דעם איז, אַז אַפילו דאָס, וואָס ווערט יאָ ווירקליך געשאַפען אין אונזער לשון, האָט אָפט אַ פרעמדען פנים, א פרעמדען צלם ודמות. פון אַזאַ מין שאַפען מעהרען זיך חורבות, אָבער ניט קיין ממשות׳דיגע בנינים. דער איבערזעצער אין אידיש מוז זיך שטענדיג ראַנגלען מיט דעם נסיון צו באַנוצען זיך מיט דאָס גרייטע פון דער פרעמדער קולטור אַרום איהם, אַנשטאָט צו פּטר׳ן זיינע כחות אויף אויסצודריקען דעם געדאַנק, וואָס ער וויל איבערגעבען, ניט בלויז מיט אידישע ווערטער, נאָר אויך אין דעם גייסט פון דער אידישער שפּראַך. אַזאַ נסיון איז זעהר, זעהר שווער גובר צו זיין. אויב דער איבערזעצער פון דעם באַנד פון „דער געשיכטע פון דעם טרייד יוניאָניזם" איז ניט אומעטום דעם דאָזיגען נסיון בייגעשטאַנען, האָפט ער, אַז די לעזער וועלען אַ טראַכט טאָן וועגען די סבות, וואָס ער האָט געמוזט אויסשטעהן, און זיי וועלען איהם דן זיין לכף זכות.

דער איבערזעצער האָט אין זינען געהאַט, אַז אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד זיינען פאַראינטערעסירט ניט נאָר די אידישע אַרבייטער פון אַמעריקא, נאָר אויך די פון פוילען, רוסלאַנד, ליטע, ארגענטינא, א. א. וו. און ער האָט דעריבער געזוכט אויסצומיידען דעם געברויך פון ענגלישע ווערטער און אַנגליציזמען, ווי ווייט דאָס איז געווען מעגליך.

ע. ברוידעס.

אינהאַלט

6טער קאפיטעל :—

אַנטוויקלונג פון סעקציעס — — — — — — — — — — — — — — 393—471

7טער קאפיטעל :—

דער אלטער יוניאָניזם און דער נייער — — — — — — — — — 472—561

8טער קאפיטעל :—

די טרייד יוניאָן וועלט — — — — — — — — — — — — — 562—641

9טער קאפיטעל :—

דרייסיג־יאָהריגער וואוקס — — — — — — — — — — — — — 642—817

זעקסטער קאפיטעל.

אנטוויקלונג פון סעקציעס.

(1885—1863).

פון 1851 ביז 1863 זיינען אלע וויכטיגע קרעפטען אין דער טרייד יוניאן באוועגונג געווען קאנצענטרירט אין לאנדאן. צווי־שען 1863 און 1867 האבען אנגעהויבען צו שפיעלען א ראליע, ווי מיר האבען באשריבען אין לעצטען קאפיטעל, אזוינע פראווינציעלע ארגאניזאציעס, ווי די גלאזגאוו און שעפיעלד פאבען־ראטען, און אזוינע פראווינציעלע פיהרער, ווי אלעקסאנדער מאקדאנאלד און דזשאהן קעין. דער דראמאטישער קריזיס פון 1867 און דער פאלגליכער פאליטישער קאמף האט אונז געצוואונגען איבערצוריי־סען די באשרייבונגען פון דעם וואוקס פון דער באוועגונג, כדי נאכצופאלגען די פארלאמענטארישע טעטיגקייט פון די לאנדא־נען פיהרער. אבער אין דער צייט, וואס די יונטא און איהרע פאר־בינדעטע האבען געוואונען זייערע גרויסע זיעגען אין וועסטמינ־סטער, האט דער שווער־פונקט פון דער טרייד יוניאן באוועגונג אומבאמערקט זיך איבערגעטראגען פון לאנדאן אין די אינדוסט־ריעלע דיסטריקטען צו צפון פון דעם טייך הומבער. דאס האט פאסירט הויפטזעכליך צוליעב דעם שנעלען וואוקס פון צוויי גרויסע פראווינציעלע ארגאניזאציעס — די פעדעראציעס פון די קויהלען־גרעבער און פון די באוועל־ארבייטער.

די קויהלען־גרעבער, וועלכע זיינען איצטער איינע פון די שטארקסטע מחנות פון דער טרייד יוניאן ארמעע, האבען ביז 1863 ניט געהאט קיין ווירקזאמע ארגאניזאציע. די „מיינערס אסאצ־איע פון גרויס בריטאניען", וועלכע איז שטארק אויסגעוואקסען, ווי מיר האבען געזעהן, אין 1841—1843, איז זיך צעפאלען אין

1848. די ענערגישע פּראָבע, וואָס מארטין דזשוד האָט געמאַכט ווידער אויפצובויען אַ נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע אין 1850, ווען עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אַ קאָנפערענץ אין ניו קעסל, איז געווען אַ פּאַלשטענדיגער דורכפאַל, צוליעב דעם נאָך אַלץ גע־דריקטען צושטאַנד פון דעם קויהלען־געשעפט. אין די נעקסטע עטליכע יאָהר „זיינען די איבערגעבליבענע טיילען פון דער יוניאָן געוואָרן וואָס וויטער אַלץ קלענער און ווענינער, ביז צום סוף פון 1855, ווען מען וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז „יעדע פאַראייניגונג צווישען די קויהלען־גרעבער פון גאַנצען לאַנד איז כמעט אויס־געשטאָרבען"[1]. די אויפקלערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די יאָהרען צווישען 1858 און 1863 האָט הויפּטזעכליך צו פאַרדאַנקען דער אומאויפהערליכער אַרבייט פון דעם פעהיגען מאַן, וועלכער איז פופצעהן יאָהר צייט געווען זייער פּאָרטרויטער פיהרער.

---

[1] אַלעקסאַנדער מאַקדאָנאַלד'ס רעדע אויף דער לידזער קאָנפערענץ אין 1873. אַ. מאַקדאָנאַלד, דער זוהן פון אַ מאַטראָז, וועלכער איז געוואָרן אַ קויהלען־גרעבער אין לאַנקאַשייר, איז געבאָרן געוואָרן אין 1821 און האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אין קויהלען־גרוב אין עלטער פון 8 יאָהר. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גרויסען חשק צו לערנען, האָט ער זיך צוגעגרייט, אַזוי גוט ווי ער האָט געקאָנט, פאַר דער גלאַזגאָווער אוניווערזיטעט, אין וועלכען ער איז אריינגעטראָטען אין יאָהר 1846. ער האָט געלעבט אויף דאָס ביסעל, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט, און זומער פלעגט ער אַרבייטען אַלס קויהלען־גרעבער. בעת ער איז נאָך געגאַנגען אין אוניווערזיטעט, איז ער שוין באַקאַנט געוואָרן אַלס פיהרער פון די קויהלען־גרעבער איבער גאַנץ שאָטלאַנד. אין 1850 איז ער געוואָרן אַן אויפפּאַסער פון אַ קויהלען־מינע, און אַ יאָהר שפּעטער האָט ער גע־עפענט אַ שוהלע אין זיין געבורטס שטעדטעל. אין 1855 האָט ער אויפ־געגעבען די שוהלע, כדי אָפּצוגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר אַגיטאַציע אין די אינטערעסען פון די מיינערס. ווען די „נאַציאָנאַלע מיינערס יוניאָן" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1863, איז ער דערוועהלט געוואָרן אַלס פּרע־זידענט, און האָט אָנגעהאַלטען דעם דאָזיגען אַמט ביז זיין טויט. אונ־טער דער צייט האָט ער אָנגעקליבען אַ היפּשען פאַרמעגען דורך איניגע ערפאָלגרייכע קאָמערציעלע ספּעקולאַציעס, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אָפּצוגעבען זיין גאַנצע ענערגיע אויף צו אנטוויקלען דעם פּאַרלאַמענטאַרישען פּראָגראַם, וואָס ער האָט געמאַכט פּאָפּולער צווי־שען די מיינערס. ער האָט געגעבען וויכטיגע באַווייזען פאַר אַ „גע־קליבענעם קאָמיטעט", אין 1865, בנוגע דעם „מאַסטער און דינער געזעץ".

אַלעקסאַנדער מאַקדאָנאַלד, וועלכער האָט געטריי געדיענט די קויהלען־גרעבער זיין גאַנצען לעבען, און וועמען זיי האָבען צו פאַרדאַנקען זייער איצטיגע פּאָזיציע אין דער טרייד יוניאָן וועלט, שטעהט, אַזוי ווי ווילִיאַם ניוטאָן, צווישען די צופעליגע ניט־פּראָ־פעסיאָנעלע פיהרער פון דעם אַלטען טרייד יוניאָניזם און די באַ־צאָהלטע באַאַמטע פון דעם נייעם שניט. אַלס געוועזענער קויהלען־גרעבער און דער זוהן פון אַ קויהלען־גרעבער, האָט די בילדונג און דער פאַרמעגען, וואָס ער האָט ערוואָרבען, איהם געגעבען די מעג־ליכקייט זיך אָפּצוגעבען נאָכאַנאַנד, פון 1857 און וייטער, מיט די אינטערעסען פון די קויהלען־גרעבער. זיין מליצה'דיגע שפּראַך און זיין עטוואָס אויפפאַלענדע פּערזענליכקייט האָבען איהם ניט גע־שאַדט אין די אויגען פון די פּראָסטע און ניט־אַנטוויקעלטע אַר־בייטער, וועמען ער האָט געדאַרפט פיהרען. דער הויפּט־קוואַל פון זיין ווירקזאַמקייט איז אָבער געלעגען ניט אין זיין רעדנער־קראַפט און ניט אין זיין פעהיגקייט אַלס אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אין דעם וואָס ער האָט גענוי פאַרשטאַנען וועלכע ענדערונגען וואָלטען געקאָנט אָפּשאַפען די מיינער'ס קריוודעס, און אין זיין טאַקטישער פעהיגקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרקערפּערט די דאָזיגע ענ־דערונגען אין אַ געזעצגעבענדער פאָרם. פּונקט ווי זיינע פריינד,

---

אין יאָהר 1868 האָט ער זיך געלאָזט אַרויסשטעלען אַלס קאַנדידאַט פאַר די קילמאַרנאָק בורגען; ער האָט זיך אָבער צוריקגעצויגען, כדי אויס־צומיידען אַ שפּאַלטונג. אין די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1874 איז ער געווען מעהר ערפאָלגרייך, און איז אויסערגעוועהלט געוואָרען פאַר סטאַ־פאָרד. ער איז אַזוי געווען (צוזאַמען מיט טאָמאַס בורט) דער ערשטער „אַרבייטער מיטגליעד". באַלד נאָכדעם איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון דער קעניגליכער קאָמיסיע וועגען אַרבייטער־געזעצען, און האָט שפּעטער אַריינגעבראַכט זיינעם אַן אייגענעם מינאָריטעט רע־פּאָרט וועגען דעם ענין. ער איז געשטאָרבען אין 1881. אַ געשיכטע פון די קויהלען־גרעבער, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט, איז אָפּנים קיינ־מאָל ניט אָנגעשריבען געוואָרן, און מיט דער אויסנאַהם פון פיעלע רע־דען אַלס פּרעזידענט און אַנדערע פּאַרטראַגען, ווי אויך אַ פּאַמפלעט אונטערן נאָמען „נאָטיצען און באַמערקונגען וועגען דעם קויהלען־גרעבער רעגולירונג־געזעץ" (גלאַזגאָוו, 1872), האָבען מיר קיין זאַך ניט געפונ־נען פון זיין פעדער.

אללאָן און אפּלגארט, האָט ער זיך אויך כמעט איינגאַנצען פאַר־לאָזען אויף דער פּאַרלאַמענטארישער אַגיטאַציע אַלס דעם מיטעל ווי צו דערגרייכען זיינע צוועקען. בעת אָבער די יונטא האָט זיך צופריעדענגעשטעלט מיט דער ארבייט צו פּאַרזיכערן פּאָליטישע פרייהייט פאַר טרייד יוניאָניסטען, האָט מאַקדאָנאַלד לכתחילה גע־ארבייט אָהן אַן אויפהער פאַר אַ געזעצליכער רעגולירונג פון די ארבייט־באַדינגונגען. און אָבוואָהל ער האָט, ווי זיינע לאָנדאָ־נער חברים, פיעל געהאָט צו טאָן מיט די טרייד יוניאָניסטישע פריינד פון'ם מיטעל קלאַס, און האָט אָפט זיך באַנוצט מיט זייער הילף אין פּאַרלאַמענט, האָט ער אָבער ארויסגעוויזען זיין העכערע אָריגינאַליטעט און אויסגעהאַלטענעם שכל דערמיט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטען אין קלענסטען גראַד פון דעם פונדאַ־מענטאַלען פּרינציפּ פון'ם טרייד־יוניאָניזם — אַז עס מוז אויפ־געהאַלטען ווערן אַ געהעריגער לעבענס-שטאַנד פאַר דעם ארבייטער.

„עס איז געווען אין יאָהר 1856", האָט מאַקדאָנאַלד געזאָגט ביי אַ שפּעטיגער געלעגענהייט, „ווען איך האָב געמאַכט דעם ער־שטען שריט צו פּראָפּאַגאַנדירן פאַר אַ בעסערן מינען־געזעץ, פאַר אַ ריכטיגער וואָג, פאַר דער ערציהונג פון די קינדער, פאַר אַן עלטער־באַשרענקונג ביז 12 יאָהר, פאַר אַ פאַרקירצונג פון אר־בייטס־טאָג אויף אַכט שטונדען אין מעת־לעת, פאַר געלערנטע אויפזעהער, מען זאָל צאָהלען שכירות יעדע וואָך מיט מזומן געלד, אָפּשאַפען דאָס געצאָהלט מיט סחורות, און אַ סך אַנדערע ניצליכע זאַכען, וואָס זיינען צופיעל דאָ צו דערמאָנען. אַ קורצע צייט נאָכ־דעם האָט איין ביין אָנגעהויבען קומען צום אַנדערן און אין יאָהר 1858 איז שוין אונזער ארבייט פאַר בעסערע געזעצען געווען אין פולען גאַנג".

די מינען־קלובען און אומאָפיציעלע קאָמיטעטען, וועלכע האָ־בען פאָרגעבראַכט די דאָזיגע פאָדערונגען פאַר דער לעגיסלאַטור, זיינען געוואָרן די צענטראַל־פּונקטען פון לאָקאַלער ארגאַניזאַציע, מיט וועלכע מאַקדאָנאַלד האָט אָנגעהאַלטען אַ שטענדיגע קאָ־רעספּאָנדענץ. אַ מוטוויליגער „לאָקאוט", וואָס די דרום־יאָרקשייר קויהלען־אייגענטימער האָבען דערקלערט זייערע עטליכע טויזענט ארבייטער אין 1858, האָט צונויפגעשמאָלצען די מיינערס פון יע־

נעם קויהלען-געגענד אין אַ קאָמפּאַקטער דיסטריקט־אַסאָציאַציע, און האָט געגעבען מאַקדאָנאַלד׳ן די מעגליכקייט צונויפצורופען דעמזעלביגען יאָהר אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אין אַשטאָן־אונטערליין. די דעלעגאַטען אָבער האָבען בלויז פאַרטראָטען פיער טויזענט יוניאָן לייט. אין 1860, ווען „דער מינען רעגולירונג געזעץ" האָט געהאַלטען אין דורכגעהן, האָט מאַקדאָנאַלד געקאָנט פאַרצייכענען אַן ערפאָלג בנוגע דעם פּאַראַגראַף פון קויהלען־וואָג, וועגען וועלכען מיר וועלען רעדען שפּעטער. די „מיינערס נאַציאָנאַלע יוניאָן" איז אָבער ווירקליך איינגעפונדעוועט געוואָרן ערשט ביים סוף פון יאָהר 1863; און אויף די פאַרהאַנדלונגען אויף דער לידזשער קאָנפערענץ פון יענעם יאָהר הערט זיך שוין דער טאָן פון דער טאַקטיק, וואָס מאַקדאָנאַלד האָט ביז דעם טאָג פון זיין טויט נאָכאַנאַנד פּראָפּאַגאַנדירט פאַר די קויהלען־גרעבער, און צו וועלכער די גרויסע מעהרצאָהל זייערע האָט זיך איצטער וויעדער אומגעקעהרט נאָכדעם ווי זיי האָבען צייטווייליג זיך אָפּגעקעהרט פון איהר.

די מיינערס קאָנפערענץ אין לידז איז געווען אין מעהרערע הינזיכטען אַ מערקווירדיגע פאַרזאַמלונג. אָנשטאָט די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרן אָהן אַ סדר אויף דער פריהערדיגער קאָנפערענץ, האָט מאַקדאָנאַלד פּועל געווען ביי די 51 דעלעגאַטען, וואָס זיינען געזעסען פון דעם 9טען ביז דעם 14טען נאָוועמבער, 1863, אין דעם „פּיפּלס קאָאָפּעראַטיווען האָל", זיי זאָלען אָרגאַניזירן זייער מיטינג לויט דעם מוסטער פון דער „נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פאַר דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלער וויסענשאַפט" און זיך איינטיילען אין דריי סעקציעס — פאַר **געזעצן, קלאַגען** און **סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע**, און יעדערע פון זיי האָט אָפּגעגעבען אַ באַריכט צו דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ[1]. די טעגליכע פאַרהאַנדלונגען האָבען זיך

---

[1] די קאָנפערענץ האָט באַשטימט אַ סוב־קאָמיטעט צונויפצושטעלען און אַרויסגעבען איהרע פּראָטאָקאָלען, — „אַ זאַך", ווי די הקדמה דערקלערט, „וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון אַרבייטער". און באמת האָט דער גוט־צונויפגעשטעלטער באַנד, וואָס די אָנגעזעהענע פירמע לאָנגמאַנס האָט אַרויסגעגעבען אין 1864 אונטער

אָנגעהויבען מיט א תפלה פון דעם „גייסטליכען פון דער קאָנפע־רענץ", דעם רעוורענד דזשאָזעף רעינער סטעפענס, דעם באריהמ־טען געגנער פון דעם „נייעם אָרימע לייט געזעץ" און דעם פאר־טיידיגער פון פאבריק-געזעץ און טשארטיזם.

אין די באריכטען פון די סעקציעס און אין די פיעלע רעזאָ־לוציעס פון דער קאָנפערענץ געפינען מיר אַלע פונקטען פון מאַק־דאָנאַלד'ס פּראָגראַם. דער הויפּט וויכטיגער פּונקט, צו פארזי־כערן א געהעריגען לעבענס־שטאנד דורך א געזעצליכער רעגולירונג פון די ארבייט־באדינגונגען, איז פארקערפערט אין א לענגערער רייה פאָרשלאָגען, וועלכע זיינען כמעט אינגאנצען אריינגעשטעלט געוואָרן זייט דאן אין דעם אויספיהרליכען קאָדעקס פון דעם געזעץ וועגען מינען־ארבייט. אין געגענזאץ צו דעם שטאַנדפונקט, אז דעם ארבייטער'ס שכירות זאָל אָפּהענגען פון די פרייזען פון די פּראָדוקטען, איז דאָ קלאָר אָנגעמערקט געוואָרן דער פרינציפּ פון קאָנטראָלירן די אינדוסטריע אויף אזא אופן, וואָס זאָל ניט דערלאָזען קיין אָנגריף אויף דעם ארבייטער'ס לעבענס־שטאנד. „איבער־ארבייט — זאָגט דער רעפּאָרט, — שאַפט אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטען; דערפון קומען נידעריגע פרייזען און קליינע שכירות; שלעכטע געוועהנהייטען און א שלעכטער געזונט־צו־שטאנד פאַלגען ממילא; און דאן מוז די פּראָדוקציאָן און די פּראָפיטען ווערן קלענער. וועניגער ארבייט און ממילא א בעסערער געזונט־צושטאנד פארגרעסערט די פּראָדוקציאָן אין דעם זין פון פּראָפיטען, און באשרענקט זי אין דערזעלביגער צייט, כדי אויס־צומיידען א פּראָדוקטען־איבערפלוס. בעסערע שכירות ברענגט מיט בעסערע געוועהנהייטען, און דערפון קומט אַן עקאָנאָמיע אין דער

דעם טיטול „פארהאנדלונגען און רעזולטאטען פון דער נאציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון קויהלען, קאַלך און שטיין־אייזען גרעבער פון גרויס בריטאַניען, אויף איהרע זיצונגען אין לידז, דעם 9טען, 10טען, 11טען, 12טען, 13טען און 14טען נאָוועמבער, 1863", מיט זיינע 174 זייטען, זיין שער־בלאַט בילד, וואָס האַט פאַרגעשטעלט פרויען ארבייטענדיג אין די מינען, מיט זיין מאָטאָ אויפ'ן טיטול־בלאַט גענומען פון גלאַד־סטאָנ'ס שריפטען, האָט ווירדיג און איינדרוקספול אַפּעלירט צום פּוב־ליקום.

אַרבייט... די צרה פון איבער-אַרבייט און איבער־פּראָדוקציאָן בנוגע די שכירות און דעם אַרבייטער איז דעריבער אַן ענין, וועגען וועלכען עס איז ניט מעהר ווי רעכט זיך צו באַקלאָגען; און מיר דערקלערן, אַז אַזוי ווייט ווי אָט די זאַכען זיינען מענשליכע דורך קאָנווענציאָנעלע איינאָרדנונגען, זיינען זיי זאַכען, וואָס איז ניט מעהר ווי ריכטיג און גערעכט מען זאָל זיי רעגולירן. די רע־גולירונגען מוזען, פאַרשטעהט זיך, זיין צווייפאַכיגע. אַ טייל קאָן רעגולירט ווערן דורך צווינגענדע געזעצען; אָבער דער פּרינציפּ מוז זיין אַ זאַך פון פרייוויליגער איינשטימונג".

די פאָדערונג צו באַשרענקען די אַרבייט אין די מינען אויף דעם מאַקסימום פון 8 שטונדען אַ טאָג איז שטאַרק באַטאָנט גע־וואָרן, אָבער אויף מאַקדאָנאַלד'ס ראַט איז שכל'דיג באַשלאָסען געוואָרן ניט צו פאַרלאַנגען קיין געזעצליכע רעגולירונג פון די אַרבייט־שטונדען פאַר דערוואַקסענע, נאָר צו באַשרענקען דעם פּאַרלאַמענט פאַרשלאַג אויף אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען די אַרבייט־שטונדען פון די אינגלאַך. עס איז אינטערעסאַנט שוין דאָ גלייך צו באַמערקען דעם אָנהויב פון אַ טיעפער שפּאַלטונג צווישען די מיינערס פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם, און זייערע חברים־אַרבייטער פון אַנדערע געגענדען. וויליאַם קראָפאָרד, דער צוקונפ־טיגער פיהרער פון די דורהאַם אַרבייטער, האָט אַרויסגעבראַכט דעם ענגען צוזאַמענהאַנג צווישען דער געזעצליכער רעגולירונג פון די אַרבייטס־שטונדען פון די אינגלאַך און דער פעסטשטעלונג דער גרויס פונ'ם אַרבייטס־טאָג פאַר דערוואַקסענע. די אַלגעמיינע שטימונג פון דער קאָנפערענץ איז געווען צו גונסטען פון אַ שטרענ־גען פאַרבאָט צו האַלטען אינגלאַך אין די מינען מעהר ווי 8 שטונ־דען; קראָפאָרד אָבער האָט דערקלערט, אַז „אַן 8־שטונדיגער גע־זעץ וואָלט אין זיין דיסטריקט ניט געקאָנט דורכגעפיהרט ווערן. ער האָט געוואָלט, אַז די אינגלאַך זאָלען אַרבייטען 10 שטונדען אַ טאָג און די דערוואַקסענע מענער 6 שטונדען"[1]. ער האָט דעריבער

---

[1] פּראָטאָקאָלען פון דער קאָנפערענץ, ז. 17. אין נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם האָבען די קויהלען־האַקער דאָס רוב געאַרבייט אין צוויי שיכטען, בעת עס פלעגט זיין נאָר איין שיכט פון אינגלאַך.

פאָרגעשלאָגען א געזעצליכען 10 שטונדען טאָג פאר די אינגלאַך. די קאָנפערענץ האָט זיך אָבער ענטזאגט אָפּצוטרעטען פון דעם פּרינציפּ פון 8 שטונדען; און דער געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז פארפאסט געוואָרן אין דעם זין, איז ענדליך אָנגענומען געוואָרן איינשטימיג.

נאָך א רעפאָרם, וואָס מאַקדאָנאלד האָט פאָרגעשלאָגען, האָט געהאט א גיט פאָראויסגעזעהענע אָבער טיפע ווירקונג אויף דער אָרגאַניזאַציע פון די קויהלען־גרעבער. דאָס מוטווילליגע באַרויבען דעם לוין פון די קויהלען־גרעבער פאר קאסטענס קויהלען, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן אלס ניט ריכטיג אָנגעפילט, איז פון לאַנג אָן געוועזן אַן אורזאַך פון בייז בלוט. עס איז געוואָרן א רעגעל־מעסיגע געוועהנהייט פון די אומגעוויסענהאפטע קויהלען־אייגענ־טימער צו פארבראַקירן א היפּשען טייל פון די ארבייטער'ס קאס־טענס, און זיך אויסדרעהען אויף דעם אופן פון צו דארפען באַ־צאָהלען פאר א טייל פון די אויסגעגראָבענע קויהלען. די דאָזיגע קריוודע איז געווען נאָך ערגער דערמיט, וואָס דער קויהלען־גרע־בער, ארבייטענדיג אונטער דער ערד, איז אבסאָלוט אָפּגעהאנגען פון דער עהרליכקייט און פינקטליכקייט פון דעם בעל הבית' אגענט אויבען, וועלכער האָט פארצייכענט די סומע קויהלען וואָס דער גרעבער האָט אויסגעארבייט. די ארבייטער האָבען דעריבער גע־פאָדערט, מען זאָל זיי ערלויבען האָבען זייערן אַן אייגענעם פאר־טרעטער אין קאָנטאָר פון דער מינע, וועלכער זאָל פארצייכענען די וואָג פאר וויפיעל צו באַצאָהלען. אין דעם יאָהר 1859 זיינען פאָרגעקומען גרויסע קריעגערייען מכח דעם אין דרום־יאָרקשייר, וואו די בעלי־בתים האָבען, נאָך א ביטערן ווידערשטאנד, נאָכגע־געבען אין איניגע מינען די דאָזיגע גרויסע פאָדערונג. דאַן האָט די דרום־יאָרקשייר מינערס יוניאָן באשלאָסען, מיט מאַקדאָנאלד'ס הילף, צו זוכען אריינשטעלען א פאראגראף אין דעם געזעץ־פּראָ־יעקט צו רעגולירן די מינען, אז זיי זאָלען מוזען וועגען די קויה־לען און זאָלען ערלויבען א פארטרעטער פון די ארבייטער צוצו־קוקען צי די וואָג איז ריכטיג. עס איז פאָרגעקומען א גרויסער פארלאמענטארישער קאמף מכח דעם אמענדמענט פון די ארביי־טער און דער רעזולטאט איז געווען, אז דאָס געזעץ פון 1860 האָט

באפאלמעכטיגט די קויהלען־גרעבער פון יעדער מינע צו באשטי־מען א וואג־אויפפאסער, מיט דער באשרענקונג אבער, אז זיי קא־נען אויסקלייבען נאר אזוינע, וואס ארבייטען פאקטיש אין דער־זעלביגער מינע. אט דער וויכטיגער זיעג איז געווארן צו נישט, מחמת די בעלי־בתים האבען דורך פארשיידענע קונצען זיך אויס־געדרעהט פון צו פאלגען דעם געזעץ. אין בארמסלעי, צום ביישפיעל, איז נארמאנסעל, וועלכער איז באשטימט געווארן אלס וואג־אויפפאסער, גלייך ענטזאגט געווארן פון דער ארבייט און איז ניט צוגעלאזט געווארן צו דער מינע. ווען דער אייגענטימער איז צוגע'משפט געווארן צו א שטראף פאר עובר זיין אויפ'ן געזעץ, האט ער אפעלירט צו א העכערן געריכט; און עס האט גענומען דער יוניאן צוויי יאהר צו פיהרן משפטים מיט גרויסע אויסגאבען איידער מען האט דעם בעל הבית געצוואונגען צוריק אנצושטעלען דעם מענשען פון די ארבייטער[1].

---

[1] דזשאהן נארמאנסעל, דער אגענט פון די דרום־יארקשייר מיינערס' אסאציאציע, פארנעהמט נאך מאקדאנאלד'ן דעם וויכטיגסטען פלאץ אלס פיהרער פון די מיינערס צווישען די יאהרען 1863 און 1875. ער איז געבארן געווארן אין יאהר 1830, אין טארקינגטאן, טשעסיר, ביי זיין פאטער, א קויהלען־אויפזעהער אין א מינע, און איז גאנץ פריה געבליבען א יתום. צו 7 יאהר איז ער שוין געגאנגען ארבייטען אין דער מינע, און צו 19 יאהר, ווען ער האט חתונה געהאט, האט ער אפילו זיין נאמען ניט געקאנט אונטערשרייבען. אויסוואנדערענדיג אין דרום־יארקשייר, איז ער געווארן א פיהרער אין דער אגיטאציע אויסצוקעמפען א וואג־אויפפאסער, וואס די לאקאלע קויהלען־אייגענטימער האבען נאכגעגעבען אין יאהר 1859. נארמאנסעל איז אויסגעקליבען געווארן אויף דער שטעלע פאר דער אייגענער מינע, וואו ער האט געארבייט, און ער איז שנעל געווארן דער לייטענדער גייסט אין דעם באצירק. נאך דעם לאקאוט פון 1864, איז ער דערוועהלט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער יוניאן, וועלכע האט דאמאלסט געצעהלט נישט מעהר ווי צוויי טויזענט מיט־גליעדער. אין 8 יאהר צייט האט ער פארגרעסערט די מיטגליעדערשאפט אויף 20 טויזענט, און האט אויפגעבויט אן אויסגעארבייטען סיסטעם פון הילפס פאראיינען. ער איז געוועזען דער ערשטער ארבייטער, וואס איז מיט טריאומף אויסגעקליבען געווארן אלס „טאון קאונסילאר" (ראט־מאן) אין בארנסלעי, און זיין יוניאן האט באוויליגט 1000 פונט שטער־לינג אוועקצולעגען אויף זיין נאמען אין באנק, כדי ער זאל קאנען דער־

אין די נעקסטע 20 יאָהר האָבען די קויהלען־אייגענטימער נאָכאַנאַנד געזוכט מיטלען ווי אַזוי ניט נאָכצוקומען דעם דאָזיגען געזעץ. וואו זיי האָבען ניט געקאָנט איבערדרעען אָדער טעראָריזירן די ארבייטער, זיי זאָלען אויפגעבען זייער רעכט צו באַשטימען אַ וואָג־אויפפּאַסער, האָבען זיי זיך באַנוצט מיט יעדען פּאָרטעל צו שטערן זיין ארבייט. מאַנכעס מאָל האָט מען איהם ניט צוגעלאָזט צו נאָהענט צו דער וואָג־מאַשין. אין אַנדערע מינען זיינען די וואָגען אַזוי פאַרשטעלט געוואָרן, אַז ער האָט זיי ניט געקאָנט קלאָר זעהן. זיי האָבען היציג אַרומגעריסען זיך מיט איהם וועגען זיינע צונויפרעכענונגען און מיט רציחה זיך געשטעלט אַנטקעגען ווען נאָר ער האָט זיך אַריינגעמישט. די מיינערס יוניאָנס האָבען אָבער ניט אויפגעהערט צו קעמפען פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון דעם וואָג־אויפפּאַסער. דער מינען־רעגולירונג געזעץ פון 1872 האָט עטוואָס שטאַרקער געמאַכט זיין פּאָזיציע. ענדליך האָט דער געזעץ פון 1887, און פאַרפעסטיגט דורך דעם געזעץ פון 1911, קלאָר געמאַכט דאָס רעכט פון די ארבייטער צו באַשטעלען דורך אַ מאַיאָריטעט־באַשלוס פון אַלע וואָס אַרבייטען אין וועלכער עס איז מינע, און אויף די הוצאות פון דער גאַנצער מינע, אַ וואָג־אויפפּאַסער, וואָס זאָל האָבען די פולע מאַכט צו האַלטען אַ גענויע און אומאָפּהענגיגע רעכענונג פון יעדענס ארבייט.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט אויסצופאָרשען ביז וועלכען גראַד די ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכען פון די קויהלען־גרעבערס אָרגאַניזאַציעס זיינען דער רעזולטאַט פון דעם איינפלוס פון אָט דער איינער געזעץ־רעפאָרם. די ארבייטערס' אַנערקענונג און ענטוויקלונג פון קאָלעקטיווער אַקציאָן איז געווען אַ דירעקטע אָנרע-

קלערן, אַז ער פאַרמאָגט די סומע געלד, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט געפאָדערט אַ ראַטמאַן זאָל באַזיצען. ווען ער איז געשטאָרבען, האָט די יוניאָן געשטימט אָפּצוגעבען דאָס געלד זיין אַלמנה. נאָרמאַנסעל איז אויפגעטראָטען אַלס עקספּערט אין 1867 פאַר דעם „געקליבענעם קאָמיטעט וועגען קויהלען־גראָבען" און פאַר דעם קאָמיטעט וועגען דעם „האַר און דיענער געזעץ"; אין 1868 פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע וועגען טרייד יוניאָנען און אין 1873 פאַר דער קאָמיסיע וועגען דעם צושטעל פון קויהלען.

גונג צו פאראייניגען זיך. די געצוואונגענע ביישטייערונג, וואס איז ארויפגעלעגט געווארן אויף אלע ארבייטער פון קויהלען־גרוב צו דעקען די קאסטען פון אויסהאלטען זייער אגענט, וועלכער האט געקאנט באשטימט ווערן לויט דעם באשלוס פון א קנאפער מאיאָריטעט, האט געגעבען דער יוניאן אן אומזיסטען בראנזש־סעקרעטאר פאר יעדער קויהלען־גרוב. די ווירקונג, וואס דאס האט געהאט אויף דעם כאראקטער פון די באאמטע, איז אבער געווען נאך וויכטיגער. דער וואג־אויפזעהער האט געמוזט זיין א מענש מיט א כאראקטער, אויף וועמען די סטראשונקעס און די חניפות פון פארוואלטער און די בעלי בתים האבען קיין ווירקונג ניט געמאכט. ער האט געמוזט פיהרן א נארמאלען לעבען, זיין פינקטליך און געלערנטמעסיג, און קאנען שנעל רעכענען. די וואג־אויפזעהער זיינען אויף דעם אופן געווארן א פארטרעפליכער קוואל, פון וואנען מען האט געקאנט שעפען א פראקטיש אומענדליכע צאהל טיכטיגע טרייד יוניאן סעקרעטערן אדער ארבייטער פארשטעהער.

די לידזער קאנפערענץ פון 1863 איז געווען די ערשטע פון א רייה יעהרליכע אדער האלב־יעהרליכע פארזאמלונגען פון מיינערס דעלעגאטען, וועלכע האבען זעהר פיעל בייגעטראגען צו פארפעסטיגען זייער ארגאניזאציע. די שטארקע שטיצע, וואס מאקדאנאלד האט מיטגעבראכט דער באוועגונג פאר דער „האר און דיענער געזעץ" פון 1867 איז שוין באשריבען געווארן. אבער די כמעט אומאויפהערליכע שטרייקס און לאקאוטס, וואס זיינען נאכאנאנד פארגעקומען צווישען 1864 און 1869 אין איין באצירק אדער אנדערן, האט געשטערט דער נאציאנאלער אסאציאציע צו באקומען א שטארקען איינפלוס אויף די ארבייטער אין די וועניגער ארגאניזירטע דיסטריקטען. אין 1869 איז געגרינדעט געווארן א קאנקורירענדע פעדעראציע, וועלכע האט זיך גערופען „די אמאלגאמירטע אסאציאציע פון מיינערס", פון די ארבייטער פון אייניגע לאנקאשייר קויהלען־גריבער, כדי צו פארזיכערן מעהר סיסטעמאטישע שטיצע פאר די לאקאלע שטרייקס. די דאזיגע שפאלטונג האט נאר פארגרעסערט די צאהל פון די מיינערס אין

דער יוניאָן, וועלכע האָט אין עטליכע יאָהר געגרייכט די קיינמאָל פריהער ניט געוועזענע צאָהל פון צוויי הונדערט טויזענט.

עס איז לייכט צו פאַרשטעהן וויפיעל אָט די אָרמע מיינערס, וואָס זיינען געווען געפיהרט פון אַן עקספּערט פאַרלאַמענטאַרישען טאַקטיקער, האָט צוגעגעבען צו דעם פּאָליטישען געוויכט פון די טרייד־יוניאָן פיהרער. אַבוואָהל זיי זיינען נאָר טיילווייז געווען שטים־באַרעכטיגט, האָט זיך פונדעסטוועגען געלאָזט מערקען זייער איינפלוס ביי די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1868. און ווען דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין 1871 האָט באַשטימט אַ פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט, איז מאַקדאָנאַלד געוואָרן דער פאָרזיצענדער פון קאָמיטעט. דעם נעקסטען יאָהר האָט ער פועל געווען אַריינצושטעלען אין דעם נייעם געזעץ פאַר רעגולירונג פון מינען פיעלע פון די קלענערע אַמענדמענטס, פאַר וועלכע ער האָט זיך געסטאַרעט; און אין 1874 איז ער און זיין קאָלעגע טאָמאַס בוירט געוואָרן, ווי מיר האָבען געזעהן, די ערשטע אַרבייטער־מיטגליעדער פון „די האוז אָוו קאמאָנס”.

ניט וועניגער וויכטיג איידער די עטוואָס־צעשפּרייטע חילות פון די קויהלען־גרעבער איז געווען די ענג־געשלאָסענע קערפּערשאַפט פון די לאַנקאַשייר באַוועל־אַרבייטער, וועלכע האָבען פון דעם יאָהר 1869 אָן זיך אָנגעהויבען רעכענען אַלס אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון דער טרייד יוניאָן וועלט. די לאַנקאַשייר טעקסטיל־אַרבייטער, וועלכע האָבען אין ערשטען טייל פון יאָהרהונדערט געשפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, און וואָס זייערע ענערגישע „קירצערע־צייט קאָמיטעטען” האָבען אין 1847 באַקומען דעם צעהן־שטונדען געזעץ, ווי עס שיינט, אַריינגעפאַלען שפּעטער אין אַ צושטאַנד פון דיסאָרגאַניזאַציע און אומפּאַראייניגונג. אמת, אין 1853 איז געגרינדעט געוואָרן די איצטיגע „אַמאַלגאַמירטע אַסאָציאַציע פון באַוועל־שפּינער”; אָבער די דאָזיגע פעדעראַטיווע יוניאָן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן צוליב דער פאַרנאַכלעסיגקייט אָדער גלייכגילטיגקייט פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַזעלכע וויכטיגע דיסטריקטען ווי אָלדהאַם און באָלטאָן. די בלאַקבורן אַסאָציאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1853, איז ביסלעכווייז פאַרשטופּט געוואָרן אין הינטער־גרונט דורך דער „נאָרטה־איסט

לאנקאשייר אסאָציאַציע" — אַ פעדעראַציע פון לאָקאַלע וועבער־פאַראיינען פון די קלענערע שטעדט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1858. די דאָזיגע אסאָציאַציע, וואָס איז ארויסגעוואקסען דורך דעם צוריקציהען זיך פון דער בלאָקבוירן אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַט די ספּעציעלע אויפגאַבע אויסצוהאַלטען דורך פאַראייניגטע קרעפטען אַ פעהיגען פרייזען־באַרעכענער, וועלכער זאָל קאָנען פאַרטיידיגען די אַרבייטערס אינטערעסען אין די שטענדיגע ויכוחים מכח די קאָמפּליצירטע רייסטערס פון שטיק־אַרבייט־פּרייזען, וועלכע כאַראַקטעריזירן די ענגלישע באַוועל־אינדוסטריע.

עס איז שווער איבערצוגעבען דעם אַלגעמיינעם לעזער אַ ריכטיגען באַגריף וועגען די וויכטיגע פאַלגען, וואָס אָט די קאָמפּליצירטע רייסטערס („ליסטס") האָבען געהאַט אויף דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין לאַנקאַשייר. די אורזאַך פאַרוואָס די לאַנקאַשייר באַוועל־אַרבייטער זיינען דורכאויס געווען צופריעדען מיט דעם סיסטעם פון שטיק־אַרבייט, און האָבען איהם פאָרגעצויגען איבער אַנדערע, קאָן מען אינגאַנצען צושרייבען צו דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט די דאָזיגע באַשטימט פעסטגעשטעלטע און אָפּגעדרוקטע פּרייז־ליסטען. און נאָך אפילו אַ וויכטיגערער רעזולטאַט איז געווען דאָס, וואָס צוליעב זיי האָט געמוזט באַשאַפען ווערן אַ ספּעציעלער טיפּ פון אַ טרייד־יוניאָן באַאַמטען. וואָרים אָבוואָל די פּרייז־ליסטען זיינען געווען קונציג אויסגעאַרבייט אין אַלע פּרטים — דער באָלטאָן שפּינער־ליסט, צום ביישפּיעל, האָט פאַרנומען 85 זייטען, געדריכט אָנגעפילט מיט ציפער — זיינען די תשובות געווען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ניט נאָר דער געוועהנליכער אַרבייטער אָדער פאַבריקאַנט האָט זי ניט געקאָנט באַגרייפען, נאָר אפילו דער אונטערזוכענדער מאַטעמאַטיקער האָט אין זיי קיין טאָלק ניט געקאָנט דערגעהן אָהן אַ זעהר גענויער ידיעה פון די טעכנישע פּרטים. און דאָך זיינען די וועבענטליכע פאַרדיענסטען פון יעדען איינעם פון די צעהנדליגע טויזענטער אַרבייטער צורויפגערעכענט געוואָרן לויט אַ גענויעם און אָפּט באַזונדערן חשבון דורך אָט די פּרייז־ליסטען. און ווען עס איז געקומען צו אַ פראַגע פון אַן ענדערונג אין דעם ליסט, האָט די נאָרמאַלע שכירות פון אַ גאַנצען באַצירק געקאָנט אָפּהענגען פון דער שנעלקייט און

פינקטליכקייט, מיט וועלכע דער פאַרטרעטער פון די אַרבייטער האָט אויפגעכאַפּט די גענויע ווירקונג פון יעדער פאַרגעשלאָגענער ענדערונג אין וועלכען עס איז פון די צאָלרייכע פאַקטאָרן פון חשבון. מען קאָן דעריבער קלאָר איינזעהן, אַז דער „ערפאָלגרייכער אָרגאַניזער" אָדער דער „געבוירענער אָראַטאָר" האָט פאַר אַזאַ סאָרט אַרבייט גאַנץ אָפט ניט אָנגעהויבען צו טויגען. פאָלגליך איז אויסגעוואַקסען אי ביי די וועבער, אי ביי די שפּינער, אַ סיסטעם פון אויסקלייבען נייע סעקרעטערען דורך אַ קאָנקורענץ־עקזאַמען, וועלכער איז אַלץ מעהר פאַרפאָלקאָמט געוואָרן, וואָס מעהר די עקזאַמענירער אַליין, ד. ה. די עקזיסטירענדע באַאַמטע, זיינען געוואָרן גרעסערע עקספּערטען. דער ערשטער סעקרעטער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ עקזאַמען, איז געווען טאָמאַס בירטוויסטל,[1] וועלכער האָט אָנגעפאַנגען אין 1861 זיין דרייסיג יאָהריגע ווירדיגע און ערפאָלגרייכע דיענסט ביי די לאַנקאַשייר וועבער. אין עטליכע יאָהר אַרום האָט מען צוגעגעבען צו איהם נאָך אַנדערע באַאַמטע. וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרן פאַר דיזעלביגע מעלות. פון 1871טען יאָהר אָן זיינען נאָך אַנדערע באַאַמטע, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרן דורך דעם איינפיהר פון די „באַוועל־לייט" — אַ קערפּערשאַפט פון שאַרפזיניגע, קלוגע און פּאָרזיכטיגע באַאַמטע, וועלכע זיינען געווען אין דער טרייד־יוניאָן וועלט צוגלייך בוכהאַלטערס און אַדוואָקאַטען.

אונטער אַזאַ פיהרערשאַפט האָבען די לאַנקאַשייר באַוועל־אַרבייטער געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג. זייער אַלטע אויפגאַבע איז געווען צו באַקומען און פאַרפאָלקאָמען די ליסטען אין אַלע דיסטריקטען. ווען זיי האָבען אויף דעם אופן זיך פאַרזיכערט מיט דער ראַטע און מעטאָדע פון באַלוינונג, האָבען זיי אָפּגעגעבען זייער ענערגיע צו פאַרבעסערן די אַנדערע באַדינגונגען פון דער אַרבייט דורך דער געהעריגער געזעצגעבונג. פון 1830

[1] בירטוויסטל איז אויף דער עלטער, אין 1892, באַשטימט געוואָרן פון דעם מיניסטער פון אינערן אַלס אינספּעקטאָר אין דעם „פעקטאָרי דעפּאַרטמענט", ווייל ער איז געווען דער איינציגער מענש, וואָס איז קאָמפּעטענט צו פאַרשטעהן און דערקלערן די קאָמפּליצירטע מעטאָדע פון באַלוינונג אין די וועבעריי פאַבען.

אַן האָבען די לאַנקאַשייר ארבייטער, ספּעציעל די שפּינער, שטאַרק אונטערגעשטיצט די געזעצגעבענדע רעגולירונג פון די שטונדען און אנדערע ארבייט-באַדינגונגען אין זייער אינדוסטריע. אין 1867 האָט אַ דעלעגאַטען-פאַרזאַמלונג פון די לאַנקאַשייר טעקסטיל-ארבייטער, אונטער דעם פאָרזיץ פון רעווערענד דזש. ר. סטעפענס, באַשלאָסען „צו אַגיטירן פאַר אַ געזעץ, וואָס זאָל איינפיהרן אַן 8 שטונדען ארבייטס-טאָג אין אַלע פאַבריקען, אַ חוץ עס-צייט פאַר דערוואַקסענע, פרויען און יונגע פערזאָנען; און אַז דער דאָזיגער 8 שטונדען געזעץ זאָל זיין געבויט אויף'ן גרונט פון אַ באַשרענקונג פון דער באַוועג-קראַפט” פון פאַבריק. אין 1871-72, ווען עס איז געוואָרן אַ פאַרגרעסערונג אין די געשעפטען פון דעם פאַך און די טרייד-יוניאָן כחות האָבען אויפגעלעבט, האָט מען זיך וויעדער גענומען פאַר אָט דער טאַקטיק. די אָלדהאַם שפּינער האָבען אין 1871 פּאַקטיש זיך געפּרובט איינפיהרן אַ „שבת ביז 12 אזייגער” דורך אַ שטרייק. אָבער ווען די פּראָבע איז ניט געלונגען, זיינען די דעלעגאַטען פון די פאַרשיידענע לאָקאַלע פאַראיינען, פון די שפּינער און די וועבער, — געוועהנליך די באַאַמטע פון די פאַכען — זיך צוזאַמענגעקומען און האָבען געגרינדעט, דעם 7טען יאַנואַר, 1872, די „פאַבריק-געזעצען רעפאָרם אַסאָציאַציע” מיט דעם צוועק דורכצופיהרן אַן אַמענדמענט צו דעם געזעץ, וואָס זאָל פאַרקירצען די ארבייטס-שטונדען פון 60 אויף 54 אַ וואָך.

די פּאַרלאַמענטאַרע פּאָליטיק פון די דאָזיגע קלוגע טאַקטיקער באַווייזט אַן איבעריגען מאָל דעם פּראַקטישען אָפּאָרטוניזם פון דעם ענגלישען טרייד-יוניאָניסט. די באַוועל-יוניאָן באַאַמטע זיינען אין 1872 געווען דאַגעגען אַז אָפענער פאַראייניגונג מיט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון דעם טריידס-יוניאָן קאָנגרעס, וועלכער איז גראָד דאַמאָלסט געווען פאַרטאָן מיט זיין היציגער אַגיטאַציע פאַר אַ צוריקרוף פון דעם „קרימינאַל לאָו אַמענדמאַנט אַקט”. דער רעפּאָרט פון קאָנגרעס שרייבט אָהן כעס, אַז „איינינע מיטגליעדער פון דעם קירצערע-צייט קאָמיטעט האָבען געהאַלטען, אַז אפילו מיטאַרבייטען מיט דעם קאָנגרעס-קאָמיטעט וואָלט גיכער געווען שעדליך איידער ניצליך... אַזוי ווי לאָרד שאַפטסבורי און אנדערע האָבען דערקלערט, אַז זיי וואָל-

טען ניט אונטערשטיצט א געזעץ, וואָס איז פּראָיעקטירט געוואָרן אין די אינטערעסען פון די טרייד יוניאָנען". וואָס איז שייך דעם פּובליקום און דעם „האוז אָוו קאמאָנס", איז דער געזעץ־פּראָיעקט, ווי מען דערצעהלט אונז, טאקע „געבויט געוואָרן אויף גאנץ אנ־דערע גרונטען". די פּונקטען פון דעם געזעץ, ווי די פּונקטען פון דעם 10־שטונדיגען געזעץ, איז פון אויבען־אויף געוועזן באַ־שרענקט אויף פרויען און קינדער, און אזעלכע פילאנטראָפּען ווי לאָרד שאַפטסבורי און סאַמועל מארלעי זיינען צוגעצויגען געוואָרן צו שטיצען די טרייד־יוניאָן פאַרקעמפער ווי טאָמאס יוהז און א. דזש. מונדעלאַ. עס איז אָבער קוים נויטיג צו זאָגען, אז די פעהיגע פיהרער פון די לאנקאשייר באוועל־ארבייטער האָבען ניט פאר־ביטען די מעטאָדע פון אגרעסיווע שטרייקס פון זייער „קירצערע צייט באוועגונג" אויף א פּאַרלאמענטארישע אגיטאציע אויסשליס־ליך אָדער הויפּטזעכליך צוליעב די פרויען און קינדער ארבייטער. אין די פּריוואטע פאַרהאנדלונגען פון דער „פעקטאָרי אַקטס רע־פאָרם אַסאָסיאיישאָן" ווערט גאַרניט דערמאָנט וועגען דער לאגע פון די פרויען און קינדער, נאָר אומעטום שטעלט זיך ארויס די פאָדערונג פון די דערוואקסענע מענער שפּינער פאר א קירצערן טאָג. און אין דעם צירקולאר „צו די פאבריק־ארבייטער", וואָס האָט איינגערופען די ערשטע פאַרזאמלונג פון דער אַסאָציאציע, געפינען מיר ווי דער סעקרעטער פון די שפּינער באקעמפּט די פאלשע מיינונג, אז „אירגענד וועלכע אריינמישונג מצד דעם גע־זעץ אין די עסקים פון דער ארבייט פון דערוואקסענע מענער איז אַן עקאָנאָמישער טעות", און פּאָדערט „די איינפיהרונג פון א געזעץ, וואָס זאָל דערהויפּט פאַרקירצען די שטונדען פון פאַב־ריק־ארבייט", כדי אז די מיטגליעדער פון זיין יוניאָן, וועלכע זיינען אויסשליסליך געוועזן דערוואקסענע מענער, זאָלען קאָנען געניסען „די 9 שטונדען א טאָג אָדער 54 שטונדען א וואָך, וואָס זיינען אזוי פריי באוויליגט געוואָרן פאר אנדערע ארבייטער צוויי־גען". עס איז אָבער ניט געווען נויטיג און ניט פּראקטיש ארויס צוגעהן עפענטליך אויף אָט דעם וועג. די ערפאַהרונג פון א דור צייט האָט געלערנט די לאנקאשייר ארבייטער, אז א ווירקליכע באגרעניצונג פון דעם ארבייטס־טאָג פאר פרויען און קינדער וועט

מוזען מיט זיך ברענגען א גלייכמעסיגע פארקירצונג פון די אר־בייט־שטונדען פון די מענער, וואס ארבייטען מיט זיי צוזאמען. און אין דעם צושטאנד ווי דער פארלאמענט האט געפיהלט אין 1872, און אפילו ווי די ארבייטער אין אנדערע פאכען האבען געפיהלט, וואלט געווען פונקט אזוי אוממעגליך, ווי עס איז געווען אין דעם יאהר 1847, צו באקומען אן אפענע באשרענקונג פון דער ארבייטס־צייט פון דערוואקסענע מענער.

דער געזעץ פראיעקט פאר קירצערע צייט איז דעריבער אזוי פארפאסט געווארן, אז ער זאל זיך באציהען אין אויסדריקליכע פארמען בלויז אויף פרויען און קינדער, וועמעס ליידען אונטער דעם איינפיהר פון א 10 שטונדיגען טאג איז אזוי שטארק באַשריבען געווארן אויף דער פלאטפארם און אין דער פרעסע. די שלאכט איז פאקטיש „אנגעפיהרט געווארן", ווי איינער פון די הויפט־קעמפער האט דערקלערט¹, „הינטער די ווייבערשע קלייד־לאך". אבער ווי בראדהווירסט האט שפעטער אנגעוויזען, אז א טייל פון דער איראניע פון דער לאגע איז געווען, וואס דער געזעץ־פראיעקט „האט זיך אנגעשטויסען אויף א גרויסער אפאזיציע פון די פרויען־ארגאניזאציעס" ; און דער פאקט איז געווען, אז פראפ. פאסעט האט אויף דער סעסיע פון 1873 געמאכט צום פארשלאג, מען זאל פארווארפען דעם פראיעקט אויסדריקליך אין די אינטע־רעסען פון די פרויען־ארבייטער. דער פראיעקט, אפילו ווי ער איז געווען באשרענקט אויף פרויען און קינדער, האט ארויסגערו־פען א מורא'דיגען ווידערשטאנד מצד די פאבריקאנטען און קאפי־טאליסטען פון אלע אינדוסטריען. די מיינונגען אין פארלאמענט זיינען ניט געווען גענייגט ארויפצולעגען נייע באשרענקונגען אויף דער פרייהייט פון די בעלי בתים. דער דאמאלסדיגער מיניסטעריום

¹ טאמאס אשטאן (געשטארבען אין 1919), וועלכער איז דאמאלסט געווען דער סעקרעטער פון די שפינער, האט אפט געמאכט די דאזיגע באהויפטונג. אין מאי, 1893, האט די „קאטאן פעקטארי טיימס", די ארבייטער'ס ארגאן, דערקלערט בשייכות צו דער 8 שטונדען באוועגונג: „איצטער כוז די מאסקע ארונטערגענומען ווערן און די אגיטאציע דארף אנגעפיהרט ווערן אונטער איהר אמת'ן פנים. די פרויען און קינדער טארן מעהר ניט דיענען ווי אן אויסרייד, כדי צו געווינען א פארקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען פאר מענער".

פון אינערע אַנגעלעגענהייטען האָט דעם פּראָיעקט ניט געשטיצט. דער געזעץ־פּראָיעקט איז אריינגעבראַכט געוואָרן אין 1872 און ווידער אין 1873, האָט זיך ניט גערוקט פון אָרט. לסוף, אין 1873, האָט די רעגיערונג פאַרפעקעלט די גאַנצע פראַגע דערמיט, וואָס זי האָט באַשטימט אַ קעניגליכע קאָמיסיע אויסצופאָרשען ווי אַזוי די פאַבריק־געזעצען אַרבייטען. אָבער דאָ האָבען זיך גראָד אונטערגערוקט די אַלגעמיינע וואהלען; אַ „פאַבריק 9־שטונדען פּראָיעקט פאַר פרויען און קינדער" איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דעם פאַרלאַמענטאַרישען פּראָגראַם און איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף די קאַנדידאַטען דורך דער גאַנצער טרייד־יוניאָן וועלט.

מיר האָבען שוין פריהער אָנגעצייגט, ווי אויפמערקזאַם די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט זיך דאַמאָלסט צוגעהערט צו די טרייד־יוניאָן פאָדערונגען. עס איז דעריבער קיין איבערראַשונג ניט, וואָס מר. קראָסס, דער מיניסטער פון אינערן, האָט דערקלערט, בעת מונדעלאַ האָט ווידער אַריינגעבראַכט דעם פּראָיעקט אין דעם נייעם פאַרלאַמענט, אַז די רעגירונג וועט פאָרברענגען איהרען אַן אייגענעם פּראָיעקט. דער פאַקט, וואָס דער רעגירונג'ס פּראָ־יעקט האָט געטראָגען דעם שעהן־קלינגענדען נאָמען „דער פאַב־ריקען (די געזונדהייט פון פרויען א. אז. וו.) געזעץ־פּראָיעקט", האָט ניט ווייכער געמאַכט די געגנער פון אַ קירצערן פאַבריק־טאָג; צו דער גרויסער צופרידענהייט אָבער פון די שפינער, איז די דאָ־זיגע אָפּאָזיציע ניט געווען ערפאָלגרייך; און אויב ניט קיין 9 שטונדען־טאָג, איז יעדענפאַלס אַ 56 און אַ האַלב שטונדיגע וואָך געוואָרן אַ געזעץ. אָט דער קורצער און ערפאָלגרייכער וואהל־קאַמף האָט געבראַכט די באַוועל־אַרבייטער אין אַ נאָהענ־טער באַריהרונג מיט די לאָנדאָנער פיהרער; און די לאַנקאַשייר פּאַרטעטער האָבען פון יאָהר 1875 אָן אויסגעאיבט אַ וויכטיגען איינפלוס אין דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס און זיין פאַרלאַמענטאַ־רישען קאָמיטעט. פון דאַן־אָן זיינען ספּעציעלע אַמענדמענטס פון די פאַבריק־געזעצען און פאָדערונגען פאַר מעהר ווירקזאַמקייט אין זייער דורכפיהרונג כמעט געוואָרן שטענדיגע פונקטען אין דעם אָפיציעלען טרייד יוניאָן פּראָגראַם.

דאָ קאָן מען ציהען אַן אינטערעסאַנטען פּאַראַלעל צווישען די באַוועל־ארבייטער פון איין זייט און די קויהלען־גרעבער פון דער אַנדער זייט. אויסערליך באַטראַכט האָבען דאַכט זיך קיינע אַנדערע צוויי באַשעפטיגונגען ניט געקאָנט זיין מעהר פאַרשיידען. פונדעסטוועגען, אָהן קיין געמיינשאַפטליכקייט אין זייערע אינ־טערעסען, אָהן אָפיציעלע פאַרבינדונגען און אָהן וועלכער עס איז באַוויזבאַרער נאָכאהמונג, ציינען אַרויס די אָרגאַניזאַציעס פון די ביידע פאַכען אַ מערקווירדיגע עהנליכקייט איינע צו די אַנדערע אין זייער געשיכטע, און ענטוויקלונג פון זייער געבוי און אין די שטריכען פון זייער פּאָליטיק, מעטאָדע און ציעלען. אַ סך פון זייערע עהנליכקייטען האָבען געקאָנט אַרויסקומען פון דער מערק־ווירדיגער לאָקאַלער צונויפזאַמלונג אין ספּעציעלע געגענדען, וואָס איז געמיינשאַפטליך פאַר ביידע אינדוסטריען. פון אַזעלכע לאָ־קאַלע צונויפזאַמלונגען קומען אפשר אַרויס די מעגליכקייטען פון אַ שטאַרקער פעדעראַציע, וואָס זאָל קאָנען עקזיסטירן אָהן אַ צענטראַליזירטער קאַסע, און פון אַ באַשטענדיגען פאַך־פאַראיין, וואָס זאָל זיך האַלטען אָהן די אונטערשטיצונגען פון אַ הילפס־פאַראיין. נאָך אַן עהנליכקייט קאָן מען זעהן אין דעם, וואָס אין די ביידע פאַלען איז געשאַפען געוואָרן אַ ספּעציעלער קלאַס פון טרייד יוניאָן באַאמטע, וועלכער איז געווען אַ סך גרעסער לפי ערך צו דער צאָהל מיטגליעדער, ווי דאָס קומט פאָר געוועהנליך אין די מאַשינערײ־ און בוי־פאַכען. אבער די באַמערקליכסטע און אפשר די וויכטיגסטע פון אָט די עהנליכקייטען איז די שטאַנדהאַפטיג־קייט, מיט וועלכער אי די קויהלען־גרעבער, אי די באַוועל־ארביי־טער האָבען זיך געהאַלטען אָן דער אידעע פון באַשיצען דעם לעבענס־שטאַנד דורך דער געזעצגעבונג אלס דעם לייטענדען פּרינציפּ פון זייער טרייד יוניאָניזם.

אין דער צייט, וואָס אָט די וויכטיגע דיוויזיעס פון דער טרייד יוניאָן־ארמיי האָבען געציעלט זיך צו דערוואַרבען לעגיסלאַטיווע באַשיצונג, האָבען די זיעגען אויף אַנאַנדער פעלד געפיהרט גאַנצע סעקציעס פון טרייד יוניאָניסטען צו אַ גאַנץ אַנדער שלום. די טרפאַלגרייכע 9 שטונדען באַוועגונג פון די יאָהרען 1871-72 — די פאַרקירצונג פון די ארבייט־שטונדען אין די מאַשינערײ־ און

בוי־פאַכען דורך קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען — האָט זיך גע־קאָנט פאַרגלייכען מיט די לעגיסלאַטיווע טריאומפען פון די קויהלען־גרעבער און די באַוועל־ארבייטער.

זינט די גרויסע שטרייקען צווישען די לאָנדאָנער בוי־ארבייטער אין 1859-61 האָט די באַוועגונג פאַר דער פאַרקירצע־רונג פון די ארבייטס־שטונדען אָנגעהאַלטען, הגם שוואַך, אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד. די מויערער, די סטאָליאַרעס און אַנדערע בוי־ארבייטער האָבען אין פיעלע שטעדט, נאָך אַ שטאַר־קערן אָדער שוואַכערן קאַמף, זיך דערשלאָגען צו דאָס, וואָס האָט געהייסען דער ניין־שטונדען טאָג. אין 1866 האָט זיך צווישען די מאַשיניסטען פון טיינסייד אָנגעפאַנגען אַן אַגיטאַציע פאַר אַן עהנליכער הנחה, אָבער די פלוצלונג געקומענע עקאָנאָמישע גע־דריקטקייט האָט געמאַכט אַ סוף צום פּלאַן פון די ארבייטער. אין 1870, ווען די זאַך איז פאַרהאַנדעלט געוואָרן אין דעם „צענטראַ־לען באַצירק קאָמיטעט" פון די „פאַראייניגטע מאַשיניסטען" אין ניוקעסל, איז דער גייסט פון פאַרזיכטיגקייט נאָך געוועזען צו שטאַרק און קיין באַשלוס איז ניט געמאַכט געוואָרן. פּלוצלונג, אין אָנפאַנג פון 1871, האָבען די סודערלאַנדער ארבייטער אויפ־גענומען די פראַגע און זיינען דעם ערשטען אַפּריל ארויס אין סטרייק. נאָך אַ פיער־וואָכענדיגען קאַמף, כמעט נאָך איידער די מאַשיניסטען אין אַנדערע ערטער האָבען צייט געהאַט איינ־צוזעהן, אַז עס איז דאָ אַ וועלכע עס איז מעגליכקייט פאַר אַן ערפאָלג, האָבען די דאָרטיגע ארבייטסגעבער זיך אונטערגעגעבען און דער ניין־שטונדען־טאָג איז געוואונען געוואָרן.

עס איז געוועזען קלאָר, אַז די סודערלאַנדער באַוועגונג מוז זיך פאַרשפּרייטען אין די צענטרען פון מאַשין־ארבייט אין דעם געגענד ארום, און די מייסטער אינזשענירען פון דעם גאַנצען צפון־מזרח באַצירק האָבען תיכף דעם אַכטען אַפּריל, זיך פאַרזאַמעלט אין ניוקעסל צו אָרגאַניזירען אַ פאַראייניגטען ווידערשטאַנד געגען די פאָדערונגען פון זייערע ארבייטער. די ארבייטער האָבען, ער־שטענס, געמוזט שאַפען זייערע אָרגאַניזאַציעס. הגם ניוקעסל איז זינט דאַמאָלסט געוואָרן איינער פון די בעסטע צענטרען פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטער באַוועגונג, האָט אָבער די „פאַראייניגטע

געזעלשאפט פון מאשיניסטען” אין 1871 געצעהלט אין יענער שטאָדט בלויז פינף אָדער זעקס הונדערט מיטגליעדער. די קעסעל ארבייטער, די דאמף־מאשינען ארבייטער און די אייזענגיסער זיינען אויך געווען שוואך און אפשר צוויי פון יעדע דריי ארבייטער אין דעם מאשיניסטען פאך האָבען צו קיין טרייד יוניאָן ניט באלאנגט. מען האָט דעריבער געשאפען א „נײן־שטונדען־ליעג”, וואָס האָט אריינגענומען, אָהן אונטערשייד, מיטגליעדער און ניט־מיטגליעדער פון טרייד יוניאָנען, פאר דעם ספעציעלען צוועק פון דער אגיטאציע, און די קערפערשאפט האָט געהאט דעם גוטען מזל צו דערוועהלען אלס איהר פאָרזיצענדען דזשאהן בוירנעט,[1] א פיהרענדען מיטגליעד פון דער אָרטיגער אָפטיילונג פון דער „אמאלגאמירטער געזעלשאפט”, וועלכער איז שפעטער געוואָרן ווייט באוואוסט אלס דער גענעראל סעקרעטאר פון יענער גרויסער אָרגאניזאציע. די „נײן־שטונדען ליעג” איז געוואָרן אין דער ווירקליכקייט, הגם ניט אין נאָמען, א צייטווייליגע טרייד יוניאָן, איהר קאָמיטעט האָט געפיהרט אלע אונטערהאנדלונגען אין דעם נאָמען פון די ארבייטער, האָט זיך געווענדעט צו דער אָרגאניזירטער ארבייטערשאפט מיט אויפרופען צו שטיצען זיי מיט געלד־בײשטייערונגען און האָט פארוואלטעט מיט אלע פרטים פון דעם ארויסגעקומענעם קאמף.

[1] דזשאהן בוירנעט, געבאָרען אין אלנוויק, נאָרטהומבערלאנד, אין 1842, איז נאָך דעם נײן־שטונדען סטרייק געוואָרן א לעקטאָר פאר דער „נאציאָנאלער דערציהונגס ליעגע” און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער רעדאקציע פון דער „ניוקעסל קראָניקל”. אין 1875, נאָך אללען׳ס טויט, איז ער דערוועהלט געוואָרן אלס גענעראל סעקרעטאר פון דער „פאראייניגטער מאשיניסטען געזעלשאפט”. אין 1886 איז ער באשטימט געוואָרן צום נײ־געשאפענעם אמט פון ארבייטער קאָרעספאָנדענט פון דעם האנדעלס מיניסטעריום (באָארד אָוו טרייד) און אלס אזעלכער האָט ער צוגעגרייט און פארעפענטליכט א רייהע באריכטען וועגען טרייד יוניאָנס און סטרייקען. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ארבייטער דעפּארטמענט, אין 1893, איז ער געוואָרן הויפט ארבייטער קאָרעספאָנדענט אונטער דעם ארבייטס מיניסטער און איז באשטימט געוואָרן צו באזוכען די פאראייניגטע שטאאטען צו צוגרייטען א באריכט וועגען דער ווירקונג פון דער אידישער אימיגראציע.

דער פינף מאָנאַטענדיגער שטרייק, וואָס האָט געפיהרט צו אַ באַדייטפולען זיעג פאַר די אַרבייטער, איז אין מעהר ווי איין הינזיכט געווען אַ מערקווירדיגע פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. דער דערפאָלג, מיט וועלכען עטליכע טויזענד ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער, ניט באַזאָרגט מיט קיינע אָנגעזאַמעלטע פאָנדען, זיינען געפיהרט געוואָרן אין קאַמף און זיינען דיסציפּלינירט געוואָרן, און די פעהיגקייט, וואָס איז אַרויסגעצייגט געוואָרן אין דער גאַנצער פאַרוואַלטונג פון דעם סכסוך, האָט דעם נאָמען פון זייער פיהרער באַריהמט געמאַכט אומעטום אין דער אַרבייטער וועלט. די טאַקטישע געשיקטקייט און די ליטעראַרישע קראַפט, מיט וועלכע דער צד פון די אַרבייטער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן, האָט געבראַכט צו דעם אומפּאַסירטען רעזולטאַט, אַז די „טיימז״[1] און דער „ספּעקטאַטאָר״ האָבען געשטיצט די פאָדערונגען פון די שטרייקערס. לכתחילה זיינען געלד בייִשטייערונגען אַריינגעקומען פּאַמעלאַך, אָבער נאָך דריי מאָנאַטען

---

[1] זעה דעם לייט־אַרטיקעל אין דער „טיימז״ פון דעם עלפטען סעפּטעמבער, 1871. דער דאָזיגער לייט־אַרטיקעל, וואָס האָט דערקלעהרט „די אויפפיהרונג פון די באַלעבאַטים דורך דעם גאַנצען סכסוך אַלס ניט קלוג און געגען זייערע אייגענע פּאָליטישע אינטערעסען״, האָט אַרויסגערופען אַ צואַווילדעוועטע תשובה פון סער ווילליאַם (שפּעטער לאָרד) אַרמסטראָנג, וועלכער האָט געשריבען אין דעם נאָמען פון די „פּריוואַטע אַרבייטס־געבער״. „מיר זיינען דערשטוינט, — שרייבט דער גרויסער אינדוסטריע־קאַפּיטאַן, — צו זעהן ווי מיר ווערן באַשריבען אין אייער אַרטיקעל אַלס אין אַ האָפנונגסלאָזע שווערער לאַגע; און מיר האָבען ווירקליך געפיהלט אַז ווען די „ליגע״ גופא וואָלט געהאַט די מאַכט צו אינספּירירן יענעם אַרטיקעל, וואָלטען זיי קוים געקענט ברויכען ווערטער מעהר אויסגערעכענט צו דיענען זייערע צוועקען, איידער די, מיט וועלכע איהר דריקט זיך אויס. דאָס וואָס עס איז אין דער זעלבער צייט דערשיינען אַן אַרטיקעל אין דעם „ספּעקטאַטאָר״, וואָס צייגט אַרום די זעלבע פיינדליכע האַלטונג, מאַכט אונזער דערשטוינונג נאָך גרעסער. מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַן אַנטשלאָסענער פאַרזוך אַרויסצורייסען הנחות פון די אַרבייטס־געבער מיט דער מאַכט בלויז פון אַ יד־אחת איז ניט פון די זאַכען, וואָס זאָלען אויסנעמען ביי די מעהר געבילדעטע און אינטעליגענטע קלאַסען, וועמעס איבערצייגונגען ווערן בכלל אויסגעדריקט אין די שפּאַלטען פון דער „טיימז״.

האָבען זיי אריינגעשטראָמט פון אלע זייטען. דזשאָזעף קאלען, פון דער „נויקעסל דעילי קראָניקל", האָט פון אָנפאנג אָן היים גע־שטיצט די אַרבייטער און האָט זיי אין פיעלע וועגען געהאָלפען. די באַלעבאַטים אין אַלע טיילען פון לאַנד זיינען געוואָרן צוטומעלט און האָבען געמאכט אַ שטייער פון איין שילינג פאַר יעדען באַשעפטיגטען ארבייטער אויף יעדער אינזשעניעריע פירמע צו העלפען דעקען די שווערע אויסגאַבען פון די מייסטערס אין ניוקעסל. טראָץ דער טעטיגער ארבייט פון דעם „אינטערנאציאָ־נאַל", זיינען איפּאָרטירט געוואָרן עטליכע הונדערט ארבייטער פון אויסלאַנד, אבער פיעלע פון זיי זיינען שפּעטער איבערגערעדט געוואָרן צו פאַרלאָזען די ארבייט.[1] אַמענדע האָבען די באַלעבאַ־טים נאָכגעגעבען די הויפּט פאָדערונגען פון די אַרבייטער און פיער און פופציג שטונדען איז געוואָרן די אַנערקענטע אַרבייטס־וואָך אין אַלע אָרטיגע אינזשעניערריי פאַכען.

דער ווייט באַקאַנט געוואָרענער ערפאָלג פון דעם שטרייק אין אַ צייט, ווען דער אינדוסטריעלער צושטאַנד אין לאַנד האָט זיך געבעסערט, האָט פיעל פאַרשטאַרקט די באַוועגונג פאַר אַ נייַן־שטונדען־טאָג. פון איין עק לאַנד ביז דעם צווייטען האָט מען אין יעדען קליינעם לאָקאַל פון די טרייד יוניאָנען פאַרהאַנדעלט וועגען דער ראַטזאַמקייט פון אריינשיקען די באַלעבאַטים פאָדערונגען. די מאַשין־אַרבייטער פאַכען פון לאָנדאָן, מאַנטשעסטער און פון אַנדערע גרויסע צענטרען האָבען געצוואונגען די אַרבייטסגעבער נאָכצוגעבען זייערע פאָדערונגען אָהן שטרייקען. די גרויסע אַר־מיי ארבייטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די שיפּבוי פּלעצער אויף דעם קלאַיד, האָבען אויסגעפיהרט נאָך מעהר; זיי האָבען נע'פּועל'ט ביי די באַלעבאַטים, אז די אַרבייטס־וואָך זאָל באַשטעהן

[1] אין דעם פאַל האָט דער „אינטערנאַציאָנאַל" געבראַכט נוצען. דער הער קאָהן, דער סעקרעטאַר פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" פאַר דענמאַרק אין לאָנדאָן, האָט אויף דעם פאָרשלאַג פון בוירנעט באַזוכט די קאָנ־טינענטאַלע לענדער כדי אָבצוהאַלטען די דאָרטיגע אַרבייטער פון אי־מיגרירען קיין ענגלאַנד צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די סטרייקערס. קאָהנ'ס הוצאות זיינען באַצאָהלט געוואָרן פון דער „אַמאַלגאַמירטער גע־זעלשאַפט פון מאַשיניסטען".

פון איין און פופציג שטונדען. די בוי־ארבייטער האָבען שנעל נאָכגעפאָלגט דעם ביישפיעל. די אָרטיגע באַאמטע פון די סטאָ־ליארעס, מויערער, לייטונג־ארבייטער און אנדערע ארגאניזאציעס האָבען איבערגעגעבען די באַלעבאַטים פאָדערונגען וועגען דער פאַר־קירצונג פון דעם ארבייטס טאָג און אַ העכערונג פון די שכירות פער שטונדע. אין פיעלע פעלע האָבען די פיהרערשאַפט מיט דער באַוועגונג איבערגענומען ארבייטער, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס צו קיין ארבייטער פאַרבאַנדען ניט באַלאַנגט. מען האָט אָבער שנעל אויסגעפונען, אַז דער באַלדיגער ערפאָלג פון די פאָדערונגען ווענדעט זיך אָן דעם, וואָס די ארבייטס־געבער דענקען וועגען די געלד־אויסזיכטען פון די ארבייטער; וועגען דער מעגליכקייט צוריקצו־האַלטען זייער ארבייט לאַנג גענוג אום אוועקצושטעלען די געשעפ־טען פון זייערע באַלעבאַטים אין אַ שלעכטער לאַגע. ווען די ארבייטסגעבער זיינען געווען זיכער, אַז די ארבייטער וועלען קענען אַזאַ צייט אויסהאַלטען, פלעגען זיי געוועהנליך נאָכגעבען אָהן אַ קאַמף. די ערפאָלגען האָבען דעריבער פיעל געהאָלפען צו שאַפען אין די באַריהמטע אינדוסטריען אַ שטאַרקערע נייגונג צו אָרגאַניזאציאָן און צו קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען אַלס אַ מיטעל פאַר דער פאַרבעסערונג פון די ארבייטס באַדינגונגען. די כסדר אָנ־האַלטענדע איבער־דער־צייט־ארבייט („אָווערטיימ"), וואָס האָט זינט דאַמאָלס זיך ארויסגעצייגט אַלס אַ שטאַרקע צושטערונג פון די פאַרבעסערונגען, וואָס די ניין־שטונדען באַוועגונג האָט גע־בראַכט, האָבען אָדער די פיהרער אין זייער באַגייסטערונג פאַרזעהן, אָדער איינצעלנע ארבייטער האָבען אין הארצען עס פאַרלאַנגט אַלס אַ געלעגענהייט צו ארבייטען פאַר געהעכערטע שכירות.[1] אויסער דעם איז עס געווען אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז דער מע־כאַניקער, וועלכער איז געווען באַשעפטיגט אכטונג צו געבען אויף

---

[1] וועגען איבער־דער־צייט־ארבייט דערצעהלט אונז דער חער בוירנעט, אַז „עס איז געווען אוממעגליך אין דער צייט פון דעם סטרייק פון 1871 איינצופיהרן אַ ווירקליכען ניין־שטונדיגען ארבייטס־טאָג און אַז די אַרבייטס־געבער האָבען געפאָדערט, אַלס די ערשטע באַדינגונג ביים ענדיגען דעם סכסוך, אַז איבער־דער־צייט־אַרבייט, ווען נויטיג, זאָל אָנ־האַלטען".

דער מאשינעריי אין די וועב־פאבריקען, איז געווען דער איינציגער מיטגליעדער פון זיין פאך, וועמען די פארקירצונג פון די ארבייטס שטונדען פאר זיינע מיט־פאכמענשען האט קיינע נוצען ניט געבראכט; די אוממעגליכקייט פאר איהם צו דערשלאגען זיך צו א קירצערן ארבייטס־טאג איז געווען איינער פון די רעזולטאטען פון די עקזיסטירענדע געזעצליכע באגרענצונגען. אזוי איז עס אויסגעקומען, אז בשעת די וועבער און די קויהלען־גרעבער האבען, ווי מיר האבען געזעהן, ארויסגעצייגט א שטארקע נייגונג וואס ווייטער אלץ מעהר צו זוכען שוץ פאר זייער „לעבענס־מצב" דורך פארלאמענטארישער געזעצגעבונג, האבען די פאקטען, ווי דער ארגאניזירטער מאשיניסט אדער סטאליער האט זיי געזעהן, געטריבען די ארבייטער פון די דאזיגע פאכען צו שלוסען, וואס זיינען גראד דער היפוך.

אבער הגם דער ערפאלג פון דער ניין־שטונדען באוועגונג האט פארשטארקט דעם גלויבען אין טרייד יוניאנען און אין קאלעקטיווע פארהאנדלונגען, האבען די נצחונות פון די ארבייטער ניט גרעסער געמאכט דעם פרעסטיזש פון די צוויי גרויסע אמאלגאמירטע געזעלשאפטען. די וואקסענדע אנהענגערשאפט פון דער „יונטא" צו די עקאנאמישע אידעען פון זייערע פריינד פון דעם מיטעל־קלאס האט זיך ארויסגעצייגט דורך דעם, וואס אללען, אפעלגארטה און גאיל האבען שטילערהייט אינגאנצען פארלאזען די פיהרער־שאפט אין פאך פראגען. שוין אין דעם יאהר 1865 האט דער פארוואלטונגס־ראט פון די אמאלגאמירטע מאשיניסטען דער־קלעהרט, אז הגם זיי סימפאטיזירן מיט אגרעסיווע פארבעסע־רונגס באוועגונגען, פיהלען זיי אבער, אז זיי קאנען זיי ניט שטי־צען מיט ביישטייערונגען פון די פאנדען אדער דורך ראטען זיי־ערע מיטגליעדער צו שטימען פאר א ספעציעלען איינצאהל פאר זיי. די „צוריקגעשטאנענקייט פון דעם ראט פון די מאשיניס־טען" האט כסדר ארויסגערופען בייזע קריטיק. מען האט גע־טענה'ט, אז די הויפט שטערונג צו פארבעסערונגען זיינען דאנ־טער, דער פרעזידענט פון דעם ראט, און דער גענעראל סעקרעטאר, וועמעס מחות זיינען שמאל געווארן „דורך דער רוטינער פיעל־יאהריגער ארבייט אין באשטימטע גרענעצען . . . קיינמאל, זינט

די אמאַלגאַמירונג איז פאָרגעקומען, האָט די „געזעלשאַפט" ניט געפונען קיין לייזונג אפילו פאר איין סאָציאַלען פראבלעם; זי האָט אויך יעצט ניט קיין אידעע ווי צו מאַכען פאָרשריט אין דער צוקונפט. איהר געלד האָט זי מיט שלעכטע אויסגערעכענטקייט אריינגעלייגט אין זאַכען, וואָס האָבען ניט געבראַכט קיין פראָפיטען, — הגם זי האָט עס געטאָן מיט קמצנ'ישער פאָרזיכטיגקייט, — און די מיטגליעדער פון איהרע ראַטען צייכענען זיך אויס מיט דער גאַנצער קאַלטער גלייכגילטיגקייט פון אן איבערגעלעבטער מיסיאָן". די אַרבייטער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעצייגט אַלס די גרעסטע זינט דעם יאָהר 1852, האָט זיך אָנגעפאַנגען טראָץ דער אָפיציעלער געגנערשאַפט פון דער פאַרוואַלטענדער קערפערשאַפט, און איז דערפיהרט געוואָרן צו אן ערפאָלגרייכען אויסגאַנג ניט ווערנדיג באַזאָרגט פון דעם צענטער מיט קיינע פיהרער אָדער מיט השגחה. הגם דער „ניין שטונדען שטרייק" האָט זיך אין סאָנדערלענד פאַקטיש אָנגעפאַנגען דעם ערשטען אפריל, 1871, האָט אָבער דער פאַרוואַלטונגס־ראַט אין לאָנדאָן פאַרשוויגען די אַנגעלעגענהייט ביז יולי. צו ענדע פון יענעם מאָנאַט, ווען די אַרבייטער פון ניוקעסל האָבען שוין אָפּגעשטרייקט זיעבען וואָכען, איז אַרויס אן אויפרוף צו די לאָקאַלען, אַז זיי זאָלען זאַמלען פרייוויליגע ביישטייערונגען פאר זייערע קעמפענדע ברידער. אַמענדע, אין סעפּטעמבער, איז דורך אן אָפּשטימונג פון די לאָקאַלען וויעדער עטאַבלירט געוואָרן דער „צופעליגער פאָנד", פון וועלכען מען האָט געמאַכט שטרייק־צאָהלונגען, און פערצעהן וואָכען נאָכדעם, ווי דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט די קליינע מינדערהייט פון די שטרייקענדע אַרבייטער, וועלכע זיינען געוועזן מיטגליעדער פון דער „געזעלשאַפט", באַקומען אַ שטרייק־אויסצאָהל פון פינף שילינגען אַ וואָך חוץ דער געוועהנליכער אַרבייטסלאָזיגקייט אויסצאָהלונג. אַ שליח איז געשיקט געוואָרן אויף די הוצאות פון דער געזעלשאַפט אין די קאָנטינענטאַלע לענדער צו צושטערען דעם פאַרזוך פון די באַלעבאַטים אַריבערצוברענגען אויסלענדישע מאַשיניסטען; אָבער מיט דעם איינציגען אויסנאַהם זיינען אַלע הוצאות פון דעם קאַמף געדעקט געוואָרען פון די ביישטייערונגען,

וואס די „ניין שטונדען ליגע" האט געזאמעלט.[1] און ווען מיר ווענדען זיך אפ פאר א ווײלע פון דער „אמאלגאמירטער מאשי־ניסטען געזעלשאפט" צו די אנדערע גרויסע פאכען־ און אונטער־שטיצונגס געזעלשאפטען פון יענער צייט איז לייכט צו באמערקען פון די פראטאקאלען פון זייערע לאקאלען, אז דארט האט געווירקט די זעלבע טענדענץ. ביי די מויערער אדער ביי די שניידער, ביי די אייזענגיסער אדער ביי די סטאליארעס, ביי זיי אלעמען בא־מערקען מיר דעם זעלבען פארלאזען פון דער צענטראלער עקזע־קוטיווע פון יעטווידער פרינציפ, וואס זאל באהערשען די טאקטיק פון דעם פאך, די זעלבע אבוועזענהייט פון איניציאטי־ווע אין פאך באוועגונגען, און דעם זעלבען מעהר אדער ווייניגער פאר'עקשנ'טען קאמף צו מאכען א סוף צו דער פאך טעטיגקייט פון די לאקאלען. אין דער „אמאלגאמירטער געזעלשאפט פון סטא־ליארעס", למשל, באגעגענען מיר ניט אין דעם משך פון יענע יאהרען קיין פארזוך פון דעם צענטער אויסצוגלייכען און אוועק־צושטעלען אויף איין הויך די שכירות פון די נידעריג־באצאהלטע געגענדען, אדער צו פרובירען זיך געפינען אן אויסוועג פאר די פראב־לעמען פון איבער־צייט־ארבייט און שטיק־ארבייט. מיר באמער־קען, פארקעהרט, ווי די לאקאלען פארטיידיגען זיך פאר דער פאר־וואלטונג פאר דער ביסעל ארטיגע טעטיגקייט וואס זיי האבען ארויסגעצייגט, און פארענטפערנדיג זיך,— כדי ארויסצורייסען פון דער איינגעהאלטענער קאסע א הנחה פאר שטרייק־אויסצאהל, — אז זיי זיינען ארייגגעשלעפט געווארן אין דער „פאראויס באוועגונג" („אדוואנס") דורך דער אגרעסיווער טאקטיק פון דער „דזשענעראל יוניאן" (א געגנערישע טרייד געזעלשאפט פון דעם אלטען כאראק־טער), אדער דורך די אונפאראנטווארטליכע „שטרייק־קאמיטעטען" פון די ארבייטער, וואס האבען צו דער „געזעלשאפט" ניט בא־לאנגט.

---

[1] די אייגפאכע מיטגליעדערשאפט האט זיך פארהאלטען מעהר סימ־פאטיש אויבער דער פארוואלטונגס־ראט. די ארגאניזאציע צו מאכען די זאמלונגען איז געשאפען געווארען מייסטענס פון די לאקאלען און די קאמיטעטען פון דער „געזעלשאפט".

די צייט און דער וואוקס פון דער באוועגונג האָבען אין דער ווירקליכקייט ארויסגעצייגט די חסרונות פון דער קאָנסטיטוציע, מיט וועלכער ניוטאָן און אַללען האָבען באַזאָרגט זייער באַליעבטע אמאַלגאמאַציע און וואָס די אנדערע פאכען האָבען אזוי פיעל געקאָ־פירט. די שוועריגקייטען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון דעם פארזוך צו פאראייניגען אין איין אָרגאַניזאַציע די ארבייטער פון אַ סך באַזונדערע צווייגען פון דעם מאַשיניסטען פאך, האָבען כסדר געפאָדערט באַטראַכטקייט און אויפמערקזאַמקייט. די שנעלע ענדערונגען אין דער אינדוסטריע, באַזונדערס אין פארבינדונג מיט דעם וואקסענדען געברויך פון מאַשינעריי, האָט מען געמוזט באַגעגענען מיט אַ גוט־אויסגערעכענטער בויגזאַמקייט באַגרינדעט אויף אַ פולער באַקאַנטשאַפט מיט די פאַקטען און מיט אַ ברייטערן בליק. דאָס אָנהאַלטען פון אַ האַרמאָנישער און אין דער זעלבער צייט פּראָגרעסיווער פאך טאַקטיק אין די אַלע הונדערטע צווייגען וואָלט געווען, צוליעב דעם אַליין, שווער גענוג אפילו פאַר אַ קערפּערשאַפט פון פעהיגע ספּעציאַליסטען, וועלכע זיינען פריי פון אנדערע באַשעפטיגונגען. אָבער די אַלע פליכטען זיינען ארויפגעוואָרפען געוואָרן אויף איין איינציגען באַצאָהלטען באַאַמטען,[1] וועלכער האָט געארבייט אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאָמיטעט פון בעלי־מלאכות, וואָס פלעגען זיך פארזאַמלען אין אָוועגט נאָך אַ טאָג פון אויסמאַטערנדער פיזישער האַרעוואַניע.

מען האָט געקענט פאָראויסזעהן דעם רעזולטאַט. דער שנעלער וואוקס פון דער „געזעלשאַפט" האָט פאַראורזאַכט אַן אונגע־

---

[1] שפּעטער האָט מען צוגעשטעלט אַ געהילפס סעקרעטאַר און אַמענדע נאָך איינעם. אָבער די געהילפען, ווי דעם גענעראַל סעקרעטאַר אַליין, האָט מען גענומען פון די אַרבייטער רייהען, און וויפיעל ערפאַהרונג זיי וואָלטען ניט געהאַט אין פאַך אנגעלעגענהייטען, האָבען זיי אָבער געמוזט זיין ווייניגער צוגעפּאַסט צו דער געשעפטס־פאַרוואַלטונגס אַרבייט, וואָס האָט זיך פון זיי געפאָדערט. די גרויסע „פאַך אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען" פון די מויערער און די אייזענגיסער האָבען אַ לאַנגע צייט געהאַט בלויז איין געהילפס סעקרעטאַר און מעהר קיינע אַנגעשטעלטע.

הויער גרויסע מאסע דעטאלע ארבייט. דער פארוואלטונגס־ראט האט אליין געמוזט באוויליגען יעדען אויסצאהל אין אומגליקס־פאלען אדער צו מיטגליעדער איבער א באשטימטען עלטער. יעדע וואך האט די דאזיגע קערפערשאפט געמוזט באשליסען וואס צו טאן מיט צעהנדליגע בקשות פאר נדבות פון דעם „צדקה־פאנד”. יעדען מאל, ווען איינער פון די צעהנדליגע טויזענדע מיטגליעדער האט ניט באקומען וואס ער האט פארלאנגט פון זיין לאקאל, האט ער זיך געווענדעט צום פארוואלטונגס־ראט. יעדען מאנאט איז ארויסגעגעבען געווארען א גרויסער פאך-באריכט. יעדען פערטעל־יאהר האט מען געמוזט איבערקוקען די רעכענונגען פון די לאקאלען, אנאליזירן זיי און פון דעם אויסארבייטען א גענויען איבערבליק; דאס אליין האט אוועקגענומען ניט ווייניג ארבייט און אנשטרענגונג פון גדאנק. אויף די הונדערטע סעקרעטארען און קאסירען פון די לאקאלען האט מען כסדר געמוזט אכטונג געבען, מען האט געמוזט זיך באקאנען מיט זייערע חשבונות דורך ספעציעלע אונטערזוכונגען פון זייערע ביכער; מען האט זיי נאכאנאנד געמוזט מאכען פאררווארפען פאר נאכלעסיגקייט אדער פאר צופעליגע אי־בערטרעטונגען פון די קאמפליצירטע כללים, לויט וועלכע די גע־זעלשאפט איז פארוואלטעט געווארען. דער פארוואלטונגס־ראט איז פאקטיש געווען פארנומען מיט בלויזע „קאסע” ארבייט און האט א גרויסען טייל פון זיין צייט פארשווענדעט אויף צו באשי־צען די פאנדען פון דער געזעלשאפט געגען אויסברייננגעריי, געגען שוואכער פארוואלטונג, אדער געגען גנבות פון די אנגעשטעלטע. די רוטינע ארבייט איז געווארען גוואלדיג גרויס און די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון דעם גענעראל סעקרעטאר איז אויסגענוצט געווארן אויף בייצוקומען די מאסע קלייניגקייטען, וואס פלעגט אריינשטרוימען אויף איהם מיט יעדער פאסט.

די אויסערגעוועהנליך גרויסע צאהל אונטערשטיצונגס אנגע־לעגענהייטען, מיט וועלכע די געזעלשאפט האט זיך אפגעגעבען, האט אויך געשאפען א ספעציעלען פאראורטייל. אללען האט זיך אלץ מעהר און מעהר איבערגעגעבען צו דעם וואקסענדען פאנד, וואס איז געווען אין דער זעלבער צייט א גאראנטיע און א סימבאל פון דעם דערפאלג פון זיין ארגאניזאציע. קיין זאך איז ניט געווען

וויכטיג גענוג צו מתיר מאכען צוליעב דעם די קלענסטע אָנריהרונג פון אָט־דעם הייליגען „באַלאַנס". דער צענטראַלער פאַרוואַלטונגס ראַט פון די מאַשיניסטען האָט טאַקע פּראַקטיש זיך אָפּגעזאָגט פון דעם שטרייק אַלס וואָפען. „מיר גלויבען, — האָט אַלען געזאָגט פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע אין 1867, — אַז אַלע שטרייקען זיינען אַ גאַנץ אונניצליכע אויסברייזנגעריי פון געלד ניט נאָר פאַר די אַרבייטער, נאָר אויך פאַר די אַרבייטסגעבער". דער „צופעליגער פאָנד", — דער איינציגער, פון וועלכען מען האָט געקענט מאַכען שטרייק־אויסצאָהלונגען, איז צווישען די יאָהרען 1860 און 1872 עטליכע מאָל אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך אַן אָפּשטימונג פון דער מיטגליעדערשאַפט, — איז ווידער עטאַבלירט גֶעוואָרן פאַר אַ קורצער צייט און ווידער אָפּגעשאַפט. אָרגאַניזירטע אַרבייטער, וועלכע האָבען געדענקט די אַלטע קאַמפען, האָבען איבערראַשט און מיט אומרוהיגקייט זיך צוגעקוקט צו דעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַזוי טעטיג. אפילו דער דערפאַהרענער דאַנניגג, ועמעס מעסיגקייט האָט, ווי מיר האָבען אָנגעדייטעט, דורכגעדרונגען דעם ערשטען מאַניפעסט, אין וועלכען עס האָבען זיך שוין געמערקט שפּורען פון דעם נייעם גייסט, איז געטריבען געוואָרן צו פאַרדאַמען אַללען'ס גלייכגילטיגקייט. „אַלס אַ טרייד יוניאָן, — שרייבט ער אין דעם יאָהר 1866, — איז די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון מאַשיניסטען", וועלכע איז אַמאָל געווען מעכטיג, יעצט אַזוי ווייניג פעהיג צו פיהרען אַ שטרייק, ווי די „מענענבוים הערצער" אָדער די „וואַלדלייטע", אָדער ווי וועלכע עס איז אַנדערע פאַרשפּרייטע וואוילטעטיגע געזעלשאַפט... פריהער האָט זי אין זיך פאַראייניגט ביידע מינים טעטיגקייט, אָבער יעצט איז זי פאַרנומען בלויז מיט איינעם, מיט דער אַרבייט פון אַ וואוילטעטיגער געזעלשאַפט, מיט געבען הילף איהרע מיטגליעדער ווען זיי האָבען ניט קיין אַרבייט, אָדער מיט געבען צופיעל ווען זיי פאָהרען אַרום זוכען אַרבייט..... די „אַמאַלגאַמירטע מאַשיניסטען" אַלס אַ פאַך־אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען".

עס וואָלט געווען אַ טעות אָנצונעמען, אַז די ניט־דיהרעוודיגקייט און די אונטעטיגקייט פון די „אַמאַלגאַמירטע" געזעלשאַפטען

איז געווען א נויטיגער רעזולטאט פון זייערע אַנגעזאַמעלטע פאָנ־דען אָדער פון זייער אונטערשטיצונגס-אויסצאָהלונגען. די מערק־ווירדיגע ענערגיע און דער ערפאָלג פון דער „אמאלגאמירטער גע־זעלשאפט פון די קעסעל ארבייטער און פון די בויער פון אייזערנע שיפען", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1832 און וואָס איז צווישען די יאָהרען 1865 און 1875 שנעל פארגרעסערט געוואָרען אין דער צאָהל מיטגליעדער און אין די פאָנ־דען, צייגט, אז גרויסע אונטערשטיצונגס - אויסצאָהלונגען זיינען ניט קיין שטערונג צו א שטארקע און אויסגעהאל־טענער פאך־טאקטיק. דער דאָזיגער זעהר זעלטענער דערפאָלג איז, גלויבען מיר, א פועל יוצא פון דעם פאקט, וואָס די קעסעל ארביי־טער האָבען זיך באַזאָרגט מיט גענוג באצאָהלטע אָנגעשטעלטע אכ־טונג צו געבען אויף זייערע פאך־אנגעלעגענהייטען. די „באצירק־דעלעגאטען", וועלכע פלעגען צווישען 1873 און 1889 באשטימט ווערן פון יעדען וויכטיגען באצירק, האָבען לחלוטין גאָר ניט צו טאָן מיט דער פערוואלטונג פון די אונטערשטיצונגס־אויסצאָהלונ־גען און גיבען זיך אָפּ אויסשליסליך מיט דער ארבייט פון „קאָלעק־טיווע פארהאנדלונגען". ראָבערט נייהט, דער פעהיגער סעקרע־טאר פון די קעסעל־ארבייטער, האָט געהאט אונטער זיך, ניט ווי די גענעראל סעקרעטארען פון די מאשיניסטען, די סטאָליערס, די אייזענגיסער אָדער די מויערער, וועלכע פלעגען האָבען בלויז איין באצאָהלטען געהילף, — א שטאב פון פּראָפעסיאָנעלע ספּעציאַליס־טען און האָט דעריבער געקענט ניט בלויז גוט אכטונג געבען אויף די מעשים פון די באלעבאטים און ווידערשפּעניגע מיטגליעדער, נאָר אויך מיט דערפאָלג צוצופאסען די טאקטיק פון דער יוניאָן צו די געענדערטע באדינגונגען פון דער אינדוסטריע. אין קורצען, ניט דערפאר, וואָס זיי האָבען געהאט די אונטערשטיצונגס-אויס־צאָהלונגען, נאָר דערפאר, וואָס זיי האָבען ניט געהאט אזא קלאַס פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאטאָרען, ווי עס איז דאָ אין די אָרגאניזא־ציעס פון די קויהלען־גרעבער, די באוועל ארבייטער און די קעסעל ארבייטער, איז געקומען אזא אָפּגעשטאָרבענקייט אין דער פערוואל־

טונג פון די גרויסע „אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען” אין די דאַזיגע פאַכען.[1]

דער דירעקטער פּועל־יוצא פון דעם אָפּזאָגען זיך פון דער פיהרערשאַפט מיט די אינטערעסען פון דעם פאַך איז געווען דאָס, וואָס די שטרעבונג צו פאַראייניגונגען האָט זיך איינגאַנצען אָפּגעשטעלט און אין אייניגע פאַלען האָבען פון דער אָרגאַניזאַציע זיך אָפּגעבראָכען אַזעלכע טיילען, וואָס זיינען שוין געווען מיט איהר אפילו פאַרבונדען. די פאַרשיידענע אונאָפּהענגיגע געזעלשאַפטען, ווי פון די קעסעל ארבייטער, די דאַמף־מאַשינען ארבייטער און די קאָאָפּעראַטיווע שמידען, האָבען איינגאַנצען אויפגעגעבען דעם געדאַנק צו פאַראייניגען זיך מיט זייער גרעסערער קאָנקורירענדער אָרגאַניזאַציע. אין 1872 האָבען די מוסטערן־ארבייטער, וועלכע זיינען אַ לאַנגע צייט געווען ניט ציפריעדען צוליעב דעם, וואָס מען פאַרנאַכלעסיגט זייערע פאַך־אינטערעסען, געשאַפען אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט קאָנקורירט מיט דער „אַמאַלגאַמירטער” פאַר דער אָנגעהערשאַפט פון דעם זאַזיגען זעהר געלערענטען קלאַס מאַשיניסטען. אַללען איז אויך גאָר ניט גערן געווען, אַז זיין אָרגאַניזאַציע זאָל אַרומנעמען די גאַנצע אינזשענירעריי אינדוסטריע. דער הערשענדער געדאַנק פון די ערשטע יאָהרען פון דער אַמאַלגאַמירונג, — צו געבען שוץ צו די ארבייטער, וועלכע האָבען „באַקומען אַ רעכט צו ווערן פאַכלייטע” דורכמאַכענדיג די באַשטימטע לעהרלינגס־פּעריאָדע — האָט אויסגעשלאָסען פיעלע ארבייטער, וועלכע האָבעןווירקליך געאַרבייט אין דעם אָדער יענעם צווייג פון דער אינדוסטריע, און דער פּאַראַגראַף פון דער „אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט” וועגען נייע מיטגליעדער, פון וועלכע זי באַקומט אַ צו קליינע הכנסה, האָט מיטגעווירקט, אַז די מיטגליעדערשאַפט זאָל זיין באַגרענעצט בלויז צו יענע צווייגען פון דער איג־

[1] אין 1892 האָבען די אַמאַלגאַמירטע מאַשיניסטען איינגעפיהרט ביי זיך ניט נור באַצירק־דעלעגאַטען, אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די קעסעלמאַכער, נור אויך אַ באַצאָהלטען פּאַרוואַלטונגס־ראַט. זינט דאַמאָלס האָט די „פאַראייניגטע געזעלשאַפט פון סטאָליאַרעס” אָנגעפאַנגען צו באַשטימען באַצירק־דעלעגאַטען און די אַנדערע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען האָבען צוביסלאַכווייז נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל.

זשענירעריי אינדוסטריע און בלויז צו יענע מיטגליעדער פון יעדען צווייג, וועלכע קענען פאַרדיענען דעם מינימום שכירות, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דעם באַצירק־קאָמיטעט פאַר יעדען געגענד.

די דאָזיגע אויסבאַזונדערונג האָט נויטיגערווייזע געפיהרט צו דער אַנטוויקלונג פון אַנדערע געזעלשאַפטען, וואָס האָבען אריינגענומען יענע אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געקענט נאָכקומען די באַדינגונגען פון דער גרעסערער אָרגאַניזאַציע. די קליינע לאָקאַלע קלובען פון די מאַנטשעסטערער מאַשין־אַרבייטער און מעטאַלהובעלער האָבען זיך דעריבער צווישען די יאָהרען 1867 און 1872 אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט, אַז זיי זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָדערן, אַז די בעסער באַצאָהלטע מאַשיניסטען, ווען זיי האָבען אייגענטליך אָנגעטראָטען אויף די פיס, זאָלען זיך מיט זיי רעכענען. נייע געזעלשאַפטען, ווי פון די שיף־מאַשיניסטען, „די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פון די אַמאַלגאַמירטע מעש־אַרבייטער“, „דער אונאָפּהענגיגער אָרדען פון אינזשענירען און מאַשיניסטען“ און די „פאַראייניגטע געזעלשאַפט פון די אַרבייטער ביי קיך־אויוועגס, אויווען־גראַטעס, גאַז־אויוועגס, הייסע וואַסער איינריכטונגען, מעטאַל־קונסט און אַנדערע שמיעדען און איינריכטער“ האָבען זיך אָרגאַניזירט אין דעם יאָהר 1872 אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָטעסט געגען דעם „אַריסטאָקראַטישען“ רעגעל אויסצושליסען אַלע אַרבייטער, וועלכע באַקומען ניט די באַשטימטע הויכע שכירות. די „אַסאַציאַציע פון שאָטלאַנדער שמיעדען“, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1857 פון דעם קלאַס שמיעדען, וועלכע זיינען אין יענע יאָהרען ניט אַנערקענט געוואָרן פון די רעגעלען פון די „אַמאַלגאַמירטע“, האָט יעצט אָנגעפאַנגען שטאַרק וואַקסען אין מיטגליעדערשאַפט. אויסער דעם האָבען פאַרשיידענע לאָקאַלע געזעלשאַפטען ניט געקענט באַקומען די פּריוויּלעגיע אָנצושליסען זיך אָן די „אַמאַלגאַמירטע“ אויף דעם גרונד, וואָס אָדער צווישען זייערע מיטגליעדער זיינען דאָ אַרבייטער, וואָס באַלאַנגען צו, לויט די רעגעלען, ניט־אַנערקענטע טיילען פון דער אינדוסטריע, אָדער דער דורכשניטליכער עלטער פון זייער מיטגליעדערשאַפט איז געוועזן אַזעלכער, אַז פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געגעבען הויכע אויסצאָהלונגען צו איהרע זקנים, האָט זיך ניט

געלוינט זיי אריינצונעמען. צו דער טענדענץ צו שאפען אַן „אר־בייטער אריסטאָקראטיע" איז נאָך צוגעקומען די איינגעהאלטענע אויסגערעכנטקייט פון א פארזיכערונגס געזעלשאפט.

פיעלע אורזאכען האָבען אויף אזא אופן מיטגעווירקט, אז דער צענטער פון דעם איינפלוס פון די טרייד יוניאָנס זאָל אריבער פון לאָנדאָן אין די פּראָווינץ־שטעדט. די גרויסע פאך אונטערשטי־צונגס געזעלשאפטען פון די מאשיניסטען, סטאָליארעס און די איי־זענגיסער האָבען פארלאָרן די פיהרערשאפט בנוגע צו פאך־אנגע־לעגענהייטען, וואָס די פּאָליטישע טעטיגקייט פון דער „יונטא" האָט זיי געגעבען. די „יונטא" גופא האָט געהאלטען אין צוברעקעלט ווערן. אפּעלגראטה, אין פיעלע הינזיכטען דער פיהרער פון דער גרופּע, האָט אין 1871 רעזיגנירט אלס סעקרעטאר און איז אוועק פון דער ארבייטער באוועגונג. אָדגער האָט פון דעם יאָהר 1870 און ווייטער זיך אלץ מעהר און מעהר אָפּגעגעבען מיט אלגעמיינער פּאָליטישער טעטיגקייט. אַללען, ויעלכער האָט א לאַנגע צייט גע־ליטען פון אַן אונהיילבארער קראנקהייט, איז אין 1874 געשטאָר־בען. דערווייל איז די ארבייטער באוועגונג אין דער פּראָווינץ שטארק און שנעל געוואקסען. די „אמאלגאמירטע געזעלשאפט פון מאשיניסטען", וואָס האָט אזא לאַנגע צייט פארנומען דעם אָנגע־זעהענסטען פּלאַץ לויט איהר צאָהל מיטגליעדער, האָט אָנגעפאנגען פאררוקט צו ווערן אין שאָטען פון די פעדעראציעס פון די קויהלען־גרעבער און די באוועל ארבייטער. אפילו אין די אייזען ארבייט פאכען האָבען זיך געפונען געגען איהר קאָנקורענטען אין די שנעל וואקסענדע אָרגאניזאציעס פון די קעסעל־ארבייטער (בויער פון אייזערנע שיפען), וועמעס צענטער איז געווען אין ניוקעסל, און פון די אייזען־ארבייטער, וועמעס צענטער איז געווען אין דארלינגטאָן, בשעת קלענערע מאשיניסטען געזעלשאפטען האָבען ארויסגע־שפּראָצט פון אלע זייטען אין די צפון פּראָווינצען. די טענדענץ צו פארלאָזען לאָנדאָן האָט זיך אויך ארויסגעצייגט אין דעם באַ־שלוס פון דער אמאלגאמירטער געזעלשאפט פון סטאָליארעס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1871, אריבערצופיהרן זייער הויפּט־קאָנטאָר קיין מאנטשעסטער, אַן ענ־ערונג, וואָס האָט אגב געבראכט צו דעם, אז די לאָנדאָנער פיהרער האָבען פארלאָרן די מעגליכקייט

צו באראטען זיך אפט מיט דעם נאכפאלגער פון אפעלגארטה, דזש. ד. פראיאר, איינער פון די פעהיגסטע תלמידים פון דער „יונטא“.

הגם לאנדאן האט פארלארען איהר איינפלוס אויף דער ארבייטער־באוועגונג, האט אבער קיין אנדער שטאדט ניט גע׳ירשנ׳ט די פיהרערשאפט. אמת, מאנטשעסטער האט צוגעצויגען צו זיך די הויפט־קאנטארען פון פיעלע נאציאנאלע געזעלשאפטען און דארט איז אין יענע יאהרען געווען פיליכט די שטארקסטע גרופע טרייד יוניאן באאמטע. אבער דארט איז ניט געווען אזא קאנצענטראציע פון אלע ווירקענדע קרעפטען, ווי די, וואס האט פריהער געשאפען די „יונטא“. הגם מאנטשעסטער האט געהאט גענוג מענשען, פון וועלכע מען וואלט געקענט אנפאנגען צוזאמענצושטעלען אן ארבייטער מיניסטעריום, איז אבער אלעקסאנדער מאקדאנאלד געווען אדער אין גלאזגאו אדער אין לאנדאן, ראבערט נייהם איז געווען אין ליווערפול און שפעטער אין ניוקעסל, דזשאהן קעין איז געווען אין דארלינגטאן, די פארשטעהער פון די מינען־ארבייטער זיינען געווען איבער׳ן גאנצען לאנד. בשעת העגרי בראדהורסט, (וועלכער האט אין 1875 פארנומען דעם פלאץ פון דזשארדזש האועל אלס דער סעקרעטאר פון דעם פארלאמענטארישען קאמיטעט), דזשאהן בוירנעט, דער גענעראל סעקרעטאר פון דער „אמאלגאמירטער מאשיניסטען געזעלשאפט“, און דזשארדזש שיפטאן, דער

[1] דא איז אם פלאץ צו דערמאנען די אסאציאציע פפון טרייד יוניאן באאמטע פון מאנטשעסטער און אומגעגענד“, אן ארגאניזאציע, וואס איז ארויסגעוואקסען פון דעם געמיינשאפטליכען קאמיטעט, וואס איז געשאפען געווארדן צו העלפען די מינען־גרעבער פון סאוטה ווילז אין זייער שטרייק אין 1875. די אפטע פארזאמלונגען, האלב ערנסטע, האלב צו פארברייגגען די צייט, פון דער דאזיגער אסאציאציע מיט אזא גדול׳דיגען נאמען, וואס איז געווען באקאנט צווישען אייגענע מענשען אלס „דער זאנדערבארער עולם“, האבען אין א משך פון פיעלע יאהרען געגעבען א געלעגענהייט פאר די פיהרער פון די פיעלע יוניאנען, וואס האבען געהאט קאנטארען אין מאנטשעסטער, צו באראטען זיך צווישען זיך וועגען וויכטיגע טאקטישע פראגען פון דער ארבייטער באוועגונג. איינער פון די צוועקען פון דער ארגאניזאציע איז אויך געווען צו באשיצען די טרייד יוניאן באאמטע געגען אומגערעכטע באהאנדלונג מצד זייערע אייגענע געזעלשאפטען.

סעקרעטאר פון דעם לאָנדאָנער טרייד יוניאָן קאונסיל (ראט), זיינען נאטירליך פארבליבען אין דער הויפטשטאָדט. דער רעזולטאט פון דאָס פארלאָזען לאָנדאָן איז ניט געווען די גרינדונג פון א נייעם פארוואלטונגס-צענטער פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג אנדערש־וואו, נאָר די אנטוויקלונג פון דעם גייסט פון א באזונדער אָנהענגערשאַפט צו א געוויסען געגענד; דאָס האָט געשאַפען א נייגונג אין די פארשיידענע פאכען צו ארבייטען פאר די אינטערעסען פון באזונדערע נעגענדען און אָנצופיהרן א געגענד־פּאָליטיק.

מיר האָבען געפּרובירט צו באשרייבען בפרטות דעם אינער־ליכען וואוקס פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג צווישען די יאָהרען 1867 און 1875 כדי צו געבען דעם לעזער א מעגליכקייט צו פאר־שטעהן דעם אנטוישענדען צוזאמענברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1878־9 און די וויטערדיגע צובּרעקלונג פון די טרייד יוניאָנען אין פיינדליכע לאגערן, וואָס האָט ווידער־אמאָל באצייכענט אלס „אלטע" און „נייע" יוניאָניסטען. אָבער די אלע אומצופרידענ־שטעלענדע זייטען פון דער באוועגונג פון 1871־5 זיינען דורך אָט־די יאָהרען פארזונקען געוואָרן פון א כוואַליע פון אן אויסערגעוועהנ־ליכען שפע אין די אינדוסטריען אין לאנד און פון דער אויסשפּריי־טונג פון די טרייד־יוניאָנס. די רייהע דערפאָלגען אין פארלאמענט פון 1871־5 האָט געשאַפען, ווי מיר האָבען געזעהן, א געהויבענעם געפיהל פון נצחון צווישען די טרייד יוניאָן פירער. דער פאָרט־שריט, וואָס איז געמאכט געוואָרן דורך די יאָהרן, האָט פאר דעם קליינעם ענגען קרייז ארבייטער, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דעם קאמף פאר באפרייאונג און אנערקענונג, געשיינט צו זיין כמעט אומגלויבליך. אין 1867 זיינען די באאמטע פון די יוניאָנען בא־טראכט געוואָרן אלס אָפּגעפרעסענע אגיטאטאָרין, אלס „געוויסענ־לאָזע מענשען, וועלכע טוען כמעט גאָר ניט, ווערן פעט אויף די ביישטייערונגען פון זייערע פארפיהרטע שוטים" און האַלטען אָן מיט דער הילף פון גוואלד און מאָרד א סיסטעם פון טעראָר, וואָס צושטערט ניט נאָר די אינדוסטריען פון לאנד, נאָר אויך די עשירות און די אונאָפּהענגיגקייט פון כאראקטער פון די אומגליקליכע אר־בייטער, וועלכע ווערן זייערע קרבנות. ווען דער ארבייטער, וועל־כער באלאנגט צו א יוניאָן, פלעגט זיך ארומשלעפען מיט זיין

ביכעל צו זוכען ארבייט, פלעגט ער פון דער פאָליציי און די ריכטער באטראכט ווערן אלס עטוואָס צווישען א פארברעכערישען שלעפער און א רעוואָלוציאָנער. אין 1875 זיינען די באאמטע פון די גרויסע „געזעלשאפטען" דערוועהלט געוואָרן צו די אָרטיגע שול־ראטען און אפילו צום פארלאמענט, וואו די רעגיערונג האָט געווירקט אויף זיי, אז זיי זאָלען אָננעמען פלעצער אין די קעניגליכע קאָמיסיעס און וואו מען האָט זיך צו זיי אין פארהויז צוגעהערט מיט דרך־ארץ. און די דאָזיגע פאָליטישע רעזולטאטען זיינען געווען ניט מעהר ווי סימנים פון דער אויסערגעוועהנליכער אויסברייטונג פון דער טרייד־יוניאָן באוועגונג גופא. „דער נאָר וואָס פארגאנגענער יאָהר, — זאָגט דער באריכט פון דעם פארלאמענטארישען קאָמיטעט אין יאַנואר 1874, — האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דעם שנעלען וואוקס און אין דער אנטוויקלונג פון דעם טרייד יוניאָניזם. עס שיינט, אז כמעט אין יעדען פאך איז עס פאָרגעקומען אין דער זעלבער מאָס, אָבער מערקווירדיג שטארק זיינען דער וואוקס און די ענטוויקלונג פאָרגעקומען אין יענע צווייגען פון די אינדוסטריען, וואָס זיינען ביז יעצט געווען שלעכט אָרגאניזירט". עס איז אוממעגליך צו באקומען זיכערע ציפערן מיט איינצעלהייטען, אָבער דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין 1872 האָט אָנגעגעבען, אז ער רעפרעזענטירט בלויז 375 טויזענד אָרגאניזירטע ארבייטער, בשעת דער קאָנגרעס פון 1874 איז באשטאנען פון דעלעגאטען פון כמעט דריי מאָל אזוי פיעל פאראיינען, וואָס האָבען נאָמינאל רעפרעזענטירט א סך־הכל פון 1,191,922 מיטגליעדער. עס שיינט, אז צווישען 1871 און 1875 איז די צאָהל ארבייטער, וואָס האָבען באלאנגט צו פאראיינען, מעהר ווי פארצווייפאכט געוואָרן.

מען באמערקט ווי דער פאָרטשריט האָט זיך אָפגעשפיגעלט אין די מחות פון די ארבייטסגעבער. צו ענדע 1873 געפינען מיר אַ ניי־געגרינדעטע „נאציאָנאלע פעדעראציע פון פאראייניגטע ארבייטסגעבער". דערקלערענדיג, אז „די פרייוויליגע און צייטענווייזדיגע אנשטרענגונגען פון איינצעלנע ארבייטסגעבער, אָדער אפילו פון אסאָציאציעס פון ארבייטסגעבער באגרענעצט צו איין־איינציגען פאך אָדער געגענד, זיינען הילפלאָז געגען „דער אויסערגעוועהנליכער אנטוויקלונג, ווייטגרייכענדע, הגם אָפען־אויסגעשפראָכענע

פלענער און די שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס פון די טרייד יוניאָנען".
„וועניגע זעהען איין, — זאָגט וויטער די דערקלעהרונג, — ווי ברייט און פעסט די טרייד יוניאָנען זיינען אָרגאַניזירט, ווי גרויס עס זיינען זייערע געלד־מיטלען און זייער איינפלוס... זיי קאָנ־טראָלירען אונגעהויער גרויסע סומען געלד, מיט וועלכע זיי באַנוצען זיך מיט א פרייער האַנד כדי דורכצופיהרן זייערע צוועקען. עס איז נשתומם צו ווערן וואָס פאַר א גרויסען טייל פון זייערע שכירות די אַרבייטער גיבען איבער פאַר דעם געברויך פון זייערע פיהר־רער... זיי האָבען געגנוג נוט־באַצאָהלטע פיהרער, די מעהרסטע פון זיי מענשען מיט דערפאַהרונג אין דער אָנפיהרונג פון שטרייקען, פיעלע פון זיי געשיקטע אָרגאַניזאַטאָרען. זיי שאַפען אַלע צוזאַמען א באַזונדער קלאַס, א פּראָפעסיאָן, מיט גאַנץ אַנדערע, הגם ניט דוקא אַנטאַגאָניסטישע, אינטערעסען פון די אינטערעסען פון די אַרבייטער, וועמען זיי פיהרען, אָבער זיי זיינען לויט זייער „רעיזאָן ד'עטר" גופא (דער זין פון עקזיסטענץ) שוין פיינדליך צו די אינטערעסען פון די אַרבייטס־געבער און פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפט... זיי האָבען, דורך די געלד, וואָס זיי קענען ברויכען, דורך דעם איינפלוס פון זייערע אָרגאַניזאַציעס און טיילווייז אויך דורך די פאַלשע הומאַניטאַרישע שטרעבונגען פון א געוויסער צאָהל אָנגענומענע ליטעראַרישע מענשען, א גרויסע אַרמיי פון ליטעראַ־רישע טאַלאַנטען, וועלכע זיינען ת י כ ף גרייט צו דיענען זיי אין יעדען פאַל פון א ספק. זיי האָבען זייער אייגענע פּרעסע, וואו זיי קענען אויסנוצען אָט־די כחות זייערע. זייערע שרייבער האָבען א פרייען צוטריט צו אייניגע פון די שטאַרקסטע לאָנדאָנער ציי־טונגען. זיי אָרגאַניזירען אָפטע עפענטליכע פאַרזאַמלונגען, וואו באַצאָהלטע רעדנער שטעקען אָן די אַרבייטער־קלאַסען מיט זייערע אידעען און שמועסען זיי איין צו דיקטירן באַדינגונגען די קאַנ־דידאַטען צום פּאַרלאַמענט. אויף אזא אופן איבען זיי אויס א דרוק אויף די מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט און אויף יענע, וועלכע שטרעבען צו דעם דאָזיגען כבוד, פיעל מעהר, ווי זיי זיינען צו דעם באַרעכטיגט לויט זייער ווירקליכער מאַכט, און אין אזא מאָס, אז די יעניגע, וועלכע האָבען ניט געהאַט די געלעגענהייט אַליין צו זעהן די רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען דרוק, איז עס אונמעגליך צו

גלויבען. זיי האָבען א שטענדיגען פּארלאמענטארישען קאָמיטעט און א פּראָגראם; און טעטיגע מיטגליעדער פון פּארלאמענט דינען זיי ענערגיש. דער מיניסטעריום, וואָס איז דאן אין מאכט, איז גרייט אַלע מאָל זיי אויסצוהערען; זייערע צושריפטען ווערן אויפגענומען און באקומען אויפמערקזאמקייט תיכף און מיט רעספּעקט. זיי האָבען א גרויסע פּאָרשטעהערשאפט פון זייער אייגענער אָרגאניזאציע אין לאָנדאָן אַלע מאָל ווען עס ווערט דערווארטעט, אז דער פּארלאמענט וועט זיך אָפּגעבען מיט פארהאנדלען די פּאָרשלאגען, וואָס זיי האָבען באאיינפלוסט מען זאָל פאר איהם פּאָרברענגען. ניט געשטערט פון געלד־רעכענונגען, ספּעציעל באשטימט פאר דער באזונדערער ארבייט, אָהן אנדערע שטערענדע באשעפטיגונגען זיינען זיי אויף אזא אופן עהנליך צו דעם שטאב פון א גוט־אָרגאניזירטער, גוט־באזאָרגטער ארמיי, וועלכע באנוצט זיך מיט אַלץ, וואָס קען געשאפען ווערן דורך אויסגערעכענטקייט און ענערגישער טעטיגקייט".[ג] עס איז ניט קיין וואונדער, אז דער פּארלאמענטארישער קאָמיטעט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס, וועלכער איז באשטאנען פון דעם דערמאָנטען „שטאב פון פיהרער", האָט איבערגעדרוקט די ניט-ווילענדיג ארויסגעזאָגטע שבחים פאר זייער ווירקזאמקייט און האָט עס ווייט פארשפּרייט צווישען די מיטגליעדער פון די אָרגאניזאציעס, וועמען זיי האָבען רעפּרעזענטירט.

דער פּאָרשער קען באקומען א ריכטיגערע אָפּשאצונג פון דער לאגע אין 1873-5 איידער די צופריעדענע טרייד יוניאָניסטען אָדער די צושראָקענע באַלעבאָטים. ערשטענס, ווי גרויס עס איז ניט געוועזען דער וואוקס פון דער באוועגונג, לויט דער צאָהל מיטגליעדער, דורך דיזע יאָהרען, וועט אָבער דער לעזער פון די פּאָרינע קאפּיטלען

[ג] „אַ דערקלעהרונג וועגען דער פּאָרמירונג און די צוועקען" פון דער „נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון אַסאָציאירטע אַרבייטס־געבער", דעצעמבער 11, 1873, איבערגעדרוקט דורך דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס. אין דער פעדעראציע זיינען געוועזען אַ גרויסער טייל פון די גרויסע „קאַפּיטאַלאַנטען פון אינדוסטריע" פון יענער צייט: די גרעסטע שיף־בויער, טעקסטיל פאַבריקאַנטען, איזשעניערען, שטאָהל־פאַבריקאַנטען, בוי־קאָנטראַקטאָרען און אַ סך אַנדערע אינדוסטריעלען בארָאנען.

וויסען, אז ער איז ניט אזא, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען.
דער אויסברוך פון טרייד יוניאָניזם צווישען 1830 און 1834 איז געווען, לויט אונזער אָפּשאַצונג, נאָך גרעסער איידער צווישען 1871 און 1875, און זיין אנטוויקלונג איז דאַמאָלס אויך פאָרגעקומען פיעל שנעלער. אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען אין דער געשיכטע פון דעם טרייד־יוניאָניזם אין ענגלאַנד געווען דריי פעריאָדען פון שטאַרקער אַנטוויקלונג: 1833-4, 1873-4 און 1889-90. ניט האָבענדיג קיין פאָלשטענדיגע און זיכערע סטאַטיסטישע ידיעות איז שווער צו זאָגען אין וועלכער פון די דאָזיגע פעריאָדען איז פאָרגעקומען דער גרעסטער צופלוס פון מיטגלידער. עס איז אָבער לייכט איינצוזעהן, אז דער וואוקס פון די יאָהרען 1873-74 האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אייגענשאַפטען, וואָס זיינען געווען טיילווייז עהנליך און טיילווייז ניט עהנליך צו די אייגענשאַפטען פון דער פריהערדיגער וואוקס־פעריאָדע.

ווי אין דעם אויסברוך פון 1833-4, האָט די באַדייטענדע פאַרשפּרייטונג פון דעם טרייד יוניאָניזם דערגרייכט אפילו די אַגריקולטורעלע אַרבייטער. פאַר א משך פון פערציג יאָהר, זינט דאָס אַריבערשיקען פון די דאָרטשעסטער'ער אַרבייטער, האָבען זיי זיך דורכגעפּלאָגט דורך גוטע און שלעכטע יאָהרען אָהן א פאַרזוך צו פאַרבעסערען זייער לאַגע דורך פאַראייניגען זיך. עס שיינט, אז אין שאָטלאַנד האָט אין 1865 א קורצע צייט עקזיסטירט א יוניאָן. מיר הערען וועגען אַן אימפּולסיווען שטרייק פון לאַנד־אַרבייטער אין בוקינגהאַמשייר, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צו הוירטפאָרדשייר. אין הירפאָרדשייר איז אין 1871 אָרגאַניזירט געוואָרן א שטאַרקערע יוניאָן, וואָס האָט בשתיקה געווירקט, אז די אַרבייטער זאָלען עמיגרירן און האָט אין א האַלבען טוצען באַצירקען צוגעצויגען צו זיך דרייסיג טויזענד אַרבייטער. אָבער יעצט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן ענערגישערע באַוועגונג. דעם 7טען פעברואַר, 1872, האָבען די אַרבייטער פון געוויסע געמיינדעס אין וואָרוויקשייר זיך פאַרזאַמעלט אין וועלעסבוירן צו פאַרהאַנדלען וועגען זייערע טענות צו די באַלעבאַטים. ביי א צווייטען מיטינג, א וואָך שפּעטער, האָט דזשאָזעף אַרטש, א לאַנד־אַרבייטער פון באַרפאָרד, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענע הויז

און איז געוואָרן, באַוואוסט אַלס אַ „פּרימיטיוועד מעטאָדיסטישער פּרעדיגער", געהאַלטען אַ רעדע, וואָס האָט געפּיהרט צו טאָטען. דעם עלפטען מערץ האָבען צוויי הונדערט אַרבייטער באַשלאָסען צו שטרייקען פאַר העכערע שכירות, נעמליך: 6 שילינג אַ וואָך פאַר אַן עלף שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. להיפּוך ווי עס פּאַסירט אין די מעהרסטע אַזעלכע פאַלען, האָט די פּרעסע פון אָנפאַנג אָן גינסטיג זיך אָפּגערופען וועגען דעם שטרייק.[1] די ידיעות אין די צייטונגען האָבען באַלד געבראַכט ביישטייערונגען און צוגעזויגען מיטפיהלענדע. דעם 29טען מערץ איז אונטער דער פאָרזיצונג פון דעם געעהרטען מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, אָבעראָן הערבערט, אין לימינגטאָן פאַרגעקומען די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון דער „יוניאָן פון אַגריקולטורעלע אַרבייטער פון וואָרוויקשייר", וואו אַ רייכער גוטער־פריינד פון די אַרבייטער האָט צוגעטראָגען אַ נדבה פון הונדערט פונט שטערלינג. אַ דאַנק דער רעדנער־קראַפט, דער רעליגיעזער היציגקייט און דער אונערמיעדליכער ענערגיע פון דזשאָזעף אַרטש האָט זיך די באַוועגונג פאַרשפּרייט ווי אַ ווילדע שרפה צווישען די לאַנד אַרבייטער פון די צענטראַלע און די מזרח פּראָווינצען. די מאַניאַ (שגעון) צו אָרגאַניזירן פאַראיי־נען, וואָס האָט פאַרכאַפּט די לאַנד־באַפעלקערונג אין דעם משך פון די ווייטערדיגע עטליכע מאָנאַטען, דערמאָנט ווירקליך דעם קיקיון־דיונה־וואוקס פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער פאַר־איינגטער טרייד יוניאָן" (Grand National Consolidated

---

[1] די צייטונגען האָבען באַלד אָנגעפאַנגען צו שרייבען וועגען די אונרוהען, ערשטענס דערפאַר וואָס מאַטהיו ווינסענט, דער רעדאַקטאָר פון דער „לימינגטאָן קראָניקל", האָט סימפּאַטיזירט מיט די אַרבייטער, און צווייטענס, דערפאַר, וואָס די „דעילי ניוז" האָט פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון דער אַגיטאַציע און האָט תיכף געשיקט אַרטשיבאַלד פאָרבז, איהר קריעגס קאָרעספּאָנדענט, אין וואָרוויקשיער, וועלכער האָט „פאַנאַנדערגעפּויקט" די באַוועגונג אין אַ רייהע אַרטיקלען. דער גייסט־ליכער פּ. ס. אַטטענבאָראָה, וועלכער האָט דאַמאָלס געוואוינט אין יענעם געגענד, האָט אָנגעשריבען אַ קורצע ביאָגראַפיע פון דזשאָזעף אַרטש, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון דעם דאָזיגען אַרבייטער ביז דעם סטרייק. די לעבענסבאַשרייבונג האָט 37 זייטען און איז אַרויס אין 1872 אין לימינגטאָן.

(Trades Union פון פערציג יאָהר פריהער. איידער עס זיינען נאָך פאַרבייגעגאַנגען צוויי מאָנאַטען האָבען זיך פאַרזאַמעלט דעלעגאַטען פון זעקס און צוואַנציג פּראָווינצען (קאַונטיעס) צו פאַרהאַנדלען דעם לאָקאַלען פאַראיין אין אַ „נאַציאָנאַלער לאַנד אַרבייטער יוניאָן“, וואָס האָט צו ענדע פון דעם יאָהר באַריהמט זיך מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון כמעט הונדערט טויזענט[1].

די אָרגאַניזירטע טרייד יוניאָנס זיינען שנעל געקומען צו הילף די פּשוט'ע אַרבייטער און האָבען אַ סך בייגעשטייערט צו זייערע פאָנדען. די לאַנד באַלעבאַטים האָבען אויף די פאָדערונגען פון די אַרבייטער געענטפערט מיט דעם, וואָס זיי האָבען אין זעהר פיעלע פלעצער אָפּגעזאָגט פון דער אַרבייט די מיטגליעדער פון יוניאָנען; דאָס האָט געווירקט, אַז די טריידס קאָונסילס און איינצעלנע פאַראיינען איבער דעם גאַנצען לאַנד זאָלען שטיצען די לאַנד אַרבייטער.[2] דזשאָרדזש האָועל, וועלכער איז דאַמאָלס

[1] עס האָבען זיך דאַמאָלס באַוויזען אַנדערע פאַראיינען פון לאַנד־אַרבייטער, וואָס האָבען זיך אַנטזאָגט פאַרשליגען צו ווערן פון דער נאַציאָנאַלער יוניאָן, און דער לאָנדאָנער טרייד קאָונסיל האָט אין מאַרץ, 1873, צוזאַמענגערופען אַ קאָנפערענץ צו שאַפען איינהייטליכע טעטיגקייט. די שטרעבונג צו צענטראַליזירן די באַוועגונג האָט אַרויסגערופען אַ היבש ביסעל קנאה און אַמענדע האָבען אַ האַלבער טוצען קלענערע פאַראיינען זיך אָרגאַניזירט אין אַ „פעדעראַטיווער יוניאָן פון אַגריקולטורעלע און אַלגעמיינע פּשוט'ע אַרבייטער“ מיט אַ סך־הכל פון פופציג טויזענט מיטגליעדער.

[2] דער בירמינגהאַמ'ער טריידס קאָונסיל, למשל, האָט אַרויסגעגעבען אַ פאָלגענדען אויפרוף:

„גרויסער לאָקאַוט פון לאַנד־אַרבייטער!“

„אַן אויפרוף. האָט דער אַרבייטער אַ רעכט צו זיין אַרבייט?“

די פראַגע איז פאַר אַלע ליעבהאָבער פון פרייהייט און פאָרטשריט און מיר לאָזען עס איבער פאַר זיי צו זאָגען, אויב דער פונק פון לעבען און האָפנונג, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין די הערצער פון אונזערע האָרעפּאַסטע ברידער אין די אַגריקולטורעלע באַצירקען זאָל אויסגעלאָשען ווערן אונטער דעם דרוק פון דעם יעצטיגען לאָקאַוט. דער ענטפער איז: נ י י ן! און זיין ווידער־קול קלינגט אָפּ פון צעהנדליגע טויזענדע ליפּען. אָבער לאָמיר זיין פּראַקטיש. אַביסעלע הילף האָט מעהר ווערט איידער אַ סך מיטגעפיהל. מיר מוזען ניט אָבשטעלען זיך צו צייגען

געווען דער סעקרעטאר פון דעם פארלאמענטארישען קאמיטעט, דזשארדזש שיפטאן, דער סעקרעטאר פון דעם ניי־אויפגעלעבטען לאנדאנער טריידס קאונסיל, און פיעלע אנדערע פיהרער האבען אפגעגעבען זייערע נעכט און טעג צו פארפאלקאמענען די ארגא־ניזאציעס פון די לאנד ארבייטער. די פאכען פון געלערנטערע ארבייטער האבען, באמת, צוגעשטעלט פיעלע פון די באאמטע פון דער נייער יוניאן. דזשאזעף ארטש האט פאר זיין הויפט־קאנטאר געפונען א פעהיגען סעקרעטאר אין דער פערזאן פון הענרי טעי־לאר, א סטאליאר, און די לאנד־ארבייטער פון קענטיש, וועלכע האבען זיך ארגאניזירט באזונדער, האט געהאלפען אין דער אר־

רחמנות, נור ארבייטען צו שיקען הילף. די זאך פון די לאנד־ארבייטער איז אונזער אייגענע. די אינטערעסען פון ארבייט אין אלע איהרע פאר־מען זיינען זעהר ענג פארבונדען איינע מיט די אנדערע, און די פשוט'ע פראגע פאר יעדען איינציגען איז: וויפיעל קען איך העלפען און ווי שנעל קען איך עס טאן? אויב מיר בלייבען שטעהן צו טראכטען צו לאנג, קען דאס טאן קומען צו שפעט. די דאזיגע מענשען, אונזערע ברידער, וועלכע געפינען זיך יעצט אין זעהר א שלעכטער לאגע, קענען נאך פאלען אלס קרבנות, בשעת אונזערע אקטיווע אנשטרענגונגען קענען זיי ראטעווען. דער דרוק אויף די פאנדען פון זייער יוניאן מוז זיין גאנץ שטארק ווען אזא גרויסע צאהל ארבייטער זיינען ארויסגעווארפען פון דער ארבייט און זיינען געצוואונגען ארומצוגעהן ליידיג בלויז דערפאר, וואס זיי האבען געבעטען, אז זייערע שכירות, אין א צייט פון יקרות אויף שפייז, זאלען געהעכערט ווערן פון דרייצעהן שילינגען א וואך אויף פערצעהן. מען מוז אהן צווייפעל האבען געלט, און דאס איז די איינציגע זאך, וואס קען ברענגען א זיעג. לאמיר, דעריבער, האפען, אז בירמינגהאם וועט ווידער אמאל קומען צו הילף, אנטשלאסען צו העלפען די לייטע מיט דערפאלג צו באקעמפען די אונטערדריקונג, וואס מען וויל ברענגען דורך דעם לאקאוט.

דער גרעסטער הויך־פריסטער און באפרייער פון די דאזיגע מענשען זוכט יעצט אונזער הילף. מיר טארן ניט דערלאזען, אז זיין בקשה צו אונז זאל בלייבען אן אומזיסטע. זיין פארגאנגענע טעטיגקייט איז גע־ווען צו נאבעל, די זאך, פאר וועלכע ער אפעלירט, איז א צו גערעכטע, די פראגען, וואס זיינען מיט דעם פארבונדען, זיינען צו וויכטיג, אז מען זאל זיי פארבייגעהן אין דער שטיל. לאמיר אלע ארבייטען צוזא־מען. מיר קענען אלע געבען צוביסלאך און יעדער איינער קען דער־מוטיגען זיין פריינד צו פאלגען זיין ביישפיעל. דער קאמף קען זיין

בייט א זעצער. די דאזיגע הילף, צוזאמען מיט די פאנדען און די אונטערשטיצונג פון איינפלוסרייכע פילאנטראפען, האט געמאכט, אז דער אויסברוך פון דער באוועגונג זאל ניט אזוי שנעל פארבייגעהן, ווי אין 1833־4. אין פיעלע דערפער האט בלויז די גרינדונג פון אן אפטיילונג געפיהרט צו א תיכף'דיגע העכערונג פון שכירות. אבער די העזה פון די פעלד־ארבייטער נאכצומאכען די פאראיינען פון דעם שטאדטישען בעל־מלאכה האט, ווי אין 1833־4, ארויסגערופען א כמעט אומבאשרייבליכע ביטערקייט פון געפיהלען ביי די פריצים און זייערע פריינד. די לאנד־באזיצער, די קליינע און די גרויסע, פלעגען אומעטום, וואו זיי האבען עס נאר געקענט

א שווערער. ער איז פאר דער פרייהייט אונגעשטערט צו פאראייניגען זיך, ווי מיר האבען עס געטאן. מיר האבען באקומען געוויסע נוצען פון אונזערע יוניאנען; מיר מוזען זיי העלפען צו גרינדען זייערע און ניט דערלויבען, אז דער שטראהל פון האפנונג, וואס באלייכט יעצט דעם וועג פון אונזערע געדולדיגע, אבער אנטשלאסענע חברים־ארבייטער, זאל פארפינסטערט ווערן דורך דער בייזער בלינדקייט פון זייערע באלעבאטים, וועלכע, זייענדיג אליין אין א געוויסער מאס שקלאפען צו די העכערע מאכטען פון זיי, וואלטען, אויב זיי זאלען קענען, אפילו צו זייער אוי־מאכטען גענעם שאדען, איבערגעבען אלע נידעריגערע פון זיי צו איוביגער שקלאפעריי. דאס טאר ניט פאסירן. מיר טארן ניט דערלאזען, אז די דאזיגע מענשען זאלען ווערן בארויבט פון זייער רעכט צו פאראייניגען זיך, אנדערש וועט זייער צוקונפט בלייבען נאך מעהר אהן האפנונג, איידער זייער פארגאנגענהייט. זאל עמיצער אין יעדער פאבריק און אין יעדען ארבייט פלאץ זאמלען פון די, וועלכע זיינען גענייגט צו געבען, און אויף אזא אופן העלפען באזארגען די מיטלען פאר די לייטע זיי זאלען קענען ביישטעהן געגען די כחות, וואס זיינען ארויסגעטראטען געגען זיי, אום צו צייגען צו די, וואס ווילען זיי אונטערדריקען, אז מיר האבען שוין כמעט זיך אויסגעלערענט צו פארשטעהן די נויטיגקייט און די פליכט צו שטעהן איינע מיט די אנדערע ביז אלע אונזערע גערעכטע אנשטרענגונגען זאלען געקרוינט ווערן מיט א זיעג.

אלע מיטגליעדער פון דעם טריידס קאונסיל פון בירמינגהאם זיינען באפאלמעכטיגט צו זאמלען און צו באקומען ביישטייערונגען צו דעם פאנד און זיי וועלען זיין צופריעדען צו באנוצען זיך מיט דער הילף פון אנדערע.

אויף דעם באפעהל פון טריידס קאונסיל פון בירמינגהאם,

וו. גיליוווער, סעקרעטאר".

איינשטעלען, מאכען א „קרבן" פון יעדען איינציגען ארבייטער, וואָס איז געוואָרן א מיטגליעד פון א פאראיין. מען פארשפּאָרט דערצעהלען, אז זיי האָבען געהאַט די פריינדליכע שטיצע פון די פּראָווינציעלע ריכטער. כדי צו העלפען א לאָקאוט אין דער געגענד פון טשיפּפינג נאָרטאָן האָבען צוויי מאגיסטראטען, וועלכע זיינען ביידע גראָד געווען גייסטליכע, פארשיקט זעכצעהן פרויען פון לאנד־ארבייטער, איינציגע מיט ברוסט־קינדער, אין געפענגניש אויף שווערע ארבייט פאר „אָנשרעקען" געוויסע נים־יוניאָן ארבייטער. א פארזוך צו באשטראָפען די פיהרער פון א פארזאמלונג אין פּאררינגטאָן, אויף דעם גרונד, אז זיי האָבען „פארשטעלט דעם וועג", איז דורכגעפאלען בלויז א דאנק דעם, וואָס מען האָט פון לאָנדאָן אראָפּגעבראַכט א באריהמטען „ראטגעבער פון דער קעניגין" (אדוואָקאט) כדי איבערצושרעקען דעם אָרטיגען ריכטער. אָהן א שיעור מעשים פון קליינליכע טיראניי און אונטערדריקונג האָבען געצייגט ווי ווייט הינטערשטעליג די לאנד־באזיצער זיינען געווען אין פארגלייך מיט די קאפּיטאליסטישע ארבייטסגעבער בנוגע צו דאָס רעכט פון פאראייניגונג. די „עטאבלירטע קירכע" (די אנערקענטע פון דער מלוכה) איז אויך ניט געווען מעהר פריינדליך. אויף א גרויסער פארזאמלונג, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרן אין „עקזעטער האָל" צו שטיצען די לאנד־ארבייטער, וואו דער הער סעמועל מאָרלי, דער פּארלאמענטס מיטגליעד, האָט אָנגענומען צו זיין פּאָרזיצענדער, איז דער איינציגער גייסטליכער, וועלכער האָט זיך באוויזען אויף דער ביהנע, געווען דער ארטש־בישאָפּ (שפּעטער קארדינאל) מאנינג. עס וועט געוויס ניט זיין קיין אומרעכט צו זאָגען, אז דער גייסט, מיט וועלכען די פּראָווינציעלע גייסטליכע האָבען באטראַכט דעם סאָציאלען אויפריהר, האָט זיך כאראקטעריסטיש ארויסגעצייגט אין אן עפענטליכען אויסדרוק פון א געלערענטען בישאָפּ. דעם צווייטען סעפּטעמבער, 1872, האָט דר. עלליקאָט, דער בישאָפּ פון גלאָסעסטער, רעדענדיג ביי א פארזאמלונג פון דער „גלאסעסטער'ער אגריקולטורעלער געזעלשאפט", ארויסגעזאָגט דעם פיעלבאדייטענדען גערדאנק, אז דער דאָרפישער טייכעל, וואו מען גיט די פערד טרינקען, איז א פּאסענדער ארט פאר די „אגיטאטאָרען", ד. ה. די דעלעגאטען, וועלכע די

יוניאָן האָט געשיקט צו עפּענען נייע לאָקאַלען. און די פּערמער, די פּריצים און די קירכע האָבען געהאַט די שטיצע פון דער אַרמיי. ווען די לאַנד־אַרבייטער זיינען אין אויגוסט, 1872, אַרויס אין שטרייק פאַר אַ העכערונג פון שכירות, האָבען די אָפיצערען אין אָקספאָרדשייר און בוירקשייר געשטעלט די סאָלדאַטען אונטער דעם רשות פון די לאַנד-באַזיצער זיי זאָלען אַרונטערנעמען דעם שניט און אויף אַזאַ אופן ברעכען די יוניאָן.

דער אויפשטאַנד פון דעם דאָרף און דער זעלבסטהערשענ־דער גייסט, וואָס ער האָט אַרויסגערופען ביי די לאַנדאייגענטימער און די אַרענדאַטאָרען (מוכסים), האָט, גלויבען מיר, געהאַט אַ ווייט־גרייכענדען פּאָליטישען איינפלוס. מיר האָבען דאָ ניט אין זינען די ווירקונג, וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דער אַגיטאַציע פאַר דער אָפּטיילונג פון דער קירכע פון דעם שטאַט אָדער אויף דעם וואוקס פון ראַדיקאַליזם אין די פּראָווינצען. מיר געפינען אָבער, זינט יענע מאָנאַטען, אין דעם טרייד יוניאָן פּראָגראַם די פאָרשלאָגען בנוגע צו רעפאָרמען אין די לאַנד געזעצען און וועגען באַגרענעצען די רעכטען פון די מאַגיסטראַטען (פּראָווינציעלע ריכטער) וואָס שיי־נען, אויפ׳ן ערשטען בליק, ניט צו האָבען קיין שיכות מיט די תביעות פון דעם שטאָדטישען בעל־מלאכה. אָבער הגם דער לאַנד־אַרביי־טער האָט געהאַט זיין ווירקונג אויף דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, האָט אָבער די באַוועגונג אליין ווייניג געקאָנט טאָן פאַר איהם. זיינע ברידער יוניאָניסטען האָבען מיט אַ פרייער האַנד איהם גע־האָלפען מיט פאָנדען און מיט פערזענליכער שטיצע. די פּראָטאָ־קאָלען און די געלד־באַריכטען פון די גרויסע יוניאָנען און די טריידס קאונסילס ציינען ווי וואַרים און גרויסמוטיג עס האָבען געענט־פערט אויף זיין אויפרוף די מאַשיניסטען, די סטאָליאַרעס, די מינען־גרעבער און אַנדערע פאַכען. דער לאָנדאָנער טריידס קאונ־סיל האָט מיר דערפּאָלג שטאַרק געאַרבייט דערפּאַר, אַז דאָס „אויס־לייהען" פון סאָלדאַטען צו די לאַנד־באַזיצער זאָל אָפּגעשטעלט ווערן און האָט אויסגעפיהרט, אַז אַ נייער באַפעהל זאָל אַרויסגע־געבען ווערן, וואָס האָט בפירוש פאַרבאָטען אַזאַ הילף אין דער צוקונפט „דאָרט, וואו עס קומען פאָר שטרייקען אָדער עס עקזיס־טירען סכסוכים צווישען די פּערמער און זייערע אַרבייטער". די

עפענטליכע אומצופרידענהייט מיט דער אנטשיידונג אין טשיפּפּינג. נאָרטאָן איז פון די פיהרער פון די טרייד יוניאָנען אויסגענוצט געוואָרען אלס א מעכטיגער ארגומענט פאר דער אָפּשאַפונג פון דעם „אויסבעסערונגס אקט פון דעם קרימינעלען געזעץ".

אָבער דאָס אַלעס האָט דעם לאַנד־ארבייטער וועניג נוצען גע־בראכט. דער פיבערישער גלויבען אין פאראייניגונג אלס א סגולה געגען אַלע סאָציאַלע צרות איז צוביסלאַכוויַיז אָפּגעקיהלט געוואָרן. די פּערמער, נאָך זייער ערשטער איבערראשונג, ווען די ארבייטער האָבען אויסגעקעמפט היבשע העכערונגען אין זייערע שכירות, האָ־בען אויף די פאָדערונגען און די ערפאָלגען פון די לאַנד־ארבייטער געענטפערט מיט אַן איינגעשפּאַרטען ווידער־שטאַנד און האָבען זיך באַנוצט מיט יעדער געלעגענהייט צוריקצוגעווינען זייער באָדען. יעדען ווינטער זיינען געברויכט געוואָרן לאָקאַוטען אלס א מיטעל פאר דער צושמעטערונג פון געוויסע לאָקאַלען פון דער יוניאָן. און אין דער פארניכטונגס־ארבייט האָט זיי געהאָלפען זייער פּערזענ־ליכע נאָהענטקייט מיט דעם ארבייטער. עס איז געווען לייכט אריינצוּוואַרפען אין דעם פאַרדעכטליכען מח פון דעם אומוויסענ־דען דאָרף־ארבייטער א געפעהרליכען ספק וועגען דעם ווירקליכען סוף פ׳ן די מטבעות, וואָס ער פלעגט אוועקשיקען צו דער ווייטער צענטראלער קאַסע. די אָרגאַניזאַציע פון דעם פאַרבאַנד איז אויך ניט געווען איינגאַנצען גוט. עס פלעגען פּאַסירן שוועריגקייטען און אָפּהאַלטען אין דעם געבען פון הילף צו לאָקאַלען, וואָס זיינען געווען אין סכנה, אָדער צו די ארבייטער, וועלכע זיינען געוואָרן „קרבנות". דער גייסטליכער, דער רופא און דער דאָרף־שיינקער זיינען אַלע מאָל געווען אויפ׳ן אָרט אונטערצוהאַלטען דעם אום־צוטרוי צו דעם „באַצאָלטען אגיטאַטאָר". אין א משך פון עטליכע יאָהר האָבען די מעהרסטע פון די אונאָפּהענגיגע יוניאָנען אויפגע־הערט צו עקזיסטירן, און ארטש׳ס גרויסע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט האָט כסדר פארלאָרן פיעל מיטגליעדער, און די וואָס זיינען גע־בליבען זיינען געווען צוּוואָרפען דאָ און דאָרט איבער די מיטעל־לאַנדישע פּראָווינצען אין ארגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אייגענטליך געווען דאָרפישע ביקור־חולים און הלוית־המת חברות. ווען פּער־מעריי אין ענגלאַנד האָט אויפגעהערט אריינצוברענגען גרויסע

הכנסות, ארום 1876—1877, האָט מען די אַרבייטער אומעדום אַנטזאַגט, אויף הונדערטע טויזענדע אַקערן לאַנד האָט גראָז פֿאַר־גומען דעם פּלאַץ פון תבואה און די פֿאָדערונג פֿאַר לאַנד־אַרביי־טער איז אָפּגעפאַלען. אַזוי, אַז אַפילו דזשאָזעף אַרטש האָט פּיעלע מאָל געראַטען די לאָקאַלע יוניאָנען זיי זאָלען מסכים זיין צו פֿאַר־קלענערונגען פון שכירות. אין 1881 האָט די נאַציאָנאַלע יוניאָן געהאַט בלויז פופצעהן טויזענד מיטגליעדער און אין 1889 בלויז 4254.[1]

מיר האָבען, דעריבער, אין דעם פּלוצלונגען וואוקס און אין דעם שנעלען צוזאַמענברוך פון דעם „אויפשטאַנד פון די פעלדער" א דערשיינונג, וואָס איז שטאַרק עהנליך צו דער מעטעאָרישער קאַריערע פון די אַלגעמיינע טרייד יוניאָנען פון 1833-4. אָבער די אויסברייטונג פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין 1871-5 איז מיט נאָך א פּונקט עהנליך צו די פריהערידיגע עפּאָכען פון צייט־ווייליגען וואוקס. אין 1871-7, ווי אין 1833-4 און אין 1852, האָט דער פּלאַן צו באַקומען באַזיץ פון די שאַפונגס-מיטלען פֿאַר־באַפּט די פאַנטאַזיע פון גרויסע מאַסען יוניאָניסטען. מיר זעהען ווידעראמאָל פּאַרזוכען פון פאַך־אָרגאַניזאַציעס צו גרינדען זייערע אייגענע פאַבריקען. די פּראָיעקטען פון קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוק־ציאָן פון 1871-5 זיינען געווען מעהר עהנליך צו די פּלענער פון 1852 איידער צו דעם רויהען קאָמוניזם פון ראָבערט אָוען. אין דער באַוועגונג פון 1833-4 איז דער גרונד פּרינציפּ פון דער טרייד יוניאָן — אויפצוהאַלטען דעם לעבענס־מצב פון די אַרבייטער — פֿאַררוקט געוואָרן אין שאָטען און איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פון אָוענ'ס אידעע, אַז נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון די פּראָדוקטיווע עלעמענטען, אין וועלכע עס זאָלען אריין אַלע אַרבייטער, זאָלען אָנפיהרען אַלע אינדוסטריען אין לאַנד. אָבער אין די פּראַקטישערע

[1] די קאָנקורירענדע קענט יוניאָן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן „די יוניאָן פון לאַנד און אַלגעמיינע אַרבייטער פון קענט און סוסעקס" און האָט אַריינגענומען אַלע מינים אַרבייטער, האָט אין 1889 אָנגעגעבען, אַז זי האָט נאָך צעהן טויזענט מיטגליעדער און אַ יעהרליכען איינקונפט פון צעהן טויזענט פונט, וואָס איז צום גרעסטען טייל אויסגעצאָהלט געוואָרן אין קראַנקען און באַערדיגונגס אונטערשטיצונגען.

צייטען פון 1852 און 1871-5 איז דער פלאן וועגען „זעלבסטבאשעפטיגונג” געבליבען שטרענג אונטערוואָרפען צו דער הויפּטטעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. מיט וואָסערע חלומות איינצעלנע פילאַנטראָפּען האָבען זיך ניט אָפּגעגעבען, האָבען אָבער די קאָמיטעטען פון די טרייד יוניאָנען און אָט־די פעריאָדען באהאנדעלט די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריק אָדער אַלס בלויז אַ באַקוועמען צונאָב צו דער יוניאָן, אָדער אַלס אַ מיטעל, וואָס גיט אַ געוויסער צאָהל פון די פאַראיין־מיטגליעדער אַ געלעגענהייט פּטור צו ווערן פון די באדינגונגען פון לוין־ארבייט.[1] דער דורכפאַל פון די אַלע פאַר־

[1] אין דער גרויסער כוואַליע פון באַגייסטערונג פאַר קאָאָפּעראַטיווע שאַפונג, איז שווער צו דערקענען דעם אונטערשייד אין יעדען איינציגען פאַל צווישען די געלדער, וואָס די ארבייטער־פאַראיינען האָבען אַליין אַלס קאָאָפּעראַטיווען אריינגעליגט אין די אונטערנעמונגען, און די געלדער, וואָס איינצעלנע מיטגליעדער האָבען אין זיי אריינגעליגט אונטער דער אויפזיכט, און אַמאָל דורך דער פאַרמיטלונג, פון זייער טרייד יוניאָן. די אַסאָציאַציע פון מינען־גרעבער פון סאוטה יאָרקשיער האָט פאַרברויכט דרייסיג טויזענד פונט שטערלינג פון איהרע פאָנדען אין דעם אויסקויף פון די קויהלען־גריבער אין שוירלאנד, אין 1875, און האָט די גריבער באַאַרבייט אויף דעם רעכענונג פון דער אַסאָציאַציע. אָבער אין אַ גאַנץ קורצע צייט האָבען די כסדר'דיגע פאַרלוסטען אויף דער באַאַרבייטונג געפיהרט צו דעם, אַז די גריבער זאָלען פאַרקויפט ווערן און אינגאַנצען די אריינגעליגטע געלד זאָל פאַרלאָרען געהן. די מינען־גרעבער פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאם האָבען אין 1873 געגרינדעט אַ „קאָאָפּעראַטיווע מינען־געזעלשאַפט” צו קויפען אַ קויהלען־גרוב, אַן אונטערנעמונג, אין וועלכער די טרייד יוניאָנען האָבען געקויפט אַקציען און וואָס האָט זיך אָבער שנעל געענדיגט מיט דעם פאַרלוסט פון דעם גאַנצען אַריינגעליגטען קאַפּיטאַל. איינינגע פון די מאַשיניסטען פון ניוקעסל, וועלכע האָבען געסטרייקט פאַר ניין שטונדען אין 1871, זויבען דאַמאָלס אויסגעהאָלפען געוואָרן פון מיטפיהלענדע אַנצופאַנגען די „אוסבוירנער מאַשינען פאַבריק”, וואָס האָט געהאט אַן אומגליקליכען סוף אין 1876. אין 1875 האָט דער „זאָקען־אַרבייטער פאַראיין פון לייסעסטער”, וואָס האָט געהאט צוויי טויזענד מיטגליעדער, אָנגעפאַנגען צו פאַבריצירן אויף זיין אייגענער רעכענונג און האָט אויסגעקויפט אַ קליינע אונטערנעמונג. אין דעם קומענדען יאָהר איז דורך אַן אָבשטימונג פון דער מיטגליעדערשאפט אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס געגען אריינליגען די געלד פון דעם פאַראיין אין אַזעלכע אונטערנעמונגען און דער

זוכען באַלאַנגט, דעריבער, מעהר צו דער געשיכטע פון קאָאָפּעראַציע איידער צו דער געשיכטע פון די ארבייטער פאַראיינען. די לעצטע פאַרהעלטנישע צווישען די צוויי באַוועגונגען פון דעם ארבייטער קלאַס וועלען מיר באַהאַנדלען אין דעם ווייטערדיגען באַנד. פאַר אונזער יעצטיגען צוועק וועט זיין גענוג צו באַמערקען, אַז דער פאַרלוסט פון צעהנדליגע טויזענדע פונטען שטערלינג אין די דאָזיגע עקספּערימענטען האָט איבערצייגט די באַאַמטע פון די לאַנג-עטאַבלירטע יוניאָנען אין דער אומפּראַקטישקייט צו ברויכען די טרייד יוניאָן-אָרגאַניזאַציעס און זייערע פאָנדען פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער שאַפונג. די פאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריען דורך אַסאָציאַציעס פון ארבייטער בלייבט נאָך יעצט אויך דער אידעאַל פון איין שול פון קאָאָפּעראַטאָרן, און צייטענווייז פאַרכאַפּט ער נאָך די פאַנטאַזיע פון איינצעלנע יוניאָניסטען. אָבער אַנדערע אידעאַלען פון קאָלעקטיווען אייגענטום האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ

פאַראיין האָט דעם געשעפט פאַרקויפט צו אַ גרופּע אינדיווידועלע אַרבייטער אונטער דעם נאָמען „די זאָקען געזעלשאַפט פון לייסעסטער". די אונטערנעמונג האָט אַ לאַנג צייט געאַרבייט מיט דערפאָלג, אָבער קוים צעהן פּראָצענט פון די אקציאָנערן זיינען געבליבען אין איהר אַרבייטען און זי האָט זיך לסוף פאַראייניגט מיט דער „קאָאָפּעראַטיוו האָלסייל סאָסייעטי". אַהן אַ שיעור קלענערע עקספּערימענטען זיינען אונטערנומען געוואָרן דורך יענע יאָהרן פון גרופּען אָרגאַניזירטע אַרבייטער מעהר אָדער ווייניגער מיט דער הילף פון זייערע פאַראיינען, אָבער די גרעסטע מאַיאָריטעט פון זיי זיינען שנעל פאַרוואָרפען געוואָרן אַלס ניט ערפאָלגרייך. עטליכע פון די אונטערנעהמונגען עקזיסטירען נאָך יעצט אויך, אָבער זיי אַלע האָבען שוין לאַנג פאַרלאָרן וועלכע עס איז פאַרבינדונג מיט דעם טרייד יוניאָניזם. אין די לעצטע יאָהרן זיינען געמאַכט געוואָרען נייע אזעלכע פאַרזוכען פון אַרבייטער פאַראיינען. עטליכע לאָקאַלען פון דעם „נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון שטיוועל און שיך אַרבייטער", למשל, האָבען גענומען אַקציען אין דער „לייסעסטער'ער קאָאָפּעראַטיווע שטיוועל און שיך פאַבריקען געזעלשאַפט". אויך אַנדערע אַרבייטער פאַראיינען האָבען געקויפט אקציען אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין זייערע פאַרשיידענע פאַכען.

פולע איינצעלהייטען קען מען געפינען אין דעם אומפאַסענדען ווערק פון בענדזשאַמין דזשאָונז וועגען „קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציאָן" (לאָנדאָן, 1894).

פון דעם „אָועניזם" פון 1833-4 און פון דעם „קריסטליכען סאָציאַ־ליזם" פון 1852. מיר הערען שוין פּראַקטיש ניט וועגען קאָאָפּע־ראַטיווע עקספּערימענטען פון טרייד יוניאָנען אַלס קאָרפּאָראַציעס.[1]

בכלל האָט דער קאָנטראַסט צווישען דער אויסברייטונג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג אין 1873-4 און צווישען דער אויסבריי־טונג פון 1833-4 אַ גרעסערע באַדייטונג איידער וועלכע עס איז עהנליכקייט, וואָס מען קען אויפזוכען צווישען די צוויי פּעריאָדען. די טרייד יוניאָניסטען פון 1833-4 האָבען געשטרעבט ניט צו קיין קלענערע זאַך, ווי צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען אַרבייטגעבער; און ער האָט זיי געענטפערט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַבסאָלוט אַנטזאָגט צו דולדען, אָדער אַפילו צו אַנער־קענען, זייער אָרגאַניזאַציע. די נייע איינענשאַפט פון דער אויס־ברייטונג פון 1873-4 איז געווען די מעסיגקייט פון די אַרבייטער תביעות: זיי האָבען בלויז געפאָדערט מען זאָל זיי געבען אַ טייל פון די אונגעהויער גרויסע פּראָפיטען פון יענע גוטע צייטען. די אַרבייטס־געבער פון זייער צד האָבען אין די מעהרסטע פאַלען אויפ־געהערט צו אַנטזאָגען זיך צו אַנערקענען די יוניאָנען, און זיי האָ־

[1] נאָך מיט איין זאַך דערמאָנט די אויסברייטונג פון דער אַרבייטער באַוועגונג פון 1872-4 די באַוועגונג פון 1833-4. ביידע פּעריאָדען האָ־בען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ פאַרזוך אַריינצונעמען די פרויען לוין־אַרבייטערינען אין די טרייד יוניאָנען. פון צייט צו צייט פלעגען זיך גרינדען שוואַכע פאַראיינען פון פרויען אַרבייטערינען בלויז אום צו־זאַמענצופאַלען נאָך אַ קורצע עקזיסטענץ. אין דעם יאָהר 1872 האָט זיך געגרינדעט דער עלטסטער דויערהאַפטער פאַראיין בלויז פאַר פרויען — „די עדינבורגער געזעלשאַפט פון טופּיצער'ס נייהטערינען". צוויי יאָהר שפּעטער האָט די פרוי פּאַטערסאָן, אַ ווירקליכע פּיאָניערין פון די מאָדערנע פרויען טרייד יוניאָנען, אָנגעפאַנגען איהר טעטיגקייט אויף דעם געביט, און אין 1875 זיינען געגרינדעט געוואָרן עטליכע קליינע פאַראיינען צווישען די לאָנדאָנער פרויען בוכבינדעריננס, טופּיצעריננס, העמדער און קראַוואַטען נייהטעריננס און מאָדיסטיננס, און אַ יאָהר שפּעטער זיינען צוגעקומען אַנדערע צווישען די שניידעריננס, וועשעריננס א. אַ. וו. פרוי עממאַ אַנן פּאַטערסאָן (מיידעלשער נאָמען — סמיטה) געבאָרן אין 1848, די טאָכטער פון אַ לאָנדאָנער שול־לעהרער, האָט פון דעם יאָהר 1867 ביז דעם יאָהר 1873 נאָכאַנאַנד פאַרנומען די אַמטען פון געהילפס־סעקרעטאַר פון דער „וואָירקמענס קלוב ענד אינסטיטוט

בען אפילו נאָכגעגעבען, נאָך פיעלע צוריקוויזונגען, דעם פּרינציפּ, אז די אינדוסטריען זאָלען רעגולירט ווערן פון געמיינשאַפטליכע אויסגלייכונגס־קאָמיסיעס אָדער פון אומפּאַרטייאישע פשרה־מאַכערס דערוועהלט פון צווישען מענשען, וועלכע באַלאַנגען ניט צום פאַך, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין סכסוך. פון 1867 ביז 1875 זיינען געגרינדעט געוואָרן זעהר פיעלע אויסגלייכונג און פשרה קאָמיסיעס, וואו פאָרשטעהער פון די באַלעבאַטים און פון די טרייד יוניאָנען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלס גלייכבאַרעכטיגטע מיטגליעדער. עס האָט באמת געמוזט זיין שווער פאַר די אַרבייטער פון דער עפּאָכע צו באַגרייפען מיט וואָס פאַר אַ האַרטע עקשנות די באַלעבאַטים האָבען, צווישען 1850 און 1870, זיך געוועהרט אַנטקעגען וועלכער עס איז אַריינמישונג אין דעם, וואָס זיי האָבען באַטראַכט אַלס בעצם אַ פּריוואַטע זאַך. ווען די „אַמאַלגאַמירטע מאַשיניסטען געזעלשאַפט" האָט, אין 1851, פאָרגעשלאָגען איבערצוגעבען דעם סכסוך, וואָס זיי האָבען דאַמאָלס געהאַט, פאַר אַן אויסגלייך צו בוררים, האָבען די מייסטערס־אינזשינירן פּשוט איג־

יוניאָן" און פון דער „אַסאָציאַציע פאַר פרויען שטימרעכט". אין 1873 האָט זי געהייראַט טאָהמאַס פּאַטערסאָן, אַ מעבעל־אַרבייטער. אויף אַ באַזוך אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער „פרויען שירם־אַרבייטערינס יוניאָן פון ניו יאָרק" און האָט, ווען זי איז געקומען צוריק אין 1874, שטאַרק געאַרבייט צו פאַרשפּרייטען די אידעע פון פאַכען־פאַראייניגונג צווישען די פרויען אַרבייטערינס אין דרום פון ענגלאַנד. נאָך דעם ווי זי האָט פאַרעפענטליכט עטליכע צויטונגס אַרטיקלען, האָט זי אָרגאַניזירט די „פרויען ליגע פאַר באַשיצונג און באַזאָרגונג" (יעצט — די „פרויען טריידס יוניאָן ליגע"), מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו אַנטוויקלען פאַראיינען פון אַרבייטערינס, און האָט דעם זעלבען יאָהר געגרינדעט די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון פרויען אַרבייטערינס" אין בריסטאָל. פון 1875 ביז 1886 האָט זי כסדר זיך באַטייליגט אין דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס און איז עטליכע מאָל נאָמינירט געוואָרן אַלס מיטגליעד פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט און האָט אויף דעם קאָנגרעס אין האָלל באַקומען די גרעסטע צאָהל שטימען צווישען די דורכגעפאַלענע קאַנדידאַטען. אַ קורצע, אָבער וואַרימע באַשרייבונג פון איהר לעבען און טעטיגקייט איז ערשיענען אין דעם „וואָמענס יוניאָן זשורנאַל" ווען זי איז געשטאָרבען אין דעצעמבער, 1886.

נאָרירט דעם פאָרשלאָג. די אונטערזוכונג קאָמיסיעס פון פּאַרלאַמענט פון 1856 און 1860 האָבען באַריכטעט, אז די עדות אַרבייטער, וואָס זיי האָבען אויסגעהערט, זיינען שטאַרק געווען פאַר איבערגעבען סכסוכים צו פשרה־מאַכערס, אָבער די אַרבייטס־געבער זיינען געווען אין ספק צו אזא זאַך איז מעגליך. די גרינדונג פון מונדעללאַ'ס זאַקען־אַרבייט קאָמיסיע אין נאָטטינגהאַם אין 1860 און פון סער רופּפּערט קעטל'ס געמיינשאַפטליכע קאָמיטעטען אין די בוי־פאַכען אין וואָלווער האַמפּטאָן אין 1864 האָט אויך ניט געהאָלפען ענדערען די שטעלונג פון די אַרבייט־געבער אַנדערשוואו. אָבער צווישען די יאָהרען 1869 און 1875 האָבען די מיינונגען צווישען די קאַפּיטאַנען פון די אינדוסטריען, צו דער גרעסטער צופריעדענהייט פון די פיהרער פון די טרייד יוניאָנען, אָנגעפאַנגען צוביסלאַכוויז זיך צו ענדערען אין דעם פּרט. „פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדער מאַקדאָנאַלד אין 1875, — ווען מיר האָבען פאָרגעשלאָגען אָנצונעמען דעם פּרינציפּ פון אויסגלייכונג דורך דערוועהלטע פשרה־מאַכער, האָבען די פאַרטיידיגער פון די באַלעבאַטישע אינטערעסען אונז אויסגעלאַכט מיט ליצנות. אָבער קיין באַוועגונג אין קיין צייט האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אַזוי שנעל אָדער זיך טיעפער איינגעוואָרצעלט איידער די, וואָס מיר האָבען דאַמאָלס אָנגעפאַנגען. קוקט זיך צו צו דער הערליכער לאַגע אין ענגלאַנד און אין וועילז. אין נאָרטהומבערלאַנד באַגעגענען זיך יעצט די אַרבייטער מיט זייערע באַלעבאַטים אַרום איין טיש... אין דורהאַמשייר איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַן אויסגלייכונגס קאָמיסיע פון פשרה־מאַכער און פינף און זיבעציג טויזענד מענשען זיצען רוהיג און וואַרטען מיט פולשטענדיגען צוטרוי אויף איהרע אַנטשיידונגען. אין יאָרקשייר געפינען זיך פערציג טויזענד מענשען אין דער זעלבער לאַגע."

אָבער הגם די גרינדונג, פון דעם יאָהר 1869 און ווייטער, פון געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס און קאָמיטעטען פאַר אויסגלייכונגען שטעלט מיט זיך פאַר א קענטיגען שריט פאָראויס פאַר דעם אַרבייטסגעבער, דאָך האָט דער זיעג געבראַכט אַזעלכע רעזולטאַטען, וואָס האָבען אין א גרויסער מאָס צונישט געמאַכט זיינע

גוטען.[1] ווי עס פאסירט אין פּאָליטישע נצחונות, האָבען די ארבייטער באצאָהלט פאר זייער געווינס מיט דעם, וואָס זיי האָבען אָנגענומען דעם טעאָרעטישען שטאַנדפונקט פון זייערע געגנער. ווען די פאָרשטעהער פון די באַלעבאַטים און די ארבייטער דעלע־גאַטען האָבען אָנגעפאנגען צוזאמענצוקומען זיך צו פארהאנדלען די שכירות־טאַבעלען פאר דער צוקונפט, זעהען מיר ווי די פאר־האַרטעוועטע פיהרער פון פיעלע טרייד יוניאָן קאמפען נעמען צוביסלאכווייז און אומבאוואוסטזיניג אָן דעם קאפיטאַליסטישען גרונד־פרינציפּ, אַז שכירות מוזען נויטיגערווייזע ענדערען זיך לויט דער מאָס פון די קאָפּיטאַליסטישע פּראָפיטען, אפילו ביי יעדע ענדערונג פון די פרייזען פון וואארעס.[2] אין דארלינגטאָן, למשל, זעהען מיר ווי דעם כיטרען פיהרער פון די באַלעבאַטים, דייוויד דעיל, געלינגט פאָלשטענדיג ארייננצופּלאַנצען אין דזשאָהן קעין און נאָכדעם אין אַ גאַנצען דור פון אייזען־ארבייטער דעם

[1] אין אַ וויטערדיגען באַנד וועט גרינדליכער פאָרהאַנדעלט ווערן די פראַגע וועגען די פאַרהעלטניסע צווישען די אַרבייטער פאַראיינען און די אַרבייטס־געבער. מען מוז געדענקען, אַז אין יענע יאָהרען האָ־בען אויסדרוקען „אַרביטריישאָן" (פשרה דורך בוררים) און „קאָנ־סיליאיישאָן" (אויסגלייך) אין דעם פּרט געפּאַנט ניט זעהר פיעל. אַפּט פלעגען די קאָמיסיעס זיך צוזאַמענקומען בלויז דורכצוריידען זיך ניט מאַכען קיינע באַשטימטע באַשלוסען.

[2] דער גאַנג אין די ענדערונגען פון פּרייזען זינט 1870 צייגט וואָס פּאַר אומגליקען עס וואָלט געבראַכט פאַר די לוין־אַרבייט, ווען מען וואָלט געווען דעם דאָזיגען פּרינציפּ אָנגענומען איבעראַל. צווישען די יאָהרען 1870 און 1894 איז דער „שליסעל נומער", וואָס דער זשורנאַל „עקאָנאָמיסט" פלעגט אויסאַרבייטען צו רעפּרעזענטירן דעם דורכשניט־ליכען הויך פון די מאַרק־פרייזען, כסדר געפאַלען ביז ער איז פון 2996 אַרונטער צו 2082 אָהן קיין שייכות מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד אָדער מיט די פאַרדיענסטען פון די אַרבייטס־געבער. אַ פּונקטליכע אויסגלייכונג פון שכירות לויט די מקחים פון די פּראָדוקטען וואָלט אויסגעשלאָסען די לוין־אַרבייטער, אָלס אַזעלכע, פון וועלכער עס איז באַטייליגונג אין די הכנסות, וואָס קומען פון פאַרבעסערונגען אין דער פּראָדוקציאָן, אין דער פאַרביליגערונג פון דעם טראַנספּאָרט און אין דעם פאַלען פון די פּראָצענטען־נאָרמען, וואָס וואָלט געקענט, אונטער אַנדערע אומשטענדען, אויסגענוצט ווערן צו פאַרבעסערן דעם לעבענס־מצב פון דעם אַרבייטער.

פעסטען גלויבען אין דעם פרינציפ פון רעגולירען שכירות לויט דעם פרייז פון דעם פראָדוקט. די הויכע פרייזען פון 1870-73 האָבען באַזייטיגט די לעצטע ספקות פון די ארבייטער בנוגע צו דער נייער תורה. אין 1874 האָט א דעלעגאטען־פארזאמלונג פון די מינען־ארבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד באַשלאָסען צו געברויכען דעם פאָרמעלען אויסדרוק פון דעם פארוואלטונגס קאָמיטעט, אז „פרייזען זאָלען באַשטימען די שכירות". דער זעלבער שלום איז אין די זעלבע ווערטער איבערגע'חזר'ט געוואָרען אויף די דעלעגאטען־פארזאמלונגען פון 1877 און 1878. אין 1879, ווען די פרייזען האָבען אָנגעפאנגען זעהר שטארק פאלען, געפינען מיר נאָך אלץ דעם פארוואלטונגס קאָמיטעט איבער'חזר'ענדיג, אז „אלס אַן אָרגאניזאציע האָבען מיר אימער גערענקט, אז שכירות זאָלען זיין באַזירט אויף דעם פארקויף־פרייז פון קויהלען". אין אַן אינטערעסאנטען בריעף געדאַטירט דעם ערשטען פעברואר, 1878, פון די הערן בוירט, דיקסאָן און יאַנג (דאמאָלסט די באַצאָהלטע באאמטע פון די קויהלען־גרעבער פון נאָרטהומבערלאַנד), וואו זיי באשרייבען די פארהאנדלונגען וועגען אויסארבייטען א „באוועגליכע" שכירות טאַבעלע, באַנוצען זיי זיך מיט דער געלעגענהייט צו דערמאָנען, אז זיי האָבען איינגעשטימט מיט די באַלעבאַטים, אז עס זאָל ניט זיין קיין „מינימום לוין". און הגם די פראַקטישע שוועריגקייטען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דער איינפיהרונג פון אויטאָמאַטיש זעלבסט־אויסגלייכענדיגע שכירות האָט געשטערט דער אויסשפרייטונג פון באוועגליכע שכירות־טאַבעלען צו אַנדערע אינדוסטריען, איז דער פרינציפ אָהן טענות אָנגענומען געוואָרען צווישען גאנצע גרופען פון די טרייד־יוניאָנען. אויף דעם שטייגער האָט צוביסלעכוויז דעם פּלאַץ פון געצוואונגענער אויפהאלטונג,—אין גוטע, אָדער שלעכטע צייטען,— פון דעם ארבייטער'ס לעבענס־מצב פארנומען דער גלויבען אין א שכירות־טאַבעלע, וואָס באוועגט זיך ארויף און אראָפּ לויט די קאָמערציעלע ספעקולאַציעס פון די, וועלכע קאָנטראָלירן דעם מאַרק.

די נייע לעהרע איז ניט אָנגענומען געוואָרען אָהן קרעפטיגע פּראָטעסטען פון די מעהר דענקענדע ארבייטער פיהרער. ללאיד

דזשאָונז, שרייבענדיג אין 1874, וואָרענט „די ארבייטער געגען דער געפאהר, וואָס ליגט אין דעם פּרינציפּ, אַז שכירות זאָלען גערעגולירט ווערן פון די פּרייזען — אויב דער דאָזיגער פּרינציפּ זאָל אָנגענומען און דורכגעפיהרט ווערן, וואָס וואָלט, דורך דעם, געמיינט, אַז די טרייד יוניאָנען זיינען צו איהם מסכים. עס איז צו באַדויערן, וואָס די אָרגאַניזאַציעס דערלויבען ער זאָל ווירקען ביי פּשרות־אָפּמאַכען, נעמען איהם אָן ביי פאַרהאַנדלונגען מיט זייערע ארבייטסגעבער און גיבען אויף דעם אופן די העכסטע הסכמה, וואָס זיי קענען, צו אַ האַנדלונגס מעטאָדע, וואָס איז העכסט שעדליך פאַר דער ארבייטער זאַך.. דעריבער איז די ערשטע זאַך, וואָס די פאַרוואַלטער פון די טרייד יוניאָנען מוזען אויספיהרען, איז, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַ מינימום, וואָס זיי זאָלען באַטראַכטען אַלס אַ פּונקט, נידעריגער פון וועלכען זיי זאָלען קיינמאָל ניט געהן... ער מוז זיין אַזאַ, וואָס זאָל פאַרזיכערן פאַר דעם ארבייטער שפּייז און אַ געוויסע מאָס באַקוועמליכקייט פאַר איהם אַליין און פאַר זיין פאַמיליע; ניט קיין קלעגליכע הונגער־קצבה, נאָר שכירות גענוג צום לעבען... די אָפּמאַכען וואָס זיי שליסען יעצט געבאַזירט אויף די וואַקלענדיגע פּרייזען, גיבען פּראַקטיש איבער זייער גורל אין פרעמדע הענד. דאָס מיינט איינצושטעלען דעם ברויט פון זייערע קינדער אויף דעם תהו־ובהו פון קאָנקורענץ, וואו אַלץ ווערט באַשלאָסען דורך דעם בלינדען און זעלבסטזיכטיגען קאַמף צווישען זייערע באַלעבאַטים.” פּראָפעסאָר ביזלי שרייבט: „איך שטים לחלוטין איין מיט אַ וואונדערבאַרן אַרטיקעל פון ללאָיד דזשאָונז[1] אין אַן אויסגאַבע פון

[1] ללאָיד דזשאָונז, איינער פון די פעהיגסטע און איבערגעבענסטע פריינד פון דעם טרייד־יוניאָניזם, איז געבאָרן אין באַנדאָן, אין אירלאַנד, אין 1811 און איז געווען אַ זוהן פון אַן אָרימען בעל־מלאכה אין באַוועל־שניידונג (Fastian cutting). ער איז צוערשט אויך געווען אַ באַוועל־שניידער און איז, ווי זיין פאָטער געוואָרן אַ קליינער באַלעבאָס אין זיין מלאכה, אָבער אַמענדע האָט ער פאַרלאָזען די באַשעפטיגונג און האָט זיך אָבגעגעבען מיט זשורנאַליזם. ער איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער פאַרטיידיגער פון קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען און אין 1850 האָט ער, צוזאַמען מיט טהאָמאַס היוז און ע. וואַנסיטאַרט ניעל, געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אין אַ רעדנער־טור דורך לאַנקאַ־

דעם „ביהייוו" ניט לאנג צוריק, אין וועלכען ער האלט זיך ביי דעם געדאנק, אז די קויהלען־גרעבער זאלען שטרעבען צו עטאב־לירן א מינימום פרייז פאר זייער ארבייט און זאלען צווינגען זייערע באלעבאטים צו רעכענען זיך מיט איהם אלס מיט דעם איינציגען שטענדיגען און פעסטען עלעמענט אין אלע זייערע ספעקולאציעס. אלע ארבייטער מוזען האבען אין זינען דעם דאזיגען ענדליכען אידעאל."

ניט בלויז זייטיגע מענשען, וועלכע זיינען געווען פריינדליך פארבונדען מיט דער טרייד יוניאן באוועגונג האבען זיך געהאלטען ביי דעם שטאנדפונקט. מיר וועלען האבען א געלעגענהייט אנ־צוצייגען ווי שטארק די באוועל־ארבייטער און די קעסעל־ארביי־טער האבען פראטעסטירט אנטקעגען דאס אוועקשטעלען פון זייערע שכירות אין אפהענגיגקייט פון דעם גאנג פון די פרייזען. אלעק־סאנדער מאקדאנאלד אליין, הגם ער האט געגעבען זיין הסכמה צו די געמיינשאפטליכע קאמיטעטען, האט אינסטינקטיוו זיך כסדר געהאלטען פיינדליך צו דעם נייעם פרינציפ פון א באוועגליכער־טאבעלע; און דער צוזאמענשטויס צווישען די לעהרען פון מאק־דאנאלד בנוגע צו שכירות און צו ארבייטס־שטונדען מיט די עקא־

שייר. עטליכע יאהר שפעטער געפינען מיר איהם אין לאנדאן אין ענגע פארבינדונגען מיט די טרייד יוניאן פיהרער, מיט וועמען ער איז געווען אינטים באפריינדעט. זינט עס איז געגרינדעט געווארן דער ''Beehive'' אין 1861, האט ער דורך א משך פון אכצעהן יאהר אפט אין איהם מיטגעארבייט. זיינע ארטיקלען האבען זיך אלע מאל אויס־געצייכענט מיט ליטערארישער פעהיגקייט, באשטימטע ידיעות וועגען עקאנאמישע צושטאנדען און א טיעפען בליק. פון 1879 ביז זיין טויט אין 1886 פלעגען פארשיידענע יוניאנס אפט איהם איבערגעבען ער זאל פארטיידיגען זייער צד ביי אויסגלייך־פארהערען. ביי די אל־געמיינע וואהלען פון 1885 איז ער געווען א קאנדידאט אין א באצירק אין דורהאם, וואו זיינע געגנער זיינען געווען די אפיציעלע ליבעראלען און די קאנסערוואטיווע, און ער איז דורכגעפאלען. צוזאמען מיט דזשיי. מ. לודלאו האט ער אנגעשריבען א בוך וועגען „דעם פארטשריט פון די ארבייטער קלאסען" (לאנדאן, 1867) און האט שפעטער ארויס־געגעבען א בוך איבער דעם „לעבען, די צייטען און די טעטיגקייטען פון ראבערט אועו", צו וועלכען זיין זוהן, וו. סי. דזשאונז, האט שפע־טער צוגעגעבען זיינע אייגענע זכרונות.

נאָמישע שטאַנדפּונקטען פון די פיהרער פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאם האָט, ווי מיר וועלען אין גיכען זעהן, אמענדע צוטיילט די ארגאַניזירטע מינען־גרעבער אויף צוויי פיינדליכע לאַגערען.

די טרייד יוניאָן וועלט פון 1871—5 איז דעריבער געווען מעהר קאָמפּליצירט און האָט מיט זיך פארגעשמעלט מעהר שווערע אינערליכע פּראָבלעמען איידער עס האבען זיך פארגעשטעלט די צושראָקענע באַלעבאַטים אָדער די טריאומפירענדע טרייד יוניאָניסטען. עס האָט זיך בלויז געפאדערט דער דרוק פון שווע־רע צייטען צו אַנטדעקען פאר די טרייד יוניאָניסטען גופא, אַז זיי זיינען ניט געווען די פעסט און גוט אָרגאַניזירטע ארמיי, וואָס די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון די פאראייניגטע ארבייטסגעבער" האָט באַשריבען, נאָר אַ גרופּע פון באזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס יעדע פון זיי פאַרפאָלגט אַ באזונדערע און אמאָל אַ געגנערישע טאַקטיק.

דער אינדוסטריעלער וואוקס, אונטער וועמעס איינפלוס דער טרייד יוניאָניזם האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, אין 1873־4, דער־גרייכט איינע פון זיינע הויכע שטופען, איז פּלוצלונג געקומען צו אן ענד. די געדריקטקייט איז צוערשט געוואָרן קענטיג אין די קויהלען און וועבען אינדוסטריען, אין יענע אין וועלכע די אויפגעבלאָזענקייט איז פיליכט געווען אַמשטאַרקסטען. דער ערשטער קלאַפּ האָט פּאַסירט אין פעברואר, 1874, ווען די קויהלען־גרעבער פון מזרח פון שאָטלאַנד האָבען דערלויבט מען זאָל פאר־קלענערן זייערע שכירות אויף אַ שילינג אַ טאָג. דורך דעם ווייטערדיגען משך פון יאָהר זיינען פרייזען און שכירות געפאַלען אַלץ נידעריגער און נידעריגער אין אָט־די ביידע גרונד־אינדוסטריען. אין יאַנואַר, 1875, האָט אויסגעבראָכען אַ צוהיצטער קאַמף אין סאוטה וועילז, וואו פיעלע טויזענטער מינען־גרעבער און אייזען־ארבייטער האָבען זיך אַנטזאָגט צו דערלאָזען, אַז מען זאָל אַ דריטען מאָל פארקלענערן זייערע שכירות אויף צעהן פּראָצענט. דער קאַמף האָט זיך פארציהען ביז ענדע מאַי, ווען די שטרייקערס זיינען געגאַנגען צוריק צו דער ארבייט אויף אַ פארקלענערונג ניט פון צעהן, נאָר פון צוועלף און אַ האַלבען פּראָצענט פון זייערע שכירות. מיט דער פארשטענדניס, אַז „יעדע ענדערונג אין די

לוין־ראטען... זאָל זיין באַזירט אויף א באוועגליכע שכירות־טאבעלע, וואָס זאָל רעגולירט ווערן לויט דעם פארקויף־פרייז פון קויהלען״. אין דעם קומענדען יאָהר האָט זיך די עקאָנאָמישע גע־דריקטקייט פארשפרייט צו די טעקסטיל אינדוסטריען און האָט צוביסלאכווייז פארכאפּט אַלע אינדוסטריען איבער דעם גאַנצען לאַנד. די בוי־אינדוסטריען האָבען זיך פונדעסטוועגען נאָך געפונען אין א גוטען צושטאַנד, און די סטאָליארעס פון מאנטשעסטער האָבען אויסגעקליבען דעם מאָמענט פאר אן אגרעסיווער „פאָר־אויס־באוועגונג״. דער אומגליקליכער שטרייק, וואָס האָט אויס־געבראָכען אין די ערשטע מאָנאטען פון 1877 און האָט געדויערט דעם גאַנצען יאָהר, האָט געבראכט דעם רעזולטאט, אז די „גענעראל־יוניאָן פון די סטאָליארעס און די בויער״, וואָס איז דאמאָלס גע־ווען די דריטע, לויט איהר גרויס, צווישען די אָרגאַניזאַציעס פון די בוי פאכען, האָט צוזאמענגעבראָכען, און האָט די בוי־ארבייטער פון מאנטשעסטער איבערגעלאָזען אין א צושטאַנד פון דיסאָרגאַ־ניזירטקייט, פון וועלכען זיי האָבען זיך אפילו יעצט נאָך ניט דערהאָלט (1902). אין אפּריל, 1877, האָבען די שיף־בוי ארביי־טער פון דעם קלייד געפאָדערט א העכערונג פון שכירות, אויף וואָס די ארבייטסגעבער האָבען געענטפערט מיט אן אַלגעמיינעם „לאָקאוט״ פון אַלע ארבייטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט אין די שיף־בוי פּלעצער, דערוואַרטענדיג, אז דאָס וועט פאראור־זאַכען א דרוק אויף די שיף־בוי ארבייטער זיי זאָלען צוריקציהען זייער פאָדערונג. מעהר פון דריי מאָנאטען איז די הויפּט־אינדוסטריע פון דעם קלייד געבליבען שטעהן און דער סכסוך האָט זיך אמענדע געענדיגט, אין סעפּטעמבער 1877, מיט דעם, וואָס מען האָט די זאך איבערגעגעבען פאר א פשרה צו לאָרד מאנקריעף, פון וועמען די ארבייטער האָבען באַקומען דעם ערגסטען פּסק. אין יולי 1877 האָט אויסגעבראָכען א צוזאמענשטויס צווישען די שטיין־מויערער און זייערע באַלעבאָטים, אין וועלכען די פירמע „בעל ענד קאָמפּאַני״, די קאָנטראַקטאָרען פון דעם נייעם געריכטס הויז אין לאָנדאָן, האָט ארויסגערופען די ביטער־סטע געפיהלען דורך דעם, וואָס זי האָט אימפּאָרטירט פון דייטש־לאַנד ארבייטער אַלס שטרייקברעכער. לכתחילה איז די פאָדערונג

געוועז א העכערונג פון שכירות און א פארקירצערונג פון ארבייטס־שטונדען פאר די לאָנדאָנ׳ער ארבייטער, אָבער מיט דעם אָנגאנג פון דעם פאר׳עקשנ׳טען קאמף האָט עס זיך, באמת, פארוואנדעלט אין א מלחמה צווישען דער יוניאָן פון שטיין־מויערער און די פעדערירטע בוי־מייסטערס איבער דעם גאנצען לאנד. די מיט־גליעדער פון דער יוניאָן האָבען אויף זיך ארויפגעלייגט גרויסע אפצאָהלונגען און איבער צוויי טויזענד פונט שטערלינג איז גע־זאמעלט געווארן פון אנדערע ארבייטער געזעלשאפטען; אָבער אין מערץ, 1878, נאָך א קאמף פון אכט מאָנאטען, איז דער רעשטעל פון די שטרייקערס געגאנגען צוריק צו דער ארבייט אויף די באַלעבאטימ׳ס באדינגונגען. אין דעם באוועל־פאך איז אויך פאָרגעקומען איינער פון די גרעסטע אינדוסטריעלע קאמפען אין דער געשיכטע. נאָך עטליכע קלענערע לוין־רעדוצירונגען אין 1877, וועלכע האָבען געפיהרט צו לאָקאלע שטרייקען, זיינען, אין מערץ 1878, ווי די „טיימז" באריכטעט, „אויף דעם גאנצען וועג דורך א צענטער פון זיבעציג מייל, וואו עס ווערן באשעפטיגט צוויי הונדערט און פופציג טויזענד באוועל־ארבייטער, אויסגע־האנגען געווארן אָנאָנסען, וואָס האָבען געגעבען א מאָנאט׳ס נאָטיץ, אז די שכירות וועלען פארקלענערט ווערן אויף צעהן פראָ־צענט". עס איז ארויסגעקומען א קאָלאָסאלער שטרייק, וועלכער האָט שארף ארויסגעבראכט די געגנערישע טעאָריען פון די באוועל־ארבייטער און זייערע באלעבאטים. די ארבייטער האָבען צוגע־געבען, אז די פאבריקאנטען האָבען פארלאָרן געלד און, אז מען האָט געמוזט עפּעס אן ענדערונג מאכען. אָבער אזוי ווי די באלע־באטים האָבען צוגעגעבען, אז די אורזאכע פון זייערע פארלוסטען איז דער איבערפלוס פון וואארעס אין לאנד, האָבען די ארבייטער גע׳טענה׳עט, אז די ריכטיגע עצה איז אויפצוהערן צו שאפען צופיעל, און זיי האָבען דעריבער פאָרגעשלאָגען אָנצונעהמען א פארקלענערונג פון זייערע שכירות אויף צעהן פראָצענט מיט דעם תנאי, אז די פאבריקען זאָלען ארבייטען בלויז פיער טעג אין וואָך. עס איז ארויסגעקומען א היציגער ויכוח, אָבער די פאבריקאנטען זיינען באשטאנען אויף זייער פאָדערונג, אז די ארבייטער זאָלען זיך אונטערגעבען אָהן קיינע תנאים און האָבען צוריקגעוויזען אַלע

פאַרשלאָגען וועגען אַ בוררים־געריכט. ערנסטע אונרוהען אין בלעקבוירן, ביי וועלכע די הויז פון אויבערשט (Colonel) רעינספאָרד דזשעקסאָן, דעם פיהרער פון די פאַראייניגטע אַרבייטסגעבער, איז בארויבט און פארברענט געווארן, האָבען צום אומגליק, געשאַדט דער זאַך פון די ארבייטער. נאָך אַ קאַמף פון צעהן וואָכען זיינען די אַרבייטער געגאַנגען צוריק צו דער ארבייט אויף די באַלעבאַטים׳ס באַדינגונגען.[1]

---

[1] די טענות פון די אַרבייטער זיינען גוט איבערגעגעבען אין דעם „וועבער׳ס מאַניפעסט" פון יוני, 1878 :

„חברים־אַרבייטער :—דורך די לעצטע ניין וואָכען האָבען מיר אָנגעפיהרט, — און טוען עס נאָך יעצט אויך, — אַ קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלט־געשיכטע. הונדערט טויזענד פאַבריק אַרבייטער פיהרען אַ מלחמה מיט זייערע באַלעבאַטים איבער דער פראַגע ווי אַמבעסטען צו באַזייטיגען די „געשוואָלענקייט" פון דעם מאַרק, וואָס איז איבערפּליסט מיט שניט־וואַרע, און אין דער זעלבער צייט צו פאַרקלענערן די שוועריגקייטען, וואָס קומען פון אַ ניט־גענוגענדען זאַפּאַס פון רויהע באַוועל. אום צו העלפען דעם דאָזיגען צושטאַנד שלאָגען די באַלעבאַטים פאָר אַ פאַרקלענערונג פון די שכירות אויף צעהן פּראָצענט נידעריגער פון דער לוין־ראַטע, וואָס איז אָפּגעמאכט געוואָרן צוריק מיט פינף און צוואַנציג יאָהר. פון צווייטען צד האָבען מיר גע׳טענה׳ט, אַז אַ רעדוצירונג פון די לוין־ראַטען קען ניט באַזייטיגען דעם איבערפלוס פון וואַרען אָדער העלפען אונז דורכקומען דורך די שוועריגקייטען, וואָס ווערט געשאַפען פון דעם באַגרענעצטען זאַפּאַס פון רויהע מאַטעריאַלען. דאָך דאָס איז געווען די טעאָריע פון די אַרבייטס־געבער, און אין פאַרשוידענע פעריאָדען פון דעם קאַמף האָבען מיר געמאַכט די פאָלגענדע פאָרשלאַגען אָלס אַ באַזיס צו שליכטען דעם דאָזיגען אומגליקליכסטען קאַמף :

1) אַ שכירות־פאַרקלענערונג פון צעהן פּראָצענט מיט אַ פיערטאָגיגער אַרבייטס־וואָך, אָדער פינף פּראָצענט מיט אַ פינף טעג אַרבייטס וואָך ביז עס וועלען באַזייטיגט ווערן דער איבערפלוס פון שניט־וואַרן און די שוועריגקייטען, וואָס קומען פון דעם יקרות אויף באַוועל.

2) איבערצוגעבען די גאַנצע פראַגע וועגען אַ קורצערע וואָך אָדער שכירות פאַרקלענערונג, אָדער וועגעןביידע זאַכען, צו איינעם אָדער מעהר אונפּאַרטייאישע מענשען פאַר אַ פשרה.

3) איבערצוגעבען די גאַנצע פראַגע צו צוויי מאַנטשעסטער׳ער סוחרים, אָדער אַגענטען ; צוויי קאָמיסיאָנערן, וועלכע זיינען באַקאַנט

די גרויסע קאמפען פון די יאָהרען 1875-8 זיינען בלויז גע־וועזען פאָרלויפער פון אַן אַלגעמיינער נידערלאַגע פאַר די טרייד־יוניאָן קרעפטען. די וואקסענדע עקאָנאָמישע געדריקטקייט האָט זיך אין 1878-9 פארענדיגט מיט איינעם פון די ערנסטסטע שטיל־שטאַנדען, וואָס האָבען וועֶן עס איז אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד פאַרכאַפּט די אינדוסטריען. די פּאַראַליזירונג פון'ם עקאָנאָמישען לעבען איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, באַזונדערס אין שאָטלאַנד, דורך דעם חורבן, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון דעם באַנ־קראָט פון דער „גלאַזגאָ'ער שטאָדט באַנק". פון איין עק לאַנד ביז דעם צווייטען האָבען גרויסע פירמען באַנקראָטירט, מינען און אייזען־פאַבריקען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן, שיפען זיינען געלעגען אין די האַפענס ניט־געברויכט און אַן אַלגעמיינער גע־פיהל פון מוטלאָזיגקייט און אומצוטרוי האָט זיך פארשפּרייט ווי א שרפה אין יעדען ווינקעל פון דער אינדוסטריעלער וועלט. יעדע אינדוסטריע האָט געהאַט איהרע מאַסען ארבייטסלאָזע און אויף די ביכער פון די טרייד יוניאָנען איז די צאָהל פארשריבענע אלס אויסער ארבייט אין אנדערע פעלע געוועזען אזוי הויך ווי פינף און צוואנציג פּראָצענט. די קאַפּיטאַליסטען האָבען, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטען, אויסגעקליבען די דאָזיגע שלעכטע צייט

מיט דער אינדוסטריע אין מאַנטשעסטער, און צו צוויי באַנקירען. איינער פון די יעדע צוויי זאָלען ערוועהלט ווערן פון די אַרבייטס־געבער און די אַנדערע פון די אַרבייטער. די, צוזאַמען מיט צוויי באַלעבאַטים און צוויי אַרבייטער מיט דעם לאָרד דוירבי, דער בישאָפּ פון מאַנטשעסטער, אָדער וועלכער עס איז אַנדער אונפּאַרטייאישער מענש, אַלס פּאַרזיצענדער, אָדער, אויב נויטיג, אַלס שליש (רעפערי).

4) צו ענדיגען דעם סכסוך מיט אַ לחצאין און מיר זאָלען געהן צו דער אַרבייט אָהן קיינע טענות מיט אַ פאַרקלענערונג פון אונזערע שכירות אויף פינף פּראָצענט.

5) דורך דעם בורגמייסטער פון בוירנלי; צו געהן צו דער אַר־בייט אויף דריי מאָנאַטען מיט אַ פאַרקלענערונג פון אונזערע שכירות אויף פינף פּראָצענט און אויב די לאַגע פון דער אינדוסטריע וועט זיך פאַר דער צייט ניט געניג פאַרבעסערן, זאָלען מיר אָננעמען אַ ווייטערע רעדוצירונג.

6) און אַמענדע, אַז מיר נעמען אָן אַ באַדינגונגסלאָזע רעדו־צירונג פון אונזערע שכירות אויף זיבען און אַ האַלב פּראָצענט".

צו פּרובירען צוריקנעמען אַלע הנחות, וואָס די אַרבייטער האָבען פון זיי אַרויסגעריסען אין די פריהערדיגע יאָהרען. „די אַרבייטס־געבער דענקען, — האָט דערקלערט אַ פּריוואַטער צירקולאַר, וואָס די „אַסאָציאַציע פון אַרבייטס־געבער אין דער אייזען־אינדוסט־ריע" האָבען אַרויסגעגעבען אין דעצעמבער 1878, — אַז די צייט איז געקומען ווען די איבעריגע שכירות, וואָס זיינען אויסגעגעבען געוואָרען ניט־פּראָדוקטיוו, מוזען צוריקגענומען ווערען, און ווען די ליידיגע שטונדען, וואָס מען האָט נוצלאָז אוועקגעוואָרפען, מוזען צוריקגעוואונען ווערען פאַר דער אינדוסטריע און די פּראָפיטען דורך ווידעראַמאָל פאַרברויכען זיי אויף אַרבייט, וואָס זאָל צוריק־שאַפען די פאַרלוסטען." דער רעזולטאַט שפּיגעלט זיך אָפּ אין די באַריכטען פון די טרייד יוניאָנען. „איבער דעם גאַנצען פאַראיי־ניגטען קעניגרייך (ענגלאַנד), — דערקלערט דער מאַנאַטליכער באַריכט פון די „אַמאַלגאַמירטע סטאָליאַרעס" פאַר יאַנואַר, 1879, — שטראָמען יעצט אַריין אַנאָנסען פון די באַלעבאַטים וועגען פאַרקלענערונגען פון שכירות און פאַרלענגערונגען פון אַרבייטס־שטונדען מיט אומגעדולד און חוצפה, וואָס זיינען משונה'דיג אין ווידערשפּרוך מיט די לעקציעס וועגען געדולד און מעסיגקייט, מיט וועלכע מען האָט אָהן אַן אויפהער אַזוי פאַרקלונגען די אויערן פון דעם ענגלישען אַרבייטער אין גליקלי־כערע צייטען." דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „אַמאַלגאַמיר־טער געזעלשאַפט פון מאַשיניסטען" באַריכטעט: קיינמאָל אין אונזער געשיכטע איז ניט פאָרגעקומען אַזאַ גרויסע צאָהל אינ־דוסטריעלע אומרוהען איבער דעם גאַנצען לאַנד. די געשעפטען זיינען געגאַנגען שלעכט, און אונזערע אַרבייטס־געבער, וועלכע זיינען יעצט בעסער אָרגאַניזירט ווי ווען עס איז פריהער, האָבען, שיינט עס, געמאַכט פאַר זייער צוועק אויסצוזוכען געגען אונז אַזוי פיעל טענות, וויפיעל עס איז נאָר מעגליך. אין איין פּלאַץ ווערען די שכירות מיט אַמאָל זעהר שטאַרק רעדוצירט אָדער מען פּרובירט זיך עס טאָן, אין אַנדערע פּלעצער זוכט מען צו פאַרקלענערען די ראַטען, וואָס מען צאָהלט פאַר שפּעט־אַרבייט, בשעת אין פיעלע פאַלען האָט מען זיך געפּרובירט ברעכען די באַשטימטע אַרבייטס־שטונדען; אין דעם קלאַיד געגענד איז דאָס געטאָן געוואָרען מיט

ערפאָלג און אלס רעזולטאַט איז די ארבייטס־וואָך אין שאָטלאַנד אומעטום פארגרעסערט געוואָרן אויף דריי שטונדען... נאָך א מערקווירדיגע זאַך האָט זיך ארויסגעצייגט אין דער צייט פון דער געדריקטקייט. די ארבייטס־געבער האָבען כסדר אונטער־דריקט די ארבייטער אין יענע געגענדען, וואָס האָבען זיך אם־לייכטסטען אונטערגעגעבען, וואו די ארבייטער האָבען אָנגענומען א טאַקטיק פון אויסמיידען סכסוכים און וואו מען האָט ווייניג זיך געוועהרט אנטקעגען וועלכע עס איז נייע איינפיהרונגען. דער קלאַיד באַצירק איז געווען אַן אויסגעצייכענטער ביישפיעל פון דעם דאָזיגען פאַקט; די ארבייטער האָבען לכתחילה דאָרט דורכ־געמאַכט כמעט אָהן קיין ווידערשטאַנד צוויי באַדייטענדע פאר־קלענערונגען פון שכירות אום כמעט תיכף צו ווערן די קרבנות פון א צוואָוואָרפענע אטאַקע אויף דער פראַגע פון ארבייטס־שטונדען. עס שיינט, אַז די באַלעבאַטים האָבען ליעבערשט אָנ־גענומען דעם סיסטעם פון א ניט־רעגולערע אטאַקע, איידער צו אנט־וויקלען וועלכע עס איז גענעראַל באַוועגונג דורך זייערע אסאָ־ציאַציעס.

די יאָהרען 1878-80 האָבען דעריבער געזעהן א גרויסע הע־כערונג אין דער צאָהל פון שטרייקען אין כמעט אַלע פאַכען,[1] די מעהרסטע פון וועלכע האָבען זיך געענדיגט אומגליקליך פאַר די ארבייטער. אין אַלע אינדוסטריען זיינען פארגעקומען זעהר גרויסע פארקלענערונגען פון די שכירות פון אַלע ארבייטער. די מינען־ארבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד, וועמעס נאָרמאַלע טעג־ליכע פארדיענסטען אין מערץ 1873 זיינען געווען ניין שילינג מיט אַנדערהאַלבען פּעניס, האָבען אין נאָוועמבער 1878 געאַר־

[1] מיר האָבען פעסטגעשטעלט, אַז די שטרייקען, וועגען וועלכע עס איז באַריכטעט געוואָרן אין דער „טיימז" דורך די יאָהרען פון 1876 ביז 1889, צייגען אַרויס די פאָלגענדע פאַרשיידענהייטען לויט זייער־צאָהל:

1876—17;	1881—20;	1886—24;
1877—23;	1882—14;	1887—27;
1878—38;	1883—26;	1888—37;
1879—72;	1884—31;	1889—111.
1880—46;	1885—20;	

בייט שוין פאר אזוי נידעריג ווי פיער שילינגען מיט ניין פענים און אין יאנואר 1880 פאר פיער שילינגען מיט פיער פענים. די שכירות פון די בעלי־מלאכות פון סקאָטלאַנד זיינען פארקלענערט געוואָרן דורך נאָך א קורצערן משך צייט. די שטיין־מויערער פון גלאַזגאָו, למשל, פלעגען פארדינען ניין און צעהן פענים פער שטונדע אין 1877, און צו ענדע 1878 זיינען זייערע שכירות ארונטער ביז זעקס פענים פער שטונדע, און אפילו פאר דעם לוין איז זיי שווער געווען צו געפינען באַשעפטיגונג. א נאָך מעהר געפעהרליכער אָנגריף איז געמאכט געוואָרן אין פארבינדונג מיט די ארבייטס־שטונדען. אומעטום האָבען די באַלעבאַטים געזוכט לענגער צו מאכען דעם ארבייטס־טאָג. די מעכאַניקער פון דעם קלאַיד האָבען פארלאָרן די איין־און־פופציג־שטונדיגע ארבייטס־וואָך, וואָס זיי האָבען פריהער געוואונען. די אסאָציאַציע פון ארבייטס־געבער פון דער אייזען אינדוסטריע, וועמעס געהיימען צירקולאַר מיר האָבען ציטירט, האָט באַשלאָסען צו מאכען אן אַלגעמיינע אטאַקע אויף דעם ניין־שטונדען ־טאָג. „עס איז באַשלאָסען געוואָרן, — שרייבט דער סעקרעטאַר, — דורך א גרויסע מאַיאָריטעט פון דער אסאָציאַציע פון ארבייטס־געבער אין דער אייזען אינדוסטריע, געשטיצט פון אן אַלגעמיינעם אָפּמאַך צווישען אנדערע ארבייטס־געבער, צו אַנאָנסירען אין זייערע פאַבריקען, אז די ארבייטס־שטונדען וועלען געהעכערט ווערן צו דער צאָהל, וואָס האָט געהערשט איידער עס איז אָנגענומען געוואָרן די ניין־שטונדען נאָרמע". דער קאָנצענטרירטער ארויסטרעט פון די פאַראייניגטע באַלעבאַטים איז אָבער ניט דערלאָזען געוואָרן דורך דער ענערגיע פון דזשאָהן בוירנעט. באַקומענדיג דעם געהיימען צירקולאַר אויף עטליכע שטונדען, האָט ער איהם תיכף איבערגעגעבען אין א פעהיג צוזאַמענגעשטעלטען אויפרוף צו זיינע אייגענע מיטגליעדער, וואָס ער האָט ווייט פארעפענטליכט דורך דער פרעסע. עפענטליכקייט האָט זיך ארויסגעצייגט אלס א טויט פאר די פלענער פון די ארבייטס־געבער און קיין פאַראייניגטער אָדער סיסטעמאַטישער שריט איז ניט געמאכט געוואָרן. איזאָלירטע פארזוכען זיינען פונדעסטוועגען געמאכט געוואָרן אומעטום פון די מייסטערס אינזשעניערען צוריק איינצופיהרען זיבען און

פופציג אָדער ניין און פופציג שטונדען ארבייט פער וואָך, און בלויז דורך א העכסט אָנגעשטרענגטע טעטיגקייט איז געלונגען איינצוהאַלטען די פיער-און-פופציג-שטונדיגע וואָך אין די יוניאָן פאבריקען.

אנדערע פאכען זיינען ניט געווען אזוי ערפאָלגרייך אין איינהאַלטען אפילו זייער לפנים פעסטען ארבייטס-טאָג. אין פיעלע שטעדט איז די ארבייטס-וואָך פון די סטאָליארעס פארגרעסערט געוואָרן אויף צוויי אָדער דריי שטונדען. מעהר ערנסט איז געווען דער פאקט, וואָס אין פיעלע קלענערע פאכען איז דער באגריף גופא וועגען א קלאָהר באשטימטען נאָרמאַלען ארבייטס-טאָג פראקטיש פארלאָרן געוואָרן. אפילו צווישען אזעלכע גוט אָרגאניזירטע פאכען, ווי די מאשיניסטען, סטאָליארעס און שטיינמויערער, האָט די פראקטיק פון סיסטעמאטישע שפעט-ארבייט, צוזאמען מיט דער הערשענדער שטיק-ארבייט, געמאכט צו גארנישט דעם נאָרמאַל-באשטימטען ארבייטס-טאָג[1]. אין דער מאסע פראָטאָקאָלען פון די טרייד יוניאָנען פון יענע יאָהרען זעהען מיר דעם גאנג און די רעזולטאטען פון די דאָזיגע עקאָנאָמישע אומגליקען. די צאָהל ארבייטער, וואָס פלעגען באקומען ארבייטס-לאָזיגקייט-צאָהלונגען, וואקסט כסדר ביז די פאראייניגען פון די אייזענגיסער און די קעסעל-ארבייטער, וואָס האָבען אין 1872-3

[1] פאַר דעם געוועהנליכען לעזער איז כדאַי צו דערקלעהרען, אַז די יוניאָנס איז אין די מעהרסטע פאַכען געלונגען צו עטאַבלירן דעם פרינציפּ פון צאָהלען העכערע ראַטען פאַר שפּעט-אַרבייט. אָבער אין די מעהרסטע פעלע איז דאָס באַגרענעצט צו די אַרבייטער, וועלכע ווערן באַצאָהלט פון דער צייט. די שטיק-אַרבייטער האָבען קיין העכערע פּרייזען פאַר שפּעט-אַרבייט ניט באַקומען.

עס איז קלאָהר, אַז ווען אַן אַרבייטער, וועלכער האָט לפנים אַ ניין-שטונדען-טאָג, ווערט תמיד געפאָדערט צו אַרבייטען שפּעטער פון די באַשטימטע שטונדען און ווערט באַצאָהלט בלויז לויט די נאָרמאַלע ראַטען פאַר שטיק-אַרבייט, האָט ער קיינע נוצען פון דעם, וואָס זיינע אַרבייטס-שטונדען זיינען נאָמינעל באַגרענעצט. פאַר פיעלע טויזענדע אַרבייטער אין דעם מאַשינען-אַרבייט פאַך און אין די בוי פאַכען האָט די נאָמינעלע אָנהאַלטונג פון דעם ניין-שטונדען-טאָג קיין בעסערס, אין דעם יאָהר 1878 און אין די ווייטערדיגע יאָהרען, ניט געמיינט.

קוים געהאט איין פּראָצענט ארבייטסלאָזע, האָבען אין 1879 גע־מוזט אויסהאַלטען פון זייערע פאָנדען איבער צוואנציג פּראָצענט פון זייערע מיטגליעדער. די „אמאלגאמירטע געזעלשאפט פון מאַ־שיניסטען" האָט אונטער דער רשימה אליין אויסגעצאָהלט דורך דעם משך פון די דריי יאָהר 1878-80 ניט קיין קלענערע סומע פון 287,596 פונטען שטערלינג. די לייטונג ארבייטער האָבען דורך די צוויי יאָהר 1880-82 געמוזט אויסשליסען כמעט א דריטעל פון זייערע מיטגליעדער פאר ניט אריינברייגנען זייערע צאָהלונגען. די אייזענגיסער, וועלכע האָבען אין 1876 אָנגעזאמעלט א פאָנד, וואָס האָט אויסגעמאכט צו איבער פינף פונט שטערלינג פאר יעדען מיטגליעד זייערן, האָבען צו ענדע 1879 אויסגעצאָהלט פון איהם ביז דער לעצטער פעני און זיינען געראטעוועט געוואָרן פון מוזען אויפהערן מאכען זייערע צאָהלונגען בלויז דורך די פיעלע הלואות, וואָס די געזעלשאפט האָט באקומען פון איהרע רייכערע מיט־גליעדער. די שטיינמויערער'ס געזעלשאפט איז אויך אויסגע־שעפּט געוואָרן ביז'ן גרונד און האָט זיך באנוצט מיט דער זעלבער עצה אום אויסצומיידען א קראך. די שאָטלאנדישע געזעלשאפ־טען זיינען געווען פּנים אל פּנים מיט נאָך א טרויעריגערן קריזיס. דער פאַלשטענדיגער צוזאמענברוך, וואָס איז געקומען נאָך דעם באַנקראָט פון דער „שטאָדט גלאזגאָו באנק", האָט אבסאָלוט גע־רואינירט אלע, אויסער א האלבען טוצען, שאָטלאנדישע טרייד יוניאָנען; פון דעם קלאפּ האָט דער טרייד יוניאָניזם אין שאָט־לאנד נאָך אפילו יעצט (1894) זיך ניט דערהוילט.

דער יאָהר 1879 צייכענט זיך, ווירקליך, אוים מיט דעם נידעריגען צושטאנד פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג, ווי די יאָהרען 1873-4 האָבען פארצייכענט איהר העכסטע שטופע פון פאַ־נאַנדערבליהונג. די עקאָנאָמישע שוועריגקייטען, וואָס דער טרייד יוניאָניזם האָט דורכגעלעבט אין 1879, קענען זיך בלויז פאר־גלייכען מיט די שוועריגקייטען פון 1839-42. אָבער דער פעסטער וואוקס, וואָס מיר האָבען באשריבען, האָט ניט דערלאָזען, אז עס זאָל דאן פאָרקומען אזא פאַלשטענדיגער צוזאמענברוך ווי דער, וואָס האָט באצייכענט די פריהערדיגע פעריאָדען. די געדריקטקייט פון 1879 האָט, עס איז אמת, אפגעשוויינקט די געדעכעניש פון

פיעלע פאַך געזעלשאַפטען; די יוניאָנען פון לאַנד־ארבייטער,
וואָס זיינען אויפגעשפּרונגען מיט אזא שוואַם־וואוקס שנעלקייט,
זיינען אָדער אינגאַנצען צוזאַמענגעפאַלען אָדער זיי זיינען איינ־
געשרומפּט געוואָרן ביז זיי האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין אומ־
באַדייטענדע אונטערשטיצונגס קלובען. איבעראַל אין לאַנד זיי־
נען די הונדערטע קליינע געזעלשאַפטען אין פאַרשיידענע פאַכען,
וואָס זיינען אויסגעוואַקסען דורך די גוטע יאָהרען, אונטערגעגאַנגען
אין דער כוואַליע פון שלעכטע צייטען. וועיט פאַרשפּרייטע נאַ־
ציאָנאַלע ארגאַניזאַציעס זיינען אַזוי איינגעשרונקען, אז זיי זיינען
פּראַקטיש געוואָרן געזעלשאַפטען מיט בלויז לאָקאַלען איינפלוס,
וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פעסטונגען פון זייערע אינ־
דוסטריען. די גרויסע „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון די מינען ארביי־
טער", געגרינדעט, ווי מיר האָבען געזעהן, אין 1862-3, איז נאָך
דעם יאָהר 1879 געבליבען לעבען בלויז אין נאָרטהומבערלאַנד,
דורהאַם און יאָרקשייר. איהר יונגערער קאָנקורענט, די „אמאַל־
גאַמירטע אַסאָציאַציע פון מינען גרעבער", וואָס האָט ביז דעם
יאָהר 1875 דאָמינירט אין סאַוטה וועילז און אין מידלאַנדס, האָט
זיך צוברעקעלט און איז פאַרשוואונדען. די „נאַציאָנאַלע אמאַל־
גאַמירטע אַסאָציאַציע פון אייזענאַרבייטער" אויך געגרינדעט אין
1862, וואָס האָט אין 1873 געצעהלט פינף און דרייסיג טויזענד
מיטגליעדער אין אַלע טיילען פון לאַנד, איז אין 1879 רעדוצירט
געוואָרן צו פערצעהן הונדערט מיטגליעדער איינגעשלאָסען אין
עטליכע צענטערן פון דעם צפון פון ענגלאַנד.[1] אין איינִיגע באַ־
צירקען, אַזעלכע ווי סאַוטה וועילז, האָט דער טרייד יוניאָניזם

---

[1] דער נידעריגסטער פּונקט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן לויט דער
סטאַטיסטיק פון די יעהרליכע טריידס יוניאָן קאָנגרעסען, איז געווען אין
1881, ווען די דעלעגאַטען האָבען אָנגעגעבען, אַז זיי רעפּרעזענטירן
עטוואָס מעהר פון אַ דריטעל פון די מיטגליעדער פון 1874. די דאָזיגע
סטאַטיסטיק איז אָבער אין פיעלע הינזיכטען ניט ריכטיג. דער קאָנגרעס
פון 1879 האָט געהאַט אַ סך קלענער צאָהל דעלעגאַטען איידער וועלכער עס
איז אַנדער קאָנגרעס זינט 1872 און די צאָהל פון די רעפּרעזענטירטע
יוניאָנען איז אויך געווען די קלענסטע זינט יענעם יאָהר.

פראקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן.[1] דער סך־הכל פון דער מיטגליעדערשאפט פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג האט זיך אפשר אומגעקעהרט צו דער הויך פון 1871. אָבער טראָץ די אלע איינשריינקונגען איז דער רוקענביין פון דער באוועגונג געבליבען גאנץ. אין די מאשינען־ארבייט און אין די בוי־פאכען האָבען די גרויסע נאציאָנאלע געזעלשאפטען אויפגעהאלטען זייערע מיטגליעדערשאפטען, הגם זיי זיינען אויסגעליידיגט געוואָרן פון זייערע רעזערווירטע פאָנדען. און ניט בלויז די פאכען אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען האָבען דורכגעלעבט דעם שטורם. די בעצם פאכען אָרגאניזאציעס פון די באוועל־ארבייטער און פון די מינען־ארבייטער פון נאָרטהומבערלאנד און פון דורהאם האָבען אויפגעהאלטען זייער צושטאנד מיט בלויז א צייטווייליגע פארקלענערונג פון דער מיטגליעדערשאפט. אויסער דעם איז די פאָליטישע אָרגאניזאציע פון דער באוועגונג געווען אומבאריהרט. די לאָקאלע פאך־ראטען זיינען אָנגעגאנגען ניט געשטערט. די יעהרליכע טריידס יוניאָן קאָנגרעסען פלעגען זיך ווי פריהער פארזאמלען און פלעגען באשטימען זייערע שטענדיגע פארלאמענטארישע קאָמיטעטען. אין קורצען, הגם פיעלע איינצעלנע יוניאָנען זיינען פארשוואונדען און פיעלע אנדערע האָבען געזעהן ווי זייערע פאָנדבאלאנסען ווערען פארשלונגען און זייער מיטגליעדערשאפט פאלט, האָבען אָבער די דורכלעבענישען פון 1879 באוויזען, אז די טרייד יוניאָן באוועגונג איז אמענדע געווען אויסער וועלכער עס איז סכנה פון פארניכטונג אָדער פון צוזאמענברעכונג און אז די אָרגאניזאציע פון טרייד יוניאָנען איז געוואָרן א פערמאנענטער עלעמענט אין אונזער געזעלשאפטליכער געביידע.

---

[1] „פיער יאָהר צוריק, — שרייבט דער פרעזידענט פון דער „בריסטאָל'ער באַנדאַרעס געזעלשאפט" אין 1878, — זיינען מעהר פון פיער הונדערט טויזענד אַרבייטער געווען פאַראייניגט אין די טהאָלען (סאָוטה ווײלז) און יעצט עקזיסטירט ניט קיין איין יוניאָן דורך דעם גאַנצען באַצירק" (פון אַ רעפעראַט ביי דער לאָקאַלער קאָנפערענץ וועגען דער געדריקטקייט אין די אינדוסטריען. („בריסטאָל מערקורי", פעברואַר 13, 1878).

מיר זעהען דעריבער, אז די ארבייט, וואָס אַלעען און אפּעל־גראטה האָבען אויפגעטאָן צו פארפעסטיגען די טרייד יוניאָן באוועגונג איז ניט געווען פרוכטלאָז. אָבער צוזאמען מיט דער פארשטארקונג פון דער פעסטקייט און פון דער באשטימטקייט פון די צוועקען איז געקומען א גרעסערע פארשיידענקייט אין טאַקטיק און אין אינטערעסען. יעדער פאך האָט באהאנדעלט אויף זיין אייגענעם שטייגער זיינע אייגענע אינדוסטריעלע פּראבלעמען. אין דער צייט ווען די מינען־ארבייטער און די באוועל־ארבייטער האָבען, למשל, אויסגעארבייט זייערע אייגענע געזעץ־פאָרשלאָגען צו רעגולירען די ארבייטס־באדינגונגען, האָבען די מאשיניסטען און די בוי־ארבייטער צוביסלאכווייז אָנגענומען די laisser fair טאַקטיק בנוגע צו געזעצגעבונג פון זייערע פיהרער (די טאַקטיק פון ניט דערלאָזען, אז די געזעצגעבונג זאָל זיך אריינמישען צווישען די ארבייטער און די באַלעבאַטים). אונטער דעם איינפלוס פון די פעהיגע פארשטעהער פון די צפון־פּראָווינצען האָבען די קויהלען־גרעבער און די אייזען־ארבייטער אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אז שכירות מוזען נאָכפאָלגען די פּרייזען. אין דער צייט ווען די באוועל־ארבייטער און אין א געוויסער מאָס די קעסעל־ארבייטער¹ האָבען מיט א מערקווירדיגער פעסטקייט פאַרטיידיגט דעם פארקעהרטען שטאַנדפּונקט, אז א באשטימטע לוין־ראטע זאָל זיין דער ערשטער חוב אויף דער אינדוסטריע. אויך בשעת די מינען־ארבייטער און די באוועל־ארבייטער האָבען באטראכט זייערע אָרגאניזאציעס אלס, הויפּטזעכליך, געזעלשאַפטען פאר דער באשיצונג פון די פאך אינטערעסען, איז צווישען די נאָכפאָלגער פון דער „דזשונטא" און צווישען די אייזען־ און בוי־פאכען אויסגעוואקסען א באשטימטער גלויבען, אז דער ווירקליך „וויסענשאַפטליכער טרייד יוניאָניזם" באשטעהט פון היבשע אונ־

---

[1] דער הער ראָבערט נייהט איז אויסגעהאַלטען געווען געגען א „צו שטאַרקע באַוועגליכקייט פון שכירות, אין איין צייט א הונגער קצבה און אין אַנאַנדער צייט איבער אַמאָס צו הויך"; ווי מיר פאַרשטעהען קומען יעצט (1894) פאָר פאַרהאַנדלונגען וועגען באַשטימען א לוין־נאָרמע, וועלכע מען זאָל קענען ווענינ ענדערן אויף העכער אָדער נידע־ריגער.

טערשטיצונגס צאָהלונגען און מיט גוטע אויסרעכענונג אוועקגע־לייגטע פאָנדען פון עלטער־פארזיכערונג. אזוי לאנג ווי די אינ־דוסטריען זיינען געוואקסען און דאָס אָנהאַלטען פוןביידע טאַק־טיקען האָט געפיהרט צו ערפאָלג, איז קיין אנטאגאָניזם ניט ארויס־געקומען צווישען די פארשיידענע טיילען פון דער באוועגונג. די באוועל־ארבייטער האָבען פריינדליך נעגעבען זייער הסכמה צו דער ניין־שטונדען באוועגונג פון די מאשיניסטען, בשעת די לעצ־טע האָבען פון זייער צד געשטיצט דעם „פאבריקען־געזעץ", וואָס די שפינער פון לאנקשייר האָבען פארלאנגט. די מינען ארבייטער האָבען אפּלאָדירט דעם מוטיגען ווידערשטאנד, וואָס די באוועל־ארבייטער האָבען געמאכט נעגען די שכירות רעדוצירונגען פון 1877-9, בשעת די באוועל־ארבייטער האָבען ניט געזעהן וואָס אויסצוזעצען נעגען דער צושטימונג פון די מינען־גרעבער, אז שכירות דארפען זיין אָפּהענגיג פון פרייזען. און הגם אלע טרייד יוניאָנען האָבען מיט דרך ארץ זיך פארהאַלטען צו די הויכע צאָה־לונגען און די אָנגעזאמעלטע פאָנדען פון די „אמאלגאמירטע מא־שיניסטען", האָבען זיי אָבער מיט דעם זעלבען דרך ארץ זיך פארהאַלטען צו דעם ערפאָלג, מיט וועלכען די קויהלען־גרעבער פון נאָרטהומבערלאנד האָבען דורך שלעכטע און גוטע צייטען אין דעם משך פון א האלבען דור אויפגעהאַלטען א שטארקע יוניאָן מיט אויסשליסליך פאך־צוועקען. אויף אזא אופן האָבען די חילוקי דעות וועגען טאַקטיק, וועלכע עס איז באשערט געווען צו ווערן פון דעם יאָהר 1885 און ווייטער דער שלאכטפעלד צווישען דאָס, וואָס מען האָט ווידעראמאָל גערופען דער „אלטער" יוני־אָניזם, און דעם „נייעם", ניט געשטערט דער פריינדליכער מיט־ארבייטערשאפט אין דער געמיינשאפטליכער זאך פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג. עס איז געווען אין דער פינסטערער צייט פון נאָך 1878-9, ווען יעדע יוניאָן האָט געליטען נידערלאגעס, ווען די אינערליכע אומצופרידענהייט מיט די טאַקטיקען פון די טרייד יוניאָנען איז געוואָרן שארף און עס איז געקומען א נייער גייסט פון קריטיק. בלויז דאן, ווען מען האָט אויסגעפונען, אז דעם ריינעם פאך־פאראיין, פון איין צד, פעהלט פעסטקייט, און אז די פאך־אונטערשטיצונגס־געזעלשאפט, פון צווייטען צד, איז שולדיג אין

גלייכגילטיגקייט צו פאַך־אינטערעסען; בלויז דאַן, ווען די קויהלען־גרעבער פון לאַנקאַשייר און יאָרקשייר זיינען געצוואונגען געוואָרן צו פּראָטעסטירן געגען די כסדר'דיגע לוין־רעדוצירונגען, וואָס די באַוועגליכע שכירות־טאַבעלע האָט פאַראורזאַכט, און איינינגע פון די פיהרער פון די באַוועל־אַרבייטער פון לאַנקאַשייר האָבען זיך צוריקגעהאַלטען אין זייער פאַרטיידיגונג פון דעם געזעצליך באַשטימטען אַרבייטס־טאָג; אַמענדע, בלויז ווען אַ מעכטיגער טייל פון די מינען־אַרבייטער האָט זיך געשטעלט אַנט־קעגען וועלכער עס איז אויסברייטונג פון די „מינען רעגולירונג געזעצען" און אַ טייל פון די מאַשיניסטען און די בוי־אַרבייטער האָבען אָנגעפאַנגען צו פאַרטיידיגען די געזעצליכע באַשטימונג פון זייער אייגענעם אַרבייטס־טאָג, — בלויז דאַן געפינען מיר די דערקלערונג, אַז „דיביידע סיסטעמען קענען ניט עקזיסטירן צו־זאַמען; זיי זיינען ווידערשפּרעכענד און נעגענזעצליך".

די אינדוסטריעלע נעדריקטקייט האָט, דעריבער, אין מעהר ווי איין ריכטונג בולט אַרויסגעבראַכט די ווייטע מיינונגס פאַר־שיידענהייטען וועגען אַ טרייד יוניאָן טאַקטיק. אָבער די ניט־גינסטיגע אינדוסטריעלע אומשטאַנדען פון דער צייט האָבען, אין געוויסע אינדוסטריען, אויפגעדעקט אַ מיאוס'ערע שפּאַלטונג. מיט דער אַנטוויקלונג און ענדערונג אין די שאַפונגס־פּראָצעסען דורך דעם פּראָגרעס פון ערפינדונגען און דעם געברויך פון איין סאָרט מאַטעריאַלען אַנשטאָט אַנאַנדערען, — ווי, למשל, אייזען אַנשטאָט האָלץ אין דעם בוי פון שיפען, — געפינען זיך די בעלי מלאכות פון איין פאַך אַרויסגעשטופּט ביי געוויסע אַרבייט פון מיטגליעדער פון אַנאַנדער פאַך. אַ מאָדערנע שיף, פאַר נסיעות איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, וואָס איז פּראַקטיש אַ מיט־לוקסוס־אויסגעשטאַטעטער, מיט עלעקטריציטעט באַלויכטענער שווימענדער האָטעל, נעבויט פון אויסגעוועלגערטע שטאָהלענע פּלאַטען, באַלאַנגט ניט, — עס איז קלאָר, — צו דער אַרבייט פון אַ שיף־בויער, ווי פּיאָטר דער גרויסער. אָבער דער אַלטמאָדישער שיף־בויער האָט נאַטירליך זיך אַנטזאָגט אָהן אַ קאַמף איבערצו־געבען זיין רעכט צו בויען אַלערליי מינים שיפען. די נעדריקטקייט פון 1879 האָט זיך שאַרף געפיהלט אין די שיף־בוי און מאַשינעריי

פאכען און ביידע האָבען געהאט א גרויסען פּראָצענט פון אונבאַ־שעפטיגטע מיטגליעדער. די געזעלשאפטען האָבען אויסגעפונען, ווי מיר האָבען געזעהן, אז די ארבייטסלאָזינקייט אויסצאָהלונגען זיינען אַן ערנסטע משא אויף זייערע פאָנדען, און זיי זיינען גע־וועזן געצוואונגען נעהענטער אריינצוקוקען אין די פאלען פון „השגת גבול" („Encroachment" — דאָס איבערגרייכען פון זייער חזקה און פארנעהמען דעם פּלאץ פון א „געזעצליכען" מיטגליעד פון זייער פאך; איינגרייף", אריינשטופען זיך.) בנוגע צו דער אר־בייט, וואָס יעדע פון זיי האָבען באטראכט אלס דעם געזעצליכען קרייז פון זייער אייגענע מיטגליעדער. סכסוכים צווישען איין יוניאָן מיט א צווייטער וועגען חזקות אויף געוויסע סאָרטען אר־בייט, אויף וועלכע צוויי פאכען קאָנען האָבען תביעות, איז אין די יאָהרען געוואָרן אַן אָפטע פאסירוג, און צו די כסדר'דיגע צוזאמעשטויסען מיט די באַלעבאַטים איז צוגעקומען א פארבי־טערטע מלחמה אויף טויט צווישען די ארבייטער פון איין טייל פון דער אינדוסטריע מיט די ארבייטער פון אנאַנדער טייל. די מאשיניסטען האָבען זיך באקלאָגט אויף דער חזקה, וואָס די קעסעל־ארבייטער האָבען אָנגעהאלטען אויף דער גאנצער ארבייט, וואָס איז פארבונדען מיט געבויגענעם אייזען. די מוסטערן ארבייטער האָבען העפטיג פּראָטעסטירט אנטקעגען די סטאָליארעס, וועלכע האָבען געזאָלט מאכען וועלכע עס איז מאשינען־מוסטערן. אין גלאַזגאָו זיינען די מעש־גיסער ארויסגעטראָטען געגען דעם, אז די אייזען־פורעמס ארבייטער זאָלען אָנגעהן צו מאכען די גרויסע מעשענע אויסגיסונגען, וואָס די מעש־ארבייטער האָבען לכתחילה ניט געקאנט זיך אונטערנעמען צו מאכען. די גרענעץ ליניע אין דעם בוי פון אייזערנע שיפען צווישען דער ארבייט פון דעם שיף־בויער און דער ארבייט פון דעם קעסעל־ארבייטער איז געוועזן א שטענדיגער קוואל פון רייבונגען. דאָס ניט רעכענען זיך פון די באאמטע פון די קעניגליכע שיף־בוי־האפענס מיט דער געוועהנ־ליכער קלאסיפיצירונג פון די פאכען האָט געשאפען גרויס אומ־צופריעדענהייט צווישען די מאשיניסטען, וועלכע האָבען געזעהן ווי מען שטעלט די שיף־בויער צו טאָן די ארבייט פון די אייג־ריכטער (Fitters), און בראָאַדהוירסט האָט אין 1882 די זאך

פאָרגעבראכט פאר דעם פארלאמענט.[1] די סכסוכים האָבען זיך אויך ניט באגרענעצט צו דער קאָמפּליצירטער פראגע וועגען די גרענעצע ליניען צווישען געוויסע פאכען. אין 1877 האָט די ניט־לאנג צוריק געגרינדעטע יוניאָן פון "פלאטירער'ס ארויסהעלפער" זיך ביטער באקלאָגט פאר דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, אז די גאנצע מאכט פון דער קעסעל־ארבייטער'ס געזעלשאפט איז גע־ברויכט געווארן צו פארניכטען זייער ארגאניזאציע. עס פאָדערט זיך צו דערקלערען, אז די פלאטירער'ס ארויסהעלפער באשטעהען פון א גרויסען קלאס פשוט'ע ארבייטער אין די שיף־בוי פלעצער, וועלכע ווערן געוועהנליך באשעפטיגט און געצאָהלט ניט פון די אייגענטימער פון די בוי־פלעצער, נאר פון מיטגליעדער פון דער קעסעל־ארבייטער'ס געזעלשאפט. אין די בוי־פאכען האָבען פאַ־סירט פיעלע פאלען פון רייבונגען צווישען די ציעגעל־לייגער און מויערער פון איין צד און די בויער'ס ארבייטער (פשוט'ע) פון צווייטען צד. די איינפיהרונגען פון טעררא קאָטטא (פארטיגע ערד באפוצונגען אויף געביידעס) האָט געבראכט צו א גאנצע רייהע סכסוכים צווישען די ציגעל־לייגער און די פלאסטערער (טינקעווער) וועגען דער פראגע, צו וועלכען פאך די נייע מלאכה באלאנגט ריכטיג. אָט דער מין סכסוכים איז, פארשטעהט זיך, געוועזן ניט קיין נייע זאך. א נייע וויכטיגקייט האָבען זיי באקור־מען דורך דער הערשאפט פון די פאכען אונטערשטיצונגס געזעל־שטאפטען צווישען די געלערנטע מלאכות. דער פארלוסט פון באשעפטיגונג פון איינצעלנע מיטגליעדער איז אין שלעכטע צייי־טען געוואָרן אן ערנסטע פינאנציעלע משא אויף יוניאָנען, וואָס

---

[1] לויט די פראָטאָקאָלען פון דעם פארלאמענט האָט די פאָרגעשלאָ־גענע רעזאָלוציע פון דעם 14טען מארץ, 1882, געזאָגט: „די מיינונג פון דער הויז איז, אַז עס איז שעדליך פאַר דער מלוכה־דיענסט, אַ סכנה פאַר דער ווירקזאַמקייט פון אונזערע קריעגס שיפען און אומגערעכט פאר די איינריכטער (fitters) פון די שיף־בוי האַפענס פון איהר מאַיעסטעט, אַז די הויפט־באַאַמטע פון דער פאַרוואַלטונג זאָלען האָבען אַ דעה איבער אַרבייטער, מיט וועמעס פאַך־אַרבייט זיי זיינען פראַקטיש ניט באַקאַנט, אָדער אַז מען זאָל איבערגעבען אַרבייטער אַזאַ אַרבייט, פאַר וועלכע זיי פאַסען ניט לויט זייער לערנען זיך אָדער לויט זייער דערפאַהרונג".

האבען געגעבען ארבייטסלאזיגקייט צאהלונגען. אנשטאט די שטרייטערייען פון איינצעלנע ארבייטער האבען מיר די צוזאמענשטויסען צווישען מעכטיגע געזעלשאפטען, יעדע פון זיי שטיצענדיג די תביעות פון איהרע אייגענע מיטגליעדער אויף ארבייט, פאר וועלכע עס קומט פאר א סכסוך. „ווען ארבייטער זיינען ניט ארגאנירט אין א טרייד יוניאן, — זאגט דער גענעראל סעקרעטאר פון א גרויסער געזעלשאפט (סטאליארעס), — קוקט מען זיך ניט פיעל ארום אויף די דאזיגע קליינינקייטען, אבער אין דעם מאמענט, ווען דיביידע פאכען ווערן גוט ארגאניזירט, פארטיידיגט יעדער תאך די אינטערעסען פון זיינע אייגענע מיטגליעדער...״

מיר וועלען זיך פרובירן אין א ווייטערדיגען באנד צו אנאליזירן די געשיכטע, דעם כאראקטער און די מאס פון דער געגנערשאפט צווישען קאנקורירענדע צווייגען פון דעם זעלבען פאך. דא דארפען מיר בלויז פארצייכענען איהרע רעזולטאטען אין דער אפשוואכונג פון דער פארבינדונג צווישען מעכטיגע טיילען פון דער טרייד יוניאן וועלט. די ארטיגע פאך־ראטען, וואס וואלטען געקענט קומען צו א צושטאנד פון האבען פאליטישען איינפלוס, זיינען שטענדיג געווען צוטיילט דורך די מחלוקות פון די קאנקורירענדע פאכען. דער מעכטיגער „שיף־טראנספארט פאכען ראט״ פון ליווערפול, למשל, וועלכער האט געשפיעלט א וויכטיגע ראלע אין פלימזאלל'ס אגיטאציע פאר א נייעם געזעץ וועגען קאמערציעלען שיף טראנספארט, איז צובראכען געווארן אין 1880 דורך א קריעגעריי צווישען די באזונדערע געזעלשאפטען פון די שיפבויער, שיף סטאליארעס און סטאליארעס־הויז־בויער איבער שיף ארבייט. די פראטאקאלען פון יעדען פאכען־ראט, ספעציעל פון יענע, וואס זיינען אין די ים־האפען־שטעדט, דערצעהלען וועגען אהן א שיעור גוט־געמיינטע פארזוכען צו שליכטען עהנליכע סכסוכים, וואס ענדיגען זיך כמעט כסדר מיט דעם אפשפאלטען זיך פון דער אדער אנאנדערער פון די יוניאנען, וואס זיינען פארבונדען אין דער מחלוקת. די דאזיגע קריעגערייען האבען, חוץ דעם, ניט דערלאזען עס זאל זיך גרינדען וועלכע עס איז שטארקע אלגעמיינע פעדעראציע. אין דעם יאהר 1875 איז געמאכט געווארן א פארזוך פון די באאמטע פון די אמאלגאמירטע געזעל־

שאַפטען פון די מאַשיניסטען, קעסעל־ארבייטער, אייזענגיסער און דאמף־מאשינען ארבייטער צו עטאַבלירן א פעדעראַציע פאר גע־גענזייטיגער פארטיידיגונג געגען אטאַקעס אויף דעם ניין־שונדען סיסטעם. נאָך עטליכע מאָנאַטען האָבען די סכסוכים צווישען די מאַשיניסטען און די קעסעל־ארבייטער פון איין זייט און די מיט־גליעדער פון דער אַמאַלגאמירטער געזעלשאפט און פון דער דאמף־מאַשינען אַרבייטער געזעלשאַפט פון צווייטען צד, געפיהרט צו דעם, וואָס מען האָט דעם פאַרזוך פאַרוואָרפען. אן עהנליכע באוועגונג איז אָנגעפאנגען געוואָרן פון די קעסעל־ארבייטער אין 1881 און איז אויך געוועזן אַ דורכפאַל.[1]

ברייטערע פעדעראציעס האָבען געהאט ניט קיין בעסערן ער־פאָלג, איידער יענע, וואָס זיינען געוועזן באַגרענעצט צו די מאַשי־נען־ארבייט און שיף־בוי פאכען. דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס האָט פיעל מאָל נאָכאַנאַנד זיך דערקלעהרט פאַר אן אַלגעמיינע ברודערשאפט צווישען די טרייד יוניאָניסטען און פאר דער גרינ־דונג פון א פעדעראטיווען פארבאנד פון די פארשייעדע געזעל־שאפטען. אָבער די תוך־פארשיידענהייטען צווישען פאך און פאך, די פיעלע גאַנץ־באַזונדערע אָרגאניזאציאָנס טיפען, אויף וועלכע די געזעלשאפטען האָבען זיך צוטיילט, די טיפע חלוקי־דעות וועגען טרייד יוניאָן טאַקטיק, וואָס מיר האָבען באשריבען, און, מעהר פון אַלץ, די מחלוקת׳ען איבער מיטגליעדער און מלאכות צווישען קאָנ־קורירענדע געזעלשאפטען אין דערזעלבער אינדוסטריע, האָבען געמאַכט אוממעגליך וועלכע עס איז אַלגעמיינע פעדעראַציע. נאָך

---

[1] אין 1890 איז דאָך ראָבערט נייהט, וועלכער איז תמיד געוועזן דער טיכטיגסטער אַרבייטער פאַר אַ פעדעראַציע, געלונגען צו שאַפען אַ „פעדעראַציע פון די מאַשינען אַרבייט און שיף־בוי פאַכען פון דעם פאַראייניגטען קעניגרייך” (ענגלאַנד), פון וועלכער די אַמאַלגאַמירטע מאַשיניסטען געזעלשאַפט האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס. לויט אונזערע ידיעות באַשטעהט אַ גרויסער טייל פון דער אַרבייט פון דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט פון דער פעדעראַציע אין אויסגלייכען סכסוכים צווישען איין יוניאָן און אַ צווייטער בנוגע צו מלאכות, אויף וועלכע צווייַ פאַכען קענען האָבען תביעות, און אין דער אויסטיילונג פון אַרבייט אין אַזעלכע מלאכות.

דעם קאָנגרעס אין שעפפעיעלד אין 1874 האָבען פאָרשטעהער פון די פיהרענדע יוניאָנען אין די אייזען און בוי פאכען געגרינדעט א „פעדעראציע פון אָרגאניזירטע פאכען געזעלשאפטען”, אין וועל־כער אלע יוניאָנען זיינען איינגעלאדען געווארן אריינצוטרעטען צוליעב געגענזייטיגער פארטיידיגונג. אָבער די באוועל־שפינער, וועלכע האָבען פארגעצווינגען ארבייט־באדינגונגען־רעגולירונג דורך געזעצגעבונג, האָבען זיך אנטזאגט צו האָבען וועלכע עס איז שייכות מיט א פעדעראציע, וואָס האָט אין זינען געהאט קיין אנ־דער זאך, אויסער שטרייק־אויסצאָהלונגען. דער גאנצער פאר־קלעהר איז באמת מעהר געווען א פראָיעקט פון געוויסע טרייד יוניאָן באאמטע, איידער אן ארויסצייגונג פון וועלכען עס איז אל־געמיינעם געפיהל פאר געמיינשאפטליכע טעטיגקייט. יעדער פאך האָט, ווי מיר האָבען געזאגט, אויסגעארבייט זיין אייגענע טאַק־טיק און האָט זיך כמעט אויסשליסליך איבערגעגעבען מיט זיינע אייגענע אינטערעסען. אונטער אזעלכע אומשטאנדען האָט יעדער פארזוך צו שאפען א שטארקע פעדעראציע געמוזט נויטיגערווייזע בלייבען א מפיל. פונדעסטוועגען האָט דער קאָנגרעס אין עדינ־בורג, אין 1879, געמאכט אן אויפרוף פאר א נייעם פארזוך און דער פארלאמענט קאָמיטעט האָט פאנאנדערגעשיקט צו יעדער טרייד יוניאָן אין דעם קעניגרייך די תקנות, וואָס זיי האָבען פאר־געשלאָגען פאר אנאנדער „פעדעראציע פון די ארגאניזירטע פאך געזעלשאפטען”. אויף דער איינלאדונג איז אפילו קיין האלבער טוצען ענטפערס ניט דערהאלטען געוואָרן.[1] ביי דעם קאָנגרעס פון 1882, ווען עס איז ווידעראמאָל פאָרגעשלאָגען געוואָרן א רעזאָלוציע פאר אן אלגעמיינער פעדעראציע, האָט דער פאָרשלאג באקומען ווייניג שטיצע. די פאָרשטעהער פון די לאָקאלע פאכען־ראטען האָבען גע'טענה'ט, אז די דאָזיגע קערפערשאפטען גיבען אלץ, וואָס איז פראקטיש אין דעם פרט פון א פעדעראציע. טהאָ־מאס אשטאָן, דער אָפענהערציגער פאָרשטעהער פון די באוועל־

[1] ווען מען האָט אין 1890 ווידעראמאָל אויפגענומען דעם פראָיעקט וועגען אן אלגעמיינער פעדעראציע, האָט מען פשוט איבערגעדרוקט די פאָרגעשלאָגענע תקנות פון 1879.

שפינערס, האָט גערעדט קלאָהערע דבורים: „דורך א משך פון יאָהרען, — האָט ער געזאָגט, — האָבען דער פארלאמענט קאָמי־טעט און אַנדערע געפּרובירט זיך צו שאַפען אזא אָרגאניזאציע, ווי די, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער רעזולוציע, אָבער דאָס האָט זיך ארויסגעצייגט אַלס אנטשיידען אוממעגליך... עס איז אינ־גאַנצען אַן אונזין אָנצונעהמען אזא באשלוס. עס איז אוממעגליך פאר די פאבען פון גאנצען לאנד צוזאמענצוגיסען זיך („אמאלגאַ־מירען זיך") האָבענדיג אזוינע פארשייעדענע אינטערעסען און ווען זיי זיינען אזוי אייפערזיכטיג בנוגע צו די סכסוכים, וואָס זיי האָבען איינע מיט די אַנדערע.

די אויספאָרשונג, וואָס מיר האָבען דאָ געמאכט, פון די אי־נערליכע פארהעלטניסע פון דער טרייד יוניאָן וועלט צווישען די יאָהרען 1875 און 1879, הגם ניט פאָלשטענדיג, צייגט ווי ווייט די באוועגונג איז דורך די יאָהרען באהערשט געוואָרען פון אַן עטוואָס שמאָלען „פּארטיקולאַריזם" (דער גייסט פון אין זינען האָבען בלויז „איין פּרט") פון 1880 ביז 1885 זיינען די פארשייעדע געזעלשאַפ־טען געווען פאָרטיעפט אין צוריק אויפבויען זייערע מיטגליעדער־שאַפטען און פאָנד־באלאַנסען, וואָס האָבען ערנסט געליטען דורך דער צייט, וואָס די עקאָנאָמישע גערריקטקייט האָט אָנגעהאַלטען. דער יעהרליכער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, דער פארלאמענט קאָמי־טעט און די פּאָליטישע געשעהענישען דורך די יאָהרען זיינען געווען די איינציגע געמיינשאַפטליכע פארבינדונגען צווישען די אָפּגעזונדערטע און אָפט פּיינדליכע טיילען פון דער באוועגונג. אין אַלע אינדוסטריעלע אנגעלעגענהייטען איז די טרייד יוניאָן וועלט געווען צוברעקעלט אויף קעמפענדע גרופּען, אָהן וועלכען עס איז געמיינשאַפטליכען צוועק, יעדע הויפּטזאַכליך בלויז שטאַרק באשעפטיגט מיט איהרע אייגענע דאגות און אָפט פארלויפענדיג גראַד אַנטקעגען דער טאַקטיק אָדער די צוועקען פון די איבעריגע. די צושפּאַלטונגען פון אינטערעסען און מיינונגען צווישען די אר־בייטער האָבען זיך ארויסגעצייגט צו זיין טיעפער און מעהר אין צאָהל, איידער אימיצער האָט חושד געווען. אין דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל וועלען מיר זעהן ווי אזוי א ניט ריכטיגע השגה וואָס איינע טיילען פון דער באוועגונג האָבען געהאט וועגען דער

פּאָזיציע פון די אנדערע טיילען האָט געפיהרט צו יענעם צוזאַ־מענשטויס צווישען די „אַלטע" און „נייע" יוניאָניסטען, וואָס האָט דורך אַ משך פון איינינע יאָהרען שיעור נים געהאַלטען ביי צוברעכען די גאַנצע ארבייטער באוועגונג.

זיבעטער קאַפּיטעל.

דער אַלטער יוניאָניזם און דער נייער.

(1875—1889)

זינט דעם יאָהר 1875 האָט דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס וואָס ווייטער געמאכט אן אלץ מעהר בולט'ען איינדרוק אויף דעם אַל־געמיינעם פּובליקום אלס דער רעפּרעזענטירענדער פּאַרלאַמענט פון דער טרייד יוניאָן וועלט. פאר דעם היסטאָרישען פאָרשער, צוריקגענומען, האָט ער פאר די לעצטע צוואנציג יאָהר וואָס ווייטער אלץ מעהר פארלאָרן זיין באדייטונג אלס אנצייגער פון די ווירקליכע פאַקטאָרען אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג. צווישען 1871 און 1875, די פּעריאָדע פון דעם קאמף פאר פולשטענדיגע געזעצליכע אנערקענונג, האָט דער קאָנגרעס קאָנצענטרירט די כחות פון די פארשיידענע טיילען אויף דעם געמיינשאַפטליכען צוועק, וואָס איז זיי אלעמען געוועזען נאָהענט צום הארצען. ווען דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרן איז דער קאָנגרעס פאר א משך פון צעהן יאָהר געוואָרן ניט פיעל מעהר איידער א יעהרליכע פארזאמלונג פון טרייד יוניאָן באאמטע, אויף וועלכער זיי האָבען מיט רוהיגער איינשטימונג אויסגעדריקט זייערע מיינונגען וועגען ארבייטער־געזעצגעבונג און ארבייטער פּאָליטיק. פון דעם יאָהר 1885 און ווייטער וועלען מיר צוזעהן ווי דער קאָנגרעס פארלירט זיין בכבוד'יגע רוהיגקייט און פארוואנדעלט זיך צוביסלאכווייז אין א שלאכט־פעלד פון קעמפּפענדע פּרינציפּען און געגנערישע פיהרער. אָבער דורך זיין גאנצער קאריערע, האָט ער, בעצם גע־נומען, וועניגער רעפּרעזענטירט די אנטוויקלונג פון דעם טרייד יוניאָניזם, אלס אזעלכען, איידער די סאָציאלע און פּאָליטישע שטרעבונגען פון זיינע מיטגליעדער.

דער וואָס לייענט די פאַרהאַנדלונגען פון דעם קאָנגרעס זינט 1875 וואָלט, למשל, אין זיי ניט נעקענט דערקענען אונזער באַשרייבונג פון די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון דער באַוועגונג דורך די דאָזיגען יאָהרן. די הערשענדע אייגענשאַפט פון דער טרייד יוניאָן וועלט צווישען 1875 און 1885 איז געווען, ווי מיר האָבען געזעהן, א העכסט קאָמפּליצירטער סעקציאָנאַליזם (א נייגונג צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון באַזונדערע טיילען) מען האָט דעריבער געקענט דערוואַרטען, אַז די יעהרליכע פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטען פון פאַרשיידענע פאַכען זאָל ווערן דער פּלאַץ, וואו עס זאָלען דעבאַטירט ווערן אַלע שטרייט־פּונקטען און דריקענדע פראַגען פון דעם טרייד יוניאָניזם, שוין ניט ריידענדיג וועגען ווערן דער שלאַכט־פעלד פאַר די געגנערישע אינטערעסען. אבער הגם דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, ווי אַלע פאָלקס־פאַרשטעהער פאַרזאַמלונגען, האָט געהאַט זיינע שטורעמדיגע סצענען און היציגע פאַרהאַנדלונגען, האָבען אַזעלכע עפּיזאָדען פון 1875 ביז 1885 פּאַסירט בלויז איבער פּערזענליכע פראַגען, ווי די אויפפיהרונג פון איינצעלנע מיטגליעדער פון דעם קאָמיטעט אָדער די bona fides (די ריכטיגקייט פון דער באַפאָלמעכטיגונג) פון געוויסע דעלעגאַטען. וועגען אַלע טאַקטישע אָדער פּרינציפּיעלע פראַגען, וואָס פלעגען פאָרקומען פאַר דעם קאָנגרעס, זיינען די דעלעגאַטען בכלל געווען איינשטימיג. דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרן דורך דעם, וואָס פון דעם פאַרהאַנדלונגס פּראָגראַם פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט פאַר דעם קאָנגרעס פלעגען בכונה אויסגעשלאָסען ווערן אַלע טרייד יוניאָן פּראָבלעמען. די רעלאַטיווע מעלות פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען און רעגולירונג פון ארבייטס באַדינגונגען דורך געזעצגעבונג זיינען קיינמאָל פיעל, דורך די יאָהרען, ניט דיסקוטירט געוואָרן. מען האָט ניט געמאַכט קיין פאַרגלייך צווישען די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען פון אונטערשטיצונגס קלובען אָדער פאַך־געזעלשאַפטען. די שוועריגקייטען איבער מלאָכות, וואָס קאָנען באַלאַנגען צו צוויי פאַכען, אָדער איבער צוטיילונג פון ארבייט זיינען אפילו ניט באַריהרט געוואָרן. מען האָט ניט דערמאָנט די באַוועגליכע לוין־טאַבעלען, שכירות־קאָמיסיעס, שטיק־ארבייט־ליסטען אָדער אנדערע עצות

אויסצומיידען סכסוכים. די פראגע וועגען שטיק־ארבייט גופא, ווען זי איז ארייגעבראכט געוואָרן פון אַ דעלעגאט אין 1876, איז פארוואָרפען געוואָרן אלס א סכנה'דיגער ענין. די סכסוכים צווישען די יוניאָנען זיינען פון דעם קאָמיטעט באטראכט געווארן אלס אזוינס, וואָס איז אויסער דער ספערע פון דעם קאָנגרעס.[1] אין קורצען, די פארפלאָנטערטע טרייד יוניאָן אָרגאניזאציאָנס פּראָבלעמען, די חלוקי דעות וועגען א טרייד יוניאָן טאַקטיק, די ווירקונג אויף דעם טרייד יוניאָניזם פון די פארשיידענע באלוי־נונגס מעטאָדען, — די אלע קריטישע פראגען פון דעם אינדוסט־ריעלען קאמף זיינען אויסדריקליך אויסגעשלאָסען געוואָרן פון דעם פארהאנדלונגס פּראָגראם פון דעם קאָנגרעס.

עס איז געווען אַ היסטאָרישע אורזאכע פאר די ענגע גרע־נעצען, וואָס זיינען באשטימט געוואָרן פאר דער טעטיגקייט פון דעם קאָנגרעס. ער איז געשאַפען געוואָרן אין דער פעריאָדע צווי־שען די יאָהרן 1868 און 1871, ווען די באוועגונג איז געווען זעהר שטארק פארנומען מיט דער פראגע וועגען די פארהעלטניסע צווי־שען דעם טרייד יוניאָניזם און דעם געזעץ, און ער האָט אָנגע־האלטען דעם כאראקטער, וואָס ער האָט דאמאָלסט באקומען, אלס אַן אויסשליסליך פּאָליטישע קערפערשאפט. פאר אַ משך פון א סך יאָהרן איז זיין הויפט ניצליכקייט באשטאנען אין צוגעבען געוויכט צו דער פארלאמענטארישער טעטיגקייט פון דעם פער־מאַנענטען קאָמיטעט, וועמעס איינפלוס אין דעם פאָרצימער פון דעם פאָלקס־הויז („האוז אָוו קאָמאָנז”, דער ענגלישער פאר־לאמענט) איז דירעקט פּראָפּארציאָנעל צו דער צאָהל מענשען, וואָס מען האָט געגלויבט זיי רעפרעזענטירען. עפענטליכקייט און מודעות אין די צייטונגען, — די זאכען, וואָס זיינען פריהער פון אלץ נויטיג פאר דעם ערפאָלג פון דעם קאָנגרעס, זיינען געווען ערגער פון נוצלאָז אָהן מיינונגס־איינשטימיגקייט. אונטער אזוינע אומ־

[1] אין 1878, למשל, האָט דער פּארלאַמענט קאָמיטעט באשלאָסען, אַז דער קאָנגרעס דאַרף זיך ניט אַריינמישען צווישען די ענגלישע און די שאָטלענדישע שניידער געזעלשאפטען, אָדער צווישען די קעסעל־אַרביי־טער און די פּלאַטירער'ס ארויסהעלפערס.

שטאַנדען איז ניט קיין איבערראַשונג, אז די פיהרער פון די טרייד יוניאָנען האָבען בכונה זיך אנטזאגט צו דיסקוטירן אינערליכע פראָבלעמען אויף אן אָפענעם קאָנגרעס. די מעהרסטע מענשען אין זייער לאַגע וואָלטען זיך צוריקגעהאַלטען פון צו לאָזען דער וועלט וויסען, אז די שיינבארע סאָלידאריטעט פון דעם טרייד יוניאָניזם פארדעקט אייפערזיכטיגע סכסוכים וועגען טעכנישע פראגען און גרינדליכע מיינונגס־פארשיידענהייטען וועגען דער פראגע פון טאַקטיק. זיי האָבען לייכט זיך אליין געמאכט צו דענקען, אז א יעהרליכע פארזאַמלונג פון דעלעגאַטען, וואָס ביימען זיך אָפט, איז ניט פאַסענד ניט פאר דעבאַטען וועגען טעכנישע פראַגען און ניט אַלס טריבונאַל, צו וועלכען מען זאָל זיך ווענדען מיט סכסוכים. אָבער די דאָזיגע שוועריגקייטען האָט מען גע־קענט בייקומען. די פינף־יעהרליכע דעלעגאַטען פארזאמלונג פון דער אמאַלגאַמירטער מאשיניסטען געזעלשאַפט פארזיכערט פול־שטענדיגע אפענהערציגקייט פון די פאַרהאַנדלונגען דורך אויס־שליסען צייטונגס קאָרעספאָנדענטען; און די אָפטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענצען פון די מינען־ארבייטער דערגרייכען דעם זעלבען צוועק דורך דעם, וואָס זיי שטעלען צו צו דער פרעסע זייערע אייגענע קורצע באַריכטען וועגען די פארהאנדלונגען. די קאָנ־פערענץ פון די מינען־ארבייטער פון 1863, וואָס מיר האָבען שוין באַשריבען, האָט אויך געצייגט ווי אזוי א גרויסע ארבייטער קאָנ־פערענץ קען מיט ערפאָלג, צוליעב ספּעציעלע פראגען, זיך צוטיי־לען אויף פריוואטע עקספּערטען־קאָמיטעטען, וועלכע גיבען אָפּ זייערע באַריכטען פאר דער גאַנצער קאָנפערענץ ביי איהרע אָפע־נע זיצונגען; און די „לאַנדאָנער דרוקער געזעלשאפט״, וואָס ווערט פראַקטיש פאַרוואַלטעט דורך מאַסען־פארזאמלונגען, האָט דורך א משך פון איבער א האַלבען יאָהרהונדערט געוואוסט ווי צו פאַראייניגען געטרייע פארהאנדלונגען וועגען קאָמפּליצירטע פראגען מיט דעמאָקראַטישע באַשלוסען וועגען טאַקטישע פּרינ־ציפּען דורך באַשטימען ספּעציעלע קאָמיסיעס, וואָס דאַרפען באַ־ריכטען צו דער פאָלגענדער מיטגליעדער׳ס פארזאמלונג. דער פאַקט, וואָס מען האָט קיינע אזעלכע מיטלען ניט פארגעשלאָגען, צייגט, אז אין יענע יאָהרן האָט די אייפערזיכטיגקייט פון די

מעהרסטע אַרבייטער געגען פון־דרויסענדיגע אַריינמישונגען און זייער גלייכגילטיגקייט צו פּראָגען, וואָס זיינען ניט פאַרבונדען מיט זייערע באַלדיגע פאַך־אינטערעסען, געמאַכט, אַז זייערע פיה־רער זאָלען ניט האָבען קיין פאַרלאַנג אַנצופאַרטרויען זיי מיט ווירקליכע געלעגענהייטען פאַר גענויע דעמאָקראַטישע דיסקו־סיאָנען.

מיר ווילען דעריבער ניט פּראָבירען צו שאַפען אַ פאַרשטעלונג וועגען דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פון די פאַרהאַנדלונגען פון איהרע יעהרליכע קאָנגרעסען. דער ווייטערדיגער קורצער אַנאַליז פון זייערע פּראָגראַמען און די אויפטואונגען פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט זיינען געמיינט צו צייגען ניט די פאַקטען וועגען דער אָרגאַניזירטער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין גאַנצען לאַנד, וואָס מיר האָבען שוין באַהאַנדעלט, נאָר די פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאַלען, וואָס האָבען אָנגעפילט די מחות פון די מעהר דענקענדע און בעסער געבילדעטע אַרבייטער, און די שנעלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אָט־די אידעאַלען אין דעם משך פון דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר.[1]

די ראָלען פון דער „דזשונטאַ" פון 1867-71 איז צו 1875 אויסגעפאַלען אויף אַ גרופּע פעהיגע אָרגאַניזאַטאָרען, וועלכע האָ־בען פאַר אַ משך פון פיעלע יאָהרען פאַרנומען דעם אויבענאָן אין דער טרייד יוניאָן וועלט. צווישען 1872 און 1875 זיינען די

---

[1] דער קאָנגרעס פלעגט אַלע יאָהר זינט 1871 דערוועהלען אַ פּאַרלאַ־מענט קאָמיטעט פון צעהן מיטגליעדער און אַ סעקרעטאַר. די מיטגליע־דער פון דעם קאָמיטעט פלעגען שטענדיג אויסגעקליעבען ווערן פון צווישען די באַאַמטע פון די וויכטיגערע יוניאָנען און עס איז געווען אַ שטאַרקע טענדענץ ווידער צו דערוועהלען די זעלבע מענשען יאָהר איין יאָהר אויס. צווישען 1875 און 1889 איז די צוזאַמענשטעלונג פון דעם קאָמיטעט פּאַקטיש כמעט ניט געענדערט געוואָרן אויסער דורך דעם טויט פון אַ מיטגליעד, אָדער ווען מען האָט וועמען פון זיי באַשטימט צו אַ רעגיערונגס אַמט. הענרי בראָדהורסט איז פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד ווידער און ווידער אַמאָל דערוועהלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר אָהן געגען־קאַנדידאַטען און ער האָט אָבגעטראָטען זיין פּלאַץ צום ערשט[sic] אין 1886 ווען ער איז געוואָרן וויצע שטאַאַטס־סעקרעטאַר אין דעם אינערליכען דעפּאַרטמענט. שפּעטער איז ער ווידער ערוועהלט געוואָרן.

פלעצער פון אללען און אפעלגארטה פארנומען געווארן פון תענרי בראַאדהוירסט, דזשאהן בוירנעט, דזשיי. ד. פּראַיאר און דזשאָרדזש שיפּטאָן, וועלכע לעבען נאָך אלע יעצט (1894). די דאָזיגע פיהרער האָבען געשאַפּען זייערע מעטאָדען און טאַקטיק לויט די פאָרעמס פון זייערע פעהיגע פארגענגער. זיי זיינען עס, באמת, געווען די יעניגע, וועלכע האָבען, געהאָלפען פון אלעקסאנדער מעקדאָנאַלד און טהאָמאס בוירט, ווירקליך דורכגעפיהרט דעם לעצטען אויפטו פון 1857. זיי האָבען, ווי אללען, אפּעלגארטה און גאיל, באלאנגט צום אייזען אָדער בוי פאכען און זיינען שטענדיג געווען בעאמטע פון טרייד יוניאָן אָרגאניזאציעס. א פארגלייך פון די געהיימע פּראָטאָקאָלען פון דעם פּאַרלאַמענטארישען קאָמיטעט צווישען 1875 און 1885 מיט די פּראָטאָקאָלען פון דער „קאָנפערענץ פון די אמאלגאמירטע פאכען" פון 1867-71 דעקט אויף ווי פּינקטליך דער נייער „אויבען־אָן" האָט דורכגעפיהרט די טראדיציעס פון דער „דזשונטא". מיר זעהען די זעלבע קלוג־באטראכטע פאָרזיכטיגקייט און דעם פּראקטישען אָפּאָרטוניזם. מיר באמערקען די זעלבע פּירהויז פּאָליטיק אין דעם פּאָלקס־הויז און די זעלבע בסדר'דיגע דעלעגאציעס צו מיניסטאָרען, וואָס זוכען זיך אויסצורעדען פון מאכען באשטימטע פארשפּרעכונגען. דורך די ערשטע עטליכע יאָהרען, צום ווענינגסטען, געפינען מיר דעם קאָמיטעט אין אָפטע בעראטונגען מיט די זעלבע געטרייע עקספּערטען־יוריסטען און פּאַרלאמענטארישע פריינד.[1] דורך דער

[1] אויסער פרעדעריג הארריסאָן, ע. ס. ביזלי, ה. קראָמפּטאָן און א. דזשוי. מונדעללא פלעגט ר. ס. רייהט, יעצט (1894) הויכער ריכטער (Justice) זינט 1873 אָפט העלפען אָלס יוריסט און האָט זעהר פיעל אויפגעטאָן אויסאַרבייטענדיג געזעץ־פּראָיעקטען. קראָמפּטאָן האָט אונז געגבען די פּאָלגענדע באַשרייבונג פון דער שפּאַלטונג, וואָס איז נאָכדעם פּאָרגעקומען צווישען די „פּאָזיטיוויסטען" און די טרייד יוניאָנס פיהרער:

אין דעם יאָהר 1881 איז די פּאַרבינדונג פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט מיט די „פּאָזיטיוויסטען" אָבגעשוואַכט געוואָרן. עס זיינען ניט געווען די זעלבע געלעגענהייטען אויסצונוצען זיי, ווי פריהער. נאָך 1883, דעם יאָהר ווען פ. הארריסאָן און ה. קראָמפּטאָן האָבען זיך דורך אַן איינלאַדונג באַטייליגט אין דעם קאָנגרעס, האָט די פּאַרבינדונג

פעהיגער פיהרערשאפט און אומדערמיעדליכער טעטיגקייט פון בראָדהוירסט האָט די פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג איינגעהאלטען און אפילו פאַרגרעסערט איהר ווירקזאמקייט. אויב די יעניגע, וועלכע האָבען דורך די יאָהרען פארנומען דעם „אויבען־אָן”, איז ניט געלונגען צו שאפען פאר דער ארבייטער באוועגונג אזא אָנטשלאָסענע פיהרערשאפט, ווי די, וואָס איז געווען פריהער פאר זיי, איז די שולד געלעגען ניט אין די מענשען אָדער אין דער אָרגאניזאציאָנס־מאַשין, נאָר מעהר אין דעם פראנראם, וואָס זיי האָבען באשלאָסען דורכצופיהרן.

דער פראנראם, וואָס מען האָט פאָרגעלייגט פאר אלע קאָנ־

אינגאַנצען אויפגעהערט, הגם די פריינדליכע פאַרהעלטנישע זיינען גע־בליבען ווי פריהער. ביז דעם יאָהר 1881 איז צווישעןביידע געווען פאָלשטענדיגע איינשטימיגקייט וועגען פראַגען פון טאַקטיק און וועגען טעטיגקייטס מיטלען. די טאַקטיק פון די פּאָזיטיוויסטען איז געווען צו פאַרזיכערן פאָלשטענדיגע געזעצליכע פרייהייט פאר די אַרבייטער און זייערע געזעצליכע אָרגאַניזאַציעס; צו מאַכען, אַז מען זאָל זיי מעהר רעספּעקטירען און אַז זיי אַליין זאָלען זיין מעהר באַוואוסטזיניג וועגען זייער אייגענער אַרבייט; צו דערהייבען זיי צו אַ העכערע מאָראַלע שטופע און צו העלפען. אַז זיי זאָלען ווערן בירגער, וועלכע קענען און ווילען דערפילען אַלע בירגערליכע פליכטען. די מיטלען, וואָס זיינען געברויכט געוואָרן, זיינען געווען צו פאַרפעסטיגען און אָרגאַניזירן די מאַכט פון די פאַכען געזעלשאַפטען דורך די אינסטיטוציעס פון דעם יעהרליכען קאָנגרעס און זיין פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט; צו גע־ברויכען די דאָזיגע מאַכט, לויט די אומשטענדען, פאר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, ווי אויך פאַר פאַך אינטערעסען, און אַז די באַשלוסען, וואָס זיינען אָנגענומען אָדער פאַרגעשלאָגען געוואָרן פון דעם קאָנגרעס, זאָ־לען דורך און דורך דיסקוטירט ווערן אין די אָבטיילונגען פון דער באַוועגונג, כדי די דעלעגאַטען זאָלען זיין גוט באַקאַנט מיט די הויפּט־פראַגען. אויסצודריקען עס בקיצור: צו אָרגאַניזירן די אַרבייטער קאָלעק־טיוו און צו דערציהען פּאָליטיש די איינצעלנע אַרבייטער.

דער תנאַי, וואָס די דאָזיגע שטאַרקע קראַפט, די גרופּע פּאָזיטי־וויסטען, האָט געשטעלט, איז געווען, אַז באַנוצענדיג זיך מיט איהר פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישער טעטיגקייט, מוז זי אָבער געהאַלטען ווערן אינגאַנצען פון דערוויטענס און אומאָבהענגיג פון פּאָליטישע פּאַרטייען. דער חלוקי־דעות איז געקומען מיט דער אַריינטרעטונג פון גלאַדסטאָון אין אַמט. די ליבעראַלע רעגירונג האָט אָנגעפאַנגען אַ

רידאַטען צום פאָלקס־הויז ביי די אַלגעמיינע וואהלען פון 1874, איז געווען באַגרינדעט, ווי פראַיאָר האָט שפּעטער דערקעלערט, אויף דעם פּרינציפּ „אַז אַלע אויסנאַמס געזעצען, וואָס באַריהרען אַרבייטער, זאָלען אָפּגעווישט ווערן און אַז די אַרבייטער זאָלען אָוועקגעשטעלט ווערן פּונקט אין דער זעלבער לאַגע ווי אַלע אַנדערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט". זיינע הויפּט פּונקטען זיינען געווען דאָס אָפּשאַפען פון דעם פאַרהאַסטען „אויסבעסערונגס־אַקט צום קרימינעלען געזעץ" פון דעם יאָהר 1871 און די ווייטערדיגע לעגאַליזירונג פון דעם טרייד יוניאָניזם. די גרויסע נצחונות אַיבעראַל פון 1875 און דאָס, וואָס די קאָנסערוואַטיווע רעגיערונג

טאַקטיק פון אונטערדריקונג אין אירלאַנד. אָרגאַניזאַציעס האָבען געזאָלט אויסגעראָטען ווערן דורך דעם זעלבען מיטעל, וואָס איז דערפונען געוואָרן פאַר דער אונטערדריקונג פון אַרבייטער פאַראייניגונגען — דורך דעם געזעץ וועגען פאַרשוועררונגען. גופא די אַנטשיידונג פון באַראָן בראַמוועל וועגען דעם שטרייק פון די שניידער איז געברויכט געוואָרן אויסצו'פּלפּול'ען אַ געזעץ צו פאַר'משפּט'ען פּאַרנעלל'ן און זיינע מיט־באַשולדיגטע. אַלס אַ רעזולטאַט האָבען די ריכטער אין אירלאַנד אויסגע'פּסק'ענט וועגען פּאָליטישע פאַראייניגונגען, וואָס האָט די מאַכט אין ענגלאַנד און וואָס מוז נאָך יעצט אויך באַקעמפט ווערן אָדער אָבגעשאַפט ווערן. די פּאָזיטיוויסטען האָבען געשטרעבט מיט אַלע זייערע כחות צו דערוועקען אין די אַרבייטער קלאַסען אַ באַוואוסטזיין וועגען דער געפאַהר פון די דאָזיגע מעשים, אַז זיי זאָלען אָהן קיינע קאָמפּראָמיסען באַקעמפען די סוספּענדירונג (די אָבשאַפונג אויף אַ געוויסע צייט) פון דעם העבעאס קאָרפּוס אַקט. (דער גרונד געזעץ וועגען פּערזענליכער פרייהייט). דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט האָט מיט אַזאַ טאַקטיק גאָר ניט געוואָלט האָבען צו טאָן. זיי האָבען אָהן ספק געגלויבט, אַז די אינטערעסען פון די, וועמען זיי רעפּרעזענטירן, וועלען מעהר געווינען דורך אַן ענגערער טאַקטיק, דורך שתדלנ'ען פאַר דער הילף און טובות פון אָנגעזעהענע שטאַאַטסלייט, וואָס זיינען אין אַמט. אָנשטאָט אַ פעסטע, מעכטיגע קראַפט, וואָס זאָל קאָנטראָלירן דעם איבערגעוויכט צווישען די פּאַרטייען און האַלטען דעם שליסעל פון דער לאַגע און דורך דעם קענען דיקטירן איהרע אייגענע באַדינגונגען, האָבען זיי בעסער געוואָלט זיין אַ צוצעפּעניש צו אַ פּאַרטיי. אינ'ם סך־הכל האָבען זיי פיעל ניט באַקומען. נאָר דער גלאַדסטאָונ'ער רעגיערונג איז געלונגען צו פאַרכאַפּען דעם קאָנטראָל איבער דעם קאָנגרעס און זי האָט איהם פאַרמאַכט דעם מויל.

האָט אָנגענומען די פאַרשלאַגען פון דער „דזשונטאַ", האָט פאַר די ווייטערדיגע יאָהרען אָפּגעפּליקט פון דעם פּראָגראַם זיינע וויכטיגסטע פאָרשלאָגען. אין דעם טייל זיינעם זיינען איבערגעבליבען געוויסע וועניגער וויכטיגע אויסבעסערונגען פון די געזעצען און פון דער געריכטס פּראָצעדורע, מיט וועלכע דער קאָמיטעט איז געווען פאַרנומען די ווייטערדיגע עטליכע יאָהרען און וועלכע זיינען צוביסלאַכווייז, דורך זיינע אָנשטרענגונגען, דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער ווירקליכקייט.[1]

אָבער איין איין וויכטיגען פּרט איז דער אַרבּייטער, אַלס אַזעלכער, נאָך געבליבען שוצלאָז דורך דעם געזעץ. לויט דעם אַלגעמיינעם געזעץ אין ענגלאַנד איז יעדע פּערזאָן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די רעזולטאַטען ניט בלויז פון זיין אייגענער נאַכלעסיגקייט, נאָר אויך פון דער נאַכלעסיגקייט פון זיינעם אָנגעשטעלטען, ווען יענער האָט בשעת מעשה געטאָן אַזוינס, וואָס געהט אַריין אין דער ספערע פון זיין באַשעפטיגונג. דער אויסנאַם איז, אַז בשעת צו אַ פּרעמדען איז דער באַלעבאָס פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער נאַכלעסיגקייט פון יעדע פּערזאָן, וואָס ער באַשעפטיגט, איז ער אָבער ניט פאַראַנטוואָרטליך צו זיין אייגענעם אָנגעשטעלטען פאַר דער נאַכלעסיגקייט פון יענעמס אַ מיט־אָנגעשטעלטען אין אַ געמיינשאַפטליכער באַשעפטיגונג. דורך דעם יורידישען פּלפּול, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען ערשט אין 1837 און וואָס געריכטליכע אַנטשיידונגען האָבען נאָכאַנאַנד צוגעזעצט צום אַלגעמיינעם געזעץ, איז אַן אַרבּייטער, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרען דורך דער נאַכלעסיגקייט פון אַנאַנדער פּערזאָן אין דער זעלבער באַשעפטיגונג, געווען אויסגעשלאָסען פון דער מעגליכקייט איינצומאָנען פון דעם באַלעבאָס פון ביידע באַשעפטיגטע דעם

---

[1] אין דער דורכפיהרונג פון דעם „טרייד יוניאָן אַקט" פון 1875 האָבען זיך אין דעם געזעץ אַרויסגעצייגט איניגע טעכנישע חסרונות, וואָס זיינען באַזייטיגט געוואָרען דורך אַן אויסבעסערונגס־אַקט אין 1876. די רעגעלען פאַר דער דורכפיהרונג פון דעם „אַרבּייטס־געבער און אַרבּייטער געזעץ" זיינען דעם זעלבען יאָהר אויסגעאַרבּייט געוואָרען פון דעם יוסיטיץ־מיניסטער („לאָרד טשאַנסעלאָר").

שאַדענערזאַץ, וואָס אַ פרעמדער, מיט וועמען עס פּאַסירט דער־זעלבער עקצידענט, וואָלט געקאָנט מאָנען און צווינגען צו באַ־צאָהלען.[1] ווען עס האָט דורך אַ טעות פון אַ סיגנאַליסט פּאַסירט אַן אייזענבאַהן אומגליק האָבען אַלע פאַרוואונדעטע פּאַסאַזשירען געקאָנט באַקומען שאַדענערזאַץ פון דער אייזענבאַהן געזעלשאַפט, אָבער דער מאַשיניסט און די קאָנדוקטאָרן זיינען אויסדריקליך געווען אויסגעשלאָסען פון אַ מעגליכקייט צו באַקומען באַלוינונג. די ארבייטער האָבען געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון דער יורידישער לעהרע וועגען „געמיינשאַפטליכער באַשעפטיגונג" און דאָס אַוועק־שטעלען פון יעדען אָנגעשטעלטען אין דער זעלבער לאַגע אין באַ־צוג צו באַלוינונג, ווי יעדער איינער פון דעם פּובליקום.

דורך דעם איינפלוס פון דער נאַציאָנאַלער יוניאָן פון די מינען ארבייטער און פון דער אַמאַלגאַמירטער געזעלשאַפט פון די אייזענבאַהן באַדיענטע (געגרינדעט אין 1872), איז די אָפּשאַפונג פון דער באַגרענעצונג פון אָנפאַנג אָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם טרייד יוניאָן פּראָגראַם. יאָהר איין יאָהר אויס האָבען די פאָרשטעהער פון די טרייד יוניאָנס אין פּאַרלאַמענט אריינגעבראַכט געזעץ־פּראָיעקטען איבער דער פאַר־אַנטוואָרטליכקייט פון ארבייטס־געבער, און זיי האָבען בלויז ארויסגערופען אַ פאַר'עקשנ'טען ווידערשטאַנד מצד די קאַפּיטאַ־

---

[1] די דאָזיגע באַשיצונג פון „געמיינשאַפטליכער באַשעפטיגונג", וואָס האָט פּראַקטיש צוגענומען ביי דעם אַרבייטער פון גרויסע אונטערנעמונג די מעגליכקייט צו זוכען באַלוינונג אין אומגליקס־פּאַלען דורך נאַכ־לעסיגקייט ביי דער אַרבייט, איז צום ערשטען מאָל אָנערקענט געוואָרן אין דער קלאַגע פון פּריעסטלי געגען פּאַולער אין 1837. ערשט אין 1868 האָט די „לאָרדען הויז" אַלס דער לעצטער קאַסאַציאָנס־געריכט, די אויסטייטשונג פון דעם געזעץ פאַרשפּרייט אויך אויף סקאָטלאַנד. דער וואוקס פון קאָלאָסאַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אין וועלכע טויזענדע אַרבייטער זיינען פּאַרמעל געווען פאַרנומען אין „געמיינשאַפט־ליכער באַשעפטיגונג" האָט געמאַכט די גרויזאַמקייט פון דעם געזעץ נאָך מעהר שעדליך.

ליסטען פוןביידע פארטייען. דורך דער איינגעשפארטער אר־בייט פון בראַדהוירסט איז אין 1880 פון דער גלאדסטאָן רעגירונג געלונגען ארויסצובאקומען א טיילווייזע אויסבעסערונג, טראָץ דער ווילדער נעגנערשאפט פון די גרויסע ארבייטסגעבער, וועלכע זיי־נען געזעסען אויף ביידע זייטען אין דעם פארלאמענט. די פאר־אנטוואָרטליכקייט פון דעם ארבייטסגעבער פאר דער פארזיכע־רונג פון זיינע ארבייטער געגען די סכנות ביי זייער באשעפטיגונג איז, צום ערשטען מאָל, קלאָר אנערקענט געוואָרן פון דעם פאר־לאמענט. דער באריכט פון דעם פארלאמענט קאָמיטעט פאר דעם יאָהר 1880 דריקט אויס די מיינונג, אז די הויפט־שלאכט איבער דער זאך איז שוין אויסגעפאכטען געוואָרן און „אז יעצט ברויכט מען בלויז צייט און געלעגענהייטען פאר דער פארענדיגונג פון דער ארבייט". זינט דאמאָלס איז איינע פון די וויכטיגסטע טעטיג־קייטען פון די טרייד יוניאָנס באשטאנען אין אפגעבען זיך מיט קלאגען פאר שאדענערזאץ פאר אומגליקספאלען, און פיעלע פון די געזעלשאפטען, ווי די ציגעל־מויערער און קעסעל־ארבייטער האָבען איינגעמאָנט טויזענדע פונטען שטערלינג פאר פארוואונדעטע מיט־גליעדער אָדער פאר זיינע קרובים.[1] אָבער די לעהרע וועגען „גע־מיינשאפטליכע באשעפטיגונג", באַדיפיצירט דורך דעם געזעץ, איז נאך בשום אופן ניט געוועזן אָפגעשאפט. חוץ דעם, האָט מען די ארבייטסגעבער דערלויבט צו „פועל'ן" ביי זייערע ארבייטער זיי זאָלען זיך אליין דורך א קאָנטראקט אויסשליסען פון די

---

[1] דער יעהרליכער פארלאמענט באריכט צייגט, אַז יעדען יאָהר קומען אָן אין די געריכטען צווישען דריי און פיער הונדערט קלאגען און אַז די סומע פון שאדענערזאַץ, וואָס ווערט ווירקליך צוגע'פסק'ענט, דערגרייכט צווישען זיעבען און אַכט טויזענד פונטען. אָבער אַ גרויסע צאָהל קלאגען ענדיגען זיך מיט אַ פשרה אָדער ווערן אויסגעגליכען אָהן משפט'ען זיך. אין דער זעלבער צייט איז די צאָהל פון אומגליקס־פאלען פאר־העלטניסמעסיג קלענער געוואָרן. בשעת אין 1877 איז איינער פון יעדע 95 אייזענבאַהן ארבייטער מעהר אָדער וועניגער פארוואונדערט געוואָרן, איז דער ערך אין 1889 געוועזן בלויז איינער פון יעדע 195. צווישען 1873 און 1880 האָט איין קויהלען־גרעבער פון יעדער 446 יעדען יאָהר פארלאָרן זיין לעבען, אָבער צווישען 1881 און 1890 איז דער ערך געוועזן בלויז איינער פון יעדע 519.

תקנות פון דעם געזעץ.[1] דעריבער איז א פונקט וועגן א געזעץ איבער דער פאראנטווארטליכקייט פון די ארבייטסגעבער, דער לעצטער רעשטעל פון די פאדערונגען פון דער „דזשונטא", פון דעם יאהר 1872 און ווייטער פארבליבען אלס א שטענדינער טייל פון דעם טרייד יוניאן פראגראם.

מיט דעם אויסנאהם פון דעם איינציגען פארשלאג איז דער פארלאמענטארישע פראגראם פון דער טרייד יוניאן וועלט אויס־געארבייט געווארן פון דעם נייעם „פאדערשטען בענקעל" (דער „אויבען־אן", וואו די וויכטיגסטע פיהרער פלעגען זיצען). ער איז משונה'דיג פוסט פון אינטערעסאנטקייט אדער פון דעם גייסט פון דער ווירקליכקייט, אבער ער איז וויכטיג פאר דעם פאליטישען

[1] „אויסקאנטראקטירן זיך", ד. ה. אן אפמאך צווישען דעם באלעבאס און דעם ארבייטער, לויט וועלכען דער לעצטער אנטזאגט זיך פון די רעכטען, וואס ער האט לויט דעם ספעציעלען געזעץ, און אפט אפילו פון זיינע רעכטען לויט דעם אלגעמיינעם געזעץ. דער ספעציעלער געזעץ פארשוויגט דעם ענין אינגאנצען, אבער די ריכטער האבען, צו דער דער־שטוינונג און פארדרוס פון די טרייד יוניאן פיהרער, אנטשיידען, אז „אויסקאנטראקטירן זיך" איז דערלויבט. די געוועהנליכע פארם פון „אויסקאנטראקטירן זיך" איז באשטאנען אין גרינדען א פארזיכערונגס פאנד, צו וועלכען די ארבייטער פלעגען ווערן געצוואונגען ביישטייערן און צו וועלכען דער ארבייטס־געבער פלעגט בייששטייערן. צווישען די מינען־גרעבער פלעגען די ארבייטער פון לאנקאשייר, סאמערסעט און איינינע קויהלען גריבער אין וועילז בכלל זיך אויסקאנטראקטירן. די באשיפטיגטע פון דער „לאנדאן און נארטהוועסטערן" און פון דער „לאנ־דאן און ברייהטאן" אייזענבאהנען פלעגען עס אויך טאן. אין איינער אדער צוויי גרויסע אונטערנעמונגען אין אנדערע אינדוסטריען פלעגען אויך אנגענומען ווערן אזעלכע אויסוועגען, אבער א גרויסע מעהרהייט פון די ארבייטס־געבער האבען זיך מיט דעם מיטעל ניט באנוצט.

אין 1893-4 איז אין פארלאמענט אנגענומען געווארן א ווייטער־דיגער אויסבעסערונגס־געזעץ, וואס האט געמאכט א סוף צו דער לעהרע וועגען „געמיינשאפטליכער באשעפטיגונג" און האט בנוגע צו באלוינונג דעם ארבייטער אוועקגעשטעלט אויף דעם זעלבען מצב ווי אלע אנדערע פערזאנען. א פונקט, וואס מאכט אומגילטיג אן אפמאך, לויט וועלכען דער ארבייטער זאגט זיך אפ פון זיין רעכט צו מאכען א קלאגע, אדער „קאנטראקטירט זיך אויס", איז צוריקגעוויזען געווארן פון דער לארדען־הויז, און דער געזעץ איז דעריבער פארווארפען געווארן.

פאַרשער דורך דעם, וואָס ער ציינט אין וואָס פאַר א מאָס די דענקענדע און מעהר אנטוויקעלטע ארבייטער האָבען אין זיך איינגעזאַפּט די כאַראַקטעריסטישע אידעען פון די מיטעל-קלאַס רעפאָרמער.

דער פּראָגראַם פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט צווישען 1875 און 1885 צוטיילט זיך הויפּטזעכליך אויף דריי הויפּטטיילען. מיר האָבען די ערשטע גרופּע פון פאָרשלאָגען, וואָס באַצוועקען די דעמאָקראַטיזירונג פון דער שטאָדט-רעגירונג בנוגע צו וואהלען און שטימרעכט, פּאַרוואַלטונג און געריכט. אַנאַנדער גרופּע פאַרגעשלאָגענע רעפאָרמען האָבען געזוכט צו געבען א מעגליכקייט די ארבייטער, וועלכע זיינען זעלטען-שפּאָרעוודיג אָדער זעלטען-פלייסיג ארויסצוהויבען זיך פון דעם קלאַס פון לוין-ארבייטער; א דריטע גרופּע פאָרשלאָגען האָט געהאַט דעם צוועק געזעצליך צו רעגולירען די באַדינגונגען פון געוויסע אינדוסטריען.

פּאָלשטענדיגע פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז פאַר איבער א יאָהרהונדערט געוועזען די אמונה פון די העכער אנטוויקעלטע ארבייטער. עס איז דעריבער געוועזען ניט אומנאַטירליך, אז ביי דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס זאָל די פראַגע פּאַרנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ. משונה'דיג איז די פאָרמע, וואָס דער דאָזיגער אַלטער גלויבען האָט באַקומען אין די הענט פון דער „פּאָדערשטער באַנק". די טרייע יוניאָן פיהרער פון 1842 האָבען מיט באַגייסטערונג אָנגענומען די „זעקס פונקטען" פון דעם „טשאַרטער". אפילו די ניכטערע „דזשונטאַ" פון 1867-71 איז געזעסען צוזאַמען מיט קאַרל מאַרקס אין א קאָמיטעט פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אין וועלכעס פּראָגראַם אַלגעמיינע שטימרעכט איז געוועזען בלויז א פאָרלויפיגע קלייניגקייט. פאַר דער „פּאָדערשטער באַנק" פון 1875-85 איז דעמאָקראַטיע ערשינען הויפּטזעכליך פאַרשטעלט אלס די קאָדיפיצירונג פון דעם קרימינאַל געזעץ, די רעפאָרמירונג פון דעם געשוואָרענע סיסטעם, די שאַפונג פון א קאַסאַציאָנס-קרימינאַל-געריכט און די רעגולירונג פון דער יוריסדיקציע פון די מאַגיסטראַטען ארויסצוגעבען אין ענגליכען פּסק, — א מערקווירדיגע גרופּע פון געזעץ-רעפאָרמען, וואָס איז ליכט צו באַמערקען, אז זיי קומען פון דער פליינער כנופיא געריכטס-אדוואָקאַטען, וועל-

כע האבען פארטיידיגט די יוניאנען, ווען זיי האבען דורכגעלעבט זייער יום־הדין[1]. מיר ווילען ניט קליינליך מאכען דעם ווערט פון די דאזיגע פארשלאגען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארן אין די אינטערעסען פון אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט; זיי זיינען ניט געווען, און האבען אפשר קיינמאל ניט געמיינט צו זיין, אין וועלכען עס איז זיינען א דעמאקראטיזירונג פון אונזער געריכטס־סיסטעם.[2] ווען דער קאנגרעס האט פארהאנדעלט וועגען

---

[1] די יוריסטען בעלי עצות פון דער „דזשונטא" האבען באגריפען, אז דער נצחון פון 1875, הגם ער האט מיטגעבראכט א פארשטארקערונג פון דער פאזיציע פון די טרייד יוניאנען, איז אבער הויפטזאכליך געווען א מאראלער זיעג. הגם טרייד יוניאנען זיינען געווארן געזעצליך, איז אבער דער געזעץ וועגען קאנספיראציעס בלויז טיילווייז רעפארמירט געווארן, בשעת דער טייל, וואס האט געהאט א שייכות צו פאליטישע פאראייניגונגען, אומגעזעצליכע פארזאמלונגען, אויפשטאנדען געגען דער רעגיערונג און אזוי ווייטער, איז געבליבען, און בלייבט נאך יעצט ניט באריהרט. געניטע יוריספרודענטען האבען געוואוסט אין וויפיעל דרכים שלעכט־געניגטע ריכטער קענען צו יעדער צייט אויסנוצען ־עם געזעץ פאר אונטערדריקונג. די יוריסטען, וועלכע זיינען געווען פריינד פון דעם טרייד יוניאניזם האבען, דעריבער, געוואלט אויסנוצען די פעריאדע פון פאליטישער רוהיגקייט איינפאכער צו מאכען דעם קרימינאל געזעץ און צו באזייטיגען פון איהם אויף וויפיעל עס איז נור מעגליך פארעלטערטע פונקטען. און הגם מלוכה פראצעסען האבען זיך ווידער אנגעפאנגען אין אירלאנד אין 1881, איז די צווישענצייט ניצליך פארברויכט געווארן פטור צו ווערן פון איניגע פון די ערגערע חסרונות.

[2] אין דער פארגעשלאגענער רעפארם פון די געזעצען וועגען איינגעשווארענע, למשל, האט דער פארלאמענט קאמיטעט פאר עטליכע יאהר ניט געהאט די העזה אויסדריקליך צו פאדערן געצאהלטס פאר איינגעשווארענע, וואס בלויז דאס אליין וואלט מעגליך געמאכט פאר ארבייטער צו באטייליגען זיך אין א געריכט פון איינגעשווארענע, און זיי האבען זיך באנוגענט מיט פארשלאגען א פארלייכטערונג פון דער קוואליפיצירונג פאר געריכטס מיטגליעדער. אין 1876 האט דזשאהן בוירנעט, אן אנגעזעהענער מיטגליעד פון דעם קאמיטעט, ארויסגעצייגט א שטארקע געגנערשאפט צו צאהלונגען פאר איינגעשווארענע אויף דעם גרונד, אז דאס קען נאך שאפען א קלאס פון פראפעסיאנעלע געריכטס־איינגעשווארענע.

דער וואהל רעפארם איז ער ניט בעגאנגען ווייטער פון פאָדערן די אויסגלייכונג פון דאָס שטימרעכט אין פראָווינץ און אין שטאָדטישע געגענדען — שוין א גאנץ געוועהנליכע זאך אין די פאָדערונגען פון דעם מיטעל־קלאס ליבעראליזם. דעם פארשער פון די אר־בייטער באוועגונגען אין די קאָנטינענטאלע לענדער וועט זיין שווער צו גלויבען, אז ביי א קאָנגרעס, וואָס רעפּרעזענטירט די ענגלישע בעלי־מלאכות, זיינען דורך גרויסע מעהרהייטען, אזוי שפּעט ווי אין 1882 און 1883, פארוואָרפען געוואָרן פארשלאגען פון געזעץ־אויסבעסערונגען פאר אלגעמיינע שטימרעכט פאר מע־נער. דער פארלאמענטארישער קאָמיטעט האָט אפילו ניט אריינ־געשטעלט אין זיין אייגענעם פּראגראם די פאָדערונג וועגען פּראָ־ווינץ וואהל־רעכט ביז דאָס איז געוואָרן דער קאמפּס־געשריי פון דער ליבעראלער פּארטיי ביי די אלגעמיינע וואהלען פון 1880. די פארלענגערונג פון די אָפּשטימונגס־שטונדען איז געוואָרן אָן ענין פאר דיסקוסיעס פון דעם יאָהר 1878 און ווייטער, אבער די פראגע וועגען באַצאָהלען פאר די וואהל־אויסגאבען איז ניט אויפגעקומען ביז 1883 און וועגען שכירות פאר פּארלאָמענטס מיטגלידער ניט ביז 1884.

די פאָרשלאגען פאר סאָציאלע רעפאָרמען דורך די יאָהרען זיי־נען לויט זייער כאראקטער געווען קוים וועניגער באדייטענד. די פּראָמינענטע טרייד יוניאָניסטען זיינען אריבער, ווי מיר האָבען שוין געהאט א געלעגענהייט אָנצוצייגען, צום שטאנדפּונקט פון עקאָנאָמישען אינדיווידואליזם, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט אין דער ליבעראלער פּארטיי. א באדייטונגספולער באווייז פון דעם אומבאוואוסטזיניגען איבערגאנג קען מען געפינען אין דער איינשטימיגקייט, מיט וועלכער דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס האָט נאָכאנאנד געפאָדערט אזעלכע „רעפאָרמען", ווי דאָס געבען א מעג־ליכקייט די פּויערען צו ווערען די אייגענטימער פון דאָס לאנד, וואָס זיי באארבייטען (פּעזענט פּראָפּערייעטאָרשיפּ) און די בעלי מלאָכות זיי זאָלען קויפען אייגענע שטיבלאך, די גרינדונג פון „זעלבסט-רעגירענדע" פאבריקען, דאָס אָנזאמלען פון פאטענטען אין די הענט פון אינדיווידועלע ארבייטער (פון די איינצעלנע אויסבעסערונגען, וואָס זיי מאכען אין דער מאשינעריע אָדער

אין די מעטאָדען פון זייער ארבייט) און אנדערע ענדערונגען, וואָס וואָלטען אונטערגעהאקט דעם באָדען פון דעם טרייד יוניאָניזם אָדער פון דעם קאָלעקטיווען קאָנטראָל פון די פּראָדוקציאָנס־מיט־לען בכלל. וואָרים וואָס פאר א נוצען עס זאָל ניט ברענגען דאָס פארוואַנדלען פון דעם לאַנד־ארבייטער אין א קליינינקען פויער־באַלעבאָס, איז עס קלאָר, אז ביי אזא סיסטעם קען ניט עקזיסטירען קיין יוניאָן פון לאַנד־ארבייטער. ווי נוצליך עס זאָל ניט זיין צו מאַכען דעם שטאָדטישען בעל־מלאכה אומאָפּהענגיג פון א הויז־איינענטימער, איז עס אָבער אומבאשטרייטבאר באוויזען געוואָרן, אז ווען לוין־ארבייטער ווערן באַלעבאַטימלאַך פון אייגענע הייזלאַך פארלירען זיי יענע פּאָלשטענדיגע באוועגליכקייט, וואָס מאכט פאר זיי מעגליך, דורך זייער טרייד יוניאָן, צו באָיקאָטירען א שלעכטען ארבייטסגעבער אָדער צו פארלאָזען א געגענד, וואו די שכירות זיינען צו ניעדעריג. און מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם פאר־דרוס פון די פיהרער פון דער ניין־שטונדען באוועגונג, ווען זיי וואָל־טען אנטדעקט, אז א גרויסער טייל פון דער מאשינען־ארבייט פון ניוקעסל ווערט געמאכט אין ארבייטס פּלעצער, וואָס באַלאַנגען צו בעלי־מלאָכות, וועמעס אינטערעסען אלס קאפּיטאַליסטען אָדער פּאַ־טענטען־אייגענטימער זיינען געגען די געמיינשאפטליכע אינטערע־סען פון אַלע ארבייטער.

אָבער אין קיין זאך צייגט זיך אזוי בולט ניט ארוים דער איבערגאנג פון די טרייד יוניאָנס פיהרער צום מיטעלקלאס שטאַנד־פונקט, ווי אין זייער פארהאַלטען זיך צו דעם געשריי פון די אר־בייטער פון געוויסע אינדוסטריען, אז דער געזעץ זאָל באשיצען זייער לעבענס־מצב. פון גאָר אַלטע צייטען אָן איז איינער פון די וויכטיגסטע אני־מאמינ׳ס פון דעם טרייד יוניאָניזם געווען די וויג־שענסווערטקייט אויפצוהאַלטען דורך דעם געזעץ דעם מינימום לע־בענס־מצב פון די ארבייטער, און נאך יעצט האַלטען זיך ביי דעם פעסט צוויי וויכטיגע טיילען פון דער טרייד יוניאָן וועלט, די באַ־וועל־ארבייטער און די קויהלען־גרעבער. אָבער דער פּארלאַמענט קאָמיטעט פון 1875-85, ווי די ליבעראַלע געזעצגעבער, האָבען יעדע פאָדערונג זיכער צו מאַכען די ארבייטס באדינגונגען דורך דער געזעצגעבונג באטראכט אלס אן אויסנאהם, וואָס איז זיי דערווידער

און קען בלויז בארעכטיגט ווערן דורך א זעלטענער הילפלאָזיג־קייט און אומפעהיגקייט פון די, וועלכע פאָדערן עס. פונדעסט־וועגן איז עס געלונגען פאר פיעלע פאכען צו פועל'ען ביי דעם קאָנ־גרעס ער זאָל שטיצען פאר געוויסע באזונדערע טיילען פון די אר־בייטער, די געזעצגעבונג, וואָס יענע האבען פארלאנגט. די שניידער האָבען געפאָדערט, פון איין זייט, אז מען זאָל שטעלען די היים־ארבייטער אונטער דער ווירקונג פון די פאבריק-געזעצען, און, פון צווייטען זייט, אז מען זאָל פון די מלוכה-פאָנדען זיי באפרידיגען פאר די היזקות, וואָס זיי ליידען דורך דער אריינמישונג פון די אויפזעהער איבער די סאניטארישע ארבייטס־באדינגונגען. די בעקער האָבען מיט דער זעלבער איינגעשפארטקייט זיך באקלאָגט אויף דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין רעגיערונגס אויפזעהן איבער די בעקערייען און אויף די שווערינקייטען, וואָס מען מאכט זיי דורך די רעגולירונגען פון די געזעצען וועגען ניט דערלאָזען צופיעל רויך. די לאָנדאָנער אָנטרייבער האָבען געזוכט צו באקומען די הילף פון דעם קאָנגרעס ניט אנטקעגען זייערע באלעבאָטים, די אייגענטימער פון די שפאנען, נאָר געגען דעם פובליקום. די ארבייטער, וואָס האָבען אכטונג געגעבען אויף מאשינען און קאָקעסלען, האָבען געפאָדערט, אז קיינעם זאָל ניט דערלויבט ווער'ען צו ארבייטען ביי זייערע מלאכות אָהן א שיין־פאפיער פון דער רעגיערונג, אז זיי זיי־נען קאָמפעטענט פאר דער ארבייט. דורך דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין באשטימטע אָדער אויסגעהאלטענע אידעע וועגען די קאָלעקטיווע אינטערעסען פון דעם לוין־ארבייטער קלאס, אָדער ווע־גען דעם טרייד יוניאָניזם אלס אזעלכער, איז יעדער פאָרשלאג, וואָס וועלכער עס איז טייל ארבייטער האָט געפאָדערט פאר זיך, אלץ איינס אָנגענומען געוואָרן פון דעם קאָנגרעס און איז איבער־געגעבען געוואָרן צו דעם פארלאמענט קאָמיטעט ער זאָל עס דורכ־פיהרען, אָהן אונטערשייד ווי וועניג עס זאָל ניט זיין אין איינקלאנג מיט די אלגעמיינע פרינציפען, וואָס האָבען באוועגען זייערע גע־דאנקען.[1]

---

[1] אין פארבינדונג מיט דעם איז כדאי צו דערמאָנען די ברייטע אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרן פון סעמועל פּלימזאָלל פאר

עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן וואָרום די טרייד יוניאָן וועלט האָט, מיט אַזאַ פּראָגראַם, ניט געקענט, צווישען 1875 און 1885, האָבען קיין ווירקענדען איינפלוס אויף דער פאָלקס־הויז. עטליכע הנחות פאַר די לוין-אַרבייטער האָט מען יאָ באַקומען פון דער רעגיערונג. דער געזעץ וועגען דער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון די אַרבייטסגעבער פון 1880 האָט, טראָץ אַלע זיינע חסרונות, מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נייע התחלה פון היבשער וויכטיגקייט. ניצליכע קליינע תקנות צו באַשיצען די אינטערעסען פון די לוין־אַרבייטער זיינען דורך דער האַרטער אַרבייט פון בראָאַדהורסט אריינגעשטעלט געוואָרען אין טשעמבערלעינ'ס באַנקראָט-געזעץ און אין זיין געזעץ וועגען פאַראייניגטע אַקציעס־געזעלשאַפטען. (1882 און 1883). אָבער עס איז געבליבען פאַר טשאַרלז בראָדלאָוה, וועלכער איז קיינמאָל ניט געוועזען קיין טרייד יוניאָניסט, צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע דורכפיהרען דעם ניצליכען געזעץ, וואָס פאַרבאָט אויסצוצאָהלען שכירות צו אַרבייטער אין עפענטליכע הייזער (שיינ-

---

ווייטערע געזעצגעבונג צו פאַרהיטען דעם פאַרלוסט פון לעבענס אויף די ימים. אויף דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס פון 1873 האָט פּלימזאָלל פאַנאַנדערגעטיילט עקזעמפּלאַרן פון זיין בוך „אונזערע מאַטראָסען אויף די קאָמערציעלע שיפען", און האָט דורך די ווייטערדיגע דריי יאָהר פּראַקטיש באַקומען די שטיצע פון אַלע פּאָליטישע קרעפטען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פאַר זיין אויסבעסערונגס־פּראָיעקט צו די געזעצע וועגען קאָמערציעלען שיף־טראַנספּאָרט. די „פּלימזאָלל און ים־שיפען אַרבייטער'ס פאָנד קאָמיסיע", פון וועלכער דזשאָרדזש האועל איז געוואָרן סעקרעטאַר, האָט באַקומען גרויסע פינאַנציעלע שטיצע פון די יוניאָנען, און די אַסאָציאַציע פון די מינען־אַרבייטער פון סאוטה יאָרקשיר האָט דורך אַן אַפּשטימונג אין 1873 אַרויפגעלייגט אַן אַפּצאָהל פון איין שילינג אויף יעדען מיטגליעד און אַזוי בייגעשטייערט מעהר פון טויזענט פונט שטערלינג. דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט האָט אַריינגעשטעלט פּלימזאָלל'ס געזעץ־פּראָיעקט אין זיין פּראָגראַם פאַר די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1874, און די דאָזיגע שטיצע פון די טרייד יוניאָנען האָט פיעל בייגעשטייערט צום דערפאָלג, וואָס פּלימזאָלל האָט געהאַט אין דורכפיהרען אַ צייטווייליגען געזעץ אין 1875 און פעסטע געזעצגעבונג אין 1876 געגען דער פאַראייניגטער געגנערשאַפט פון אַ שטאַרקע קאָנסערוואַטיווע רעגיערונג און די שיף־אייגענטימער אויף ביידע זייטען פון דעם פּאַרלאַמענט (אין ביידע פּאַרטייען).

קען), הגם בשעת ער איז פאַרגעשלאָגען געוואָרן האָט דער פּאַרלאַ־מענט קאָמיטעט איהם שוואך געשטיצט (אויף דעם סמך, אז ער איז ניט נויטיג פאר די אָרגאניזירטע פאכען). עס איז אויך געווען בראָדלאָוה, וועלכער האָט אין 1877 דורכגעפיהרט די אויסבעסערונג פון דעם געזעץ געגען צאָהלען די ארבייטער מיט שפייז, — אן ענין, וואָס דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט, אין 1877, ארויסגעלאָזען פון זיין פּראָגראַם אויף דעם גרונד, וואָס אין די פאכען, מיט וועלכע זיי זיינען געווען באקאנט, האָבען זיי ניט געקענט געפינען גענוג באווייזע, אז דער געזעץ איז נויטיג. אָבער דאָס פאַרפעהלען פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט צו פּועל'ען ביי דער רעגיערונג פון יענער צייט דורכפיהרען געזעצען פאר לוין־ארבייטער אלס אזעלכע האָט זיך נאַטירליך אמשטארקסטען ארויסגעצייגט אין דער גרופּע רעפאָרמען, וואָס האָט געהאט א שייכות צו דער רעגולירונג פון ארבייטס-באדינגונגען. צו דעם גרויסען געזעץ וועגען אויסגלייכען די פאבריק־רעגעלען, פון 1878, האָבען זיי געפונען פאר נויטיג פאַרצושלאָגען בלויז פיער אויסבעסערונגען, און פון די איז בלויז איינע, וועגען שטעלען די וואָגען און די מאָסען אין די פאבריקען אונטער דעם אלגעמיינעם געזעץ, דורכגעגאנגען. די „שוויים־צאַ־פונג סיסטעם" אין היים ארבייט, געגען וועלכער די שניידער און די שוסטער האָבען פאַרגעשלאָגען שטרענגע, אָבער, ווי מיר דענקען, שלעכט-באטראכטע געזעצגעבונג, האָט מען געלאָזען צו פאַרשפּריי־טען זיך פריי פון וועלכער עס איז רעגולירונג. די בעקערייען האָט מען אויך דערלויבט אויסצודרעהען זיך פראקטיש פון רעגיערונגס־אויפזיכט. איין דעפּוטאציע נאָך דער צווייטער האָט באזוכט דעם מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען צו פאָדערען א פאַר־גרעסערונג אין דער צאָהל פון פאבריק אינספּעקטאָרען און מען פלעגט זיי בלויז באגעגענען מיט דעם תירוץ, נעגען וועלכען מען קען גאָר ניט זאָגען, אז דאָס וואָלט געקאָסט געלד, וואָס די אָרימע שטייערען צאָהלער קענען קוים אָפּשפּאָרען; ביז די חשוב'דיגע און פּראקטישע פיהרער פון די לאַנקאַשייר'ער באוואָל ארבייטער זיינען מיעד געוואָרן פון דער מאָנאָטאָנער פּינקטליכקייט, מיט וועלכער זייערע באַשלוסען פאר מעהר אויפזיכט איבער די פאבריקען און שטרענגערע רעגולירונג פון די באדינגונגען פון זייער מלאָכה זיינען

דורכגעגאנגען אין קאָנגרעס, און פון דער קנאַפּער הילף וואָס די דאָזיגע הסכמה האָט פאַר זיי אויספּעפיהרט.

אין 1866 איז געגרינדעט געוואָרען אַן „אַסאָציאַציע פון די צפון פּראָווינצען פאַר דער רעפאָרמירונג פון דעם פאַבריקען־געזעץ" צו טאָן די ארבייט, וואס דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס און זיין פאַר־לאַמענט קאָמיטעט האָבען פאַרפעהלט דורכצופיהרען. מיר קענען פּאַקטיש בלויז פאַרצייכענען איין וויכטיגען אויפטו פון דעם פאַר־לאַמענט קאָמיטעט אין דיזער אָפּטיילונג פון סאָציאַלע רעפאָרמען. פאר אַ משך פון יאָהרן פלעגט דער קאָנגרעס אָננעמען שאַרפע רע־זאָלוציעס פאַדערענדיג, אז ארבייטער, וועלכע זיינען פּראַקטישע בעלי־מלאכות, זאָלען באשטימט ווערן אלס פאבריק־אינספּעקטאָרען. נרויס איז געווען די שמחה ווען דזשיי. ד. פּראַיאָר, דער גענעראַל סעקרעטאר פון דער „אמאלגאמירטער געזעלשאפט פון סטאָליארעס" און אַ מיטגליעד פון דעם פּארלאמענט קאָמיטעט, איז אין 1882 באַשטימט געוואָרן צום אַמט פון אינספּעקטאָר.[1]

אין זאכען, וואָס האָבען אַ מעהר אַלגעמיינעם אינטערעס, זיינען די טרייד יוניאָן פיהרער ניט געווען מעהר דערפאָלגרייך, הגם דער פאַרזוך צו רעפאָרמירען דעם געזעץ און זיין דורכפיהרונג האָט געבראַכט איניגע קלענערע פאַרבעסערונגען. דער ערשטער פּועל־יוצא פון די פּראָיעקטען וועגען געזעץ־רעפאָרמען, וואָס זיינען געווען אזוי טייער פאַר די קאָנגרעסען פון 1876־80, איז געווען דער געזעץ וועגען די שרייבער פאַר ריכטער פון 1877, וואָס האָט מעג־ליך געמאַכט פאַר די מאגיסטראטען ניט צו רעכענען קיין הוצאות פאַר פּראָצעסען. דער קאָנגרעס האָט, ווי האָועל באַמערקט, פיעל געהאָלפען דאָס דורכגעהן, אין 1879, פון דעם געזעץ וועגען דער באַגרענעצונג פון דער יוריסדיקציע פון די מאגיסטראטען, וואָס האָט מעגליך געמאַכט פאַר אַן אָנגעקלאָגטען צו פאָדערען דאָס

[1] דעם אַמט האָט מען צוערשט פאָרגעשלאָגען צו בראאדהורסט, וועל־כער האָט בעסער באַשלאָסען אָנצוגעהן מיט זיין אַרבייט אַלס סעקרעטאַר פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט.

רעכט גע'משפט צו ווערן פאַר א געריכט פון איינגעשוואָרענע אין אַלע פאַלען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א קלאַגע, פאַר וועלכע מען קען פאַראורטיילען אויף מעהר ווי דריי מאָנאַטען געפענגניש, אָבער עס איז ניט נויטיג צו דערצעהלען דעם לעזער, אַז דער קרי־מינאַל געזעץ איז קיינמאָל ניט קאָדיפיצירט געוואָרען און אַז קיין קאַסאַציאָנס קרימינאַל געריכט איז ניט געגרינדעט געוואָרען. ביז היינטיגען טאָג באַשטימט מען געריכטס איינגעשוואָרענע בלויז פון מענשען פון די העכערע אָדער מיטעלקלאַסען. די לאַנגע אַגי־טאַציע פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער ניט באַצאָהלטער מאַגיסטראַ־טור האָט זיך געענדיגט מיט אַן „אַנטי־קלימאַקס” (וואָס לאָזט זיך אויס ניט נאָר ניט ווי דערוואַרטעטער סוף, נאָר מיט א פאַרשטאַר־קערונג פון דער לאַגע, וואָס האָט געזאָלט זיך ענדיגען. — איבער־זעצער). די ליבעראַלע רעגירונג פון 1884 האָט דעם סיסטעם גע־לאָזען ניט באַריהרט; זי האָט אָבער אויף דער מאַגיסטראַטור־באַנק אין געוויסע לאַנקאַשייר'ער שטאָדט־געגענדען ארויפגעזעצט פיער טרייד יוניאָן פיהרער, א פּרעצעדענט, וואָס די שפּעטערע יוסטיץ מיניסטאָרען (לאָרד טשענסעללאָרס) האָבען נאָכגעפאָלגט.

אין איין ריכטונג האָט דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט דערלעבט צו זעהן זיינע האָפנונגען איבגאַנצען דערפילט. דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען די זעלבע פּראָיעקטען וועגען וואָהל־רעכט רע־פאָרמען, וואָס די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט געגרינדעט, איז מעגליך געוואָרען פאַר דעם קאָמיטעט צו געבען ווירקזאַמע הילף ביים דורכ־פיהרען פון די געזעצען פון 1885, וואָס האָבען אויסגעגליכען דעם וואָהל־רעכט אין די לאַנד און שטאָדט באַצירקען, דורכגעפיהרט אַן איבערצוטיילונג פון די פּאַרלאַמענטס־פּלעצער, און האָבען געמאַכט, אַז די לענגערע אפּשטימונגס־שטונדען זאָלען איינגעפיהרט ווערן איבעראַל. אָבער דער פאַרלאַנג פון די קאָנגרעסען איינער נאָך דעם אַנדערן צו געבען א מעגליכקייט פאַר די ארבייטער צו דער־וועהלען א שטאַרקערע פאָרשטעהערשאַפט צום פּאַרלאַמענט ווערט אפילו יעצט צונישט געמאַכט דורך דער ארויספּרעסונג פון די קאַנ־דידאַטען גרויסע וואָהל־הוצאות און דורך דעם, וואָס די רעגירונג און די הערשענדע פּאַרטייען אַנטזאָגען זיך צו באַזאָרגען שכירות פאַר דיענסט אין פּאַרלאַמענט אָדער אין אַנדערע עפענטליכע קער־

פערשאפטען. וועגען דער ברענענדער לאנד פראגע האט דער פארלאמענט קאמיטעט מיט געוויסענהאפטער ווארימקייט געשטיצט דעם פלאן פון גלאדסטאן פאר אירלאנד צו שאפען דארט קליינע פערמער־אייגענטימער און האט ענטוזיאסטיש געגעבען זיין הסכמה צו די פארשלאגען פון טשעמבערלעין דורכצופיהרען עהנליכע געזעצגעבונג פאר ענגלאנד און שאטלאנד. ער האט מיט דעם זעלבען גייסט געשטיצט די פונקטען אין טשעמבערלעין׳ס געזעץ וועגען די רעכטען פון דעפוטאטען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען כדי לייכטער צו מאכען פאר ארימע דערפינדער ארויסצונעמען פאטענטען.

אום איבערצוגעבען דעם סך־הכל פון דער לאגע קענען מיר זאגען, אז די רעזאלוציעס פון דעם טריידס־יוניאן קאנגרעס וועגען אלגעמיינע פאליטישע פראגען צווישען די יאהרען 1880 און 1884 זיינען מיט ערפאלג ארויפגעצוואונגען געווארען אויף דער געזעצגעבונג נאר אויף אזוי ווייט, אויף ווי פיעל זיי זיינען צופעליגערווייזע געוועזען עהנליך צו די פארשלאגען פון דער ליבעראלער פארטיי. מיט דעם איין גרויסען אויסנאם פון דעם געזעץ וועגען דער פאראנטווארטליכקייט פון די ארבייטסגעבער, האבען, ווי עס שיינט, די פיהרער פאר קיין זאך מיט זייער גאנצער ענערגיע ניט געארבייט. די מאניפעסטען און די פארעפענטליכטע מעמאראנדומס פון דעם פארלאמענט קאמיטעט דורך יענע יאהרן אונטערשיידען זיך ניט ניט לויט זייער טאן און ניט לויט זייער אינהאלט פון די רעדעס און די ארטיקלען פון טשעמבערלעין און אנדערע ראדיקאלע קאפיטאליסטען, אין וועלכע זיי האבען פארטיידיגט א פראגראם פון אינדיווידואליסטישען ראדיקאליזם. דער פראיעקט פון א „דערקלערונג צו די ארבייטער פון דעם פאראייניגטען קעניגרייך”, וואס דער פארלאמענט קאמיטעט האט, צוגרייטענדיג זיך צו די אלגעמיינע וואהלען, צוגעשטעלט צום קאנגרעס אין 1885, איז באמת געווען פיעל ערגער פון טשעמבערלעין׳ס „ניט-אויטאריזירטער פראגראם”. ניט דעם פארלאמענט קאמיטעט און ניט דעם קאנגרעס איז געקומען אויף דעם געדאנק פארצושלאגען דעם קלארען ענטפער, וואס מען האט געקענט געבען צו סער וויליאם הארקורט אויף זיין פינאנציעלען תירוץ געגען דער פארגרעסערונג פון

דער צאָהל פון פאַבריק-אינספּעקטאָרען. מען קען קיין שפּור ניט אנטדעקען, וועלכער זאָל צייגען, אז די פיהרער פון די טרייד יוניאָנען האָבען געהאט א השגה וועגען דער עקזיסטענץ פון זעהר א היבשען צינז, וואָס ווערט אַלע יאהר אַרויפגעלעגט אויף דער אינדוסטריעלער וועלט אונטער דעם נאָמען פון רענטע און פּראָצענטען. און אפילו טשעמבערלינ'ס באשיידענע פּראָבע-פּארשלאַגען פון יענע יאהרען, אז די יעניגע, וועלכע באַקומען דעם דאָזיגען צינז, זאָלען דארפען צאָהלען, אַלס א מין „אויסלייז-געלט" א געוויסע ביישטייערונג צו די פאַבריק אויפזיכטס-קאָסטען, האָט ניט געפונען קיין אָבקלאַנג אין דעם אָפיציעלען פּראָגראם פון דער טרייד יוניאָן וועלט. אמענדע, הגם דער קאָנגרעס האָט אנגענומען די פאָדערונגען וועגען באַצאָהלען די וואהל-אויסגאבען אין 1883 און שכירות פאר פּארלאמענטס מיטגליעדער אין 1884, האָט דער פּארלאמענט קאָמיטעט אויסגעלאָזען דיביידע זאכען פון זיין פּראָגראם-פּראָיעקט, און, ווי גלאדסטאָון, האָט ביי זיך קיינמאָל ניט געקענט פּועל'ען צו פאדערען פאלקס-בילדונג אויף דעם חשבון פון דער מלוכה. דער קאָנגרעס האָט די לעצטע דריי פּונקטען צוגעגעבען צום פּראָגראם-פּראָיעקט.

די צוזאמענשמעלצונג פון דעם פּאָליטישען גלויבען פון די טרייד יוניאן פיהרער מיט דעם גלויבען פון דער אפיציעלער ליבעראלער פּארטיי איז פארגעקומען פּאָלשטענדיג ער'נסט. מיר האָבען שוין אין דעם פריהערדיגען קאפּיטעל באשריבען ווי די „דזשונטא" האָט אָנגעפאנגען אומבאוואוסטזיניג באקעהרט צו ווערען פון דעם טראַדיציאָנעלען שטאנדפּונקט פון דעם טרייד-יוניאָניזם צום פּרינציפּ פון „אדמיניסטראטיווען ניהיליזם", וואָס האָט דאמאָלס געהערשט צווישען דעם מיטעל-קלאַס. עס איז פאר אונז ניט נויטיג צו ארגומענטירען אויב דער דאזיגער באגריף וועגען די אויפגאבען פון געזעץ און פון רעגירונג איז אָדער איז ניט קיין ריכטיגער בליק בנוגע צו דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. די פעהיגע און געוויסענהאפטע מענשען, וועלכע האָבען צוזאמענגעשטעלט די „פּאָדערשטע באנק" פון דעם טריידס-יוניאָן קאָנגרעס אין די יאָהרען 1876-85, זיינען אויסגעוואקסען ניט האָבענדיג קיין אנדער פּאָליטישע טעאָריע און האָבען דעריבער פון דער געגנערשאפט צו

אריינמישונג מצד דער געזעצגעבונג אדער צו רעגירונגס פאַרוואַל־טונג אויסגעבויט אַן אבסאָלוטע דאָגמע (א „תורת משה") [1]).

דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער אני־מאמן פון די טרייד יוניאָן פיהרער פון יענער צייט איז, בכן, געווען ''Laisser faire'' (צו לאָזען זאַכען צורוה, „זאָל געהן ווי עס געהט"). ביז רעם יאָהר 1885 האָבען זיי אָהן ספק רעפּרעזענטירט די שטאַנד־פּונקטען, וואָס זיינען געווען אָנגענומען צווישען די מאַסען. אין יענע יאָהרן זיינען אַלע באָאָבאַכטער געווען איינשטימיג, אַז די טרייד יוניאָנען פון ענגלאַנד וועלען שאַפען אַ פעסטע וואַנט, דורך וועלכער די סאָציאַליסטישע פּלענער וועלען זיך ניט קענען דורכ־ברעכען. יעצט (1894) זעהען מיר די גאַנצע טרייד יוניאָן וועלט דורכגעדרונגען מיט קאָלעקטיוויסטישע אידעען און, ווי די „טיימז" באַריכטעט, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די העכסטע קראַפט אויף דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס.[2] די דאָזיגע רעוואָלוציע אין אידעען איז די הויפּט פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון דעם טרייד יוניאָניזם אין דער לעצטער צייט, און מיר ווילען אַנאַליזירן אַבי־סעל בפּרטות די אומשטאַנדען, וואָס האָבען, לויט אונזער מיי־נונג, זיי מיטגעבראַכט. מיר וועלען נאָכשפּירן די נייע אינטע־

[1] מען דאַרף אָנצייגען, אַז דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, וועלכער פּלעגט די ערשטע יאָהרן גערן אויסהערן רעדעס פון מיטעל און העכערע קלאַס פריינד פון דעם טרייד יוניאָניזם, האָט צווישען 1881 און 1883 צוביסלאַכוויז באַגרענעצט זיינע אנטיילנעמער צו טרייד יוניאָניסטען. ביי דעם קאָנגרעס אין נאָטטינגהאַם אין 1883, ווען פרעדעריק האַררי־סאָן האָט פאָרגעשלאָגען צו באַטייליגען זיך אין די פאַרהאַנדלונגען וועגען דער לאַנד־פראַגע, האָט מען איהם עס ניט דערלויבט צו טאָן, און אָן דעם רעגעל האָט זיך דער קאָנגרעס זינט דאַמאָלס שטרענג געהאַלטען.

[2] דער לייט־אַרטיקעל אין דער „טיימז" פון דעם עלפטען סעפּטעמבער, 1893, איבער דעם קאָנגרעס פון בעלפאַסט, באַדויערט די מערקווירדיגע „אונטערטעניגקייט צו דזשאַהן בורנז און זיינע פריינד", וואָס דער קאָנגרעס האָט אַרויסגעצייגט, — אַן אונטערטעניגקייט, וואָס האָט זיך געצייגט דורך דאָס דערוועהלען פון דעם הער בורנז צום פּאַרלאַמענט קאָמיטעט מיט מעהר שטימען, איידער אַלע אַנדערע מיטגליעדער, און דורך דעם, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ פּראָגראַם, וואָס האָט איינגעשלאָסען די פאָדערונגען צו נאַציאָנאַליזירן דאָס לאַנד און די אַנדערע מיטלען פאַר דער שאַפונג און צוטיילונג פון די פּראָדוקטען.

לעקטועלע אויפריהרונג אין דער טרייד יוניאָן וועלט פון איהר התחלה אָן; מיר וועלען נאָכקוקען ווי זי ווירקט אויף די מחות. וואָס זיינען אויפגעוואכט געוואָרן דורך אַן אינדוסטריעלער איינציהעניש פון אַ זעלטענעם כאראקטער. מיר וועלען זעהן ווי דער רעזולטאַט פון דעם קריזיס איז געווען די אויפדעקונג פון שרעקליכע איינצעלהייטען פון אָרימקייט און געפאַלענקייט, פאר וועלכע דער טיעפער געוואָרענער סאָציאַלער באוואוסטזיין פון איינענער שולד האָט געפאָדערט אַן אויסוועג, וואָס מוז אָהן תירוצים געפונען ווערן. מיר וועלען באשרייבען דעם רעוואָלוציאָנערן אוטאָפּיזם, ווי דער אועניזם פון 1833-4, וואָס האָט ווידעראַמאָל אויסגעבראָכען. מיר וועלען נאָכשפּירען דעם צוביסלאכווייזדיגען איינאיבען זיך פון די ניט־פראַקטישע עלעמענטען אין אַ ניכטערן און אַן עטוואָס ביוראַקראַטישען קאָלעקטיוויזם; און אַמענדע וועלען מיר באטראַכטען די שנעלע פאַרשפּרייטונג פון דעם דאָזיגען נייעם גלויבען אומעטום אין דער גאַנצער טרייד יוניאָן וועלט.[1]

אויב מיר זאָלען דאַרפען אָנצייגען אויף איין באשטימטע פּאַסירונג, אַלס דער אָנפאַנגס־פּונקט פון דעם נייעם געדאַנקען־שטראָם, וואָלטען מיר דערמאָנט די ווייטע פאַרשפּרייטונג אין ענגלאַנד פון

---

[1] די פאָלגענדע באשרייבונג פון דער אנטוויקלונג פון דעם „נייעם יוניאָניזם" איז באַגרינדעט אויף די פּראָטאָקאָלען און באַריכטען פון די טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס און אויף מאַטעריאַלען געדרוקט אין פאַרשיידענע ראַדיקאַלע און אַרבייטער אויסגאַבען. צו די דאָקומענטאַלע ידיעות זיינען צוגעגעבען געוואָרן הוספות און זיי זיינען קלאָהרער געמאַכט געוואָרן פון די זכרונות פון די מעהרסטע הויפט טוער אין דער באַוועגונג און פון די פּערזענליכע דעראינערונגען פון די שרייבער אַליין. איינער פון זיי, אַלס אַ מיטגליעד פון דער „פאַביאַנער געזעלשאַפט", האָט באַאָבאַכטעט די איבערקעהרעניש פון דעם סאָציאַליסטישען צד, בשעת דער צווייטער, אַלס אַ תלמיד פון הערבערט ספּענסער און אַ חבר פון טשאַרלז בוטה, האָט אונטערזוכט די ענדערונגען פון יענער צייט פון אַן אינדיווידואַליסטישען שטאַנדפּונקט. דער פאַקט, וואָס די שרייבער אַליין האָבען זיך באַטייליגט אין דער אידעען ענדערונג, וואָס זיי באַשרייבען, האָט פיליכט מעגליך געמאַכט פאר זיי צו געבען אַ פרישע באַליכטונג פון דעם ענין, אָבער, צוריקגענומען, נעמט עס פיליכט פון זייער געשיכטע צו די קריטישע אומפּאַרטייאישקייט, וואָס זיי האָבען געשטרעבט אָנצוהאַלטען דורך דעם גאַנצען היסטאָרישען בוך.

הענרי דזשאָרדזש'ס בוך „פּראָגרעס און אָרימקייט" דורך די יאָהרען 1880-82. דער אָפּטימיסטישער און אַגרעסיווער טאָן פון דעם בוך אלס קלאָהרער היפוך פון דער נאָכגיביגער שטילקייט, אין וועלכער די ענגלישע ארבייטער־קלאַס באוועגונג איז פארזונקען, און די מאכט פון דער פּאָפּולאריזירונג (ווייטע באקאנטמאכונג) פון דער עקאָנאָמישער טעאָריע פון רענטע, האָט אויסגעקלאפּט דעם הערשענדען טאָן פון דעם „נייעם יוניאָניזם" און אויך פון דער יעצטיגער ענגלישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. הענרי דזשאָרדזש האָט, אמת, גאָר ניט בייגעשטייערט צו די פּראָבלעמען פון אינדוסטריעלער ארדנונג; ער האָט אויך ניט געמיינט, אויסער דעם געדאנק וועגען אן „איינציגען שטייער" (Single Tax) אויף לאַנד־ווערטהען, אָנצופאנגען קיין אַלגעמיינע קאָלעקטיוויסטישע באוועגונג. אָבער איהם איז געלונגען, בשעת פריהערדיגע שרייבער איז עס ניט, ווייט צו פארשפּרייטען צווישען אלע קלאסען א לעבעדיגע השגה וועגען דעם כאראקטער און די רעזולטאטען פון דעם, וואָס דער לאַנד־אייגענטימער עקספּראָפּריאירט פאר זיך די עקאָנאָמישע רענטע (די ווערטה־פארגרעסערונג פון דאָס לאַנד, וואָס קומט פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט, וואָס האָט מיט דאָס לאַנד גופא גאר ניט צו טאָן, אויסער דעם, וואָס די טעטיגקייט קומט פאר אויף אָדער ארום זיין שטח. ע. ב.). לויט אונזער מיינונג, האָט עס די פארשפּרייטונג צווישען די שטאָדטישע בעלי־מלאכות פון דעם דאָזיגען באגריף וועגען רענטע אין אזא גרויסער מאָס געענדערט די עקאָנאָמישע אידעען פון דער טרייד יוניאָן וועלט געענדערט די ליניען פון פּארטיי פּאָליטיק. די לאַנד פראַגע איז באזונדערס פולשטענדיג רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן. אָנשטאָט דעם געשריי פון די טשארטיסטען „צוריק צום לאַנד", פאר וועלכען עס האַלטען זיך נאָך די דאָרפישע ארבייטער און אָפּגעשטאַנענע פּאָליטיקער, טראַכט דער שטאָדטישער בעל־מלאכה וועגען זיין תביעה אויף דעם ניט־פארדיענטען צוּוואוקס צום ווערטה פון שטאָדטישען לאַנד, וואָס ער זעהט ווי עס פאַלט אריין אין די אוצרות פון די גרויסע לאַנד־באזיצער.

אָבער אויב הענרי דזשאָרדזש האָט געגעבען דעם אָנפאנגשטויס, האָט עס די פּראָפּאגאנדע פון די סאָציאַליסטען מעגליך

געמאַכט דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער נייער באַוועגונג. די
סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך רעאָרגאַניזירט אין לאָנ־
דאָן אין דעם משך פון 1881 ביז 1883, נאָך כמעט אַ גאַנצען דור
פון שטילשווייגען, האָט אַריינגעשמאָלצען דעם פּראָיעקט פון לאַנד
נאַציאָנאַליזירונג אין דעם ברייטערען באַגריף פון אַן אָרגאַניזירטע
דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט, אין וועלכער די קאָלעקטיווע קרעפּ־
טען און דער קאָלעקטיווער איינקונפט זאָלען ווערן באַוואוסטזי־
ניג אויסגענוצט פאַר דער געמיינשאַפטליכער טובה פון דער גאַנ־
צער באַפעלקערונג. בשעת הענרי דזשאָרדזש האָט, כמעט זיך
אַליין אויף צו־להכעיס, פאַרטריבען פון פּאָליטישען פעלד די אַגי־
טאַציע פאַר פּויערען־לאַנד־באַזיץ און פאַר איבערגעבען געדונגענעם
לאַנד צו די, וועלכע באַאַרבייטען עס („ליעסהאָלד ענפּראַנטשיז־
מענט”), האָט די איינדרוקספולע באַשרייבונג, וואָס קאַרל מאַרקס
האָט געגעבען וועגען דער ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער רעוואָ־
לוציע אויסגעטייטשט פאַר דעם דענקענדען אַרבייטער די טאָג־
טעגליכע פּאַסירונגען פון דעם אינדוסטריעלען לעבען. מען האָט
ניט געדאַרפט קיין סאָציאַליסטען צו איבערציינגען דעם בעל־
מלאכה אין וועלכער עס איז פון די גרויס אינדוסטריען, אַז מיט
יעדען טאָג ווערט־אַלץ ווייטער פון איהם זיין געלעגענהייט צו
דערהויבען זיך צו אַן ערפאָלגרייכען באַלעבאָס פאַר־זיך אָדער אַן
אַרבייטסגעבער. מען האָט ניט באַדאַרפט קיין אַגיטאַטאָרען זיי
זאָלען אָנצייגען מיט די פינגער, אַז אין מיטען פון דעם אונגע־
הויער גרויסען וואוקס אין דער שאַפונג פון רייכטימער זיינען די
שכירות פון דעם דורכשניטליכען בעל־מלאכה געבליבען קוים גע־
נוג פאַר דער אנשטענדיגער און באַקוועמער ערציהונג פון זיין פאַ־
מיליע, בשעת גאַנצע טיילען פון זיינע ניט־געלערנטע חברים־
אַרבייטער האָבען באַקומען ווייניגער, ווי אויף דער בלויזער
הצטרכות אויפצוהאַלטען אַ הויז־געזינד. אפילו דער געלערנטער
מעכאַניקער האָט געזעהן, ווי ער איז אַליין אַרויסגעשטעלט צו
דער סכנה פון אַ פינאַנציעלען אָדער קאָמערציעלען קריזיס און
שטאַרקע אינדוסטריעלע אומנאָרמאַלקייטען, איבער וועלכע ניט
ער אַליין און ניט זיין טרייד יוניאָן האָבען ניט קיין קאָנטראָל און
דורך וועלכע ער און זיינע קינדער פלעגען אָפט געבראַכט ווערן

צו אביונות. מיט א ריכטיגע דערקלערונג פון די פאַקטען, וואָס ער האָט געזעהן, פלעגען דעם ארבייטער בלויז די סאָציאַליסטען באַזארגען. דורך שטענדיגע פארטראַגען פון היינדמאַן און אנ־דערע תלמידים פון קארל מארקס האָבען די ארבייטער זיך אויס־געלערנט צו פארשטעהן, אז די אוממעגליכקייט פאר א גרויסען טייל פון דעם ארבייטער קלאַס צו ווערן זייערע אייגענע באַלע־באַטים איז געקומען ניט דורך דעם, וואָס זיי פעהלט זעלבסט־באהערשונג, פעהיגקייט אָדער שפּאָרזאַמקייט, נאָר דורך דער קאַ־קאַפּיטאַליסטישער רעוואָלוציע מיט די פארבעסערונגען פון די מעכאַנישע פּראָצעסען און די אָנגעזאַמעלטע קאַפּיטאַלען, וואָס זי האָט געבראַכט, מיט דעם פּועל־יוצא, וואָס דער קליינער אונטער־נעמער איז אויסגעראָטען געוואָרן פון די גרויסע אינדוסטריעלע אינסטיטוציעס. אין דער ליכט פון דער דאָזיגער דערקלעהרונג האָט מען געזעהן, אז דאָס אָפּרייסען פון די האַנד־ארבייטער פון דעם באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז ניט קיין זאַך, וואָס וועט פארביינגעהן, נאָר אַן עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וואָס מוז, אונ־טער דעם סיסטעם פון פּריוואַטען קאָנטראָל איבער די אינדוסט־ריען, ווערן כסדר מעהר און מעהר פולשטענדיג. און מען האָט גע'טענה'עט, אז די שרעקליכע פּעריאָדען פון איבער־פּראָדוקציאָן און קאָמערציעלע פארגליווערטקייט, די אַנאָמאַליע, אז א שפע פון פּראָדוקטען זאָל פאראורזאַכען נויט, זיינען דער דירעקטער רע־זולטאַט פון דעם, וואָס די אינדוסטריען ווערן פארוואַלטעט פאר דעם צוועק פון פּערזענליכע פּראָפיטען אָנשטאָט פאר דער צו־פרידענשטעלונג פון די נויטען פון דער באַפעלקערונג.

די עקאָנאָמישע אומשטאַנדען פון דער צייט האָבען די סאָ־ציאַליסטישע רעדנער באַזאָרגט מיט דראַמאַטישע אילוסטרירונ־גען פון זייער טעאָריע. נאָך דעם גרויסען קריזיס פון 1878-9 איז געקומען בלויז א קורצע און בלויז א טיילווייזע פארבעסע־רונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע דורך דעם משך פון 1881-83. באַלד האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען א לאַנגער, הגם ניט זעהר קיין שארפער, קריזיס, ווען געוויסע הויפּט־אינדוסטריען האָבען דורכגעמאַכט די פּלוצלונגסטע און שארפסטע גסיסות. אין דער גרויסער שיף־בוי אינדוסטריע, למשל, איז נאָך דער שלעכטער צייט

פון 1879 געקומען א פּעריאָדע פון אויסערגעוועהנליך גרויסען וואוקס; דער טאָנאַזש, וואָס איז געבויט געוואָרן אין 1883, איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער טאָנאַזש פון 1879. אָבער שוין אין דעם פאָלגענדען יאָהר האָט זיך די אונגעהויער גרויסע פּראָדוקציאָן פלוצלונג געענדיגט, פיעלע שיף־בוי־פּלעצער זיינען צוגעמאַכט געוואָרן און עס איז געוואָרן א חורבן אין גאַנצע שטעדט אויף דעם צפון־מזרח ים־ברעג, וואו די באַפּעלקערונג איז פאַר א צייט געבליבען אָהן ארבייט. דער סך־הכל פון דעם געבויטען טאָננאַזש איז אַרונטערגעפאַלען פון א מיליאָן מיט א פערטעל אין 1883 צו דריי פערטעל מיליאָן אין 1884, צו פינף הונדערט און פערציג טויזענד אין 1885 און צו א נאָך נידעריגערן סך־הכל פון פיער הונדערט דריי און זיעבעציג טויזענד אין 1886. טויזענ־דער פון די העכסט קוואליפיצירטע און בעסט ארגאניזירטע מעכאַ־ניקער, וועלכע זיינען מיט א יאָהר צוריק געבראַכט געוואָרן קיין דזשאַרראָו (Jarrow) אָדער סונדערלאַנד, האָבען זיך געפונען אין א לאַגע פון אבסאָלוטער אביונות ניט דערפאַר, וואָס זייער אינדוסטריע איז בכלל דורכגעפאַלען, נאָר בלויז דורך דעם, וואָס די באַדערפעניסען פון קאָנקורירענדער פּראָפּיטען־מאַכעריי האָ־בען געפיהרט צו דער קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציאָן פון צוויי נאָרמאַלע יאָהרען אין איין יאָהר.

„אין יעדען שיף־בוי האַפען, — זאָגט ראָבערט נייהט אין דעם יעהרליכען באַריכט פאַר 1886 פון די קעסעל־ארבייטער, — קען מען זעהן טויזענדער ליידיג־געהענדע אַרבייטער אומזיסט זו־כענדיג אַן עהרליכען טאָג'ס ארבייט. וועגען דעם דלות, וואָס זיי, זייערע פרויען און זייערע קינדער האָבען געליטען, איז שרעקליך צו טראַכטען. קראַנקהייטען זיינען געווען זעהר פאַרשפּרייט, בשעת די הונדערטע איינגעצויגענע און הונגעריגע פּנים'ער האָבען דערצעהלט וועגען צרות און דחקות, וואָס קיין אָפּטימיזם קען ניט קלענער מאַכען אָדער פאַרדעקען. ווי מיר זאָלען עס ניט באַהאַל־טען און פאַרדעקען, בלייבט אָבער א טיעפקייט פון טרויער און ליידען, וואָס מיר דענקען, קאָן ניט אפּגעהאַלטען ווערן אויף תמיד פון ארויסצואווייזען זיך אינגאַנצען. דער ארבייטער קען זיין אומוויסענד אין די וויסענשאַפטען און אין דער קונסט; דער

סך־הכל פון זיין גאַנצער געלערענטקייט קען באַשטעהן בלויז פון דעם, וואָס ער באַקומט ביי זיין שטענדיג־די־זעלבע טעגליכער האָרעוואַניע; אָבער ער איז ניט בלינד און זיינע געדאַנקען גיי־סען זיך ניט אויס אין ברכות־זאָגעניש יעדען טאָג און יעדע שטונדע דערפאַר, וואָס זיין לאַגע איז ניט ערגער, ווי זי איז; ער מאַכט ניט נאָך דעם פרומען פאַסטוך פון „סאַליזבורי פּלעין”, וועלכער האָט געפּיהלט די העכסטע צופריעדענהייט דערפאַר, וואָס די פריינדליכע השגחה האָט איהם באַזארגט מיט זאַלץ פאַר זיינע קאַר־טאָפעל (בולבעס). ער זעהט די שפע פון רייכטימער, וואָס אַנדע־רע צייגען אַרויס און אין וועלכע ער האָט קיין חלק ניט. ער זעהט אַ גרויסען און וואַקסענדען קלאַס מענשען, וועלכע האָבען הנאה פון גע'ירשנ'טע אוצרות. ער זעהט גאַנצע מיילען פון קאָסטבאַרע וואוינונגען, יעדע איינע פאַרנומען פון ווענינגער מענ־שען, איידער עס ווערן אַריינגעשפּאַרט אין איינצעלנע צימערן פון דעם „טענעמענט”, אין וועלכען ער וואוינט. ער קען ניט אויסמיי־דען דאָס קומען צום שכל, אַז ס'מוז עפּעס זיין אַ צרה מיט אַ סיס־טעם, וואָס ברייננט צו אַזאַ אומגלייכער פאַרטיילונג פון דער רייכקייט, וואָס ווערט געשאַפען דורך אַרבייט”.

אַנדערע פאַכען פון געלערענטע אַרבייטער האָבען צווישען די יאָהרן 1883 און 1887 געהאַט אַן עהנליכע, הגם ניט אַזאַ דראַמאַ־טישע, דערפאַהרונג. ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלען טריידס־יוניאָן קאָנגרעס פון 1886 דזשיימז מאָודזלי, דער פאָרזיצטיגער פיה־רער פון די באַוועל־שפּינער פון לאַנקאַשייר, רעדענדיג אַלס אַ מיט־גליעד פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט אין דעם נאָמען פון דער ענגלישער סעקציע, באַשריבען דעם צושטאַנד אין ענגלאַנד אין די פאָלגענדע אויסדרוקען:

„שכירות זיינען געפאַלען און עס איז געווען אַ גרויסע צאָהל אומבאַשעפטיגטע... יעדען טאָג האָבען זיך פאַרמאַכט פלאַקס־פאַבריקען... אַלע בוי־פאַכען זיינען געווען אין אַ שלעכטער לאַגע;... די אייזענגיסער האָבען געהאַט שוועריגקייטען און איין דריטעל פון די שיף־בויער זיינען געווען אויסער אַרבייט... לאַמפּ־מאַשינען פאַבריקאַנטען האָבען אויך ניט געהאַט גענוג אַר־בייט, חוץ יענע, וועלכע האָבען עקספּאָרטירט קיין פראַנקרייך,

דייטשלאַנד און עסטרייך. מיט עטליכע זעלטענע אויסנאַמען האָט די געדריקטקייט, וואָס האָט פאַרכאַפּט די גרויסע הויפּט־פּאַכען, זיך געפּיהלט אין אַ טויזענט און איין באַשעפטיגונגען. זעהענדיג, אַז די צאָהל פון ארבייטסלאָזע ווערט אַלץ גרעסער, האָט זיך, נאַטירליך, געשטעלט די פראַגע צו מען קען דערוואַר־טען אַ פאַרבעסערונג פון דער לאַגע. ער האָט געדענקט, אַז עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט פאַר אַ פאַרבעסערונג כל־זמן די יעצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג בלייבט עקזיסטירן...... ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייער סאָציאַליזם; ער האָט איהם ניט געשטודירט, ווי ער וואָלט עס אפשר באַדאַרפט טאָן. די אַרבייטער פון ענגלאַנד זיינען ניט אַזוי וועק אַזוי ווייט פאָראויס, ווי די ארבייטער פון דעם קאָנטינענט. דאָך האָבען זיי געהאַט אַ קלאָהרע השגה וועגען, לכל הפחות, איין זאַך: זיי באַגרייפען, אַז די ווירקליכע שעפער פון רייכטימער האָבען ניט באַקומען זייער חלק פון דעם, וואָס זיי האָבען געשאַפען".

מיר זעהען ווי דער זעלבער גייסט פאַרשפּרייט זיך אפילו צווישען די קאָנסערוואַטיווסטע און „אַריסטאָקראַטישסטע" פאַ־כען. „מיר דענקען, — שרייבט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער מעכטיגער יוניאָן פון קריסטאַל־גלאָז אַרבייטער, — אַז עס איז זעהר שווער פאַר ארבייטס־געבער צו פּרובירן זיך אריינצור־שפּאַרן ארבייטער מיט גוואַלד אין סיסטעמען, אין וועלכע זיי קענען ניט פאַרדיענען אויף אַ בכבוד'יגען לעבען. די ניט־יושר'־דיגע פאַרזוכען צו אונטערדריקען די אַרבייטער, וועלען אַ סך לענגער ניט געדולדעט ווערן, וואָרים עס פאַנגען זיך אָן צו מער־קען רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען און וויכטיגע פראַגען, וואָס האָ־בען אַ שייכות צו די אינדוסטריעלע קלאַסען, וועלען גאַר אין גי־כען פאַרנעמען דעם ערשטען פּלאַץ. פאַרוואָס, למשל, זאָל לאָרד דאַדלי באַקומען בירושה קויהלען־גריבער און לאַנד, וואָס ברענגען אריין טויזענט פונט שטערלינג אַ טאָג בשעת זיינע קויהלען־גרעבער מוזען שקלאַפען אַ גאַנצע וואָך און קענען ניט באַקומען גענוג צום לעבען?"

די אומצופרידענהייט איז פאַנאַנדערגעבלאָזען געוואָרן פון גוט־מיינענדע, הגם אביסעל סענטימענטאַלע פילאַנטראָפּען, וועלכע

האָבען פאַרעפּענטליכט זייערע דערפאַהרונגען אין די שוויים־צאַפּענדע אינדוסטריען און אין די אַרימע קוואַרטאַלען פון די גרויסע שטעדט. דער „ביטערער געשריי פון דעם פאַר'גלות'טען לאָנדאָן" און אַנדערע שרעקליך טרויעריגע באַשרייבונגען האָבען אויפגעדעקט ניט נאָר פאַר די מיטעלקלאַסען, נאָר אויך פאַר דער „אַרבייטער אַריסטאָקראַטיע", גאַנצע שטח'ען פון דעם אינדוסטריעלען לעבען, צו וועלכע עס קענען ניט האָפען צוצוקומען ניט דער טרייד־יוניאָניזם און ניט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. דער פּועל־יוצא פון דעם אַרויסגערופענעם תשובה-געפיהל צווישען דעם מיטעל־קלאַס איז געווען אונטערזוכונגען, וואָס האָבען זיך געענדיגט מיט באַריכטען, וועלכע האָבען ניט געגעבען קיין באַשטימטען אויספיהר. אַ קעניגליכע קאָמיסיע צו אונטערזוכען די וואוינונגס באַדינגונגען פון דער אָרימער באַפעלקערונג האָט ניט געשאַפען עטוואָס מעהר ממשות'דיגעס, ווי אַ לייכטע פאַרגרעסערונג פון דער מאַכט פון די קהילות און פון די שטאָדט־ראַטען. אַנאַנדער קאָמיסיע וועגען דער עקאָנאָמישער געדריקטקייט האָט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן. אָן „אויסגעקליבענער קאָמיטעט" פון דעם לאָרדען־הויז אויסצואַרבייטען אַ בעסערן „געזעץ צו באַזאָרגען די אָרימע" („פּור לאָאָ") האָט אפילו ניט אויסגעפונען די פּראָבלעמען, וואָס דאַרפען געלייזט ווערן. נאָך אַ קאָמיסיע וועגען דעם „שוויים־צאַפּונג סיסטעם" האָט זיך, נאָך אַ יאָהר פון אַפּליינעניישען, געענדיגט מיט אַ ריכטיגען דיאַגנאָז פון דער צרה, אָבער זי האָט זיך אין דער זעלבער צייט מודה געווען, אַז זי ווייס ניט ווי צו באַקעמפען זי. אין 1885 האָט אַ פילאַנטראָפּ פון עדינבורג מנדב געווען טויזענט פונט שטערלינג צו אָרגאַניזירען אַ געזעלשאַפטליכע קאָנפערענץ צו אונטערזוכען אויב עס איז מעגליך פאָרצושלאָגען אַ בעסערן סיסטעם פון אַרבייטער באַלוינונג; דער פּועל־יוצא פון דער קאָנפערענץ איז געווען בלויז אַרויסצורופען ספקות וועגען אַזעלכע פילאַנטראָפּישע פּלענער, ווי „פּראָפיטען־טיילונג" און „זעלבסט־רעגירערנדע פאַבריקען", מאַכענדיג אין דער זעלבער צייט מעהר פּראָמינענט די סאָציאַליסטישע פאָרשלאָגען. עטוואָס וויכטיגערעס פון די אַלע זאַכען האָט געטאָן טשאַרלז בוטה, אַ גרויסער סוחר און שיפען־באַזיצער, וועלכער

האט אין 1886 אנגעפאנגען אויף זיינע אייגענע הוצאות א סיסטעמאטישע סטאטיסטישע אונטערזוכונגט פון די ווירקליכע סאציאלע באדינגונגען פון דער גאנצער לאנדאנער באפעלקערונג; דער איינדרוק פון די רעזולטאטען פון דער אונטערזוכונג האט אמענדע אפגעקלונגען פון איין עק ענגלאנד ביז דעם צווייטען[1].

דער פועל־יוצא פון די אנגעפאנגענע אונטערזוכונגען איז געווען זעהר א גרויסער שטויס צו סאציאלע רעפארמען. די מעהרסטע פון זיי זיינען אנגעפאנגען געווארן מיט דעם אויסקוק, אז א ניכטערע און וויסענשאפטליכע אונטערזוכנג וועט באווייזען, אז דער חרבן, וואס די פילאנטראפען האבען אויפגעדעקט און וועגען וועלכען די נייע אגיטאטארען האבען אזוי פיעל גערעדט, איז געווען בלויז אן אויסנאהם. אבער די פינסטערע מעשיות פון די טומעל־זוכער און די סאציאליסטען זיינען, בכלל, באשטעטיגט געווארן פון דער סטאטיסטיק צו דער אמת'ער ערשטוינונג פוןביידע, די עקאנאמיסטען און די טרייד יוניאניסטישע פיהרער. די געשיכטען וועגען די ניט־פארדיענטע צרות האבען זיך ארויסגעצייגט ניט אלס צופעליגע אויסנאהמען פון דעם בכלל ניט־שלעכטען צושטאנד, נאר אלס כאראקטעריסטישע ביישפיעלען פון דעם דורכשניטליכען לעבען פון גרויסע מאסען פון דער באפעלקערונג. דער „שוויים־צאפער" האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין ניט א קאפיטאליסט, וועלכער איז „אויף אן אויסנאהם" הארצלאז, נאר אליין א הילפלאזער פראדוקט פון דער וייט־פארשפרייטער פארדארבענקייט, וואס האט פארכאפט גאנצע אינדוסטריען. אין דער

---

[1] די רעזולטאטען פון דער צוואנציג יאהריגער געדולדיגער ארבייט פון טשארלז בוטה און זיינע מיטהעלפער זיינען פארקערפערט אין דעם גרויסען ווערק „די ארבייט און דאס לעבען פון פאלק אין לאנדאן" אין 18 באנדען, און אין אנדערע ווערק. בוטה'ס פרוי האט אין 1918 ארויסגעגעבען מעמוארן וועגען דעם לעבען פון איהר מאן (1840—1914), אין וועלכע זי גיט איבער איהרע פערזענליכע זכרונות וועגען דעם אומערמיעדליכען אונטערזוכער, וועלכער האט בלויז מיט דער הילף פון סאציאלען דיאגנאז געווירקט, אז עס זאלען דורכגעפיהרט ווערן אזעלכע גרויסע רעפארמען, וואס האבען לכתחילה געשיינט צו זיין לחלוטין אומפראקטיש.

רייכסטער און אין דער פּראָדוקטיווסטער שטאָדט אין דער וועלט האָט טשאַרלז בוטה, נאָך א גרינדליכער אונטערזוכונג, געמוזט קומען צום שלוס, אז א מיליאָן און א פערטעל מענשען פלעגען בסדר אַרונטערפאַלען נידעריגער פון זיין „אָרימקייט ליניע". צוויי און דרייסיג פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאָנדאָן — אין איינציגע גרויסע טיילען פון שטאָדט איבער זעכציג פּראָצענט — האָט מען געפונען לעבענדיג אין א צושטאַנד פון כראָנישער אָרימקייט, וואָס האָט ניט בלויז אויסגעשלאָסען די עלעמענטאַרע באַדינגונגען פון ציוויליזאַציע און בירגערשאַפט, נאָר איז אויך געווען שעדליך פאַר דעם פיזישען געזונד פון דער באַפעלקערונג און פאַר דעם אינדוסטריעלען ווערטה פון זייער אַרבייט. חוץ דעם האָבען טשאַרלז בוטה'ס ציפערען און דער באַריכט פון דער קאָמיסיע פון דעם לאָרדען־הויז איבער „שוויסצאַפּונג" געמאַכט, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, א סוף צום גלויבען, אז דער מקור פון דעם גאַנצען דלות איז געווען אין שיכרות אָדער אַנדערע חטאים. עס איז געווען אוממעגליך צו געברויכען דעם גוט־באַקאַנטען אויסדרוק פון בווירק צו שאַפען א באַשולדיגונג נעגען א דריטעל פון דער באַפעלקערונג פון לאָנדאָן אָדער געגען צוויי־דריטעל פון דער באַפעלקערונג פון דעם „איסט ענד" (מזרח־טייל פון שטאָדט).

די טעגליכע איבערלעבענישען פון גאַנצע גרופּען לוין־אַרבייטער דורך די יאָהרען פון עקאָנאָמישער געדריקטקייט און די סטאַטיסטישע אונטערזוכונגען פון פאָרשטעהער פון דעם מיטעלקלאַס האָבען געשיינט, דעריבער, צו באַרעכטיגען די סאָציאַליסטישע אָנקלאַגע געגען דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. וואָס האָט פּיליכט געהאַט א גרעסערע ווירקונג איז געווען דער פאַקט, אז די סאָציאַליסטען זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען געשיינט צו זיין באַגייסטערט פון א גלויבען אין א ראַדיקאַלען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט און אז בלויז זיי אליין האָבען פאָרגעשלאָגען אן אויסוועג, וואָס מען האָט נאָך ניט געפּרובירט און ניט אויסגעפונען, אז ער טויג ניט. פריהער פאַר 1867 איז מעגליך געווען צו זאָגען, אז דער שלעכטער צושטאַנד פון די לוין־אַרבייטער איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם בייזען איינפלוס

פון קלאס־רעגיערונג און פון פּאָליטישער אויסגעשלאָסענקייט. קאָבדען און ברייהט האָבען שעהן געמאָלען די גאולה, וואָס וועט קומען דורך דעם, וואָס פּראָדוקטען, וועלען זיין פריי פון טאַריפען. דורך דעם משך פון א גאנצען דור האָבען די פיהרער פון א פעסטען טרייד־יוניאָניזם געצייגט די גוטע באדינגונגען, וואָס דער בעל־מלאכה קען ארויספּרעסען פון זיינע ארבייטס־געבער דורך קאָלעקטיווע פארהאנדלונגען און א פאָנד רעזערווירט פאר אן עת־צרה. אָבער פנים אל פנים מיט א פארלייגערטע ארבייטסלאָזיגקייט האָבען דער ברייטערער וואהל־רעכט, די אָפּשאפונג פון טאַריף־אָפּצאָהלונגען און די גוט־פארוואלטעטע טרייד יוניאָנען זיך אלץ־איינס ארויסגעצייגט אלס הילפלאָז. צוואנציג יאָהר פון אלגעמיינעם שטימרעכט האָבען דעם שטאָדטישען בעל־מלאכה נאָך אלץ געלאָזען אין די הענד פון די קאָמערציעלע אזארט־שפּיעלער און אויסגעזעצט צו דער באַרייסעריי פון די הויז־אייגענטימער פון די ארבייטער־קווארטאַלען. א ליבעראלע רעגירונג איז פאַקטיש געווען אין מאכט געשטיצט פון א גרויסער מאַיאָריטעט, אָבער זי האָט דאָך ניט ארויסגעצייגט קיין שארפען פארלאנג צו פאררירכטען די רעזולטאַטען פון עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. עס איז ניט געמאָכט געווארן קיין פארזוך אָפּצושאַפען אפילו די אנערקענטע אומגערעכטיגקייטען געגען דעם נויט־באדערפטיגען שטייערען־צאָהלער. דער אָפּצאָהל אויף טיי איז געבליבען ניט געריהרט. דער לאנד־שטייער איז געבליבען ניט רעפארמירט, און די גרויסע פראגע וועגען ברויכען די נאַציאָנאַלע רייכטימער צו באַזארגען אנשטענדיגע לעבענס באדינגונגען פאר דעם גרויסען רוב פון פאָלק איז אפילו ניט פארהאַנדעלט געוואָרן. א ווייטערע אויסברייטונג פון דעם שטימרעכט, אָפּשאַפונג פון טאַריף־אָפּצאָהלונגען און פאָלקס־בילדונג זיינען נאָך אלץ געווען די איינציגע סאָציאלע און עקאָנאָמישע סגולות, וואָס די ליבעראלע פּאַרטיי האָט געהאט פאָרצושלאָגען. וואָלוועלקייט פון לעבענס מיטלען איז געווען נוצלאָז פאר דעם ארבייטער, וואָס האָט פארלאָרן זיין באַשעפטיגונג, און די פארשפּרייטונג פון בילדונג האָט בלויז געהאָלפען צו פארגרעסערען זיין אומצופרידענהייט מיט די עקזיסטירענדע סאָציאלע באדינגונגען און זיין פעהיגקייט צו

פאַרשטעהן די טעאָרעטישע דערקלערונגען און די פּראַקטישע פאַרשלאַגען פון דער נייער שול פון רעפאָרמער.

דער ארבייטער האָט קיין גרעסערע נחמה ניט געפונען אין דעם טרייד יוניאָניזם איידער אין דער פּאַרטיי פּאָליטיק. דער מויערער, דער סטאָליאר און דער אייזענגיסער, למשל, האָבען געזעהן ווי פון זייער אלטער און מעכטיגער פאַך־געזעלשאַפט איז געבליבען ניט פיעל מעהר ווי א קראַנקהייט־ און באערדיגונגס־קלוב, אנטזאגענדיג וועלכע עס איז שטיצע פאַר שטרייקען אפילו נעגען פאַרקלענערונגען פון שכירות און פאַרלייגערונגען פון ארבייטס־שטונדען און וואָס האָט בלויז אנגעהאלטען די שטיצע פאַר ארבייטסלאָזע דורך פאַרקריכען אין שווערע חובות צו זיינע מעהר געבענשטע מיטגליעדער.[1] היות ווי די מאָגערע יאָהרען זיינען געקומען איינער נאָך דעם אנדערן, האָט דער ארבייטער געזעהן ווי די אונטערשטיצונגען ווערן פאַרקלענערט, די איינצאָהלונגען געהעכערט און פיעלע איבערגעבענע יוניאָניסטען ווערן איבערגעלאָזען אויף גאָט'ס געבאָט אלס מיטגליעדער, וועלכע האָבען „פאַרלאָרן זייער רעכט צו אונטערשטיצונג". די פאַך אונטערשטיצונגס געזעלשאַפט — דער „וויסענשאַפטליכער טרייד יוניאָניזם" פון דעם „פּאָדערשטען באַנק" — איז פאַקטיש שנעל געוואָרן דיסקרעדיטירט. דזשאהן בוירנס און טאָם מאַנן, יונגע און ענערגישע מיטגליעדער פון דער אמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט, האָבען דורך דעם משך צווישען 1884 און 1889 איבער דעם

---

[1] די פאָנדען פון די שטיינמויערער זיינען אינגאַנצען אויפגעשעפּט געוואָרן דורך דעם גרויסען שטרייק פון 1878. אין יאַנואַר, 1879, האָט די געזעלשאַפט, אויף דעם פאָרשלאַג פון איהר צענטראַלער עקזעקוטיווע, באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו אַלע אָנגעהענדע סכסוכים, איינשליסענדיג דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין שעפיעלד געגען אַ גרויסער פאַרקלענערונג פון לוין אָהן געהעריגען נאָטיץ, און פון יענעם טאָג אָן ביז מאַרץ, 1885, איז קיין שטרייק ניט געשטיצט געוואָרן פון די פאָנדען פון דער געזעלשאַפט, הגם פיעלע לאָקאַלען האָבען מוטיג, און אין איניגע פעלע, מיט דערפאָלג געקעמפט געגען כסדר'דיגע רעדוציראונגען פון שכירות, פאַרלייגערונגען פון שטונדען אָדער איבערטרעטונגען פון די אָרטיגע תקנות פון דעם פאַך. דער פאַל פון די שטיינמויערער איז טיפּיש פאַר די אַנדערע גרויסע פאַך אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען.

גאַנצען לאַנד שטאַרק פאַרדאַמט די אָפּגעלאָזענקייט פון זייער גרויסער אמאַלגאַמירטער יוניאָן: „ווי לאַנג, ווי לאַנג, — ווענדעט זיך טאָם מאַנן צו די טרייד יוניאָניסטען אין 1886, — וועט איהר זיין צופריעדען מיט דער יעצטיגער האַלב־נשמה'דיגער טאַקטיק פון אייערע יוניאָנען? איך בין גרייט צוצוגעבען, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבען די יוניאָנען אויפגעטאָן גרויסע ארבייט; אָבער, רבונו של עולם, וועלכען גוטען צוועק דיענען זיי יעצט? זיי אַלע האָבען גרויסע צאָהלען ארבייטסלאָזע אפילו ווען אין זייער אייגענעם פאַך איז פאַראַן אַ סך ארבייט. קיינע פון די וויכטיגע געזעלשאַפטען האָבען קיין אַנדער טאַקטיק, אויסער די שטרעבונג צו האַלטען די שכירות פון פאַלען. די אמת'ע יוניאָניסטישע טאַקטיק פון אַ ג ר ע ס י ו ו ע ן ק אַ מ ף שיינט צו זיין אינגאַנצען פאַרזעהן. דער דורכשניטליכער היינטיגער יוניאָניסט איז אַ מענש מיט אַ פאַרשטיינערטען מח, אָדער האָפנונגסלאָז גלייכגילטיג, אָדער שטיצענדיג אַ טאַקטיק, וואָס פּאַסט זיך גראָד פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען עקספּלואַטאַטאָר... איך טו מיין חלק ארבייט אין דער טרייד יוניאָן, צו וועלכער איך באַלאַנג, אָבער איך בין זיך מיט מיין גאַנצען הארצען מודה, אַז סיידען זי וועט אין דער יעצטיגער צייט (יוני 1886) ארויסצייגען מעהר קרעפטיגקייט וועל איך זיין געצוואונגען — געגען מיין אייגענעם ווילען — אָנצונעמען דעם שטאַנדפּונקט, אַז ווייטער אויסצובריינגען צייט אויף די געוועהנליכע טענות־ומענות־אונטערזוכונגען און אויף דער טאַקטיק פון גאָר ניט טאָן וועט זיין אַן אומבארעכטיגטער ניוועץ פון מענשליכער ענערגיע. איך בין זיכער, אַז עס זיינען דאָ טויזענדע אַנדערע, וועלכע דענקען ווי איך".[1]

---

[1] טאָם מאַנן, איינער פון די ערשטע פּערזענליכקייטען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, איז געבאָרן אין פּאָולזהיל, וואַרוויקשייר, אין 1856, און איז געווען אַ לעהרן־אינגעל אין אַ מאַשינען־פאַבריק אין בירמינגהאַם, פון וואַנען ער איז געקומען קיין לאָנדאָן אין 1878 און איז אַריינגעטראָטען אין דער אַמאַלגאַמירטער געזעלשאַפט פון מאַשיניסטען. ער האָט מיט חשק זיך אָפּגעגעבען מיט זיין זעלבסט־בילדונג, איז געוואָרן צוערשט באַקאַנט מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און נאָכדעם מיט די שריפטען פון העגרי דזשאָרדזש. אין 1884 האָט ער באַ־

„אָרגאַניזירט ווי ער איז יעצט, — שרייבט דזשאָהן בוירנס אין סעפּטעמבער 1887, אין אַן אַרטיקעל אין דעם „דזשאַסטיס", — ליעגט אין דעם יוניאָניזם גופא דער מקור פון זיין אייגענער צו־פאַלונג . . . . . דער ניט־באַטראַכטער איבערנעמען אויף זיך פון די פליכטען און די התחיבות'ען, וואָס בלויז די מלוכה אָדער די גאַנצע געזעלשאַפט קענען דערפילען, ווי די אונטערשטיצונג פאַר קראַנקע און זקנים, לויט דעם ביישפּיעל פון די מיטעל־קלאַסען, דערשטיקט די גרעסערע יוניאָנען דורך די אומערטרעגליכע אָפּצאָה־לונגען, וואָס זיי לעגען אַרויף אויף זייערע מיטגליעדער. דאָס צו־

זוכט די פּאַראייניגטע שטאַאַטען, וואו ער האָט געאַרבייט זעקס חדשים. קומענדיג צוריק קיין ענגלאַנד, איז ער אריינגעטראָטען אין דעם באַטטערסי לאָקאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און איז שנעל געוואָרן איינער פון איהרע הויפּט רעדנער. זיין דערפאַהרונג מיט די צרות, וואָס קומען פון שפּעט־אַרבייט האָט געמאַכט, אַז אַן אַכט־שטונ־דען טאָג זאָל פאַרנעמען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין זיינע לעקציעס, און אין 1886 האָט ער פאַרעפענטליכט זיינע מיינונגען אין אַ פּאַמפלעט אונטער דעם נאָמען: „וואָס אַ געצוואונגענער אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג מיינט פאַר די אַרבייטער", וועלכער איז עטליכע מאָל איבערגעדרוקט גע־וואָרן. דעם זעלבען יאָהר האָט ער פאַרלאָזען זיין מלאכה כדי אָפּצו־געבען זיך מיט דער פּראָפּאַגאַנדאַ אין דער פּראָווינץ פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, האַלטענדיג צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד לעקציעס צוערשט אין טיינסייד און שפּעטער אין לאַנקאַשייר. קומענדיג צוריק אין לאָנדאָן אָנפאַנג 1889 האָט ער געהאָלפען גרינדען די יוניאָן פון די גאַז־אַרבייטער און אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם גרויסען שטרייק פון דער האַפען־אַרבייטער'ס יוניאָן. דריי יאָהר האָט ער געאַרבייט פאַר דער אויפבויאונג פון דער אָרגאַניזאַציע. אין 1892 האָט ער באַשלאָסען צו רעזיגנירן פון זיין אַמט אום צו שטעלען זיין קאַנדידאַטור פאַר גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אַמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט". נאָך אַ היציגען וואַהל־קאַמף, דורך וועלכען ער האָט געהאַלטען רעדעס פאַר מיטגליעדער פון גרויסע מאַשיניסטען צענטרען, איז ער דורכגע־פאַלען מיט 951 שטימען פון די 35,992 שטימען, וואָס זיינען אָפּגע־געבען געוואָרן. אין דעם משך, אין 1891, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליעד פון דער קעניגליכער קאָמיסיע איבער אַרבייטער פראַגען, פאַר וועלכער ער האָט פאָרגעשלאָגען אַ מערקווירדיגען פּלאַן פאַר דער פאַראייניגונג פון דער גאַנצער האַפען־אַרבייט אין דעם לאָנדאָנער האַ־פען דורכשניידענדיג אַ נייעם קאַנאַל אין דער טהיימז דורך דעם הונט־

ברעכט זיי אויף אזוי פיעל, אז די מורא ניט צו קענען דערפילען זייערע התחיבות'ען אלס אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען מאכט זיי אפט אונטערצוגעבען זיך צו דריקונגען פון זייערע באלעבאטים אהן א פראטעסט. דער רעזולטאט איז, אז זיי האבען אלע אויפ־געהערט צו זיין פאראיינען פאר דער באשיצונג פון די ארבייטער־רעכטע און זיינען ארונטערגעפאלען צו דער לאגע פון די ארגאניזא־ציעס פון די מיטעלע און די העכערע קלאסען, וועמעס צוועק איז בלויז צו פארקלענערן די פארזיכערונגס-ראטען".[1]

דא זעהען מיר דעם אנפאנג פון דער אגיטאציע געגען דער

אינזעל. ווען עס האט זיך אין 1893 געגרינדעט די „לאנדאן רעפארם יוניאן", איז ער באשטימט געווארן סעקרעטאר פון דער ארגאניזאציע און האט דעם אמט פארלאזען ווען ער איז אין 1894 דערוועהלט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער „אונאפהענגיגער ארבייטער פארטיי". ער האט אין גיכען אויך דעם אמט פארלאזען צו אומיגרירן קיין ניו זעעלאנד. דארט און אין אויסטראליע האט ער זיך ענערגיש אריינגעווארפען אין דער טרייד יוניאן אגיטאציע. קומענדיג צוריק קיין ענגלאנד אין 1911, איז ער געווארן א הייסער פארטיידיגער פון דעם סינדיקאליזם און האט געארבייט אלס ארגאניזאטאר פון פארשיידענע אינדוסטריעלע ארבייטער יוניאנען. אין 1919 איז ער דערוועהלט געווארן אלס גענעראל סעק־רעטאר פון דער אמאלגאמירטער מאשיניסטען געזעלשאפט, נאך אן אפשטי־מונג, אין וועלכער כמעט אלע פון דער גרויסער צאהל מיטגליעדער פון דער ארגאניזאציע האבען זיך באטייליגט.

[1] דזשאהן בורנז, אין פיעלע הינזיכטען די מערקווירדיגסטע פער־זענליכקייט אין דער ארבייטער באוועגונג, איז געבארען אין באטטערסי, אין 1859, און איז געוועזן א לעהר־אינגעל ביי אן ארטיגע מאשין־אר־בייט פירמע. שוין דורך דער צייט פון זיין לעהרנען זיך א מלאכה איז ער ארויסגעטראטען אין דער עפענטליכקייט. אין 1877 איז ער ארעס־טירט געווארן פאר זיינע שטענדיגע רעדעס אויף דעם קלאפהעם קאממאן און אין 1878 האט ער געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטען געגען דעם „דזשינגא" (משוגע פאטריאטיש) המון ביי א דעמאנסטראציע אין הייד־פארק. אזוי שנעל ווי ער האט געענדיגט זיינע לעהר־יאהרן, איז ער אין 1879 אריינגעטראטען אין דער „אמאלגאמירטער מאשיניסטען געזעל־שאפט" און איז געווארן א פארטיידיגער פון קורצערע ארבייטס־שטונדען. אננעמענדיג א שטעלע אלס מאשיניסט אויף דעם טייך ניגער, אין מערב אפריקא, אין 1880-81, האט ער דארט געהאט א געלעגענהייט צו לייענען א סך, און ער האט זי אויסגענוצט דורכצושטודירן די ווערק

קאָמבינירונג פון געגענזייטיגע אונטערשטיצונגען מיט די צוועקען פון פאַך־באַשיצונג, וואָס איז שפּעטער, פאַר אַ קורצען משך, געוואָרן איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דעם „נייעם יוניאָניזם”. אָבער בשעת די פאַך-אונטערשטיצונגס־פאַראיינען זיינען דורך די יאָהרן פאַרוועלקט געוואָרן אין פּשוט'ע אונטערשטיצונגס קלובען, האָבען די ריינע פאַך־געזעלשאַפטען אויך ניט אַרויסגעצייגט קיין גרעסערע לעבענס-פעהיגקייט. דער גרויסער קריזיס פון 1878-79 האָט אויסגעראָטען הונדערטע קליינע לאָקאַלע יוניאָנען, וועלכע האָבען ניט געהאַט די צוזאַמענהאַלטונגס־קראַפט, וואָס ווערט געשאַפען דורך געגענזייטיגע אונטערשטיצונגען. די אָרגאַניזאַציעס פון די מינען-אַרבייטער פון לאַנקאַשייר און מידלאַנד, וואָס האָבען ניט געגעבען קיינע אונטערשטיצונגען, האָבען

פון אַדאַם סמיטה און דזשאָהן סטואַרט מילל. קומענדיג צוריק קיין לאָנדאָן, האָט ער געאַרבייט צוזאַמען מיט וויקטאָר דעלאַהאַי, אַ געוועזענער קאָמונאַר, וועלכער איז שפּעטער געווען איינער פון די פראַנצויזישע פאָרשטעהער אויף דער אַרבייטער קאָנפערענץ אין בערלין, אין 1891. מיט איהם האָט בוירנז געהאַט אַ סך געשפּרעכען וועגען דעם פּראָגרעס פון די אַרבייטער. אין 1883 איז ער אַריינגעטראָטען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, און איז תיכף געוואָרן אין איהר דער וויכטיגסטער אַרבייטער־מיטגליעד, פאַרטיידיגענדיג איהרע אידעאַלען, ווי, למשל, אין דער איינדרוקספולער רעדע ביי דער קאָנפערענץ וועגען אַרבייטער לוין אין 1885. דעם זעלבען יאָהר איז ער דערוועהלט געוואָרן פון זיין באַצירק אַלס דער פאָרשטעהער פון דער אַמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט צו דעם פינף־יעהרליכען צוזאַמענפאָהר פון די דעלעגאַטען פון דער געזעלשאַפט, וואו ער איז געווען דער יונגסטער מיטגליעד. ביי די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1885 איז ער געוועזען אַ קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין וועסטנאָטטינגהאַם און האָט באַקומען 598 שטימען. דורך די וויטערע צוויי יאָהר איז ער געוואָרן באַוואוסט אַלס דער פיהרער פון דער באַוועגונג פון די „לאָנדאָנער אַרבייטסלאָזע”. די פאַרפאָלגונג, וואָס די רעגיערונג האָט געגען איהם (צוזאַמען מיט דריי אַנדערע אָנגעזעהענע מיטגליעדער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע) אָנגעפאַנגען פאַר זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט, האָט אַרויסגערופען אַ היבשען אינטערעס אין לאַנד און ווען ער איז געפונען געוואָרען אומשולדיג פון געריכט, איז זיין פאַרטיידיגונגס־רעדע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַלס אַ

אָדער אינגאַנצען צוזאַמענגעבראָכען, אָדער זיי האָבען זיך צובראָכען אויף איזאָלירטע קלובען פון יעדער קויהלען־גרוב באַזונדער, ניט פעהיג צו אַ פאַראייניגטען אַרויסטרעט. די באַוועל אַרבייטער פון לאַנקאַשייר, די מינען־אַרבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם און עטליכע אַנדערע בעצם פאַך־געזעלשאַפטען, האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען בלויז דורך דעם, וואָס זיי האָבען כסדר נאָכגעגעבען די באַלעבאַטים. ווען די קאַפּיטאַליסטען זיינען געוועזען צו יעדער צייט גרייט אָפּצושטעלען זייערע געשעפטען, פון וועלכע זיי האָבען ניט געהאַט גענוג פּראָפיטען, זיינען קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען געוועזען אַזוי מאַכטלאָז ניט צו דערלאָזען פאַרקלענערונגען פון שכירות ווי די אינדיווידועלע אָפּמאַכען.ביידע טיפען טרייד־יוניאָניזם האָבען זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ דורכפאַל פּנים-

---

פּאַמפלעט פון 16 זייטען אונטער דעם נאָמען „דער מאַן מיט דער רויטער פאָהן", פאַרקויפט געוואָרען אין אַ גרויסע צאָהל עקזעמפּלאַרען. ביי אַ פאַרבאָטענע דעמאָנסטראַציע אויף דעם טראַפאַלגאַר סקווער דעם „בלוטיגען זונטאָג" (נאָוועמבער 13, 1887) האָט ער, צוזאַמען מיט דעם פּאַרלאַמענטס מיטגליעד קונניגהאַם גראַהאַם, דורכגעבראָכען זיך דורך דער פּאָליציי ליניע, פאַרוואָס ביידע זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו זעקס וואָכען געפענגעניש. אין יאַנואַר, 1889, איז ער דערוועהלט געוואָרען פון באַטטערסי צום „נייעם לאָנדאָנער באַצירק ראַט", וואו ער איז געוואָרען איינער פון די ניצליכסטע און איינפלוסרייכסטע מיטגליעדער. זיין גרויסע אַרבייט אין דעם שטרייק פון די האַפען־אַרבייטער און אין דער אָרגאַניזירונג פון די פּשוט'ע אַרבייטער, איז באַשריבען אין דעם טעקסט. ביי די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1892 איז ער דורך אַ גרויסער מאַיאָריטעט דערוועהלט געוואָרען צום פּאַרלאַמענט פון באַטטערסי, און ביי דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס פון 1893 האָט ער באַקומען די גרעסטע צאָהל שטימען אַלס מיטגליעד פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט, פון וועלכען ער איז דעריבער געוואָרען פאָרזיצענדער. אין 1906 איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון דער „באָארד" (קאָמיסיע) איבער לאָקאַלע רעגיירונג מיט אַ פּלאַץ אין דעם קאַבינעט פון דער רעגיערונג פון סער ה. קאַמפּבעל־באַנערמאַן. ער איז געוועזען דער ערשטער מיניסטער־אַרבייטער. דעם אַמט זיינעם האָט ער געהאַלטען ביז אויגוסט, 1914, ווען ער האָט רעזיגנירט איבער דעם אויסברוך פון דער מלחמה. ער איז געבליבען אַ מיטגליעד אין פּאַרלאַמענט ביז 1918, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגען.

אַל־פּנים מיט אַ לאַנג-פאַרצויגענעם אינדוסטריעלען קריזיס, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אָפּטע ענדערונגען אין דער לאַגע פון געוויסע אינדוסטריען.

דאָס זיינען געווען די אומשטאַנדען, אונטער וועלכע דעם אויס־גע׳חלומ׳טען ארבייטער פּאָליטיקער אָדער טרייד יוניאָניסט איז אויסגעקומען צו הערען די רעדעס און לייענען די שריפטען פון די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען איהם פאַרגעשלאָגען ניט בלויז אַ מיטפיהלענדע דערקלערונג פון די צרות, וואָס ער האָט געליטען, נאָר אויך אַ באַגרייפליכען פּלאַן פון סאָציאַלע רעפאָרמען, אָנפאַנ־גענדיג מיט אַן אכט־שטונדען געזעץ ביז דער נאַציאָנאַליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אין אַ ריין היסטאָרישער אָפּהאַנד־לונג איז פאַר אונז ניט נויטיג צו דיסקוטירן די ממשות׳דיגקייט פון דעם אָפּטימיסטישען גלויבען, מיט וועלכען די סאָציאַליסטען פון יענע יאָהרען האָבען דערקלעהרט, אַז אונטער אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווען אייגענטום וועלען די ארבייטער ניט נאָר אין אַלע צייטען זיין פאַרזיכערט מיט גענוג צום לעבען, נאָר זיי וועלען אויך אַליין קאָנטראָלירן דעם איבערפלוס פון די נאַציאָנאַלע רייכט־מער. אָבער נאָכזוכענדיג די סיבות פון דעם „נייעם יוניאָניזם״ פון 1889-90 און פון דעם איבערגאַנג פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פון דעם אינדיווידואַליסטישען צו קאָלעקטיוויסטישען איינפלוס אין דער פּאָליטישער וועלט, געהען מיר אַזוי ווייט צו זאָגען, אַז צווישען די דאָזיגע סיבות האָט פאַרנומען אַ גרויסען פּלאַץ די גרעסערע צוציהונגס-קראַפט, וואָס דער דאָזיגער געזונטער גלויבען האָט געהאַט אין פאַרגלייך מיט דאָס בעסטע, וואָס דער כמעט צינישער פאַטאַליזם פון דער אַלטער שול האָט געקענט געבען.

די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע האָט צווישען 1886 און 1889 געוואונען פון אַ רייהע פּאַסירונגען, וואָס זיינען אויף דעם גאָר ניט געווען אויסגערעכענט. אין פעברואר 1886 האָבען פאַרזאַמלונגען פון די ארבייטסלאָזע געפיהרט צו אומרוהען, וואָס האָבען ארויס־גערופען אַ מהומה איבער גאַנץ לאָנדאָן, און נאָך וועלכע די רעגיערונג האָט אָנגעפאַנגען פאַרפאָלגונגען פאַר „בונטעווען זיך״. הײַנדמאַן, בורנז, טשעמפּיאָן און וויליאַמז, אַלס די פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, זיינען אָנגעקלאָגט גע־

וואָרן אין דעם „אָלד בעילי” געריכטסהויז, און זייער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט זייער ריינוואשונג, האָט געמאַכט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל זיך פאראינטערעסירען מיט זייער לעהרע. די „ארבייטסלאָזע” פאַרזאַמלונגען זיינען אָנגעגאַנגען מיט אַן אַלץ גרעסערען און גרעסערען טומעל ביז נאָוועמבער 1887, ווען דער הויפּט פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט ארויסגעגעבען א פאַרבאָט אָפּצו־האַלטען פאַרזאַמלונגען אין דעם טראַפאַלגאַר סקווער, וואָס האָט דורך דעם משך פון א גאַנצען דור געדינט פאַר די לאָנדאָנער אַגיטאַטאָרן אַלס א פּלאַץ פאַר עפענטליכע ארויסטרעטונגען. די „אַטאַקע אויף פרייע רעדע” פון א קאָנסערוואַטיווער ריגירונג, וואס איז געקומען נאָך עטליכע קלענערע פאַרזוכען פון דער פריהער־דיגער ליבעראַלער רעגיערונג צו אונטערדריקען פאַרזאַמלונגען אונ־טער דעם פרייען הימעל, האָט געטריבען די לאָנדאָנער ראַדיקאַלע אַרבייטער באַוועגונג צו א פאַראייניגונג מיט די סאָציאַליסטען. זונטאָג, דעם דרייצעהנטען נאָוועמבער, 1887, איז אויף צו להכעיס דער פּאָליציי אָפּגעהאַלטען געוואָרן א ריעזיגע דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאַנאַנדערגעטריבען געוואָרן פון דעם טראַפּאַלגאַר סקווער מיט דער הילף פון א פרייעם געברויך פון די פּאָליצייאישע שוץ־שטעקענס און פון רייטענדע און פוס סאָלדאַטען, וואָס מען האָט ארויסגערופען. דזשאָהן בוירנז און דער פּאַרלאַמענטס-מיטגליעד קונניגהאַם גראַהאַם זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין געפענגניש פאַר זייער חלק אין דער דאָזיגער מעשה. אַן עהנליכע אַגיטאַציע איז אין א קלענערער מאָס אָנגעגאַנגען אין די פּראָווינצען. אין טיינסייד און אין די מידלאַנד געגענדען האָבען פיעלע שלוחים פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פעדעראַציע און פון דער סאָציאַ־ליסטישער ליגע פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע אומצופרידענהייט מיט דער הילפּלאָזער גלייכגילטיגקייט, אין וועלכער די טרייד יונ־יאָנען זיינען פאַרזונקען. אין יעדען גרויסען אינדוסטריעלען צענ־טער האָט די אונערמידליכע פּראָפּאַגאַנדאַ פון אָפּטיילונגען פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס ארויסגערופען אַן אומבאַשטימטע, אָבער טיעפע אומרוהיגקייט אין אַלעמען, חוץ די אָפיציעלע קרייזען פון דער טרייד יוניאָן וועלט.

פאַר דער גרויסער אַרמיי פון אומגעלערענטע אָדער בלויז טייל־

ווייז געלערנטע ארבייטער, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט אין לאָנ־דאָן און אין אנדערע גרויסע שטעדט, איז די נייע קאמפס־פּראָפּאַ־גאַנדאַ געקומען ווי אַ נבואה וועגען דער גאולה. דעם פּשוט'ען ארבייטער, וואָס האָט ניט קיין באשטימטען פאך, איז מיאוס גע־וואָרן צו הערן, אַז דער איינציגער מיטעל פאר דער פארבעסערונג פון זיין לאַגע איז דער „וויסענשאַפטליכער טרייד יוניאָניזם", די איינציגע זאך, וואָס די „פּאָדערשטע באַנק" האָט אנערקענט. די פאך געזעלשאַפטען, וואָס האָבען אריינגענומען בלויז ארבייטער, וועלכע פארדיענען באשטימטע הויכע שכירות, וואָס פאָדערן אַ וועכענטליכע איינצאָהלונג פון ניט וועניגער פון איין שילינג און וואָס האָבען אָפט אויסגעשלאָסען אלע ארבייטער, וועלכע האָבען ניט דורכגעמאַכט די באשטימטע לעהר־יאָהרען אין דער מלאכה, זיינען באטראַכט געוואָרן פון די פּשוט'ע ארבייטער ביי געביידעס, פון די קויהלען-וואַרפער אין די גאַז־פאבריקען אָדער פון די טרעגער ביי די האַפענס אלס אריסטאָקראַטישע קאָרפּאָראַציעס, מיט וועמען זיי האָבען אַזוי וועניג געמיינשאַפטליכעס, ווי מיט דעם לאָרדען־הויז. „דער גרויסער רוב פון אונזערע פּשוט'ע ארבייטער, — שרייבט דזשאָהן בוירנז, — ווערן איגנאָרירט פון אונזערע געלע־רענטע בעלי־מלאָכות. אָט־דאָס וואָס די העכערע פאכען האָבען אין זינען בלויז זיך אליין און ווילען צוליעב נאַרישער גאוה ניט העלפען די נידעריגערע פאכען מאכט פיעלע סכסוכים אוממעגליך צו האָבען דערפאָלג. געהאַלטען ווי אין חרם פון זייערע אייגענע חברים, זיינען די פּשוט'ערע ארבייטער געגען אָדער בלייבען גלייכ־גילטיג צום יוניאָניזם אָפט בלויז דורך דעם געפיהל פון נקמה, בשעת ווען די יוניאָנס וואָלטען געווען קליגער אָדער מעהר פריינד־ליך וואָלטען זיי באַקומען שטיצע פון דאָרט, וואו עס הערשט יעצט בלויז קנאה און אומצופריעדענהייט". אפילו צווישען די געלערנ־טע ארבייטער האָט צווישען די יונגערע בעלי־מלאכות, אויב זיי זיי־נען, שוין אריינגעטראָטען אין די יוניאָנס, געהערשט אַן אומצופרי־דענהייט מיט דער טאַקטיק פון אָפּגעזונדערטקייט און גלייכגילטיג־קייט פון די עלטערע מיטגלידער. אָט־אַזוי זעהען מיר, אַז אין אַזעל־כע „אריסטאָקראַטישע" יוניאָנס, ווי די „אַמאַלגאַמירטע מאַשינים־טען געזעלשאַפט" און אין דער „לאָנדאָנער געזעלשאַפט פון דרו־

קער", וואקסט אויס א פארטיי פון „נייע יוניאָניסטען", וואס באַ־שטעהט פון יונגע מענשען, וועלכע טרעטען שטארק ארויס געגען דעם, וואָס דער פאַך־פאַראיין איז דערנידעריגט געוואָרן צום מצב פון א געגענזייטיגע פארזיכערונגס געזעלשאפט, וועלכע האָבען פראָטעסטירט געגען דאָס אויסשליסען פון די נידעריגער באַצאָהל־טע גרופען פון דער פאַך־ארגאניזאציע און וועלכע זיינען ארויסגע־טראָטען דערפאר, אז מען זאָל זיך באַנוצען מיט דעם פאָליטישען איינפלוס פון דער געזעלשאפט אין די אינטערעסען פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע. ביז דעם יאָהר 1888 האָבען די סאָציאַליס־טען ניט בלויז שוין געהאט די אָנהענגערשאפט פון גרויסע טיילען פון די פשוט'ע ארבייטער אין לאָנדאָן און אין אייניגע אנדערע שטעדט, נאָר האָבען אויך באַקומען א וויכטיגע גרופּע אָנהענגער אין די גרויסע „אמאלגאמירטע" געזעלשאפטען.

אין דעם משך וואָלט קיין אנדער זאַך אויסער א גוואלד־טויט געקענט צוריקהאלטען דעם נייעם גייסט פון דעם טריידס־יוניאָן קאָנ־גרעס. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אז זיין ערשטען סימן צווישען די דעלעגאַטען מוז מען צושרייבען צום דירעקטען איינ־פלוס פון קאַרל מארקס. ביי דעם קאָנגרעס פון 1878, אין בריס־טאָל, האָט אדאָם וויילער, אַן אַלטער מיטגליעד פון דעם „אינטער־נאציאָנאַל" און א פּערזענליכער פריינד פון דעם גרויסען סאָציאַ־ליסט, געלייענט א פאָרטראַג, אין וועלכען ער איז ארויסגעטראָטען פאר באגרענעצען די ארבייטס־שטונדען דורך געזעצגעבונג".[1] ביים ווייטערדיגען קאָנגרעס איז וויילער ארויסגעטראָטען געגען א רעזאָ־לוציע פאר דער דורכפיהרונג פון פויערשען לאַנד־באַזיץ, וואָס איז

[1] וויילער איז געווען אַ דעלעגאַט פון דער „פאַראייניגטער מעבעל־אַרבייטער געזעלשאַפט" און איז געקומען פון לאָנדאָן. דער באַריכט פון דעם קאָנגרעס זאָגט וועגען זיין פאָרטראַג: „נאָכדעם, ווי ער האָט געגעבען אַן איבערבליק איבער דער לאַגע פון דעם אַרבייטער קלאַס אונטער דעם יעצטיגען סיסטעם און פאַרגלייכענדיג זי מיט די באַדינ־גונגען פון צוריק מיט אַכציג יאָהר, האָט ער געוואָלט באַווייזען, אַז דער בעסטער מיטעל פאר די אַרבייטער צו פאַרבעסערן זייער לאַגע איז צו פאַרקירצען די אַרבייטס־שטונדען. דער פועל־יוצא פון דעם וואָלט גע־ווען, ערשטענס, צו געבען יעדען אַרבייטער אַ געלעגענהייט צו זיין באַ־שעפטיגט און דורך דעם פאַרקלענערן דעם מין קאָנקורענץ (צווישען די אַרבייטער) וואָס קומט פון הונגער און דלות; צווייטענס, וואָלט

פאָרגעשלאָגען געוואָרן אין דעם נאָמען פון דער פארלאַמענט קאָמי־טעט. אָבער יענעם יאָהר האָט זיין פאָרשלאָג צו ענדערען די רע־זאָלוציע אין אַ פאָדערונג צו נאַציאָנאַליזירן דאָס לאַנד ניט גע־פונען אפילו קיין צווייטע שטימע צו שטיצען איהם. דריי יאָהר שפּעטער פאַנגט זיך אָן צו מערקען די ווירקונג פון דער פּראָפּאַ־גאַנדא פון הענרי דזשאָרדזש. אין 1882, ווען די לאַנד־פראַגע איז ווידעראמאָל אויפגעהויבען געוואָרן, איז פאָרגעקומען אַ שארפער צוזאמענשטויס פון די צוויי אידעאלען (פּריוואט באזיץ פון קליי־נע פויערען און נאַציאָנאַליזירונג) און טראָץ די פּראָטעסטען געגען די „קאָמוניסטישע פּרינציפּען" איז אין אַן אַלגעמיינער רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן מיט 71 שטימען געגען 31 אַ צוגעזעצטער פונקט, וואָס פאָדערט די נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד. דער פאַר־לאמענט קאָמיטעט האָט ניט געענדערט זיין האלטונג צו דער פראגע, טענה'נדיג, אַז די אָפּשטימונג איז געמאכט געוואָרן ווען פיעלע דעלעגאטען זיינען געוועזן אַוועק און אַז זי רעפּרעזענטירט ניט די אַלגעמיינע מיינונג פון דעם קאָנגרעס. די טענה איז ביז אַ געוויסען גראַד באשטעטיגט געווארן פון די אָפּשטימונגען פון די ווייטערדיגע פינף קאָנגרעסען, וועלכע האָבען אלע צוריקגעווי־זען ענדערונגס־פאָרשלאגען פאר דעם פּרינציפּ פון לאַנד־נאַציאָנאַ־ליזירונג, הגם יעדען מאָל זיינען די פאָרשלאָגען דורכגעפאלען מיט אַ קלענערער מאַיאָריטעט שטימען געגען זיי. אמענדע, אין 1881, ביים קאָנגרעס אין סוואנסי, האָט זיך דער ווינט איבערגעדרעהט און עס איז אָנגענומען געווארן אַ ניט־קלאָרער באַשלוס פאר דער נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד. ביי דעם קאָנגרעס אין בראַדפאָרד, אין 1888, איז אפילו די אידעע גופא וועגען פּויערן לאַנד־באַזיץ פארשוואונדען. די פאָרשטעהער פון די אגריקולטור־ארבייטער האָ־

עס זוי געגעבען צייט און געלעגענהייט פאר רוה און אונטערהאַלטונג און פאר דער אנטוויקלונג פון זייערע מחות, וואָס וואָלט זוי פעהיג געמאַכט צוצוגרייטען זיך פאַר דער צייט, ווען דער יעצטיגער פּראָדוקציאָנס סיסטעם וועט צוזאַמענברעכען, וואָרים די צייט פון דעם צוזאַמענברוך איז ניט אַזוי ווייט ווי אַנדערע דענקען". דער פאָרטראַג איז אויפגענו־מען געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען און דער קאָנגרעס האָט פאר איהם אויסגעדריקט אַ דאַנק צו ווילער. קיין רעזאָלוציע איז וועגען דעם ענין ניט אָנגענומען געוואָרן.

בען יעצט בלויז געפאָדערט מען זאָל יעדען פון זיי לאָזען פאַר־נעמען שטיקער פון קהל'שעם לאַנד. לסוף האָט דער קאָנגרעס מיט זעקס און זעכציג שטימען געגען פינף אָנגענומען אַ קלאָהרע דערקלערונג פאר דער נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד צוזאַמען מיט אַן אינסטרוקציע צום פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פאַרצובערענגען דעם פאָרשלאַג פאַר דעם פּאַרלאַמענט.

דורך דער צייט האָט וויילער געמאַכט אַנאַנדער און מעהר ערפאָלגרייכען פאַרזוך צו באַקומען די הילף פון דעם קאָנגרעס פאַר דער געזעצליכער רעגולירונג פון די ארבייטס־שטונדען. ביי דעם קאָנגרעס פון 1883 האָט ער פאָרגעשלאָגען אַ רעזאָלוציע צו אינ־סטרואירן דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט צו ארבייטען פאַר דער געזעצליכער באַגרענעצונג פון דעם ארבייטס־טאָג צו אַ מאַק־סימום פון אכט שטונדען פאַר אַלע ארבייטער, וועלכע זיינען באַ־שעפטיגט פון די רעגירונגס אַנשטאַלטען אָדער פון געזעלשאַפ־טען, וואָס האָבען באַקומען זייער מאַכט פון דעם פּאַרלאַמענט. דער פאָרשלאַג איז אונטערשטיצט געוואָרן פון עדוואַרד האַר־פאָרד, דעם גענעראַל סעקרעטער פון דער „אַמאַלגאַמירטער גע־זעלשאַפט פון אייזענבאַהן באַדיענער" און איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַ ווייניג־באַזוכטער זיצונג מיט בלויז דריי און דרייסיג שטימען געגען אכט. אין 1885 האָט די באַוועגונג שוין אויף אַזוי פיעל געוואונען געוויכט, אַז דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט געפונען פאַר ניצליך אויסצושפּיעלען צייט דורך אָנפאַנגען אַן אונ־טערזוכונג וויפיעל איבעריגע צייט („אָווערטיים") מען האָט גע־ארבייט אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטען, מיט דעם פּועל־יוצא, וואָס עס איז באַוויזען געוואָרן, ווי די פּראַקטיק פון סיסטעמאַטישע שפּעט־ארבייט האָט לחלוטין צו־נישט געמאַכט דעם „ניין־שטונדען" זיען.[1] ביי דעם קאָנגרעס אין סוואַנסי, אין 1887 איז דער פאַר־

[1] די סטאַטיסטיק, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דזשאָרדזש האָועל בנוגע צו די וואולוויטש און ענפיעלד מאַשינען־פאַבריקען, האָט געצייגט, אַז דורך די יאָהרען 1884 און 1885 האָבען מעהר פון האַלב פון די מעכאַניקער געאַרבייט איבעריגע צייט, דער וועכענטליכער דורכ־שניט פאַר יעדען אַרבייטער איז געווען פון ניין מיט פיער צעהנטעל שטונדען אין אייניגע פאַבריקען, ביז זיעבעצעהן מיט אַכט צעהנטעל שטונדען אין אַנדערע.

לאַמענט קאָמיטעט אינסטרואירט געוואָרן די גאַנצע פראַגע פאַרצוליגען פאַר אַן אָפּשטימונג צו אַלע טרייד יוניאָנען. די אָפּשטימונג האָט אַרויסגעבראַכט דעם אומערוואַרטעטען פאַקט, אַז אַפּפּעלגאַרטה'ס אייגענע יוניאָן, די אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון סטאָליאַרעס און בויער איז באַקעהרט געוואָרן צו דער פאַדערונג פון אַן אַכט־שטונדען געזעץ.[1] אַ צווייטע אַלגעמיינע אָפּשטימונג, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן לויט דעם באַשלוס פון דעם קאָנגרעס דעם פאָלגענדען יאָהר, האָט געצייגט, אַז אַזעלכע אַלטע יוניאָנען, ווי פון די זעצער, די אייזענגיסער און די אייזענבאַהן אָנגעשטעלטע האָבען געביטען זייער שטעלונג.[2]

דערווייל האָט דער וואַקסענדער חלוקי־דעות איבער דער פראַגע פון טאַקטיק צווישען די קויהלען־גרעבער, אויף וועלכען מיר האָבען אָנגעצייגט אין דעם לעצטען קאַפּיטעל, געבראַכט אַ מעכטיגע גרופּע פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער צו שטיצען די נייע פּאַרטיי. מיר האָבען שוין באַשריבען די באַקעהרונג פון די פיהרער פון די מינען־אַרבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד און פון דורהאַב צו דעם פּרינציפּ פון אַ באַוועגליכע שכירות־טאַבעלע, וואָס האָט געמאַכט, אַז דער אַרבייטער זאָל זיין אָפּהענגיג פאַר זיין לעבענס־מצב אויף

---

[1] עלף טויזענד ניין הונדערט זעקס און זעכציג (11,966) מיטגליעדער פון דער יוניאָן האָבען געשטימט פאַר אַן אַכט־שטונדיגען טאָג, און פון די האָבען ניין טויזענד צוויי הונדערט און ניין (9209) זיך דערקלעהרט פאַר דער באַגרענעצונג פון דעם טאָג צו אַכט שטונדען דורך דעם געזעץ. דער סך־הכל פון די אָפּגעגעבענע שטימען פאַר אַן אַכט־שטונדען געזעץ איז געוועז 17,267; געגען דעם זיינען אָפּגעגעבען געוואָרן 3819 שטימען.

[2] פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג זיינען אָפּגעגעבען געוואָרן 39,656 שטימען; געגען — 67,390 שטימען, פון וועלכע 56,541 זיינען אָפּגעגעבען געוואָרן פון די באַוועל־שפּינער און וועבער; פאַר אַן אַכט־שטונדען געזעץ זיינען אָפּגעגעבען געוואָרן 28,511 שטימען; געגען אַזאַ געזעץ — 12,283 שטימען. די אָפּשטימונגען פון די פאַרשיידענע פאַכען און אַ בקיצור פון די קאָנגרעס־פאַרהאַנדלונגען וועגען דער פראַגע וועט דער לעזער געפינען איז דעם ווערק פון סידני וועב און האַראַלד קאָקס: „דער אַכט־שטונדען טאָג". זעה אויך „די געשיכטע פון דעם ענגלישען טרייד יוניאָן קאָנגרעס" פון וו. דזשיי. דייווים, צווייטער באַנד.

דעם מקח פון דעם פּראָדוקט, וואָס ער שאַפט. איבער נאָך איין פּונקט האָבען די צוויי צדדים באַצירקען זיך אָפּגעריסען פון דער טראַדיציאָנעלער טאַקטיק פון דער אָרגאַניזאַציע פון די מינען־אַרבייטער. שוין אין 1863, האָבען מיר אָנגעוויזען, איז קראָופאָרד, איינער פון די פעהיגסטע פון זייערע פיהרער, שטאַרק אַרויסגע־טראָטען, אויף דער קאָנפערענץ אין לידז, געגען אַן אַכט־שטונדען געזעץ פאַר ענגלאַנד אויף דעם גרונד, אַז אין נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם, וואו די קויהלען־האַקער ביטען זיך ביי דער אַרבייט צוויי מאָל אין מעת־לעת (ד. ה. אַרבייטען צו 12 שטונדען), וואָלט אַזאַ באַגרענצונג געמאַכט אומבאַקוועמליכקייטען פאַר די אַרביי־טער. (די ענגלענדער האָבען געאַרבייט אַלס אַרויסהעלפער צו די קויהלען־גרעבער). אָט־דער ווידערשטאַנד צו אַן אַריינמישונג אין אַ באַשטימטען פאַל, וואו די אומשטענדען פון דער לאָקאַלער אינ־דוסטריע זיינען באַזונדערע, האָט זיך צוביסלאַכוויז אַנטוויקעלט אין אַן אַלגעמיינער געגנערשאַפט צו געזעצליכער רעגולירונג פון די שטונדען פון דערוואַקסענע אַרבייטער. מיר געפינען דעריבער די מינען־אַרבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד און פון דורהאַם פון דעם יאָהר 1875 און ווייטער שטעלענדיג זיך מעהר און מעהר צוזאַ־מען מיט די פיהרער פון די אייזען־ און בוי־פאַבען, וועלכע זיינען, ווי מיר האָבען געזעהן, אין אַ גרויסער מאָס באַקעהרט געוואָרן צו די עקאָנאָמישע באַגריפען, וואָס זיינען דאַמאָלסט געווען אָנגענומען צווישען די מיטעלקלאַסען. דער פאַקט דאָס די אַסאָציאַציעס פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם, כמעט די איינציגע צווישען די יוניאָנען פון די מינען־גרעבער, זיינען מיט ערפאָלג אויסגעשטאַ־נען די שלעכטע צייטען פון 1877-79 און דאָס דער אָדער יענער פון זייערע פיהרער איז כסדר געווען אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט איז געווען די אורזאַכע פון דעם, וואָס זייערע מיינונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלס די מיינונגען פון דער גאַנצער אינדוסטריע.

אָבער די מינען־אַרבייטער אין אַנדערע געגענדען זיינען ניט לאַנג געבליבען צופרידען מיט דער נייער טאַקטיק פון דורהאַם און נאָרטהומבערלאַנד. אין דעצעמבער 1881 האָבען די אַמאַלגאַמירטע אַסאָציאַציעס פון די מינען־גרעבער פון דרום און מערב יאָרקשייר

פּאַרמעל געמאַכט אַ סוף צו דער באַוועגליכער שכירות־טאַבעלע, וואָס האָט דאַמאָלסט עקזיסטירט, און אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאָדערן די באַגרענעצונג פון דער פּראָדוקציאָן (אַלס מיטעל אויפ־צוהאַלטען די פּרייזען). דורך די ווייטערע יאָהרען האָבען די אַר־בייטסגעבער פון יאָרקשייר עטליכע מאָל פּאָרגעשלאָגען צוריק איינ־צופיהרען די באַוועגליכע טאַבעלע, אָבער די ארבייטער האָבען געפאָדערט, אַז דאָס זאָל ניט געטאָן ווערן סיידען זיי וועלען באַ־קומען אין דערזעלבער צייט אַן אָפּמאַך, וואָס זאָל באַשטימען אַ מינימום־לוין, נידעריגער פון וועלכען זייערע שכירות טאָרען אין קיין פאַל ניט אַרונטערגעהן; צו דעם תנאי האָבען די מינען־אייגענטימער אַלעמאָל זיך ענטזאָגט צוצושטימען. דעם ביישפּיעל פון די קויהלען־גרעבער פון יאָרקשייר האָבען שנעל נאָכגעפאָלגט די ארבייטער פון אנדערע געגענדען, בפרט פון לאַנקאַשייר. אין דעם באַצירק איז דער טרייד יוניאָניזם צווישען די מינען ארבייטער דורך די שלעכטע יאָהרען, ווי מיר האָבען געזעהען, צופאַלען אויף שטיקער. די רעאָרגאַניזירונג אין לאָקאַלע יוניאָנען האָט זיך אָנ־געפאַנגען אין 1881, און די פעדעראַציע פון די מינען־ארבייטער אין לאַנקאַשייר איז מיט ערפאָלג געגרינדעט געוואָרן דעם קומענדען יאָהר. אויף זייער קאָנפערענץ אין 1883 האָבען די דעלעגאַטען פון די מינען־ארבייטער פון לאַנקאַשייר באַשלאָסען, „אַז די צייט איז געקומען פאַר די מינען־ארבייטער צו רעגולירען די אויסאַרבייטונג פון קויהלען; אַז קיין קויהלען־האַקער אָדער אַנדערע ארבייטער אונטער דער ערד זאָל ניט ארבייטען מעהר פון פינף טעג אָדער פינף מאָל ביטען זיך ביי דער ארבייט דורך דער וואָך, און אַז די שטונדען זינט דעם אַריינגאַנג אין דער מינע ביז דעם אַרויסגאַנג זאָלען פאַר יעדער „סמענע" (שיפט) זיין ניט מעהר פון אַכט. דענקענדיג, אַז עס וועט זיין פאַר זיי אוממעגליך אויסצופיהרען זייערע פאָדערונגען דורך שטרייקען, האָבען די ארבייטער פון לאַנקאַשייר זיך געווענדעט צו דער טאַקטיק פון געזעצליכער רעגולירונג, וואָס איז אַרויסגע־בראַכט געוואָרן ביי די פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנפערענץ פון 1863.

ווען די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרבע־סערן, אין 1885, האָט זיך שנעל אָנגעפאַנגען צו פאַרגרעסערן די

מיטגליעדערשאפט און דער איינפלוס פון די אָרגאַניזאַציעס אין לאַנקאַשייר און אין יאָרקשייר און אומעטום אין די מידלאַנדס זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע פעדעראַציעס. אויך די שאָטלאַנדישע מינען־ארבייטער האָבען אין 1886־7 ארויסגעצייגט א קורצע צייט א שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט און האָבען דאמאָלסט אָרגאַניזירט א נאַציאָנאַלע פעדעראַציע מיט א מיטגליעדערשאפט פון דריי און צוואַנציג טויזענד. די אַלע אַסאָציאַציעס האָבען אָנגענומען די טאַקטיק פון רעגולירונג פון דער פּראָדוקציאָן, און די שאָטלאַנדישע מינען ארבייטער, בפרט, האָבען אין 1887 אָנגעפיהרט א שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דעם פונקט צו באַגרענעצען דעם ארבייטס־טאָג צו אַכט שטונדען, פאַר וועלכען צוויי פּאַרלאַמענטס מיטגליעדער פון שאָטלאַנד האָבען געאַרבייט ער זאָל אריינגעשטעלט ווערען אין דעם געזעץ פון 1887 וועגען דער רעגולירונג פון די מינען.[1] אָבער די עקזעקוטיווע פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן" איז, זינט דעם טויט פון מאַקדאָנאַלד אין 1881, איינגאַנצען אריינגעפאַלען אין די הענט פון די פיהרער פון נאָרטהומבערלאַנד און פון דורהאַם. אונטער זייער איינפלוס האָט זי אָנגעהאַלטען איהר אָנהענגערשאַפט צו דעם פּרינציפּ פון א באַוועגליכער טאַבעלע און איהר געגנערשאַפט צום אַכט־שטונדען געזעץ, אָפּפרעמדענדיג פון זיך דורך דעם ניט בלויז די נייע פעדעראַציעס, נאָר אויך די אַלטע און מעכטיגע אַסאָציאַציע פון די מינען ארבייטער פון יאָרקשייר. פון דעם יאָהר 1885 ביז 1888 איז דער קאַמף צווישען די געגנערישע פּרינציפּען אָנגעפיהרט געוואָרן ביי יעדער קאָנפערענץ פון די מינען־ארבייטער.[2] דורך דעם לעצטען יאָהר

---

[1] דער פּונקט איז פאָרגעשלאָגען געוואָרן פון ס. וויליאַמסאָן, אַ ליבעראַלער מיטגליעד פון קילמאַרנאָק און איז געשטיצט געוואָרן פון דזשיי. ה. האָזשיער, אַ קאָנסערוואַטיווער מיטגליעד פון סאוטה האַנקשייר. די „אַרבייטער מיטגליעדער" אין פּאַרלאַמענט האָבען דעם פונקט ניט געשטיצט, און ער איז דורכגעפאַלען מיט 159 שטימען געגען 104 שטימען פאַר דעם פונקט. זעה: „דער אַכט־שטונדען־טאָג", פון וועב און קאָקס, 1891, ז. 23.

[2] די „נאַציאָנאַלע קאָנפערענצען" פון די מינען־ארבייטער זיינען אַ זאַך, מיט וועלכער די אינדוסטריע בפרט האָט זיך אויסגעצייכענט. אויסער די פּעריאָדישע פאַרזאַמלונגען פון די באַזונדערע פעדעראַציעס, האָ־

האָבען זיך די קעמפענדע צדדים צוטיילט אויף באַזונדערע מחנות. אין סעפּטעמבער 1888 איז צוזאַמענגערופען געוואָרן אין מאַנטשעסטער א קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון באַצירקען, וואָס זיינען געווען געגען אַ באַוועגליכע לוין־טאַבעלע און דאָרט זיינען געמאַכט געוואָרן הכנות צו גרינדען א נייע פעדעראציע, אין וועלכער עס זאָל ניט דערלויבט ווערן אריינצוטרעטען קיין באַצירק, וואו עס איז אָנגענומען א באַוועגליכע לוין־טאַבעלע. פון דער צייט אָן און ווייטער האָבען די אַלטע „נאַציאָנאַלע יוניאָן" פון איין צד און די פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער פון צווייטען צד קאָנקורירט צווישען זיך פאר דער אָנהענגערשאַפט פון די פארשיידענע באַצירק אָרגאַניזאציעס און האָבען ניט גאָר פריינדליך קריטיקירט איינע די אנדערע איבער פראגען פון טאַקטיק און ארויסטרעטונגען. דער צושטאַנד איז ניט אויף לאַנג געבליבען אומבאַשטימט. די „נאַציאָנאַלע יוניאָן" איז צוביסלאכווייז אפּגעשוואַכט געווארן ביז עס זיינען אין איהר געבליבען בלויז די ארבייטער פון נאָרטהומערלאַנד און דורהאם, בשעת די „פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער", מיט איהר אַגרעסיווער טאַקטיק און איהרע האַלב־סאָציאַליסטישע פרינציפּען פון א מינימום לוין און א געזעצליך באַגרענעצטען ארבייטס־טאָג, איז שנעל געוואַקסען. פון זעקס און דרייסיג טויזענד אין 1888 איז איהר מיטגליעדערשאַפט געשטיגען ביז זעקס און ניינציג טויזענד אין 1889, הונדערט זיבען און פערציג טויזענד אין 1891 און איבער צוויי הונדערט טויזענד אין 1893, לאָזענדיג אין שאָטען מיט איהר וואוקס אַלע עקזיסטירענדע טרייד יוניאָן ארגאַניזאציעס. די סאָציאַליסטישע פּארטיידיגונג פון דער פאָדערונג געזעצליך צו

בען די מינען־אַרבייטער, זינט 1863, געהאַט אָפטע קאָנפערענצען פון דעלעגאַטען פון אַלע אָרגאַניזירטע געגענדען אין דער מלוכה. אָט די קאָנפערענצען פלעגען ביז דעם יאָהר 1889 אָפּגעהאַלטען ווערן אונטער דעם אויפזיכט פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן"; שפּעטער פלעגען זיי איינבאַרופען ווערן פון דער „פעדעראַציע פון די מינען־אַרבייטער". די צוזאַמענפאָהרן, פון וועלכע עס ווערן יעצט אויסגעשלאָסען צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטען, האָבען בלויז דעם כאַראַקטער פון אַ באַראַטונג און זייערע באַשלוסען זיינען ניט בינדענד ביז זיי ווערן אָנגענומען פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

באגרעניצען דעם ארבייטס־טאָג צו אכט שטונדען האָבען פון דעם יאָהר 1888 און ווייטער געהאט די שטיצע אין דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס און ביי די וואהלען פון א שנעל וואקסענדע מחנה ארגאניזירטע מינען־ארבייטער, וועמעס פעסטע צוזאמענהאלטונג האָט מעהר איידער וועלכער עס איז אנדער כח פארשטאַרקט די באוועגונג פאר אן אכט־שטונדען געזעץ.

עס איז לייכט, נאָך אזא משך צייט, צו דערקענען אין דעם געענדערטען טאָן פון די דורכשניטליכע דעלעגאטען צום טרייד יוניאָן קאָנגרעס אן אפשפּיגלונג פון א גרעסערער ענדערונג פון די מיינונגען אויסער דעם קאָנגרעס. אָבער פאר דעם „אויבען־אָן" פון די טרייד יוניאָנען, ווי, באמת, פאר די מעהרסטע פּאָליטיקער פון יענער צייט, איז עס געווען אומגלויבליך, אז די נייע אידעען זאָלען זיך ווירקליך באפעסטיגען צווישען די קוואַליפיצירטע בעלי־מלאכות. דער פארלאמענט קאָמיטעט האָט די נייע שטרעמונגען באטראכט מיט כמעט דעם זעלבען געפיהל, מיט וועלכען זיי האָבען אויפגענומען די פאָרשלאָגען פון א קליינע כנופיא, וואָס האָט אין 1882 אומזיסט געפּרובירט זיך ארויפצווינגען אויף דעם קאָנרעם די פּרינציפּען פון שוץ־טאַריפען.[1] ווען דער קאָנגרעס פלעגט אננעמען א רעזאָלוציע, מיט וועלכער דער פארלאמענט קאָמיטעט

---

[1] דער דרוק אויף דעם קאָנגרעס פאר „גינסטיגע טאַריפען" („פעיר טרייד") האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף דעם פאָלגענדען אופן. אויף דעם קאָנגרעס אין בריסטאָל, אין 1878, האָבען געוויסע דעלעגאַטען, וועלכע מען האָט שטאַרק חושד געווען, אַז זיי זיינען באַצאָהלטע אַגענטען פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דאַמאָלס אַגיטירט פאר דער אָפּשאַפונג פון פּרעמיומס אויף צוקער פאר אויסלאַנד, געפּרובירט זיך אַרויפצווינגען די פראַגע אויף דעם קאָנגרעס און האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען טומעל. די דאָזיגע דעלעגאַטען זיינען שפּעטער געוואָרן די באַצאָהלטע פאָרשטעהער פון דער „פעיר טרייד ליעג" (די ליעגע פאר טאַריף אָפּצאָהלונגען צו באַשיצען דעם „היימישען" האַנדעל), אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען באַוואוסט, אַז זי איז באַשטאַנען פון לאַנד־אייגענטימער און קאַפּיטאַליסטען, וועמעס צוועק עס איז געווען אויסצופיהרען, אַז די רעגירונג זאָל צוריק איינפיהרען טאַריפען אויף אימפּאָרטירע פּראָדוקטען. די „פּאָדערשטע באַנק" האָט זיך פּעסט אנטזאַגט צו דערלאָזען, אַז דער קאָנגרעס זאָל אויסגענוצט ווערן צו העלפען אָט דעם צוועק, און דערפאַר האָט מען אויף זיי געמאַכט, ווי דער קאָנגרעס פון 1882 האָט דערקלעהרט,

פלעגט ניט זיין איינשטימיג, פלעגט אַמאָל אזא מיינונגס־אויסדרוק פון דעם קאָנגרעס ווערן איגנאָרירט אלס א זאך, וואס איז ניט מעהר ווי אן איינרעדעניש פון געוויסע דעלעגאטען. אומזיסט האָט דער קאָנגרעס פון 1888, נאָך א ישוב־הדעת פון צעהן יאָהר, אָנגענומען א באשטימטען באשלוס פאר די פרינציפען פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד אָנשטאָט „פויערען אייגענטום". דער פאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט זיך באַגנוגענט מיט א פארשפּרעכען, אַז ער וועט פאָרשלאָגען א „גוט באַטראכטען פּראָיעקט". די פראַגע וועגען אַן אכט־שטונדען ארבייטס־טאָג האָט ניט געקענט באהאַנדעלט ווערן דורך אזא איידעלען אויסדרעהען זיך. דעריבער האָט דער קאָמיטעט, דורך פאָרשלאַגען צו מאַכען פריהער אונטער־זוכונגען (וועגען דער מיינונג פון דער אָרגאניזירטער ארבייטער־שאַפט), אָפּגעהאַלטען די דורכפיהרונג פון דירעקטע באַשלוסען פון דעם קאָנגרעס צו אַרבייטען אין פאַרלאַמענט פאר אַן אכט־שטונדען געזעץ. ווען עס איז באשלאָסען געווארן, אז מען זאָל וועגען דעם דורכפיהרן אַן אָפּשטימונג אין די טרייד יוניאָנס, איז דעם פארלאַמענט קאָמיטעט צוזאמען מיט די גענעראַל סעקרעטאַ־רען געלונגען פאַקטיש צונישט צו מאַכען די אונטערזוכונג. דער צושריפט וועגען דער אָפּשטימונג איז געווען פול געפאקט מיט

אַ „פון־הינטער־דעם־רוקענדיגע, פאַלשע און רכילות'דיגע אַטאַקע... אַ פאַרזוך צו טויטען זיי מאָראַליש". אָנשטאָט צו קעמפען איבער דער פראַגע פון פרייען האַנדעל און שוץ־טאַריפען, האָבען די אַגענטען פון דער „פּעיר טרייד ליעג" אַנטוויקעלט אַ גאַנצען סיסטעם פון רכילות געגען די פּערזענליכקייטען פון בראָדהורסט, האַועל, שיפּטאָן און אַנדערע פיהרער. געגען בראָדהורסט'ס פאַרוואַלטונג פון דעם הילפס־פאָנד פון די קויהלען־וואַרפער אין די גאַז־פאַבריקען, למשל, האָט מען אומעטום אין דער טרייד יוניאָן וועלט פאַרשפּרייט טונקעלע רמזים וועגען אומעהרליכקייטען. ביי דעם קאָנגרעס פון 1881 האָט מען די „פּעיר טרייד" דעלעגאַטען אויסגעשלאָסען דערפאַר, וואָס עס איז דערוויזען געוואָרן, אַז זייערע הוצאות זיינען ניט אויסגעצאָהלט געוואָרן פון די טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי האָבען כלומרשט רעפּרעזענטירט. אַ נייע אַטאַקע אויף דעם קאָנגרעס אין 1882 האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען זיעג פאַר דעם פאַרלאַמענט קאָמיטעט, אַ פאָלשטענדיגע ריינוואַשונג פון בראָדהורסט און זיינע קאָלעגען און אַן ענדליכע נידער־לאַגע פאַר די „פּעיר טרייד" דעלעגאַטען.

וואָרענישען און טענות געגען א געזעצליכען ארבייטס־טאָג. מען האָט אפילו ניט געפּרובירט דורכצופיהרען א ווירקליכע אפּשטי־מונג פון די מאסען. אין איינינע פעלע האָט מען די עקזעקוטיווע קאָמיטעטען ערלויבט צו נעמען אויף זיך די אחריות צו דערקלערן, אז אזוי און אזוי דענקען די מיטגליעדער פון זייערע פאראיינען און אויף דעם סמך האָט מען אריינגערעכענט אין דער אָפּשטי־מונג די שטימען פון דער גאנצער מיטגליעדערשאפט. אין אנ־דערע פאלען האָט מען די עקזעקוטיוועז אָהן טענות ערלויבט צו טוימען די פראגע אין זייערע ארגאניזאציעס איינגאנצען. די אונ־טערזוכונג האָט ניט ארויסגעבראכט קיין מיינונגס אויסדרוק אין דער טרייד יוניאָן וועלט, אויף וועלכען מען זאָל זיך קענען פארלאָזען.

צו דער וואקסענדער שטימונג פון דעם קאָנגרעס פאר דעם נעדאנק, אז די ענגלישע טרייד יוניאָניסטען זאָלען זיך באטייליגען אין אינטערנאציאָנאלע ארבייטער קאָנגרעסען, איז די סימפּאטיע פון די פיהרער געווען ניט גרעסער. אין 1883 און אין 1886 האָט דער פארלאמענט קאָמיטעט, אויף דער אויסדריקליכער פאָדערונג פון דעם קאָנגרעס, געשיקט דעלעגאטען צו אינטערנאציאָנאלע צוזאמענפאָהרען. אָבער הגם ער האָט געפאָלגט די אינסטרוקציעס, האָט דער קאָמיטעט אין זיין יעהרליכען באריכט קלאָר געמאכט, אז ער איז ווייט ניט פאר אינטערנאציאָנאלע ארויסטרעטונגען; „דער שטאנדפּונקט פון די מיטגליעדער פון דעם קאָמיטעט איז, אז די ענגלישע ארבייטער זיינען אזוי גוט אָרגאניזירט, שטעהען אויף אזוי פיעל וויטער פון די אויסלענדישע ארבייטער, אז מען קען ווייניג אויפטאָן איידער יענע וועלען זיך שטעלען מעהר אויף דער זעלבער הויך" מיט די בעלי־מלאכות פון ענגלאנד.[1] דער קאָנגרעס פון 1886 האָט פונדעסטוועגען באפוילען דעם פאר־לאמענטארישען קאָמיטעט צוזאמענצורופען אן אינטערנאציאָנאלע קאָנפערענץ דעם קומענדען יאָהר. אָנשטאָט דורכצופיהרן די אינ־סטרוקציע האָט דער קאָמיטעט אין מאי 1887 פארעפענטליכט א

---

[1] פון דעם באריכט צום קאָנגרעס פון 1884. דאָס איז אַנאַנדער ביישפּיעל פון פאַרוואָרפען די ברייטערע בליקען פון אפּפעלגאַרטה און אַדגער.

לאַנגען פּאַמפלעט דערקלערענדיג, אז אזוי ווי די אויסלענדישע ארבייטער זיינען ניט גענייגט אויסצוגעבען געלט פאר זייערע טרייד יוניאָנען און זיי האָבען ניט צוליעב דעם קיין פעסטע ארבייטער אָרגאַניזאציעס, האָבען ער באשלאָסען איבערצוגעבען די גאַנצע פראגע ווידעראמאָל צום קומענדען טרייד יוניאָן קאָנ־גרעס. ווען דער קאָנגרעס איז זיך צוזאמענגעפאָהרן אין סוואנסי, אין סעפּטעמבער 1887, האָט זיך קלאָר ארויסגעצייגט, אז דער פּארלאמענט קאָמיטעט איז בנוגע צו דער פראגע, ווי אויך בנוגע צו אַנדערע פראגען, געווען גאַנץ ווייט פון די שטימונגען פון די אָרגאַניזאציעס, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט. טראָץ דעם איינ־פלוס פון דער „פּאַדערשטער באַנק”, איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס פאר אן אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער קאָנגרעס, און דעם קאָמיטעט איז בלויז געלונגען צו באאיינפלוסען דעם קאָנג־רעס ער זאָל אָננעמען באגרענצונגען, לויט וועלכע מען זאָל קענען אויסשליסען די דעלעגאַטען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פארטיי. דער אינטערנאציאָנאַלער קאָנגרעס איז אָפּגע־האַלטען געוואָרן אין נאָוועמבער 1888 אין לאָנדאָן. ניט־אכטענ־דיג אויף אַלע פארזיכטס־מיטלען איז די מאַיאָריטעט פון די דע־לעגאַטען געווען סאָציאַליסטיש געזאָנען און צווישען די ענגלישע דעלעגאַטען זיינען געווען מאַדאַם בעזאַנט, דזשאַהן בוירנז, טאָם מאַנן און קיער האַרדיע. דער האַרטער און ניט־סימפּאַטיזירענ־דער פארהאַלטען זיך פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט האָט געפיהרט צו היציגע און צייטענווייז צו ניט־אנשטענדיגע סכסוכים, און מיט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט זיך דער קאָמיטעט לחלוטין ניט גערעכענט.

דער ריינער רעזולטאַט פון די אַלע האַנדלונגען איז געווען דאָס דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט פארלאָרען די גייסטיגע פיה־רערשאַפט פון דער טרייד יוניאָן וועלט. ער איז דורכגעפאַלען אין זיין געגענערשאַפט צו די נייע אידעען און ער האָט זיי אויך ניט געקאָנט פיהרן אויף פּראַקטישע דרכים. דער אָפיציעלער טרייד יוניאָן פּראָגראַם איז דורך דעם משך פון 1885 ביז 1889 כסדר געוואָרן אַלץ מעהר פארבלאָז, שטאַרק להיפּוך צו דעם שנעלען גאַנג פון דעם פּאָליטישען לעבען אין לאַנד, וואָס האָט יאָהר נאָך

יאָהר געשטויסען די ליבעראַלע פּאַרטיי פאַראויס, ביז זי האָט, אין 1891, אָנגענומען דעם אַזוי־גערופענעם „פּראָגראַם פון ניו־קעסל". דער פּראָגראַם האָט אויסגעדריקט די נאַציאָנאַלע זייט פון דער האַלב־קאָלעקטיוויסטישער טאַקטיק, וואָס האָט אונטער דעם נאָמען „פּראָגרעסיוויזם" פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם ליבעראַליזם אין דעם לאָנדאָנער באַצירק־ראַט. אַלץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט געטאָן, איז געווען צו פאַרלאָזען, איינעם נאָך דעם אַנדערן, די פאָרשלאָגען פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער בירגערליכער און געריכטליכער אַדמיניסטראַציע, וואָס זיינען געווען אַזוי טייער דער „פּאָדערשטער באַנק", ניט־טוענדיג קיין זאַך אָנשטאָט זיי דורכצופיהרן די מעהר ממשות־דיגע באַשלוסען, וואָס דער קאָנגרעס פלעגט דורך די יאָהרען אָנ־נעהמען. פון דער לאַנד פראַגע, בנוגע צו וועלכער מען האָט פריי־הער שטאַרק פאַרטיידיגט די פאָדערונג צו שאַפען קליינע לאַנד־באַזיצער, איז צוערשט בלויז געבליבען אַן אומבאַשטימטע פאָדערונג צו רעפאָרמירען די לאַנד־געזעצען, וואָס האָט גאָר ניט געמיינט, און זי איז אַמענדע אינגאַנצען פאַרשוואונדען, ווען דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליזירונג. דאָס אויפהאַלטען פון דעם ניין־שטונדען טאָג און אַ ווייטערע פאַרקירצערונג פון די אַרבייטס־שטונדען דורך פרייוויליגע אויסגלייכונגען (אַן אָפּטער פּונקט אין די אָפיציעלע טאַגעס־אָרדנונגען פון 1875 ביז 1879) איז צוביסלאַכוויין, זינט די נייע פאָדערונג פון געזעצליכער רעגולירונג איז שטאַרקער געוואָרען, אינגאַנצען אָפּגעפאַלען. בקיצור, דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט איז געווען געצוואונגען אַרויסצו־נעמען פון זיין פּראָגראַם יענע פּונקטען, וואָס זיינען געווען געגען די נייע אידעען פון דעם קאָנגרעס, בשעת ער האָט אָהן־ווערטער זיך צוריקגעהאַלטען פון אַריינשטעלען אין איהם די נייע באַ־שלוסען, מיט וועלכע זיינע מיטגליעדער האָבען פּערזענליך ניט איינגעשטימט.

עס וואָלט אָבער פונדעסטוועגען געווען אַן אומרעכט צו דענ־קען, אַז דורך די יאָהרען האָט דער אָפיציעלער טרייד יוניאָניזם לחלוטין גאָר ניט אויפגעטאָן. דעם הער סי. דזשיי. דרוממאָנד [1], דעם

[1] דרוממאָנד האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר אין

דאַמאָלסדיגען סעקרעטאַר פון דער „לאָנדאָנער געזעלשאַפט פון זעצער״ און א פריינד פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט, קומט אנערקענונג דערפאַר, וואס ער האָט דער ערשטער עפּעס געטאָן, דורך דער רעגירונג, פאַר דער דורכפיהרונג פון א באַשטימטען לוין־מינימום. ביי דער איבעראַרבייטונג פון דעם קאָנטראַקט פאַר דרוק־אַרבייט פאַר דער רעגירונג אין 1884 האָט דרוממאָנד אויסגעווירקט, אַז דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט זאָל העלפען אין דעם פאַרזוך צו פועל'ן ביי דעם שרייב־מאַטעריאַל אַמט (סטיישאָנערי אָפיס) אָנצונעמען די טרייד יוניאָן לוין־ראַטען פון די לאָנדאָנער זעצער אַלס א באַזיס פאַר דעם נייעם קאָנטראַקט. דער פאַרזוך האָט זיך, בכלל, איינגעגעבען, אָבער דער נייער קאָנטראַקט איז פונדעסטוועגען אָפּגעגעבען געוואָרען צו א „געשלאָסענער״ דורק־הויז, אין וועלכער קיין מיטגליעד פון דער יוניאָן האָט ניט געקענט אַרבייטען. די זעצער האָבען דעם ענין ניט געלאָזען צורוה. ווען דער פאַרזיצענדער פון דער קאָמיסיע איבער לאָקאַלער רעגירונג (דזשאָזעף טשעמבערלעין) האָט אין יאַנואַר 1886 אַרויסגעגעבען א צירקולאַר וועגען דער ווירקונג פון עקאָנאָמישער געדריקטקייט, האָט דרוממאָנד געענטפערט מיט אַן אויסדריקליכע פאָדערונג, אַז די רעגירונג זאָל אַנערקענען א באַשטימטען לוין־מינימום אין איהרע אייגענע אונטערנעמונגען. דער געדאַנק וועגען דעם האָט זיך זעהר שנעל פאַרשפּרייט. פון אומעטום איז געקומען די פאָדערונג, אַז די מלוכה באַאַמטע זאָלען צייגען א גוטען ביישפּיעל אַלע אַרבייטס־געבער און זאָלען אַלע צאָהלען די טרייד־יוניאָן לוין־ראַטען און זאָלען באַשטעהן אויף דעם, אַז זייערע קאָנטראַקטאָרען זאָלען טאָן דאָס זעלבע. קאַנדידאַטען צום פּאַרלאַמענט ביי די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1886 זיינען דורך דער אויפפאָדערונג פון דער לאָנדאָנער זעצער־געזעלשאַפט אין א צירקולאַר, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט אין יוני דעם זעלבען יאָהר, צום ערשטען מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרען אין מיטען ריידען אויף פאַרזאַמלונגען מיט דער פראַגע, אויב זיי וועלען פאַרשפּרעכען צו פאָדערן אין פּאַרלאַמענט „יושר'דיגע שכירות״ פאַר אַרבייטער, און צו־

1892 און איז דעם פאָלגענדען יאָהר באַשטימט געוואָרען אַלס באַאַמטער פון דעם אַרבייט דעפּאַרטמענט פון דעם האַנדעלס מיניסטעריום (באָארד אָוו טרייד), פון וואַנען ער האָט זיך צוריקגעצויגען אין 1918.

בילאכוויז האבען די וואהל־אגענטען אנגעפאנגען צו פארשטעהן, אז עס קען זיי שאדען דאס, וואס זייער וואהל־ליטעראטור וועט טראגען אויף זיך די נעמען פון „מיאוס'ע דרוק־הייזער" („ראט־האוזעס". אין אמעריקא: „סקעב הייזער"). אין אקטאבער, 1886, האבען די לאנדאנער זעצער ביטער פראטעסטירט געגען דעם, וואס די פאלקס שולען קאמיסיע (סקוהל באארד) פון לאנדאן האט אפגעגעבען איהר קאנטראקט פאר דרוק־ארבייט צו „ניט קיין יושר'דיגע" דרוק־הויז, און האט געפועל'ט ביי דעם לאנדאנער טריידס־קאונסיל (ראט פון ארבייטער פאראיינען) צו שיקען — הגם, אומזיסט — א דעפוטאציע צו פראטעסטירען געגען דעם. ווען עס זיינען אין נאוועמבער 1888, פארגעקומען די וואהלען צו דער לאנדאנער פאלקס־שולען קאמיסיע איז א. ג. קוק, א מיטגליעד פון דער לאנדאנער זעצער־געזעלשאפט, ערוועהלט געווארען צו דער קאמיסיע פון פינסבורי (וואהל קרייז) בפירוש אלס פארטיידיגער פון טרייד־יוניאן לוין־ראטען; צוויי פלעצער אין דער קאמיסיע האבען אויך געוואונען צוויי מיטגליעדער פון דער פאביאנער געזעלשאפט, מאדאם אנניע בעזאנט און דער גייסטליכער סטוארט העדלאם, אלס סאציאליסטען. דורך זייער רעדנער־קראפט און געשיקטער טאקטיק האבען די מיטגליעדער אויסגעפיהרט, אז די קאמיסיע זאל אין די ערשטע מאנאטען פון 1889 דערקלעהרן, אז זי וועט אויף ווייטער באשטעהן אלע איהרע קאנטראקטארן זאלען צאהלען „יושר'דיגע שכירות"[1]. אט די התחלה אין א נייער האלטונג פון די וויכטיגסטע עפענטליכע קערפערשאפטען אין דער הויפטשטאדט האט פיעל געווירקט צו ברייננגען צו א פאר־

[1] אוניגע איזאלירטע פראטעסטען געגען דער באשעפטיגונג פון ניט־יוניאן ארבייטער זיינען פארגעקומען פריהער. די פראטאקאלען פון דעם „טריידס קאונסיל" פון בירמינגהאם צייגען, אז דעם דריטען יולי, 1880, האט דער ראט, אויף דער אויפפאדערונג פון א דעלעגאט פון די מאלער, אנגענומען א רעזאלוציע צו פראטעסטירן געגען דעם, וואס אן ארטיגער שפיטאל האט באשעפטיגט „ניט־יוניאן און ניט קאמפעטענטע ארבייטער". דעם זעלבען מאנאט האט אויך מיט דערפאלג פראטעסטירט דער טריידס קאונסיל פון וואלווערהאמפטאן געגען דער באשעפטיגונג פון ניט־יוניאן דרוקער אין דער געפלאנטער ליבעראלער צייטונג.

שטענדעניש צווישען די אָפיציעלע טרייד יוניאָניסטען און דער נייער באַוועגונג. עס איז נויטיג אויף דעם פּלאַץ צו באַשרייבען ווי אַזוי דער פּרינציפּ פון „יושר'דיגע שכירות" האָט זיך זינט יענער צייט אַנטוויקעלט. ביז 1894 האָבען הונדערט און פופציג לאָקאַלע רעגיערונגס־אַנשטאַלטען אָנגענומען פאַרשיידענע רעזאָלוציעס וועגען „יושר'דיגען לוין". אין 1890, און נאָך מעהר בפרט אין 1893, האָבען רעגיערונגען איינע נאָך דער אַנדערער געפונען פאַר נויטיג אָפּצוזאָגען זיך פון דעם אַלטען פּרינציפּ פון קויפען דאָרט, וואו עס קאָסט אַמביליגסטען אין דעם נאָמען פון דעם ווייט פאַרשפּרייט געוואָרענעם געפיהל, אַז עפענטליכע אַמטען, אַלס גרויסע באַשעפטיגער פון אַרבייטער דאַרפען, אָנשטאָט צו איגנאָרירען די לאַגע פון זייערע אָנגעשטעלטע, ברויכען זייער איינפלוס פאַר דער אויפהאַלטונג פון די באַשטימטע לוין־ראַטען און די באַשטימטע אַרבייטס־שטונדען, וואָס זיינען אַנערקענט געוואָרען אין דער פּראַקטיק און וואָס די פאַראינטערעסירטע יוניאָנס האָבען אויסגעקעמפּט.

הגם דער „אויבענאָן" בכלל האָט דורך די יאָהרען אָנגעהאַלטען זיין טאַקטיק פון פאַראַכטונג צו די באַשלוסען פון דעם קאָנגרעס און פון טאָן וואָס ווייניגער אום דורכצופיהרען זיי, זיינען דאָך געווען, ווי מיר האָבען געזעהן, אייניגע סמנים פון דער ווירקונג אויף איהם פון די נייע אידעען. אונטער די אומשטענדען איז עס געווען אַן ערנסטער אומגליק, וואָס די אומפאַרמיידליכע קריטיק פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ מיאוס'ער אַטאַקע אויף דעם פּערזענליכען כאַראַקטער און דער אויפפיהרונג פון זיינע פיהרער.[1] די געוויסענהאַפטע אָנהענגערשאַפט פון די מעהרסטע מיטגליעדער פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי האָט מען דורך די יאָהרען 1887-89

[1] דער הויפּט־אָרגאַן פאַר די אַטאַקעס איז געווען די ביליגע וואָכענשריפט „לייבאָר עלעקטאָר", וואָס איז פון סעפּטעמבער, 1888, ביז אַפּריל, 1890, אַרויסגעגעבען געוואָרען פון ה. ה. טשעמפּיאָן, אַ געוועזענער אָפיצער פון דער קעניגליכער אַרטילעריע (ראָיאַל אַרטיללערי), וועלכער איז, ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, גע'משפט געוואָרען אויף דער באַשולדיגונג פון אויפשטאַנד צוזאַמען מיט היינדמאַן, בוירנז און

באנוצט אַלס אַ געלעגענהייט צו מאַכען געגען זיי גוזמא'דיגע באַשולדיגונגען אין פּערזענליכע אומעהרליכקייט. דער איינפלוס פון די גענעראַל סעקרעטאַרען פון די גרויסע יוני־אָנען, — מענשען, וועלכע האָבען זייער גאַנצען לעבען פלייסיג געדיענט די אָרגאַניזאציעס, וואָס זיי האָבען רעפּרעזענטירט, — איז געוואָרען אונטערגראָבען, זייער פּערזענליכען כאַראַקטער האָט מען אַטאַקירט און זיי אַליין האָט מען פאַרדאַמט פאַרשפּרייטענדיג איבער דעם גאַנצען לאַנד הינטעראַרומיגע באַשולדיגונגען אין פאַרראַט צו די אַרבייטער קלאַסען. דיעזע באַשולדיגונגען זיינען צו גערן אויפגענומען און איבערגע'חזר'ט געוואָרען פון יענע יונגע און אומגעדולדיגע ניי־באַקעהרטע צו דער נייער באַוועגונג, וועלכע האָבען גאָר ניט געוואוסט וועגען דער לעבענס־געשיכטע און דער אַרבייט פון די מענשען, וועמען זיי האָבען אַטאַקירט. אין דעם יאָהר 1889 האָבען די רייבערייען דערגרייכט זייער העכסטען פּונקט. דורך דעם זומער זיינען די אָנפאַלען אויף דעם פּערזענליכען כאַראַקטער פון דער „פאָדערשטער באַנק" געוואָרען צוויי מאָל אַזוי שטאַרק ווי פריהער. ווען עס איז געקומען נאָהענט דער טאָג פון דעם צוזאַמענפאָהר פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס, איז געוואָרען באַוואוסט, אַז די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען קלייבען זיך צו מאַכען אַן ענטשלאָסענעם פאַרזוך אַרויסצושטופען דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט פון אמט. דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט אין דונדי און האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפען אין אַ כעס'יגען צוזאַמענשטויס, אין וועלכען די סאָציאַליסטען האָבען לחלוטין געהאַט אַ מפּלה. די געוועהנליכע אַנטיילנעמער אין דעם קאָנגרעס זיינען, ווי מיר האָבען געזעהען, צוביסלאַכווייז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט פיעלע פון די נייע אידעען און זיי זיינען ניט גאָר געווען צופריעדען מיט דעם, ווי אַזוי זייערע רעזאָלוציעס פלעגען איגנאָרירט ווערן פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט. אָבער אינגאַנצען די אומצופריעדענהייט אָדער די קריטיק זיינען אָוועקגעשווינקט געוואָרען דורך דעם כעס, וואָס דער

ווילליאַמז און וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען איינער פון די פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און איז פון איהר אויסגעשלאָסען געוואָרען איבער מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען וועגען טאַקטישע פראַגען. ער האָט שפּעטער עמיגרירט קיין מעלבורן, אויסטראַליען, וואו ער וואוינט נאָך יעצט (1920).

באַראַקטער פון דער אַטאַקע האָט אַרויסגערופן. אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען זיינען געקומען אויסדריקליך אינסטרואירט צו שטיצן בראָאַדהורסט און זיינע קאָלעגען, און ווען עס איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג האָבען בלויז עלף פון אַ פאַרזאַמלונג פון 188 דעלעגאַטען זיך געפונען צו שטימען נעגען איהם. די באַוועל־אַרבייטער, וועלכע פלעגען אין אַלע צייטען שטיצן פאַבריק־געזעצגעבונג, די מינען־אַרבייטער, וועלכע האָבען געפאָדערט אַן אַכט־שטונדען געזעץ, די לאָנדאָנער דעלעגאַטען, וועלכע זיינען געקומען פון דעם צענטער פון דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, — זיי אַלע האָבען זיך פאַראייניגט צו פאַרטיידיגען דעם פאַרלאַמענט קאָמיטעט. די קליינע גרופּע אָנפאַלער זיינען דורך און דורך דיסקרעדיטירט געוואָרן און דער נצחון פון דער „אַלטער כנופיה" איז געווען פאָלשטענדיג.

דער זיעג פון דעם פאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט האָט אַרויסגערופען גרויס צופריעדענהייט ביי אַלעמען, וועלכע האָבען זיך דערשראָקען איבער דעם פראָגרעס פון די נייע אידעען. פאַר אַ ווייַלע האָט עס אויסגעזעהן ווי די אָרגאַניזירטע טרייד־יוניאָנען פון די קוואַליפיצירטע אַרבייטער וואָלטען זיך אינגאַנצען אָפּגעזונדערט פון דער נייער אַרבייטער באַוועגונג, וואָס איז געוואָקסען אַרום זיי. אַזאַ אָפּשפּאַלטונג וואָלט, לויט אונזער מיינונג, געווען כמעט אַן אומפאַרריכטבאַרער אומגליק. דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס האָט רעפּרעזענטירט וועניגער פון צעהן פּראָצענט פון די לוין־אַרבייטער אין לאַנד. פיעלע פון די אַלטע געזעלשאַפטען זיינען שוין באַשטאַנען ניט מעהר ווי פון אַן אומבאַדייטענדער מינאָריטעט פון דעם העכערען קלאַס אַרבייטער, וועלכע האָבען דער עיקר אין זינען געהאַט צו באַקומען זייערע קראַנקהייט און עלטער אונטערשטיצונגען. אינגאַנצען אויסצושליסען ברייטערע אידעאַלען וואָלט געמיינט, אַז דער גאַנצער טרייד יוניאָניזם זאָל רעדוצירט ווערן צו ניט מעהר, ווי אַן עטוואָס פאַרגליווערטע אָפּטיילונג פון דער אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען באַוועגונג. די דאָזיגע סכנה איז אויסגעמיעדען געוואָרן דורך אַ רייהע דראַמאַטישע פּאַסירונגען, וואָס האָבען די נייע באַוועגונג ווייטער אריינגעבראַכט צווישען די טרייד יוניאָנס. אין דער צייט ווען העגרי בראָאַדהורסט האָט

אָפּגעהאַלטען זיין זיעג איבער זיינע שונאים אין דונדי, האָבען די לאָנדאָנער האַפען־אַרבייטער געמאַרשירט צו יענעם גלענצענדען נצחון איבער זייערע אַרבייטס־געבער, וואָס האָט געענדערט די גאַנצע צורה פון דער טרייד יוניאָן וועלט.

דער גרויסער האַפען־אַרבייטער שטרייק פון 1889 איז געווען די פאַרענדיגונג פון אַ פּאַרזוך צו אָרגאַניזירען די פּשוט'ע אַרבייטער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין לאָנדאָן צוויי אָדער דריי יאָהר פריהער. די אביונות, פון וועלכער די אומבאַשעפטיגטע אַרבייטער האָבען זיך אָנגעליטען דורך די יאָהרען פון געדריקטקייט אין האַנדעל, און דער נייער גייסט פון האָפנונג, וואָס די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַריינגעבראַכט, האָבען געפיהרט צו דעם, אַז עס זאָלען געמאַכט ווערן אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירן ווי עס איז די זעהר גרויסע מחנות אומגעלערענטע אַרבייטער פון דער הויפּט־שטאָדט. לכתחילה האָט די באַוועגונג זעהר ווייניג פּראָגרעסירט. אָבער אין יולי 1888 האָט די שלעכטע באַהאַנדלונג, פון וועלכער עס האָבען געליטען די פרויען, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי מאַכען שוועבעלאַך, אַרויסגערופען דעם ברענענדען צאָרן פון מאַדאַם בעזאַנט, וועלכע האָט רעדאַקטירט די קליינע וועכענטליכע צייטונג „טהי לינק”, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אַלס רעזולטאַט פון דעם קאַמף פאַר דעם טראַפאַלגאַר סקווער (צו אָפּהאַלטען דאָרט אָפענע פאַרזאַמלונגען). אַ פייערדיגער לייט־אַרטיקעל האָט געהאַט דעם אומערוואַרטעטען רעזולטאַט אַרויסצורופען אַן אויפשטאַנד צווישען די מיידלאַך שוועבעלאַך־אַרבייטערינען, און 672 פון זיי זיינען אַרויס אין שטרייק. אָהן פאָנדען, אָהן אַן אָרגאַניזאַציע — האָט דער קאַמף געשיינט צו זיין אַ האָפנונגסלאָזער. אָבער די אונערמיעדליכע ענערגיע פון מאַדאַם בעזאַנט און הערבערט בוירראָוז האָט אויפגעוועקט די געזעלשאַפטליכע מיינונג אַזוי, ווי מען האָט עס קיינמאָל פריהער ניט געזעהן. הונדערטע מיטפיהלענדע פון צווישען אַלע קלאַסען האָבען בייגעשטייערט פיער הונדערט פונט שטערלינג, און נאָך אַ פּאָר וואָכען עקשנות זיינען די באַלי־באַטים געווען געצוואונגען, בלויז דורך דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג, צו מאַכען איינינגע הנחות צו זייערע אַרבייטערינען.

דער זיעג פון די שוועבעלאַך־אַרבייטערינען האָט אומגעקעהרט

אַ נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון די טרייד יוניאָנען. ביז דאַמאָלט פלעגט דער ערפאָלג פון די אַרבייטער זיין פּראָפּאָרציאָנעל כמעט פונקט אַזוי גרויס, ווי עס איז געווען זייער מאַכט. עס איז געווען אַ נייע ערפאַהרונג, אַז אַרבייטער זאָלען האָבען ערפאָלג צוליעב זייער שוואַכקייט גופא דורך דעם אַריינמישען זיך פון דעם פּובליקום. די לעהרע איז ניט געווען אומזיסט אויך פאַר אַנדערע קלאַסען אַרבייטער. די לאָנדאָנער גאַז־אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון בוירנז, מאַנן און טיללעט מיט דער הילף פון וויליאַם טהאָרן, אַליין אַ גאַז־אַרבייטער און אַ העכסט עהרליכער און פעהי־גער מענש. די גאַז־אַרבייטער און „די אַלגעמיינע יוניאָן פון פּשוט'ע אַרבייטער" („דזשענעראַל לייבאָרער'ס יוניאָן"), געגרינדעט אין מאַי 1889, האָבען אין גיכען אַריינגענומען פיעלע טויזענדע מיטגליעדער, וועלכע האָבען אין אָנפאַנג אויגוסט אַלע אין דער זעלבער צייט אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו פאַרקירצען זייער אַרבייטס־טאָג פון צוועלף אויף אַכט שטונדען. נאָך אַ משך פון שווערער אומבאַשטימטקייט, דורך וועלכען די דירעקטאָרען פון די דריי גרויסע לאָנדאָנער גאַז־געזעלשאַפטען האָבען געמאָסטען זייערע כחות, האָט זיך די לאַגע געענדיגט פריעדליך און צו דער גרויסער איבעררֿאַשונג פון די אַרבייטער, ווי אויך פון דעם פּוב־ליקום, איז דער אַכט־שטונדען טאָג נאָכגעגעבען געוואָרן אָהן אַ קאַמף צוזאַמען אַפילו מיט אַ קליינער העכערונג פון די וועכענט־ליכע שכירות פון די אַרבייטער.[1]

דער ערפאָלג פון אַזעלכע ניט אָרגאַניזירטע און פּשוט'ע

[1] די אַרבייטער פון צוויי גאַז־געזעלשאַפטען אין לאָנדאָן, און די מערהסטע גאַז־אַרבייטער פון די פּראָווינציעלע שטעדט זיינען געבליבען ביי דער גליקליכער הנחה זייערער. אָבער אין דעצעמבער, 1889, האָט די „סאַוטה מעטראָפּאָליטען געז קאָמפּאַניע", נאָך אַן ערנסטען שטרייק, אויסגעפיהרט, אַז די אַרבייטער זאָלען ווידער אָנפאַנגען אַרבייטען צוועלף שטונדען. די געזעלשאַפט האָט זיך באַנוצט מיט אַ פּלאַן פון „פּראָפי־טען־טיילונג" צו צוברעכען די יוניאָן פון איהרע אַרבייטער און מאַ־כען, אַז זיי זאָלען אָננעמען אינדיווידועלע קאָנטראַקטען אָפּזאָגענדיג זיך פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען. דער דאָזיגער ביישפּיעל, וואָס איז געווען ניט דער איינציגער, האָט פאַרשטאַרקט די געגנערשאַפט פון די טרייד יוניאָנען צו די פּלענער פון „פּראָפיטען־טיילונג" אָדער „**שותפות**" פון די אַרבייטער אין די אונטערנעמונגען.

ארבייטער, ווי פון די שוועבעלאָך־ארבייטערינען און די גאַז־ארביי־טער, האָט געפיהרט צו נייע אָנשטרענגונגען ארייננצוברענגען די גרויסע ארמיי פון די האפען־ארבייטער אין די רייהען פון דעם טרייד־יוניאָניזם. פאר א משך פון צוויי יאָהר פריהער פלעגען די סאָציאַ־ליסטען אין די פריהמאָרגענס פאַהרען צו די טויערען פון די האפענס צו פרעדיגען רעוואָלוציע צום המון פון צופעליגע ארבייטער, וואָס פלעגען קומען זוכען ארבייט. אין דער זעלבער צייט האָט בען־דזשאַמין טיללעט, וועלכער האָט דאמאלס געארבייט אַלס פשוט'ער ארבייטער אין א לאַגער־הויז פון טיי, אוועקגעלייגט זיינע כחות אויף דער לפנים האָפנונגסלאָזער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן א יוניאָן פון טיי־ארבייטער און אַלגעמיינע פשוט'ע ארבייטער. די מיטגליע־דערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען ניט קיין שטענדיגע, אַמאָל איז זי באַשטאַנען פון 300 און אַמאָל פון 2500 ארבייטער; קיין פאָנדען האָט זי פאַקטיש ניט געהאַט און איהר עקזיסטענץ גופא האָט געשיינט צו זיין ניט זיכער. פּלוצלונג האָט די אָרגאַ־ניזאַציע באַקומען א נייעם שטויס פאָראויס. דעם 12טען אויגוסט, 1889, האָט צוליעב אַן אומבאַדייטענדען סכסוך איבער דעם וויפיעל עס באַטרעפט דער „פּלוס" (דער עקסטרא לוין, וואָס די ארבייטער ביים לאָדען פלעגען באַקומען חוץ זייערע שכירות פון פינף פעניס פער שטונדע) פאר אָנלאָדען א געוויסע שיף, אויסגעבראָכען א שטרייק פון די ארבייטער ביי דעם סאַוטה־וועסט אינדיא האפען. די ארבייטער האָבען געפאָדערט זעקס פעניס פער שטונדע, די אָפּשאַפונג פון „סאַב־קאָנטראַקטינג" (דאָס אויסטיילען די ארבייט צו געוויסע ארבייטער פער קאָנטראַקט, יענע זאָלען פון זיך דינגען אַנדערע ארבייטער) און פון שטיק־ארבייט, העכערע שכירות פאר ארבייט איבער די באַשטימטע שטונדען און אַז קיינער קען ניט באַשעפטיגט ווערען ווייניגער פון פיער שטונדען. טיללעט האָט איינגעלאַדען טאָם מאַנן און דזשאָהן בורנס, זיי זאָלען איהם העלפען פיהרען דעם שטרייק, און האָט זיך געווענדעט צו אַלע האפען־ארבייטער, אַז זיי זאָלען אויפנעמען דעם קאַמף. דער שטרייק האָט זיך שנעל פארשפּרייט צו אַלע האפענס, וואָס ליעגען צום צפון פון דער טהיימז. אין דריי טעג צייט האָבען דריי טויזענד ארבייטער מיט אַמאָל פאַרלאָזען זייער ניט־זיכערע און שלעכט־

באַצאָהלטע אַרבייט, פאַר וועלכער זיי פלעגען פריהער אַלע פריהמאָרגען קעמפּען ביי די טויערען פון די האַפּענס. די צוויי מעכטיגע יוניאָנען פון די סטעוועדאָרן (די בעסער באַצאָהלטע, איינגעאיבטע אַרבייטער, וואָס לאָדען שיפען פאַר עקספּאָרט) האָבען פאַרבונדען זייער גורל מיט די האַפען־אַרבייטער, און אין דעם משך פון דער ווייטערדיגער וואָך זיינען פאַקטיש אַלע אַרבייטער ביים טייך צוגעשטאַנען צום שטרייק. דורך דעם מאַגנעטישען איינפלוס פון דזשאָהן בורנז, וועלכער איז פּלוצלונג געוואָרן באַריהמט אויף ביידע זייטען פון דעם ערד־קוגעל אַלס אַן אַרבייטער פיהרער, איז פאַר פיער וואָכען צייט אינגאַנצען פאַראַליזירט געוואָרן דער פאַרקעהר אין דעם גרעסטען פּאָרט אין דער וועלט. ווי אַן עלעקטרישער פונק האָט דער רחמנות אויף די אומגליקליכע האַפען־אַרבייטער אָנגעצונדען מיט באַגייסטערונג אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. די פאַרדאַמונג פון דער עפענטליכער מיינונג האָט געשטערט די האַפען־געזעלשאַפטען צו באַקומען פאַר זייער פּשוט'ער אַרבייט גענוג שטרייק־ברעכער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די שטרייקער. דאָס פּובליקום האָט ביינעשטייערט 48.736 פונט שטערלינג, און דאָס האָט דזשאָהן בורנז'ן געגעבען אַ מעגליכקייט צו אָרגאַניזירן אַ פעסטען סיסטעם פון שטרייק־אויסצאָהלונגען, וואָס האָט ניט נאָר אויסגעהאַלטען דעם עהרליכען האַפען־אַרבייטער, נאָר האָט אויך איינגעקויפט יעדען לעדיג־געהער פון דער איסט־ענד, ער זאָל ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די שטרייקער. אַמענדע האָט דער קאָנצענטרירטער דרוק פון רעדאַקטאָרען, גייסטליכע, אַקציאָנערען (פון די האַפען־געזעלשאַפטען), שיף־אייגענטימער און סוחרים געגעבען אַ מעגליכקייט דעם קאַרדינאַל מאַננינג און סידני (שפּעטער לאָרד) בוקסטאָן, די זעלבסט־באַשטימטע פּשרה־מאַכער, צו צווינגען די דירעקטאָרען פון די האַפענס נאָכצוגעבען פאַקטיש אַלע פאָדערונגען פון די אַרבייטער מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלען האָבען זעקס וואָכען צייט אויסצואַרבייטען די איינשטעלונג פון די נייע אַרבייטס־באַדינגונגען. ווי אין דעם פאַל פון די שוועבעלאַך־אַרבייטערינע אין דעם פאָריגען יאָהר איז די מערקווירדיגסטע זאַך ביי דעם שטרייק פון די האַפען־אַרבייטער געווען דאָס, וואָס במעט אַלע האָבען סימפּאַטיזירט מיט די פאָדע־

רונגען פון די ארבייטער. א פּראַקטישען אויסדרוק פון דער סימפּאַטיע האָבען געגעבען די ארבייטער פון אויסטראַליע. די אויסטראַלישע צייטונגען האָבען אָפּגעדרוקט טעלעגראַפישע באַריכטען וועגען דעם צוזאַמענשטויס, מיט באַשרייבונגען פון די עולות, וואָס מען פלעגט באַגעהן געגען די האַפען־ארבייטער, און דאָס האָט געבראַכט א רעזולטאַט, וואָס מען האָט ניט דערוואַרטעט און וואָס האָט צו זיך ניט געהאַט קיין גלייכען. מען האָט אָנגעפאַנגען צו זאַמלען פון דעם פּובליקום אין אויסטראַליעביישטייערונגען צו העלפען די האַפען־ארבייטער אין לאָנדאָן, און געלד האָט אריינגעשטרוימט פון אַלע זייטען. איבער דרייסיג טויזענד פונט שטערלינג זיינען איבערגעשיקט געוואָרען קיין לאָנדאָן טעלעגראַפיש — די ביישטייערונג האָט צו זיך לחלוטין ניט געהאַט קיין גלייכען און די שטיצע האָט פיעל געהאָלפען צו ברייננגען דעם ענדליכען זיעג פאַר די שטרייקער.[1]

דער באַלדיגער רעזולטאַט פון דעם ערפאָלג פון די האַפען־ארבייטער איז געווען די אָרגאַניזירונג פון א גרויסער צאָהל פון טרייד־יוניאָנען צווישען די אומגעלערענטע ארבייטער. אין אַלע גרעסערע האַפען־שטעדט זיינען עטאַבלירט געוואָרען לאָקאַלען פון דער „דאָק, וואַרף ענד ריווערסייד לייבאָרערס יוניאָן" (די יוניאָן פון איינפּאַכע ארבייטער פון די בוי־האַפענס, לאָדונגס־האַפענס און טייכען), אין וועלכער טיללעט'ס קליינער פאַראיין האָט זיך יעצט פאַרוואַנדעלט. א געגנערישער פאַראיין פון האַפען־ארבייטער עטאַבלירט אין ליווערפּול, האָט אריינגענומען טויזענדע מיטגליעדער אין גלאַזגאָו און בעלפאַסט. די אומגעלערענטע ארבייטער אין ניוקעסל זיינען אריינגעטראָטען אין דער „טיינסייד נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן", וואָס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אין אַלע שכנ'ישע

[1] דער שטרייק האָט געהאַט דעם מזל צו ווערן באַשריבען פון מענשען, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע פאַזען פון דעם קאַמף. „די געשיכטע פון דעם שטרייק פון די האַפען־ארבייטער" פון הובערט לעוועלין סמיטה און וו. נאַש (1890, 190 זייטען), גיט ניט נאָר א דעטאַלע כראָניק פון די העכסט דראַמאַטישע געשעהענישען, נאָר אויך א ניצליכע באַשרייבונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די לאָנדאָנ'ער האַפענס.

שטעדט. די יוניאָן פון די גאַז־אַרבייטער האָט אַריינגענומען צעהנדליגע טויזענדע אַלערליי אַרבייטער אין די פּראָווינציעלע שטעדט. די לאַנד־אַרבייטער האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירן. די מיטגליעדערשאַפט פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אַגריקולטורעלע אַרבייטער", וואָס איז שוין געווען אַרונטערגעזונקען ביז עטליכע טויזענד צוואָרפענע לאַנד־אַרבייטער, איז אין 1890 פּלוצלונג אויסגעוואַקסען צו איבער פערצעהן טויזענד. עס זיינען אויפגעשפּרונגען נייע פאַראיינען, וואָס האָבען אַרומגענומען אַלגעמיינע און אויך לאַנד־אַרבייטער, ווי „די אַרבייטער פעדעראַציע פון די מזרח פּראָווינצען", וואָס האָט אין 1892 געהאַט זיעבעצעהן טויזענד מיטגליעדער, און די קלענערע געזעלשאַפטען, וועמעס צענטרען זיינען געווען די געגענדען פון נאָרוויטש, דעווייזעס, רעדינג, היטשין, איפּסוויטש, קינגסלאַנד און הירפאָרדשייד.[1] די „אַלגעמיינע אייזענבאַהן אַרבייטער'ס יוניאָן" וואָס איז לכתחילה, אין 1889, געגרינדעט געוואָרן אין געגנערשאַפט צו דער „אַמאַלגאַמירטער געזעלשאַפט פון אייזענבאַהן באַדיענטע", האָט אַריינגענומען אַ גרויסע צאָהל אומגעלערענטע אַרבייטער. די „נאַציאָנאַלע אַמאַלגאַמירטע יוניאָן פון מאַטראָסען און קויהלען־שאַרער",[2]

---

[1] די באַוועגונג איז פיעל געהאָלפען געוואָרן פון דער „רויטער וואָגען" אַגיטאַציע פון דער „ענגליש לענד רעסטאָריישאָן ליעג", — 1894־1891 — וואָס האָט פאַרבונדען די פּראָפּאַגאַנדאַ צו נאַציאָנאַליזירן דאָס לאַנד מיט דער אָרגאַניזירונג פון לאָקאַלע יוניאָנען פון די לאַנד־אַרבייטער אין די דרום און אין די מיטעללאַנדישע פּראָווינצען פון ענגלאַנד. דורך דעם אַגריקולטורעלען קריזיס פון 1894, ווען מען האָט ווייטער אַנטזאַגט אַרבייטער און פאַרקלענערט שכירות, זיינען כמעט די אַלע נייע יוניאָנען אַרונטערגעזונקען ביז צו דער לעצטער שטופע אָדער האָבען אינגאַנצען אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

[2] צווישען די אַרבייטער אויף שיפען האָבען אין פאַרשיידענע פּעריאָדען דורך די לעצטע הונדערט יאָהר, ספּעציעל צווישען 1810 און 1825, עקזיסטירט קצור־ימים'דיגע און טומעלדיגע פאַראיינען אין די צפון־מזרח שטעדט פון דעם ים־ברעג, וואו עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן פיעלע אונטערשטיצונגס קלובען צווישען די מאַטראָסען. מען גיט איבער, אַז אין 1851 האָט אויך עקזיסטירט אַ ווייט־פאַרשפּרייטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבייטער אויף שיפען, וואָס האָט געהאַט פינף און צוואַנציג לאָקאַלען צווישען פּיטערהעד און לאָנדאָן

וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1887, איז אין דעם יאהר 1889 אויסגעוואקסען צו א מיטגליעדערשאפט פון פינף און זעכציג טויזענד. אין דעם משך פון איין יאהר נאך דעם זיעג פון די האפען-ארבייטער זיינען צוגעקומען צו די רייהען פון די טרייד-יוניאנען אפשר צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער, געגנימען פון יענע טיילען פון דער ארבייטער-וועלט, וואס מען האט פריהער איגנאנצען פארלאזען אלס אומפעהיג צו ארגאניזירטער טעטיגקייט. די אלע פאראיינען האבען זיך אויסגעצייכענט מיט קליינע ביישטייערונגען און מיט א מיטגליעדערשאפט, וואס פארשטעהט איהרע אויפגאבען. פון לכתחילה אן האבען זיי בעיקר, הגם ניט אויסשליסליך, זיך אפגעגעבען מיט דער באשיצונג פון זייערע אינטערעסען אלס ארבייטער און זייערע צוועקען זיינען אין א היבשער מאס געווען פאליטישע. דער כאראקטעריסטישער גייסט זייערער איז קלאהר אויסגעדריקט געווארען אין א רעזאלוציע, וואס דער צוזאמענפאהר פון דער „אלגעמיינער אייזענבאהן-ארבייטער'ס יוניאן" האט אנגענומען דעם 19טען נאוועמבער, 1890: „די יוניאן זאל בלייבען א קאמפס-ארגאניזאציע און זאל ניט זיין באלעסטיגט מיט קיין קראנקען און אומגליקספאלען אונטערשטיצונגס-פאנד". דער גענעראל-סעקרעטאר פון דער „נאציאנאלער

און האט געצעהלט דרייסיג טויזענד מיטגליעדער. עס שיינט, אז דאס איז געווען א שוואך-פארבונדענע פעדעראציע פון פראקטיש אויטאנאמישע האפען יוניאנען, וואס האט פאר איניגע יאהרן אנגעפיהרט א קרעפטיגע אגיטאציע געגען די שלעכטע פונקטען אין די געזעצען וועגען האנדעלס טראנספארט פון 1851-54 און באקעמפט די עולות געגען די מאטראסן אין די געריכט הייזער. אין 1879 איז עטאבלירט געווארן די נאך יעצט עקזיסטירענדע „אונטערשטיצונגס אסאציאציע פון מאטראסען און שיפען-קויהלען-שארער פון צפון ענגלאנד" (נארטה אוו ענגלאנד סעילארס ענד סי-גאאינג פיירמענ'ס פריענדלי אסאסיאיישאן"), אבער די ארגאניזאציע האט זיך ניט געקענט באפעסטיגען אויסער סונדערלאנד. אין 1887 האט איהר טעטיגסטער מיטגליעד, דזשיי. האוועלאק ווילסאן,—איבערצייגט, אז בלויז א נאציאנאלע ארגאניזאציע קען האבען א ווירקונג, — געגרינדעט די „נאציאנאלע אמאלגאמירטע יוניאן פון מאטראסען און קויהלען-שארער", וואס האט, צוליב זיין פעהיגער און איינגעשפארטער אגיטאציע אין פארהויז פון פאלקס-הויז, איניגע יאהר געהאט א היבשע ווירקונג אויף דעם פארלאמענט.

יוניאָן פון גאַז־אַרבייטער און אַלגעמיינע אומגעלערנטע אַרבייטער" באַריכטעט אין נאָוועמבער 1889: „מיר האָבען יעצט איינע פון די שטאַרקסטע אַרבייטער יוניאָנען אין ענגלאַנד. אמת, מיר האָבען בלויז איין אויסצאָהלונג צו געבען, די שטרייק־אויסצאָהלונג. איך גלויב ניט אין האָבען קראַנקען אונטערשטיצונג, אַרבייטסלאָזיגקייט אונטערשטיצונג און פאַרשיידענע אַנדערע אויסצאָהלונגען... דער גאַנצער צוועק און שטרעבונג פון דער יוניאָן איז צו פאַרקירצען די אַרבייטס־שטונדען און די זונטאַג אַרבייט.

א כוואַליע פון טרייד־יוניאָניזם, וואָס האָט זיך לויט איהר גרויס נעקענט פאַרגלייכען מיט די כוואַלעס פון 1833-34 און פון 1873-74, האָט זיך יעצט געהאַלטען אין פאַרשפּרייטען איבער אַלע ווינקעלאַך פון די בריטאַנישע אינדוסטריען. שוין אין 1888 האָט די אויפלעבונג פון דעם האַנדעל געפיהרט צו אַ קענטיגער פאַרגרעסערונג פון דער מיטגליעדערשאַפט אין די טרייד־יוניאָנען. אָט דער נאָרמאַלער וואוקס האָט יעצט באַקומען אַ גרויסען שטוים דורך די סענסאַציאָנעלע פאַסירונגען פון דעם שטרייק פון די האַפען־אַרבייטער. אפילו די עלטסטע און אַריסטאָקראַטישסטע יוניאָנען זיינען פאַרבאַפּט געוואָרן פון דער פרישער באַגייסטערונג פון די נייע פיהרער. די עלף הויפּט־געזעלשאַפטען אין די פאַכען פון די שיף־בויער און מעטאַל־אַרבייטער, וואָס האָבען זינט דעם יאָהר 1885 געהאַלטען אין שוואַכער ווערן, האָבען פאַרגרעסערט זייער מיטגליעדערשאַפט, וואָס איז צום סוף פון יאָהר 1888 געוועזן הונדערט און פופצעהן טויזענד, צו הונדערט דרייסיג טויזענד אין 1889, הונדערט פינף און פערציג טויזענד אין 1890 און צו הונדערט פינף און פופציג טויזענד אין יאָהר 1891. די צעהן גרעסטע יוניאָנען פון די בוי־פאַכען, וואָס האָבען אין דורכשניט צווישען 1885 און 1888 אויך פאַרלאָרן אין מיטגליעדערשאַפט, זיינען אויסגעוואַקסען פון אַ מיטגליעדערשאַפט פון זיעבען און פופציג טויזענד צו אַ מיטגליעדערשאַפט פון דריי און זעכציג טויזענד אין 1889, אַכציג טויזענד אין 1890 און פיער און ניינציג טויזענד אין 1891. אין געוויסע איינצעלנע געזעלשאַפטען האָט דער וואוקס אין מיטגליעדשאַפט דורך די יאָהרען ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכען אין זייער געשיכטע. מיר האָבען שוין דערמאָנט דעם שנעלען

וואוקס, וואס עס איז צווישען 1888 און 1891 פארגעקומען אין דעם מאָדערנעם קאָלאָסוס צווישען די יוניאָנען, אין דער פעדע־ראציע פון מינען־ארבייטער. די „געזעלשאפט פון מויערער־ארבייטער", געגרינדעט אין 1848, איז אויסגעוואקסען פון דער מיטגליעדערשאפט פון זיעבען טויזענד, וואס זי האָט געהאט כמעט כסדר ביז 1888, צו א מיטגליעדערשאפט פון איבער זיעבעצעהן טויזענד אין 1891. די „נאציאָנאלע געזעלשאפט פון שטיוועל און שיך־ארבייטער", געגרינדעט אין 1874, האָט אין 1888 געהאט עלף טויזענד מיטגליעדער און אין 1891 שוין דרייסיג טויזענט. ווענדענדיג זיך צו א גאנץ אנדער אינדוסטריע, צו דער „אמאל־גאמירטער געזעלשאפט פון אייזענבאהן באדיענטע", א פאך־אונטערשטיצונגס־געזעלשאפט פון דעם אלטען טיפ, געגרינדעט אין 1872, זעהען מיר, אז איהר מיטגליעדערשאפט האָט זיך פארגרע־סערט פון צוועלף טויזענד אין 1888 צו דרייסיג טויזענד אין 1891. די אויסשפרייטונג איז אויך ניט געווען באגרענעצט בלויז צו דעם וואוקס אין מיטגליעדערשאפט. נייע טריידס־קאונסילס זיינען אויסגעוואקסען אין אלע ריכטונגען, בשעת אין יענע, וואס האָבען שוין עקזיסטירט, זיינען צוריק אריינגעטראָטען יענע פאכען, וואס האָבען זיי פריהער פארלאָזען. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן פעדעראציעס פון יוניאָנען אין נאָהענטע פאכען און די קאָנקורי־רענדע געזעלשאפטען אין די זעלבע פאכען האָבען זיך אפגעזאָגט פון זייער געגנערשאפט און געשאפען געמיינשאפטליכע לאָקאלע קאָמיטעטען.

דער זיעג פון די לאָנדאָנער האפען־ארבייטער און דער שטויס, וואָס ער האָט געגעבען דעם טרייד־יוניאָניזם איבער דעם גאנצען לאנד, האָט אמענדע געעפענט די אויגען פון דער טרייד יוניאָן וועלט, זי זאָל איינזעהן די באדייטונג פון דער נייער באוועגונג. פאר דעם פארלאמענטארישען קאָמיטעט איז שוין געווען אוממעגליך צו פארדאמען די סאָציאליסטען אלס א פרעמדע חברה אינטריי־גאנטען ווען בוירנז און מאנן, וועלכע זיינען יעצט געוואָרן אנער־קענטע ארבייטער־סאָציאליסטען, זיינען געשטאנען אויף דעם שפיץ פון א קערפערשאפט פון צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער, וועלכע זיינען ביז דאמאלס ניט געווען אָרגאניזירט. די גענעראל סעקרע־

טאַרען פון די עלטערע יוניאָנען, וועלכע זיינען געווען געשטאַנען אלס א פעסטע אָפיציעלע פּארטיי הינטער דער „פּאָדערשער באַנק“, זיינען צוגעשטאַנען צו דער פּראָגרעסיווער פּארטיי. די אָרגאַניזאַציעס, וועמען זיי האָבען רעפּרעזענטירט, האָבען אָנגעפאַנגען צו ווערן דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַליזם. אין פּיעלע פּאַלען האָבען די עלטערע מיטגליעדער יעצט געשטיצט דעם נייעם גלויבען. אין אַנדערע פּאַלען זיינען זיי איינגעשלונגען געוואָרן פון דער גרויסער צוגעקומענער מיטגליעדערשאַפט, וואָס, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אַלגעמיינעם וואוקס. די אמת׳ע באַוואונדערונג, וואָס די גאַנצע טרייד יוניאָן וועלט האָט געפיהלט פאַר דער גרויסער אָרגאַניזירונגס־קראַפט און פיהרערשאַפט, וואָס די פיהרער פון דער נייער באַוועגונג האָבען ארויסגעצייגט, און דאָס אויפהערען פון די פּערזענליכע באַליידיגונגען און באַשולדיגונגען, וואָס האָבען ביז דאמאלס פאַרטונקעלט יעדען אידעען־סכסוך, האָבען געהאָלפען דעם פּראָצעס פון באַקעהרונג. ביי דעם קאָנגרעס אין דונדי אין 1889 האָבען, ווי מיר האָבען געזעהן, הענרי בראָאדהורסט און זיינע קאָלעגען פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט געטריאומפירט איבער דער גאַנצער ליניע. אין דעם משך פון איין יאָהר האָט זיך די סיטואציע אינגאַנצען געענדערט. די שטיינמויערער, בראָאדהורסט׳ס אייגענע געזעלשאַפט, האָבען דורך אַן אָפּשטימונג פון די מיטגליעדער באַשלאָסען צו שטיצען אַן אַכט־שטונדען געזעץ און בראָאדהורסט האָט זיך אונטער די אומשטענדען געזעהן געצוואונגען צו אַנטזאגען זיך ארויסצוטרעטען אלס זייער פארשטעהער. דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „אמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט“ האָט ערוועהלט בוירנז׳ן און מאַנן׳ אַלס צוויי פון זיינע פינף דעלעגאַטען און האָט זיי אַלעמען אָנגעזאָגט צו שטימען פאַר אַ געזעצליכע באַגרענעצונג פון די ארבייטס־שטונדען.ביידע אַלטע געזעלשאַפטען פון די סטאָליאַרעס האָבען זייערע דעלעגאַטען געגעבען אַן ענליכען מאַנדאַט. דעם מאָל איז די אַטאַקע אויף דער אַלטער „פּאָדערשטער באַנק“ אָנגעפיהרט געוואָרן פון דער פּעדעראַציע פון די מינען־ארבייטער און די רעזאָלוציע צו גונסטען פון אַן אַלגעמיינעם אַכט־שטונדען געזעץ איז, נאָך אַ היציגער דעבאַטע, אָנגענומען געוואָרן

מיט 193 שטימען געגען 155. בראָדהורסט האָט רעזיגנירט זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט, אָנגע־בענדיג אַלס סיבה דערפאַר זיין שלעכטען געזונדס־צושטאַנד. דזשאָרדזש שיפּטאָן, דער סעקרעטאַר פון דעם לאָנדאָנער טריידס־קאונסיל, האָט עפענטליך דערקלעהרט, אַז ער איז באַקעהרט גע־וואָרן צו דער פאָדערונג פון געזעצליכער רעגולירונג פון די אַרבייטס־שטונדען. דער ליווערפּולער קאָנגרעס איז געווען אַזאַ אַנטשיידענער זיעג פאַר די סאָציאַליסטען, ווי דער קאָנגרעס פון דונדי איז געווען פאַר דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט. די דעלעגאַטען האָבען אַלעס צוזאַמען אָנגענומען זעכציג רעזאָלוציעס. „פון די דאָזיגע זעכציג רעזאָלוציעס, — זאָגט דזשאָהן בורנס, — זיינען פינף און פערציג געווען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי דירעקטע אויפפאָדערונגען פון דעם שטאַאט און פון די שטעדט־רעגיערונגען פון לאַנד, אַז זיי זאָלען טאָן פאַר דעם אַרבייטער דאָס, וואָס דער טרייד־יוניאָניזם, דער „אַלטער" אָדער דער „נייער", האָט זיך אַרויסגעצייגט אַלס ניט פעהיג אויפצוטאָן. פינף און פערציג רעזאָלוציעס פון זעכציג האָבען געפאָדערט, אַז דער שטאַאט אָדער די שטאָדט־רעגירונגען זאָלען זיך אַריינמישען לטובה דעם שוואַכען געגען דעם שטאַרקען. די „אַלטע" טרייד־יוניאָניסטען — פון לאַנקאַשייר, פון נאָרטהומ־בערלאַנד און פון בוירמינגהאַם — האָבען אַליין פאַרגעשלאָגען אַזוי־פיעל אַזעלכע רעזאָלוציעס, ווי די דעלעגאַטען פון לאָנדאָן; אָבער עס איז אַ מערקווירדיגער און פיעל־באַדייטענדער פאַקט, אַז ניינצעהן פון יעדע צוואַנציג דעלעגאַטען זיינען געווען פאַר די „נייע" טרייד יוניאָן אידעען וועגען דער אַריינמישונג פון דעם שטאַאט אין אַלץ, חוץ די פאַרקירצונג פון די אַרבייטס־שטונדען, און אפילו איבער דעם פּונקט האָבען מיר באַקומען אַ מאַיאָריטעט, וואָס ניט זיכער די סאָציאַליסטען דאָס רעכט צו פרעהען זיך מיט אונזער ערפאָלג".[1]

אָבער בשעת די מאַסען פון די טרייד־יוניאָניסטען האָבען געהאַלטען אין אָננעמען דעם נייעם גלויבען איז אין דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אַליין פאָרגעקומען אַן עהנליכע ענדערונג. די שטאַרקסטע פאַרשטעהערין פון די קאָלעק־

[1] פון אַ רעדע, וואָס דזשאָהן בורנס האָט געהאַלטען וועגען דעם קאָנגרעס אין ליווערפּול דעם 21טען סעפּטעמבער, 1890.

טיוויסטישע אידעען איז ביז דאמאלס געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פעדעראַציע, אין וועלכער בוירנס און מאַן זיינען געווען טעטיגע מיטגליעדער. אונטער דעם דאָמינירענדען איינפלוס פון ה. מ. היינדמאַן האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגענומען די עקאָנאָמישע עיקרים און די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם שטאַאַטס־סאָציאַ־ליזם. דאָך געפינען מיר צוזאַמען מיט די דאָזיגע מאָדערנע אידעען אַ גאַנץ קענטיגע וויעדעראויפשיינונג פון די כאַראַקטעריסטישע פּראָיעקטען פון דעם רעוואָלוציאָנערן אָוועניזם פון די יאָהרען 1833־34. דורכשטודירענדיג די באַנדען פון דעם „דזשאַסטיס" פאַר די יאָהרען צווישען 1884 און 1889 ווערט מען איבעררעאשט פון דער אונבאוואוסטזיניגער עהנליכקייט פון פיעלע פון די אידעען און פון אַ סך פון די אויסדרוקען פון די שרייבער פון דעם זשורנאַל צו די אידעען און צו די אויסדרוקען פון דעם „פּור מענ'ס גאַרדיאַן" („דער באַשיצער פון דעם אָרימאַן") און פון דעם „פּיאָניער" פון 1834. מיר מיינען דאָ ניט די אויפלעבונג, אין 1885, פון דער אַלטער פאָדערונג פון אַן אַכט־שטונדען געזעץ, אַ זאַך, וואָס איז איןביידע פאַלען באַטראַכט געוואָרן אַלס „בלויז אַ פּאַליאַטיווע" (אַ תרופה אויף אַ ווײַלע). מיר האָבען דאָ אויך ניט אין זינען די שטענדיגע פאָרזיכערונג, וואָס ראַבערט אָוען צוגלייך מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעדנער האָבען געמאַכט, אַז דאָס אָנגענומען פון דער אַרבייטס־ווערטה־טעאָריע וועט מעגליך מאַכען צו באַפרייען זיך פון דער שווערינקייט פון אַרבייטסלאָזיגקייט דורך דער אָרגאַ־ניזירונג פון געגענזייטיגען אויסטויש פון די פּראָדוקטען, וואָס איז שווער צו פאַרקויפען. אָבער אין ביידע, אין דעם „דזשאַסטיס" און אין דעם „פּיאָניער", זעהען מיר דעם זעלבען ניט־גלויבען אין באַזונדערע אַרויסטרעטונגען פון באַזונדערע טרייד־יוניאָנען אין געגענזאַץ צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שליסט אין זיך איין „יעדען פאַך, געלערענטע אָדער אונגעלערענטע אַרבייטער, פון יעדער נאַציאָ־נאַליטעט אויף דער וועלט".[1] „דיווירקליכע עמאַנציפּאַציע (באַ־פרייאונג) פון אַרבייט, — זאָגט דער אָפיציעלער מאַניפעסט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע צו די טרייד־יוניאָנען

---

[1] „דזשאַסטיס", נאָוועמבער 7, 1885.

פון גרויס־בריטאַניע אין סעפּטעמבער 1884, — קען בלויז געבראַכט ווערען דורך דער הייליגער צוזאַמענבינדונג פון מיליאָנען מענשען אין אַ פעדעראַציע אַזוי גרויס, ווי די ציוויליזירטע וועלט". ה. מ. היינדמאַן שרייבט אין דעם „דזשאַסטיס" אין יוני, 1887: „עס איז שוין אַוועק די צייט פאַר די אָנשטרענגונגען פון איזאָלירטע פאַכען... מען קען גאָר ניט געווינען פאַר די ארבייטער אַלס אַ קלאַס אָהן דער פאָלשטענדיגער אָרגאַניזירונג פון אַלע גראַדען ארבייטער, געלערענטע און אומגעלערענטע... מיר ווענדען זיך דעריבער ערנסט צו די געלערענטע בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכען, אַלץ איינס צו די יוניאָניסטען און צו די ניט־יוניאָניסטען, אַז זיי זאָלען זיך פאַראייניגען מיט זייערע אומגעלערנטע ברידער און מיט אונז, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, כדי די ארבייטער זאָלען קענען איבערנעמען אַליין פאַר זיך די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אָרגאַניזירען אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר זיך אַליין און פאַר זייערע קינדער". הגם די „וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטען" פון 1885 האָבען לאָגישערווייזע אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אַז די בעאַמטע פון דער געזעלשאַפט בכלל דאַרפען פאַרוואַלטען מיט די אינדוסט־ריען, פונדעסטוועגען זעהען מיר ווי עס שווימט כסדר אַרויף, ספּעציעל צווישען די ארבייטער־סאָציאַליסטען, ווי ביי דזשאָהן בוירנז, דער דיאַמעטריש פאַרקעהרטער פאָרשלאַג פון אוען, אַז די ארבייטער מוזען „באַזיצען אייגענע פאַבריקען און באַשליסען דורך אַן אָפּשטימונג ווער עס זאָלען זיין זייערע פאַרוואַלטער און מייס־טערס". מעהר פון אַלץ זעהען מיר דעם זעלבען גלויבען אין דעם נאָהענטען און אומפאַרמיידליכען אָנקומען פון אַ פּלוצלונגע רע־וואָלוציע, ווען, ווי דער „דזשאַסטיס" שרייבט, „מען וועט בלויז דאַרפען אַ פעסטע מינאָריטעט זי זאָל אויסנוצען אַ גינסטיגע צופעליגע פּאַסירונג, וואָס מוז זיכער קומען, כדי אומצואוואַרפען דעם יעצטיגען סיסטעם און איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסצוהייבען די ארבייטער מאַסען פון זייער יעצטיגער ניעדעריגער סאָציאַלער לאַגע".

„דער נאָבעלער ראָבערט אוען, — זאָגט היינדמאַן אין 1885, — האָט זיבעציג יאָהר צוריק באַגריפען, אַז „עס איז לחלוטין אומ־מעגליך צו ברייגגען אַ פערמאַנענטע פאַרבעסערונג אין דער לאַגע פון אונזער באַפעלקערונג דורך מיטלען, וואָס זיינען ניט־אַהין־און־

ניט־אהער". מיר זעהען יעצט דעם זעלבען אמת, — אויב אזא זאך איז מעגליך, — נאָך קלאָהרער. אָבער די רעוואָלוציע, וואָס איז אין זיינע צייטען נאָך ניט געווען צונעגרייט, איז יעצט רייף און פאַרטיג... קיין אנדער זאך חוץ א רעוואָלוציע, וואָס זאָל איבערגעבען צו די שעפער פון די רייכטימער דאָס קאָנטראָל איבער זייער אייגען לאַנד, האָט ניט קיין מעגליכקייט צו ענדערן די אומ־שטענדען צו גוטען... וועט זי זיין א פריעדליכע? מיר האָפען, אז זי זאָל קענען זיין אזא. דאָס ווענדעט זיך ניט אָן אונז. אָבער צו א פריעדליכע אָדער דורך גוואַלד — די גרויסע סאָציאַלע רעוואָ־לוציע פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז נאָהענט, און אויב עס וועט זיין נויטיג צו קעמפען, קענען די ארבייטער לכל־הפחות געדענקען דעם טיעפען היסטאָרישען אמת, אז „גוואַלד איז די הייבאַם פון פאָרטשריט, וואָס העלפט דעם געבורט פון דער נייער געזעל־שאַפט, מיט וועלכער די אַלטע געזעלשאַפט שוואַנגערט", און זאָגען צו זיך אַליין, אז זיי שטרעבען צו מאַכען אַן ענדליכען סוף צו א טיראַניי, וואָס איז מעהר דערנידעריגענדיג איידער די ערגסטע שקלאַפעריי פון די אוראַלטע צייטען". אין אויגוסט, 1887, שרייבט ער אין דעם „דזשאַסטיס": אונזער שליחות דאַרף זיין צוזאַמענ־צובינדען די ארבייטער פון דער וועלט צווישען זיך פאַר דעם גרויסען קלאַסען־קאַמף געגען זייערע עקספּלואַטאַטאָרען. מען קען ניט אויסקלייבען קיין בעסערע צייט צו באַגרינדען אזא אינטער־נאַציאָנאַלען אַרויסטריט אויף א געזונטען באַזיס, איידער דעם יאָהר 1889, צו וועלכען די קלאַסען קוקען פאָראויס מיט ציטערניש און די מאַסען — מיט האָפענונג. איך פאַרטיידיג ניט קיין איבער־געאייַלטען אויסברוך, קיין צו פריהיגען און דורך־גוואַלדיגען פאַר־זוך פון דעם פאָלק צו פאַרווירקליכען דעם גאַנצען סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישען פּראָגראַם. אָבער איך זאָג יא, אז פון יעצט אָן און ווייטער דאַרפען מיר, אַלס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבייטער־פּאַרטיי פון גרויס־בריטאַניען, מאַכען יעדע אָנשטרענגונג בייצו־טראָגען אונזער חלק, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט וועט פייערן דעם ערשטען הונדערט־יאָהריגען יובילעאום פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אויף אזא אופן צוגרייטען

זיך פאר א פאָלשטענדיגער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע איידער דער יאָהרהונדערט וועט זיך ענדיגען".

אַנשטאָט אָנצופאַנגען א „פאָלשטענדיגע אינטערנאציאָנאַלע סאָציאַלע רעוואָלוציע" דורך אַן אַלוועלטליכען יד־אחת פון די אַרבייטער, האָט דער יאָהר 1889 אָפּגעקעהרט דעם גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ פון רעוואָלוציאָנערע צו קאָנסטי־טוציאָנעלע דרכים. דורך דעם פאָרטשריט פון פּאָליטישער דעמאָ־קראַטיע איז דער פּלאַן פון „א פאראייניגטען אָנפאַל פון די אַרבייטער פון אַלע פאַכען און גראַדען געגען דער מערדערליכער זעלבסטהערשאַפט פון דער מינאָריטעט", לויט דעם „דזשאָסטיס" פון יולי, 1885, געוואָרן ניט צייטמעסיג. אויף א ווײַלע, אין דעם עכטען קריזיס פון דעם קאַמף פון די האַפען־אַרבייטער, פלאַקערט אויף די אידעע וועגען אַן „אַלגעמיינעם שטרייק"; זי ווערט אָבער שנעל פאַרלאָזען אַלס אומפּראַקטיש. ווען די נייע פיהרער זיינען געקומען ווירקליך פּנים אל פּנים מיט די פּראָבלעמען פון פאַרוואַלטונג זיינען די ספּעציעל אוטאָניסטישע אידעען פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ שטילערהייט פאַרוואָרפען געוואָרן. אין יאַנואַר, 1889, איז דזשאָהן בוירנז דערוועהלט געוואָרן אַלס מיטגליעד פון דעם לאָנדאָנער פראָווינץ־ראַט און עס האָט שנעל זיך אַרויסגעצייגט, אַז ער אָרגאַניזירט דאָרט די התחלות פון א ביוראָקראַטישען מוניציפּאַלען קאָלעקטיוויזם, וואָס איז אזוי ווייט פון אוענ'ס „נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען", ווי פון די השגות פון דער מאַנטשעסטער שול. טאָם מאַנן, אַלס פּרעזידענט פון דער יוניאָן פון די האַפען־אַרבייטער, האָט געמוזט, געגען זיין ווילען, אַנטדעקען, ווי אומפּראַקטיש עס איז צו מאַכען, אַז זיינע אַרבייטס־לאָזע מיטגליעדער, וועלכע זיינען צוגעוואוינט בלויז צו אַלגעמיינע אײַנפאַכע אַרבייט, זאָלען אַרבייטען אין דער פּראָדוקציע פון ברויט און קליידער, אין וועלכע זיי האָבען זיך געניטיגט, פאַר געגענ־זייטיגען אויסטויש. אַרבייטענדיג אין די מוניציפּאַלע קאָמיטעטען, אָדער אַלס דער העכסטער באַאַמטער פון א גרויסער יוניאָן, האָבען ביידע, בוירנז און מאַנן, געמוזט ניט־ווילענדיג משיג זיין די אומ־מעגליכקייט פּלוצלונג און מיט אַמאָל אומעטום צו ענדערען די סאָציאַלע אָדער אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפט, אָדער אפילו פון איין שטאָדט אָדער פאַך.

אונטער די אומשטענדען איז אפשר קיין וואונדער ניט, וואָס בוירנז און מאנן האָבען פארלאָזען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראציע און זיינען היים פארדאמט געוואָרן פון זייערע אלטע חברים.[1] ווען די אָנהענגער פון דעם נייעם יוניאָניזם זיינען פון איהם אוועק האָט דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם אויפגעהערט צו וואקסען און די געגנערישע פּראָפּאַגאַנדא פון קאָנסטיטוציאָנעלער טעטיגקייט איז געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ענגלישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָלעקטיוויס־טען זיינען ניט נאָר ווייט געווען פון מאַכען זלזולים אָדער פון ארויסטרעטען געגען דעם טרייד־יוניאָניזם אָדער קאָאָפּעראַציע, נאָר זיי האָבען אויפגעפאָדערט יעדען ארבייטער־סאָציאַליסט, אז ער זאָל אלס זיין ערשטע פליכט ווערן אַ מיטגליעד פון דער יוניאָן פון זיין פאַך, ער זאָל באַלאַנגען צו דער לאָקאַלער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט און זאָל בכלל פארטיידיגען זיך אזוי אקטיוו ווי מעגליך אין אַלע אָרגאַניזאַציעס. אָנשטאָט צו פארדאַמען טיילווייזע רע־פאָרמען אלס בייזע פארזוכען צו ברענגען אַ נידערלאַגע פאַר דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע", האָבען די פיהרער פון דעם נייעם יוניאָ־ניזם זיך געווענדעט צו זייערע נאָכפאָלגער זיי זאָלען דורכפיהרען די דערוועהלונג פון זייערע אייגענע פארשטעהער אין די שטאָדט־ראַטען און זאָלען בכלל זיך באַנוצען מיט זייער איינפלוס אלס וועהלער דורכצופיהרען אין דעם אָנגענומענעם קאָנסטיטוציאָנעלען שטייגער די באַשטימטע ענדערונגען, וואָס זיי פארלאַנגען. אָנשטאָט צו פאַרשפּרייטען רכילות געגען דעם פּערזענליכען כאַראַקטער פון די פיהרער פון די טרייד־יוניאָנען, האָבען זיי פארפלייצט די טרייד יוניאָן וועלט מיט סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען ניט אזוי פיעל מיט מליצה'דיגע אויפרופען אָדער אוטאָ־פּישע שטרעבונגען, ווי מיט עקאָנאָמישע דערקלעהרונגען וועגען די

---

[1] פון דעם יאָהר 1889 און ווייטער איז דער „דזשאָסטיס" פול מיט זלזולים און פאַרדאַמונגען געגען די פיהרער פון דעם „נייעם יוני־אָניזם". ניט אַזוי צוליעב דעם, וואָס דאָרט זיינען איבערגע'חזר'ט די אַלע פאַרדאַמונגען און זלזולים, ווי צוליעב די איינצעלהייטען פון דער באַוועגונג, וואָס ווערן דאָרט אַגב איבערגעגעבען, איז כדאַי אָנצוצייגען אויף דעם ווערק פון דזשאָזעף בוירדזשער (1911): „דהי ראַיז ענד פּראָגרעס אָוו עי רייהט האָנאָרייבל".

ווירקליכע עולות פון דער אינדוסטריעלער אָרדנונג. די אומבאַ־שטימטע רעזאָלוציעס פון די טרייד־יוניאָן קאָנגרעסען זיינען אויס־געארבייט געוואָרן מיט פּראַקטישע איינצעלהייטען, אָדער זיינען אפילו איינגעפּאַסט געוואָרן אין די געזעץ־פּראָיעקטען, וואָס מען האָט געדענקט, אַז מען קען פועל'ן ביי דעם אָרטיגען מיטגליעד פון דעם פּאַרלאַמענט ער זאָל עס פאַרשלאָגען, אָדער מען קען איהם צווינגען צו שטיצען.

די נייע טאַקטיק, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון אַזעלכע אָנגעזעהענע סאָציאַליסטען ווי בוירנז, מאַנן, טיללעט און מאַדאַם בעזאַנט, האָט זיך, פון דעם יאָהר 1889 און ווייטער, ארויסגע־צייגט אַלץ מעהר בארעכטיגט דורך איהר ערפאָלג. די זיעגען פון די קאָלעקטיוויסטען אין דער לאָנדאָנער שול־קאָמיסיע און אין דעם פּראָווינץ־ראַט, דער שטענדיגער וואוקס פון מוניציפּאַלער טעטיגקייט און דער שטייגענדער איינפלוס, וואָס די ארבייטער מיטגליעדער פון רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטען האָבען געהאַט, האָט פיעל גע־האָלפען צו איבערציינען ביידע, די סאָציאַליסטען און די טרייד־יוניאָניסטען, אַז דער איינציגער פּראַקטישער וועג צו באַקומען פאַר דער געזעלשאַפט דעם באַזיץ און דעם קאָנטראָל איבער די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען ליעגט אין אַ שטאַרקער אויסברייטונג פון דער נאַציאָנאַלער און מוניציפּאַלער אָרגאַניזירונג פון די עפענטליכע אונטערנעמונגען, צו וועלכער דער פּאַרלאַמענט און די שטאָדט־ראַטען האָבען שוין געמאַכט אַ התחלה. אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע עס איז נאָך געווען אומעגליך אַ נאַציאָנאַלע אָדער שטאָדטי־שע פאַרוואַלטונג, האָבען די סאָציאַליסטען געפאָדערט אַזאַ רעגו־לירונג פון די ארבייטס־באַדינגונגען, וואָס זאָל פאַרזיכערן פאַר יעדען ארבייטער אַ מינימום לעבענס־מצב. דורך דעם האָבען די אויסברייטונג פון די פאַבריק געזעצען און אַ ווייטערע דורכפיהרונג פון דעם געזעץ וועגען סאַניטאַרע באַדינגונגען באַקומען אַ נייעם שטויס פאָראויס. אין אַנ'אַנדער ריכטונג האָט געווירקט דער הויכער שטייער אויף איינקונפטען פון רענטע און פּראָצענטען, וואָס די אַנהענגער פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד און די סאָציאַליסטען האָבען ביידע גלייך געפאָדערט; דאָס איז בארעכטיגט געוואָרן אַלס אַ זאַך, וואָס וועט אַמענדע פיהרען, אַז די געזעלשאַפט זאָל

באַקומען אַלע איינקונפטען, וואָס ווערן ניט געשאַפען דורך אַרבייט. אין קורצען, פון דעם יאָהר 1889 און ווייטער זיינען די הויפּט־כחות פון דער ענגלישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געווען געריכטעט ניט אויף צו ברענגען אַ פּלוצלונגע, פולשטענדיגע רעוואָלוציע אומעטום אין דער זעלבער צייט, נאָר אויף דער דורכדרינגונג פון אַלע עקזיסטירענדע געזעלשאַפטליכע כחות מיט קאָלעקטיוויסטישע אידעאַלען און קאָלעקטיוויסטישע פּרינציפּען.[1]

מיר פאַרענדיגען דעם קאַפּיטעל מיט דער אַנשטעהונג פון דעם „נייעם יוניאָניזם" פון 1889־90. אין ווייטערע קאַפּיטלען וועלען מיר זעהן אין וואָס'ער מאָס און אויף וועלכען אופן האָט די נייע באַוועגונג געהאַט אַ פּערמאַנענטעווירקונג אויף דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אָבער מיר גיבען דאָ צו אַ קורצען איבערבליק איבער דעם, וואָס, ווי מיר דענקען, ערשטענס, איז געווען פאַרבייגעהענד, און צווייטענס, פון די מעהר דויערענדע רעזולטאַטען פון אַ גייסטיגען שטורם, וואָס האָט ניט פאַרלאָרן אינגאַנצען זיין קראַפט דורך דעם משך פון אַ גאַנצען צעהנדליג יאָהרען.

אויב מיר זאָלען גלויבען אייניגע פון די מעהר ענטוזיאַסטישע פרעדיגער פון דעם „נייעם יוניאָניזם", וואָלטען מיר זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער אַגרעסיווער פאַך־פאַראיין פון אומגעלערנטע

[1] אַ געוויסער טייל פון דער דאָזיגער אַנטוויקלונג דאַרף פאַררעכענט ווערן אויף דער אַרבייט פון דער פאַביאַנער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1883 און האָט פון 1887 אָנגעפאַנגען אויסצואיבען אַ וואַקסענדען איינפלוס אויף די אידעען פון דעם אַרבייטער קלאַס. דאָס פאַרעפענטליכען פון די „פאַביאַנער עסעיס איבער סאָציאַליסטישע פראַגען" אין 1889, דאָס פאַרשפּרייטען אין די יאָהרן צווישען 1887 און 1893 פון דריי פערטעל מיליאָן עקזעמפּלאָרן פון דער סעריע „פאַביאַנער אָפּהאַנדלונגען" און דאָס דורכפיהרן פון עטליכע טויזענד לעקציעס יעהרליך אין לאָנדאָן און אין אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען האָט פיעל ביִיגעשטייערט צו דעם, אַז דעם אָרט פון פריהערדיגער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ זאָל פאַרנעמען אַ פּראַקטישער און קאָנסטיטוציאָנעלער פּראָגראַם פון קאָלעקטיוויסטישע רעפאָרמען. טאָם מאַן, בען טיללעט און אַנדערע טרייד יוניאָן פיהרער זיינען פון דעם יאָהר 1889 אָן געווען מיטגליעדער פון דער צוערשט געגרינדעטער „פאַביאַנער געזעלשאַפט", בשעת אין די נייינציג אומאָפּהענגיגע לאָקאַלע פאַביאַנער געזעלשאַפטען אין די פּראָווינציעלע צענטרען זיינען געוועהנליך צווישען די מיטגליעדער געווען פיעלע דעלעגאַטען אין די אָרטיגע טריידס קאָונסילס.

אַרבייטער, ניט באַלעסטיגט מיט אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען, איז א זאַך, וואָס האָט צו זיך ניט קיין ביישפּיעל אין דער געשיכטע פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט. די יעניגע, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט אונזער געשיכטע ביז יעצט, ווייסען גענוג אום ניט צו האַלטען זיך ביי אַזאַ איינבילדונג, וואָס איז פאַר זיך אַליין א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אויפלעבונגס־פּעריאָדען פון דעם טרייד־יוניאָניזם. די ריינע פאַך־געזעלשאַפט איז אַזוי אַלט ווי דער טרייד־יוניאָניזם גופא. דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער באַוועגונג געפינען מיר צוויי טיפּען געזעלשאַפטען עקזיסטירענדיג אין דער זעלבער צייט. אין דער צייט פון באַזונדערס שטאַרקע קריזי־סען איז דער געשיכטע פונ'ם טרייד־יוניאָניזם זעהען מיר דעם אָדער יענעם פון די טיפּען אַלס דעם פיהרענדען און ער ווערט דער „נייער יוניאָניזם" פון יענער באַזונדערער עפּאָכע. ביידע, די פאַך־געזעלשאַפט און די אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט מיט פאַך־צוועקען, זיינען געווען געוועהנליך אין דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. די געזעצליכע פאַרפאָלגונגען פון פאַך־פאַראייניגונגען האָבען אַרויס־געבראַכט די יוניאָן פאַרקליידט אַלס אַן אונטערשטיצונגס־קלוב; הויפּטזאַכליך פאַר אָרגאַניזאַציעס פון דעם טיפּ האָבען עס פּליים און היום געוואונען די עמאַנציפּירונג פון 1824-25. אין 1833-34 האָט שוין פּליים באַדויערט דעם וואוקס פון די „נייע יוניאָנס" אָהן אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען אַלס א נייע איינפיהרונג, וואָס וועט ברענגען צרות. צוואַנציג יאָהר שפּעטער געפינען מיר, אַז די פיהרערשאַפט איז צוריק אַריבער צו דעם „נייעם מוסטער", צו דער קאָמפּליצירטער פאַך־אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט, וואָס איז, דורך א גאַנצען דור, זעהר שטאַרק פאַרדאַמט געוואָרן פון די אַרבייטס־געבער אַלס א שווינדעל איבער דעם אַרבייטער, וואָס וויל לעבען מיט א חשבון. דער „נייער יוניאָניזם" פון 1852, באַשריבען פון אַזא פריינדליכען קריטיקער ווי פּראָפעסאָר ביזלי אַלס א נייע התחלה, איז פון זיין צד געוואָרן דער „אַלטער יוניאָ־ניזם" פון 1889, ווען די זעהר פּראָגרעסיווע גייסטער האָבען זיך ווידער גענומען דעם כבוד אפּצושאַפען אין זייערע שפּאָגעל־נייע אָרגאַניזאַציעס דעם צושטערענדען איינפלוס פון אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען.

א נעהענטערע אויספאָרשונג פון די פאַקטען צייגט, אז דער דאָזיגער כמעט ריטמישער איבערגאַנג פון איין טיפ צום צווייטען און צוריק איז געווען בלויז לפנים. דער אומפּאַרטייאישער פאָרשער ווערט באמערקען, אז בשעת געוויסע וויכטיגע אינדוסטריען, ווי די קויהלען־גרעבער און די באוועל־שפּינער, האָבען עקשנות'דיג זיך געהאַלטען פאר די ריינע פאך־געזעלשאפטען, זיינען אנדערע פאכען, ווי די מאשיניסטען און די אייזענגיסער, אויך אזוי תמיד פארבליבען ביי די פאך־אונטערשטיצונגס־געזעלשאפטען, אין דער צייט ווען, צוריק, אנדערע, ווי די זעצער און די סטאָליארעס, פלעגען אריבערגעהן אהין און צוריק פון איין מוסטער צום צווייטען. אָבער אויסער דעם דאָזיגען צופאַסען פון דעם אָרגאניזאציאָנס־טיפּ צו די אומשטענדען פון באזונדערע אינדוסטריען, זעהען מיר אויך א גרעסערע נייגונג צו דער ריינער פאך־געזעלשאפט צוליעב ניט קיין וויכטיגערען טעם, ווי איהר וואלוועלקייט. די הויכע איינצאָהלונגען און ספּעציעלע שטייערען, וואָס די באוועל־שפּינער צאָהלען צו זייער בעצם פאך־געזעלשאפט, זיינען ניט ווייניגער צופיעל פאר די הכנסות פון דעם לאנד־ארבייטער אָדער דעם האפען־ארבייטער, ווי די וועבענטליכע איינצאָהלונגען, וואָס דער מאשיניסט פון דער „אמאלגאמירטער" מוז ביישטייערן צו די עלטער, קראנקען אָדער אנדערע פאָנדען. ווען א כוואַליע פון ענטוזיאזם ציהט אריין די אומגעלערענטע ארבייטער אין די רייהען פון די טרייד־יוניאָנען, ווי אין 1833-34, אין 1872 און אין 1889, איז עס פשוט נויטיג, לכל הפּחות די ערשטע צייט, צו שאפען אָרגאניזאציעס, וואָס זאָלען ניט ארויפלייגען קיין גרעסערע משא אויף זייערע שלימזל'דיגע פאָרדיענסטען איידער פון א פּעני אָדער צוויי א וואָך. דער לפנים'דיגער ריטם פון די איבערגאַנגען פון איין אָרגאניזאציאָנס־טיפּ צום צווייטען קומט, דעריבער, ניט פון דעם, וואָס מען פארלאָזט בכלל איין טיפּ צוליעב דעם אנדערען, נאָר פון דער צופעליגער אָנגעזועהענקייט, דורך געוויסע קריזיסען אין דער געשיכטע פון דעם טרייד־יוניאָניזם, פון יענע יוניאָנען, וואָס באלאַנגען צו געוויסע פאכען אָדער קלאַסען לוין־ארבייטער. ווען, למשל, די באוועל־שפּינער, די בויערער און די אומגעלערענטע ארבייטער פון 1834 האָבען אין די אויגען פון פּראַנסים פּליים אויסגעזעהן ווי א גרויסע רעוואָלוציאָנערע מאכט,

האָט די ריינע פאַך־געזעלשאַפט פאַר איהם געשיינט צו זיין דער מקור פון אַל־דאָס־בייז אין דעם טרייד־יוניאָניזם. ווען די אייזען־פאַכען האָבען אין 1848-52 אין געהיים געזוכט צו באַקעמפען שטיק־אַרבייט און איבער־דער־צייט־אַרבייט, האָט דער עולם באַ־מערקט ספּעציעל די אומגעזעצליכע קאָמבינירונג פון דער פאַך־געזעלשאַפט מיט דער אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט און דאָס האָט אַרויסגערופען די פאַרדאַמונגען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. אויך אין 1889, ווען די האַפען־אַרבייטער האָבען אָפּגעשטעלט דעם האַנדעל פון לאָנדאָן און די קויהלען־גרעבער און די באַוועל־שפּינער האָבען אויסגעאיבט אַ דרוק אויף ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען לטובה פון זייערע פאָדערונגען פאַר געזעצגעבענדער אַריינמישונג, זעהען מיר ווי דזשאָרדזש האָועל דריקט אויס די געגנערשאַפט צו אויס־שליסליך פאַך־געזעלשאַפטען אַלס צו געפעהרליכע אומרוהיגע קער־פּערשאַפטען.

אויב די ריינע פאַך־געזעלשאַפט איז ניט קיין נייע זאַך, איז די אויסשפּרייטונג פון דעם טרייד יוניאָניזם צו די אומגעלערנטע אַרבייטער נאָך ווייניגער אַ נייעס, וואָס האָט צו זיך כלומרשט ניט קיין ביישפּיעל. דער ענטוזיאַזם, וואָס האָט אין 1872 אין אַ משך פון איניגע מאָנאַטען אַריינגעצויגען אין די יוניאָנען הונדערטע טויזענדע לאַנד־אַרבייטער, האָט אויך געשאַפען פיעלע קליינע גע־זעלשאַפטען פון שטאָדטישע פּשוט'ע אַרבייטער, איניגע פון וועל־כע האָבען זיך געהאַלטען פאַר יאָהרען איידער זיי זיינען פאַרשלונ־גען געוואָרן פון גרעסערע אָרגאַניזאַציעס. די „אַרבייטער ליגע פון לאָנדאָן און איהרע פּראָווינצען", געגרינדעט אין 1872 אַלס די „יוניאָן פון לאַנד־און אַלגעמיינע אַרבייטער פון קענט און סוסעקס", האָט אויפגעהאַלטען איהר עקזיסטענץ ביז היינטיגען טאָג. דער וואוקס פון 1852 האָט געפיהרט צו דער אָרגאַניזירונג אין גלאַז־גאָו פון אַ „געזעלשאַפט פון פּשוט'ע אַרבייטער", וואָס האָט אַ שם פאַר אַריינגעמען טויזענד מיטגליעדער. אבער אין דעם פּרט קאָן זיך די באַוועגונג פון 1889-90 אַמשטאַרקסטען פאַרגלייכען מיט דעם ענטוזיאַזם פון 1833-34. די כמעט תיכפ'דיגע באַקעהרונג צום טרייד יוניאָניזם פון צעהנדליגע טויזענד אומגעלערנטע שטאָדטי־שע אַרבייטער נאָך דעם שטרייק פון די האַפען אַרבייטער דערמאָנט

אונז, באמת, אָן קיין זאך ניט אזוי פיעל, ווי אָן דעם שנעלען אריינ־נעמען פון נייע מיטגלידער פון צווישען די אָרימסטע לוין־ארביי־טער דורך די שלוחים פון דער „גרענד נעשאָנאל קאָנסאלידייטעד טריידס יוניאָן.״

ווי שטארק די אויסערליכע סימנים פון דער כוואליע פון 1889-90 זאָלען ניט דערמאָנען דעם פאָרשער אָן די אויסערליכע סימנים פון 1833-34, ציינען אָבער די באזונדערע כאראַקטערים־טישע שטריכען פון דער נייער באוועגונג מיט באדייטענדער בולט־קייט דעם גרויסען פּראָגרעס, וואָס די לוין־ארבייטער האָבען גע־מאכט, בנוגע צו סאָציאלער טעאָריע און אויך בנוגע צו סאָציאלע מעטאָדען, דורך דעם משך צווישען די צוויי דורות. בלויז די צייט און די ערפאהרונג וועלען צייגען ווי ווייט מען קאָן מיט זיכערקייט דערקלעהרען דעם עמפּירישען סאָציאַליזם (וואָס איז באגרינדעט אויף די פּאקטישע אומשטענדען פון דער באַלדיגער סביבה) פון די טרייד יוניאָניסטען פון 1889 מיט זיין עקלעקטישען אָפּאָרטוניזם (דער אָפּאָרטוניזם, וואָס איז באגרינדעט אויף פארשיידענע און צו־זאמענגעמישטע טעאָריען), מיט זיין פאָרצוג פאר דעם מוניציפּאלען קאָלעקטיוויזם, מיט זיין פאָרזיכטיגער צופּאסונג פון דעם עקזיס־טירענדען סאָציאַלען בנין, מיט זיינע באשיידענע שטרעבונגען צו־ביסלאכוויז צו פאָרגרעסערן די באטייליגונג פון דעם ארבייטער אין דער קאָנטראָלירונג פון די אינדוסטריען, אלס העכער, לויט זיין פּראקטישקייט, פון דעם רעוואָלוציאָנערן און אוניווערסאַלען קאָמו־ניזם פון ראָבערט אָוען. באמת איז דער ראַדיקאַלער אונטערשייד צווישען 1833-34 און 1889-90 ניט קיין זאך, וואָס קומט פון די באזונדערע סאָציאַלע טעאָריען, וואָס האָבען באגייסטערט די אויס־ברוכען. פאר דער גרויסער מאיאָריטעט פון די טרייד יוניאָניסטען זיינען די טעאָריעס פון די פיהרער פון ביידע עפּאָכען געוועזען ניט מעהר פון אַן אומבאשטימטער שטרעבונג צו אַ סאָציאַלער אָרד־נונג, וואָס איז באגרינדעט אויף מעהר יושר. דער פּראקטישער אונטערשייד — דעם אונטערשייד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם כאראַקטער און אין דעם טעמפּעראַמעט פון די מענשען, וואָס זיינען צוגעצויגען געוואָרן צו די ביידע באוועגונגען, אַזוי אין דעם פאַרהאַלטען זיך צו זיי פון דעם פּובליקום — איז דער אונטערשייד

איז מעטאָדען און אין די דירעקטע האנדלונגען פון יעדער עפּאָכע. ראָבערט אָוען האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, פאַרהאסט און צוריק־געוויזען פּאָליטישע טעטיגקייט און האָט געשטרעבט צו שאַפען אַ נייע פּריווילעגיע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל, כמעט מאָמענטאַל און אויף אַ ניט־דערקלעהרטען אופן, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער, פּאָליטישער און סאָציאַלער פאַרוואַלטונג פון דאָס לאַנד. די דאָזיגע פאַראַכטונג צו אַלע עקזיסטירענדע אָרגאַניזאַציעס און די דערוואַרטונג פון אַ פּלוצלונגדיגע און פולשטענדיגע „סאָציאַלע רעוואָלוציע" פון דעם אָועניזם פון 1833-34 האָבען, ווי מיר האָבען געזעהן, געפונען אַ שטאַרקען אָפּקלאַנג אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדא פון 1885-89. די פיהרער פון דעם „נייעם יוניאָניזם" האָבען, פאַרקעהרט, געזוכט אַריינצוברייננגען אין די רייהען פון די עקזיסטירענדע אָרגאַניזאַציעס — די טרייד יוניאָן, די מוניציפּאַלע אָדער שטאַאט רעגירונג — גרויסע מאַסען פון ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער, וועלכע זיינען ביז דאַמאָלס געווען אָדער לחלוטין אויסער זייער תחום אָדער זיינען געווען אין זיי אַלס טויטע עלעמענטען. זיי האָבען באַצוועקט ניט צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די עקזיסטירענדע סאָציאַלע בנינים, נאָר צו פאַרכאַפּען זיי אַלע אין די אינטערעסען פון די לוין־ארבייטער. מעהר פון אַלץ האָבען זיי געזוכט צו לערנען די גרויסע מאַסען פון ניט־דיסציפּלינירטע ארבייטער צו געברויכען זייער נייע באַקומענע פּאָליטישע מאַכט אַזוי, אַז זיי זאָלען אויספיהרן, אויף אַ ריין קאָנסטיטוציאָנעלען שטייגער, אַלע ענדערונגען אין דער געזעצגעבונג אָדער אין דער פאַרוואַלטונג, וואָס זיי האָבען נאָר פאַרלאַנגט.

דער אונטערשייד צווישען די מעטאָדען פון דעם „נייעם יוניאָניזם" אין 1833-34 און אין 1889-90 קאָן, דענקען מיר, אָנגענומען ווערן אַלס בעיקר אַ פּועל־יוצא פון דעם אונטערשייד צווישען די אומשטאַנדען, אונטער וועלכע די באַוועגונגען זיינען אויפגעקומען. פאַר ראָבערט אָוען, וועמעס וועג איז אויף דער פּאָליטישער ליניע געווען פאַרשטעלט דורך דעם, וואָס פינף פון יעדע זעקס דערוואַקסענע מענער פון דער באַפעלקערונג האָבען ניט געהאַט קיין שטימרעכט, דורך אָפענע וואַהלען פון איינגעשראַנקטע

וועהלער, דורך קאָרופּטירטע (פאַרברעכערישע פאַרדאָרבענקייט) קאָרפּאָראַציעס אין די פּראָווינציעלע שטעדט, פון וועלכע דער רוב פון דער באַפעלקערונג איז געווען אויסגעשלאָסען, און דורך דער אָליגאַרכיע פון דער „וויהיג״ (ליבעראַלע) פּאַרטיי אין דעם צענטער, האָט דער געדאַנק וועגען פאַרלאָזען זיך אויף דעם קאָנ־סטיטוציאָנעלען מיטעל פון דעם שטימקאַסטען געמוזט אויסזעהן ניט ווענינער כימעריש (א חלום) איידער זיין אייגענער פּראָגראַם שיינט צו זיין יעצט. פון צווייטען צד האָבען די אָנהענגער פון דעם „נייעם יוניאָניזם״ פון 1889-90 געפונען פאַרטיג פאַר זייער געברויך א ברייטען און אַל־אומפאַסענדען דעמאָקראַטישען סאָ־ציאַלען בנין, וואָס איז געווען אוממעגליך צו צושטערן און וואָס וואָלט געווען א נאַרישקייט צו פּרובירן זיך צו איגנאָרירן. די אָנ־שטרענגונגען פון צוויי דורות פון ראַדיקאַלע אינדיווידואַליסטען און פון „אַלטע טרייד יוניאָניסטען״ האָבען איבערגעגעבען די גע־זעצגעבענדע מאַכט און די בירגערליכע פאַרוואַלטונג אין לאַנד אין די הענט פון אַ היעראַרכיע (א רעגירונג, אין וועלכער אַלע באַ־טייליגען זיך, אבער די ווירקליכע מאַכט ליעגט אין די הענט פון די העכערע באַאַמטע אָדער אַנשטאַלטען, וועלכע באַקומען זי לכתחילה פון די קלענערע.) פון קערפּערשאַפטען צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלקס־דערוועהלטע פאַרשטעהער. די גרויסע מאַשין פון שטייערען־קליינבונג, למשל, האָט יעצט באַקומען איהר ־עה פון די לויהן ־ אַרבייטער ־ וועהלער אַנשטאָט פון דעם לאַנד ־ באַזיצענדען ־ קלאַס. דעם מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען און דער פאַבריק אינספּעקטאָר, דער צדקה־באַ־אַמטער און דער שטאָדט־לאַנד־אויפזעהער קאָנען אַלע געמאַכט ווערן צו אַרבייטען לטובה פון די אַרבייטער אַנשטאָט לטובה פון די קאַ־פּיטאַליסטען. אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז די מעטאָדען, וואָס די „נייע יוניאָניסטען״ פון 1889-94 האָבען פאַרטיידיגט, האָבען ניט דערמאָנט אָן די מעטאָדען פון די אָועניסטען פון 1833-34, נאָר אָהן דער פּראַקטישער קונסט פון פּאָליטישער קריעגס־פיהרונג, וואָס די „יונטא״ פון 1867-75 האָט מיט אַזאַ ערפאָלג געברויכט.

מיר וועלען זעהן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער ענגלישער אַרבייטער־קלאַס באַוועגונג אין דעם משך פון זעכציג

יאָהר, אויב מיר װעלען פארגלייכען די פיהרער פון די צװײ באַװעגונגען, װאָס מיר האָבען געשטעלט איינע נעגען דער אַנדערער. בנוגע צו אָװען אליין קאָן איהם ביישטעהן דער זכות פון זיין זשעניע, װאָס האָט איהם ניט געשטערט צו זיין אַ זעלטען שלעכטער קאַפּיטאַן פאַר דער באַװעגונג פון דעם ארבייטער קלאַס. אָבער צװישען זיינע הויפּט תלמידים זעהט מען אַן אונװיסענהייט װעגען אינדוסטריעלע באַדינגונגען, אַ פּראַקטלישע גלייכגילטיגקייט צו פאַקטען און צו ציפערן, אַן אונפעהיגקייט אָפּצושאַצען, אפילו אין די קלענסטע האַנדלונגען, די שייכות פון די מיטלען צום צװעק, װאָס איז אַזוי בולט דער היפּוך צום ניכטערן שכל־הישר פון אַזעלכע מענשען, װי דזשאָהן בוירנז, װי צו דער פאָרזיכטיגער קלוגקייט פון אַללען און אַפּעלגאַרטה. עס װאָלט באמת לייכט געװען צו געפינען פיעלע שטריכען פון פערזענליכער עהנליכקייט צװישען בוירנז און מאַנן פון איין זייט און צװישען אַללען און אַפּעלגאַרטה פון צװייטען זייט. אַלע פיער האָבען זיך אַלץ איינס אויסגעצייכענט מיט הויכען פערזענליכען כאַראַקטער, שטרענגער אָרענטליכקייט, אַ געפיהל פון אייגענעם װערט און מיט צויבערנדע מאַניערן, און די פערזענליכע כאַראַקטער־עהנליכקייט װערט שטאַרקער דורך אַ קענטיגער עהנליכקייט אין דעם כאַראַקטער פון זייער טעטיגקייט. די טעגליכע ארבייט פון טאָם מאַנן אַלס הויפּט באַאַמטער פון דער יוניאָן פון די האַפען־ארבייטער פון 1889 ביז 1892 און פון דזשאָהן בוירנז אין דעם לאָנדאָנער פּראָװינץ־ראַט און אין דער פאָרהויז פון פּאַרלאַמענט פון 1892 ביז 1906 זיינען געװען נאָהענטע קאָפּירונגען פון אַללען׳ס טעטיגקייט אין דעם צענטראַל־אַמט פון זיינע מאַשיניסטען און פון אַפּעלגאַרטה׳ס שטענדיגע באַזוכען צו די פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטעטען און קעניגליכע קאָמיסיעס. בקיצור, די דרכים און די מיטלען פון די פיהרער פון דעם „נייעם יוניאָניזם“ דערמאָנען דעם פאָרשער ניט די מיסטישע צערעמאָניעס און די סקעלעט־מאַסקען פון דער אָװעניסטישער באַװעגונג, נאָר מעהר די אומרוהיגע ענערגיע און דעם פּאָליטישען שאַרפזין פון דער „יונטאַ“ אָדער פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין יענע ערשטע צייטען, װען די אַלטע טרייד יוניאָניסטען האָבען געקעמפט פאַר לעגיסלאַטיװע רע־

פּאַרמען מיט אַ גלויבען, וואָס איז געווען גראָד אזוי קלוג, ווי ער איז געווען הייס און ערנסט.

איינינע פון די וועניגער וויכטיגע כאַראַקטער שטריכען פון דעם „נייעם יוניאָניזם" פון 1889 זיינען שנעל פאַרשוואונדען. דער דערווידער געפיהל געגען דער קאָמבינירונג פון אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען מיט טרייד יוניאָן צוועקען איז שנעל אַוועק, הגם די שוועריגקייט פון אַרויפלייגען הויכע ביישטייערונגען אויף שלעכט באַצאָהלטע ארבייטער האָט ניט דערלאָזען, אז די פאַרקעהרטע טאַקטיק זאָל אינגאַנצען אָנגענומען ווערן.[1] דער וואוקס פון האַנדעל, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1889, האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אויף אַ קורצער צייט און ווען דער קריזיס איז אין 1892 ווידער געקומען האָבען די לוין־אַרבייטער פאַרלאָרן פיעלע פון די פאַרבעסערונגען, וואָס זיי האָבען געוואונען. צוליעב דער ווירקונג פון דעם קריזיס זיינען די אומגעלערנטע אַרבייטער ווידער אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגעפאַלען פון די טרייד יוניאָן רייהען. אָבער גראָד ווי די יאָהרען 1873-74 האָבען נאָך זיך געלאָזען אַ פיעל מעהר פּערמאַנענטען בנין איידער די יאָהרען 1833-34, אזוי האָט אויך דער משך פון 1889-90 איבערגעלאָזען מעהר איידער אפילו דער משך פון 1873-74. די עלטערע יוניאָנען זיינען געבליבען ביי דעם גרעסטען טייל, אַלענפאַלס, פון די צוויי הונדערט טויזענד מיטגליעדער, וואָס זיינען צוגעקומען צו זייערע רייהען צווישען 1887 און 1891. אָבער די דאָזיגע הוספה אין צאָהל איז געווען וועניגער וויכטיג איידער דאָס, וואָס קאָן, אָהן גוזמא, גערופען ווערן דער גייסטיגער ווידערגעבורט פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען באַוויזען סימנים פון אָפּגעלעבטקייט. דער עגאָאיסטישער

[1] אַזוי זעהען מיר, אַז די „דאָק, ווהאָרף ענד ריווערסייד לייבאָרער'ס יוניאָן" (די האַפען ארבייטער) האָבען אין גיכען אָנגעפאַנגען געבען אַ באַערדיגונגס־אויסצאָהל — געוועהנליך דער ערשטער וואָס מען פלעגט צוגעבען צו די פּאַך־אויסצאָהלען, בשעת פיעלע לאָקאַלען האָבען אָנגעפאַנגען זייערע איינענע קראַנקהייט פאָנדען. איינינע פון די לאָקאַלען פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון גאַז און אַלגעמיינע אַרבייטער" האָבען שנעל צוגעגעבען לאָקאַלע אונטערשטיצונגס פאָנדען און די יוניאָן אַלס אַ גאַנצע האָט אין אַ קורצער צייט אָנגענומען די אויסצאָהלונג פון אונטערשטיצונגען אין אונגליקס־פאַלען.

גייסט פון אויסבאַזונדערטקייט, מיט וועלכען די פאַרהעלטניסמע־סיג גוט־באַצאָהלטע מאַשיניסטען, סטאָליאַרעס אָדער די קעסעל־ארבייטער פון 1880־85 האָבען זיך אויסגעצייכענט, האָט אָפּגע־טראָטען זיין פּלאַץ פאַר א ברייטהאַרציגערע אנערקענונג, אז די אינטערעסען פון דעם קלאַס פון לוין־ארבייטער זיינען בעצם סאָ־לידאַריש. צום ביישפּיעל, די גאַנצע קאָנסטיטוציע פון דער אמאל־גאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט איז אין 1892 איבערגעמאַכט געוואָרן מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו עפענען די רייהען פון דער אריסטאָקראַטישסטער פון די יוניאָנען פאַר פּראַקטיש אלע בעלי־מלאכות פון די זעהר פיעלע צווייגען פון דעם מאַשינען־אר־בייט פאַך. די און די אנדערע גרויסע געזעלשאַפטען האָבען, חוץ דעם, פאָרגעשלאָגען ספּעציעלע באַדינגונגען פאַר אלטע ארבייטער און פאַר בעלי־מלאכות, וואָס פאַרדיענען שכירות ניט גענוג צו צאָהלען פון זיי פאַר די הויכע אונטערשטיצונגס אויסצאָהלונגען. און דאָס איז ניט איינגאַנצען. דער לייטונג־ארבייטער האָט קאָנ־קורירט מיט דעם מאַשיניסט און דער סטאָליאַר מיט דעם שיף־בויער אין העלפען אָרגאַניזירן יוניאָנען צווישען די אומגעלערנטע ארבייטער, וועלכע ארבייטען מיט זיי אָדער אונטער זיי. די פאַר־זייער־עקזיסטענץ־קעמפענדע יוניאָנען פון פרויען־ארבייטערינען, וואָס האָבען לכתחילה געהאַט געוויסע שוועריגקייטען איידער מען האָט זיי אריינגענומען אין די טריידס קאָונסילס און אין דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס, האָבען מיט דאַנקבאַרקייט אנערקענט די פולשטענדיגע ענדערונג אין דער האַלטונג פון זייערע חברים מע־נער־ארבייטער. ניט נאָר האָט מען יעצט געגעבען יעדע הילף אין דער אָרגאַניזירונג פון באַזונדערע יוניאָנען צווישען די פרויען ארבייטערינען, נאָר פרויען זיינען אויך, אין איינינע פאַלען, אפילו געוואָרן אריינגענומען געוואָרן אלס מיטגליעדער אין יוניאָנען פון גע־לערנטע בעלי־מלאכות. אן עהנליכע אויסברייטונג פון די סימ־פּאַטיען און א פאַרשטאַרקונג פון דער חבר׳שער פאַרבינדונג האָ־בען זיך ארויסגעצייגט אין דער זעהר אלגעמיין־געוואָרענער גרינ־דונג פון לאָקאַלע געמיינשאַפטליכע קאָמיטעטען פון געגנערישע גע־זעלשאַפטען אין דעם זעלבען פאַך, ווי אויך פון גרעסערע פעדע־ראַציעס. ראָבערט נייהט׳ס דורכפאַלען ביי דער אָרגאַניזירונג

פון אַ פעדעראַטיווען ראַט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די פאַרשיי־ דענע יוניאָנען, וואָס האָבען אַ שייכות צום שיפּבוי, זיינען מתוקן געוואָרן אין 1891 ווען ער האָט מיט ערפאָלג געגרינדעט די פעּ־ דעראַציע פון די מאַשינען־אַרבייט און שיפּבוי פאַכען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַ פעסטע עקזיסטענץ. דער פאַרשטאַרקטער סאָ־ לידאַריטעט געפיהל צווישען אַלע טיילען פון די לוין־אַרבייטער האָט, חוץ דעם, געפיהרט צו אַ שטאַרק פאַרגרעסערטע פריינדליכקייט אין אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטניסע. די קויהלען־גרעבער, די אַר־ בייטער פון גלעזערנע פלאַשען און די טעקסטיל אַרבייטער האָבען עטאַבלירט מעהר אָדער וועניגער פאָרמעלע פעדעראַציעס מיט זייע־ ערע חברים אַרבייטער אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט. ביי די אָפטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען פון די דאָזיגע פאַכען, ווי אויך ביי דעם סאָציאַליסטישען קאָנגרעס פון די אַרבייטער פון אַלע לענדער, האָבען די פאָרשטעהער פון די ברימישע טרייד יוּ־ ניאָנען צומייסטענס אוועקגעלייגט אָן אַ זייט יענע באַליידיגענדע גדלות, וואָס האָט געפיהרט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון 1884 צו דערקלעהרען, אַז צוליעב דעם, וואָס ער שטעהט העכער, קען דער בריטישער טרייד יוניאָניסט נים באַקומען קיינע נוצען פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטניסע. דאָס אַלעס צייגט, אַז דער גייסטיגער האָריזאָנט פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג איז ברייטער געוואָרן און אַז זי האָט זיך יעצט ווירקליך דערהויבען.

אכטער קאפיטעל.

די טרייד יוניאָן וועלט.

(1890-1894)

ווען מיר האָבען צווישען 1890 און 1894 געמאכט די אונ־טערזוכונג פון דער געשיכטע און דעם אָרגאַניזאַציאָנס צושטאַנד פון די אַלע פאַרשיידענע יוניאָנען, האָט ניט עקזיסטירט קיין סטאַ־טיסטיק וועגען דער גרויס פון זייער מיטגליעדערשאַפט. מיר האָ־בען דעריבער געזוכט צו באַקומען ניט נאָר אַן אַנאַליטישע השגה וועגען דער טרייד יוניאָן וועלט, ווי זי איז דאַמאָלסט געווען, נאָר אויך פולע ציפערן וועגען דעם טרייד יוניאָניזם פון איין עק קע־ניגרייך ביז דעם צווייטען. מיר האָבען דעם אַנאַליז געלאָזען ווי ער איז בעצם געווען אין דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם בוך אין 1894, אַלס אַ באַריכט פון דעם דאַמאָלסדיגען צושטאַנד, און אין שפּעטערע קאַפּיטלען מערקען מיר אָן די הויפּט ענדערונ־גען און די אַנטוויקלונג, וואָס זיינען פאָרגעקומען דורך די לעצ־טע דרייסיג יאָהר.

בשעת מיר האָבען באַהאַנדעלט די צאָהל פון דער גאַנצער מיטגליעדערשאַפט, אין 1894, זיינען מיר דאַמאָלסט געווען אי־בערצייגט, אַז הגם מיר האָבען אפשר פאַרזעהען אַ געוויסע צאָהל קליינע לאָקאַלע געזעלשאַפטען האָבען מיר אָבער איינגעשלאָסען יעדע יוניאָן פון יענער צייט, וואָס האָט געהאַט טויזענט מיט־גליעדער, ווי אויך פיעלע, וואָס האָבען געהאַט ווייניגער. אויף דעם יסוד פון די אונטערזוכונגען האָבען מיר געשאַצט, אַז די צאָהל טרייד יוניאָן מיטגליעדער אין דעם פאַראייניגטען קעניג־רייך צו ענדע 1892 איז זיכער געווען מעהר פון אָנדערהאַלבען מיליאָן און אַז זי האָט אָבער אפשר ניט דערגרייכט ביז זעכצעהן הונדערט טויזענד. אונזער אָפּשאַצונג איז אַ קורצע צייט שפּע־טער באַשטעטיגט געוואָרען. ארבייטענדיג אויף דעם סמך פון די ידיעות, וואָס מיר האָבען געגעבען, האָט דער ארבייטער דעפּאַרט־מענט פון דעם האַנדעלס מיניסטעריום געמאכט אַ ברייטערע

אונטערזוכונג און ער באריכטעט יעצט, אז די מיטגליעדערשאפט פון די טרייד יוניאָנען אין 1892 איז געווען 1,502,358.[1] די טרייד יוניאָניסטען פון 1892 האָבען דעריבער באטראָפען פיער פראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָהל פון דער באפעלקערונג.

אָבער אום צו מעסטען די קראפט פון דער טרייד יוניאָן וועלט פון 1892 האָבען מיר געמוזט פארגלייכען די צאָהל פון די טרייד יוניאָניסטען ניט מיט דער צאָהל פון דער באפעלקערונג פון לאַנד בכלל, נאָר מיט יענעם טייל איהרן, וואָס מען קאָן דער־ווארטען ער זאָל זיין איינגעשלאָסען אין די גרענעצען פון דעם טרייד יוניאָניזם. אזוי האָבען מיר געמוזט תחילת איגנאָרירן די באזיצענדע קלאסען, די פראָפעסיאָנאַלען, די ארבייטס־געבער און אַלע מינים קאָפּ־ארבייטער און באטראכטען אויסשליסליך די לוין־ארבייטער, וואָס זיינען באשעפטיגט ביי פיזישע ארבייט. אפילו פון דעם אזוי אויסגעגרענעצטען ארבייטער קלאס קאָנען

[1] דורך דעם גאנצען משך פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָט די רעגירונג ניט געמאַכט קיין גענויע, וויפיעל עס איז פינקטליכע, אונ־טערזוכונג וועגען דער צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין לאַנד. ביז דער באַשטימונג פון דזשאהן בוירנעט צום אַמט פון ארבייטער קאָרעספּאָנ־דענט פון דער „באָארד אָוו טרייד" (האַנדעלס מיניסטעריום) אין 1886 איז ניט געמאַכט געוואָרען קיין פארזוך צו זאמלען אָפיציעל וועלכע עס איז ידיעות וועגען דעם טרייד יוניאָניזם. די פינף יעהרליכע באַנדען, וואָס בוירנעט האָט פארעפענטליכט צווישען 1886 און 1891, האָבען אין זיך געהאַט אַן אוצר ידיעות איבער טרייד־יוניאָן סטאַטיס־טיק און די ציפערען זיינען פון יאָהר צו יאָהר געוואָרן מעהר פאָל־שטענדיג. דער באַריכט פאר דעם יאָהר 1891 האָט געגעבען פרטים וועגען 431 יוניאָנען מיט 1,109,014 מיטגליעדער און לויט דעם באַריכט פאר 1892 איז דער סך־הכל געווען עטוואָס גרעסער. אָבער זייענדיג באגרענעצט צו בלויז אַזעלכע געזעלשאפטען, וואָס האָבען אויסגעפילט די באַריכטען אין דעם באשטימטען פאָרם ווי געפאָדערט, האָט בוירנעט ניט געקאָנט אַריינעמען פיעלע עקזיסטירענדע יוניאָנען; און מען האָט אויך געמוזט אַ היבש ביסעל אַרונטערעכענען פון זיין סך־הכל צוליעב די מיטגליעדער, וואָס מען האָט געצעהלט אין ביידע, אין די באַצירקען אָרגאניזאציעס און אין די פעדעראציעס. דער „הויפט־רעגיסטראַר פון אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען" האָט אין זיין באַריכט פאר דעם יאָהר 1892 געגעבען פרטים וועגען 1,063,000 מיטגלידער בלויז פון רעגיסטרירטע 442 טרייד יוניאָנען, נאכדעם ווי מען האָט אַרונטערגערעכענט אַזעלכע אָרגאניזאציעס, וואָס זיינען ניט קיין טרייד

מיר אויסשליסען די קינדער און די יונגע מענשען וועניגער פון איין און צוואַנציג יאָהר אלט, וועלכע מען נעמט געוועהנליך ניט אריין אַלס מיטגליעדער אין טרייד יוניאָנען. די פרויען שטעלען מיט זיך פאָר אַ גרעסערע שוועריגקייט פאר דעם סטאַטיסטיקער. די צאָהל פון דערוואַקסענע פרויען לוין־אַרבייטערינען באשעפטיגט ביי פיזישע ארבייט אין 1891 האָט מען געשאצט צו זיין צווישען צוויי און דריי מיליאָן, פון וועלכע בלויז אַרום הונדערט טויזענד זיינען אפילו נאָמינאַל געווען אין די רייהען פון די טרייד יוניאָנען. אין וועלכער מאָס דער טרייד יוניאָניזם פון די מענער איז געווען שוואך צוליעב דעם, וואס ער האָט ניט איינגעשלאָסען די פרויען ארבייטערינען, איז א זאך, איבער וועלכע די מיינונגען זיינען פאַרשיידען. פון אַן אינדוסטריעלען שטאַנדפונקט ווענדעט זיך דער ענטפער אויף קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע באַטראַכטונגען, ווי איבער דער פראַגע אויף וויפיעל די פרויען קאָנקורירן מיט די יוניאָנען, און אויך פיעלע רשימות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו צוויי מאָל. אַ גרויסע צאָהל געזעלשאַפטען, ווי די „אַמאַלגאַמירטע אַסאָציאַציע פון וועבער פון די צפון־פּראָווינצען”, פיעלע פון די יוניאָנען פון די מינען־ארבייטער, די ענגלישע און שאָטלאַנדישע אַסאָציאַציעס פון דרוקער־ארבייטער, די „יונייטעד קינגדאָם סאָסייעטי אָוו קאָוטשמייקערס” (וואָגען־ארבייטער), די „קריסטאַל־גלאָז ארבייטער”, די „גלעזערנע פלאַשען ארבייטער פון יאָרקשייר” זיינען דאמאָלס ניט געווען רעגיסטרירט. (די מעהרסטע פון זיי זיינען עס נאָך יעצט אויך ניט). אויף אַזאַ אופן האָט אונזער אייגענע סטאַטיסטיק געצייגט אויף פופציג פראָצענט אַ גרעסערע מיטגליעדערשאַפט פון די טרייד יוניאָנען איידער די סטאַטיסטיק פון דער רעגיערונג. עס איז שווער איבערצוגעבען פינקטליך די צאָהל מיטגליעדער, וואָס יעדע באַזונדערע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט דערפאַר, וואָס דאָס ווענדעט זיך ווי מען באַטראַכט די פעדערירטע קערפּערשאַפטען. זיי זיינען כמעט אומענדליך פאַרשיידען אין כאַראַקטער, פון בלויז „אַ צענטער פאר פארבינדונגען”, וואָס ווערט אָנגעהאַלטען פון די צוויי און דרייסיג אונגאַנצען אומאפּהענגיגע לאָקאַלע געזעלשאַפטען פון די באָנדערס, ביז דער פעסטער פאראייניגטקייט פון די פערציג באַצירק אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען צוזאמען די „אַמאַלגאַמירטע אַסאָציאַציע פון ארבייטער אויף באַוועל־שפּינעריי מאַשינען”. די צאָהל פון די אומאבהענגיגע געזעלשאַפטען קען מען אָננעמען אַלס 930, אָדער אַלס אַזוי פיעל ווי 1750, לויט דעם שטאַנדפּונקט, וועלכען מען נעמט אָן, וועגען פעדערירטע יוניאָנען און פעדעראַציעס. מיר נעמען אָן זייער צאָהל בערך אלס 1100.

מענער אין געוויסע אינדוסטריען, אָדער די פרויען־אינדוסטריען קאָנקורירן מיט די אינדוסטריען, אין וועלכע מענער זיינען באַ־שעפטיגט. צוליעב דעם, וואָס די פרויען זיינען ביז דעם יאָהר 1918 געווען אויסגעשלאָסען פון באטייליגען זיך אין די וואהלען צום פארלאמענט, האָט זייער פעהלען אין דעם טרייד יוניאָניזם ווענינ געווירקט שוואכער צו מאכען זיין פּאָליטישע ווירקונג. מיר האָבען אין אונזערע אנדערע ביכער באהאנדעלט די פראגע וועגען דעם שייכות פון די פרויען ארבייטערינען צו די טרייד יוניאָן אָרגאניזאציעס. דערווייל לאָזען מיר אוים די פרויען, ווי די יונגע מענשען אונטער איין און צוואנציג יאָהר אַלט, פון אונזער אָפּשאצונג וועגען דעם אָרט, וואָס דער טרייד יוניאָניזם האָט פארנומען אין דעם לעבען פון דעם ארבייטער קלאַס.

אונז איז ניט באַקאַנט קיין פּינקטליכע סטאטיסטיק וועגען דער גאַנצער צאָהל פון די פיזישע ארבייטער אין לאַנד. די צי־פערען, וואָס זיינען געזאמעלט געוואָרן פון לעאָן ליוואַי און פון סער ראָבערט גיפפען, צוזאמען מיט די אויספיהרונגען, וואָס מען קאָן מאכען אויף דעם סמך פון דער פּאָלקסציילונג און פון די ווערק פון טשארלז בוטה, האָבען אונז געפיהרט צום באשלוס — אמבעסטען בלויז א היפּאָטעטישער [באגרינדעט אויף א השערה], אַז פון די ניין מיליאָן מענער איבער איין און צוואנציג יאָהר אַלט, וואָס זיינען געווען אין ענגלאַנד אין 1891, זיינען ארום זיבען מיליאָן געווען פיזישע ארבייטער. פון יעדע הונדערט נפשות פון דער באַפעלקערונג פון אַלע עלטערס, זיינען, אין דעם זין, ארום זעכצעהן דערוואקסענע מענער־ארבייטער. אָננעמענדיג פאר דערווייל די היפּאָטעטישע אָפּשאַצונג, קומען מיר צום שלוס, אַז די טרייד יוניאָניסטען האָבען אין יענער צייט געצעהלט ארום צוואנציג פּראָצענט פון די דערוואקסענע מענער פיזישע ארביי־טער, אָדער אַז, אַלס א כלל, איין ארבייטער פון יעדע פינף האָט באַלאַנגט צו א יוניאָן.

אָבער דער איבערגעארבייטער פּראָצענט גופא גיט א פאַלשע השגה. אויב די אָנדערהאַלבען מיליאָן טרייד יוניאָניסטען וואָל־טען געווען גלייך צוטיילט צווישען אַלע באשעפטיגונגען אין אַלע געגענדען, וואָלט א באוועגונג, וואָס נעמט ארום בלויז צוואנציג

פּראָצענט פון די ארבייטער, געהאט א גאַנץ קליינע עקאָנאָמישע אָדער אינדוסטריעלע וויכטיגקייט און אויך ניט קיין גרויסען געוויכט אין דער פּאָליטישער וועלט. די טרייד יוניאָן באַוועגונג האָט באקומען אזא באדייטונג, אפילו דרייסיג יאָהר צוריק, און די אָנדערהאַלבען מיליאָן נפשות זיינען פארוואנדעלט געוואָרן אין א באזונדער אָרגאַניזירטער וועלט צוליעב דעם, וואָס די טרייד יוניאָניסטען זיינען געווען אזוי קאָנצענטרירט אין געוויסע אינדוסטריען און אין געוויסע באצירקען, אז זיי האָבען דאָרט צוזאַמענגעשטעלט א מעכטיגע מאַיאָריטעט פון דעם ארבייטער קלאַס. די טרייד יוניאָניסטען זיינען געווען קאָנצענטרירט אין די רייכע אינדוסטריעלע באצירקען פון דעם צפון פון ענגלאנד. אין די זיבען פּראָווינצען פון ענגלאנד צו צפון צו פון (די טייכען) דעם הומבער און דעם די זיינען געווען לכל הפחות זיבען הונדערט זעקס און צוואַנציג טויזענד מיטגליעדער פון פּאַך געזעלשאפטען, אָדער כמעט האלב פון דער גאַנצער צאָהל אין דעם פאראייניגטען קעניגרייך. א היפּשען מהלך פון זיי זיינען געווען די אינדוסטריעלע מידלאנדס (מיטעללאנדישע געגענדען), וואו די זיבען פּראָווינצען לייסעסטער, דורבי, נאָטטס, וואָרוויק, גלוסעסטער, נאָרהאמפּטאָן און סטאַפּפאָרד האָבען בסך הכל געהאט א טרייד יוניאָן מיטגליעדרשאפט פון לכל־הפחות צוויי הונדערט צעהן טויזענד, בשעת סאוטה וועילז, איינשליסענדיג מאָנמאוטהשייר, האָט געצעהלט נאָך ניין און אכציג טויזענד מיטגליעדער פון פּאַך געזעלשאפטען. דער זעהר געדיכטער לאָנדאָנער באצירק, אין וועלכען מען מוז אריינרעכענען מידלסעקס, די קלענערע שטאָדט־געגענדען וועסט־האם, קראָידאָן, ריטשמאָנד און קינגסטאָן, ווי אויך בראָמלי און קענט, האָבען געגעבען ניט מעהר פון הונדערט פיער און נײַנציג טויזענד טרייד יוניאָניסטען.

די דאָזיגע פיער באצירקען, וואָס האָבען צוזאמען געהאט כמעט איין און צוואַנציג מיליאָן איינוואוינער, אָדער מעהר פון צוויי דריטעל פון דער באפעלקערונג פון ענגלאנד און וועלש (וועילז), האָבען אין 1892 געהאט צוועלף דרייצעהנטלאך פון איהרע טרייד יוניאָניסטען. די צאָהל טרייד יוניאָן מיטגליעדער אין די איבעריגע טיילען פון לאנד, מיט א באפעלקערונג פון אכט

מיליאָן נפשות, איז ניט געווען מעהר פון הונדערט פינף טויזענד, אממעהרסטען שווערע ארבייטער. די איינציגע פּראָווינץ אין ענגלאַנד, אין וועלכער מיר האָבען אין 1892 ניט געפונען קיין שפּור פון א טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע, איז געווען רוטלאַנד, וואָס האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין איין איינציגען לאָקאַל פון וועלכער עס איז יוניאָן. אין האָנטינגדאָנשייר, הירפאָרדשייר און אין דאָרסעטשייר, וואָס האָבען געהאַט אלע צוזאַמען א באַפעל־קערונג פון איבער דריי הונדערט פופציג טויזענד, האָבען זיך, לויט אונזער אָפּשאַצונג, גערעכענט בלויז ארום זיבען הונדערט און צעהן טרייד יוניאָניסטען פאַר זיי אלע. שאָטלאַנד, מיט א באַפעלקע־רונג פון פיער מיליאָן, האָט געהאַט הונדערט פערציג זיבען טוי־זענד טרייד יוניאָניסטען, כמעט אלע קאָנצענטרירט אין דעם שמאַ־לען אינדוסטריעלען לאַנד־פאַס צווישען דעם קלאַיד און דעם פאָרטה (טייכען), און צוויי דריטעל פון דער צאָהל האָבען באמת באַ־לאַנגט צו גלאַזגאָו און צו די שכנ׳ישע אינדוסטריעלע צענטרען. אירלאַנד, וועמעס באַפעלקערונג איז געווען נאָך גרעסער מיט דריי פערטעל מיליאָן נפשות, האָט גערעכענט בלויז פערציג טויזענד אָרגאַניזירטע ארבייטער, ניין צעהנטעל פון וועלכע האָבען באַ־לאַנגט צו דובלין, בעלפאַסט, קאָרק און לימעריק.

פון די באַזונדערע פּראָווינצען זיינען נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם אין יענער צייט געשטאַנען אין דעם פּרט בראש און נאָ־הענט צו זיי איז געווען לאַנקאַשייר. די טאַבעלע אויף דעם ווייטערדיגען זייט גיט פּרטים וועגען די שטאַרקסטע טרייד יוניאָן פּראָווינצען אין ענגלאַנד און אין וועילז* פון יענער צייט.

די אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג צייגט אונז תיכף, אז דער טרייד יוניאָניזם איז בכלל געווען שטאַרק אָדער שוואַך אין 1892, ווי ער איז אין 1920, לויט דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקע־רונג. די שיטער באַפעלקערטע פלאַכען פון דאָרסעטשייר, די הויכע געגענדען פון שאָטלאַנד, דער מערב פון אירלאַנד, די בערג

* ענגלאַנד — ווי אָפט אין דעם בוך — ניט אלס דער גאַנצער „פאַר־אייניגטער קעניגרייך” אָדער די „בריטאַנישע אינזלען”, נאָר אלס דער גרויסער דרום־טייל פון דעם קעניגרייך. סקאָטלאַנד (שאָטלאַנד) איז אין דעם ווייטערן צפון. וועילז איז אַ קלענערע פּראָווינץ. — איבערז.

פון קומבערלאנד און פון וועסטמאָרלאנד זיינען פאַקטיש געווען פריי פון טרייד יוניאָניזם. די טאָלען פון דעם טאַין און טיז, לאנקאשייר און לאָנדאָן, און די זעהר טעטיגע אינדוסטריעלע דערפער פון די מידלאנדס צייגען א פארהעלטניסמעסיג הויכען פּראָצענט. אָבער מען קאָן בשום אופן ניט אָננעמען, אז די שטאַרקייט פון דעם טרייד יוניאָניזם איז אומעטום די זעלבע בערך צו דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג. אָלדהאַם, למשל, מיט א באַפעלקערונג פון 201,153 האָט געהאט פינף און צוואַנציג טויזענד מענער יוניאָניסטען,[1] אָדער 12.43 פּראָצענט, אין דער צייט ווען אין בוירמינגהאם (איינשליסענדיג די פאָרשטעדטלאך אסטאָן, האַנדסוואָרטה און סאָליהולל), מיט א באַפעלקערונג פון 621,263, זיינען געווען בלויז זעקס און צוואַנציג טויזענד יוניאָניסטען, אָדער 4.19 פּראָצענט. ניוקעסל (צוזאמען מיט געיטסהעד) מיט 328,066 איינוואוינער, האָט געהאט 26,500 טרייד יוניאָניסטען, אָדער 8.08 פּראָצענט, בשעת לידז (צוזאמען מיט וואָרטלי, הונסלעט און בוירלי) האָט געהאט בלויז זעכצעהן טויזענד אויף א באַפעלקערונג פון 415,243, אָדער 3.85 פּראָצענט; און דער מערקווירדיגסטער אויסנאם פון אלע איז געווען דער געדיכט באַפעלקערטער געגענד פון דער הויפּטשטאָדט, מיט זיינע פינף און א האלב מיליאָן איינוואוינער, וואָס האָט געהאט בלויז 194,000 טרייד יוניאָניסטען, אָדער בלויז 3.52 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, בשעת לאַנקאשייר, אפילו איינשליסענדיג איהרע זומפלענדער אין צפון און איהרע גרויסע אַגריקולטורעלע טיילען, האָט געהאט דריי הונדערט צוויי און דרייסיג טויזענד טרייד יוניאָניסטען אויף ווענינגער פון פיער מיליאָן נפשות, אָדער 8.63 פּראָצענט פון איהר באַפעלקערונג. רעכענענדיג, אז אכטצעהן פון יעדע הונדערט נפשות פון דער באַפעלקערונג זיינען דערוואקסענע מענער ארבייטער, קומט אויס, אז אין איינינגע פּראָווינצען זיינען פופציג פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל ארבייטער געווען אָנהענגער פון דעם טרייד יוניאָניזם.

[1] אלע צוזאַמען זיינען דאמאָלס געווען אין אָלדהאם ארום פינף און פערציג טויזענד אָרגאַניזירטע ארבייטער, אָבער פון דער צאָהל זיינען צוואַנציג טויזענד געווען פרויען.

אַ טאַבעלע, וואָס צייגט די צאָהל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין געוויסע פראָווינצען פון ענגלאַנד און סאַוטה וועילז, אין 1891, די פעסטגעשטעלטע צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין יענע פראָווינצען אין 1892, און דעם פּראָצ. בערך צו דער באַפעלקערונג אין יעדער פראָווינץ.

פּראָווינץ („קאונטי")	צאָהל פון דער באַפעלקערונג אין 1891	פעסטגעשטעלטע צאָהל פון מיטגלידער פון טרייד־געזעלשאַפטען אין 1892.	פּראָצ. טרייד יוניאָניסטען בערך צו דער באַפעלקערונג.
נאָרטהומבערלאַנד	506,030	56,815	11.23
דורהאַם	1,024,369	114,810	12.21
לאַנקאַשייר	3,957,906	331,535	8.63
יאָרקשייר, איסט רײדינג	318,570	23,630	7.42
לײסעסטערשייר	379,286	27,845	7.34
דוירבישייר	432,414	29,510	6.82
סאַוטה וועילז און מאָנמאוטהשייר	1,325,315	88,810	6.70
נאָטטינגהאַמשייר	505,311	31,050	6.14
יאָרקשייר, וו. רײדינג	2,464,415	141,140	5.73
גלוסעסטערשייר	548,886	26,030	4.74
טשעשייר	707,978	32,000	4.52
סטאַפּפאָרדשייר	1,103,452	49,545	4.49
סופפאָלק	357,758	14,885	4.21
וואַרוויקשייר	801,738	36,600	4.19
נאָרטהאַמפּטאָן	308,072	12,210	3.96
קומבערלאַנד	266,549	10,280	3.86
דער לאָנדאָנער באַצירק (איינשליסענדיג מידל־סעקס, קראָידאָן, וועסט־האַם, ריטשמאָנד, קינגס־טאָן און בראָמלי) .	5,517,583	194,083	3.52
יאָרקשייר, נאָרטה רײדינג מיט דער שטאָדט יאָרק סיטי	465,807	15,215	3.49
סך הכל'ס . .	20,957,529	1,232,993	5.89

אָבער דער פּראָצענט־ערך אַליין גיט ניט קיין גענוגענדע חשגה וועגען דעם, אויף וויפיעל דער טרייד יוניאָניזם האָט, אפילו אין 1892, באהערשט די אינדוסטריעלע צענטרען, וואו ער איז געווען אמשטארקסטען. אויסער דער קאָנצענטרירונג לויט די געגענדען, איז געווען א ווייטערע קאָנצענטרירונג לויט די פאכען, — א פאקט, וואָס דערקלערט אין א גרויסער מאָס די געאָגראפישע פאנאנדערטיילונג. די פאָלגענדע טאבעלע צייגט אין וועלכער פּראָפּאָרציע האָבען די הויפּט אינדוסטריען בייגעשטייערט צום סך־הכל פון די טרייד יוניאָן כחות.

באמערקונג:—פון די 331,535 מיטגליעדער פון פאך־געזעלשאפטען אין לאנקאשייר, אין 1892, לויט ווי עס איז אָנגעגעבען געוואָרן אין דער טאַבעלע (זייט 569), זיינען אַבציג טויזענט געווען פרויען. גאַנצע פיער פינפטלאך פון אלע אָרגאניזירטע פרויען זיינען צו יענער צייט געווען אין די טרייד יוניאָנען פון די טעקסטיל אַרבייטער אין לאָנקאַשייר.

קיין אַנדער פראָווינץ האָט ניט געהאט קיין פופצעהן טויזענד טרייד יוניאָניסטען, אָדער אפילו אזוי פיעל, ווי דריי פּראָצענט פון איהר באַפעלקערונג, אין פאַך געזעלשאפטען.

אַ טאַבעלע, וואָס ציינט בערך די צאָהל מיטגליעדער פון די פאַך־געזעלשאַפטען אין 1892, לויט די אינדוסטריען, אין פארשיידענע טיילען פון דעם פאראייניגטען קעניגרייך.

פ אַ ך.	ענגלאנד און וועילז[1]	שאָטלאַנד	אירלאַנד	סך־הכל
אינזשעניערריי (מאַשינען־ארבייט) און מעטאַל ארבייט . . .	233,450	45,300	8,250	287,000
בוי־פאַכען	114,500	24,950	8,550	148,000
מינען־ארבייט . . .	325,750	21,250	——	347,000
טעקסטיל מאַנופאַקטור .	184,270	12,330	3,400	200,000
קליידער און לעדער ארבייט פאַכען . . .	78,650	8,400	2,950	90,000
דרוקעריי ארבייט פאַכען	37,950	5,650	2,400	46,000
פארשיידענע מלאכות . .	46,550	7,450	4,000	58,000
שווערע ארבייטער און טראַנספּאָרט ארבייטער	302,800	21,670	10,450	335,000
סך הכל'ם . . .	1,324,000	147,000	40,000	1,511,000[2]

[1] צוזאַמען מיט די אינזלען פון קאַנאַל און דעם „אַייל אָוו מען", וואָס האָבען צוזאַמען געהאַט 1285 טרייד יוניאָניסטען.

[2] אין דעם סך־הכל געהען אַריין 99,650 פרויען, אָרגאַניזירט אין 52 יוניאָנען צוטיילט צווישען די גרופען אַזוי:

אינזשעניערריי און מעטאַל ארבייט — — — — 2.850
בוי ארבייט און מעבעל פאַכען — — — — — 300
מינען ארבייט — — — — — — — — — — — — — 00
טעקסטיל מאַנופעקטור — — — — — — — — 80.900
קליידער און לעדער ארבייט פאַכען — — — — 8.650
דרוקעריי ארבייט פאַכען — — — — — — — 400
פארשיידענע מלאכות — — — — — — — — — 3.450
שווערע ארבייט און טראַנספּאָרט — — — — — 3.100

99.650

מיר קענען צוגעבען, אַז אין דער סטאַטיסטיק פאַר 1892, וואָס די „באָארד אָוו טרייד" האָט שפּעטער פארעפענטליכט, אויסגעשטעלט לויט אַן עטוואָס פארשיידענע קלאַסיפיקאַציע, זיינען די סך־הכל'ס פאַר די אינדוסטריעלע גרופען עטוואָס אַנדערש און דער גאַנצער סך־הכל איז 1,502,358.

די דאָזיגע טאַבעלע צוזאמען מיט דער פריהערדיגער, וואָס ציינט די געאָגראַפישע פאַנאַנדערטיילונג פון דעם טרייד יוניאָניזם, גיט דעם לעזער אין אַלגעמיין אונזער גאנצען סטאַטיסטישען איבערבליק איבער דעם טרייד יוניאָניזם פון 1892. פאר יענע, וואָס ווילען גענויער שטודירן טרייד יוניאָן סטאַטיסטיק, קאָנען נוצליך זיין רשימות מיט מעהר פּרטים. איידער מיר פּרובירען צו מאָלען דעם טרייד יוניאָן לעבען, וועלען מיר דעריבער אָפּגעבען א טוצען זייטען, (וואָס דער אַלגעמיינער לעזער קאָן מיט א ריינעם געוויסען איבערהיפּען), פאר די טרוקענע פאַקטען וועגען דער אָרגאַניזירונג פון יעדער פון די אכט גרויסע אָפּטיילונגען, אין וועלכע די טרייד יוניאָן מיטגליעדערשאַפט פון 1892 איז געווען פאנאַנדערגעטיילט.

די ערשטע אָפּטיילונג, וואָס נעמט אריין די פיעלע אויס־צווייגונגען פון די פאַכען פון אינזשעניערעריי, מעטאַל־ארבייט און שיף־בוי, האָט זיך דאמאָלסט אויסגעצייכענט מיט לאַנג־עטאַבלירטע און הויך אנטוויקעלטע נאַציאָנאַלע יוניאָנען, מיט גרויסע מיטגליעדערשאַפטען, א צענטראַליזירטע פארוואלטונג און גרויסע אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען. די 287 טויזענד טרייד יוניאָניסטען פון דער אָפּטיילונג זיינען געווען אָרגאַניזרט אין מעהר פון 260 באַזונדערע געזעלשאַפטען, אָבער כמעט איין העלפט פון זיי האָט באַלאַנגט צו די פיער גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, די „אַמאַלגעמייטעד סאָסייעטי אָוו אינדזשענירס" (מאַשיניסטען, געגרינדעט אין 1851), די „יונייטעד סאָסייעטי אָוו באָילער־מייקערס ענד אייראָן שיפּבילדערס" (קעסעל־ארבייטער און בויער פון אייזערנע שיפען, געגרינדעט אין 1832),[1] די „פריענדלי סאָסייעטי אָוו אייראָפאונדערס אָוו ענגלאַנד, איירלאַנד ענד וועילז" (אייזענגיסער, געגרינדעט אין 1809), און די „אסאָשיאייטעד סאָסייעטי

[1] די קעסעל ארבייטער גיבען אָן, אַז זייער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1834, אָבער עס זיינען דאָ באַווייזען, אַז די געזעלשאַפט האָט עקזיסטירט אין 1832. אין עטליכע אַנדערע פאַלען, ספּעציעל בנוגע צו די שטיינמויערער, לייטונג־ארבייטער און מויערער, איז אונז געלונגען אויסצוגעפינען, אַז די געשיכטע פון זייערע אָרגאַניזאַציעס איז עלטער, איידער מען האָט ביז יעצט געדענקט.

אָוו שיפּרייהטס״ (שיף־בויער), א שפּעטערע אמאלגאמירונג, וואָס איז געמאכט געוואָרן אין 1882, פון די פיעלע זעהר אלטע לאָקאלע יוניאָנען פון די בויער פון הילצערנע שיפען. פון די גרויסע יוניאָנען איז די אָרגאניזאציע פון די קעסעל־ארבייטער, מיט איהרע ניין און דרייסיג טויזענד מיטגליעדער, געווען גאר ניט בערך די שטאַרקסטע און קיין אנדער יוניאָן האָט ניט געקאָנט מיט איהר קאָנקורירען אין דעם פּרט פון איבערגעבענקייט צו איהר פון די ארבייטער אין דעם פאך; זי האָט פאקטיש אריינגענומען די גאנצע מאסע געלערנטע בעלי־מלאכות, וואָס זיינען באשעפטיגט ביים בויען פון אייזערנע שיפען און ביי קעסעל־ארבייט פון איין עק פון דעם פאראייניגטען קעניגרייך ביז צום צווייטען. די גרויסע יוניאָנען פון אייזען־גיסער און שיף־בויער, די ערשטע מיט פופצעהן טויזענד און די צווייטע מיט פערצעהן טויזענד מיטגליעדער, האָבען נים אריינגענומען אלע ארבייטער פון זייערע פאכען, ווי די יוניאָן פון קעסעל־ארבייטער. די „אסאָשיאייטעד סאָסייעטי אָוו אייראָנמאָולדערס (אייזען־גיסער) אָוו סקאָטלאנד״, (געגרינדעט אין 1831), מיט זעק סטויזענד מיטגלידער, און עטליכע קלענערע יוניאָנען פון וועניגער געלערנטע אייזען־גיסער, האָבען אויפגעהאלטען באזונדערע אָרגאניזאציעס, בשעת די „שיפּרייטהס׳ פּראָווידענט יוניאָן אָוו דהי פּאָרט אָוו לאָנדאָן״, (געגרינדעט אין 1824, פערצעהן הונדערט מיטגליעדער), די „ליווערפּול טרייד ענד פריענדלי אסאסיאיישאָן אָוו שיפּרייהטס״ (שיף־בויער, געגרינדעט אין 1800, פערצעהן הונדערט מיטגליעדער), און עטליכע אנדערע אלט־מאָדישע האפען יוניאָנען האָבען זיך נאָך אלץ געהאלטען פון דערווייטענס פון די אמאלגאמירטע שיף־בויער.[1] די „אמאלגאמירטע מאשיניסטען געזעלשאפט״, די גרעסטע צענטראַליזירטע טרייד יוניאָן אין דעם קעניגרייך, מיט זעקס און זעכציג טויזענד מיטגליעדער אין לאנד און פינף טויזענד אין אויסלאנד,

[1] די פּאָרט יוניאָנען פון די זעגעל־ארבייטער, וועלכע זיינען געווען אזוי פּאַרציוטיג אַלטמאָדיש, ווי די שיף־בויער, און זיינען, ווי יענע, געגרינדעט געוואָרן אין דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, האָבען זיך אין 1890 פאראייניגט אין א „פעדעראציע פון זעגעל־ארבייטער פון גרויס־בריטאַניען און פון אירלאַנד״ מיט צוועלף הונדערט מיטגליעדער.

איז געווען גרעסער פון אַלע אַנדערע, אָבער זי האָט געמוזט קאָנקורירן מיט פעסטע געגענד־ אָדער לאָקאַלע־יוניאָנען, וואָס האָבען אריינגענומען איינעם אָדער מעהר פון די פיעלע קלאַסען ארבייטער אין דעם אינזשענירעריי און מאַשינען־ארבייט פאַכען.[1] צווישען די אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיגט ביי דער אויסאַרבייטונג פון דעם אייזען און דעם שטאָל גופא, האָט זיך די „בריטיש סטיל סמעלטערס אַסאָסיאיישאָן" (שטאָל־גיסער, געגרינדעט אין 1886), מיט 2,400 מיטגליעדער, תחילת א שאָטלאַנדישע יוניאָן, פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצען קעניגרייך, בשעת די „אסאָציאירטע געזעלשאַפט פון אייזען און שטאָל ארבייטער" (געגרינדעט אין 1862), מיט 7,800 מיטגליעדער, האָט פאַרנומען א גאַנץ באַזונדער פּלאַץ אין דער טרייד יוניאָן וועלט צוליעב איהר לאַנגע און פעסטע איבערגעבענקייט צו דער באַוועגליכער לוין־טאַבעלע. די בלעך ארבייטער, די אַרבייטער פון בלעכענע כלים,[2] („האָלאָו־וועיר"), די מעטאַל־שניידער („טשיפּערס") און מעטאַל־בויערער (וואָס בויערן לעכער אין מעטאַל), די שנייד־געצייג ארבייטער פון שעפיעלד און די בעלי־מלאכות, וועלכע אַרבייטען ביי די טייערע מעטאַלען זיינען געווען צובראָקעלט

---

[1] די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען די „סטים־אינדזשין מייקערס' סאָסייעטי" (געגרינדעט אין 1824, 6000 מיטגליעדער), די „אַסאָשיאייטעד בלעקסמיטהס סאָסייעטי" (אַ שאָטלאַנדישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין 1857, 2300 מיטגליעדער), די „יונייטעד קינגדאָם פּעטערן מייקערס אסאָסיאיישאָן" (געגרינדעט אין 1872, 2500 מיטגליעדער), די „נײשאָנאל סאָסייעטי אָוו אַמאַלגאַמייטעד ברעסוואָירקערס" (געגרינדעט אין 1872, 6500 מיטגליעדער), די „יונייטעד דזשאָירנימען ברעס פאַונדערס אסאָסיאיישאָן אָוו גרייט בריטעין ענד איירלאַנד" (געגרינדעט אין 1866, 2500 מיטגליעדער) און די „יונייטעד מאַשין־וואָירקערס אסאָסיאיישאָן", (געגרינדעט אין 1844, 2500 מיטגליעדער).

[2] די בלעך־אַרבייטער (וואָס האָבען דעם בלעך געמאַכט) האָבען געהאַט אַ יוניאָן אין סאוטה וויילס, געגרינדעט אין 1871 און רעאָרגאַניזירט אין 1887, וואָס האָט אַנגעגעבען די צאָהל פון איהרע מיטגליעדער אַלס צעהן טויזענט. די „נעשאָנאַל אַמאַלגאַמייטעד טינפּלייטס וואָירקערס' אסאָסיאיישאָן אָוו גרייט בריטעין" (געגרינדעט אין 1876) האָט געהאַט דריי טויזענט מיטגליעדער און די „דזשענעראַל יוניאָן אָוו שיט־מעטאַל וואָירקערס", געגרינדעט אין 1861, האָט געהאַט 1250 מיטגליעדער.

אין אָהן א שיעור לאָקאלע געזעלשאפטען מיט זעהר ווענינ. פּע־ע־ראטיווע פאראייניגונג צווישען זיך.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען ווי גרויס עס איז געווען די דאָזיגע טרייד יוניאָניסטישע אפטיילונג אין שאָטלאנד בערך צום סך־הכל אין יענער פּראָווינץ. בשעת אין ענגלאנד און אין וועלש האָט זי געהאט בלויז איין זעקסטעל פון דעם גאנצען סכום טרייד יוניאָניסטען, האָט זי אין שאָטלאנד געהאט כמעט א דריטעל פון די דאָרטיגע אָרגאניזירטע ארבייטער, און דער דריטעל איז כמעט אין גאנצען געווען קאָנצענטרירט ארום גלאזגאָ.

א טאַבעלע, וואָס צייגט בערך די צאָהל פון טרייד יוניאָניסטען אין יעדער גרופע פון די מאַשינען־אַרבייט און שיף־בוי פאַכען.

פאָך.	ענגלאנד	שאָטלאנד	אירלאנד	סך־הכל
מאַשיניסטען און מאַשינען־ארבייטער . . .	74,000	8,250	2,750	85,000
שמיעדען און פערד־שמיעדען	7,350	2,250	300	9,900
מעש און קופער ארבייטער	13,350	2,000	150	15,500
מעטאל־בלעך ארבייטער	16,000	1,300	200	17,500
אייזענגיסער און ארבייטער ביי אינערליכע טיילען פון מאַשינען („קאָורמייקערס")	15,500	7,250	500	23,250
שיף־בויער און קעסעל־אַרבייטער	45,500	13,250	2,600	62,350
אייזען און שטאָהל־שמעלצער	23,500	1,500	—	25,000
ארבייטער ביי די שעהנע מעטאַלען	3,500	—	—	3,500
פארשיידענע מעטאל־ארבייטער	34,750	9,500	750	45,000
סך־הכל'ס . . .	233,450	45,300	8,250	287,000

די אָרגאניזאציע פון די בויער און מעבעל אַרבייטער איז איז אין פיעלע הינזיכטען געווען עהנליך צו די אָרגאניזאציעס פון די

מאשיניסטען און די שיף־בויער. די 148,000 טרייד יוניאָניסטען אין דער אָפּטיילונג זיינען געווען צואוואָרפען אין 120 באזונדערע יוניאָנען. אָבער דאָ אויך געפינען מיר, אז איין העלפט פון זיי באלאנגען צו איינע פון די דריי צענטראליזירטע פאך אונטערשטי־צונגס געזעלשאפטען, וואָס זיינען געווען אָרגאניזירט אויף א נאציאָנאלען מאסשטאב. פון די איז די „פרענדלי סאָסייעטי אָוו אָפּעריייטיוו סטאָונמייסאָנס" (שטיינמויערער, געגרינדעט אין 1832, זעכצעהן טויזענד מיטגליעדער) געווען די שטאַרקסטע, ניט האָבענדיג פּראַקטיש קיין געגען־אָרגאַניזאַציע אין גאַנץ ענגלאנד אָדער אירלאנד און זייענדיג אין פריינדליכע פארהעהלטניסע מיט דער אָרגאניזאציע פון דעם זעלבען פּאַך אין שאָטלאנד, מיט דער „יונייטעד אָפּערייטיוו מייסאָנ'ס אסאָסיאיישאָן אוו סקאָט־לאנד", (געגרינדעט אין 1831, פינף טויזענד מיטגליעדער). אָבער די גרעסטע און די רייכסטע יוניאָן פון דער אָפּטיילונג איז געווען די „אמאלגעמייטעד סאָסייעטי אָוו קארפּענטערס ענד דזשאָי־נערס", (סטאָליארעס און בויער, געגרינדעט אין 1860, פיער און דרייסיג טויזענד מיטגליעדער אין לאנד און פיער טויזענד אין אויסלאנד). הגם די געזעלשאפט האָט געצעהלט בלויז א קליינעם טייל פון אלע סטאָליארעס אין דעם קעניגרייך, האָט זי אָבער גע־האט דריי פערטעל פון די בעלי־מלאכות, וועלכע זיינען געווען טרייד יוניאָניסטען; דער איבעריגער פערטעל איז געווען צוטיילט צווישען דער „אסאָשיאייטעד קארפּענטערס ענד דזשאָינערס אָוו סקאָטלאנד" (געגרינדעט אין 1861, זעקס טויזענד מיטגליעדער), די אלטע „דזשענעראל יוניאָן אָוו קארפּענטערס ענד דזשאָינערס אָוו ענגלאנד" (געגרינדעט אין 1827, פיער טויזענד מיטגליעדער) און עטליכע קליינינקע פאך קלובען אין דער הויפּט־שטאָדט, וואָס האָבען זיך אנטזאגט צוזאמענצוגיסען זיך מיט וועלכער עס איז פון די נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס. די ציגעל־מויערער זיינען גע־ווען כמעט אין דער זעלבער לאגע, ווי די סטאָליארעס. די „אָפּע־רייטיוו בריקלעיערס" (געגרינדעט אין 1828, צוויי און צוואנציג טויזענד מיטגליעדער) האָט געהאט דריי פערטעל פון די טרייד יוניאָניסטען פון דעם פּאַך, די איבריגע האָבען באלאנגט אָדער צו דער „יונייטעד אָפּערייטיוו בריקלעיערס' טרייד, עקסידענט ענד

בוירישל סאָסייעטי" (געגרינדעט אין 1832, 2,500 מיטגליעדער), אָדער צו עטליכע איזאָלירטע לאָקאַלע פאַך קלובען אין שאָטלאַנד און אין אירלאַנד. פון די אנדערע יוניאָנען אין די בוי־פאכען איז די „יונייטעד אָפּערייטיוו פּלאָמערס' אסאָסיאיישאָן אָוו גרעיט בריטעין ענד איירלאַנד" (געגרינדעט אין 1832, רעאָרגאַניזירט אין 1865, 6,500 מיטגליעדער) געווען אין א גרויסער מאָס די שטאַרקסטע און די פעסטסטע און זי איז געווען ספּעציעל אינ־טערעסאַנט מיט דעם, וואָס איהר קאָנסטיטוציע איז געבליבען פּראַקטיש די זעלבע ווי די פעדעראַטיווע קאָנסטיטוציע פון דער „בילדערס' יוניאָן" פון 1830-34. מיט דעם אויסנאַם פון דער „יונייטעד אָפּערייטיוו פּלאָמערס' אסאָסיאיישאָן אָוו סקאָטלאַנד" (געגרינדעט אין 1872, זיבען הונדערט מיטגליעדער), א קליינע געזעלשאַפט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַן אָפּשפּאַלטונג, האָט קיין געגען־אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירט. פאַרקעהרט, — די מאַלער, די שיעפערער („סלעיטערס", שיעפער־שטיין ארבייטער) די פאַק־קאַסטענס אַרבייטער, די טופּיצירער און די פּראַנצויזיש־פּאָליטורערער („פרענטש־פּאָלישערס") זיינען געווען צושפּאָלטען אין אָהן א שיעור קליינע יוניאָנען, בשעת די מעבעל־אַרבייטער און די טינקעווער („פּלאַסטערערס") האָבען געהאַט צו היפּשע אָרגאַ־ניזאַציעס[1] און צו עטליכע קלענערע געזעלשאַפטען, וואָס האָבען אָבער אַריינגענומען בלויז א קליינעם טייל פון זייערע פאַכען.

[1] די „אליועגס קאַבינעטמייקערס' אסאָסיאיישאָן" (געגרינדעט אין 1865, 6500 מיטגליעדער) און די „נעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו אפּעריי־טיוו פּלעסטערערס" (געגרינדעט אין 1862, זיבען טויזענט מיטגלידער).

א טאַבעלע, וואָס ציינט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין די פאַר־שיידענע צווייגען פון די בוי און מעבעל פאכען.

פ א ך.	ענגלאנד	שאָטלאַנד	אירלאַנד	סך־הכל
שטיינמויערער	16,750	8,250	250	25,250
ציעגעל־מויערער . . .	24,000	700	2,300	27,000
סטאָליארעס	33,000	7,850	3,250	44,100
מעבעל־ארבייטער . . .	7,200	2,000	300	9,500
זעגער און אַנדערע האָלץ־ארבייטער	4,250	350	150	4,750
טינקעווער (פלאַסטערער)	7,500	1,000	500	9,000
מאַלער	12,400	2,150	1,000	15,550
ל י י ט ו נ ג ארבייטער (פלאָמער)	5,400	1,200	400	7,000
טופיצירער און פּאָליטור־רער, (פרענטש פּאָלישערס)	2,500	450	300	2,250
פארשיידענע בוי פאכען	1,500	1,000	100	2,600
סך־הכל׳ס . . .	114,500	24,950	8,550	148,000

די מינען־גרעבער און די שטיינהאקער, האָבענדיג ארום פינף און זעכציג פעראיינען, זיינען אין 1892 געווען די אמבעסטען אָרגאַניזירטע פון די אכט גרויסע אָפּטיילונגען, אויף וועלכע מיר האָבען געקלאַסיפיצירט די טרייד יוניאָן כחות. צווישען די קויהלען־גרעבער איז די פּראָווינץ אָדער באַצירק יוניאָן („קאונטי", „דיסטריקט"), אָהן אונטערשטיצונגס צאָהלונגען, געווען דער הער־שענדער טיפּ. נאָהענט פון צוויי דריטעל פון אלע דריי הונדערט זיבען און פערציג טויזענט טרייד יוניאָניסטען פון דער אָפּטיילונג זיינען געווען איינגעשלאָסען אין דער „מיינערס' פעדערײשאָן אָוו גרעיט בריטעין" (געגרינדעט אין 1888), א פעדעראַטיווע יוניאָן, וואָס האָט פעראייניגטע ארום פיער און צוואַנציג זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאציעס, איינינע פון וועלכע, ווי די „יאָרקשייר מיינערס' אסאסיאיישאָן" (געגרינדעט אין 1858, פינף און פופציג טויזענט מיטגליעדער) זיינען געווען העכסט צענטראליזירט, בשעת אנדערע, ווי די „לאַנקאַשייר מיינערס' פעדעריישאָן" (עטאַבלירט אין 1881,

דריי און פערציג טויזענד מיטגליעדער) זיינען אליין געווען פעדעראטיווע קערפערשאפטען. די „מיינערס׳ פעדעריישאָן״, ניט־שטערענדיג דער פינאנציעלער אויטאָנאָמיע אָדער דער אינערליכער פארוואלטונג פון די אָרגאניזאציעס, וואָס האָבען זי צוזאמענגעשטעלט, האָט שטארק צענטראליזירט די אינדוסטריעלע און פארלאמענטארישע טעטיגקייט פון דער גאנצער ארמיי פון איהרע מיטגליעדער פון פייף ביז סאָמערסעט. אויסער דער פעדעראציע איז אין יענער צייט געשטאנען די מעכטיגע און פעסטע „נאָרטהומבערלאנד מיינערס׳ מיוטשעל קאָנפידענט אסאָסיאיישאָן״ (געגרינדעט אין 1863, זיבעצעהן טויזענד מיטגליעדער) און די „דורהאם מיינערס׳ אסאָסיאיישאָן״ (געגרינדעט אין 1869, פופציג טויזענד מיטגליעדער) צוזאמען מיט דער קליינער אָבער פעסטער „מיד ענד וועסט לאָטהיאן מיינער׳ס אסאסיאיישאָן״ (געגרינדעט אין 1885, 3,600 מיטגליעדער) און די שוואכע אָרגאניזאציעס אין סאוטה וועילז פון די ביישטייערער צום קאמף פאר א באוועגליכע לוין־טאבעלע, וואָס האָבען זיך דאמאָלסט גערעכענט אָלס טרייד יוניאָנען.[1] די קויהלען און אייזען־מינען גרעבער פון מערב שאָטלאנד זיינען קוים געגאנגען ווייטער פון די קיקיון־יונה׳דיגע מינען־גרוב קלובען און צייטענווייז א שטרייק יוניאָן. די צין, בליי און קופער מינען־גרעבער איז דער טרייד יוניאָניזם, אויף וויפיעל מיר קאָנען עס פעסטשטעלען, געווען לחלוטין אומבאוואוסט.

[1] די מינען־ארבייטער פון סאוט־וועילז זיינען אין יענער צייט געווען אין אן איבערגאנג צושטאנד. די „מיינערס׳ פעדעריישאָן״ האָט באַקומען אַ היפשע נאָכפאָלגערשאַפט אין מאנמאוטשהשייר און אין גלעמארגאן, אָבער די גרעסטע מאַסע אַרבייטער האָט זיך נאָך געהאַלטען ביי די אָרגאַניזאַציעס פון דער „באַוועגליכער לוין טאַבעלע״, וואָס האָבען אָנגעגעבען אַ מיטגלידערשאַפט פון פינף און דרייסיג טויזענט און פאר וועמעס אויפהאַלטונג די ארבייטסגעבער פלעגען פון די שכירות פון די מינען־ארבייטער, געוועהנליך אַלע צוויי וואָכען, ארונטערנעמען אַ געוויסע אָפּצאָלונג. די „פאַרעסט אָוו דיען מיינערס׳ אסאָסיאיישאָן״ (פיר טויזענט מיטגלידער) האָט זיך אָפּגעשפּאָלטען פון דער פעדעראציע אין 1893. אַ קליינע יוניאָן פון מינען־ארבייטער אין וועסט בראָמוויטש (2250 מיטגלידער) האָט זיך אויך געהאלטען אָפּגעזונדערט.

אַ טאַבעלע, וואָס צייגט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען צווישען די באַשעפטיגטע אין אָדער אַרום די מינען און די שטיינהאַקערייען.

פאַך.	ענגלאַנד	שאָטלאַנד	אירלאַנד	סך־הכל
קויהלען און אייזען מי־נען־גרעבער . . .	301,000	17,500	———	318,500
מאַשיניסטען פון די קויהלען־מינען . .	5,000	1,500	———	6,500
אַרבייטער ביי דורכגע־בראָכטע קויהלען (קאָוק), אויסער־די־מינען־אַרבייטער און מעכאַניקער ביי די קויהלען מינען . .	9,250	500	———	9,750
שטיינהאַקער	10,500	———	———	10,500
שעיל־אייל (געמאַכט פון דעם ליים־„שעיל") אַר־בייטער	———	1,750	———	1,750
סך־הכל'ס . . .	325,750	21,250	———	347,000

אַ בולט'ער פאַקט וועגען דעם טרייד יוניאָניזם צווישען די טעקסטיל אַרבייטער אין 1892 איז געווען דאָס, וואָס די ממשות־דיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען כמעט באַגרענעצט צו די אַר־בייטער ביי באַוועל, וועלכע האָבען צוגעשטעלט לכל־הפחות צוויי דריטעל פון די צוויי הונדערט טויזענד טרייד יוניאָניסטען אין דער אָפּטיילונג. די באַוועל־אַרבייטער האָבען, ווי די מינען־אַרבייטער, שטענדיג אַרויסגעצייגט אַ שטאַרקערע נייגונג צו פעדעראַטיווע אַסאָציאַציעס מיט אויסשליסליך פאַך צוועקען. די מעכטיגע „אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאַיישאָן אָוו אָפּעריייטיוו קאַטאָן ספּינ־נערס", אַ פעדעראַטיווע יוניאָן, געגרינדעט אין 1853, מיט 19,500 מיטגליעדער צוטיילט אין פערציג באַזונדערע באַצירק־אַסאָציאַ־ציעס, האָט זיך פאַראייניגט מיט איהרע שוועסטער־פעדעראַציעס,

די „נאָרטהערן קאונטים אמאַלגאמייטעד אסאָסיאיישאָן אוו וויווערס” (געגרינדעט אין 1884, איין און זיבעציג טויזענט מיטגליעדער) און די „אמאַלגאמייטעד אסאסיאיישאָן אָוו קארד ענד בלאָואינג רום אָפּערייטיוום” (איין און דרייסיג טויזענד מיטגלידער, געגרינדעט אין 1886), און דער „יונייטעד טעקסטייל פעקטאָרי וואָירקערס׳ אסאסיאיישאָן” (געגרינדעט אין 1886). די דאָזיגע אסאָציאַציע, אָרגאַניזירט אויסשליסליך פאר פּאַרלאַמענטארישע צוועקען, האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם זעהר היפּשען פּאָליטישען איינפלוס פון די הונדערט פינף און צוואַנציג טויזענד אַרגאַניזירטע באַוועל־אַרבייטער אין לאַנקאַשייר, טשעשייר און יאָרקשייר און איז, נאָך דער פעדעראַציע פון די מינען ארבייטער, געווען ווייט די מעכטיגסטע טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע אין לאַנד.[1]

די הויך אַנטוויקעלטע אָרגאַניזירטקייט פון די באַוועל ארבייטער איז געווען א היפּוך צו דער שוואַכקייט פון די וואָלארבייטער. אין די אַנדערע צווייגען פון דער טעקסטיל מאַנופאַקטור האָט די זעהר שטאַרקע לאָקאַליזירונג פון די באַזונדערע אינדוסטריען געשאַפען לעגאַליזירטע פּראָווינץ אָדער באַצירק אַרגאַניזאציעס פון די אַרבייטער ביי שפּיצען („לייסעס”), זאָקען, זייד, פלאַקס און דיוואַנען, וואָס זיינען געווען באַגרענעצט צו קליינע מקומות און האָבען געהאט אַ בערך קליינעם איינפלוס אין דער טרייד יוניאָן וועלט. די ניט בערך שטאַרקסטע צווישען זיי איז געווען די „אמאַלגאַמירטע געזעלשאפט פון שפּיצען־ארבייטער” (3,500 מיטגליעדער), וואָס האָט פאַקטיש ארייננענומען אלע דערוואַקסענע מענער ארבייטער ביי מאַשין־שפּיצען פון נאָטטינגהאַם. אויב מיר ווילען אויסשליסען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט די „יוניייטעד טעקסטייל פעקטאָרי

[1] די באַוועל־שפּינערס׳ יוניאָן איז דאַמאָלס באַשטאַנען אויסשליסליך פון דערוואַקסענע מענער ארבייטער; די אינגלאַך „צוזאַמענשטוקעווער” („פּיעסערס”) זיינען געווען אויסגעטיילט אין נידעריגערע אָרגאַניזאַציעס. אין די יוניאָנען פון באַוועל־וועבער און די „קאַרד־רום” אַרבייטער זיינען פרויען געווען אַ גרויסע מערהייט פון די מיטגלידער.

וואָירקערס׳ אסאָסיאיישאָן״, וועט די צאָהל פון די באזונדערע יוניאָנען אין די פארשיידענע צווייגען פון דער טעקסטיל אינ־דוסטריע פון יענער צייט זיין הונדערט און פופצעהן. .

* טאָבעלע וואָס צייגט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין פארשיי־דענע צווייגען פון דער טעקסטיל מאַנופאַקטור.

פאך.	ענגלאנד	שאָטלאנד	אירלאנד	סך־הכל
באוועל־שפּינער . .	19,500	——	——	19,500
באוועל־וועבער . . .	82,500	500	——	83,000
באוועל און „קארד־רום״ ארבייטער . . .	31,000	——	——	31,000
וואָהלענס־ארבייטער . .	6,000	9,500	——	15,500
וואָהל־סאָרטירער, וואָהל קאָמער א. ד. ג. . .	2,500	——	——	2,500
זייד־ארבייטער . . .	2,500	——	60	2,560
פלאַקס־און לייוועגט־אר־בייטער . . .	150	300	2,940	3,390
דיוואַנען־וועבער (קאַרפּע־טען)	2,600	400	——	3,000
זאָקען־ארבייטער . . .	6,350	100	50	6,500
שפּיצען־ארבייטער .	4,500	——	——	4,500
עלאַסטישע־געוועב־ארביי־טער	700	——	——	700
פאַרבער, אויסבלייכער („בליטשער״) און פאַרענדיגער . . .	11,820	180	100	12,100
איבערזעהער	4,850	200	200	5,250
ציצען דרוקער און גראַ־ווירער . . .	1,950	500	50	2,500
ארבייטער ביי פאַרשיידענע טעקסטילען . . .	7,350	650	——	8,000
סך־הכל׳ס . .	184,270	12,330	3,400	200,000

דער גרויסער טייל ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער קליידער און לעדער־ארטיקלען אינדוסטריען, זיינען אפשר געוועזן די אמווענינסטען אָרגאַניזירטע צווישען די פאכען פון געלערנטע ארבייטער. איין געזעלשאפט, די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון שטיוועל און שיך ארבייטער", (געגרינדעט אין 1874), האָט געצעהלט כמעט דריי און פערציג טויזענד מיטגליעדער און האָט געהאט א באמת ווירקליכען קאָנטראָל איבער דער מאשין־געמאכטע שיך אינדוסטריע. אויך די „אמאלגאמירטע אסאָציאַציע פון שטיוועל און שיך ארבייטער" (געגרינדעט אין 1812), האָט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין דעם פאך איז די האנד־ארבייט אינ־דוסטריע שנעל געפאלען, אויפגעהאַלטען איהר אָרגאַניזאַציע פון 4,700 האנט־בעלי־מלאכות און האָט נאָך אפילו אויפגעהויבען זייערע שכירות. די שניידער, פארקערהרט, איז ניט געלונגען צו קאָנטראָלירען די נייע מאשין־אינדוסטריע און אויך ניט אויפצו־האַלטען דעם מצב פון די שכירות פון די האנט־ארבייטער. די „אמאלגאמירטע שניידער געזעלשאפט" (געגרינדעט אין 1866, זיבעצען טויזענד מיטגליעדער), צוזאמען מיט דער „שאָטלענדי־שער נאַציאָנאַלער געזעלשאפט פון שניידער מאשין־ארבייטער" (געגרינדעט אין 1866, 4,500 מיטגליעדער) האָבען ארייננענומען אַלע לאָקאַלע יוניאָנען, אָבער זיי האָבען געהאט אָרגאַניזירט בלויז א קליינעם טייל פון די ארבייטער פון דעם פאך. די „פעלט העט־טערס ענד טרימערס יוניאָן" (מענער־שליאפעס ארבייטער, גע־גרינדעט אין 1872) האָט געהאט 4,300 מיטגליעדער און אויך א פרויען לאָקאַל (געגרינדעט אין 1886), וואָס האָט געהאט נאָהענט צו דרייזעלבער צאָהל מיטגליעדער. אין אנדערע צווייגען פון דער אָפטיילונג האָבען עקזיסטירט איינינע שטארקע אָרגאַניזאַציעס אין די קלענערע אינדוסטריען, אָבער די מעהרסטע ארבייטער האָבען באַלאַנגט בלויז צו שוואַכע לאָקאַלע קלובען, אָדער פלעגען זיין לגמרי ניט ארגאַניזירט. אין דער אפטיילונג זיינען אַלע צוזאַ־מען געוועזן איבער זעבציג יוניאָנען.

א טאַבעלע, וואָס ציינט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין די פאַכען פון קליידער און לעדער־אַרטיקלען אַרבייט.

פ א ך.	ענגלאַנד	שאָטלאַנד	אירלאַנד	סך־הכל
שטיוועל־און שיך־אַרבייטער	46,250	2,250	500	49,000
אַנדערע לעדער־אַרבייטער	5,900	550	100	6,550
שניידער און אַנדערע קליידער אַרבייטער .	16,100	5,500	2,300	23,900
קירזשנער, הענטשקעס־אַרבייטער, א. אַ. וו. . .	10,400	100	50	10,550
סך־הכל'ס . . .	78,650	8,400	2,950	90,000

די זעקס און פערציג טויזענד טרייד יוניאָניסטען אין די פאַפּיער און דרוקעריי פאַכען זיינען געווען צוטיילט אין פיער היפּשע יוניאָנען מיט זיבען און צוואַנציג טויזענד מיטגליעדער, און אין פינף און פערציג קליינע געזעלשאַפטען, וואָס האָבען אַלע צוזאַמען געצעהלט ניינצעהן טויזענד מיטגליעדער. די זעצער זיינען געווען בראש מיט דריי ברייטע אָרגאַניזאַציעס, די „לאָנ־דאָנער זעצער־געזעלשאַפט", וואָס איז געווען באַגרענעצט צו דער הויפּט־שטאָדט, געגרינדעט אין 1848, 9,800 מיטגליעדער), די „דרוקער אַסאַציאַציע" („טייפּאָגראַפיקאַל אַסאָסיאיישאָן, גע־גרינדעט אין 1849, עלף טויזענד פינף הונדערט מיטגליעדער), וואָס האָט אַריינגענומען אַלע לאָקאַלע געזעלשאַפטען אויסער דער הויפּט־שטאָדט חוץ פיער אין ענגלאַנד און פיער אין אירלאַנד, און די „שאָטלענדישע דרוקער אַסאָציאַציע" (געגרינדעט אין 1852, דריי טויזענד מיטגליעדער); די „בוקביינדער ענד מאַשין רולערס קאָנסאָלידייטעד יוניאָן" (איינבינדער און די אַרבייטער, וואָס ווירען פּאַפּיער אויף א מאַשין, געגרינדעט אין 1835, דריי טויזענט מיטגליעדער), וואָס איז בעיקר באַשטאַנען פון פּראָווינציעלע אַר־בייטער, איז געווען פיעל גרעסער פון דער „לאָנדאָן קאָנסאָליטיי־

טער בוקבאינערס׳ סאָסייעטי״, די גרעסטע צווישען דעם האַלבען טוצען יוניאָנען פון דעם פאך, וואָס זיינען געווען אין דער הויפּט־שטאָדט.

אַ טאַבעלע, וואָס צייגט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין די פאַרשיידענע צווייגען פון די פּאַפּיער און דרוקעריי פאַכען.

פ אַ ך.	ענגלאנד	שאָטלאנד	אירלאנד	סך־הכל
זעצער, דרוקער און מאַשין־אַרבייטער (ביים דרוקען)	27,250	4,000	2,000	33,250
איינבינדער . . .	5,150	700	300	6,150
פּאַפּיער־אַרבייטער (צוגעפּאַרטיגער צום געברויך; צושניידען צו אַ געוויסער מאָס, ווירען א. ד. ג. . . .	3,150	500	—	3,650
פאַרשיידענע דרוקעריי אַר־				
סך־הכל׳ס . .	37,950	5,650	2,400	46,000

עס בלייבט אַ צאָהל פאַכען, וואָס איז שווער צו קלאַסיפיצירן. די דאָזיגע פאַרשיידענע מלאכות האָבען נעגעבען איבער 130 געזעלשאַפטען און 58,000 טרייד יוניאָניסטען. אייניגע, ווי די באָנדאַרעס, ציגאַרען־אַרבייטער, בערשטער, קאַרזינען־פלעכטער און גלאָז־אַרבייטער, זיינען געוועהנליך געווען גוט אָרגאַניזירט; אַנדערע, ווי די סטעלמאַרען (וואָגען אַרבייטער), טעפּער, בעקער און שטריק־אַרבייטער, האָבען אין זייערע יוניאָנען געהאַט בלויז אַ קליינעם טייל פון זייערע פאַכען.[ג]

[ג] די „יונייטעד קינגדאָם סאָסייעטי אָוו קאָוטשמייקערס״ (וואָגען־אַרבייטער, געגרינדעט אין 1834), האָט געהאַט 5500 מיטגלידער. די „מיוטשועל אסאָסיאיישאָן אָוו קופּערס״ (באָנדאַרעס, געגרינדעט אין 1878), איז דאַמאָלס געווען אַ שוואַך־פאַרבונדענע פעדעראַציע פון אַלטמאָדישע לאָקאַלע יוניאָנען, מיט אַרום זעקס טויזענט מיטגלידער.

אַ טאַבעלע, וואָס צייגט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אין פאַרשיידענע קלענערע פאַכען.

פ אַ ך.	ענגלאנד	שאָטלאנד	אירלאנד	סך־הכל
קאַרזינען־פלעכטער און בערשטער	2,800	350	100	3,250
קאַרעטען און וואַגען אַר־בייטער . . .	6,000	400	600	7,000
באַנדאַרעס (פעסעל אַרבייטער	4,400	1,300	300	6,000
גלאָז־אַרבייטער . . .	7,350	500	150	8,000
מילנער און בעקער . .	7,000	2,500	2,500	12,000
טעפער	6,250	1,650	—	7,900
פאַרשיידענע מלאכות .	12,750	750	350	13,850
סך־הכל'ס . .	46,550	7,450	4,000	58,000

די גרויסע אַרמיי אומגעלערנטע אַרבייטער, אַרבייטער אויף שיפען און אַלערליי מינים טראַנספּאָרט אַרבייטער נעמען מיר אַריין אין איין אָפּטיילונג. פון די הונדערט און צוואַנציג אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַלאַנגען צו דער גרופּע, איז די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון אייזענבאַהן באַדיענטע" (געגרינדעט אין 1872) מיט איהר שטענדיגער מיטגליעדערשאַפט פון איין און דרייסיג טויזענד, איהרע הויכע איינצאָהלונגען, פיעלע אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען און גרויסע אָנגעזאַמעלטע פאָנדען, געוועזן עהנליך אין כאַראַקטער צו די גרויסע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען פון די מאַשינען־אַרבייט און בוי־פאַכען. אין איין רייהע מיט איהר איז געשטאַנען די „אַסאָשיאַייטעד סאָסייעטי אָוו לאָקאָמאָטיוו אינדזשינירס ענד פיירמען" (לאָקאָמאָטיוו מאַשיניסטען און קויהלען־שאַרער אויף די אייזענבאַהנען, געגרינדעט אין 1880, זיבען טויזענד מיטגליעדער). אייניגע אַנדערע יוניאָנען אין דער גרופּע, ווי די „לאָנדאָן ענד קאָונטיס לייבאָר ליעג" (געגרינדעט אין 1872, דרייצעהן

טויזענד מיטגליעדער) און די „נעשאָנאַל אַגריקאַלטשורעל לייבאָ־רערס׳ יוניאָן״ (לאַנד ארבייטער; געגרינדעט אין 1872, פופצעהן טויזענד מיטגליעדער) האָבען זיך פארוואנדעלט אין בעצם אונטער־שטיצונגס־געזעלשאפטען. אָבער דער הערשענדער טיפּ אין דער אָפּ־טיילונג איז געווען, ווי מען האָט עס געקאנט דערווארטען, די „גייע״ יוניאָן, מיט קליינע איינצאָהלונגען, ניט קיין־שטענדיגע מיטגליע־דערשאפט און אַן אגרעסיווע פאַך־טאַקטיק. פון די איז די שטאַרק־סטע און ווי עס שיינט די פעסטסטע געווען די „נעשאָנאַל יוניאָן אָוו געז וואָירקערס ענד דזשענעראַל לייבאָרערס״ (גאז ארבייטער און אומגעלערנטע ארבייטער בכלל; געגרינדעט אין 1889) מיט אַ רשימה פון זעקס און דרייסיג טויזענד מיטגליעדער. נאָך דער אין מיטגליעדערשאפט זיינען געקומען די „דאָק, ווהאַרף ענד רי־ווערסייד לייבאָרערס׳ יוניאָן״ (אומגעלערנטע האפען ארבייטער; געגרינדעט אין 1889), די „טיינסייד ענד נעשאָנאַל לייבאָר יו־ניאָן״ (געגרינדעט אין 1889) און די „נעשאָנאַל אמאלגאמייטעד סעילאָרס ענד פיירמענ׳ס יוניאָן״ (מאַטראָסען און קויהלען־שארער אויף שיפען; געגרינדעט אין 1887), יעדע פון זיי מיט אַ ניט־שטענדיגער מיטגליעדערשאפט פון צווישען צוואנציג און פערציג טויזענד. אנדערע אָנגעזעהענע יוניאָנען אין דער אָפּ־טיילונג זיינען געווען: די „דזשענעראַל רעילוועי וואָירקערס יוניאָן״ אייזענבאהן ארבייטער; (געגרינדעט אין 1889), די „נע־שאָנאַל יוניאָן אָוו דאק לייבאָרערס״) האפען ארבייטער; גע־גרינדעט אין 1889), די „נעשאָנאַל אמאלגאמייטעד קאָולפּאָר־טער׳ס יוניאָן״ (קויהלען־טרעגער; געגרינדעט אין 1890) און די „נייוויס, בריקלייערס׳ לייבאָרערס ענד דזשענעראַל לייבאָרערס׳ס יוניאָן״ (אומגעלערנטע ארבייטער ביי קריעגס שיפען, העלפער פאר ציעגעל־מויערער און אלגעמיינע; געגרינדעט אין 1890).

די אומגעלערנטע ארבייטער ביי געביידעס און די וואגאָנען־טרעגער זיינען געווען אָרגאניזירט אין פיעלע לאָקאלע יוניאָנען, וועלכע זיינען אין אייניגע פאלען, ווי די „מוירסי קוועי ענד רעילוועי קאַרטערס׳ יוניאָן״ (טרעגער ביים האפען און אייזענבאהנען; גע־גרינדעט אין 1887) און די „לידז אמאלגאמייטעד אסאָסיאיישאָן אָוו בילדער׳ס לייבאָרערס״ (ארבייטער ביים בויען; געגרינדעט

אין 1889) געווען שטאַרקע פאַך געזעלשאַפטען. די הויפט פּרע־דיגערין פון דעם נייעם יוניאָניזם צווישען די לאַנד־ארבייטער איז דאַמאַלסט געווען די „איסטערן קאונטים לייבאָר פעדערייש‏אָן" (געגרינדעט אין 1890), וואָס האָט אריינגענומען זיבעצעהן טוי־זענד מיטגליעדער אין דער סאָפפאָלק און אין די שכנה'שע פּראָ־ווינצען. אָבער וועלכע עס איז סטאַטיסטישע אָפּשאַצונג פון דער ניט־באַשטימטער און שטענדיג זיך בייטענדיגער מיטגליעדערשאַפט פון די יוניאָנען אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג מוז נויטיגערווייזע האָבען א קלענערן ווערטה איידער אין די מעהר באַשטימט אָרגאַ־ניזירטע פאַכען.[1]

[1] מיר האָבען אין דער אויבען אָנגעגעבענער סטאַטיסטיק ניט אריינ־גענומען די יוניאָנען צווישען אזעלכע קלאַסען, וואָס רעכענען זיך ניט פאַר פיזישע ארבייטער. די „נאַציאָנאַלע לערער יוניאָן", געגרינדעט אין 1870, איז שוין אין 1892 געווען אַ מעכטיגע אָרגאַניזאַציע מיט דריי און צוואַנציג טויזענט מיטגלידער. די טעלעגראַף אָנגעשטעלטע, די אַגענטען פון לעבענס פארזיכערונגס געזעלשאַפטען און פאַבריק־פאַר־וואַלטערס' געהילפען האָבען אויך געהאַט יוניאָנען מיט מיטגליעדערשאַפ־טען פון איין ביז פינף טויזענט, און עס זיינען אויך געווען צוויי אָרגאַני־זאַציעס פון פּאָסט אָנגעשטעלטע. די „נעשאָנאַל יוניאָן אָוו קלוירקס ענד דאָמעסטיק סוירוועגטס" (געשעפטס־אָנגעשטעלטע און פּריוואַטע באַ־דינער), איז געווען ניט ווייניגער פעסט עטאַבלירט. עס זיינען אויך געווען קליינע געזעלשאַפטען צווישען די לאָנדאָנער „אויפזעהער איבער די האַפען ארבייטער און האַפען אָנגעשטעלטע" און פון די „אָנגעשטעלטע אויף פּאַפּל־האָלץ־שיפען".

מיר האָבען דאָ אויך ניט אַריינגענומען אזוינע געזעלשאַפטען, וואָס זיינען בעצם געווען אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, ווי די „מאַרין אינד־זשינירס' יוניאָן" (שיף־מאַשיניסטען; 9500 מיטגליעדער) און די „יונייטעד קינגדאָם פּיילאָט'ס אַסאָסיאיישאָן" (דאָצלייטע, שיף־פיהרער), וועלכע זיינען באַשטאַנען מעהרסטענס פון אַרבייטער, וועלכע האָבען פאַר פאַך־צוועקען באלאנגט צו באַזונדערע טרייד יוניאָנען.

א טאַבעלע, וואָס צייגט בערך די צאָהל טרייד יוניאָניסטען צווישען די אלערליי אומגעלערנטע און טראַנספּאָרט אַרבייטער.

פאַך.	ענגלאנד	שאָטלאנד	אירלאנד	סך־הכל
אַרבייטער אויף שיפען, פישער, אַרבייטער אויפ'ן וואַסער א. אַ. וו. . .	33,850	3,900	1,500	39,250
אייזענבאַהן־פּאַרקעהר אַר־בייטער	43,500	1,500	3,000	48,000
מאַשיניסטען אַ. אַ. וו. (חוץ אין קויהלען־מי־נען און אויף אייזענ־באַהנען	6,300	370	100	6,770
באַהן־טרעגער א. אַ. וו.	19,000	3,500	1,000	23,500
פאַרשיידענע אומגעלערנ־טע אַרבייטער . .	200,230	12,400	4,850	217,480
סך־הכל'ס . .	302,880	21,670	10,450	335,000

עס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע הוספה צו אונזער סטאַטיסטיק אויב מיר וואָלטען געקענט צוגעבען צו די דאָזיגע טאַבעלען א רשימה, וואָס זאָל צייגען די פּראָפּאָרציאָנעלע צאָהל יוניאָניסטען אין יעדען פאַך בערך צו דער גאַנצער צאָהל אַרבייטער אין איהם. ליידער איז די קלאַסיפיקאַציע פון דעם צענזוס ניט גענוג באַשטימט מען זאָל עס קאָנען טאָן. מיר האָבען זיך דעריבער באַנוצט מיט ידיעות וועגען דעם פּרט, וואָס מיר

---

*) די צענזוס ציפערן פאר דעם יאָהר 1891 גיסען צוזאַמען אין יעדען פאַך די „אַרבייטער, געהילפען, לעהרלינגען און שווערע אַרבייטער". זיי מאַכען, צום ביישפּיעל, ניט קיין אונטערשייד צווישען די ציעגעל־מויערער און די שווערע אַרבייטער ביי ציעגעל־מויעריי, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו גאַנץ פאַרשיידענע טרייד יוניאָנען. אונטער זאָקען־אַרבייטער און קירזשנער זיינען אַריינגערעכענט קרעמער און זייערע געהילפען, ווי אויך די מאַנופאַקטור אַרבייטער אין די פאַבען.

האָבען געקאָנט באַקומען פון אַנדערע קוואַלען. מיר האָבען, למשל, געוואוסט, אַז אין לאַנקאַשייר האָט די „אַמאַלגאַמירטע געזעל־שאַפט פון באַוועל־שפּינער" פּראַקטיש איינגעשלאָסען יעדען קאָמ־פּעטענטען אַרבייטער, וואָס איז געווען באַשעפטיגט אין דעם פאַך. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגען וועגען דער געזעלשאַפט פון די קעסעל־אַרבייטער אין אַלע האַפענס, וואו מען האָט געבויט אייזערנע שיפען, הגם ניט אין אייניגע פון מידלאַנד־ישע באַציר־קען. ווענדענדיג זיך צו נאָך אַ גרעסערע אינדוסטריע געפינען מיר, אַז אַכציג פּראָצענט פון די קויהלען־גרעבער האָבען באַלאַנגט צו יוניאָנען; אין אייניגע באַצירקען, ווי אין נאָרטהומבערלאַנד און אין טיילען פון וועסט רעדינג פון יאָרקשייר, האָבען פּראַקטיש אַלע קויהלען־העקער באַלאַנגט צו דער „געזעלשאַפט". אויך אין אַנדערע אינדוסטריען און געגענדען האָט די יוניאָן איינגעשלאָ־סען אַלע אַרבייטער. צווישען די באַנדאַרעס פון דובלין, די מיד־לאַנדער קריסטאַל־גלאָז אַרבייטער, די שפּיצען־אַרבייטער פון נאָט־טינגהאַם, אָדער די גלעזערנע־פלאַשען אַרבייטער פון יאָרקשייר זיינען פּאַקטיש ניט געווען קיין ניט־יוניאָן אַרבייטער. מיר זע־הען דעריבער, אַז אָנשטאָט צו זיין בלויז פיער פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט די טרייד יוניאָן וועלט אין געוויסע באַצירקען און אין געוויסע אינדוסטריען, שוין אין 1892, פּראַק־טיש געהאַט די זעלבע גרויס, ווי דער דאָרטיגער קלאַס פיזישע אַר־בייטער. פון צווייטען צד זיינען געווען פיעלע באַשעפטיגונגען, אין וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם האָט גאַר ניט עקזיסטירט. גאַנ־צע קלאַסען פיזישע אַרבייטער זיינען פּאַקטיש געווען אויס־געשלאָסען פון די טרייד יוניאָן רייהען דורך דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען ניט געווען קיין געדרונגענע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען פאַר שכירות. אין די ווינקעלעך און אין די שפּאַלטען פון אונזער אינדוסטריעלען סיסטעם געפינען זיך זעהר אַ סך פיזישע אַרביי־טער, וועלכע פאַרדיענען זייער אומזיכערע חיונה דורך דירעקטע אַרבייט פאַר דעם געברויכער. יעדע שטעדטעל אָדער דאָרף האָ־בען געהאַט זייער צאָהל קאַראַבעלניקעס, פּרוכט־הענדלער, הויז־צו־הויז פאַרקויפער און אַנדערע קליינינקע סוחרים'לאַך; שוס־טערס, לאַטוטניקעס, מעסער־שאַרפער, גלעזערס, מעבעל־פאַריכ־

טער, איינלייטערס און אנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע ארבייטען פאר־זיך; בעלי־עגלות, „גאס־ווינקעל־חבֿרה", מענשען, וואס „דרעהען זיך ארום די בריקען" (די לעצטע צוויי צו זוכען עפעס צו פארדיענען דורך צופעליגע ארבייט ביי העלפען צוט־אָגען, פאל־גען א גאנג, אָדער טאָן אנדערע אזעלכע שליחות) און די אלע אנדערע אָהן א שיעור פאראזיטען פון דעם לעבען אין די גרויסע שטעדט. ווען מיר האָבען פארבייגעלאָזען די דאָזיגע „אומאָפּ־הענגיגע פּראָדוצירער" און זיינען אריבער צו די פאכען, אין וועל־כע דער קליינער מייסטער־בעל־מלאכה האָט נאָך עקזיסטירט, אָדער אין וועלכע עס האָט געהערשט אהיים־ארבייט, האָבען מיר נעזעהן אנאנדער שטח, וואָס איז געווען כמעט ווי א מדבר בנוגע צו טרייד יוניאָניזם. די שניידער און די מעבעל־ארבייטער, למשל, הגם אָפט זעהר קונציגע בעלי־מלאכות, האָבען געהאט בלויז א קליינעם מיעוט פון די ארבייטער פון זייער פאך אין די יוניאָנען, בשעת די קייטען און נעגעל ארבייטער זיינען כמעט גארניט געווען אָרגאניזירט. די ווירקונג אויף דעם טרייד יוניאָניזם פון א צו־ריקגעשטאנענעם אָרגאניזאציאָנס־טיפּ אין אן אינדוסטריע האָט מען גוט געזעהן אין דער מאנופאקטור פון שטיוועל און שיך. אין לייסעסטערשייר און אין סטאפפאָרד, וואו די ארבייט איז געמאכט געוואָרן אין גרויסע פאבריקען, האָט פאקטיש יעדער ארבייטער באלאנגט צו דער יוניאָן. אין די דערפער פון מידלאנד, וואו די זעלבע ארבייט איז געמאכט געוואָרן אלס א היימישע אינדוסטריע, און אין איסט לאָנדאָן, וואו זי האָט ערשט געהאלטען אין ארוי־בערגעהן פון דעם מעמד, האָט די „נאציאָנאלע געזעלשאפט פון שטיוועל און שיך ארבייטער" געצעהלט בלויז א קליינעם טייל פון די דאָרטיגע ארבייטער אלס איהרע מיטגלידער. אין יענע באַ־צירקען, וואו דער סיסטעם פון קליינע מייסטער־בעלי־מלאכות האָט זיך געהאלטען פעסט, האָט עס אויך געהאט א שלעכטע וויר־קונג אויף אנדערע פאכען. אזוי זיינען דער בירמינגהאמער באַצירק און איסט לאָנדאָן געווען שלעכטע טרייד יוניאָן צענטרען ניט בלויז פאר די שוויים־צאפּיגע פאכען, נאָר אויך פאר יענע, וואו מען פלעגט ארבייטען אין גרויסע אונטערנעמונגען. אבער די גרויסע מאסע ארבייטער, וואס האָבען ניט באלאנגט צו טרייד

יוניאָנען, האָט זיך געפונען אין אַנאַנדער פעלד. די גרויסע ארמיי שווערע ארבייטער, אלס עטוואס אנדערש פון די מעכאַניקער, מינען־גרעבער אָדער פאַבריק אַרבייטער, זיינען אין נאָרמאַלע צייטען געווען אזוי ניט אָרגאַניזירט, ווי די פרויען ארבייטערינען. חוץ אין געוויסע פראָווינצען, ווי קענט, סאָפפאָלק, נאָרפאָלק, אָקספאָרדשייר און ווילטשייר, און אין די פען באַצירקען, האָט מען קוים געקאָנט זאָגען, אז צווישען די לאַנד־ארבייטער האָט עקזיסטירט דער טרייד יוניאָניזם. פון די דריי פערטעל מיליאָן אגריקולטורעלע ארבייטער אין דעם פאַראייניגטען קעניגרייך האָבען ניט מעהר פון פערציג טויזענד באַלאַנגט צו יוניאָנען. די אנדערע קלאַסען שווערע ארבייטער זיינען אויך ניט געווען אין קיין פיעל בעסערען מצב. די צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער פון דעם פאַרקעהר־טייל פון די אייזענבאהנען האָבען געגעבען בלויז אַכט און פערציג טויזענד טרייד יוניאָניסטען, די מעהרסטע פון זיי פון אזעלכע גראַדען ארבייטער, ווי קאָנדוקטאָרען און לאָקאָמאָטיוו־טרייבער. דער גרויסער קלאַס גאַס־אייזענבאהן און אָנימבוס אַר־בייטער איז נאָך אַ קורצער אויפלעבונג צוריק אוועק צו אַ צו־שטאַנד פון ניט־אָרגאַניזירטקייט. די גרויסע ארמיי פון לאַנגער־הויז ארבייטער, טרעגער און אנדערע מינים שטאָדטישע ארבייטער האָבען געצעהלט בלויז עטליכע הונדערט טרייד יוניאָניסטען אין דעם גאַנצען קעניגרייך.

די טרייד יוניאָן וועלט איז דעריבער אין 1892 איבערהויפּט באַשטאַנען פון געלערנטע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען געאַר־בייט אין גערדיכט באַפעלקערטע געגענדען, וואו די אינדוסטריען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. ארום איין העלפט פון די מיטגליעדער האָבען באַלאַנגט צו די דריי גרונד־פאַכען: קויהלען־גרעבעריי, באַוועל־מאַנופאַקטור און מאַשינען־ארבייט, בשעת די אומגעלערנטע ארבייטער און די פרויען־ארביי־טערינען זיינען אין יענער צייט, בכלל, ניט געווען ארגאַניזירט.

אָבער דער איינפלוס פון דעם טרייד יוניאָניזם אויף דעם לעבען פון דעם ארבייטער קלאַס קאָן ניט געמאָסטען ווערן לויט דעם, וויפיעל ארבייטער צאָהלען ווירקליךביישטייערונגען צו די פאָנדען פון די יוניאָנען אין יעדען משך צייט. פון צווי־

שען די ניט־יוניאָניסטען אין די געלערנטע פאכען האָט א גרויסער טייל פאר געוויסע צייטען באלאנגט צו זייערע פאראיינען; הגם זיי האָבען צוליעב וועלכער עס איז סיבה געלאָזען זייער מיטגליעד־דערשאפט פאלען, אנערקענען זיי דאָך די פיהרערשאפט פון דער יוניאָן און די מעהרסטע פון זיי זיינען גרייט ביי דער קלענסטער ערמוטיגונג פון איהרע מיטגליעדער, אָדער ווען זייער אייגענע לאגע ווערט בעסער, צוריק אריינצוטרעטען אין דער אָרגאניזאציע, צו וועלכער זיי האָבען גייסטיג ניט אויפגעהערט צו באלאנגען. צוליעב דער ניט־שטענדיגקייט פון ארבייט און צוליעב דעם, וואָס די ארבייטער פלעגען מוזען בסדר בייטען זייערע וואוין־ערטער, זיינען די אָרגאניזאציעס פון די טרייד־יוניאָנען אין 1892 געווען עהנליך צו א זיפ, דורך וועלכען עס געהט דורך א שטענדיגער שטראָם פון מיט־גליעדער און אין וועלכען בלויז א קליינער טייל בלייבט איבער אויף א לענגערער צייט. די ארויסגעפאלענע מיטגלידער שטעלען מיט זיך אין א געוויסען זין פאָר א פריוויליגע מחנה פון דעם טרייד יוניאָניזם, וועלכע איז גרייט צו קעמפען צוזאמען מיט זייערע אלטע חברים בתנאי אויב מען קאָן געפינען מיטלען צו שטיצען זי. חוץ דעם, באלאנגען די טרייד יוניאָניסטען ניט בלויז צו די העכסט אנטוויקעלטע און בעסט באצאָהלטע אינדוסטריען, נאר זיי האָבען צווישען זיך בכלל אויך די בעסטע מענשען פון יעדען פאך. דער מאָראלער און דער אינטעלעקטועלער איינפלוס, וואָס זיי האָבען אויף די איבעריגע טיילען פון זייער קלאס, איז דעריבער פראָ־פאָרציאָנעל פיעל גרעסער, איידער זייער צאָהל. אין זייערע רייהען, כמעט אין יעדען אינדוסטריעלען צענטער, געפינען זיך אלע אָנגעזעהענע פיהרער פון דעם ארבייטער קלאס. פון זיי קומען די פאָרייאלטער פון די קאָאָפּעראטיווע געשעפטען, פון די קלובען און פון די אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען און די פאָרשטעהער פון דעם ארבייטער קלאס אין די ראטען פון דעם דאָרף־געגענד, באצירק אָדער שטאָדט. צולעצט קאָנען מיר באמערקען, אז דער קליינער, אָבער שנעל וואקסענדער, קלאס פון ארבייטער־פּאָלי־טיקער באשטעהט תמיד פון מיטגליעדער פון די פאך געזעלשאפטען. מיר קאָנען מיט זיכערקייט זאָגען, אז, אפילו אין 1892, וואָלט קיי־נער, אויסער אן איבערגעבענער טרייד יוניאָניסט, ניט געהאט קיין

שאַנסען דערוועהלט צו ווערן אלס ארביימער־מיטגליעד צום פּאַר־לאַמענט אָדער אלס ארבייטער פאָרשטעהער צו א לאָקאַלער רעגי־רונגס קערפּערשאַפט.

עס איז דעריבער אוממעגליך צו געבען א גוטע השגה וועגען דער טרייד יוניאָן וועלט אין 1892 דורך א סטאַטיסט־שען איבער־בליק. מיר קאָנען אנמערקען דעם פאַקט, אז די טויזענד באַזונ־דערע יוניאָנען אָדער לאָקאַלען צווישען בלייטה און מידלסבאַראָה האָבען געהאַט ארום צוויי הונדערט טויזענד מיטגליעדער. מיר קאָנען פעסטשטעלען, אז אין דעם שטח פון די פופצעהן מייל פון דעם „מאַנטשעסטער עקסטשיינדזש" האָבען געוואוינט און גע־ארבייט לכל הפחות נאָך אמאָל אזויפיעל טרייד יוניאָניסטען. אָבער קיינע ציפערען קאָנען ניט איבערגעבען וועלכען עס איז רעאַלען איינדרוק וועגען דעם פּלאַץ, וואָס די טרייד יוניאָן האָט, אפילו אין יענער צייט, פארנומען אין דעם טעגליכען לעבען פון דעם געלערנטען בעל־מלאכה פון דעם פאראייניגטען קעניגרייך. מיר זיינען דעריבער גליקליך צו קאָנען מוסיף זיין צו אונזער סטאַטיסטיק א בילדליכע באשרייבונג פון דעם טרייד יוניאָן לעבען, וואָס מיר האָבען אין 1893 באקומען פון א געלערנטען בעל־מלאכה, וועלכער איז אריין אין זיין יוניאָן ווען עס האָבען זיך נעענדיגט זיינע לעהר־יאָהרען און האָט א געוויסע צייט פאר־זמען פארשיידענע אָפיציעלע אמטען:

„פאר א לעהר־אינגעל איז דער טרייד יוניאָניזם ניט פיעל מעהר ווי בלויז א נאָמען. עס קאָן איהם אויסקומען צייטענווייז צו הערן, ווי די ארבייטער אין זיין ארבייטס־פּלאַץ דיסקוטירן וועגען זייער יוניאָן און איהר ארבייט, און ער וויים, אז נאָך דער „קלוב נאַכט" וועט מען איבערדערצעהלען עטליכע מעשיות וועגען די פאסירונגען ביי דעם מיטינג; ווען ער ארבייט אין א פּלאַץ, וואו די יוניאָן איז שטאַרק, קען ער אויך הערן אפילו א היציגע דיסקוסיע וועגען רעזאָלוציעס, וואָס מען האָט צום מיטינג פאר־געשלאָגען. אָבער דער הויפּט שמועס וועט שטענדיג האָבען א פערזענליכען כאַראַקטער: ווער איז געווען צו דער פאַרזאַמלונג און וועלכע אַלטע חברים האָבען זיך דאָרטען באַגעגנט; וואָרום דער „קלוב" איז אין אלגעמיין אנגענומען אלס דער פּלאַץ, וואו

„אלטע בוזים פריינד" פון דעם פאך קומען זיך צוזאמען. אין פאל ער ארבייט אין א פלאץ, וואו עס איז אויך באשעפטיגט וועד פון די טרייד יוניאָן באמטע, קאָן איהם אמאָל אויסקומען צו באקומען אן עצה אָדער אן אָנזאָג „ער זאָל זיכער אריינטרעטען אין דער „געזעלשאפט", אָבער זיין אינטערעס אין איהר וועט זיין זעהר לייכט. זאָל אָבער אין דעם פלאץ, וואו ער ארבייט נאָך אלס איני נעל, פאסירען א שטרייק, וועט די טרייד יוניאָן און איהר מאכט ווערן אויף א גאנץ לעבענדיגען אופן פאר איהם א זעהר נאָהענטע זאך, און בלייבענדיג ארבייטען אליין אָדער מיט אנדערע אינגלאך אין דעם, חוץ זיי, ליידיג געווארענעם פלאץ, שאפט ער פאר זיך דאמאָלסט געוויסע אייגענע איבערצייגונגען. ער וועט נאטירליך פיהלען א גוואלדיגען האס צו די „שווארצע" (שטרייק-ברעכער), וואָס מען ברייגנט אין זיין פלאץ, — ווארום דער געפיהל פון חבר'שאפט איז צווישען אינגלאך זעהר שטארק, — און ער וועט האָבען היבשען נחת צו זעהן, אז זיי זיינען געוועהנליך אן ערגע־ דער סאָרט בעלי־מלאכות. אָבער טראָץ דעם,—אויב דער באלעבאָס איז א „לייטישער מענש", וועלכער באהאנדעלט איהם גוט און פריינדליך,—וועט ער אפטר נאָך אלץ דענקען, אז עס איז אן עולה פון די ארבייטער צו שטרייקען, ווארים דער אינגעל באטראכט דעם ארבייטסגעבער אלס איינעם, וועלכער „געפינט פאר די ארבייטער וואָס צו טאָן", און קוקט דעריבער אויך א שטרייק אלס אויף אן אקט פון אומדאנקבארקייט. חוץ דעם, האָט ער אויך א שטיקעל השגה, אז די ארבייטער זיינען אין דער לאגע פון ביעלע געגען איינעם, און דערפאר וועט ער שנעל זיך שטעלען אויף דעם צד פון דעם שוואכערען.

ווען דער בחור'ל האלט שוין ביי ענדע פון זיין לעהרע־יאָהרען באמערקט ער, אז די יוניאָן לייטע רעדען איהם אָפט צו ער זאָל אריינטרעטען אין דער „געזעלשאפט". ער באמערקט אויך, אז מען פאנגט זיך אָן מיט איהם מעהר צו רעכענען און אז אָפט פרעגט מען זיינע א מיינונג וועגען פאך אנגעלעגענהייטען. אמ־ ענדע ווערט ער איינגעלאדען צום קליינעם פלאץ, וואו עס ווערען אָפגעהאלטען די מיטינגען פון די קלובען, און מען שטעלט איהם פאָר פאר די באאמטע פון דער חברה („לאָדזש") און פאר עטליכע

פון זיינע חברים פאַכליים. מען רעדט פיעל וועגען די נוצען, וואָס די „געזעלשאַפט" שלאָגט פאַר, שטאַרק אונטערשטרייכענדיג דער־ביי די אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען — אין פאַל פון קראַנקהייט, אַלטקייט, אין א טויטען־פאַל, — פאַר לויה־הוצאות — און מעהר פון אַלץ די ארבייטסלאָזיגקייט־צאָהלונג. וואָרום די פאַך־געזעל־שאַפט איז דער איינציגער אנשטאַלט, וואָס באַזאָרגט אונטערשטי־צונג פאַר ארבייטסלאָזע. אויף דעם פאַל פון קראַנקהייט אָדער טויט איז ער שוין מעגליך פאַרזיכערט אין איינער פון די פיעלע אונטערשטיצונגס געזעלשאַפטען, אָבער קיין אַנדערע, אויסער דער פאַך געזעלשאַפט, באַזאָרגט קיינמאָל ניט מיט אַן ארבייטסלאָזיג־קייט־צאָהלונג, וואָרים בלויז אין דער „געזעלשאַפט" איז מעגליך צו וויסען אויב דער, וואָס באַקלאָגט זיך, אז ער האָט ניט קיין ארבייט, איז אין אזא לאַגע צוליעב דעם שלעכטען צושטאַנד פון פאַך, צוליעב זיין אייגענעם שלעכטען כאַראַקטער, צוליעב דעם, וואָס ער איז ניט קיין גוטער בעל־מלאכה, אָדער אויב ער איז גאָר ווירקליך אויסער ארבייט אינגאַנצען. און ווען מען יעכענט פאַר איהם אוים די נוצען פון דעם פונקט דערמאָנט ער זיך אָן דער צייט ווען זיין פאָטער, א געזעצטער, שטענדיג־עהרליכער בעל־מלאכה, איז געבליבען אָהן ארבייט איבער די שלעכטע צייטען, און דער זכרון וועגען יענער ביטערער ערפאַהרונג איז אין איהם זעהר טיעף איינגעקריצט. מעגליך, אז ער איז אויך „פאַרליעבט". דער געדאַנק וועגען זעהן „איהר" אין דלות און זיינע קינדערלאַך הונגעריג בשעת ער אליין איז הילפלאָז עפּעס צו טאָן פאַר זיי מוז שטענדיג זיין איינע פון די שרעקליכסטע זאַכען פאַר דעם פאַר־זיכטיגען יונגען בעל־מלאכה, וועלכער האָט חלומות וועגען א גליק־ליכע קליינע היים אין דער נאָהענטער צוקונפט. דער קלוב האָט אָבער אויך אנאַנדער צד, וואָס ציהט מיט דער זעלבער קראַפט צו צו זיך אונזערע יונגע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען נאָר וואָס געענדיגט זייערע לעהר־יאָהרען און פאַנגען אָן צו באַקומען כמעט צוויי מאָל אזוי פיעל שכירות, ווי ביז דאַמאָלסט. דער טרייד יוניאָן פאַרזאַמלונגס פלאַץ איז אנערקענט אלס דער קלוב פון די ארבייטער פון דעם פאַך און ער האָט דערפאַר אזא גרויסען געזעל־שאַפטליכען אינטערעס פאַר די ארבייטער. דאָרטען שליסט מען

פריינדשאפטען, מען רעדט זיך צוזאמען וועגען מאכען פיעלע „זמירה׳לאך״ („סינג־סאָנגס״) און „קאָנצערטען מיט פארוויכע־רער״; און דאָס ווערטלען זיך, דאָס אויסטרינקען א גלעזעל אין חברה, די פרעהליכקייט, דער לעבעדיגער פארברייניגען צוזאמען — דאָס אלעס האָט א גרויסע צוציהונגס־קראפט פאר דעם יונגען ארבייטער.

דער קלוב איז אויך א צענטער, וואו מען באקומט די לעצטע נייעס וועגען די פאך־פאסירונגען. אהערצו קומט דער ארבייטס־לאָזער פון אנדערע שטעדט; דאָ הערט מען באר־כטען וועגען פארקלענערונגען אָדער העכערונגען אין שכירות, וועגען פארלענ־גערטע אָדער פארקירצטע ארבייטס־שטונדען, געש־כטען וועגען באלעבאטישער טיראניי, אָדער די ערשטע ידיעות וועגען דעם שרעק פון די ארבייטער — די ערפינדונג פון נייע מאשינען, וואס וועלען געווים פארנעמען דעם פלאץ פון פיעלע ארבייטער; אָדער וועגען עפעס ערגערס — דאָס אוועקשטעלען ביי דער ארבייט פון פרויען און קינדער פאר קלענערע שכירות. צייטענווייז האָט מען אויך צו ווארטען אויף א באזוך פון א וויכטיגען באאמטע פון דער צענטראל קאָנטאָר, און נאָך דעם האָט מען איבערצוקייען דאָס, וואָס ער האָט געזאגט. אָט־די אלע אינטערעסען מאכען דעם יונגען בעל מלאכה געניינט ער זאָל זיך פארשרייבען אין דער חברה, אָבער בעיקר באשליסט ער אמענדע צו מאכען דעם שריט צוליעב פערזענליכע אויסרעכענונגען. זיינען די בעסערע מענשען פון זיין פאך — יענע, וועמען ער האָט האָלט, וועלכע האָבען איהם גוט באהאנדעלט, וועלכע האָבען איהם אויסגעהאָלפען, ווען עס איז געווען שווער און געגעבען איהם מטבעות ווען ער איז געווען א לעהר־איגנעל; די שטארקערע ארבייטער, די מייסטערס און די יעניגע, וועמענס ווארט האָט דעם גרעסטען געוויכט ביי זייערע חברים — זיינען אָט־די מענשען מיטגליעדער אין דער יוניאָן? אויב זיי זיינען עס און אויב ער האָט, — ווי עס איז העכסט וואר־שיינליך אין א יוניאָן ארבייטס־פלאץ, — געשלאָסען פריינדשאפט מיט אנדערע יונגע בחורים, וועלכע זיינען שוין מיטגליעדער, נעמט עס ניט לאנג ביז ער שטימט איין און לאָזט מען זאָל איהם פאר־שלאָגען אלס קאנדידאט פאר מיטגליעדרשאפט.

קומענדע „קלוב־נאכט" זעהען מיר איהם ביי דער טיר פון דעם קלוב־צימער ווארטענדיג אומרוהיג, און אפשר מיט א ביסעלע מורא, בשעת אינוועניג קומען פאָר די פאָרמאַליטעטען. געוועהנ־ליך פארהאנדעלט מען פריהער וועגען אלע געשעפטען פון דעם אָווענט איידער עס קומט פאָר דאָס אריינגעמען פון נייע מיט־גליעדער. ווי נאָר דער פאָרזיצענדער דערמאָנט דעם פאקט, אז א קאַנדידאט ווארט מען זאָל אָפּשטימען וועגען אריינגעמען איהם, רוקט זיך דער מיטגליעד, וועלכער פארנעמט דעם פּלאַץ פון א „טיר־וואך" (ביז דאן שטעהט ער אינוועניג ביי דער טיר אכטונג צו געבען, אז קיינער זאָל ניט אריין אָדער ארויס אומבאמערקט און אז קיינער פון די „ווערטע ברידער", וואָס ווילען אריין, זאָלען ניט זיין אין אן „אומפאסיגען צושטאנד" (שיכור), שנעל ארויס און האלט די טיר שטארק צו קיינעם ניט אריינלאָזענדיג דורך דער צייט, וואָס די צערעמאָניע קומט פאר. דער פאָרזיצענדער הויבט זיך דאן אויף, רופט אוים עס זאָל זיין אָרדנונג, און איבערלייענענ־דיג די נעמען פון דעם קאַנדידאט, פון דעם, וועלכער האָט איהם פאָרגעשלאָגען און פון דעם, וועלכער האָט דאָס פאָרשלאָגען אונטערשטיצט, בעט ער די מיטגליעדער זיי זאָלען דערצעהלען דער פארזאמלונג, וואָס זיי ווייסען וועגען דעם פאָרגעשלאָגענעם. דאמאָלסט שטעלט זיך אוועק דער, וועלכער האָט דעם קאנדידאט פאָרגעשלאָגען, און ווענדענדיג זיך מיט די ווערטער: „העך פאָר־זיצענדער און ווערטע ברידער", דערצעהלט ער, וואָס ער ווייס,— אז דער קאנדידאט איז א יונגער מענש, האָט זיך געלערנט אין זיין פּלאַץ און האָט אָפּגעארבייט די באַשטימטע לעהר־צייט, אז ער איז א גוטער בעל־מלאכה און איז א געזעצטער בחור, וועלכער וויל שטאַרק אריין אין דער „געזעלשאפט" און ער וועט זיכער זיין א כבוד פאר דער חברה („לאָדזש"). ער זעצט זיך צוריק אוועק באגלייט פון אפּלאָדיסמענטען; דער „אונטערשטיצער" שטעלט זיך דאן אויף און חזר'ט איבער די זעלבע שבחים. דאָ־מאָלסט רופט מען דעם קאנדידאט אריין אין צימער און דער טיר־שומר לאָזט איהם אריין מיט אביסעל צערעמאָניע. ער געהט אריין ציטערענדיג מיט מורא, ווארום די פאָרמאַליטעט פון אריינ־נעמען, הגם די אמאָליגע מיסטעריעזע מנהגים זיינען אפּגעשאפט,

ווערט נאָך אַלץ געמאַכט מיט גענוג פּייערליכקייט, עס זאָל אויס־זעהן ווי עטוואס כמעט שרעקליכעס. די מיטגליעדער פאנגען איהם תיכף אָן צו באטראכטען מיט פריינדליכער נייגעריגקייט און מען אפּלאָדירט איהם; דאָס אַלץ מאכט איהם א היפּשע ביסעל מעהר נערוועז און שרעקענדיג. ער ווערט אָבער אנגענעם איבערראשט ווען ער געפינט אויס, אז די צערעמאָניע איז א גאנץ מאָגערע. דער פּרעזידענט (פאָרזיצענדער) שטעלט זיך אויף, הייסט די מיטגליעדער טאָן דאָס זעלבע און דאמאָלסט, ווען אַלע שטעהען, לייענט ער פאָר אַן אריינפיהרונגס־רעדע און א טייל פון די תקנות פון דער „געזעלשאַפט”. דאן פאַרשפּרעכט דער קאנ־דידאט אין איינפאכע ווערטער צו פאָלגען די רעגעלען, צו שטודי־רען די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט און אז ניט ער וועט אליין טאָן און ניט וועט ער, אויב ער וועט עס קאָנען, דערלאָזען אימיצער אנדערש זאָל טאָן וואָס עס איז געגען איהר. ער שרייבט זיך דאן פאָרמעל אונטער דעם פאַרשפּרעכען. ווען דאָס איז געטאָן, ווערט זיין נאָמען פאַרצייכענט אלס מיטגליעד און ווען ער צאָהלט איין זיין איינטריטס־געלד גיט מען איהם א מיטגליעדערשאפט קאר־טעל אין א ביכעל מיט די תקנות פון דער געזעלשאפט.

ער איז יעצט א מיטגליעד פון דעם אָרדען גלייך מיט אַלעמען און אין דעם משך פון א וואָך צייט דערפיהלט ער זיין נייע בכבוד'י־גע לאגע, ווען ער באקומט די ערשטע איינלאַדונג צו א מיטינג פון דער חברה. ער געהט צום קליינעם שענקעל אין דער שמוציגער זייטיגער גאס, וואו דער פאַראיין קומט זיך צוזאמען, קומט אָן אהינצו עטוואָס פריהער פון אכט א זייגער אין אָיוענט, — די צייט, וואָס איז באשטימט פאַר דער עפענונג פון די פאַרהאנדלונ־גען, — געפינט דאָרטען א געוויסע צאָהל פון זיינע חברים־אר־בייטער פאַרזאמעלט ארום שענק דיסקוטירענדיג דעם פּראָגראַם פון דעם אָוונט און אַלגעמיינע פאך־זאכען. די אַרבייטער קו־מען אריין צו צוויי און צו דריי מיט אמאָל און ער באמערקט, אז אַלע, מיט אייניגע אויסנאמען, זיינען נעט און ריין; זיי זיי־נען שוין געוועזן נאָך דער ארבייט אין דער היים, אָפּגעטרונקען

זייער טעע און זיך אַרומגעוואַשען.[1] ווען די באַאַמטע פון דעם לאָקאַל קומען אַריין, ווערען זיי פון אַלעמען מיט כבוד באַגריסט בשעת זיי געהען אויף דעם העכערען שטאָק צוצוגרייטען דעם קלוב־צימער פאַר דער פאַרזאַמלונג פון דעם אָווענט. קורץ נאָך דער באַשטימטער שטונדע פאַרנעמט דער פּרעזידענט זיין שטוהל און בשעת די אַרבייטער לאָזען זיך פּאַמעלאַך אַריין אין צימער שטעלט ער זיך אויף און דערקלעהרט דעם מיטינג אָפען פאַר פאַרהאַנדלונגען. דער קלוב־צימער איז אַ לאַנגע נידעריגע שטוב אויף דעם ערשטען שטאָק פון דעם שענק (ד. ה. דעם ערשטען נאָך דעם שטאָק, וואָס איז גלייך מיט דער גאַס). אין מיטען צימער, אויף בענק אַרום אַ טיש געמאַכט פון שטאַלצעס, זיצען די מיטגלידער. אויבען־אָן אַרום אַ קלענערן טישעל, וואָס שטעהט אין דער לענג צו דער ברייט פון דעם גרויסען טיש, זיצט די גרופּע באַאַמטע. די ווענט פון צימער זיינען באַפּוצט מיט די איינגעפּאַסטע „עמבלעמען" פון פאַרשיידענע פאַך געזעלשאַפטען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך באַגילטע שפּיגלען און אַנאָנסען־וואַנט־לוחות. אין איין עק פון דעם צימער שטעהט אַ טהראָן איבערגעדעקט ווי מיט אַ „חופּה", וואָס צייגט אַז ער ווערט אויך געברויכט פאַר אַ קלוב־צימער פון אונטערשטיצונגס־חברות, וואָס האַלטען זיך נאָך ביי די אַלטע משונה'דיגע צערעמאָניעס פון זייערע אָרדענס. אין אַ ווינקעל שטעהט אַ היימישער אַלטמאָדישער פּיאַנאָפאָרט, וואָס צייגט, אַז דער צימער ווערט אויך געברויכט פאַר קאָנצערטען, „זמירה"־לאַך" און שמחות.

די ערשטע זאַך פון דעם אָווענט איז דאָס מאַכען פון די איינצאָהלונגען. דער סעקרעטאַר, מיט דער הילף פון דעם „חשבון־סעקרעטאַר" („טשעק סעקרעטערי"), דעם „געלד־ממונה" („מאַני סטיואַרט") און פון דעם קאַסירער, נעמט די איינצאָהלונגען

---

[1] אַלטע מיטגליעדער געדענקען נאָך די צייט ווען די אַרבייטער פלעגען קומען צום קלוב גלייך נאָך דער אַרבייט, „אין זייער שמוץ". עס ווערט אָפט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז דער גוטער פאַרהאַלטען זיך ביי די קלוב מיטינגען יעצט, אין פאַרגלייך מיט דער גראָבקייט פון אַמאָל, קומט פון אַט־דער ענדערונג אין זייערע געוואוינהייטען. דאָס גופא איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַרקירצונג פון די אַרבייטס־שטונדען.

ביי די מיטגליעדער, וועלכע קומען צוליעב דעם צו איינציגווייז צום אויבען־אָן, פאַרשרייבט עס אין די ביכער און שרייבט אונטער די מיטגליעדס־קאַרטלאַך. פיעל מאָל פאַסירט עס, אַז פרויען און קינדער קומען צו מאַכען די איינצאָהלונגען פאַר זייערע מענער אָדער פאָטערס. דער נייער מיטגליעד פיהלט געוועהנליך, אַז עס איז אַ שאַנדע, וואָס די פרויען און די קינדער מוזען דורכגעהן דעם שענק אום צו דערפילען זייער שליחות. ווען דאָס מאַכען פון די איינצאָהלונגען איז געענדיגט, קומען די אַרבייטסלאָזע מיטגליעדער און די פרויען אָדער אַנדערע נאָהענטע פון די, וועלכע זיינען קראַנק, צו באַקומען זייערע אונטערשטיצונגען. מען פרעגט זיך ביי די לעצטע פאַנאַנדער וועגען דעם צושטאַנד פון די קראַנקע און מען וואונשעוועט, אַז זיי זאָלען אין גיכען געזונט ווערן. די אויסצאָהלונגען ווערן געמאַכט פון די באַאַמטע מיט אַ היבש ביסעל פאָרמאַליטעט. דורך דער צייט, וואָס דאָס קומט פאָר האַלט אין צימער אָן אַ שטענדיגער טומעלדיגער געשפרעך און די מיטגליעדער הערן ניט אויף צו געהן אַהין און צוריק צו און פון דעם שענק. אָבער אָט האָט זיך דאָס אַלץ געענדיגט. דער פרעזידענט שטעלט זיך אויף און היסט עס זאָל ווערן אָרדענונג. פרעמדע מענשען און ניט קיין מיטגליעדער ווערן אַרויסגעשיקט פון צימער. דער טהיר־שומר פאַרנעמט זיין פלאַץ אינוועניג לעבען טהיר אַכטונג צו געבען אויף די, וואָס געהען אַריין אָדער אַרויס, און די „שר־המשקים׳ס" („דרינק־סטיואַרטס") מאַכען זיך גרייט צו באַדיענען די מיטגליעדער אַלס סאַרוואַרעס כדי קיין פרעמדע מענשען זאָלען ניט דאַרפען אַריינקומען אין צימער און עס זאָל ניט זיין קיין אומנויטיגער טומעל און צומישעניש.[1] דער געשעפטס־פאַרהאַנדלונג פון דעם אָוועט פאַנגט זיך אָן מיט דעם לייענען פון דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצטער פאַרזאַמלונג. מען שטעלט פראַגען און מען באַקומט ענטפערס וועגען דער דורכפיהרונג פון די אָנגענומענע באַשלוסען אָדער צי די באַאַמטע האָבען אויסגעפילט די אינ־

[1] ביי פיעלע יוניאָנען איז פאַרבאָטען צו טרינקען (וויין אָדער שנאַפּס) דורך דער צייט ווען עס ווערט אָפּגעהאַלטען די פאַרזאַמלונג פון דעם לאָקאַל.

סטרוקציעס, וואָס מען האָט זיי געגעבען, און דער פּראָטאָקאָל ווערט באַשטעטיגט דורך אַן אָפּשטימונג הייבענדיג די הענד און דער פּרעזידענט שרייבט איהם אונטער. דאַן לייענט מען פאָר די בריעף, וואָס זיינען אָנגעקומען זינט דער לעצטער פערזאַמלונג אָדער קאָפּיעס פון די, וואָס דער סעקרעטאַר האָט פאָר דער צייט ארויסגעשיקט. צווישען די בריעף זיינען געוועהנליך דאָ פון דער צענטראַל קאָנטאָר, וואָס דערקלעהרט אַ געוויסע תקנה וועגען דער אויסצאָהלונג פון אונטערשטיצונג, פון דעם באַצירק־קאָמיטעט, וואָס לאָזט וויסען וועגען אַ געוויסע פּאַך רעגולירונג, און פון די סעקרעטאַרען פון אַנדערע לאָקאַלען, וועלכע ווילען מעהר ידיעות וועגען דעם כאַראַקטער און פעהיגקייטען אין דער מלאכה פון אַ קאַנדידאַט צו ווערען אַ מיטגליעד. דאַן קומט דער היציגסטער פּונקט פון דעם אָוענט — דער באַריכט פון דעלעגאַטען, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן צו זעהן זיך מיט אַן ארבייטס־געבער וועגען עפּעס אַ טענה צו איהם. די דעלעגאַטען דערצעהלען ווי זיי האָבען יענעם באַזוכט, ווי ער האָט זיי תחילת ניט געוואָלט אויפ־נעמען און האָט זיי געהייסען פאַרלאָזען זיין פּלאַץ, ווי ער איז אמענדע ארויסגעקומען און האָט אויסגעהערט זייערע טענות, ווי ער האָט געלייקענט די עקזיסטענץ פון די אָנגעגעבענע עולות און האָט געפאָדערט די נעמען פון די ארבייטער, וועלכע האָבען זיך באַקלאָגט, וואָס די דעלעגאַטען האָבען פאַרשטעהט זיך, אָנט־זאָגט זיך צו געבען; ווי אַזוי ער איז צולעצט, נאָך פיעלע טענות, ווייכער געוואָרן און האָט זיי געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער וועט אויסבעסערן די זאַך, געגען וועלכער מען האָט זיך באַקלאָגט. דאַן פאָדערט מען אויף די ארבייטער פון דעם פּלאַץ, וועגען וועלכען עס האַנדעלט זיך, וועלכע זיינען דאָ ביי דער פאַרזאַמלונג, צו דער־צעהלען אויב עס זיינעןווירקליך געמאַכט געוואָרן פאַרבעסערונ־גען אין דער זאַך, אויף וואָס זיי האָבען זיך באַקלאָגט. אויב זייער באַריכט איז צופריעדענשטעלענד, לאָזט מען דעם ענין צורוה, אויב אָבער ניט — קומט פאָר אַ היציגע דיסקוסיע. איינזער פריינד, זיצענדיג מיט די יונגע חברה ארונטער־צו אין צימער רייסט זיך געוועהנליך מען זאָל דערקלעהרן אַ שטרייק. די באַאַמטע טוען אַלץ, וואָס זיי קאָנען, איינצוהאַלטען די פאַרזאַמלונג פון אַזאַ

באַשלוס. זיי צייגען אָן, אַז מען מוז פריהער זיך צוזאַמענשרייבען מיט דעם באַצירק־קאָמיטעט[1], אָדער — אויב די תביעה איז אַזאַ, צוליעב וועלכער די אַלגעמיינע רעגעלען אָדער די אָרגאַניזאַציאָנס־געזעצען פון דעם באַצירק גיבען די ארבייטער אַ רעכט צו שטרייקען אָהן אַ העכערע הסכמה, — זיי שלאָגען פאָר מען זאָל ווייטער פאַרהאַנדלען מיט דעם ארבייטס־געבער. די דיסקוסיע שליסט זיך אַמענדע מיט דעם, וואָס מען הייסט דעם סעקרעטאַר ער זאָל אין אַ בריעף פרעגען אַן עצה ביי דעם באַצירק קאָמיטעט, אָדער מען אינסטרואירט די דעלעגאַטען זיי זאָלען נאָך אַמאָל זיך זעהן מיט דעם באַלעבאָס־דעם־בעל־עולה און אויב ער „פאַרדרעהט זיי אַ קאָפּ" אַ צווייטען מאָל זאָל מען אין דעם פּלאַץ שטרייקען.

ווען דער טומעל וועגען דעם ענדיגט זיך, פאַנגט אָן אָפּצושטאַרבען דער אינטערעס אין דעם מיטינג און די מיטגליעדער געהען זיך איינציגווייז פאַנאַנדער. עס פּאַסירט אפשר אַמאָל, אַז אַ מיטגליעד ווענדעט זיך מיט אַ טענה צו דער פאַרזאַמלונג געגען דעם, וואָס דער קאָמיטעט האָט איהם אנטזאַגט צו געבען אַ געוויסע אונטערשטיצונג, צו וועלכער ער דענקט ער איז באַרעכטיגט. ער ווענדעט זיך געגען דעם באַשלוס צו זיינע חברים מיטגליעדער, ווען זיי זיינען פאַרזאַמעלט צוזאַמען, און צייגט אָן, אַז אַלס אַלטער מיטגליעד, צוליעב זיין פרוי און זיין פאַמיליע און צוליעב זיין טעטיגקייט פאַר דער יוניאָן דאַרף מען איהם באַהאַנדלען בעסער. זיינע פערזענליכע גוטע־פריינד האַלטען פאַר איהם שעהנע רעדעס. אָבער דער קאָמיטעט און די באַאַמטע דערקלעהרן, אַז זיי האָבען געהאַנדעלט לויט די תקנות, און דערמאָנען די פאַרזאַמלונג, אַז אויב מען וועט זיי הייסען אויסצוצאָהלען אַן אומגעזעצליכע אונטערשטיצונג וועט די צענטראַל־קאָנטאָר ניט דערלויבען, אַז די סומע זאָל בלייבען אויסגעצאָהלט

---

[1] די גרויסע אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפטען האָבען אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען באַצירק־קאָמיטעטע, צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטעהער פון די לאָקאַלען, און זיי באַשליסען וועגען דער טאַקטיק פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי רעפּרעזענטירן. זייערע באַשלוסען מוזען באַשטעטיגט ווערן פון דעם צענטראַלען פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט.

פון די פאַנדען פון דער יוניאָן און וועט הייסען די מיטגליעדער פערזענליך צוריק זי אָריינצוטראָגען. אויב דער קאָמיטעט האָט א שטאַרקען איינפלוס וועט די אָפּשטימונג זיין געגען דעם בעל-בקשה; אויב זיין איינפלוס איז שוואַך, באַזונדערס אויב דער בעל-בקשה איז א פּרעהליכער חבר און א „גוטער ברודער", וועלען זיינע פריינד צוזאַמעננעמען געגנוג שטימען ער זאָל זיין בקשה באַקומען. עס איז שוין צעהן א זייגער אין אָוונט, מען לייגט אָפּ אלע אַנדערע געשעפטען — ווי רעזאָלוציעס, וואָס איינצעלנע מיטגליעדער האָבען פאָרגעשלאָגען — אויף דעם קומענדען קלוב-אָוונט, און דער פאָרזיצענדער דערקלעהרט די פאַרזאַמלונג געזעצליך געשלאָסען. דער סעקרעטאַר איילט זיך אהיים צו זיצען דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי א קעראָסין-לעמפּעל און אויסגלייכען די ביכער, אריינשרייבען דעם פּראָטאָקאָל, צוגרייטען באַריכטען צו דער צענטראַל עקזעקוטיווע אָדער צום באַצירק קאָמיטעט און שרייבען די בריעף, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט איהם געהייסען צו שיקען.

די פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט פאַרנעמט אין גיכען א וויכטיגען פּלאַץ אין דעם לעבען פון א בעל-מלאכה מיט אַן אַקטיווען געדאַנק. ער פיהלט, אז ער באַטייליגט זיך אין דער ווירקליכער אָנפיהרונג פון א גרויסער אינסטיטוציע, וואָס האָט א ווערט פאַר דעם גאַנצען לאַנד. עס ווערען אָפּגעהאַלטען ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען צו פאַרהאַנדלען און אָפּצושטימען וועגען פראַגען, וואָס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פון דער עקזעקוטיווע פאַר דער גאַנצער מיטגליעדערשאַפט, אזעלכע פראַגען, ווי די ענדערונג פון א תקנה, דאָס דערוועהלען פון א צענטראַלען באַאַמטען אָדער וועגען געבען הילף צו אַנאַנדער פאַך. אָבער צו-אַלעם-ערשטען איז דער לאָקאַל א געריכטס-הויז, צו וועלכען מען ווענדעט זיך געגען אלע מינים פון אינדוסטריעלער טיראַניי, א געריכטס-הויז, וואו דער ארבייטער-מיטגליעד איז זיכער, אז מען וועט איהם געהן און מיטפיהלענד אויסהערען. אהינצו נעמט ער זיינע קלאַגען איבער שטראָפען און שכירות-פאַרקלענערונגען, געגען א מייסטער, וואָס באַלעבאַטעוועט צופיעל, געגען די נידעריגע פרייזען פון שטיק-ארבייט; בקיצור, איבער אַלץ, וואָס ריהרט אָן זיינע איי-

טערעסען און זיין לעבען אלס לוין־ארבייטער. דער לאָקאל און זיינע באאמטע זיינען פאר דעם ארבייטער־מיטגליעד א מאכט, וואָס ער זעהט שטענדיג פאר די אויגען, א ווירקליכקייט, און דאָס שאפט אין זיין מח א נייגונג ער זאָל צוליעב זיי פארזעהן די גרעסערע צוועקען און אחריות׳ען פון דעם צענטראלען פארוואלטונגס קאָמיטעט. ער איז פאר איהם עטוואָס ווייטעס אין דער גרויסער וועלט אויסער זיין סביבה און די מאכט פון דער עקזעקוטיווע איז פאר איהם זעהר אומבאשטימט און שאָטענדיג. ער דערפיהלט זי אָבער ביי דער אָדער יענער פאסירונג אין זיין לעבען אלס טרייד־יוניאָניסט אָדער אלס ארבייטער. אָט איז, למשל, דער „עמבלעם״ פון זיין געזעלשאפט, א גרויסע און געוועהנליך אין שטארקע קאָלירן געפארבטע געמאָלעריי פון די פארשיידענע ארבייטען אין דעם פאך, אין וועלכען ער איז באשעפטיגט, אָפט אן אויסגעצייכענט פארטראכטע און אויסגעארבייטע. באלד נאָך זיין אריינטרעטען אין דער „געזעלשאפט״, אָפטער פיליכט ווען ער האָט חתונה, קויפט ער עס פאר עטליכע שילינגען און הענגט עס אויף, אין א לעבעדיגער רעמעל, אין זיין זאל. עס איז אויף דעם פארצייכענט זיין נאָמען, ווי אלט ער איז, דער טאָג ווען ער איז אריינגענומען געוואָרן אין דער „געזעלשאפט״ און די אונטערשריפטען, און אפשר אויך די בילדער, פון די גענעראל באאמטע. פאר איהם איז עס א שנור, דורך וועלכען ער איז פארבונדען מיט די אנדערע ארבייטער פון זיין פאך און פון זיין פאראיין. פאר זיין פרוי איז עס א פאטענט פון זייערע רעכטע אין פאל פון קראנקהייט, ארבייטסלאָזיגקייט, אָדער פון טויט. אלס אזעלכעס איז עס א זאך, מיט וועלכער די פאמיליע איז שטאָלץ און וואָס מען ציינט מיט געהעריגער וויכטיגקייט צו פריינד און צו צופעליגע געסט.

אָבער מעהר וויכטיג איז דער מאָנאטליכער צירקולאר, וואָס איז יעצט אַן אנערקענטע זאך אין די מעהרסטע גרעסערע יוניאָנען. דאָ דערפיהלט זיך דער מיטגליעד געבראכט אין דירעקטער באריהרונג מיט דער אויסערער וועלט פון זיין פאך. ער איז געוועזן קראנק אָדער אָהן ארבייט און האָט באקומען אונטערשטיצונג; זיין נאָמען און די סומע געלד, וואָס ער האָט געקראָגען,

זיינען דאָ געהעריג פּארצייכענט. אויב מיט איהם אַליין האָט אַזאַ אומגליק ניט פּאסירט, געפינט ער דאָ אויס די נעמען פון יענע, מיט וועמען עס פּאסירט יאָ און ער דערוויסט זיך פון דעם צירקולאַר פּיליייכט צום ערשטען מאָל. אז אַזאַ אומגליק האָט געטראָפען זיינעם אַ פריינד אין אַנאַנדער און ווייטער שטאָדט. דאָ ווערט אויך באַריכטעט וועגען דעם צושטאַנד אין דעם פּאַך און וועגען דער צאָהל ארבייטסלאָזע אין יעדען אָרט, וואו עס עקזיסטירט אַ לאָקאַל פון דער „געזעלשאפט"; וועגען די ענדערונגען אין דער ארבייטס-צייט און אין שכירות, וואָס זיינען פּאַרגעקומען דורך דעם מאָנאַט דורך פריעדליכע פּארהאנדלונגען, דורך אַ לאָקאַוט אָדער דורך אַ שטרייק. אַמענדע, דאָ זיינען געדרוקט בריעף פון לאָקאַלען אָדער פון איינצעלנע מיטגליעדער איבער אַלערליי פּראגען, ווי אויך פּעפּערדיגע זלזולים געגען דער צענטראַלער עקזעקוטיווע און שאַרפע ענטפּערס פון דעם גענעראַל סעקרעטאר. מיט דעם וואוקס פון זיין אינטערעס אין דער געזעלשאפט פּאנגט אונזער בעל-מלאכה אַליין אָן צו שרייבען בריעף צום „צירקולאַר", באַשרייבענדיג אַ געוויסע עולה, פּאַרשלאָגענדיג אָן עצה געגען עפּעס אַ צרה, וואָס אַנדערע האָבען שוין באַשריבען, אָדער ענטפּערענדיג אויף דער קריטיק איבער דער פיהרונג און דער טאַקטיק פון זיין באַצירק-קאָמיטעט אָדער זיין לאָקאַל.

חוץ דעם מאָנאַטליכען צירקולאַר איז דאָ דער יעהרליכער באַריכט. דאָס איז אַ גרויסער בוך פון עטליכע הונדערט זייטען, אין וועלכען עס זיינען איבערגעגעבען בקיצור דער פּאַרטשריט און די אויפטואונגען פון דער געזעלשאפט דורך דעם גאַנצען יאָהר, דער סך-הכל פון דעם איינקונפט, די אויסגאַבען און דער געלד-באַלאַנס, וואָס איז געבליבען, דער פּראָפּאָרציאָנעלער קאָסט פון אַלע פּארשיידענע אונטערשטיצונגס-צאָהלונגען, די רעכענונגען פון יעדען לאָקאַל און פיעלע אַנדערע אינטערעסאַנטע און וויכטיגע רשימות. ער דערפיהלט אַ וואַרימען שטאָלץ זעהענדיג דעם באַריכט וועגען דעם וואוקס פון זיין „געזעלשאפט", פון איהרע פאָנדען און פון איהר מיטגליעדערשאפט און פיליייכט אויך אַ פּאַרלאַנג צו זעהן זיין אייגענעם נאָמען געדרוקט אַלס איי-

נער פון די באַמטע פון איינעם פון די לאָקאַלען און אויף דעם שטייגער צו זיין כאָטש אויף אַ ווייטען דרך פאַרבונדען מיט דעם ערפאָלג פון דער געזעלשאַפט.

אָבער נאָך אַ יאָהר אָדער צוויי פון דעם פאַרהעלטניסמעסיג פרייען בעל־מלאכה'שען לעבען, פאַנגט דער יונגערמאַן אָן צו פיהלען אַ שטאַרקען פאַרלאַנג פאַר ענדערונגען און פרישע ערפאַהרונגען. די פינף אָדער זיעבען יאָהר פון זיין לעהר־צייט, וועלכע ער האָט ערשט דורכגעמאַכט, האָבען איהם געהאַלטען געשמיעדט צו איין פּלאַץ, און עס פאַנגט זיך פאַר איהם איצט אָן אַ פּעריאָדע פון אומרוהיגקייט. חוץ דעם האָט ער אָפט געהערט צווישען זיינע חברים־אַרבייטער, אַז קיין מענש ווייס ניט זיין אייגענע פעהיגקייט אָדער זיין ווערט כל זמן ער האָט ניט געאַרבייט אין מעהר ווי איין שטאָדט אָדער פּלאַץ. זיי האָבען איהם אויך פיעל אָנגעדערצעהלט וועגען די פאַרגעניגענס פון זיין „אונטערוועגענס". ער באַשליסט אַמענדע צו באַנוצען זיך מיט זיין מיטגליעדערשאַפט אין דער „געזעלשאַפט" און לאָזט זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט אוועק ארומשלעפען זיך. ער איז דעריבער ניט גאָר אומצופריעדען ווען, צוליב צייטווייליגע געדריקטקייט אין זיין פאַך, זיין באַלעבאָס לאָזט איהם געהן און גיט איהם מיט דעם אַ רעכט ארויסצונעמען זיין „אונטערוועגענס קאַרטעל"[1].

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַ גאַנצען טאָג אָפּגעשלעפּט אונטערוועגענס, מיט צואוועהטאָגטע פיס און פאַרמאַטערט, זוכט ער אויף דעם שענקעל, וואו דער אָרטיגער לאָקאַל פאַרזאַמעלט זיך, פרישט זיך אָפּ און לאָזט זיך זוכען דעם סעקרעטאַר. ער צייגט איהם זיין נסיעה־קאַרטעל. ווען דער סעקרעטאַר איבערצייגט זיך

[1] די „אונטערוועגענס קאַרטעל", וואָס האָט פריהער געהייסען אַ „בלאַנק", באַשטעהט יעצט אין די מעהרסטע פאַלען פון אַ קליינעם ביכעל אין דעם פאָרם פון קבלות. עס ווערט אין איהר פאַרשריבען די פּרטים וועגען זיין מיטגליעדערשאַפט און דער טאָג, ביז וועלכען ער האָט איינגעצאָהלט זיינע ביישטייערונגען. צוזאַמען מיט דעם באַקומט ער אַ פאָלשטענדיגע רשימה פון די שענקען, וואו די לאָקאַלען פון דער געזעלשאַפט האַלטען אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען, און פון די נעמען און אַדרעסען פון די סעקרעטאַרען פון יעדען לאָקאַל.

אַז די דאַטען זיינען אָנגעגעבען ריכטיג און דער אָפּגעגאַנגענער מהלך באַרעכטיגט דעם גאַסט צו באַקומען גאַנצע אונטערשטי־צונגס־סומע פון זעקס פּענים און אַ פּלאַץ צום שלאָפען, שרייבט ער אָן אַ צעטעל דעם שענקער, ער זאָל דעם מיטגליעד מיט דאָס אַלעם באַזאָרגען. ער פאַרצייכענט דאַמאָלס קלאָהר אויף דער אונטערוועגענס־קאַרטעל„ דעם טאָג און דעם נאָמען פון דעם פּלאַץ און לאָזט ביי זיך איבער די קאָפּיע־טייל פון דער קבלה אלס זיין איינענע אָנווייזונג פון דער געמאַכטער הוצאה. אין פאַל ער וויים וועגען אַ פּאַסענדע פרייע שטעלע אין שטאָדט, וועט ער אָנזאָגען דעם „שלעפער" ער זאָל מאָרגען אין דער פריה געהן אַהינצו ארבייטען, אויב אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ פּלאַץ, מוז דער אורח אין דער פריה אוועק אין צייט, אום ער זאָל קענען דעם אָוועגט אָנקומען אין דער ווייטערדיגער שטעדטעל, וואו עס איז פאַראַן אַ לאָקאַל, ווארום בלויז דאָרט קען ער באַקומען ווייטערע אונטערשטיצונג.

אויב אונזער פריינד האָט זיך געלאָזען אין וועג אריין דורך די זומער חדשים און געפינט אַ פּלאַץ צו אַרבייטען אין אַ משך פון עטליכע וואָכען, האָט מיט איהם קיין ערגערעס ניט פּאַסירט ווי דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אַן אַנגענעהמע יום־טוב'דיגע נסיעה. אויב אָבער זיין ארומשלעפּען זיך פאַלט אויס אין ווינטער צייט, אָדער ער מוז בלייבען אונטערוועגענס מאָנאַטען לאַנג, וועט ער קומען צו אַ צושטאַנד, אַז עס וועט זיין אויף איהם אַ רחמנות. כל־זמן ער געפינט זיך אין די געדיכט באַפעלקערטע אינדוסטריעלע באַצירקען, וואו די „אונטערשטיצונגס־שטעדט" פון זיין פאַך זיי־נען אימער ניט ווייט, באַקומט ער זיין מאָהלצייט און זיין פּלאַץ צום שלאָפען נאָך יעדע פופצעהן אָדער צוואַנציג מיילען. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט שוין די אַלע שטעדטלאך אויסגענוצט איינע נאָך דער אַנדערער, וועט ער זיין געצוואונגען צו לאָזען זיך ווייטער אין די שיטערערע געגענדען, ווארום לויט די תקנות טאָר ער ניט באַקומען קיין אונטערשטיצונג צוויי מאָל פון איין און דעם זעלבען לאָקאַל אין אַ משך פון וועניגער פון דריי חדשים. מיט דער צייט געפינט ער אויס, אַז די לאָקאַלען זיינען אַזוי ווייט איי־נער פון דעם אַנדערען, אַז עס איז אוממעגליך פאַר אַ מענשען

דורכצוגעהן דעם מהלך צווישען זיי אין איין טאָג צייט. די אונ־טערשטיצונג, וואָס ער באַקומט, ווערט ניט גענוג אויף זיין חיונה און ער מוז פיעל מאָל זוכען זיך אַן עצה ווי צו באַקומען שפּייז און אַן אָרט איבערצונעכטיגען. אַמענדע, נאָך אַ באַשטימטען משך צייט, — געוועהנליך דריי מאָנאַטען — „געהט אויס" זיין „נסיעה־קאַרטעל"; ער איז געוואָרען דאָס, וואָס די אַרבייטער אין ענגלאַנד רופען אַ „באָקס־פּאַסט" (ד. ה. איינער, וואָס מוז „לויפען שנעל" אום צו קומען צוריק צו זיין פריהערדיגען מעמד) און קען מעהר ניט באַקומען פון זיין געזעלשאַפט קיין אונטערשטיצונג ביז ער געפינט אַרבייט און פאַנגט ווידער אָן צו צאָהלען זיינע ביישטייערונגען.

אָבער אונזער אַרבייטער, זייענדיג אַ געזונטער יונגער בעל־מלאכה, האָט געפונען אַ פּלאַץ צו אַרבייטען. ער האָט זיך באַ־זעצט אין אַ נייער שטאָדט, געמאַכט פאַר לעת־עתה אַ סוף צו זיין אַרומשלעפּען זיך, האָט זיך דערהוילט פון דער שלעכטער מאָראַ־לישער און פּיזישער ווירקונג, וואָס דער קורצער משך האָט אויף איהם געמאַכט, און זיין אינטערעס אין דער געזעלשאַפט לעבט וויע־דער אויף. ער באַזוכט כסדר די מיטינגען פון זיין נייעם לאָקאַל, צוערשט דערפאַר, וואָס דאָרט איז דער איינציגער פּלאַץ אין שטאָדט, וואו ער באַגעגענט גוטע פריינד. מיט דער צייט קומט צו איהם צוריק זיין אַלטער פאַרלאַנג צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ באַאַמטען אין זיין געזעלשאַפט. ער ענטוויקעלט באַקאַנטשאַפט מיט די באַאַמטע פון דעם לאָקאַל, קומט זיך אָפּט צוזאַמען מיט די די מיטגליעדער און באַנוצט זיך מיט יעדער געלעגענהייט אַרוים־צוזאָגען זיך וועגען היציגע פראַגען. ביי די קומענדע וואַהלען ווערט ער באַשטימט צו איינעם פון די וועניגער וויכטיגע אַמטען, אַלס חשבונות־איבערזעהער (אַודיטאָר) אָדער אַלס „ממונה" („סטיוּ־אַרד") איבער וואָס־עס־איז. ער טוט ניצליכע אַרבייט און ער ווערט פּאָפּולאַר און אין דעם משך פון אַ יאָהר צייט ווערט ער איינער פון דעם לאָקאַל־קאָמיטעט.

פון דעם אַמט אַלס מיטגליעד פון דעם לאָקאַל־קאָמיטעט געהט ער אריבער צום אַמט פון לאָקאַלען סעקרעטאַר, דער העכ־סטער, צו וועלכע זיינע חברים־פּאַבלייטע אין זיין אייגענער

שטאָדט קענען איהם דערוועהלען. אין דעם אָוועגט פון די וואה־לען איז ער אביסעל איבערראשט צו זעהן, אז די יאָגעניש נאָך דעם אמט איז ניט קיין גרויסע. די שכירות פון א לאָקאל סעק־רעטאר איז מאָגער גענוג — פון צעהן ביז פופצעהן שילינג פאר א פערטעל יאָהר. די מעהרסטע פון זיינע אווענטען און א טייל פון זיינע זונטאָגס זיינען פארנומען מיט פאראנטווארטליכער שרייבערישער ארבייט. חוץ דאָס באַזוכען פון די צוויי־וואָכענדיגע אָדער אלע־וואָכעדיגע פארזאמלונגען, וואָס געדויערן פון אכט ביז עלף אָדער צוועלף דעם זייגער ביינאכט, מוז ער צוגרייטען די געשעפטס־אָרדענונג פון די ספּעציעלע און אלגעמיינע פארזאמ־לונגען פון די מיטגליעדער, פיהרען די גאנצע קאָרעספּאָנדענץ פון דעם לאָקאל, אויסארבייטען באריכטען צום באַצירק־קאָמיטעט און צו דער צענטראלער עקזעקוטיווע, האלטען די חשבונות און צו־גרייטען קאָמפּליצירטע באלאנס־טאבעלען פאר דער הויפּט קאָנ־טאָר. אפילו דורך דער צייט פון זיין ארבייט איז ער ניט פריי פון זיינע אָפיציעלע פליכטען. צו יעדער רגע קען מען איהם ארויסרופען פון זיין ארבייטס־פּלאַץ אונטערצושרייבען א קארטעל פון א מיטגליעד, וואָס שלעפּט זיך פון שטאָדט צו שטאָדט, אָדער ער מוז דורך זיין מיטאָג־צייט לויפען אָפּהאלטען ארבייטער־מיט־גליעדער אין א געוויסען פּלאַץ פון צו דערקלערן א שטרייק אָהן דער הסכמה פון דעם לאָקאל. ווען עס ווערט באשטימט א דעפּוטאציע צו באַזוכען אַן ארבייטס־געבער, מוז ער אָפּבעטען זיך אויף א טאָג פון זיין ארבייט צו נעמען אויף זיך די ראלע פון הויפּט בעל־דברן פאר די ארבייטער. צוליעב דעם אלעמען איז ער אין שטענדיגער סכנה מען זאָל איהם אינגאנצען אפּזאָגען פון דער ארבייט, אָדער אז די באלעבאַטים זאָלען איהם אפילו גאר באָי־קאָטירען אלס אַן „אגיטאַטאָר". מען וועט איהם אויך ניט אלע מאָל באדאנקען פאר זיינע טרחות. איידער ער איז דערוועהלט געוואָרן צום סעקרעטאר־אמט איז ער פיללייכט געוועזן „גאָר ווי איינס" מיט אלע אנדערע מיטגליעדער, וועלכע פלעגען איהם באַגעגענען מיט א ברייטען „שלום־עליכם". יעצט מוז ער כסדר צונישט־מאכען די פארלאנגען און די אינטערעסען פון איינצעל־נע מיטגליעדער. ער מוז שטענדיג עצה'נען דעם קאָמיטעט צו

אנטזאגען אונטערשטיצונגען צו מיטגליעדער, וועמעס בקשות זיי־
נען אויסער די גרענעצען פון די רעגעלען פון דער געזעלשאפט,
און ראטען די פארזאמלונגען פון דעם לאָקאל זיי זאָלען אנטזאַ־
גען זייער הסכמה צו געוויסע שטרייקען. ער געפינט דעריבער אין
גיכען אויס, אז די אומצופרידענע האָבען געמאכט צווישען זיך
כנופיות, וואָס שטעלען זיך ביטער ארויס אנטקעגען איהם. מען
באשולדיגט איהם, אז ער האָט ניט קיין יושר, אז ער איז א פחדן
און האָט מורא ארויסטרעטען צו אָפען, אז ער איז א פאררעטער
און, לסוף, אז ער איז „די באלעבאטים'ס א מענש". אָבער נאָך
א קורצער צייט, אויב ער האלט זיך פעסט ביי זיין דרך און היט
שטרענג אָפּ די רעגעלען פון דער „געזעלשאפט" פאנגט ער אָן
צו באקומען די שטיצע פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט, ער גע־
ווינט דעם צוטרוי פון די קלוגערע און שכל'דיגערע מיטגליעדער,
וועלכע שטעלען צוזאמען דעם רוב פון דער מיטגליעדערשאפט און
אויף וועלכע מען קאָן זיך תמיד פארלאָזען צו שטיצען די באַ־
אמטע ביי די פארזאמלונגען פון דעם לאָקאל.

איינע פון די פליכטען, וואָס ווערן ארויפגעלייגט אויף אונ־
זער סעקרעטאר, איז צו רעפּרעזענטירן זיין פאך אין דעם אָר־
טיגען טריידס קאָונסיל (ראט פון פארשטעהער פון אלע פאכען).
ער איז ניט גאָר צופרידען ווען ער געפינט אויס, אז זיין לאָקאל
האָט דערוועהלט אלס זיינע מיט־דעלעגאטען אזעלכע מיטגליעדער,
וואָס האָבען האָלט א סך צו שמועסען און האָבען ניט קיין איבע־
ריגען שכל־הישר. עלטערע און מעהר ערפאהרענע מענשען אנט־
זאגען זיך אָפּט אָנצונעמען די ארבייט אויף דעם גרונד, אז זיי
האָבען ניט קיין צייט און „האָבען זיך שוין דעם סאָרט זאכען
נענוג אָנגעזעהן". דאָך נעמט אונזער סעקרעטאר לכתחילה זיין
פליכט זעהר ערנסט. פאר דעם יונגען טרייד יוניאָניסט רעפּרעזענ־
טירט דעם טריידס קאָונסיל די ברייטערע וועלט פון דער ארבייטער
פּאָליטיק און ער האָט חלומות וועגען דערוועהלען ארבייטער צו
די ארטיגע רעגירענדע קערפּערשאפטען, אדער אז דער טריידס
קאָונסיל זאל איהם גופא ארויסשטעלען אלס קאנדידאט צו דער
שול־קאָמיסע, אָדער צום שטאָדט־ראט, אָדער פיליכט אפילו צום
פּארלאמענט אליין. ווען עס קומט די צייט פון דעם מאָנאָטלי־

כען מיטינג פון דעם טריידס קאָונסיל נעמט ער אויף זיך דעריבער צו קומען פינקטליך אכט אזייגער אין ראט־זאל אריין. ער גע־פינט זיך אין דעם גרויסען און לעבעדיג־באפוצטען פארזאמלונגס־זאל, איבער איינעם פון די הויפט שענקען אין שטאָדט. אין איין עק זאל איז אויפגעשטעלט א בימה מיט שטוהלען און א קליינער טישעל פאר דעם פארזיצענדען און דעם סעקרעטאר. נידעריגער, לעבען דער בימה, איז געשטאנען א לאנגער טיש, ארום וועלכען עס זיינען געזעסען קאָרעספּאָנדענטען פון די לאָקאלע ציימונגען, און דער איבעריגער טייל פון דעם צימער איז געווען אָנגעפילט מיט שטוהלען און אימפּראוויזירטע בענקלאך פאר די דעלעגאטען. דאָ באגעגענט ער די דרייסיג אָדער זעכציג דעלעגאטען פון די אנ־דערע יוניאָנען. ער באמערקט מיט פארדרוס, אז די באצאָהלטע באאמטע פון די „נעזעלשאפטען", וואָס האָבען זייערע הויפט־קאָנטאָרען אין שטאָדט, און די באצירק־דעלעגאטען פון די גרויסע נאציאָנאלע יוניאָנען, וואָס האָבען זייערע קאנטאָרען אין שכנות'שאפט, — גראָד די מענשען, וואָס ער האט געהאָפט צו זעהן אין דעם אָרטיגען „ארבייטער פּארלאמענט" — זיינען דאָ ניטאָ. דער רוב דעלעגאטען זיינען אָדער באאמטע פון לאָקאלען, ווי ער אליין, אָדער פאָרשטעהער פון דער איינפאכער מיטגליעד־דערשאפט פון די טרייד יוניאָנען, ווי זיינע קאָלעגען. די פּאר־זאמלונג פאנגט זיך אָן מיט דעם, וואָס דער סעקרעטאר לייענט דעם פּראָטאָקאָל פון לעצטען מיטינג און די קאָרעספּאָנדענץ. דאן קומען באריכטען וועגען דעם צושטאנד אין די פאכען; דע־לעגאט נאָך דעלעגאט שטעהען אויף צו פּראָטעסטיון געגען אונ־טערדריקונגען פון ארבייטסגעבער אָדער צו באריכטען וועגען דעם פּועל־יוצא פון וועלכע עס איז פארהאנדלונגען וועגען דער באזיי־טיגונג פון געוויסע שלעכטע ארבייטס־אומשטענדען. אנדערע דע־לעגאטען וועלען אפשר אמאָל שטעלען עטליכע פראגען, אָבער גע־וועהנליך פּרובירט מען זיך ניט ארומצוריידען די פראגען; דער ראט באגנוגענט זיך בלויז מיט מיטפיהלענד אויסהערן און אפּלאָדירן יעדע אלגעמיינע פארדאמונג פון אינדוסטריעלער טיראניי. אויב עס געהט ערגעץ אָן א שטרייק בעטען די דעלעגאטען פון דעם פאר־אינטערעסירטען פאך מען זאָל זיי געבען „באפולמעכטיגונגען"

(„קרעדענשעלס”; א בריעף פון דעם סעקרעטאר פון דעם „קאונ־סיל”, אין וועלכען ער שרייבט, אז אנדערע פאכען דארפען העלפען די שטרייקער און אז די אָנגעגעבענע פערזאָנען האָבען א רעכט די הילף צו זאמלען) און ווענדען זיך אויך אפילו צום ראט גופא מען זאָל זיי געבען הילף. דאס ברייננט צו א מיינונגס־פארשידענהייט. דער גאנצער ראט האָט אפּלאָדירט דעם שטרייק; ווען עס ווערט אָבער א פראגע פון ארויפלייגען אן אָבצאָהל, שטעלען זיך אויף די פאָרשטעהער פון אזעלכע אלט־עטאבלירטע יוניאָנען, ווי פון די זעצער, די מאשיניסטען, די מויערער, די ציעגעל־מויערער און דערקלעהרן, אז די תקנות פון זייערע געזעלשאפטען דערלויבען זיי ניט אליין צו מאכען פארשפּרעכונגען. פארקעהרט, די ענטוזיאסטישע דעלעגאטען פון א ניי־אָרגאניזירטער ארבייטער יוניאָן זאָגען תיכף צו די הילף פון זייער פאראיין און באשולדיגען מיט כעס דעם ראט אין גלייכגילטיגקייט. דאן קומט אן ערנסטער ענין. איינע פון די עטליכע יוניאָנען אין דעם מאשיניסטען אָדער בוי פאכען באקלאָגט זיך, אז מיטגליעדער פון א געגנערישער יוניאָן האָבען לעצטענס געטאָן געגען זיי „שווארצע מעשים” (געארבייט אלס שטרייק־ברעכער) אין א סכסוך מיט אן ארבייטס־געבער. די דעלעגאטען פון דער געקריוודעטער „געזעלשאפט” דערצעהלען אין א צוהיצטען טאָן ווי אזוי זייערע מיטגליעדער האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער ארבייט ביי א געוויסע פירמע, וואָס האָט זיך אנטזאגט צו צאָהלען דעם איינגעשטעלטען לוין, און ווי כמעט תיכף נאָך דעם האָבען די מיטגליעדער פון דער אנדערער יוניאָן אָנגענומען די באדינגונגען פון דעם ארבייטסגעבער און זייַנען אוועק ארבייטען. די דעלעגאטען פון דער באשולדיגטער יוניאָן פארזיכערן דאמאָלס מיט דער זעלבער היץ, אז די ארבייט, וועגען וועלכער עס האנדעלט זיך, האָט באמת באלאנגט צו זייער מין מלאכה אין פאך; אז די מיטגליעדער פון דער אנדערער „געזעלשאפט” האָבען לכתחילה גאָר ניט געהאט קיין רעכט צו טאָן די ארבייט, אז די ארבייטס־געבער האָבען זיי פארגעשלאָגען די שכירות, וואָס זייַנען באשטימט לויט זייערע אייגענע תקנות און זיי זייַנען דעריבער געווען בארעכטיגט אָנצונעמען די ארבייט. עס פאנגט זיך באלד אן א צו׳כעס׳טער ויכוח, אין וועלכען עס ווערען

פון איין צד געגען דעם צווייטען געמאַכט פּערזענליכע באַשולדי־גונגען און מען וואַרפט זיך מיט טעכנישע פּרטים אַזוי, אַז די איבע־ריגע מיטגליעדער פון דעם ראַט ווערען אינגאַנצען צוטומעלט. אומ־זיסט מישט זיך אריין דער פּאַרזיצענדער און בעט מען זאָל זיך האַלטען אין אָרדענונג. פאַרמאַטערט פון דער רייסעריי, פּטר'ט דער קאָונסיל אַרויס די פראַגע דורך דעם, וואָס מען גיט די זאַך איבער צו אַ קאָמיסיע, און אַן אַלטער מיטגליעד פון דעם ראַט דריקט אויס בסוד צו אונזער פריינד אין אויער אריין זיין שטאַר־קע האָפענונג, אַז די קאָמיסיע זאָל פאַרנאַכלעסיגען איהר אויפגאַ־בע און זאָל זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענקומען, וואָרום איהר באַ־ריכט וועט ניט צופריעדענשטעלען קיינעם פון די צדדים און דאָס וואָלט געפיהרט צו דעם, אַז איינער פון די פאַכען, אויב ניט ביידע, זאָלען אינגאַנצען אַרויס פון דעם ראַט.

די ווייטערדיגע געשעפטען ברענגען צוריק שלום אין דעם ראַט. די דעלעגאַטען, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען ביי דער לעצטער פאַרזאַמלונג צו פאָדערן פון דעם שטאָדט ראַט אָדער פון דער שולען־קאָמיסיע, אַז זיי זאָלען אָננעמען אַ פּונקט וועגען אַ „יושר'דיגען לוין" (ד. ה. אַז זיי זאָלען אַליין, אין זייערע אייגענע אונטערנע־מונגען, צאָהלען די לוין־ראַטען, וואָס זיינען באַשטימט פון די יו־ניאָנען.) גיבען יעצט אָפּ זייער באַריכט. זיי באַשרייבען, ווי דער הער שטאָדט־ראַטמאַן דזשאָונז, אַן אָרטיגער פּאָליטיקער פון דעם אַלטען חדר, האָט געשמועסט וועגען אומזיסטיגער אויסברייננגעריי און וועגען די צרות פון דעם אָרימען שטייערען־צאָהלער. דער קאָונסיל לאַכט ווען די דעלעגאַטען גיבען איבער זייער ענטפער: „וואָס איז מכח דער העכערונג פון די שכירות פון אייער פריינד, דעם שטאָדט־שרייבער, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען?" זיי חזר'ען איבער מיט פאַרגעניגען די טענות וואָס זיי האָבען אָנ־געגעבען אין זייער שליחות, און זייער לעצטען שאָס, זייער שטאַר־קע התראה וועגען דער צאָהל פון טרייד יוניאָניסטען אויף דער רשימה פון די וועהלער, ווערט אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטען פון אַלעמען. אָבער טראָץ דאָס אַלעס באַריכטען זיי, אַז ראַטמאַן דזשאָונז האָט אויסגעפיהרט און דער שטאָדט־ראַט האָט צוריק־געוויזען דעם פּונקט. אונזער נייער מיטגליעד באַמערקט מיט צו־

פריעדענהיים, אז דער קאונסיל איז ניט אזא לא־יוצלח׳דיגע קער־פערשאפט, ווי ער האט מורא געהאט. נאך א היבש ביסעל צוהיצ־טען שמועסען ווערט דער סעקרעטאר באפוילען צו שרייבען צו די ארטיגע צייטונגען א דערקלעהרונג וועגען דער לאגע אנצייגענדיג אויף דעם ביישפיעל, וואס אנדערע וויכטיגע מוניציפאליטעטען האבען געמאכט. די מיטגליעדער, די אלטע און די נייע, פארשפרע־כען „אויסצוואגען" די שטאדט־ראט לייטע, וועלכע האבען גע־שטימט געגען די ארבייטער אינטערעסען („העקל"; צווינגען גע־זעלשאפטליכע טוער און פאליטיקער קלאהר זיך ארויסצוזאגען וועגען געוויסע פראגען דורך שטעלען זיי פראגען ביי עפענטליכע פאר־זאמלונגען ווען זיי האלטען אין ריידען), און די בעסטע מענשען פון דעם ראט, צו וועלכער פארטיי זיי זאלען ניט באלאנגען, שטי־מען אלע גלייך, אז מען זאל אויסקלייבען א קאמיסיע, וואס זאל ארויסשטעלען טרייד יוניאן קאנדידאטען געגען זייערע פאר־עקשנ׳טע געגנער.

די איבעריגע צייט פון דעם אוונט ווערט אפגעגעבען אויף אננעמען, צוריקווייזען, אדער אפלייגען רעזאלוציעס, וועגען וועל־כע מען האט געגעבען נאטיץ ביי דעם פריהערדיגען מיטינג. ערש־טענס קומען די פארשלאגען, וואס זיינען געמאכט געווארן פון דעם פארוואלטונגס־קאמיטעט, וואס באשטעהט פון פינף אדער זיעבען פון די טעטיגסטע מיטגליעדער פון דעם ראט. דער סעקרעטאר דערקלעהרט, אז אן איינפלוסרייכער מיטגליעד פון דעם פארלא־מענט קאמיטעט פון דעם טריידס יוניאן קאנגרעס האט געלאזט וויסען, אז אויב זיי ווילען א געוויסע פאדערונג זייערע זאל ווערן אנגענומען אלס א געזעץ, וואלט זיי געהאלפען ווען זיי וואלטען אנ־גענומען א געוויסע רעזאלוציע, וואס ווערט בשעת־מעשה פארגע־לייענט פאר דער פארזאמלונג. די דיסקוסיע ווערט געמאכט בקיצור, די רעזאלוציע ווערט אנגענומען איינשטימיג און זי ווערט איבערגעגעבען צו די צייטונגס־קארעספאנדענטען; דעם סעקרע־טאר באפוילט מען קאפיעס פון איהר צוצושיקען צו די ארטיגע פארשטעהער אין פארלאמענט און פילייכט אויך צום מיניסטער, צו וועלכען די רעזאלוציע האט א שייכות. רעזאלוציעס פון אנ־דערע מיטגליעדער פטר׳ט מען ניט אפ אזוי לייכט. א דעלעגאט

פון די שניידער, א פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער „שלום־געזעל־
שאַפט“, שלאָגט פאָר א שטאַרקע פאַרדאַמונג פון דער שטייגענ־
דער באַוואַפנונג און ענדיגט מיט א שטאַרקע פאַרטיידיגונג פון אן
אינטערנאַציאָנאַלען פשרה־געריכט. אָבער דער מאַשיניסט אָדער
שיף־בויער טרעט זעהר שטאַרק ארויס געגען דער רעזאָלוציע אַלס
ניט קיין פּראַקטישע זאַך און איינער פון זיי שלאָגט פאָר אן אויס־
בעסערונג צו איהר, אויפפאָדערנדיג די רעגיערונג זי זאָל שאַפען
באַשעפטיגונג פאַר די שווער־ארבייטענדיגע בעלי־מלאכות אין דער
צייט פון עקאָנאָמישער געדריקטקייט דורך בויען נאָך געפּאַנצערטע
קריעגס־שיפען. א סעקרעטאַר פון אן ארבייטער יוניאָן — א סאָ־
ציאַליסט — שלאָגט פאָר א רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אויף דעם
שטאָדט־ראַט צו עפענען שטאָדטישע ווערק־שטאַטען פאַר די אַר־
בייטסלאָזע, — א פּראָיעקט, פון וועלכען דער קאָנסערוואַטיווער
זעצער, (וועלכער פאַרנעמט דאָ אויך דעם פּלאַץ פון א צייטונגס
קאָרעספּאָנדענט), מאַכט ליצנות. דורך דער צייט, וואָס דער ויכוח
קומט פאָר, מאַכען זיך דער פּאָרזיצענדער, דער סעקרעטאַר און די
מיטגליעדער פון דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט ניט וויסענדיג. זיי
זאָגען גאָר נישט און לאָזען די דיסקוסיע זאָל אַוועק פון דעם עיקר־
פּונקט. די דיסקוסיע שעפּט זיך אויס און אויב עס קומט צו דעם,
אַז מען מוז מאַכען אן אָפּשטימונג איבער א פּאָפּולערע, אָבער
אומפּראַקטישע רעזאָלוציע, וועט איינער פון די „אַלטע פּאַרלאַמענ־
טאַרישע בריות“ פאָרשלאָגען מען זאָל זי אָפּלייגען אויף א פאַר־
זאַמלונג, ווען עס וועלען זיין מעהר מיטגליעדער. דורך די וויי־
טערדיגע עטליכע אָווענטען זיינען די אַלע זאַכען פאַר אונזער
פריינד געגוג באַלעהרענד און אינטערעסאַנט. איידער עס געהט
דורך דער יאָהר באַגרייפט ער, אַז מיט דעם אויסנאַם פון פאַר־
האַנדלונגען וועגען אַזעלכע איינפאַכע פראַגען ווי „דער פּונקט ווע־
גען יושר'דיגע שכירות“ און די פאָדערונג, אַז די אָרטיגע רעגיע־
רונגס אַנשטאַלטען זאָלען צאַהלען יוניאָן שכירות, זיינען גרויסע
פאַרזאַמלונגען פון אויסגעמאַטערטע ארבייטער, וועלכע זיינען ניט
געוואוינט צו אָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען און וועמעס ידיעות און
אינטערעסען זיינען באַגרענעצט צו איין איינציגער אינדוסטריע,
נוצלאָז אַלס אן אנטשיידענדער געריכט און האָבען קיין ווירקונג

אפילו אלס געמיינשאפטליכער קאָמיטעט פון די אָרטיגע פאכען. אמבעסטען, אין וואָס דער טריידס קאונסיל פארוואנדעלט זיך, איז אין אַן אינסטרומענט, אין, אזוי צו זאָגען, א טאָן־כאפער פאר די דערפאהרענע מיטגליעדער, וועלכע שטעהען אין באריהרונג מיט די טרייד יוניאָניסטישע פארלאמענטארישע פיהרער און וועלכע, פאר דעם לוין פון בלויז עטליכע שילינגען דעם פערטעל־יאָהר, פיהרען די גאנצע קאָרעספאָנדענץ און נעמען אויף זיך אלע געשעפטען, וואָס האָבען ווירקליך א געמיינשאפטליכען ווערט פאר די טרייד יוניאָנען אין שטאָדט.

אָבער די קאַריערע פון אונזער פריינד ווערט פלוצלונג איבערגעריסען. אין א געוויסען טאָג ווען ער באקומט זיינע שכירות, זאָגט איהם זיין באלעבאָס, אז פאר קומענדע וואָך נויטיגט ער אין איהם זיך ניט מעהר. עס קאָן זיין ער האָט זיך צואווערטעלט מיט דעם מייסטער איבער א גע׳פטר׳טער שטיקעל־ארבייט, אָדער אז זיין שטארקע טעטיגקייט אין דער יוניאָן האָט ניט נושא־חן געווען, אָדער פשוט אז די געשעפטען פון זיין ארבייטס־געבער זיינען שוואך. אָבער וואָס די סיבה זאָל ניט זיין — מען האָט איהם אָפּגעזאָגט פון דער ארבייט און ער מוז זוכען באשעפטיגונג ערגעץ אנדערש. ער מאכט תיכף א פאָדערונג אויף די פאָנדען פון דער „געזעלשאפט”, לאָזענדיג וויסען דעם פרעזידענט און דעם שאַץ־מייסטער וועגען זיין לאגע און ער שרייבט אונטער, ווי יעדער אנדער אומבאשעפטיגטער מיטגליעד, יעדען טאָג אין קלוב דעם בוך פון די ארבייטסלאָזע. דורך דעם משך פון די ווייטערע צוויי־דריי וואָכען שלעפט ער זיך ארום פון איין ארבייטס־פּלאַץ צו א צווייטען אין זיין געגענד, זוכענדיג ארבייט, און קוקט אומרוהיג דורך די טעגליכע צייטונגען אין דער האָפענונג צו געפינען אַן אַנאָנס וועגען אַן אָפענער שטעלע. לסוף באקומט ער א ידיעה פון א פריינד, אז ער קאָן קריעגען ארבייט אין א ווייטער שטאָדט. ער רעזיגנירט זיין אַמט אלס סעקרעטאר פון זיין לאָקאל, נעמט אָפּ וואָס עס קומט איהם נאָך אלס זיין ארבייטסלאָזיגקייט־אונטערשטיצונג און פארלאָזט מיט פארדרוס די שטאָדט, וואו ער האָט זיך געמאכט אזוי פיעל פריינד, צו געהן אין דעם נייעם פלאַץ.

קומענדיג אין דער נייער שטאָדט איז ער איבערראַשט צו דער־וויסען זיך, אז דאָרט איז ניטאָ קיין לאָקאַל פון זיין געזעל־שאַפט. עס זיינען דאָרט דאָ עטליכע אַלטע מיטגליעדער, אָבער ניט גענוג אום אויפצוהאַלטען אַ לאָקאַל, דערפאַר שיקען זיי זייערע איינצאָהלונגען צו דער נאָהענטסטער שטעדטעל, וואו עס איז דאָ אַן אָרגאַניזאַציע. ווי נאָר ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַנגט ער אָן צו אַרבייטען די לאַגע צו ענדערן. ער אַרגומענטירט און טענה'ט איין מיט די אַרבייטער פון דעם פּלאַץ, וואו ער אַרבייט, וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם טרייד יוניאָניזם. אָוועגטס געהט ער אָפט אין די פּלעצער, וואו זיי פאַרברייגגען, און דורך זיינע אַרגומענטען, פאַרשפּרעכענס און איינ'טענה'נעסען זאָגען איהם אָם ענדע גענוג אַרבייטער צו אַריינצוטרעטען אין אַ לאָקאַל און עס ווערט כדאי אָנצופאַנגען אין שטאָדט אַן אָרגאַניזאַציע. ער שרייבט זיך באַלד דורך מיט דעם צענטראַלען פאַרוואַלטונגס קאָ־מיטעט און צוליעב דעם, וואָס מען ווייסט וועגען זיין פריהערדיגער טעטיגקייט, באַשטימט מען איהם אַלס צייטווייליגען סעקרעטאַר. דורך אַ צירקולאַר, וואָס מען פאַרשפּרייט אין די אַרבייטס־פּלע־צער און מען הענגט אויס אין די שענקען, וואוהין די אַרבייטער געהען, ווערט גערופען אַ פאַרזאַמלונג פון דעם גאַנצען פאַך. צום וויכטיגען אָוועגט קומט צו פאָהרען אין שטאָדט אַריין דער גענע־ראַל־סעקרעטאַר אָדער אַנאַנדער צענטראַל באַאַמטער. זיי ברענ־גען מיט זיך אַ קעסטעל פאַר דעם לאָקאַל, אין וועלכער עס געפינען זיך תקנות־ביכלאַך און מיטגליעדערשאַפט־קאַרטלאַך, אַלע נוי־טיגע ביכער פאַר די חשבונות, גרייטע פּאַפּיער פאַר דער פאַר־צייכענונג פון די געשעפטס־פאַרהאַנדלונגען און אפילו אַ טינטער מיט טינט, — פּאַקטיש אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר דער אָנפיהרונג פון די געשעפטען פון דעם לאָקאַל. דער צימער וועט זיין געפּאַקט מיט אַרבייטער פון דעם פאַך, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט צו הערען, וואָס איז אַזוינס די „געזעלשאַפט" און וואָס זי וויל אויפטאָן. מען האַלט רעדעס, אין וועלכע מען רעכענט אויס די געווינסען, וואָס די „געזעלשאַפט" האָט אויסגעפיהרט, בנוגע צו העכערונגען אין שכירות און צו פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט; מען דערקלעהרט וועגען די אונטערשטיצונגען און מען גיט

ביישפּילען וועגען ארבייטער, וועלכע זיינען געוואָרן קאַליקעס פון דער ארבייט ביי זייער פאַך, האָבען באַקומען פון דער געזעלשאַפט צו הונדערט פונט שטערלינג אַלס אומגליקספאַל־אונטערשטיצונג און האָבען געעפענט זייערע אייגענע קליינע געשעפטען. נאָך די רעדעס פאַנגט דער גענעראַל סעקרעטאַר אָן די ווירקליכע אָרגאַניזירונג פון דעם לאָקאַל. א גרויסע צאָהל פון די אנוועזענדע צאָהלען איין איינטריטס־געלד און ביישטייערונגען און די פאַרזאַמלונג ווערט געענדערט פון אַן עפענטליכע אין א געשלאָסענע. עס ווערן דערוועהלט באַאַמטע — אונזער פריינד ווערט וויעדעראַמאָהל א סעקרעטאַר, א פריינדליכער ווערק־מייסטער ווערט דערוועהלט אַלס שאַץ־מייסטער און די אַנדערע אַלטע מיטגליעדער, וועלכע זיינען דאָ ביי דער פאַרזאַמלונג, ווערן דערוועהלט צו די איבעריגע אַמטען. די צענטראַל באַאַמטע אַדרעסירן דעם נייעם לאָקאַל און די פאַרזאַמלונג ענדיגט זיך שפּעט מיט באַגריסונגען פאַר דער געזעלשאַפט און דעם גענעראַל סעקרעטאַר.

דורך די קומענדע דריי מאָנאַטען געפינט דער לאָקאַל־סעקרעטאַר אויס, אַז ניט אַלץ, וואָס גלאַנצט, איז גאָלד. לכל הפּחות האַלב פון די, וועלכע זיינען אריין אין דעם לאָקאַל האָבען געלאָזען, אַז זייער מיטגליעדערשאַפט זאָל „אויסגעהן", און צייטענווייז דוכט זיך, אַז דער גאַנצער לאָקאַל פאַלט צוזאַמען. אָבער דורך א סך שווערע ארבייט, איינ'טענה'נעסען און פיליכט אויך דורך פּערזענליכער פריינדשאַפט ווערט דער לאָקאַל אויפגעהאַלטען ווי עס איז ביז עס קומען בעסערע צייטען פאַר דעם פאַך. דאָס גיט דעם סעקרעטאַר א געלעגענהייט שטאַרק צו מאַכען — אָדער איינגאַנצען צו צוברעכען — דעם לאָקאַל און, האָבענדיג שכל, באַנוצט ער זיך מיט איהר. ער שטעלט אוועק אויף דער געשעפטס־אָרדענונג פון דעם קומענדען מיטינג א פּונקט וועגען א העכערונג אין שכירות אָדער א פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט אָדער וועגען ביידע זאַכען. די קומענדע פאַרזאַמלונג נעמט דעם פּונקט אָן איינשטימיג און אַלע ארבייטער פון דעם פאַך אין שטאָדט פאַנגען באַלד אָן צו שמועסען צווישען זיך וועגען דעם. מען לויפט אריינצוטרעטען אין דעם פאַראיין כדי צו העלפען און צו האָבען א חלק אין דער פאָרגעשלאָגענער פאַרבעסערונג. דער סעקרעטאַר בעט

דאַמאָלס פון דער גענעראַל-פּאַרוואַלטונג דערלויבעניש צו שטעלען די באַלעבאַטים די פאָדערונג פאַר די פאַרבעסערונגען. דאָרט באַטראַכט מען די זאַך ערנסט און מען וויל וויסען וויפיעל פון די אַרבייטער אין שטאָדט בערך צו דער גאַנצער צאָהל זיינען מיט-גליעדער פון דעם לאָקאַל און ווי לאַנג זיינען זיי עס געווען; ווי איז די שטימונג פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער בנוגע צו דער באַוועגונג און אויב דער לאָקאַל האָט גענוג פאָנדען צו שטיצען די ניט-יוניאָניסטען, וועלכע וואָלטען אַרויס אין שטרייק, און אויסצוקויפען די וואַנדערענדע און פרעמדע אַרבייטער, וועלכע קאָנען אָנקומען אין שטאָדט דורך דעם מעגליכען שטרייק. נאָך דעם, ווי עס ווערט געגעבען אַ מעהר אָדער ווייניגער צופריעדענשטעלענדער ענטפער אויף די אַלע פראַגען, ווערט אַם ענדע געגעבען די דערלויבעניש צו פאָדערן די פאַרבעסערונגען און יעצט פיהלט דער סעקרעטאַר צום ערשטען מאָל אין זיין אָפיציעלער לאַגע דעם טעם פון „פּולווער.”

דורך דער צייט פון דער אַגיטאַציע וואַקסט כסדר די צאָהל פון די מיטגליעדער פון דעם לאָקאַל ביז ער נעמט אריין אַ היבשען טייל פון דעם פאַך אין שטאָדט. מען האָט זיך אויך דורכגערעדט מיט די ניט-יוניאָניסטען וועגען דעם צי זיי ווילען העלפען דער באַוועגונג און דער רוב פון זיי שטימען גערן איין אַרויסצוגעהן אין שטרייק צוזאַמען מיט די מיטגליעדער פון דער „געזעלשאַפט”, אויב יענע נעמען זיך אונטער זיי אויסצוהאַלטען. עס ווערט געשאַפען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט אָנצופיהרן מיט דער „פאַרבעסערונגס באַוועגונג”, אין וועלכען עס באַטייליגען זיך אויך דעלעגאַטען פון ניט-יוניאָן אַרבייטס-פּלעצער, וועלכע זיינען גרייט צו שטרייקען. מען לייגט אַרויף אַן אָפּצאָהל אויף די מיטגליעדער פון דעם לאָקאַל כדי צו שאַפען אַ פאָנד, פון וועלכען מען זאָל צאָהלען אַזעלכע שטרייק הוצאות, וואָס מען קאָן ניט אַרויפלייגען אויף דער יוניאָן. לסוף זיינען אַלע הכנות אַריבער און אונזער סעקרעטאַר ווערט באַפוילען צו לאָזען וויסען אַלע אַרבייטס-געבער אין שטאָדט וועגען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער בנוגע צו אַ העכערונג אין שכירות אָדער אַ פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס-צייט.

די בעלי-בתים זיינען דורך דער צייט ניט געזעסען ליידיג.

זיי האָבען געהערט קלאַנגען וועגען דעם אָנקומענדען שטורעם, — זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען, געֿעצה׳ט זיך וואָס צו טאָן און האָבען געשאַפען אַ מעהר אָדער וועניגער צייטווייליגען פאַרבאַנד צווישען זיך צו שטעלען זיך אַנטקעגען דעם אָנפאַל. ווען זיי באַקומען די אָנזאָגונג פון דעם סעקרעטאַר פון די ארבייטער לאָדען זיי איין אַ דעפּוטאַציע צו זיך דורכצוריידען זיך וועגען דער זאַך. די ארבייטער, פאַרשטעהט זיך, שטימען איין דערצו און אין דעם באַשטימטען אָוונט קומט דער סעקרעטאַר מיט דעם „פאַרבעסערונגס־קאָמיטעט" צום געמיינשאַפטליכען מיטינג. דער וויכטיגסטער צווישען די בעלי־בתים ווערט דערוועהלט אַלס פאָרזיצענדער און ער שלאָגט פאָר, אַז די ארבייטער זאָלען פאָרלייגען זייערע טענות פאַרוואָס זיי פאָדערן העכערע שכירות און קירצערע שטונדען. זיי טוען עס און צייגען דערביי אָן אויף דעם פאַקט, אַז זייערע שכירות זיינען קלענער און זייערע שטונדען לענגער איידער אין די שכנה׳שע שטעדט אין דעם זעלבען פאַך; אַז דער קאָסט פון לעבענס־מיטלען שטייגט; אַז אַ געוויסע צאָהל ארבייטער זיינען שטענדיג ארבייטסלאָז און די פאָרגעשלאָגענע ענדערונג וואָלט געמאַכט פּלאַץ פאַר זיי זיי זאָלען האָבען ארבייט. די ארבייטס־געבער ענטפערן מיט טענות, אַז זייערע פאַרדיענסטען זיינען קליין און אַז עס איז זיי שווער צו באַקומען באַשטעלונגען צוליעב דער קאָנקורענץ פון אַנדערע שטעדט, וואו די שכירות זיינען נאָך נידעריגער, איידער דאָ; זיי צייגען אויך אָן, אַז די לעבענס הוצאות ווערען קלענער, ניט גרעסער, און זיי שטיצען זייער טענה מיט אַ פאַרגלייך צווישען די מקחים פון פאַרשיידענע ארטיקלען אין פריהערדיגע צייטען און יעצט. דער סעקרעטאַר האָט איבערגענוג ארבייט צו האַלטען זיינע חברים אין אָרדענונג. די נייע מיטגליעדער — די „רויהע־קעפּ" פון דעם קאָמיטעט — וואָלטען כמעט בעסער געוואָלט, אַז די ארבייטס־געבער זאָלען ניט נאָכגעבען, וואָרום פאַר זיי מיינט אַ שטרייק ניט מעהר ווי „ארומצושפּיעלען זיך" עטליכע וואָכען אויף דעם חשבון פון דער יוניאָן. דער געוועהנליכער ארבייטער איז אויך אַזוי וועניג צוגעוואוינט צו פאַרהאַנדלונגען מיט זיינע געגנער, אַז וועלכע עס איז דערקלעהרונג פון דעם צווייטען צד קאָן ארויסברייג־

גען זיין כעס. די ארבייטס-געבער זיינען אויך ניט געוואוינט צו פיהרן פארהאנדלונגען מיט זייערע ארבייטער, זיי פיהלען עס נאָך אלס עפעס א דערנידערונג פאר זיך און זיי זיינען ניט גענייגט דורכצולאָזען זייערם אָדער צו פארגלעטען שוועריגקייטען. די פאר־זאמלונג איז דעריבער א טומעלדיגע; די פארהאנדלונגען ווערן פארוואנדעלט אין באשולדיגונגען איינע געגען די אנדערע און די קאָנפערענץ ענדיגט זיך אין א מהומה.

דער צענטראלער פארוואלטונגס-קאָמיטעט האָט דערווייל אומ־רוהיג געווארט אויף דעם קומענדען סכסוך, וואָס וועט אריינ־שלעפען די יוניאָן אין הוצאות און וועט זיך מעגליך ענדיגען מיט א דורכפאל. אויף דער סצענע קומט אָן דער גענעראל סעקרעטאר צוזאמען מיט א מיטגליעד פון דעם פארוואלטונגס-ראט און זיי פרובירן זיך צו ווערן פשרה-מאכער. אָבער אין דער שטאָדט איז ביז דאמאָלסט די יוניאָן ניט געווען אנערקענט און די ארבייטס־געבער אנטזאגען זיך אויפצונעמען ווען עס איז חוץ זייערע אייגענע ארבייטער און זיי פארליערן דורך דעם די געלעגענהייט צו ענדיגען דעם סכסוך מיט דער זעהר מעסיגער פשרה, וואָס דער גענעראל סעקרעטאר וואלט כמעט זיכער פארגעשלאָגען. די באַ־ליידיגונג פאר זייער באאמטען רייצט נאטירליך אויף די אָרטיגע טרייד יוניאָניסטען, און דעם קומענדען שבת, ווען די צייט, וואָס מען האָט געגעבען די בעלי־בתים, איז אויסגעגאנגען, נעמען זיי צוזאמען זייער געצייג אוועקגעהענדיג פון דער ארבייט און דער שטרייק פאנגט זיך אָן.

עס קומט דאמאָלסט א משך פון זעהר שטארקער אויפרעגונג און שווערער ארבייט פאר די באאמטע פון די ארבייטער. די אר־בייטס-געבער אנאָנסירען אומעטום, אז זיי זוכען ארבייטער און פארשפרעכען „גוטע שכירות" און „שטענדיגע באשעפטיגונג", און די ארבייטער לאָזען געגען דעם דרוקען מודעות וועגען דעם שטרייק. אין אלע גאסען גיבען די ארבייטער גוט אכטונג דורך „פיקעטס", וואָס באשטעהען פון צו צוויי אָדער צו דריי ארבייטער ארום יע־דער פאבריק אָדער ארבייטס פלאץ, וועלכע בייטען זיך יעדען טאָג נאָך א געוויסער צאָהל שטונדען. מען שיקט די „פיקעטס" צו באגעגענען יעדען אייזענבאהן צו פועל'ן, דורך פארשפרעכונ־

נען, א מטבע, אָדער דורך ווענדען זיך צו זייער „געפיהל פון מענשליכקייט און ברידערליכקייט", ביי די ארבייטער, וואָס זיינען געקומען אין שטאָדט אריין צוליעב די אנאָנסען פון די ארבייטס־געבער, זיי זאָלען אוועקפאָהרען. עטליכע „שווארצע חברה" ווערען פיליכט זיך אויסדרעהען פון די „פיקעטס" און קומען ארבייטען אין א פלאץ. יעדען מאָל ווען זיי געהען ארויס פון דער ארבייט געהט מען זיי נאָך און מען טענה'ט צו זיי זיי זאָלען פארלאָזען זייער שמוציגע מלאכה און פאראייניגען זיך מיט זייערע חברים אין דעם עהרליכען קאמף. אנדערע גיבען זיך אונטער און מען באצאָהלט תיכף זייערע הוצאות צום פלאץ, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. מען שיקט ארויס ביישטייערונגס פושקעס און רשימות צו זאמלען די נויטיגע געלד פאר די אומגעוועהנליכע הוצאות, וואָס טאָרען ניט גענומען ווערען פון די פאָנדען פון דער יוניאָן. אויב דער שטרייק פארשלעפט זיך אויף פיעלע וואָכען, פאָהרען דעלעגאַטען ארום פון שטאָדט צו שטאָדט האַלטענדיג רעדעס ביי פארזאמלונגען פון יוניאָנען און טריידס קאונסילס זוכענדיג שטיצע; עס געלינגט זיי געוועהנליך צו באקומען פיעל מעהר איידער זייערע הוצאות באטרעפען און די איבעריגע ווערט איבערגעגעבען צום לאָקאל. מען מוז שטיצען די ניט־יוניאָן ארבייטער, וועלכע זיינען אויך ארויס אין שטרייק; מען מוז אונטערקויפען די „שווארצע חברה" און אוועקשיקען זיין; מען מוז באצאָהלען פאר דרוקען צירקולארען און פלאקאַרדען, און עס זיינען דאָ פיעלע אנדערע זייטיגע הוצאות; דאָס אלעס מוז געדעקט ווערען פון די אָרטיגע פאָנדען.

אָבער אפילו דער פארשלעפּטסטער שטרייק מוז זיך אמאָל ענדיגען. אויב דער עקאָנאָמישער צושטאנד איז א גוטער און די ארבייטער זיינען גוט אָרגאַניזירט, וועט די ארבייטס־געבער ניט געלינגען צו באקומען קיין גוטע ארבייטער און אפילו ניט גענוג שלעכטע זיי זאָלען קאָנען אָנגעהן מיט זייער ארבייט. פאר זייערע איינריכטונגען און פאר דעם גוטען נאָמען פון זייער געשעפט איז שעדליך צו געברויכען ניט קיין געלערנטע ארבייטער. זיי גיבען זיך דעריבער איינציגווייז אונטער און נעמען אָן די באדינגונגען פון די ארבייטער ביז אלע שטרייקער זיינען צוריק

ביי דער ארבייט. צוריק, אויב די געשעפטען זיינען שוואך קאָן זיך דער שטרייק ענדיגען פארקעהרט. צוביסלאכווייז באקומען די באַלעבאטים גענוג בעסערע אָדער ערגערע ארבייטער אום אויס־צופילען די אויפטראגען, וואס זיי האָבען. עס געהט דורך א וואָך נאָך א וואָך און די שטרייקער פארליערן זייער מוט ביז די שוואַ־כערע געהען פלוצלונג אוועק צוריק צו דער ארבייט אויף די אַלטע באדינגונגען. די באאמטע, די מיטגלידער פון דעם אָנפיהרענדען קאָמיטעט און אויך עטליכע פארהארטעוועטע קעמפער בלייבען אמאָל שטרייקען מיט דער לעצטער האָפענונג, אז פיליכט ועט עפעס פאסירן, וואָס זאָל מאכען, אז די ארבייטס־געבער זאָלען נאָכגעבען. אָבער די צענטראַלע עקזעקוטיווע וועט אפשר זיין געגען ווייטערע צאָהלונגען פון שטרייק־אונטערשטיצונגען און וועט אין גיכען דערקלערן, אז דער שטרייק איז געענדיגט. דאָס וועט ארויסרופען אביסעל אומצופריעדענהייט צווישען די אָרטיגע מור־טיגערע ארבייטער, אָבער ווען עס ווערט א סוף צו דער שטרייק־אונטערשטיצונג מוזען די יעניגע, וועלכע האָבען נאָך ניט קיין ארבייט אוועקשלעפען זיך אין אנאנדער שטאָדט צו זוכען ארבייט.

אויב דער שטרייק ענדיגט זיך אין א דורכפאַל, וועט דער ניי־אָרגאניזירטער לאָקאַל פארשווינדען און די ארבייטער פון דעם פאך בלייבען אומאָרגאניזירט ביז עס קומט א נייער ענערגישער און פעהיגער פיהרער; אויב אָבער ער ענדיגט זיך מיט א זיעג, איז דער לאָקאַל זיכער צו בלייבען אין א בליהענדען צושטאנד. די ארבייטער פון דעם פאך קומען מאסענווייז צו שטיצען אָן אינ־סטיטוציע, וואָס האָט געבראכט אזוינע פראקטישע און נוצליכע רעזולטאטען. דער סעקרעטאר, וועלכער האָט צום ערפאָלג ביי־געשטייערט מעהר, איידער ווער עס איז אנדערש, פאנגט אָן צו ווערן באוואוסט אין דעם גאנצען פאך און מען רעדט וועגען איהם אַלס וועגען א מענשען, וועלכער האָט אזא און אזא שטאָדט פאר־וואנדעלט פון א ניט־יוניאָן אין א יוניאָן פלאץ. אין דעם מאָ־נאטליכען צירקולאר דרוקט מען קורצע נאָטיצען מיט שבחים ווע־גען זיין קאריערע און אזוי ווערט געמאכט א וועג פאר זיין צוקונפ־טיגען פאָרטשריט.

נאָך דעם ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאט אין דער אָרגאניזירונג

פון זיין אייגענעם פאַך, פאַנגט ער אָן אויסצונוצען זיין ענערגיע אין דער זעלבער ארבייט פאַר אנדערע פאַכען אין זיין שטאָדט. עס זיינען מעגליך דאָ אנדערע צווייגען פון זיין אייגענער אינ־דוסטריע, וואָס זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט; אין אזא פאַל פאַנגט ער אָן צווישען די ארבייטער פון יענע צווייגען פונקט די זעלבע ארבייט, וואָס ער האָט געטאָן צווישען די מיטגליעדער פון זיין אייגענעם פאַך. ווען די צייט ווערט מסוגל דערצו ווערט פאַררו־פען א פאַרזאַמלונג און עס ווערט געגרינדעט א לאָקאַל פון א גע־וויסען סאָרט ארבייטער; ער נעמט אָן דעם אמט פון פרעזידענט אין יענעם לאָקאַל און העלפט אין דער ארבייט ביז זיינע מיט־גליעדער באַקומען עטוואָס ערפאַהרונג. ער וועט דאַמאָלסט וויע־דער אָנפאַנגען דעם זעלבען פּראָצעס אין אנדערע פאַכען און עס וועט איהם אזוי מיט דער צייט געלונגען צו פאַרוואַנדלען א שטאָדט, וואָס איז געווען זעהר שלעכט בנוגע צום טרייד יוניאָניזם, אין א גוט אָרגאַניזירטען פּלאַץ. אונטער אזוינע אומשטענדען באַ־שליסט ער אָנצופאַנגען א „טריידס קאָונסיל". ער באַזוכט די פאַרזאַמלונגען פון אַלע יוניאָן לאָקאַלען אין שטאָדט; ער דער־קלעהרט זיי די צוועקען און ציינט אָן אויף דער וויכטיגקייט פון אזא קערפּערשאַפט. ער שרייבט בריעף צו די אָרטיגע ציימונגען און אגיטירט צווישען זיין פּערזענליכער נאָכפאָלגערשאַפט ביז די זאַך ווערט גוט באַקאַנט. אַם ענדע קומט זיך צוזאַמען א פאַר־זאַמלונג פון דעלעגאַטען פון די מעהרסטע אָרטיגע פאַראיינען און לאָקאַלען. מען באַטראַכט די תקנות פון א שכנ'ישען טריידס קאָונסיל און מען נעמט זיי אָן. א טריידס קאָנוסיל ווערט אַלענ־פאַלס געגרינדעט, אויב ער באַשטעהט אפילו בלויז פון די צוויי־דריי לאָקאַלען, וואָס ער האָט אַליין אָרגאַניזירט. ער ווערט, פאַר־שטעהט זיך, ערוועהלט סעקרעטאַר פון דעם ראַט און צוביסלעכ־וויין, דורך שווערע ארבייט, פיליִיכט אויך דורך דעם ערפאָלג, וואָס זיין אגיטאַציע האָט געהאַט פאַר א הנחה צו די ארבייטער פון דעם שטאָדט־ראַט אָדער פון דער שולען קאָמיסיע, געווינט ער אויף זיין צד אַלע אָרטיגע יוניאָנען און דער „קאָונסיל" ווערט א ווירק־ליך רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט. אַלס סעקרעטאַר פון א ניי־געגרינדעטען טריידס קאָונסיל ווערט ער שנעל באַוואוסט. מען

בעט איהם כסדר ער זאָל ארויסטרעטען אלס רעדנער ביי זיך אין שטאָדט און אין די שכנ'ישע שטעדט; מען שיקט איהם אויך צום טריידס־יוניאָן קאָנגרעס מיט אינסטרוקציעס פארצושלאָגען דאָרטען א רעזאָלוציע, וואָס ער האָט אליין אויסגעארבייט. אָבער היות ווי די ארבייט ווערט אלץ מעהר, זעהט אונזער פריינד, וועל־כער האָט די גאַנצע צייט געארבייט ביי זיין פאך כדי צו פאר־דיענען צום לעבען, אז ער מוז אָדער אָפּגעבען זיך מיט דעם טריידס קאונסיל אָדער מיט זיין אייגענעם לאָקאל. דורך דעם טריידס קאונסיל קאָן ער ווערן אן איינפלוסרייכער אָרטיגער פּאָליטיקער און אמאָל אויך האָבען ערפאָלג אלס „ארבייטער קאנדידאט" צו דער שולען־קאָמיסיע אָדער צום שטאָדט־ראט. אבער זיין טעטיגקייט פאר די ארבייטער אינטערעסען בכלל ציהט איהם אָפּ פון זיינע טאָג־טעגליכע פליכטען אלס סעקרעטאר פון א לאָקאל פון א נא־ציאָנאלער „געזעלשאפט" און דאָס מוז ארויסרופען אומצופריעדענ־הייט ביי א געוויסער צאָהל מיטגליעדער אין זיין אייגענעם פאך. ער וועט אפשר דעריבער רעזיגנירן פון זיין אמט אלס סעקרעטאר פון דעם טריידס קאונסיל, זיך צוריקהאלטען פון פּאָליטישער טע־טיגקייט און אָפּגעבען זיין גאנצע פרייע צייט פאר דער ארבייט אין זיין אייגענער „געזעלשאפט" מיט דער עהרענהאפטער אמביציע סוף־כל־סוף צו ווערן איינער פון איהרע באצאָהלטע באאמטע. אין אזא פאל וועט ער ניט בלויז ריכטיג אָנפיהרן די געשעפטען פון זיין לאָקאל, נאָר ער וועט אויך ארבייטען אלס דעלעגאט צום באַ־צירק־קאָמיטעט. מיט דער צייט וועט ער, אלס דער מעטאָדיש־סטער ארבייטער צווישען די דעלעגאטען, ווערן דער סעקרעטאר פון דעם קאָמיטעט און דורך דעם שטעלען זיך אין נאָהענטער פאר־בינדונג מיט דעם צענטראלען פארוואלטונגס־קאָמיטעט און אויך מיט אנדערע לאָקאלען און באצירקען.

דאָס אלץ איז אזוינס, וואָס מען קען אָנרופען אונטער־אָפּי־צערישע דיענסט אין דער טרייד יוניאָן וועלט; די ארבייט ווערט געטאָן אין דער פרייער צייט און מען באקומט באצאָהלט בלויז פאַר די שטונדען, וואָס מען רייסט אָפּ פון דער ארבייט ביי דער געוועהנליכער מלאכה. אָבער יעצט איז שוין דער נאָמען פון אונזערע סעקרעטאר און זיין שטענדיגע ארבייט פאר דער „גע־

זעלשאפט" ווייט באוואוסט אומעטום אין דעם געגענד און ווען עס ווערט באשלאָסען צו באשטימען אַ באצירק־דעלעגאַט מיט אַ געהאלט פון צוויי אָדער צוויי און אַ האלב פונט שטערלינג אַ וואָך, פאָדערען פיעלע לאָקאלען ער זאָל זיין אַ קאנדידאט פאר דעם אמט. זיינע פּערזענליכע פריינד און אָנהענגער אין די לאָקאלען שאפען פאר איהם צווישען זיך אַ וואהל־פאָנד און דורך אַ משך פון עטליכע וואָכען לויפט ער ארום איבער דעם באצירק, באזוכט די פארזאמלונגען פון אלע לאָקאלען און אגיטירט צווישען די מיטגלידער זיי זאָלען שטיצען זיין קאנדידאטור. אמענדע קומט פאָר די אָפשטימונג אין די יוניאָנען דורך שטים־צעטלאך, וואָס ווערען אָפּגעשיקט צו דער הויפט־קאָנטאָר מען זאָל זיי דאָרטען איבערצעהלען. ער געפינט אויס, אז ער איז ערוועהלט געוואָרן צו דעם אמט. ער בייט ווידעראמאָל זיין היים־אָרט און דעם מאָל באזעצט ער זיך אין אַ שטאָדט, וואָס איז אין צענטער פון זיין באצירק כדי ער זאָל קענען לייכט און שנעל באזוכען אלע זיינע טיילען. זיין באצירק ציהט זיך איבער דריי אָדער פיער פראָווינצען און נעמט אריין פיעלע אינדוסטריעלע צענטרען און זיין גאנצע צייט איז כסדר פארנומען. לאָמיר אַ קוק טאָן ווי ער פאַרברענגט זיינע טעג און אין וואָס באשטעהט זיין ארבייט פאר זיין „געזעלשאפט".

יעדען פריהמאָרגען באקומט ער אַ גאנצען פעקעל בריעף, וואָס האָבען אַ שייכות צו די געשעפטען פון זיין „געזעלשאפט". אָט הייסט איהם דער גענעראל־סעקרעטאר צו באזוכען איינעם פון די לאָקאלען אין זיין באצירק און איבערקוקען דאָרט די חשבונות; עס איז אָנגעקומען אַ באריכט אין קאָנטאָר, אז דאָרט איז עפּעס ניט גלאַט. אַ סעקרעטאר פון אַ לאָקאל טעלעגראַפירט איהם ער זאָל תיכף קומען אויסצוגלייכען אַ סכסוך, וואָס האָט דאָרט אויסגעבראָכען מיט אַ וויכטיגע פירמע. אַנאַנדערער שרייבט איהם פאָדערנדיג ער זאָל צוזאמענרופען אַ מאסען־פארזאמלונג פון די ארבייטער אין דעם פאך פון דעם באצירק מען זאָל אָפּשטימען פאר אָדער געגען אַן אלגעמיינעם שטרייק צוליעב אַ ווירקליכער אָדער בלויז אויסגעדוכטער תביעה. דער סעקרעטאר פון דער אסאָציאציע פון די ארבייטסגעבער באשטימט אַ

צייט צו זעהן זיך מיט איהם כדי צו פאַרהאַנדלען וועגען די פרייזען פון שטיק־אַרבייט אין אַ נייעם מין אַרבייט. צולעצט, האָט באַקומט ער אַן אינסטרוקציע פון דעם סעקרעטאַר פון זיין באַצירק־קאָמיטעט צו באַזוכען אַ געמיינשאַפטליכע פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרען צוזאַמען מיט דעם באַצירק־קאָמי־טעט פון אַנאַנדער יוניאָן אויסצוגלייכען די שווערע פראַגע וועגען אויסטיילען צווישען די מיטגליעדער פוןביידע „געזעלשאַפטען" אַ געוויסע אַרבייט, וואָס איז ניט באַשטימט צו וועלכען פאַך עס באַלאַנגט און ביידע האָבען אַ תביעה אויף דעם.

אונזער פריינד איז פאַרנומען אַ האַלבע שטונדע מיט זיין קאָרעספּאָנדענץ; ער באַשטימט אַ געוויסען טאָג פאַר דעם איבער־קוקען פון די ביכער פון דעם פאַרדעכטיגטען לאָקאַל, שרייבט אָן עטליכע שורות צום גענעראַל־סעקרעטאַר וועגען דעם, וואו ער וועט זיך געפינען די קומענדע עטליכע טעג, און שרייבט צום סעקרע־טאַר פון לאָקאַל, אַז ער איז זעהר שטאַרק געגען דער מאַסען־פאַרזאַמלונג, וואָס יענער שלאָגט פאַר, מען זאָל דאָרט אָפּשטימען וועגען אַן אַלגעמיינעם שטרייק, דערפאַר, וואָס „דאָרט, וואו עס איז גרעסער דער עולם, מאַכט מעהר צרות דער גולם", און ער באַשטימט, אָנשטאָט דעם, אַ טאָג פאַר אַ קליינער באַראַטונג פון פאָרשטעהער פון די פאַרשיידענע לאָקאַלען. פאַרטיג מיט דעם, געהט ער שנעל צום אייזענבאַהן כדי ער זאָל אָנקומען וואָס גיכער צום פּלאַץ, וואו עס קומט פאָר דער סכסוך, וועגען וועלכען ער האָט ערשט באַקומען אַ ידיעה. ער געפינט דאָרט אויס, אַז אַ געוויסע צאָהל פון די מיטגלידער פון זיין יוניאָן האָבען זיך פאַר־עקשנ'ט און פּלוצלונג דערקלעהרט אַ שטרייק און דרעהען זיך אַרום דעם אַריינגאַנג צו זייער אַרבייטס־פּלאַץ. אַביסעל דורך רייד און אַביסעל דורך אַ באַפעהל וועט ער פועל'ן זיי זאָלען תיכף געהן צוריק צו דער אַרבייט און אַליין געהט ער אַוועק אין קאָנטאָר צו זעהן זיך מיט דעם אַרבייטס־געבער. אויב דאָס איז אַ „יוניאָן פּלאַץ" און דער טרייד יוניאָניזם איז אין דעם באַצירק שטאַרק נעמט מען איהם האַרציג אויף און די זאַך ווערט אויסגעקלי־בען אין עטליכע מינוטען. ער נעמט דעם ערשטען צוג צו דער שכנ'י־שער שטעדטעל, וואו ער פאַרברענגט צוויי־דריי שטונדען מיט דעם

סעקרעטאר פון די ארבייטס־געבער און ברויכט זיין גאנצען שארפ־זין אזוי אויסצומאכען די נייע פּרייזען, אז די וועכענטליכע פאר־דיענסטען פון זיינע מיטגליעדער זאָלען לכל־הפּחות אויפגעהאַל־טען ווערן, אויב ער קען זיי ניט העכערן. אין אָווענט מוז ער זיין צוריק אין דעם צענטער פון זיין באַצירק דורכצודרעשען אין א לאנגע און היציגע דיסקוסיע ביי דעם געמיינשאפטליכען מיטינג די שווערע פראגע צו וועמען באלאנגט בעצם די אַרבייט, איבער וועלכער עס קומט פאָר דער סכסוך צווישען די צוויי יוניאָנען, און וואו ליעגט די פּראקטישע גרענעץ־ליניע צווישען די צוויי פאכען. אזוי לויפט ער ארום יעדען גאנצען טאָג און אין די אָווענטען שרייבט ער באריכטען וועגען דעם צושטאנד פון דעם פאך, פון דער ארגאניזאציע און וועגען אנדערע זאכען צו דעם פּערוואַלטונגס־קאָמיטעט אין דער הויפּט קאָנטאָר פון זיין יוניאָן.

ער האָט שוין פיעלע יאָהרען געאַרבייט אַלס געטרייער דיענער פון זיינע חברים־ארבייטער; צו ענדע פון יעדען טערמין איז ער ווידערערוועהלט געוואָרן צו זיין אַמט אַלס באַצירק־דעלעגאַט. ווען דער גענעראַל־סעקרעטאר פאַרלאָזט זיין אַמט דורך רעזיגנירן, אָדער ער שטאַרבט, ווירקט מען אויף אונזער פריינד ער זאָל ארויסשטעלען זיין קאנדידאטור פאר יענעם אַמט. די מיטגליע־דער פון דעם באַצירק קאָמיטעט און אַלע סעקרעטארען פון די לאָ־קאַלע אָרגאַניזאַציעס טענה'ן מיט איהם, אז ער פּאַסט זיך גוט פאַר יענער ארבייט און אז דער באַצירק וועט האָבען נוצען פון דעם, וואָס ער וועט דערוועהלט ווערן אַלס גענעראַל־סעקרעטאר. א קאָמיטעט פון זיינע פריינד און אָנהענגער קלייבען ווידער צוזאַמען א פאָנד צו געבען איהם א מעגליכקייט ארומצופאָהרען איבער דעם גאַנצען לאַנד צו באַזוכען און האַלטען רעדעס פאר אַלע לאָקאַלען פון דער „געזעלשאַפט”. דערוויייל גרייט זיך דער פּערוואַלטונגס־קאָמיטעט צו די וואַהלען פון א נייעם גענעראַל־סעקרעטאר. ווי נאָר דער הויפּט־באַאַמטער איז אַוועק פון זיין אַמט האָט די עקזעקוטיווע אָפּגעהאַלטען א פאַרזאַמלונג, באַ־שטימט איינעם פון איהרע מיטגליעדער ער זאָל טאָן די ארבייט צייטווייליג און האָט געלאָזט וויסען די לאָקאַלען זיי זאָלען פאָר־שלאָגען די נעמען פון קאנדידאטען צום אַמט. (געוועהנליך מו־

זען די קאַנדידאַטען זיין מיטגליעדער פון דער „געזעלשאַפט" אַ געוויסע צאָהל יאָהרען און ניט זיין צוריקשטעהענד אין זייערע צאָה־לונגען). מען שיקט באַלד ארויס צו די לאָקאַלען אַ געניגענדע צאָהל געדרוקטע קאַנדידאַטען־צעטלאַך צו פאַרשפּרייטען צווישען אַלע מיטגליעדער. אין די קלוב־צימערן שטעלט מען אוועק שטימ־קאַסטענס און פאַר די וואהלען גיט מען אָפּ לכל־הפּחות צוויי פאַרזאַמלונגס־אָווענטען כדי יעדער מיטגליעד זאָל האָבען אַ גע־לעגענהייט אָפּצוגעבען זיין שטימע. פון די לאָקאַלען שיקט מען די שטימקעסטלעך צו דער צענטראַלער קאַנטאָר, וואו די מיט־גליעדער פון דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט צעהלען די צעטלאַך און לאָזען וויסען דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג.

ווען אונזער באַצירק־דעלעגאַט ווערט דערקלעהרט אַלס דער געזעצליך ערוועהלטער צום אַמט פון גענעראַל סעקרעטאַר איז ער ווידעראַמאָל געצוואונגען צו בייטען זיין וואוינונגס־אָרט. דעם מאָל פאָהרט ער אריבער אין איינע פון די גרויסע שטעדט — אין לאָנדאָן, אין מאַנטשעסטער אָדער אין ניוקעסל — וואו עס גע־פינט זיך די הויפּט־קאַנטאָר פון זיין געזעלשאַפט. ער באַקומט יעצט אַ געהאַלט פון צוויי ביז דריי הונדערט פונט יעהרליך און ער האָט דערגרייכט דעם העכסטען אַמט, צו וועלכען זיינע פאַך־חברים האָבען די מאַכט איהם צו באַשטימען. מיר וועלען איהם לאָזען דאָרטען צו האָבען הנאה פון דעם כבוד און פון דעם איינ־פלוס, וואָס זיין שטעלע גיט איהם, דורכצוקעמפען דורך דער שווערער און רוטינער ארבייט פון דעם צענטראַל־אַמט און אויס־צוגעפינען די נייע שוועריגקייטען און נסיונות, מיט וועלכע דאָס לעבען פון אַ הויפּט־באַאַמטען פון אַ גרויסער טרייד יוניאָן איז פול."

די באַשרייבונג, וואָס מיר האָבען נאָך־וואָס געבראַכט, גיט איבער בפרטות דעם אינערליכען לעבען פון אַ טרייד יוניאָן אָר־גאַניזאַציע דרייסיג יאָהר צוריק. אָבער דאָס בילד, ווי מען זעהט עס, שטעלט פאַר די קאַריערע פון אַן אָפיצער, ניט פון אַ פּשוט'ען סאָלדאַט, אין דער טרייד יוניאָן ארמיי. מען מוז אויך ניט דענקען, אַז די גרויסע מעהרהייט פון דעם מיליאָן און אַ האַל־בען טרייד־יוניאָניסטען האָבען אפילו אַלס פּשוט'ע סאָלדאַטען

ווי עס איז אַקטיוו געדיענט די טרייד יוניאָן כחות. בלויז ווען עס קומט צו אַ קריזיס אין אַ גרויסען סכסוך געפינען מיר גע־פּאַקטע פאַרזאַמלונגען אין די לאָקאַלען, אָדער אז די צאָהל אָפּ־געגעבענע שטימען איז געננוג גרויס לפי ערך מיט דער גאַנצער צאָהל מיטגלידער. אין אַנדערע צייטען שטעלט זיך דאָס רוב מיטגליעדער פאַר זייער יוניאָן אָדער אַלס אַ פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאַציע, וועמעס אָנווייזונגען זיי זיינען גרייט צו פּאָלגען ווען עס קומט צו פּאַרלאַמענטאַרישע אָדער אַנדערע וואַהלען, אָדער אַלס בלויז אַן אונטערשטיצונגס־קלוב, אין וועמעס פאַרוואַלטונג זיי האָבען ניט קיין חשק צו באַטייליגען זיך. דורך די לאַנגע המשכים פון פריעדליכע צייטען, ווען עס ווערט פּאַמעלאַך אַנט־וויקעלט די קאָנסטיטוציע פון דער „געזעלשאַפט", ווערט פאַר־פעסטיגט איהר פינאַנציעלער יסוד און עס ווערט באַשלאָסען איהר פּאָליטישע און אינדוסטריעלע טאַקטיק, באַטייליגען זיך אַקטיוו וועניגער פון אַ העלפט און אפילו בלויז אַ צעהנטעל פון די מיט־גליעדער אין דער פאַרוואַלטונגס אָדער געזעצגעבערישער אַר־בייט. כמעט אַלע פון דער דאָזיגער מינדערהייט ארבייטען אַ געוויסע צייט אין די קאָמיטעטען פון דעם לאָקאַל אָדער אַלס אַזעלכע קלענערע באַאַמטע, ווי אַ ממונה איבער עפּעס („סטיר־אַרד"), משגיח, („טראָסטי"), חשבונות־איבערזעהער, אָדער מבקר־חולה. דאָס זיינען די מיטגליעדער, וועלכע שטעלען צוזאַמען דעם פעסטען שורש פון דעם לאָקאַל, אויף וועמען מען קען זיך תמיד פאַרלאָזען צו שטיצען די מאַכט פון דער פאַרוואַלטונג. פון זייערע רייהען קומען די צוויי הויפּט באַאַמטע פון דער אָרגאַני־זאַציע, דער פּרעזידענט און דער סעקרעטאַר, אויף וועמען עס פּאַלט די הויפּט משא פון דער אָנפיהרערשאַפט. הגם זיי ווערען קיינמאָל ניט דערוועהלט פאַר אַ לענגערען משך, ווי אויף איין יאָהר, בלייבען אָבער די דאָזיגע באַאַמטע אָפּט אויף זייערע אַמ־טען פאַר פיעלע טערמינען נאָכאַנאַנד; די דאָזיגע אַמטען ווערן אַלענפאַלס אויסגעפילט פון אַן ענגען קרייז פון די פעהיגסטע און ערפאַהרענסטע מיטגליעדער.

מיר האָבען דעריבער אין 1892 געהאַט, חוץ די אַקטיווע סאָלדאַטען אין די טרייד יוניאָן רייהען, וועלכע צעהלען זיך אין

די הונדערטע טויזענדע, א קלענערן קלאַס פון אונטער־אָפיצערן, וועלכער איז באשטאנען פון די סעקרעטארן און די פרעזידענטען פון די אָרטיגע יוניאָנען, די לאָקאַלען און די באַצירק־קאָמיטעטען פון די נאציאָנאַלע געזעלשאַפטען און פון די טריידס קאונסילס. לויט אונזער אָפּשאַצונג זיינען אין 1892 געווען איבער צוואַנציג טויזענד אַזעלכע, וועלכע האָבען צו דער אָדער יענער צייט פאַר־נומען אַן אַמט. די דאָזיגע ארבייטער זיינען דער רוקען־ביין פון דער טרייד יוניאָן וועלט און דער לעבענס־עלעמענט פון דער פּאָ־ליטיק פון דעם ארבייטער קלאַס. צוליעב דעם, וואָס זיי פאַר־דיענען אויף צום לעבען דורך פיזישע ארבייט פיהלען זיי איינ־גאַנצען די אומזיכערקייט פון דעם ארבייטער׳ס מצב, זיין דלות און זיינע צובראָכענע שטרעבונגען. זייער אייגענע אנטשלאָסענ־קייט, די איבערגעבענהייט, מיט וועלכער זיי דיענען זייערע חברים־ארבייטער אין שווערע אמטען, פאר וועלכע מען באַקומט בלויז לפנים׳דיגע שכירות, און זייער אמת׳ער גלויבען, אז דער מענשליכער כאראקטער קען אָהן א שיעור פאַרבעסערט ווערן דורך בילדונג און דורך בעסערע לעבענס־באדינגונגען — דאָס אַלעס צוזאַמען האַלט אויף זייער באַגייסטערונג פאר אַלערליי סאָציאַלע רעפאָרמען. זיי זיינען דעריבער תמיד גרייט אויפצו־נעהמען נייע אידעען, בתנאי אויב יענע ווערן פאָרגעשלאָגען אויף א פּראַקטישען אופן פון מענשען, וועמעס כאראקטער און אינטע־ליגענץ זיי רעספּעקטירן. אָט־דער קלאַס אונטער־אָפיצערן איז דער עיקר פּראָגרעסיווער עלעמענט אין דער טרייד יוניאָן וועלט און ער באַשליסט עס אין דער ווירקליכקייט דעם אידעען־גאַנג פון דעם ארבייטער קלאַס. דאָך זיינען ניט די מענשען די אמת׳ע פיהרער פון די טרייד יוניאָנען אינטערעסען, חוץ אין די קליינע לאָקאַלע יוניאָנען, וואָס ווערן געפיהרט פון ארבייטער, וועלכע הערן ניט אויף צו ארבייטען ביי זייער פאַך, און וואָס פארשווינ־דען שנעל. אין די גרויסע נאַציאָנאַלע און פּראָווינץ יוניאָנען זיינען די באַאַמטע פון די לאָקאַלען אָדער פון די אָרטיגע אָרדענס שטרענג באַגרענעצט דורך זייערע תקנות, וואָס באַשטימען אַלע איינצעלהייטען פון זייער ארבייט, און זיי האָבען פּראַקטיש ניט קיין געלעגענהייט צו טאָן עפּעס אויף זייער אייגענער איניציאַ־

טיווע. די ווירקליכע רעגירונג פון דער טרייד יוניאָן וועלט ליגט אויסשליסליך אין די הענט פון א גאנץ באזונדער קלאַס, — ד באַצאָהלטע באַאמטע פון די גרויסע געזעלשאַפטען.

די צאָהל פון די דאָזיגע ציוויל־באַאמטע פון דער טרייד יוניאָן וועלט, וועלכע האָבען אין 1850 גאָר ניט עקזיסטירט, איז אין 1892 געווען צווישען זעקס און זיעבען הונדערט.[1] זייער לאַגע האָט זיי, אפילו אין 1892, וואָס ווייטער געגעבען אַלץ מעהר איינפלוס און געמאַכט זיי אַלץ וויכטיגער פאַר דער מאָדערנער אָרגאַניזאַציע פון די אינדוסטריען און אין דעם מעכאַניזם פון דעמאָקראַטישער פּאָליטיק. דאָך, דער פאַקט, וואָס מיר האָבען ערגעץ ניט געפונען קיין באַשרייבונג פון דעם נייעם הערשענדען קלאַס צייגט, אַז ביז יעצט האָט מען כמעט ניט באַמערקט דעם כאַראַקטער פון זיין איינפלוס אָדער אפילו זיין עקזיסטענץ. אום צו פאַרשטעהן די ראָלע, וואָס די דאָזיגע ציוויל־באַאמטע שפּיעלען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג און אין דעם מאָדערנעם אינדוסטריעלען שטאַט, מוז דער לעזער האָבען אַ השגה וועגען די איינגענשאַפטען, וואָס אַזאַ שטעלע פאָדערט, וועגען די נסיונות, צו

---

[1] מיר האָבען אין דער צאָהל ניט אַריינגערעכענט דעם גרויסען קלאַס מענשען, וועלכע זיינען אומדירעקט באַצאָהלטע באַאמטע פון די טרייד יוניאָנען, ווי די „וואָג־פאַרצייכענער" צווישען די קויהלען גרעבער און די „מאָהנער" צווישען די באַוועל־וועבער, „קאַרד־רום" אר־גייטער א. א. וו. די „וואָג־פאַרצייכענער", ווי מיר האָבען שוין געשריבען, ווערען אויסגעקליבען און געצאָהלט זייערע וועכענטליכע שכירות ניט פון דער יוניאָן, נאָר פון אַלע קויהלען־גרעבער פון אַ באַשטימטער גרוב, אָבער דערפאַר, וואָס דער טרייד יוניאָניזם און דאָס אויסקלייבען פון דעם וואָג־פאַרצייכענער ווערט אָנגעפיהרט פּראַקטיש פון די זעלבע אַרבייטער, דיענט ער אָפט אויך אַלס סעקרעטאַר פון דעם לאָקאַל, א. ד. ג. די „מאָהנער", וועלכע געוויסע טרייד יוניאָנען באַשעפטיגען צו געהן פון הויז צו הויז איינצומאָהנען די איינצאָהלונגען פון די מיטגליעדער, באַקומען באַצאָהלט אַ געוויסען פּראָצענט פון די איינגעמאָהנטע געלד. הגם זיי זיינען ניט קיין באַצאָהלטע באַאמטע אין דעם שטרענגערען זין פון דעם וואָרט, העלפט אָבער זייער אַרבייט צו האַלטען די מיטגליעדער אין דער יוניאָן און צו צוציהען נייע; זיי זיינען אויך פאַרמיטלער צווישען די מיטגליעדער און דער צענטראַלער קאָנטאָר פאַר אויפנעהמען קלאַגען און בקשות און פאַר פאַרשפּרייטען ידיעות.

וועלכע די באַאמטע זיינען אויסגעשטעלט, און וועגען די פליכטען, וואָס זיינען אויף זיי ארויפגעלעגט.

דער באַצאָהלטער באַאמטער פון א גרויסער טרייד יוניאָן איז אין אן אויסערגעוועהנליכער לאַגע. ער באַלאַנגט ניט צום מיטעל־קלאַס און ניט צום ארבייטער־קלאַס. די אינטערעסען, וואָס ער רעפּרעזענטירט, זיינען אויסשליסליך פון דעם קלאַס פּי־זישע ארבייטער, פון וואַנען ער קומט אליין, און זיינע פליכטען ברענגען איהם שטענדיג אין צוזאַמענשטויס מיט דעם קלאַס קאָפּ־ארבייטער, וועלכער באַזיצט אייגענטום. פון צווייטען צד איז ער אליין, לויט זיין טעגליכער באַשעפטיגונג, א קאָפּ־ארבייטער, און עס איז דעריבער דאָ א שאַרפער אונטערשייד צווישען איהם און דעם טיפּישען פּראָלעטאַריער, וועלכער שאַפט פאר זיך זיין חיונה דורך פיזישער ארבייט.

ווען אן ארבייטער ווערט דערהויבען צו דער לאַגע פון א באַ־צאָהלטען קאָפּ־ארבייטער, ווירקט עס, אז זיין ארט לעבען זאָל זיך לחלוטין ענדערן. אַנשטאַט צו ארבייטען יעדען טאָג ביי א באַ־שטימטער מלאכה און טאָן, וואָס מען הייסט איהם, ווערט ער פּלוצ־לונג א באַלעבאָס איבער זיין אייגענער צייט און זיינע פליכטען, הגם געווענליך שווערע, זיינען אומבאַשטימט, ניט אלע מאָל די זעלבע און מען קאָן זיי לייכט פארנאַכלעסיגען. די ערשטע זאַך, וואָס איינער מוז דעריבער האָבען פאר זיין גייעם אמט, איז פּערזענ־ליכער זעלבסט־קאָנטראָל. פאר אן ענערגישען טרייד יוניאָניסט מיט א נייגונג צו געזעלשאַפטליכער ארבייט, וועלכער כאַפּט צייי־טענווייז איבער די מאָס אין טרינקען, קאָן ניט זיין קיין גרע־סערער אומגליק, ווי צו ווערן דער באַצאָהלטער באַאמטער פון זיין יוניאָן. אַזוי לאַנג ווי ער איז געצוואונגען, לכל הפחות ניין טעג פון יעדע פערצעהן, אָפּצואַרבייטען א שווערן טאָג פיזישע ארבייט דורך באַשטימטע שטונדען, וועט זיין נייגונג צו שיכרות מעגליך איהם ניט שטערן צו זיין א קונציגער בעל־מלאכה און א ניצ־ליכער בירגער. אַזאַ מענש, ווען ער ווערט דערוועהלט אלס גענע־ראַל־סעקרעטאַר אָדער באַצירק־דעלעגאַט, איז פאַר׳משפט, כמעט אומפאַרמיידליך, צו ווערן א שטענדיגער שיכור. אַנשטאַט צו זיין פאַרשפּאַרט אין פאַבריק, אָדער אין דער מינען־גרוב, איז

ער יעצט פריי צו געהן און טאָן, וואָס ער וויל, און ער קאָן דריבער טרינקען אין אַלע צייטען. זיין ארבייט איז פארבונדען מיט שטענ־דיגע נסיעות און אָפטע ווארטונגען אין פרעמדע שטעדטלאך, וואו עס איז אַמאָל ניטאָ קיין אנדער ברירה, אויסער צו פארברייגען די צייט אין שענק. אַנשטאָט די באַשטימטע שטונדען פון מאָ־נאָטאָנער פיזישער האַרעוואַניע קומט די גייסטיגע אָנשטרענגונג, צו וועלכער ער איז ניט געוואוינט, די ניט רעגעלמעסיגע שטונדען און אומרוהיגע, צוהיצטע צייטען, ווען ער פיהלט פארזאָרגט און כמעט יעדער איינער, ווען ער באַגעגענט, ווען איהם איינ־שמועסען צו טרינקען. חוץ דעם, די רגילות פון א טרייד־יוניאָן באַאמטען צו שיכור׳ן, — הגם עס מאכט ניט קיין גוטען נאָמען,—וועט זעלטען פיהרן צו דעם, מען זאָל איהם דערפאַר באַזיי־טיגען פון זיין אמט. א פאַרשער, וועלכער באַלאַנגט צו די מיטעל־קלאַסען וועט פון קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט אנטדעקען, ווערן מעהר נשתומם, איידער פון דעם גוט־מוטיגען געדולד, מיט וועל־כען א טרייד יוניאָן וועט יאָהר נאָך יאָהר וויעדערדערוועהלען באַ־אמטע, וועלכע זיינען גוט באַוואוסט אַלס האָפנונגסלאָזע שיכורים. דער איינגעוואָרצעלטער געפיהל, וואָס ארבייטער האָבען געגען „ארויסשטופען א מענשען פון זיין ארבייט", ווערט בנוגע צו א טרייד יוניאָן באַאמטען שטאַרקער צוליעב דער גרויסמוטיגער אנ־ערקענונג פון דעם פאַקט, אַז זיין דיענסט פאַר זיינע חברים־אר־בייטער האָט איהם געמאַכט פאַר א מענשען, וועלכער טויג מעהר ניט פאַר פיזישער ארבייט. חוץ דעם, פאַרזעהט דער געוועהנליכער מיטגליעד פון א טרייד יוניאָן די לעבענס־וויכטיגקייט פון האָבען א פעהיגע און פעולה׳דיגע געשעפטס־פיהרונג. עס דוכט זיך איהם, אַז די שיכרות און אומפעהיגקייט פון זיין גענעראַל־סעקרעטאַר מייי־נען בלויז, אַז די געוועהנליכע ארבייט אין דער קאָנטאָר וועט זיין אַביסעל פאַרשפעטיגט, אָדער, אמערגסטען, אַז די פאָנדען פון דער געזעלשאַפט וועלען אין קליינינגקייטען ניט גוט פארברויכט ווערן. כל־זמן די מזומן געלד איז לויט די חשבונות ריכטיג און די באַריכטען קומען ארויס נאָך יעדען באַשטימטען משך צייט פאַלט איהם, שיינט עס, קיינמאָל ניט איין צו טראַכטען, אַז צו־ליעב דעם, וואָס די „געזעלשאַפט" האָט ניט קיין ריכטיגע פיה־

רערשאַפט, פאַרליערט זי דעם באָדען אין אַלע ריכטונגען און זי האָט אין איין וואָך מעהר היזק, איידער אַן אומעהרליכער סעקרעטאַר קאָן צו׳גנב׳נען אין אַ יאָהר.

די פּראַקטיק כמעט אַלעמאָל צו דערוועהלען די באַצאָהלטע באַאמטע פון צווישען די רייהען פון די „אונטער־אָפּיצערען” האָט, צום גליק, די ווירקונג, אַז די אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט גענוג זעלבסט־קאָנטראָל, זאָלען זיין אויסגעשלאָסען פון צו פאַרנעמען די וויכטיגע אַמטען. דער אַרבייטער, וועלכער האָט ליעב אַ לייכטען לעבען, וויל געוועהנליך ניט אָפּגעבען זיינע אָוועטען און ימים־טובים מיט שרייבערשער אַרבייט פאַר זיין לאָקאַל, און דער, וואָס פאַרנעמט יאָ אַ לאַנגע צייט די קלענערע אַמטען, גיט זיינע חברים־אַרבייטער גענוג געלעגענהייטען צו וויסען זיינע לעבענס־געוואוינהייטען. דעריבער געפינען מיר, אַז די באַצאָהלטע באַאמטע פון די אַלטע יוניאָנען זיינען געוועהנליך אַנשטענדיגע מענשען און האַלטען זיך אַפּילו אין זייער פּערזענליכען לעבען מיט חשיבות. וואָס ווייטער, ווערט צווישען זיי גרעסער די צאָהל פון אַזעלכע, וועלכע פאַרזוכען קיינמאָל ניט קיין שטאַרקע געטראַנקען, און פיעלע אַנדערע ווערען זיך תמיד אַנטשיידען אַנטזאָגען צו טרינקען ביי פרעהליכע צוזאַמענקונפטען, הגם זיי ווייסען, אַז דאָס קאָן שאָדען זייער פּאָפּולאַריטעט צווישען די מיטגליעדער פון זייער יוניאָן.

אָבער דער אַרבייטער, וועלכער ווערט אַ באַצאָהלטער באַאמטער פון זיין יוניאָן, ווערט אויסגעשטעלט צו אַנאַנדער געפאהר, — צו אַזאַ, וואָס דער פאָרשער, וואָס באַלאַנגט צום מיטעל־קלאַס, וועט תיכף ניט באַמערקען. דער פאָלגענדער אויסצוג, וואָס מיר נעמען פון דער בילדליכער באַשרייבונג, וואָס מיר האָבען שוין ציטירט, דערקלעהרט ווי די געפאהר ווערט באַטראַכט פון אַ דענקענדען בעל־מלאכה:

„יעצט פאַנגט זיך אָן אַן ענדערונג, וואָס קאָן מאַכען אַ תל פון זיין גאַנצער קאַריערע אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. ווען אונזער פריינד איז געווען סעקרעטאַר פון דעם לאָקאַל און האָט געאַרבייט ביי זיין פאַך, איז ער געווען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט דער איינפאַכער מיטגליעדערשאַפט, הגם ער אַליין איז געווען

העכער פון זיי לויט זיין ענערגיע און פעהיגקייט. דורך דעם, וואָס ער איז דערהויבען געוואָרן צו דער שטעלע פון אַ באַצאָהלטען באַאמטען, זיינען זיינע ידיעות געוואָרן ברייטער און זיינע השגות גרעסער. דער געוועהנליכער טרייד יוניאָניסט דענקט, אַז דאָס, וואָס די אַרבייטער פאָדערן, איז יושר. ער גלויבט, — דאָס איז ביי איהם כמעט אַ פּרינציפּ, — אַז אין יעדען סכסוך איז דער קאַפּיטאַליסט אומגערעכט און די אַרבייטער זיינען גערעכט. אָבער ווען עס קומט איהם כסדר אויס, אַלס באַצירק־דעלעגאַט, צו מאַכען אונטערזוכונגען וועגען די ווירקליכע אומשטענדען, וואָס רופען אַרויס די סכסוכים מצד די אַרבייטער, און צו פאַרהאַנדלונגען מיט די אַרבייטס־געבער וועגען פּשרות, פאַנגט ער אָלץ מעהר און מעהר אָן צו אָנערקענען, אַז דער צווייטער צד האָט אויך וואָס צו טענה'ן. עס אַרבייט דערביי אויך אָן אומבאַוואוסטזיניגע נטיה. די שטרייט־פּונקטען, איבער וועלכע עס קומט איהם אויס צו פאַרהאַנדלען, האָבען מעהר קיין שייכות ניט צו זיינע אייגענע פאַרדיענסטען און באַריהרן ניט די באַדינגונגען פון זיין אייגענער באַשעפטיגונג, בשעת יעדער סכסוך צווישען די מיטגליעדער פון זיין יוניאָן און זייערע באַלעבאַטים פאַרשאַפט איהם מעהר אַרבייט און פאַרגרעסערט זיינע דאגות. צוביסלאַכווייז פאַרשווינדט פון זיין געדאַנק די לעבעדיגע השגה, וואָס ער האָט געהאַט, וועגען דעם דלות און דעם געדריקטען לעבען פון דעם בעל־בלאכה, און ער פאַנגט אָלץ מעהר און מעהר אָן צו באַטראַכטען דאָס באַקלאַגען זיך פון אַרבייטער אַלס ניט ריכטיג און איבערטריבען.

צוזאַמען מיט דער גייסטיגער ענדערונג קומט אַמאָל נאָך עטוואָס ערגערס. אין אונזערע צייטען זוכט דער מיטעל־קלאַס די פריינדשאַפט פון דעם באַצאָהלטען באַאמטען פון אַ גרויסער יוניאָן און חנפ'עט איהם. מען לאַדט דעם באַאמטען צו אַ מאָלצייט און ער באַוואונדערט די פיין־איינגעריכטעטע היימען, די שעהנע דיוואַנען, דעם לייכטען לעבען און דעם לוקסוס פון די מיטעל־קלאַסען. אַמאָל פאַנגט זיין פרוי אויך אָן צו ווערן אומצופריעדען. זי וועט איבעררייִדען, אַז דער־און־דער, וועלכער איז געווען אַ לעהר־איינגעל אין דעם זעלבען פלאַץ מיט איהר מאַן, איז יעצט רייך און פאַרדיענט כסדר אוצרות געלד; זי דערמאָנט

איהר מאַן, אַז אויב ער וואָלט געווען אַפילו האַלב אַזוי שווער אַר־ בייטען פאַר זיך, ווי ער האָט געאַרבייט פאַר אַנדערע, וואָלט ער אויך געקאָנט זיין רייך און לעבען בהרחבה אָהן מורא פאַר מאָר־ גענדיגען טאָג. ער גופא דענקט, אַז דאָס איז אמת. ער קאָן אַ סך מענשען, וועניגער פעהיג און ענערגיש פון איהם אַליין, וועל־ כע זיינען דורך דעם, וואָס זיי האָבען תמיד אין זינען געהאַט בלויז זייערע אייגענע אינטערעסען, געוואָרן מייסטערס, פאַרוואַלטערס און אַפילו קליינע באַלעבאַטים, בשעת ער באַקומט בלויז צוויי אָדער פיער פונט שטערלינג וועכענטליך אָהן קיינע אויסזיכטען זיינע שכירות צו העכערן. די איבעררייידענישען פון זיין פרוי און איהרע קרובים, זיינע אייגענע רעיונות, די פאַרבייגעהענדע יאָהרן, דער וואַקסענדער פאַרלאַנג צו ווערן איינגעשטעלט אין לע־ בען און צו האָבען פאַר זיך אַליין און זיינע קינדער אַ זיכערע צו־ קונפט, און אפשר אויך אַ ביסעלע קנאה צו זיינע פריינד פון דעם מיטעל־קלאַס, — דאָס אַלץ פאַנגט אָן אומבאַמערקט, שטיל און אומ־ באַוואוסט פאַר איהם אַליין אויסצואַרבייטען אַן ענדערונג אין זיינע השגות וועגען דעם לעבען. ער באַזעצט זיך אין אַ קליינע באַזונדערע וואוינונג אין אַ פאָרשטאָדט צווישען דעם נידעריגערן מיטעל־קלאַס. דאָס פיהרט צו דעם, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון זיינע פריינד צווישען די אַרבייטער. זיין פרוי בייט איהר באַקאַנטשאַפט. צוזאַמען מיט די לעבענס־געוואוינהייטען פון זיי־ נע נייע שכנים נעמט ער אומבאַוואוסט אַלץ מעהר און מעהר אי־ בער זייערע אידעען. צוביסלאַכווייז געהט ער זיך פאַנאַנדער מיט די מיטגליעדער פון זיין אָרגאַניזאַציע וועלכע שטימען שוין ניט צו אַזוי שנעל ווי אַמאָל, צו זיינע פאָרשלאַגען. דאָס אַלץ קומט פאָר שטופענווייז און קיינער פון די צדדים באַמערקט ניט די סבה דער־ פון. ער דענקט, אַז אין דעם חילוקי־דעות איז שולדיג אַ קליקע תביעות־זוכער, אָדער פילייכט די ווילדע השגות פון דעם יונגערן דור זיי דענקען, אַז ער איז אַ גדלן און האָט „פאַרריסען זיין קאָפּ"; אַז ער איז צו פאָרזיכטיג אָדער אַפילו גלייכגילטיג בנוגע צו פאָך־ענינים. עס ענדערט זיך זיין פאַרהאַלטען זיך צו די מיט־ גליעדער פון זיין אָרגאַניזאַציע, בפרט צו די אַרבייטסלאָזע, וועל־ כע קומען בעטען אונטערשטיצונג. ער פאַנגט אָן צו קוקען אויף

זיי אַלעמען פון אויבען אַרונטער, ווי אויף „פשוט'ע אַרבייטער",
אָבער די אַרבייטסלאָזע פאַראַכטעט ער אַלס מענשען, וועלכע
זיינען געוועזען אַ דורכפאַל אין זייער לעבען, און זיין פאַראַכטונג
איז אפשר אַן אָפענע. דאָס רופט אַרויס שנאה. ווען ער געהט
אין קאָנטאָר אַריין אין זיין הויכען הוט און גוטען ראָק מיט אַ
פיינעם רעגען־שירם, מורמלען די מיטגליעדער פון זיין יוניאָן,
וועלכע שלעפען זיך אַרום זוכענדיג אַרבייט, געגען איהם שטילע,
אָבער טיעף־האַרציגע קללות, און ווען די דאָזיגע אַרבייטער גע־
פינען באַשעפטיגונג אין אַנדערע שטעדט פאַרשפּרייטען זיי גע־
שיכטעס וועגען זיין חוצפה און גדלות. צוביסלאַכוויז פאַרליערט
ער אַזוי די אָנהענגערשאַפט און די שטיצע פון די מענשען, פון
וועמען ער איז אָפּהענגיג מיט זיין שטעלע. לסוף קומט דער קלי־
מאַקס. די יוניאָן איז אין געפאַהר אַריינגעשלעפּט צו ווערן אין
אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף דורך אַ גרויסען שטרייק. ער האָט ניט
קיין חשק צו דער שווערער און אומדאַנקבאַרער אַרבייט, וואָס איז
מיט אַ שטרייק פאַרבונדען; דאָס ווירקט אויף איהם אומבאַ־
וואוסטזיניג ער זאָל ווייניג סימפּאַטיזירן מיט די פאָדערונגען פון
די אַרבייטער און אַמענדע פיהרט ער דורך אַ פשרה אויף באַ־
דינגונגען, וואָס שטעלען ניט צופריעדען אַ גרויסען טייל פון די
מיטגליעדער פון דער יוניאָן. די געדיכט־געוואָרענע וואָלקענס
ברעכען דאַמאָלס אויס אין אַ שטורעם. ווען ער באַווייזט זיך נאָכ־
דעם ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, הויבען זיך אויף געשרייען
וועגען „פאַרראַט" און „כאַבאַר". ניין, עס איז ניט קיין כאַבאַר.
ניט זיין עהרליכקייט, נאָר זיינע השגות זיינען פאַרדאָרבען. זי־
כער אין זיין באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט באַפלעקט פון קיין
שוחד, שטעלט ער זיך מוטיג געגען דער פאַרזאַמלונג, וואַרפט צו־
ריק די באַשולדיגונג און דעם מאָל פיהרט ער דורך, וואָס ער וויל.
אָבער זיין לאַגע ווערט יעצט שנעל אומערטרעגליך. ער באַמערקט
אויף אַלע זייטען, אַז דער פאַרדאַכט געגען איהם ווערט טיעפער און
פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ שנאה. אמת, די מיטגליעדער פון דער
יוניאָן דערוועהלען איהם ווידער צו זיין אמט, אָבער אין דער זעל־
בער צייט דערוועהלען זיי אַ פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט, וואָס האָט

פאַרשפּראָכען אַרויסצוטרעטען געגען איהם אויף יעדען אופן.[1] די גאַנצע צייט פאַרשטעהט ער נאָך אַלץ ניט די סיבה פון דער געגנערשאַפט צו איהם און ער דענקט אפשר, אַז שולדיג אין דעם זיינען די אינטריגען פון געגנער, וועלכע זיינען איהם מקנא און ווילען פאַרנעמען זיין אַמט. געפּלאָגט פון אַלע זייטען, אונטער אַ פאַרוואַלטונג, וואָס טרויט איהם ניט און שטערט איהם אין זיין אַרבייט, — פאַרליערט ער לסוף זיין מוט. ער זוכט פאַר זיך אַן אויסוועג ווי־עס־איז און דער סוף איז, אַז ער נעמט אָן ערגעץ אַ קליינע שטעלע, זאָגט זיך אָפּ מיט אמת'ער צופריעדענהייט פון זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר און פאַרשווינדט אויף אייביג פון דער טרייד־יוניאָן וועלט.”

דער טרייד יוניאָן באַאַמטער, וועלכער ווערט אַ צו גרויסער מפונק פאַר זיין אַמט, איז, ווי דער שטענדיגער שיכור, אַן אויסנאַם. דער דורכשניטליכער סעקרעטאַר אָדער באַצירק־דעלעגאַט איז צו קלוג ער זאָל אויף תמיד זיך דערווייטערן פון די מיטגליעדער פון זיין יוניאָן. דאָך מוז דער אַרבייטער, וועלכער איז געוואָרן אַ באַצאָהלטער באַאַמטער, מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט דורכשלאָגען זיך אַ וועג צווישען די געפאַהרן, וואָס קומען מיט דער ראָלע פון אַ „גוטען־ברודער” און די, וואָס זיינען שטענדיג פאַרבונדען מיט דער לייטישערער, אָבער מעהר פאַרהאַסטער ראָלע פון אַ העכערן סאָרט מענש. אויסער פּערזענליכער זעלבסטבאַהערשונג מוז ער האָבען אַ שטאַרקען און אומאָפּהענגיגען כאַראַקטער, אַ ווירקליכע איבערגעבענהייט צו דעם קלאַס, פון וועלכען ער איז אַרויסגעקומען, און אַ פאַרהאַרטעוועטע פאַראַכטונג פאַר דעם לוקסוס און „מפונק'דיגקייט” פון די מענשען, מיט וועלכע ער איז געבראַכט געוואָרן אין באַריהרונג. דאָס אַלץ בלייבט ריכטיג פאַר דער יעצטיגער צייט, ווי עס איז געווען אין 1892, אָבער דער אַלגעמיינער פאָרשריט אין בילדונג און אין ניכטערקייט און די

---

[1] מיר האָבען דאָ אַנאַנדער ביישפּיעל פון דעם טיעף־איינגעוואָרצעלטען געפיהל צווישען די אַרבייטער געגען „אָפּזאָגען” זייערע באַאַמטע. אַ יוניאָן וועט מאַכען דעם לעבען פון אַן אומבאַליעבטען באַאַמטען אומערטרעגליך, זי וועט איהם שטערן אויף אַלע אופנים, אָבער כל־זמן ער האַלט זיך איז ער זיכער מיט זיין שטעלע.

שטענדיגע טענדענץ, אז גוטע מאַניערן זאָלען זיך פאַרשפּרייטען צווישען אלע קלאסען, ווירקט, אז די סאָציאַלע קאָנטראַסטען פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט זאָלען טעגליך ווערן וועניגער קענטיג. פאַר דעם טרייד יוניאָן באַאַמטען פון דעם צוואַנציג־סטען יאָהרהונדערט איז עס פיעל לייכטער צו האַלטען זיך מיט זעלבסט־ווירדיגער העפליכקייט צווישען די מיטגליעדער פון זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע און אויך צווישען די ארבייטסגעבער, די באַאַמטע און די פּאָליטישע טוער פון דעם מיטעל־קלאַס, מיט וועלכע ער ווערט געבראַכט אין באַריהרונג.

מיר שטעלען זיך דאָ אָפּ צו באַשרייבען, אין די וויטערדיגע קאַפּיטלען, די אַנטוויקלונג פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פון 1890 ביז 1920 און צו באַטראַכטען אייניגע פון די אייגענשאַפ־טען, מיט וועלכע זי צייכענט זיך אויס.

ניינטער קאַפּיטעל

דרייסיג־יאָהריגער וואוקס.

(1920—1890)

אין 1892, נאָך אַן אנטוויקלונג פון מעהר פון צוויי יאָהר־הונדערטען, האָט דער טרייד יוניאָניזם אין דעם „פאַראייניגטען קעניגרייך" געצעהלט, ווי מיר האָבען געזעהן, עטוואָס מעהר פון אַ מיליאָן און אַ האַלבען מיטגליעדער אין אַ געזעלשאַפט פון קרוב צו פערציג מיליאָן, אָדער ארום פיער פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און האָט אריינגענומען בערך צוואַנציג פּראָצענט פון די דערוואַקסענע פיזישע מענער־ארבייטער, וועלכע לעבען פון שכירות. אין אָנפאַנג פון דעם יאָהר 1920, לויט אונזער אָפּשאַצונג, איז די צאָהל טרייד יוניאָניסטען אַ היבש ביסעל מעהר פון זעקס מיליאָן אין אַ באַפעלקערונג פון וועניגער פון 48 מיליאָן נפשות; דאָס איז איבער צוועלף פּראָצענט פון דער גאַנ־צער באַפעלקערונג און שליסט מעגליך איין גאַנצע זעכציג פּראָ־צענט¹ פון אַלע דערוואַקסענע מענער פיזישע לוין־ארבייטער אין

---

¹ עס איז אַ ספק אויב אין וועלכען עס איז לאַנד אין דער וועלט, אַפילו אין אויסטראַליען און אין דענמאַרק, באַלאַנגט יעצט, אין 1920, אַזאַ גרויסע פּראָפּאָרציע פון די דערוואַקסענע מענער פיזישע ארבייטער צו די ארבייטער פאַראיינען, ווי אין דעם פאַראייניגטען קעניגרייך, און זיכער ניט אַזאַ גרויסע פּראָפּאָרציע, ווי אין גרויס בריטאַניען גופא, ניט רעכענענדיק אירלאַנד, וועלכע איז נאָך אינדוסטריעל בערך ניט אָרגאַניזירט.

די טרייד יוניאָן באַוועגונג אין אירלאַנד, וואָס איז, אויסער די

דעם קעניגרייך. מיט דעם אויסנאָם פון קורצע אָפּהאַלטונגען אין 1893-95, 1902-4 און 1908-9 האָט דער דאָזיגער מערקווירדיגער וואוקס פון דער דורכשניטליכער מיטגליעדערשאַפט אָנגעהאַלטען כסדר דורך די גאַנצע דרייסיג יאָהר.

עס איז וויכטיג צו באַמערקען די כסדר'דיגע פאַרשטאַרקונג פון דעם דאָזיגען וואוקס. דורך עטליכע יאָהר נאָך דעם שטאַרקען וואוקס פון די יאָהרען 1889-92 איז די דורכשניטליכע צאָהל מיטגליעדער אַביסעל געפאַלען. ווען די צאָהל מיטגליעדער האָט אין 1897 ווידער אָנגעפאַנגען צו שטייגען האָט געדויערט גאַנצע

אירלאַנדישע טיילען פון די ענגלישע יוניאָנען, צום גרעסטען טייל קאָנצענטרירט אין דעם געגענד פון בעלפאַסט, האָט וועניג פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג פון גרויס בריטאַניען, אָבער דער פאָרשריט, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר, איז קוים וועניגער מערקווירדיג. די אירלאַנדישע אייזענבאַהן אַרבייטער האָבען אויפגעהערט זייערע פאַרזוכען צו אָרגאַניזירען זיך אין אַן אירלאַנדישען יוניאָן און זיינען לעצטענס אין גרויסע מאַסען אריין אין דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אייזענבאהן ארבייטער", וואו זייער צאָהל איז יעצט איבער צוואַנציג טויזענד. ניין טויזענד פון די אירלאַנדישע מאַשיניסטען, פון בעלפאַסט און פון די אַנדערע געגענגען, באַלאַנגען צו דער „אַמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען־געזעלשאַפט" און צו אַנדערע בריטאַנישע יוניאָנען. די אַנדערע גרויסע יוניאָנען האָבען כמעט אַלע זייערע באַזונדערע אירלאַנדישע אָפּטיילונגען. אָבער די גרויסע ענדערונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דער גרינדונג און אין דער מערקווירדיגער אנטוויקלונג פון דער „טראַנספאָרט ענד דזשענעראַל וואָירקערס' יוניאָן" (אַן אינדוסטריעל אָרגאַניזירטע יוניאָן פון ארבייטער ביי טראַנספּאָרטאַציאָנס מיטלען און אַנדערע פּשוט'ע אַרבייטער), אויפגעבויט געוואָרן פון דזשיימז קאָננאָלי און דזשיימז לאַרקין, וואָס האָט איבערגעלעבט איהר זעהר גרויסען שטרייק אין דובלין אין 1913 און אויך דעם פאַרלוסט פון איהרעביידע פיהרער און גיט יעצט, אין 1920, אָן אַ מיטגליעדערשאַפט פון איבער הונדערט טויזענט אָרגאַניזירט אין 400 לאָקאַלען; די צאָהל איז האַלב פון אַלע טרייד־יוניאָניסטען אין גאַנץ אירלאַנד. אַנדערע אירלאַנדישע יוניאָנען, וואָס צעהלען מעהר פון פינף טויזענד מיטליעדער, זיינען בלויז די „פלעקס ראַפער'ס יוניאָן" (פון אַרבייטער, וואָס גרייטען צו פלאַקס צו שפּינען), וואָס שאַפט צוזאַמען מיט אַנדערע יוניאָנען די „פעדעראַציע פון אירלאַנדישע טעקסטיל אַרבייטער", און די „קלעריקאל וואָירקערס יוניאָן" (פון געשעפטס־אָנגעשטעלטע), צוזאַמען מיט דער „אירלאַנדישער לעה־

צעהן יאָהר איידער עס איז צוגעקומען א האַלבער מיליאָן מיט־גליעדער צו דער צאָהל פון 6־1892. די ווייטערדיגע דריי יאָהר האָבען געבראַכט נאָך א האַלבען מיליאָן. פאַר די אַכטצעהן יאָהר פון 1892 ביז 1910 איז דער גאַנצער צוואוואוקס געווען בערך אַ מיליאָן מיטגליעדער, אָדער בלויז ארום 6 פּראָצענט. נאָכ־דעם האָט עס גענומען בלויז דריי אָדער פיער יאָהר צו פאַר־גרעסערן די צאָהל אויף נאָך א מיליאָן, בשעת דורך די לעצטע עטליכע יאָהר איז דער צוואוואוקס געווען ניט פיעל וועניגער פון א האַלבען מיליאָן יעהרליך, אָדער בערך צעהן פּראָצענט יעדען

רער־געזעלשאַפט", וואָס איז (ניט ווי די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון לעה־רער אין אירלאנד" און דער „דערציהונגס אינסטיטוט פון שאָטלאַנד") אָפען פאַרבונדען מיט דער (אירלאַנדישער) אַרבייטער פּאַרטיי. עס עק־זיסטירן צעהנדליגע אַנדערע אירלאנדישע טרייד־יוניאָנען, וואָס זיינען פּאַקטיש אלע קליין, האָבען אַ כאַראַקטער פון לאָקאַלע און געגענד אָר־גאַניזאַציעס און געפינען זיך כמעט אַלע בלויז אין די צעהן שטעדט: דובלין, בעלפאַסט, קאָרק, ליימריק, וואָטערפארד, דונדאָלק, דעררי, קלאָנמעל, סלייגאָ און קילקעני. די גאַנצע טרייד יוניאָן מיטליעדער־שאַפט אין אירלאַנד, וואָס מען האָט דרייסיג יאָהר צוריק געשאַצט צו זיין פערציג טויזענד, צעהלט יעצט מעהר פון צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער, פון וועלכע איין פינפטעל איז אין און אַרום בעלפאַסט. דער אירלאַנדישער טרייד יוניאָן קאָנגרעס, געגרינדעט אין 1894, און די אירלענדישע ארבייטער פארטיי האַלטען אָב זייערע צוזאַמענפאָהרען יעהרליך.

די אירלאַנדישע טרייד־יוניאָן באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון לאָקאַלע מעל־מלאכה'שע קלובען, — איניגע פון זיי געגרינדעט אין מיטען פון דעם אַכטצעהנטען יאהרהונדערט, — ועמעס טאַקטיק איז געווען מאָנאָפּאָליסטיש און האָט געזוכט צו באשיצען געגענד־אינטע־רעסען, איז אין דעם צוואַנציגסטען יא.זרהונדערט געוואָרן דורכגעדרונ־גען מיט אַ פייערדיגען נאַציאָנאַליסטישען גייסט און האָט באַקומען אַ כמעט רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. איהרע העלדען זיינען מייקעל דאַ־וויטט, דזשיימז קאָנאָלי און דזשיימז לאַרקין. די געשיכטע פון דער „טראַנספּאָרט ענד דזשענעראל וואָירקערס' יוניאָן" מיט איהר אויסער־געוועהנליכער פארשפּרייטונג צווישען אלע מינים לוין־ארבייטער אי־בער גאַנץ אירלאַנד און איהרע סענזאציאָנעלע שטרייקען אין דובלין אין 14־1913 איז אַן עפּאָס (העלדען־געדיכט) פאַר זיך גופא.

יאָהר. די מיטגליעדערשאַפט פון די טרייד יוניאָנען האָט זיך פאַר די לעצטע אכט יאָהר פאַקטיש פאַרדאָפּעלט.[1]

ניט ווייניגער באַדייטונגספול איז דער פאַקט, וואָס דער צואוואוקס איז ניט געווען באַגרענעצט בלויז צו געוויסע אינדוסטריען, באַזונדערע געגענדען אָדער איין געשלעכט, נאָר ער איז פאָרגעקומען מעהר אָדער ווייניגער איבער דעם גאַנצען פעלד. ער האָט אַרומגעכאַפּט אין פאַרשיידענע מאָסען אַלע מינים אַרבייטער — געלערנטע, האַלב געלערנטע און גאָר פּשוט'ע. אפילו די פּרויען, וועלכע זיינען נאָך אַלץ פיעל ווייניגער אָרגאַניזירט איידער די מענער, האָבען אין 1920 פינף אָדער זעקס מאָל אַזוי פיעל טרייד יוניאָן מיטגליעדערינען, ווי זיי האָבען געהאַט פריהער מיט דרייסיג יאָהר, און זיי האָבען פאַרדרייפאַכט אָדער פאַרפיערפאַכט זייער צאָהל מיטגליעדער אין די טרייד יוניאָנען בערך צו דער גאַנצער צאָהל דערוואַקסענע פרויען פיזישע לוין־אַרבייטערינען אין לאַנד. די טרייד יוניאָנען האָבען אויך פינאַנציעל בכלל געמאַכט גרויסען פאָרשריט און אין דורכשניט באַטרעפען אין 1920 זייערע אָנגעזאַמעלטע פאָנדען (אויסער זייער אייגענטום אַלס געזעצליך אַנערקענטע אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפטען לויט דעם געזעץ וועגען אַלגעמיינער פאַרזיכערונג) מעהר פון פופצעהן מיליאָן פונט שטערלינג, ד. ה. אַרום צעהן מאָל אַזוי פיעל, ווי אין 1890, וואָס איז אַן אָהן־אַן־ערך גרעסערער „קאַמפּס פאָנד" איידער גאָסט, דאָהערטי, מאַרטין דזשוד, וויליאַם ניוטאָן, אָדער וועלכער עס איז אַנדער טרייד יוניאָן פיהרער פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט האָבען זיך ווען עס איז פאָרגעשטעלט. מיר וועלען יעצט באַשרייבען די פאַרשיידענע שטופען און די פּאַסירונגען פון דעם דאָזיגען וואוקס פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר. מיר

[1] עס זיינען ניטאָ קיין סטאַטיסטישע ידיעות וועגען דער דורכשניטליכער צאָהל מיטגליעדער אין די פריהערדיגע יאָהרען. מיר דענקען, אַז נאָך דעם, ווי די לשעה'דיגע מאַסען־אַריינטרעטונגען פון 1833-34 האָבען אויפגעהערט, איז די גאַנצע צאָהל מיטגליעדער, אין גרויס בריטאַניען, פון די יוניאָנען, וואָס זיינען געבליבען עקזיסטירען, געווען אפשר קנאַפּע הונדערט טויזענד. עס איז אַ ספק אויב עס איז אַזוי שפּעט ווי 1860 געווען אין לאַנד אַ האַלבער מיליאָן טרייד־יוניאָניסטען.

װעלען אגב אורחא באריהרען א האלבען טוצען אָדער מעהר פון די װיכטיגערע שטרייקען, װאָס זיינען פּאָרגעקומען אין דעם משך פון דעם דור, אָבער אין היינטיגער צייט באצייכענען ניט אזוי פיעל די אינדוסטריעלע סכסוכים די װיכטיגערע מאָמענטען אין דער געשיכטע פון דעם טרייד יוניאָניזם, װי די מיטלען, — אָפט געזעצגעבערישע אָדער פּאָליטישע לויט זייער כאראקטער, — דורך װעלכע די באװעגונג פארשטארקט איהר איינפלוס אויף דעם געזעלשאפטליכען לעבען און עס װערט אנערקענט איהר רעכט צו באטייליגען זיך אין דער פארװאלטונג פון די אינדוסטריען. די װירקונג פון דעם טרייד יוניאָניזם אויף דער געזעצגעבונג און פון דער געזעצגעבונג אויף דעם טרייד יוניאָניזם איז דורך דעם יעצ־טיגען יאָהרהונדערט, אלענפאלס, פּאָרגעקומען כסדר אָהן אן אויפ־הער און איז געװען געגענזייטיג. דער װאקסענדער כח פון דער באװעגונג האָט זיך ארויסגעצייגט אין א רייהע ענדערונגען אין די געזעצען, װאָס האבען באשטעטיגט און געזעצליך אָנערקענט דעם װאקסענד־ען איינפלוס פון די אָרגאניזאציעס פון די לוין־ארבייטער אין דער פארװאלטונג פון די אינדוסטריען און אויך אויף די פּאָליטישע פארהעלטניסע. דאָס דורכפיהרן פון יעדען איינעם פון די דאָזיגע געזעצען — באזונדערס פון די געזעצען איבער אינדוסטריעלע סכסוכים, אין 1906; איבער „טרייד באָארדס" (אינדוסטריעלע קאָמיסיעס), אין 1908; איבער דער איינפיהרונג פון אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג אין די קויהלען מינען, אין 1908; איבער נאציאָנאלער פארזיכערונג, אין 1911; איבער טרייד יוניאָנען, אין 1913; איבער דער פּראָדוקציאָן פון קאָרן, אין 1917, און איבער דער אויסברייטונג פון די „טרייד באָארדס", אין 1918 — האָט געבראכט א באלדיגע פארגרעסערונג אין דער מיטגליעדערשאפט פון די טרייד יוניאָנען און פארבע־סערונגען אין די ארבייטער אָרגאניזאציעס פון די באריהרטע אינדוסטריען.

דורך די דרייסיג יאָהר, װאָס זיינען פארביינעגאנגען זינט 1890, האָט דער פּאָרשריט פון דער טרייד יוניאָן באװעגונג, װי גװאלדיג גרויס ער איז ניט געװען, מיטגעבראכט בערך װעניג ענדערונגען אין דעם אינערליכען געבוי פון די פארשיידענע יו־

ניאָנען. עס איז בלויז פארגעקומען א קענטיגע ענדערונג אין דער בערג׳דיגער לאַגע און איינפלוס פון די פארשיידענע טיילען פון דער טרייד יוניאָן וועלט און אויך אפילו אין איהר צוזאמענשטע־לונג גופא. אייניגע טיילען זיינען שוואכער געווארן בערך צו אנדערע. נאָך מעהר באדייטונגספול איז די פיעל גרעסערע פאר־איינינגטקייט פון דעם טרייד יוניאָניזם פון 1920 אין פארגלייך מיט 1890. ניט בלויז זיינען נאָך פיעלע פון די פאראייניגען אויסגע־וואקסען און געווארן שטארקע ארגאניזאציעס לויט דער צאָהל פון זייערע מיטגלידער און זייערע געלט־מיטלען, נאָר עס האָט זיך אויך אנטוויקעלט, באזונדערס דורך די לעצטע יאָהרען, אן אינ־טערעסאנטער נעץ פון פעדעראציעס צווישען די יוניאָנען פון דער זעלבער אינדוסטריע, און אָפט צווישען די יוניאָנען פון נאָ־הענטע אדער פארבונדענע צווישען זיך אינדוסטריען. אייניגע פון די דאָזיגע פעדעראציעס זיינען דורך דעם, וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט אונטערהאנדלונגען אויף א נאציאָנאלען מאסשטאב אין דעם נאָמען פון א גאנצער אינדוסטריע, געווארן מעהר איינ־פלוסרייך און וויכטיגער פון וועלכע עס איז אנדערע, אויסער די גרעסטע, יוניאָנען.

די באָוועל־פאבריקען ארבייטער.

די מערקווירדיגסטע פון די דאָזיגע ענדערונגען איז די בערג׳דיגע אָפשוואכונג פון דעם איינפלוס פון די ארבייטער פון די באָוועל פאבריקען. דאָס מיינט ניט, אז די יוניאָנען פון די שפינער, וועבער אָדער „קארד־רום" ארבייטער זיינען קלענער גע־ווארן לויט זייער צאָהל מיטגלידער אָדער זייערע אָנגעזאמעלטע פאָנ־דען. פארקעהרט, אין דורכשניט האָבען זיי דורך די לעצטע דריי־סיג יאָהר מעהר ווי פארדאָפּעלט זייער מיטגלידערשאפט, און די „אמאלגאמירטע אסאסיאציע פון ארבייטער אויף באָוועל־שפינע־ריי מאשינען" מיט א קאפיטאל פון א פערטעל מיליאָן פונט שטערלינג, וואָס באלאנגט צו איהרע פינף און צוואנציג טויזענט מיטגלידער (ניט רעכענענדיג די זעקס און צוואנציג טויזענט „צו־זאמענשטוקעווער" [„פיעסערס"] איז יעצט, ווי פריהער, די רייכ־סטע צווישען די גרויסע טרייד יוניאָנען. די דאָזיגע יוניאָנען האָ־

בען אויך בשום אופן ניט פארלאָרן זייער איינפלוס אויף זייער אייגענעם פאך, לכל הפחות ניט אין זייער צענטראלען באצירק, אין לאנקאשייר און אין טשעשייר, הגם די געגענדען אויסער זייער צענטער זיינען אביסעל פארנאכלעסיגט געווארן. אָבער דער וואוקס פון דעם טרייד יוניאָניזם אין אנדערע אינדוסטריען האָט פארקלענערט די פארטרעטערשאַפט פון די „באוועל ארבייטער" צום טריידס־יוניאָן קאָנגרעס פון צעהן אָדער צוועלף פראָצענט צו פיער אָדער פינף פראָצענט. אויסער דעם, טיילווייז צוליעב זייערע אינערליכע חלוקי־דעות, האָבען זייערע פיהרער ניט מעהר קיין דאָמינירענדען איינפלוס אויף דער ארבייטער באוועגונג בכלל. די אויסגעצייכענטע ארגאניזירט פון די באוועל יוניאָנען איז אויפגעהאלטען געוואָרן, אָבער אנדערע פאכען האָבען ניט געשאַפען קיין אָרגאניזאציעס לויט זייער מוסטער און זייערע להשמיד־ולהרוג מחלוקות צווישען זיך האָבען פארקלענערט דעם איינפלוס פון זייערע פארשיידענע פעדעראַציעס. דורך די גאנצע דרייסיג יאָהר זיינען אין דער אינדוסטריע פאקטיש פארגעקומען בלויז צוויי אָדער דריי וויכטיגע פאסירונגען. אין 1893 איז פארגעקומען אן אלגעמיינער שטרייק פון די באוועל־שפינער, ווען אלע פאבריקען זיינען אָפּגעשטעלט געווארן אויף ניט ווייניגער פון צוואנציג וואָכען. די ארבייטס־געבער האָבען געפאָדערט, אז די ארבייטער זאָלען מסכים זיין צו א פארקלענערונג פון זייערע שכירות אויף צעהן פראָצענט און די יוניאָן האָט פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל צוליעב דעם קריזיס אין אלע פאבריקען איינפיהרען קורצערע אר־בייטס־שטונדען. דער שטרייק האָט זיך אמענדע געענדיגט מיט אן אָפּמאך צווישען די פאבריקאנטען און דער יוניאָן, וואָס איז אויסגעארבייט געווארן אָהן אויסערליכער ארייננמישונג אויף אַ זיצונג, וואָס האָט געדויערט פערצעהן שטונדען נאָכאנאנד, און לויט וועלכען עס איז געמאכט געוואָרן א פארקלענערונג אין די ארבייטער־שכירות פון קנאָפּע דריי פּראָצענט, אָנשטאָט די צעהן פּראָצענט, וואָס די ארבייטס־געבער האָבען געפאדערט; דער אָפּ־מאך האָט אויך באוואָרנט געוויסע מיטלען וועגען דער אויסגלייכונג פון ארבייטער־שכירות אין דער צוקונפט און וועגען דער שליכ־טונג פון וויטערדיגע סכסוכים צווישען די פאבריקאנטען און די

אַרבייטער דורך געמיינשאַפטליכע פאַרהאַנדלונגען אָהן דער אָפּ־שטעלונג פון דער אַרבייט אין די פאַבריקען. אַט־דער „אָפּמאַך פון ברוקלאַנדס" האָט געהערשט אין דעם שפּינערײַ־פאַך פון 1893 ביז 1905, אָבער אין דעם לעצטען יאָהר האָבען די פאַר־אינטערעסירטע יוניאָנען פאָרמעל איהם דערקלערט אַלס גענענדיגט אויף דעם גרונד, אַז די מיטלען, וואָס ער באַווארנט וועגען שליכ־טען סכסוכים און אויסגלייכען שכירות ווירקען ניט שנעל גענוג און אויף אַזאַ שטייגער, וואָס שטערט די אַרבייטער אויסצונוצען די גוטע צייטען פאַר זייערע אינטערעסען. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרן אַ צייטווייליגער אָפּמאַך, אָבער ער האָט ניט אָפּגעהאַל־טען די אַרבייטער, אין יאָהר 1908, פון צו דערקלערן אַ שטרייק, וואָס האָט אָנגעהאַלטען זיבען וואָכען און האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּשרה צו גונסטען פון די אַרבייטער. אויסער די קלענערע און לאָקאַלע סכסוכים, וואָס זיינען אָפּט פאָרגעקומען צוליעב שלעכטע מאַטעריאַלען אָדער צוליעב דעם, וואָס די שפּינער האָבען זיך אַנט־זאָגט צו אַרבייטען צוזאַמען מיט אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט באַלאַנגט צו זייער יוניאָן, איז אין דעם פאַך ניט פאָרגעקומען קיין באַוועגונג צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטער, באַזונדערס בנוגע צו די אַרבייטס־שטונדען. אין 1902 איז נאָך אַן אָפּמאַך מיט די פאַבריקאַנטען דורכגעפיהרט געוואָרן אַ קליינע אויסבע־סערונג פון דעם געזעץ וועגען פאַבריק אַרבייט, לויט וועלכען די אַרבייטס־צייט אין פאַבריקען איז פאַרקירצט געוואָרן פון זעקס און פופציג מיט אַ האַלבער שטונדע אַ וואָך צו פינף און פופציג מיט אַ האַלבער שטונדע. און די אינדוסטריע איז מיט דעם געבליבען צופריעדען. די גאַנצע צייט ביז 1919 איז ניט פאַרגע־קומען קיין וויכטיגע באַוועגונג אין דער אינדוסטריע, נאָר אין פעברואַר פון יענעם יאָהר האָבען אַלע טיילען פון די באַוועל־אַרבייטער געפאָדערט פאַר זיך דיזעלבע פאַרקירצונג פון די אַר־בייטס־שטונדען, וואָס איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען אומעטום, און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָבען דריי הונדערט טויזענט אַרביי־טער אין יוני דערקלערט אַ שטרייק. ווען די אַרבייטס־געבער האָבען דערזעהן, אַז דער שטרייק האָט זיך פאַרשפּרייט אויף אַלע פאַבריקען, האָבען זיי נאָכגעגעבען און מסכים געווען צו אַן אַכט־

און־פערציג־שטונדיגע ארבייטס־וואָך, וואָס איז נאָך ניט געמאכט געוואָרן אלס געזעצליך, און האָבען געהעכערט די שכירות פון די שטיקארבייטער אויף דרייסיג פּראָצענט כדי די פארקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען זאָל ניט פארקלענערן זייערע פארדינסטען.

די אָרגאַניזאַציע פון די באַוועל־ארבייטער איז פארבליבען בעצם, ווי מיר האָבען זיי באשריבען אין אונזער בוך „אינדאָסטריעל דעמאָקראסי", אָבער זי איז געוואָרן אַלץ מעהר קאָמפּליצירט פעדעראַטיוו. די פארשיידענע גרופּען ארבייטער, באַזונדערס די שפּינער מיט זייערע העלפער, די „צוזאמענשטוקעווער"; די וועבער, צוזאמען מיט די וויקלער („ווײַנדערס") און אין אנדערע שטעדט אויך מיט די לענג־פעדים צוגרייטער („הוואָרפערס") און זייערע אנדערע ארויסהעלפער; דער האַלבער טוצען אנדערע פארשייעדענע מינים ארבייטער ביי באַוועל־וועבעריי, ווי אויך די איבערזעהער, בלייבען אָרגאַניזירט אין לאָקאַלע קערפּערשאפטען, וואָס האָבען זעהר א ברייטע אויטאָנאָמיע און טראָגען אמאָל די נעמען פון „געזעלשאפטען" אָדער „אַסאָציאַציעס" און אמאָל בלויז פון אָפּטיילונגען און וועמעס צאָהל איז פארשיידען אין די פארשיידענע גרופּען ארבייטער; איין גרופּע האָט זיי א האַלבען טוצען און אנדערע האָבען צעהן מאָל אזוי פיעל. אָבער כמעט זיי אַלע זיינען דאָפּעלט פאראייניגט, ערשטענס, אלס א פעדעראַטיווע קערפּערשאפט פאר יעדער גאנצער גרופּע באַזונדער (וואָס הייסט אמאָל אַן „אַמאַלגאמירונג", א „פעדעראציע", אַן „אַסאָציאַציע", אָדער אַן „אַלגעמיינע יוניאָן" פון דער גרופּע) און, צווייטענס, אויך אין א לאָקאַלע „פעדעראציע פון די באַוועל־ארבייט פאכען" אָדער „פעדעראציע פון די טעקסטיל־ארבייטער פאכען", אין וועלכע עס געהען אריין די לאָקאַלע אַרגאַניזאַציעס פון די וועבער און אמאָל אויך פון די אַנדערע גרופּען ארבייטער ביי באַוועל אין יעדען פון די פּאָר טוצען געאָגראפישע באַצירקען אין לאַנקאַשייר און אין טשערשייר. די „אַמאַלגאמירטע" וועבער און אנדערע גרופּען פון דער „מאַנופאקטור" אינדוסטריע זיינען ווייטער פאראייניגט אין דער „אַמאַלגאמירטער אַסאָציאַציע פון די צפון פּראָווינצען" מיט 175 טויזענט מיטגלידער. אויסער דעם זיינען אַלע פעדעראַטיווע ארגאַניזאציעס פון די עטליכע גרופּען

פאַראייניגט צוזאַמען אין דער „אַסאָציאַציע פון די פאַראייניגטע טעקסטיל פאַבריקען ארבייטער", וואָס שפּיגעלט אָפּ די מיינונגען פון אַלע באַוועל אַרבייטער, אַריינרעכענענדיג די „אַסאָציאַציע פון די בלייכער און די פאַרבער" („בליטשערס ענד דייערס"), איבער יענע פונדאַמענטאַלע פראַגען, אין וועלכע זיי פיהלען א געמיינ־שאַפטליכען אינטערעס.[1]

די באַאַמטע פון די באַוועל טרייד יוניאָנען זיינען פאַרבליבען מעהרסטענס טעכניקער, וועלכע גיבען זיך כמעט אינגאַנצען אָפּ מיט דער באַשיצונג פון די פאַך־אינטערעסען פון זייערע מיטגלי־דער, ניט נעמענדיג קיין גרויסען אַנטייל אין די ברייטערע אינ־טערעסען, וואָס באַאיינפלוסען יעצט אין א גרויסער מאָס די טרייד יוניאָן וועלט, און זיי האָבען ניט אַרויסגעציינט קיין גרויסען אינ־טערעס אין גרעסערע פעדעראַציעס אָדער אין דעם נייעם גייסט. מיט דעם האָבען זיי זיך אונטערשיידט פון די באַאַמטע פון דער שטאַרק אַנטוויקעלטער „דזשענעראַל יוניאָן אָוו טעקסטיל וואָיר־

---

[1] די „אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו קאַרד ענד בלאָואינג רום אָפּעריייטאָרס" איז יעצט (1920) ניט קיין מיטגליעד. א ווייטערע אַנט־וויקלונג פון דער פעדעראַטיווער קאָמפּליצירונג איז די שאַפונג פון א „פעדעראַציע פון נאָהענטע מלאכות" („קינדרעד טריידס"), צו וועלכער עס באַלאַנגען די אַרבייטער אין דער עקספּאָרט אינדוסטריע פון מאַנט־שעסטער.

א מיאוסע זאַך, מיט וועלכער די טעקסטיל אינדוסטריע צייכענט זיך אויס פון די אַנדערע, איז דאָס, וואָס אין דעם יעצטיגען יאָהרהונ־דערט האָבען זיך, אַלס רעזולטאַט פון א סכסוך איבער דער פראַגע וועגען „פּאָליטישער האַנדלונג", באַוויזען א האַלבער טוצען באַזונדערע לאָקאַלע טרייד יוניאָנען פון רוימיש־קאַטוילישע וועבער, וואָס זיינען פאַראיי־ניגט אין אַן אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „דהי לאַנקאַשייר פעדע־ריישאָן אָוו פּראָטעקשאָן סאָסייעטיעז". די דאָזיגע טרייד יוניאָנען, וואָס זיינען ניט פיעל אין צאָהל און ניט גרויס אין מיטגלידערשאַפט, פאַרבלייבען אויסער דער „אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו וויוערס" און זיי פאַרפעהלען ניט צו קריטיקירען יעדען פאָרשלאַג, אויף דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס (צו וועלכען זיי זוכען ניט צו באַלאַנגען) אָדער אַנדערשוואו, וואָס ריהרט אָן די רוימיש קאַטוילישע קירכע (באַזונדערס יעדען רמז וועגען „וועלטליכער ערציהונג" אָדער וועגען ענדערונגען אין דעם ערציהונגס סיסטעם פון לאַנד, וואָס ווערען באַטראַכט אַלס ניט

קערס״, וואָס האָט אָרגאַניזירט די וואָל־וועבער (הויפּטזעכליך
פּרויען). זיי האָבען זיך ניט געאײַלט אַקטיוו צו באַטייליגען זיך אין
דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער טרייד יוניאָן וועלט, וואָס
האָט זיך אויסגעדריקט, ווי מיר וועלען עס באַשרייבען אין אַ
ווייטערדיגען קאַפּיטעל, אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבייטער
פּאַרטיי. די דאָזיגע צוריקגעשטאַנענקייט קאָן באַטראַכט ווערן
אַלס, אין אַ געוויסער מאָס, אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער
געשיכטע פון לאַנקאַשייר, וואו דער טראַדיציאָנעלער קאָנסערוואַ־
טיזם האָט נאָך אײַנגאַנצען ניט פאַרלאָרן זיין לעבענס־קראַפט און
וואו עס איז געווען מעגליך, אפילו אין דעם צוואַנציגסטען יאָהר־
הונדערט, פאַר אַזאַ פּראָמינענטען טרייד יוניאָן באַאַמטען, ווי
דער פאַרשטאָרבענער דזשיימז מאָודסלי, דער פעהיגער פיהרער
פון די באַוועל־שפּינער, אַרויסצוטרעטען, אין 1906, אַלס קאַנדי־
דאַט צום פּאַרלאַמענט פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. מען

פרוינדליך צו די רוימיש קאַטוילישע שולען). עס איז דאָ אַ „נאַציאָנאַ־
לע קאָנפערענץ פון רוימיש קאַטוילישע טרייד יוניאָניסטען״, וואָס האָט
די זעלבע צוועקען.

אין 1919 איז אויך געווען אַ „אידישער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־
ראַט פון גרויס בריטאַניען״. פון צייט צו צייט ווערן געשאַפען יו־
ניאָנען, באַזונדערס אין דער קליידער אינדוסטריע (ווי די „אַמאַלגאַ־
מירטע אידישע שניידער, מאַשין־שטעפּער און פּרעסער״, געגרינדעט
אין 1893) און פון די בעקער און מעבעל אַרבייטער, וואָס זוכען אַריינ־
צונעמען די אידישע אַרבייטער. אָבער דאָס איז באמת ניט קיין רעלי־
גיעזע, אָדער בעצם אפילו ניט קיין ראַסען אָפּגעזונדערטקייט, נאָר
בלויז אַ געוועהנליך לשעה'דיגע אָרגאַניזאַציע פון אַ געוויסער גרופּע
אַרבייטער אין באַשטימטע צווייגען פון אַן אינדוסטריע, וואָס ווערט
אָנגעפיהרט הויפּטזאַכליך גראַד פון אידען. יעצט באַלאַנגען די מעהר־
סטע פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס פון דער קליידער אינדוסטריע צו דער
„יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס' טרייד יוניאָן״, וואָס האָט אַ מיטגליע־
דערשאַפט פון איבער הונדערט טויזענט און פיהרט אָן אַקטיווע פאַר־
האַנדלונגען וועגען אַ צוזאַמענשמעלצונג מיט דער עלטערער אָרגאַניזאַ־
ציע, די „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו טעילאָרס ענד טעילאַרעסעס״
(געגרינדעט אין 1865) און מיט דער טעטיגער שאָטלענדישער יוניאָן,
די „סקאַטטיש אָפּערייטיוו טעילאָרס ענד טעילאָרעסעס אַסאָסיאיישאָן״,
וואָס האָט פינף טויזענט מיטגליעדער, אונטער דעם נאָמען „דהי יוניי־
טעד טעילאָרס ענד גאַרמענטס וואָירקערס״.

מוז אויך נעמען אין אנבאטראכט דעם איינפלוס פון דער אויסער־געוועהנליך גרויסער צאָהל רוימיש־קאטויליקער צווישען די באוועל־ארבייטער. א זעלטענע ערשיינונג אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג איז דאָס, וואָס די טעכנישע באאמטע פון די באוועל יוניאָנען האָבען אָפט מסכים געווען צו דיענען דער אינדוסטריע אלס באַצאָהלטע באאמטע פון דער אסאָציאציע פון די ארבייטס־געבער, ווען מען האָט זיי פאָרגעשלאָגען העכערע שכירות. זייער הויפט־פליכט, סיי ארבייטענדיג פאר די פאבריקאנטען און סיי פאר די ארבייטער, איז צו זעהן, אז די קאָלעקטיווע אָפּמאכען זאָלען דורכגעפיהרט ווערן אויף דעם זעלבען אופן אין אלע פאבריקען, און די טענה איז, אז אזא ארבייט, ווי די ארבייט פון אן אָפּשאצער אָדער א רעכענונגס־פיהרער, האָט ניט קיין שייכות מיט פערזענליכע איבערצייגונגען און זי קאָן מיט דער־זעלבער ערנסטליכקייט געטאָן ווערן פאר אלע צדדים. לכתחילה זיינען די ארבייטער ניט געווען געגען דעם; זיי האָבען עס אפילו באטראכט אלס א גוטע זאך, וואָס פאר דער אסאָציאציע פון די ארבייטס־געבער ארבייטען באאמטע, וועלכע זיינען דורכאויס באַ־קאנט מיט די קאָמפּליצירטע טעכנישע פראגען פון דעם שטאנד־פונקט פון די ארבייטער. לעצטענס אָבער האָט זיך די שטימונג געענדערט, און הגם עס איז אוממעגליך ניט צו דערלאָזען אזעלכע איבערגאנגען פון די באאמטע (די אסאָציאציע פון די ארבייטס־געבער געפינט כסדר, אז דער טרייד יוניאָן באאמטער איז דער בעסטער אָנגעשטעלטער, וואָס מען קען באקומען) פּראָטעסטירן אבער די ארבייטער געגען זיי.[1]

אין געוויסע קרייזען דענקט מען, אז פיעלע פון די „באוועל־לייטע” זיינען געבליבען אויסער דעם שטראָם פון די נייערע אי־דעען אין דער טרייד יוניאָן וועלט. מען מאכט די באשולדיגונג, אז זיי נעמען אָן אָהן חקירות די השגות פון די ארבייטס־געבער

[1] ניט לאַנג צוריק האָט דער געהילפס־סעקרעטאַר פון דער טרייד יוניאָן פארלאָזען די וועבער און איז אַוועק ארבייטען פאַר די פאַב־ריקאַנטען אין מיטען פון אַ קריזיס, בשעת די געשעפטען פון דער יוניאָן זיינען געווען אין אונאָרדנונג, האָבען די אַרבייטער זיין האַנד־לונג בראנדמאַרקט אַלס דעזערטירעריי.

און סימפּאַטיזירן ניט מיט קיינע שטרעבונגען וועגן מעהר פונ־דאַמענטאַלע ענדערונגען, איידער די ענדערונגען אין די שכירות אָדער אין די ארבייטס־שטונדען. אָבער דער איינפלוס פון די „באַוועל־לייטע" אין דער טרייד יוניאָן וועלט איז נאָך אַלץ וויכ־טיג צוליעב זייערע באַזונדערע ביישטייערונגען צו דער טעאָריע און דער פּראַקטיק פון דעם טרייד יוניאָניזם: זיי האָבען איינ־געפיהרט גלייכע שטיק־ארבייט פּרייזען פאַר מענער און פרויען; זיי האָבען זיך פעסט אנטזאגט צו דערלויבען אַן ארבייטס־געבער ארונטערצונעמען פון די איינגעשטעלטע שכירות אויף דעם סמך, וואָס די ארבייטער, וואָס ער באַשעפטיגט, אָדער די מאַשינעריי, וואָס ער ברויכט, זיינען ערגער פון די געוועהנליכע; זיי האבען מיטגעווירקט דער איינפיהרונג פון די מעגליך בעסטע פאַרבעסע־רונגען אין דער מאַשינעריי אַזוי לאַנג, ווי די פּרייזען פון שטיק־ארבייט ווערן קאָנטראָלירט דורך קאָלעקטיווע אָפּמאַכען און זיינען קלאָהר באַשטימט אין טאַבעלען, וואָס ווערן שטרענג אָפּגעהיט. דאָס זיינען פּונקטען, בנוגע צו וועלכע פיעלע טרייד יוניאָניסטען, וועלכע באַטראַכטען זיך אַלס „פּראָגרעסיוו", זיינען נאָך ניט גע־קומען צו דער זעלבער שטופע.[1]

---

[1] די ארבייטער אין די וואָל און אין די וואָלענס ("וואורסטעד") פאַבען, וועמעס ארגאַניזאַציעס זיינען צופאַלען געוואָרן אין די ערשטע יאָהרען פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט נאָך דער ברייטער איינ־פיהרונג פון פרויען־ארבייט און צוליעב די נאָכאַנאַנדיגע ענדערונגען אין דער אינדוסטריע דורך נייער מאַשינעריי, האָבען דורך די לעצטע דרייסיג יאָהר אנטוויקעלט פאַרשפּרייטע טרייד יוניאָנען, וואָס זיינען כסדר געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אין 1892 האָט די גאַנצע אינדוסטריע געצעהלט בלויז אַכצעהן טויזענט טרייד יוניאָניסטען. אין 1920, ווען די „נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פון וואָל־קעמער און פון די נאָהענטע פאַבען" האָט אַ מיטגליעדערשאַפט פון צוועלף טויזענט און עס זיינען דאָ שטאַרקע ארגאַניזאַציעס פון די וואָל־סאָרטירער, לענג־פעדים־אויס־גלייכער („וואָרפּ־דרעסערס") און די איבערזעהער, האָט יעצט די „אַל־געמיינע יוניאָן פון די טעקסטיל ארבייטער", געגרינדעט אין 1881, אַ מיטגליעדערשאַפט, אין מערב ענגלאַנד ווי אויך אין יאָרקשייר, פון אי־בער הונדערט טויזענט, וואָס באַשטעהט הויפּטזעכליך פון מענער און פרויען וועבער. דורך דער מלחמה האָבען די דאָזיגע יוניאָנען באַקומען

די בוי־פאַכען.

די בוי־פאַכען האָבען פאַרלאָרען זייער פּאָזיציע בנוגע צו דער טרייד יוניאָן וועלט כמעט אין אַזא גרויסער מאָס, ווי די באַוועל־ארבייטער. דרייסיג יאָהר צוריק זיינען זייערע פאָרשטעהער גע־ווען צעהן פּראָצענט פון די מיטגליעדער פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, בשעת יעצט איז זייער פאָרשטעהערשאַפט אפשר ווע־ניגער פון דריי פּראָצענט. דורך דעם משך פון א גאנצען דור האָבען זיי ניט ארויסגעשטעלט קיין איין איינפלוסרייכען פיהרער. די איינציגע גרויסע ארגאניזאציע פון דער גרופּע, די „אמאלגאַ־מירטע געזעלשאפט פון סטאָליארעס, מעבעל־ארבייטער און בוי־ער" (הונדערט דריי און דרייסיג טויזענט מיטגלידער), האָט מעהר ווי פאַרדאָפּעלט איהר מיטגלידערשאפט זינט 1890, אריינגענעמענ־דיג פארשיידענע קליינע פאַראיינען פון מעבעל־ארבייטער און סטאָ־

גלייכע פארשטעהערשאפט מיט די ארבייטס־געבער און מיט דער רעגי־רונג אין דער „וואול קאָנטראָל באָארד", וואס פלעגט „אויסטיילען" צווישען די פאבריקאנטען די רעגירונגס זאפאסען פון וואָל און באַ־שטימען פאר זיי די פּרייזען.

אין דער צווייג פון פארבונג און „פארטיג־מאכונג" פון דער אינ־דוסטריע האָט די „אמאַלגאמירטע געזעלשאפט פון פאַרבער, בלייכער, פארטיג־מאכער און נאָהענטע פאכען" (געגרינדעט אין 1878), מיט א מיטגליעדערשאפט פון דרייסיג טויזענט, איבערשטייגט די עלטערע אר־גאַניזאַציע, די „נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט פון פאַרבער און פארטיג־מאַכער" (געגרינדעט אין 1851; צוועלף טויזענט מיטגלידער), און האָט געשלאָסען מערקווירדיגע אפמאַכען מיט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאמבינאַציע פון די ארבייטס־געבער. (די „אמאלגאמירטע אסאציאציע פון בלייכער און פארבער", וועמעס צענטער איז אין באָלטאָן און האָט איבער צוויי און צוואַנציג טויזענט מיטגליעדער, פארנעמט אַן עהנליכע טאָן־געבענדע פּאָ־זיציע בנוגע צו דער פארבעריי פון באַוועל־סחורות.) א ניט־לאנג־צוריק געשאַפענע „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון יוניאָנען אין די טעקסטיל פאַ־כען" זוכט צו קאָארדינירען דעם איינפלוס פון אלע וואל־ארבייטער און פארבער און צעהלט א מיטגליעדערשאפט פון ארום הונדערט און פופציג טויזענט איינגעטיילט אין פינף און דרייסיג געזעלשאפטען, וועלכע זיי־נען צוטיילט אין פיער גרופען. („רויהע וואָל"; „פאַרוואַלטער און איבערזעהער"; „טעקסטיל ארבייטער" און „פארבער געזעלשאפ־טען".)

ליאַרעס, אָבער לעת־עתה ניט די עלטערע אָרגאַניזאַציע, די „אַלגע־מיינע יוניאָן פון מעבעל־ארבייטער און בויער", וואס צעהלט פופ־צעהן טויזענט מיטגליעדער; אויך האָט די קליינע, אבער פעסטע „פאַראייניגטע געזעלשאַפט פון ארבייטער־לייטער („פּלאָמבערס")", מיט פערצעהן טויזענט מיטגליעדער, פאַרדאָפּעלט איהר מיטגליע־דערשאַפט דורך דעם משך צייט, דאָך זיינען ביידע פון זיי ווייט פון באַהערשען אפילו עטוואס עהנליכעס צו זייער גאַנצער מלאָכה. די פיעלע קליינע מאַלער געזעלשאַפטען האָבען זיך פאַראייניגט אין דער „נאַציאָנאַלער אַמאַלגאַמירטער געזעלשאַפט פון הויז און שיף מאַלער און דעקאָראַטאָרען־ארבייטער" (דרייסיג טויזענט מיטגליעדער) און אויך די „נאַציאָנאַלע אַמאַלגאַמירטע אַסאָציאַ־ציע פון די מעבלירער פאַכען" (צוועלף טויזענט פינף הונדערט מיטגליעדער) רעפּרעזענטירט אַ פאַרבאַנד פון פיעלע קליינע גע־זעלשאַפטען. בסך־הכל האָבען די טרייד יוניאָנען אין די בוי־פאַכען, אריינרעכענענדיג אַלע קליינע פאַראיינען, אפשר ניט מעהר ווי פאַרדאָפּעלט זייער מיטגליעדערשאַפט זינט 1892 און די פאַרגרעסערונג איז בערך פאַרגעקומען אַמוועניגסטען אין די מעהר געלערנטע סאָרטען ארבייט. דאָס קומט, טיילווייז, פון דעם, וואָס דער פאַך גופא איז ווירקליך פאַרקלענערט געוואָרן. די גאַנ־צע צאָהל ארבייטער אין דעם פאַך איז לויט דעם צענזוס פון 1911 יענעם יאָהר קלענער פון דער צאָהל פון 1901, און די פאַרקלע־נערונג איז פאַרגעקומען נאָך אין אַ גרעסערער מאָס דורך דעם משך ביז 1919, ווען מען האָט געשאַצט, אז דאַמאָלסט האָבען זיך מיט בוי־ארבייט אָפּגעגעבען בלויז זיבען צוועלפטעל פון דער צאָהל ארבייטער, וועלכע זיינען ביי דער ארבייט געווען באַשעפטיגט אין 1901.

די געשיכטע פון די בוי־פאַכען יוניאָנען דורך די דרייסיג יאָהר באַשטעהט פון אָהן אַ שיעור קליינע לאָקאַלע סכסוכים פון באַזונדערע גרופּען ארבייטער מיט זייערע ארבייטס־געבער, וואָס האָבען אין 1913, אין לאָנדאָן און אין איהרע פאָרשטעדטלאָך, זיך אויסגעדריקט אין אָפטע פּלוצלונגדיגע שטרייקען געגען דער באַ־שעפטיגונג פון ניט־יוניאָן ארבייטער. צו די שטרייקען האָבען גע־טריבען די „היץ־קעפּ" געגען דעם ווילען פון די עקזעקוטיווע קאָ־

מיטעטען פון די יוניאָנען און האָבען געבראכט, אין 1914, צו אן אלגעמיינעם „לאָקאוט" פון דער „לאָנדאָנער אסאָציאציע פון די בוי־מייסטערס" געגען די ארבייטער די ארבייטס־געבער האָבען געפאדערט, אז די טרייד יוניאָנען זאָלען באשטראָפען זייערע מיטגליעדער, וועלכע זיינען ארויס אין שטרייק ווען זייער אָרגאניזאציע האָט זיי ניט געהייסען עס צו טאָן, און אז די יוניאָנען זאָלען איינליייגען געלט, וואָס זאָל זיין פארפאלען אויב עס קומט פאר א שטרייק, וואָס טרעט איבער די „ארבייטס־רעגלען". זיי האָבען אויך געפאדערט, אז יעדער ארבייטער פערזענליך זאָל אונטערשרייבען אן אָפמאך צו ארבייטען רוהיג מיט ניט־יוניאָן ארבייטער און אויב ער וועט אויף דעם עובר זיין זאָל ער קאָנען באשטראָפט ווערן צו פארלירן צוואַנציג שילינגען פון זיינע שכירות. צוליעב דעם ארויסגעקומענעם „לאָקאוט" האָט די גאנצע בוי־אינדוסטריע פון דער הויפט־שטאָדט זיך אָפגעשטעלט אויף איבער זעקס מאָנאטען. אין דעם מאָנאט יוני זיינען געמאכט געוואָרן פארזוכען צו שאפען אן אויסגלייך, אָבער די ארבייטער האָבען עס דורך אן אָפשטימונג צוריקגעוויזען, און ווען עס האָבען זיך באוויזען סימנים, אז די האלטונג פון די ארבייטער ווערט שוואכער, האָט די „נאציאָנאלע פעדעראציע פון די ארבייטס־געבער פון דער בוי אינדוסטריע" באשלאָסען צו מאכען א „לאָקאוט" איבער דעם גאנצען לאנד כדי איינצופיהרן די באדינגונגען פון די באלעבאָטים, אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט געמאכט א סוף צו דעם קאמף און די ארבייטער זיינען צוריק אוועק צו דער ארבייט אויף פראקטיש די אלטע באדינגונגען.

דורך דער מלחמה, ווען א גרויסע צאָהל פון די ארבייטער זיינען אריינגענומען געוואָרן אין דער ארמיי און דאָס בויען איז געווען באגרענעצט צו דער נויטיגסטער ארבייט, זיינען די סכסוכים געבליבען הענגען ניט אנטשיידען. אָנפאנג 1918 איז געמאכט געווארען א נייע התחלה צו אָרגאניזירן די אינדוסטריע דורך דער גרינדונג פון א „נאציאָנאלע פעדעראציע פון די בוי־אינדוסטריע ארבייטער" וואָס האָט זיך אנטוויקעלט פון דעם פריהערדיגען „נאציאָנאלען ראט פון די בוי־פאכען", אין וועלכע אלע דרייצעהן נאציאָנאלע טרייד יוניאָנען האָבען זיך צום ערשטען מאָל פאר־

איינינגט צוזאמען. טראָץ דעם גרויסען אונטערשייד צווישען די יוניאָנען לויט דער צאָהל מיטגליעדער, וואָס יעדע פון זיי האָט גע־האט, האָבען זיי אלע מסכים געווען, אז די עקזעקוטיווע פון דער פעדעראציע זאָל באשטעהן פון צוויי פאָרשטעהער פון יעדער נאַ־ציאָנאַלער יוניאָן. די פעדעראציע באשטעהט פון לאָקאלע ארגא־ניזאציעס, וואס ווערן אליין צוזאמענגעשטעלט פון די אָרטיגע לאָ־קאלען פון די יוניאָנען; זיי זיינען צווישען זיך פארבונדען אין דער נאַציאָנאלער ארגאניזאציע און ווערן פארוואלטעט דורך דעם „פאך־פארוואלטונגס־קאָמיטעט", וואָס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון אזעלכע לאָקאלען, לויט די דירעקטיוועז און אונטער דעם קאָנ־טראָל פון דער עקזעקוטיווע פון דער פעדעראציע. א נייע זאך, וואָס דערמאָנט אָן אן אויסוועג, מיט וועלכען דער טרייד יוניאָניזם פון 1834 האָט זיך באנוצט און וואָס האָט א גרויסע באדייטונג, איז די גרינדונג פון „געמישטע לאָקאלען", וואָס באשטעהען פון איינצעלנע בוי־ארבייטער אין אזוינע ערטער, וואו עס זיינען ניטאָ קיינע לאָקאלען פון די באזונדערע נאַציאָנאלע יוניאָנען. עס איז אוממעגליך פאראויסצוזאָגען, וועלכען ערפאָלג עס וועט האָבען דער דאָזיגער נייער פארזוך צו שאפען א פאראייניגטע נאַציאָנאלע אָרגאניזאציע פון דער גאנצער אינדוסטריע. עס זיינען דאָ סימנים פון א באוועגונג פאר ווירקליכער צוזאמענגיסונג. די פיער הויפט יוניאָנען פון ניט קוואליפיצירטע בוי־ארבייטער האלטען ביי פאראייניגען זיך אין א שטארקער אמאלגאמירטער ארגאניזא־ציע מיט פערציג טויזענט מיטגליעדער. מען האָט שוין אָפגע־שטימט וועגען אנדערע פּראָיעקטען צו שאפען אמאלגאמירונגען פון די הייזער־בויער, די געזעלשאפטען פון די ציגעל־מויערער, מויערער און שטוקאטורער. בלויז טעכנישע שוועריגקייטען האָ־בען ניט דערלאָזען, אז די „אסאציאציע פון די מעבלירער פאכען" זאָל זיך צוזאמענגיסען מיט דער „אמאלגאמירטער געזעלשאפט פון סטאָליארעס". פון אנדערן צד האלטען זיך די באזונדערע שאָט־לאנדישע און אירלאנדישע יוניאָנען (אויסער דער צוזאמענשמעל־צונג פון די „אסאָציאירטע סטאָליארעס") פאר׳עקשנ׳ט פאר זייער אומאָפהענגיקייט. מען מוז זאָגען, אז ביז יעצט איז דער פּראָ־צעס פון פאראייניגונג אין די בוי־פאכען בכלל געבליבען צוריק־

געשטאַנען צוליעב דער צוריסענקייט צווישען די ארגאַניזאַציעס דורך פאַרניכטענדע געגענזייטיגע סכסוכים און צוליעב דעם, וואס זיי זיינען אָפּגעשוואכט געוואָרען פינאַנציעל דורך ניט־געלונגענע שטרייקען. די ענדערונג אין די ארבייט־פּראָצעסען, וואָס ווערט צוביסלאכווייז געמאכט, און די איינפיהרונג פון נייע סארטען בוי־מאַטעריאַלען, צוזאמען מיט דער פארקלענערונג אין דער צאָהל פון בוי־ארבייטער גופא האָבען ניט געבראַכט קיינע פארבעסערונ־גען אין דער ארגאַניזירונג פון די אַלטע פאַך־יוניאָנען, און אויך די ארבייטער ביי די נייע מעטאָדען האָבען ניט געשאפען קיין שטאַרקע יוניאָנען. דאָך האָבען די טרייד יוניאָנען פון די בוי־פאַכען ארויסגעצייגט א שטייגענדע לעבענס־קראפט זינט דעם וואַפענשטילשטאַנד, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א גרויסע פאָ־דערונג אויף בוי־ארבייטער, און זייער לאַגע אין די „געמיינשאַפט־ליכע קאָמיסיעס", וואס פיהרען די אונטערהאַנדלונגען צווישען די באַלעבאַטים מיט די ארבייטער, וואו זיי קומען זיך כסדר צוזאמען מיט די פארשטעהער פון די ארבייטס־געבער, איז א היפּש ביסעל פארבעסערט געוואָרן. דער לעצטער אויפטו פון דער אינדוסטריע איז די גרינדונג, געמיינשאַפטליך מיט די ארבייטס־געבער, פון א „בויער'ס פּאַרלאַמענט" — הויפּטזעכליך דורך דער איניציאַטיווע פון מאַלקאָלם ספּארקז, — וואָס איז דער בעסטער מוסטער פון די „ווהייטלי ראַטען" („ווהייטלי קאונסילס"), וועלכע מיר וועלען באהאַנדלען שפּעטער.

די מאַשינען און מעטאַל ארבייטער פאַכען.

די גרויסע און כסדר וואַקסענדע ארמיי פון ארבייטער ביי די פארשיידענע מלאָכות, וואס זיינען פארבונדען מיט מעטאַלען (וועלכע זיינען אין דייטשלאַנד פאַראייניגט אין איין ריעזיג גרוי־סער „מעטאַל ארבייטער'ס יוניאָן"), קען דאָ באַריהרט ווערן בלויז בנוגע צו איהרע דריי הויפּט גרופּען: די אינזשעניערעריי אינ־דוסטריע, קעסעל־ארבייט און שיף־בויעריי און די פּראָדוצירונג פון אייזען און שטאָל פון ערץ.

הגם דער טרייד יוניאָניזם אין דער אינזשענירעריי אינדוס־

טריע האָט דורך די לעצטע דרייסיג יאָהר שטארק פארגרעסערט זיין דורכשניטליכע מיטגלידערשאפט, בעזונדערס צווישען די אומ־געלערנטע און האלב־געלערנטע ארבייטער, וואָס ווערן באשעפטיגט אין די מאשינען־ארבייט פלעצער, קען מען אָבער קוים זאָגען, אז ער איז געוואָרען שטארקער הן בנוגע צו דער ווירקונג אויף די באלעבאטים מאשינען־בויער, וועלכע האָבען זיך פעסט פאראייניגט צווישען זיך איבער דעם גאנצען קענגרייך, און הן בנוגע צו זיין איינפלוס אויף דער טרייד יוניאָן־וועלט. די דאָזיגע פאר־העלטניסמעסיגע אָפשוואכונג מוז באטראכט ווערען אלס א רע־זולטאט פון דעם, וואָס אין דער אינדוסטריע האָט בכלל כסדר גע־פעהלט וועלכע עס איז סיסטעמאטישע ארגאניזאציע; וואָס די ארבייטער אָרגאניזאציעס האָבען זיך ניט צוגעפאסט צו די געענדערטע ארבייטס־פראָצעסען און באלוינונגס־סיסטעמען, וואָס די ארבייטס־געבער האָבען איינגעפיהרט, און פון דעם, וואָס צווישען די קאָנקורירענדע יוניאָנען גופא האָט כסדר אָנגעהאלטען א גע־גענזייטיג־טויטענדער קאמף.

דער צרה'דיגער צושטאנד צווישען די מאשינען־ארבייטער האָט אמענדע אין 1897 געבראכט צו אַן אויסברוך פון אונרוהען, וואָס איז אפשר לכתחילה פאראורזאכט געוואָרן פון די ארבייטס־געבער, וועלכע האָבען פארלאנגט, ווי זיי האָבען זיך אויסגעדריקט, צו זיין „באלעבאטים אין זייערע אייגענע פאבריקען". די „אמאלגאמירטע מאשיניסטען געזעלשאפט", וואָס האָט אָנגעהאל־טען איהר פּאָזיציע אלס די שטארקסטע אָרגאניזאציע צווישען די ארבייטער־מאשיניסטען, אָבער צו וועלכער עס האָבען באלאנגט בלויז א טייל פון זיי, איז, נאָך א סדרה פון דינגען זיך מיט די ארבייטס־געבער איבער די פראגע וועגען טעכנישע פארבעסערונ־גען אין דער אינדוסטריע, ביי וואָס די ארבייטער האָבען זיך ארויסגעצייגט, אמווענינגסטען געזאָגט, אלס זעהר קאָנסערוואטיוו, אריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַן אלגעמיינעם סטרייק און לאָקאוט אין אלע הויפּט־צענטרען פון מאשינען־בוי כלומר'שט צוליעב דער אומערווארטעטער פאָדערונג פון די לאָנדאָנער מאשינען־ארבייטער פון אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, אָבער בעצם צוליעב דעם, וואָס די ארבייטס־געבער האָבען זיך איינגעשפארט, אז זיי זיינען

„באלעבאטים אין זייערע אייגענע ארבייטס־פלעצער" און האָבען אַ רעכט איינצופיהרען וועלכע נייע ארבייטס־מעטאָדען זיי ווילען נאָר און וועלכע נייע באלוינונגס־סיסטעמען „לויט די רעזולטאטען" (פון דער ארבייט), וואס עס געלינגט זיי צו פועל'ן ביי וואָס'ער עס איז גרופּע ארבייטער אָנצונעמען. די יוניאָן, וואָס האָט, ווי עס שיינט, ניט געטראכט אפילו וועגען ברויכען די מעטאָדען פון עפענטליכקייט, אויף וועלכע וויליאם ניוטאָן און דשאהן בוירנעט וואָלטען זיך סומך געווען, האָט ניט באקאנט געמאכט דאָס פובליקום מיט איהר צד אין דעם סכסוך, און די עפענטליכע מיינונג איז בכן געווען געגען די מאשיניסטען־ארבייטער, דענקענדיג, אז זיי מאכען שטערונגען צו אינדוסטריעלע פארבעסערונגען און אויך אז זיי זיינען ניט פעהיג אויסצוארבייטען באדינגונגען, וואָס זאָלען באשיצען זייערע אייגענע געזעצליכע אינטערעסען. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער פארלענגערטער „אָפּשטעל פון דער ארבייט", וואָס האָט רעדוצירט די פאָנדען פון דער „אמאלגאמירטער מאשיניסטען געזעלשאפט" אזוי פיעל, אז עס איז בלויז געבליבען גענוג געלד אויסצוהאלטען די זקנים־אונטערשטיצונגען, האָט זיך געענדיגט באמת מיט אַ זיעג פאר די ארבייטס־געבער. די „אַ. מ. ג." האָט שנעל ווידער אָנגעפאנגען צו וואקסען און אין הערבסט פון 1919 האָט זי געהאט 320 טויזענד מיטגליעדער, אָדער איבער פינף מאָל אזוי פיעל, ווי אין 1892. אָבער די סעקציאָנעלע־ארגאניזאציעס זיינען אויך גרעסער געווארן און ביז 1919 האָבען זיי אין דורכשניט געצעהלט, ווי אין 1892, ארום אַ העלפט אזוי פיעל מיטגליעדער ווי די אַ. מ. ג. אליין. דערווייל איז די גרויסע אנטוויקלונג פון דער מאשינען־בוי אינדוסטריע און די נאָכאנאנדיגע ענדערונגען אין דער געברויכטער מאשינעריי באגלייט געוואָרן פון דער איינפיהרונג פון פארשיידענע פאָרמען פון „צאָהלען לויט די רעזולטאטען", ביי וועלכע די טרייד יוניאָנען פון די מאשיניסטען האָבען ניט געוואוסט ווי ניט צו דערלאָזען עס זאָלען צוריק איינגעפיהרט ווערן אינדיווידועלע אָבמאכען. אַ דאנק איהרע קריעגערייען מיט די פארשיידענע גרופּען־ארגאניזאציעס פון דער אינדוסטריע, פלעגט די „אַ. מ. ג." צייטענווייז באלאנגען און ניט באלאנגען צו דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און זי האָט בנוגע צו

אַלגעמיינע פראַגען זעלטען געזוכט צו באַאיינפלוסען די טרייד יוניאָן וועלט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל איהר גרויס און פּאָזיציע וואָלטען זי בארעכטיגט צו דעם. מען קאָן דאָס זעלבע זאָגען וועגען די אנדערע טרייד יוניאָנען אין דער מאַשינען-בוי אינדוסט־ריע, וואָס האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט אויפהאַלטען זייערע פּאָזיציעס אין פארגלייך מיט זייער גרעסערער געגנערין און מיט דעם, וואָס זיי האָבען געזעהן, אַז זייער מיטגלידערשאַפט וואַקסט מיט דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע גופא.

די קאָמפּליצירטע קאָנסטיטוציע פון דער „א. מ. ג.", וואָס מיר האָבען באַשריבען אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל, איז דורך די פאַרגאַנגענע דרייסיג יאָהר פיעל מאָל געלאַטעט געוואָרען דורך די דעלעגאַטען-פאַרזאַמלונגען, אָבער בעצם איז זי ניט געענדערט געוואָרן. די מיינונגען זיינען כסדר געווען צוטיילט אָהן א באַשטימטער מעהרהייט אויף איין צד און דאָס האָט געפיהרט צו דעם, אַז איינמאָל זאָל די קאָנסטיטוציע מאָדיפיצירט ווערן און א צווייטען מאָל זאָל זי זיך אומקעהרן צום אַלטען. זייט ביי זייט מיט די געלערנטע מאַשיניסטען-בעלי־מלאכות, פאַרשיידענע ספּע־ציאַליסטען און טעכניקער, איז אויסגעוואַקסען זעהר א גרויסע צאָהל ארבייטער, וועלכע האָבען ניט דורכגעמאַכט די לעהר-יאָהרען און זיינען געווען בלויז האַלבע בעלי מלאכות, וועמען דער יוניאָן איז ניט געלונגען צו באַזייטיגען ניט נאָר פון די ארבייטס-פּלעצער בכלל, נאָר אפילו פון באַשטימטע סאָרטען ארבייט, וואָס זיינען פריהער געווען מאָנאָפּאָליזירט פון די אנערקענטע בעלי־מלאכות. זאָלען די דאָזיגע משיג-גבול'ניקעס אריינגענומען ווערן אַלס מיט־גליעדער? ביי איין דעלעגאַטען-פאַרזאַמלונג (1912) זיינען די תקנות אַזוי געענדערט געוואָרן, אַז מען זאָל אריינגעמען דעם אַזוי גרופענעם „קלאַס עף", וועלכער שליסט איין ניט בלויז אַלערליי סאָרטען געלערנטע מאַשיניסטען פּאַך-לייטע, נאָר פּאַקטיש אויף יעדען איינעם, וועלכער ארבייט אין אַן אינזשינירעריי ארבייטס־פּלאַץ. געגען דעם האָט געווירקט דאָס, וואָס די מעהרסטע לאָ־קאַלען האָבען שטילערהייט זיך אַנטזאָגט דורכצופיהרען דעם באַ־שלוס פון זייערע אייגענע דעלעגאַטען, און דער „קלאַס עף", וואָס האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו דער צאָהל פון אפילו צוויי טוי־

זענט מיטגליעדער, איז דורך דער קומענדער רעלעגאַטען־פאַרזאַמ־לונג (1915) אָבגעשאַפט געוואָרן. די באַלויינונגס־מעטאָדע איז געווען אַנאַנדער פראַגע, וואָס האָט געשאַפען חלוקי־דעות. באַ־זונדערס זינט דעם אומגליקליכען צוזאַמענשטויס פון 1897 האָ־בען די ארבייטס־געבער אַלץ מעהר און מעהר פאַר'עקשנ'ט געזוכט אָנצונעמען די סיסטעמען פון „שכירות לויט די רעזולטאַטען", אָנשטאַט די וועכענטליכע שכירות לויט דער אָבגעאַרבייטער צייט, פאַר וועלכע די מאַשינען־אַרבייטער, ווי די ארבייטער פון די מעהרסטע בוי־פאַכען, האָבען זיך געטריי געהאַלטען. וואָס פאַר א טאַקטיק זאָל די יוניאָן אָננעמען בנוגע צו די דאָזיגע פאַר־שיידענע מינים שטיק־ארבייט און סיסטעמען פון „פרעמיום באַ־נוסען"? ניט געפינענדיג קיין מיטעל, דורך וועלכען זיי זאָלען קאָנען (ווי אייניגע באַוועל ארבייטער, די שטיוועל־ און שיף־אַר־בייטער און די מעש־ארבייטער פון בירמינגהאַם) באַשיצען ממשות'־דיג די „שכירות לויט די רעזולטאַטען" דורך מאַכען זיי אָפּהענ־גיג פון קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען, האָט די „אַמאַלגאַמירטע מאַשינעסטען געזעלשאַפט" זיך געוואַקעלט אין איהרע באַשלוסען און אין דער טאַקטיק פון איהרע פאַרשיידענע באַצירקען צווישען (א) אָנטזאָגען זיך צו דערלויבען וועלכען עס איז אַנדער באַלוינונגס־סיסטעם, אויסער צייט־ארבייט; (ב) באַגרענעצען די סיסטעמען פון „שכירות לויט די רעזולטאַטען" צו „די ארבייטס־פּלעצער, וואו די דאָזיגע סיסטעמען זיינען שוין איינגעפיהרט"; און (ג) פאָדערן, אלס א תנאי פאַר דערלויבען שכירות לויט די רעזולטאַטען, די אַנערקענונג פון דעם „פּרינציפּ פון געגענזייטיגקייט", וואָס מיינט בסך־הכל ניט מעהר ווי די פאָדערונג, אַז מען זאָל ניט ארויפ־צווינגען אויף קיין ארבייטער קיינע פרייזען פאַר שטיק־ארבייט אָדער „צייט־ארבייט מיט באָנוסען" געגען זיין ווילען און אַז מען זאָל דערלויבען יעדען ארבייטער באַזונדער פאַר זיך צו דינגען זיך מיט דעם מייסטער אָדער מיט דעם באַשטימער פון שכירות און פרייזען פאַר בעסערע באַדינגונגען. דער רעזולטאַט איז א תהו־ובהו פון ניט קיין אויסגעהאַלטענע איינפיהרונגען און א פראַקטיק, וואס איז פאַרשיידען אין יעדען ארבייטס־פּלאַץ, און, חוץ דעם, א שטענדיגע טענדענץ פון די פרייזען פאַר שטיק־ארבייט צו

פאַלען (די טענדענץ ווערט מעהר אָדער ווייניגער אפגעהאַלטען בלויז אויף אזוי פיל, אויף ווי פיעל עס עקזיסטירן אין ארבייטס־פּלאַץ קאָלעקטיווע אונטערהאנדלונגען און אויף וויפיעל זיי האָבען א ממשות), וואס פיהרט צו שטילע פארביטערטקייט און צו דעם, אז די ארבייטער זאָלען אויף צו להכעיס ארבייטען פּאַמעלאַך און ווע־ניג פּראָדוצירן. די דריטע זאַך, איבער וועלכע עס זיינען ארויסגעקור־מען שטאַרקע חלוקי־דעות, איז, ווי זאל מען זיך פארהאַלטען צו די קאָנקורירענדע טרייד יוניאָנס, וואָס זיינען אָדער געזעלשאַפטען פון פארשיידענע סאָרטען געלערנטע מאַשיניסטען, וועלכע ווילען בעסער פארבלייבען ניט פארשלונגען אין דער „א. מ. ג.", אָדער געזעלשאַפטען פון נייע סאָרטען ארבייטער, ווי די מאַשין־ארבייטער, מעש און קופער ארבייטער, עלעקטריקער־פּאַך־לייטע און אנ־דערע, מיט וועלכע די „א. מ. ג". האָט געהאַט סכסוכים צוליעב דער פראַגע וועגען דעם קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. די פראגע איז, צו זאָלען די דאָזיגע פיעל קלענערע אָרגאַניזאַציעס (א) איגנאָרירט ווערן און זייערע מיטגליעדער באהאַנדעלט ווערן ווי ניט־יוניאָן ארבייטער, אָדער (ב) זאָלען צוגעלאָזען ווערן צו געמיינשאַפטליכע באַטראַכטונגען און ארויסטרעטונגען וועגען פּאַך פראַגען אום צו שאַפען אַן אַלגעמיינע טאַקטיק, אָדער (ג) צוזאַ־מענגיסען זיך מיט זיי אין אַן אַמאַלגאַמירונג אויף נאָך א ברייטערן יסוד, איידער די „א. מ. ג." ? עס וואָלט געווען נוצלאָז אויסצופאָרשען די רעזולטאַטען פון דער פארשטאַרקונג אָדער אָפּ־שוואַכונג פון די דאָזיגע פארקעהרטע שטאַנדפּונקטען, וואס זיינען אין הערבסט 1919 אויף דערוויל טיילווייז געבראַכט געוואָרען צו א פשרה דורך אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען זעקס פון די קאָנקור־רירענדע יוניאָנען און די „א. מ. ג." דאַרפען אין 1920 זיך צוזאַ־מענגיסען אין דער „אמאַלגאַמייטעד אינדזשינירונג יוניאָן" מיט א מיטגליעדערשאַפט פון פיער הונדערט טויזענד און אַנגעזאַמעל־טע פאָנדען פון כמעט פיער מיליאָן פונט שטערלינג. עס בלייבט צו זעהן אויב די דאָזיגע ברייטערע אַמאַלגאַמירונג וועט ברייגגען צו דעם, אז דער טרייד יוניאָניזם אין דער אינזשענירעריי אינדוסט־ריע זאל שאַפען א סיסטעמאַטישע טאַקטיק, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס

זאָל איינשליסען די ארבייטער ביי אינזשענירעריי איבער'ן גאנצען לאנד, און א קאמפעטענטע פיהרערשאפט.

דער שורש פון די אלע פראגען, וועלכער פארשטארקט די סכסוכים, וואס זיי רופען ארויס, איז די מיינונגס פארשיידענהייט צווישען די יעניגע, וואס פאדערן די ברייטסטע לאָקאלע אויטאָנאָמיע,—אז דער באצירק זאָל זיין פריי צו שטרייקען ווען ער וויל און פריי צו אנטזאגען זיך פון ענדיגען אן ארטיגען שטרייק—און די יעניגע, וועלכע האלטען, אז אייניגקייט צווישען די ארבייטער פון גאנצען לאנד איז וויכטיג אין פראגען פון פאך־טאקטיק, און אז עס איז נויטיג צו האבען א צענטראליזירטען קאָנטראָל מיט צענטראליזירטע פאָנדען. נאָך שארפער איז געווען דער חלוקי־דעות צווישען די יעניגע, וועלכע האבען געוואָלט אויפהאלטען די יעצטיגע פאך־אָרגאניזאציע, ווי זי איז, און די, וועלכע זוכען צו פארגרעסערן זי אזוי, אז זי זאָל אריינגעמען אלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע, הן געלערנטע און הן ניט קיין געלערנטע. דורך די לעצטע צעהן יאָהר האט די אומצופרידענהייט מיט דעם פארוואלטונגס קאָמיטעט, באזונדערס אויף דעם קלאַיד, געפיהרט צו דער זאגענאנטער באוועגונג פון די „פשוט'ע מיטגלידער"—צו דער אנטוויקלונג פון דעם „שאָפּ־סטוארד" (ממונה איבער די ארבייטער פון פלאץ אָנגעשטעלט בלויז פון זיי גופא און צו זיי אליין פאראנטוואָרטליך) פון בלויז א קארטען־איבערזעהער (וואס גיט אכטונג, אז אלע ארבייטער אין פלאץ האבען אויסגעצאָהלטע קארטען פון א יוניאָן) און באאמטען, וואס נעמט אריין נייע מיטגליעדער, אין אן אגרעסיווען שטרייק־פיהרער, און צו דער פאראייניגונג פון די שאָפּ־סטוארדען (ווי אין גלאזגאָ, שעפפיעלד און קאָווענטרי) אין אזעלכע נייע אָרגאניזאציאָנס־פאָרמען, ווי דער „קאָמיטעט פון די ארבייטער פון דעם קלאַיד", וואס האט אקטיוו דורכגעפיהרט זיין אייגענע לאָקאלע פאך־טאקטיק ניט רעכענענדיג זיך מיט די מיינונגען פון דער יוניאָן אלס א גאנצעס.

די „שאָפּ־סטוארדען באוועגונג", וואס האט באקומען א גרעסערע וויכטיגקייט אין דער אינזשענירעריי אינדוסטריע אין די יאָהרען 1915-1919, איז געווען א נייע אנטוויקלונג פון אן אלטער אינסטיטוציע אין דעם טרייד יוניאָניזם — מיר האבען ערגעץ

אַנדערש גערעדט וועגן דעם „פּאַטער פון דעם קלויסטער־שטיבעל“ ביי די שריפטזעצער און וועגן דעם צאָהל־און־וואָג־מאַן צווישען די קויהלען־גרעבער — וואָס איז געוואָרען באַזונדערס וויכטיג צוליעב דעם, וואָס דער שייכות צווישען דער מיטגליעדערשאַפט פון דעם טרייד יוניאָן לאָקאַל אָדער פון דעם באַצירק־ראַט און צווישען דער גרופּירונג פון די ארבייטער אין די פארשיידענע אַר־בייטס־פּלעצער איז אַלץ וועניגער געוואָרן, און אויך צוליעב דעם, וואָס די ארבייטער אין יעדען ארבייטס־פּלאַץ האָבען באַלאַנגט צו פאַרשיידענע טרייד יוניאָנען. „דער שאָפּ־סטואַרד, — האָט מען אָנגעצייגט, — איז לכתחילה געווען אַ קלענערער באַאַמטער, וועל־כער איז באַשטימט געוואָרן פון די ארבייטער פון אַ באַשטימטען ארבייטס־פּלאַץ און וועמעס פליכט איז געווען אכטונג צו געבען, אַז עס זאָלען געמאַכט ווערן אַלע איינצאָהלונגען פאַר די טרייד יוניאָנען. ער האָט געהאַט אַנדערע קליינע פליכטען. אָבער צובים־לאַכוויז, ווען דער לאָקאַל האָט אַלץ מעהר און מעהר פאַרלאָרן זיין באַריהרונג מיט די ארבייטער פון דעם פּלאַץ, האָבען די לעצטע אָנגעפאַנגען צו פאַרלאָזען זיך אויף דעם באַאַמטען, וועלכער איז אויפ'ן פּלאַץ, ער זאָל איבערגעבען צו די באַלעבאַטים זייערע תביעות. דורך דער מלחמה איז די אַנטוויקלונג פון דער שאָפּ־סטואַרד באַוועגונג פאַרגעקומען זעהר שנעל, באַזונדערס אין דער מאַשינען־בוי אינדוסטריע. אין איניגע גרויסע אינדוסטריעלע פירמעס, מיט אַ גרויסע צאָהל ארבייטס־פּלעצער, האָבען די קאָמי־טעטען פון סטואַרדען פון די פארשיידענע פּלעצער אין זעהר אַ גרויסער מאָס איבערגענומען דאָס אָנפיהרען פון אונטערהאַנדלונגען און דאָס איינשטעלען פון די ארבייטס־באַדינגונגען. שפּעטער איז געשאַפען געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די סטואַר־דען, לכתחילה בעיקר פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ צוועקען. די עקזיסטי־רענדע יוניאָנען האָבען באַטראַכט געוויסע טעטיגקייטען פון די שאָפּ סטואַרדען אַלס עטוואָס, וואָס איז ניט אָפיציעל, און האָבען עס ניט אַנערקענט, און צוליעב דעם איז אין די יוניאָנען גופא ארויסגעקומען אַ היבש ביסעל מחלוקת. מען האָט זיך געפּרובירט קומען צו אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען די קאָמיטעטען פון די שאָפּ־סטואַרדס זאָלען תיכף באַקומען פולע אַנערקענונג פון די יוניאָנען

און פון די געשעפטס־פּאַרוואַלטונגען. ביז יעצט איז מען נאָך צו קיין פאַראייניגטען אויסגלייך ניט געקומען. אָנפאַנג זומער 1919 איז געשלאָסען געוואָרן אַן אָבמאַך צווישען דער „פעדעראַציע פון אינזשעניערען ארבייטס־געבער" און די יוניאָנען. ווי אַזוי דער אָבמאַך ווערט ארבייטען אין דער פּראַקטיק איז נאָך ניט זיכער¹).

מען מוז זאָגען, אַז הגם די טרייד יוניאָנען פון די מאַשיניסטען האָבען דורך די לעצטע דרייסיג יאָהר ניט פיעל זיך באַטייליגט אין אַלגעמיינע טרייד יוניאָן פראַגען, האָבען זיי פאַקטיש אָבער (להיפוך צו אייניגע אַנדערע ארבייטען גרופּען) פיעל בייגעשטייערט צו דער באַוועגונג מיט מענשען און אויך מיט אידעען. מיר האָבען שוין זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעטיגקייט פון דזשאָהן בוירנז און טאָם מאַנן. מיר ווילען דערמאָנען די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון דזשאָרדזש באַרנז, וועלכער איז אויך אַ מיטגליעד פון דער „אַמאַלגאַמירטער מאַשיניסטען געזעלשאַפט"; די „אונטערשטיצונגס געזעלשאַפט פון די אייזענגיסער" האָט געגעבען דער באַוועגונג אַרטהור הענדערסאָן; און אפשר בסך־הכל וויכטיגער אפילו פון מענשען זיינען די אידעען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון די מאַשיניסטישע ווערקשטאַטען און האָבען לפי־ערך געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג אין דער קאַבענעט פון די לעצטע יאָהרען. דעם אמט פון גענעראַל סעקרעטער, וואָס איז ליידיג געוואָרן דורך דער דערוועהלונג פון ראָבערט יאַנג צום פּאַרלאַמענט, האָט פאַרנומען טאָמאַס מאַנן, וועלכער איז צו דער שטעלע דערוועהלט געוואָרן אין הערבסט פון 1919, און דער פאַקט, צוזאַמען מיט דער

¹) „טרייד יוניאָניזם: אַ ניו מאָדעל", פון ר. פּיידזש אַרנאָט, 1919, און: „איז דער טרייד יוניאָניזם אויסגעשפּיעלט?" פון דעם זעלבען שרייבער, 1919. אייניגע „ראַדיקאַלע" דענקער צווישען די אַרבייטער האָבען אַרויסגעלייגט זייערע האַפנונגען פאַר דער איינפיהרונג פון „אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע", צו וועלכער זיי שטרעבען, אויף דער שאַפּ־סטוּאַרד באַוועגונג, וואָס דאַרף, צוזאַמען מיט די „פאַבריק־קאָמיטעטען", ווערען דער מיטעל פאַר איבערציהונג די פאַרוואַלטונג פון יעדער אונטערנעמונג פון איהרע יעצטיגע קאַפּיטאַליסטישע אייגענטימער און דירעקטאָרען און איבערגעבען זי צו די דערוועהלטע פאַרשטעהער פון די אַרבייטער און די אָנגעשטעלטע.

זעהר גרויסער אמאַלגאַמירונג פון די קאָנקורירענדע יוניאָנען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, וועט פּילייכט אָנפאַנגען אַ נייע עפּאָכע אין דעם טרייד יוניאָניזם פון די אינזשעניערעריי פאַכען

להיפּוך צום טרייד יוניאָניזם פון די אינזשענירעריי פאַכען, וועמען עס איז ניט געלונגען צו אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע אָרגאַניזאַציע אָדער צו צופּאַסען זיך צו די ענדערונגען אין די ארבייטס־פּראָצעסען און די באַלוינונגס־מעטאָדען, האָבען די צוויי מעכטיגע יוניאָנען פון די קעסעל־ארבייטער און שיף־בויער ניט אויפגעהערט צו פאַרגרעסערן זייער מעכטיגקייט; זיי האָבען פאַר־דאָפּעלט זייער מיטגליעדערשאַפט, האָבען פאַרשלונגען פּראַקטיש אַלע איבעריגע לאָקאַלע פאַראיינען אין זייער אינדוסטריע און צווישען זיך האָבען זיי זיך ענג פאַרבונדען אין פראַגען פון טאַק־טיק און אין אַנדערע טעטיגקייטען; זיי האָבען שוין אפילו, אין הערבסט פון 1919, געשלאָסען אַן אָפּמאַך איבערצוגעבען צו זייערע מיטגליעדערשאַפטען פאַר אַן אָבשטימונג אַ פאָרשלאַג פאָרמעל צו אמאַלגאַמירן זיך; אין דער פאַראייניגונג וועט מעגליך אריינטרע־טען די שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון די שמיעדען. דאָס וואָלט גע־מיינט די צוזאַמענגיסונג אין איין מעכטיגער יוניאָן פון הונדערט און זיעבעציג טויזענד מיטגליעדער, פּאַקטיש אַלע געלערנטע פאַכ־לייטע, וועלכע ארבייטען ביים בויען פון די קערפּער פון שיפען, פון קעסלען און מעטאַלענע וואַסער־כלים („טאַנקס“) און ביי אַל־ערליי שטאָהלענע בריקען. מעהרסטענס קאָנצענטרירט אין די האַפענשטעדט פון דעם צפון־מזרח ים־ברעג און פון דעם קלאַיד, מיט שטאַרקע גרופּען אין דער בערך קליינער צאָהל אַנדערע שיפבוי צענטרען, האָבען די קעסעל־ארבייטער און שיף־בויער אויפ־געהאַלטען זייער מאַכט טראָץ אַלע ענדערונגען אין זייער אינדוס־טריע און האָבען געוואוסט ווי צו האַלטען זיך כמעט תמיד ביי אַן איינהייטליכער נאַציאָנאַלער טאַקטיק.

איבערגעהענדיג פון אינזשענירעריי און שיף־בוי צו דער שמעלצונג פון אייזען און שטאָהל פון ערץ, געפינט מען, אַז די איינציגע אָרגאַניזאַציע אין דעם פאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ קענ־טיגען פאָרשריט, איז די יוניאָן פון די בריטאַנישע שטאָהל־שמעל־

צער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1886 און האָט אין 1892 נאָך אַלץ געהאַט בלויז צוויי טויזענט מיטגליעדער; אונטער דער קלוגער פיהרערשאַפט פון דזשאָהן האַדוש האָט די יוניאָן ביז 1918 שוין געהאַט איבער פערציג טויזענט מיטגליעדער. די „בריטאַנישע שטאָהל־שמעלצער" האָבען די אַנערקענונג פאַר איינריכטען פאַר זיך די בעסטע קאָנטאָר אין דער טרייד יוניאָן וועלט מיט אַ ממשות'דיגער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג און מיט אָנגעשטעלטע ספּעציאַליסטען אין זייער אַרבייט. צווישען זייערע אָנגעשטעלטע איז אַ נעטענדיגטער פּראָפעסיאָנעלער יוריסט, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אַלע זייערע אינטערעסען, וואָס פאָדערן יורידישע וויסענשאַפט, ספּעציעל בנוגע צו שאָדענערזאַץ פאַר אומגליקספאַלען. שוין פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבען די שטאָהל־שמעלצער כמעט ווי באַשלאָסען אָנצונעמען אַ ווייט־זעהענדע טאַקטיק צו שאַפען אַ פאַראייניגונג פון דעם גאַנצען פאַך, און אין 1915 איז אויסגעאַרבייט געוואָרן אַ פּלאַן וועגען דער צוזאַמענגיסונג פון אַלע זעקס וויכטיגע יוניאָנען אין דער אינדוסטריע פון אַרויסנעמען מעטאַל פון ערץ, איינשליסענדיג די אַרבייטער פון צין־בלעך־ און וואַלץ־פאַבריקען (וואו מען מאַכט מעטאַלענע פּלאַטען). דער פּלאַן ווי צו באַזייטיגען די געזעצליכע און אַנדערע שוועריגקייטען פאַר דער אַמאַלגאַמירונג, וואָס איז באמת געשאַפען געוואָרן פון דזשאָהן האַדוש, פּיו און פּוירסי קאָול, די פעהיגע באַאמטע פון דער „יוניאָן פון די בריטאַנישע שטאָהל־שמעלצער", איז זעהר אַ שאַרפזיניגער מיט דעם, וואָס לויט איהם דאַרף מען ניט האָבען מעהר פון אַ בלויזע מעהרהייט פון די אָפּגעגעבענע שטימען אום די זאַך דורכצופיהרען. ער פאַרדיענט אַלס אַ „נייער מאָדעל", אַז אַנדערע יוניאָנען זאָלען איהם באַטראַכטען. בלויז דריי פון די זעקס געזעלשאַפטען[1]) האָבען, אין 1917, דורכגעפיהרט זייערע

---

[1] די דריי זיינען: די „בריטיש סטיל סמעלטערס' אַסאָסיאיישאָן", די „אַסאָסיאייטעד אייראָן ענד סטיל וואָירקערס אָוו גרעיט בריטעין" און די „נעשאָנאַל סטיל וואָירקערס' אַסאָסיאיישאָן". די „אַמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָוו סטיל ענד אייראָנוואָירקערס" און די „טין ענד שיט מיללמענ'ס אַסאָסיאיישאָן" האָבען ביי דער אָפּשטימונג פאַרוואַרפען דעם פּלאַן וועגען פאַראייניגונג, און די „נעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו

אָפּשטימונגען ווען עס איז געשאַפען געוואָרן א נייע יוניאָן, די „בריטיש אייראָן, סטיל ענד קינדרעד טריידס אַסאָסיאיישאָן". די פיער יוניאָנען האָבען דאַן געשאַפען די „קאָנפעדעראַציע פון די אייזען און שטאָהל פאַכען", צו וועלכער זיי האָבען פאָרמעל איבערגעגעבען די מאַכט און די פליכטען בנוגע צו פראַגען, וואָס האָבען א שייכות צו מיטגליעדער פון מעהר פון איינער פון די יוניאָנען, וואָס שטעלען צוזאַמען די אָרגאַניזאַציע, דאָס מיינט אַלע אַלגעמיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער. די דריי אַל־טע יוניאָנען בלייבען אָפּיציעל עקזיסטירען, אָבער זיי האָבען זיך פארפליכטעט ניט אריינצונעמען מעהר קיין נייע מיטגליעדער, וועל־כע דארפען אַלע אריינגענומען ווערן אין דער נייער יוניאָן; אויך די יעצטיגע מיטגליעדער פון די אַלטע יוניאָנען האָט מען באַשלאָסען כסדר צו ראַטען אריבערצוגעהן פרייוויליג אין דער נייער יוניאָן. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז די נייע יוניאָן האָט פאַר־שלונגען די „בריטיש סטיל סמעלטערס' סאָסייעטי", וואָס האָט אויפגעהערט איהר עקזיסטענץ און האָט זיך אינגאַנצען צוזאַמענגע־גאָסען מיט דער נייער קערפּערשאַפט, אין וועלכער עס וועט אין גיכען אריינפאַלען די אויסגעליידיגטע שאַלעכץ פון די אַנדערע צוויי עלטערע קערפּערשאַפטען. די „קאָנפעדעראַציע פון די איי־זען און שטאָהל פאַכען" וועט דאַמאָלס באַשטעהן פון בלויז איין געזעלשאַפט און וועט מן־הסתם אַנגעהאַלטען ווערן כדי צו דיענען דעם זעלבען איבערגאַנגס־צוועק פאַר די אַנדערע געזעלשאַפטען, וואָס וועלען אין איהר אריינטרעטען.

די שריפטזעצער.

די דרוקעריי פאַכען זיינען דורך די לעצטע דרייסיג יאָהר, בנוגע צום טרייד יוניאָניזם, משונה'דיג פארבליבען שטעהן אין איין פלאַץ. די „לאָנדאָנער שריפטזעצער געזעלשאַפט", די „דרוק־ארבייטער אַסאָציאַציע" און די „דרוק־ארבייטער געזעל־שאַפט פון דובלין" האָבען אין דורכשניט פארגרעסערט זייער מיט־

בלעסטפּויזרנעסמען" האָט אָפּגעלייגט די פאַראייניגונג אויף שפּעטער. עס איז צו דערוואַרטען אַז מיט דער צייט וועלען זיי זיך אַנשליסען אַן דער פאַראייניגונג.

גליעדערשאַפט אויף דריי פינפטעל און האָבען כסדר געהעכערט זייערע שכירות און זייער סטראַטעגישע מאַכט געגען די ארבייטס־געבער, אָבער אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג בכלל האָבען זיי א קליינעם איינפלוס און אין פיעלע קליינע שטעדט איז נאָך פאַר־בליבען א היפשער טייל פון דעם פאַך אויסער די רייהען פון די יוניאָנען. די וועניגער געלערנטע ארבייטער אין די פאַפּיער־פאַבריקען און אין די דרוקערייען זיינען דורך די לעצטע יאָהרען געוואָרן פיעל מעהר אָרגאַניזירט און די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון „דרוקעריי און פאַפּיער־אַרבייטער" און די „געזעלשאַפט פון דרוק־אַרבייטער'ס העלפּערס" — ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבען צווי־שען זייערע מיטגליעדער אויך פרויען — זיינען געוואָרן גרוי־סע און שטאַרקע טרייד יוניאָנען. אַלע געזעלשאַפטען זיינען פאַר־איינינגט אין דער מעכטיגער „פעדעראַציע פון דרוק־אַרבייטער און נאָהענטע פאַכען", אָן וועלכער עס האָט זיך ניט לאַנג צוריק אָנ־געשלאָסען די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון זשורנאַליסטען", וואָס איז יעצט א גרויסע געזעלשאַפט.

שטיוועל און שיך אַרבייטער.

צווישען די אַנדערע גרופּען אַרבייטער אין דער טרייד יוניאָן וועלט, וועמעס איינפלוס איז קענטיג קלענער געוואָרן, זיינען די שטיוועל און שיך אַרבייטער. דרייסיג יאָהר צוריק האָט די „נאַ־ציאָנאַלע יוניאָן פון שטיוועל און שיך אַרבייטער" פאַרנומען זעהר אַן איינפלוסרייכען אָרט אין דעם פאַך. צוזאַמען מיט די אַסאָ־ציאַציעס פון די אַרבייטס־געבער האָט זי אַנטוויקעלט א שטאַר־קען סיסטעם פון לאָקאַלע פשרה און אויסגלייך קאָמיסיעס („באָארדס אָוו קאָנסיליאיישאָן ענד אַרביטריישאָן"), וואָס זיינען געווען פאַר־איינינגט אין א חשוב'ע און איינפלוסרייכע „נאַציאָנאַלע קאָנפע־רענץ", מיט לאָרד דזשיימז פון הירפאָרד אלס שליש („אָמפּייר") פאַר דעם לעצטען פסק אין פאַל די קאָמיסיעס קענען זיך ניט אויסגלייכען אליין. די דאָזיגע קאָמיסיעס האָבען אָפּגעהאַלטען פון שטרייקען און לאָקאַוטען און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, האָבען ניט דערלאָזען די אומגעזעצליכע באַשעפטיגונג פון צו יונגע איינ־לאַך ביי דער אַרבייט. זיי האָבען אויסגעאַרבייט דורך קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען פּרייזען פאַר שטיק־אַרבייט און האָבען מיט זיי־

ער אויטאָריטעט ארויפגעצוואונגען די פרייזען אויף דעם גאנצען פאך. אין 1894 איז די גאנצע מאשינעריי פון די קאָמיסיעס צובראָכען געוואָרען דורך די ארבייטס־געבער, וועלכע האָבען לכתחילה צוגעשטימט צו שאפען זיי און האָבען פאר יאָהרען זיך באטייליגט אין זייער ארבייט, דערפאר וואָס זיי האָבען געדיינקט, אז לויט די תקנות און די באשטימטע פרייזען פאר שטיק־ארבייט האָבען די ארבייטער „פארדיענט צו פיעל“.

נאָך א פארלענגערטען אָפּשטעל פון דער ארבייט אין 1894 איז דער סכסוך ווי־עס־איז אויסגעגליכען געוואָרן דורך דער אריינמישונג פון דעם ארבייטס דערפּארטמענט פון דער „באָארד אָוו טרייד“ (האנדעלס מיניסטעריום) און די „נאציאָנאלע יוניאָן פון די שטיוועל און שיך ארבייטער“, מיט אכציג טויזענט מיטגליעדער, האָט בכלל זיך גוט פארטיידיגט נעגען די ארבייטס־געבער מיט דער הילף פון וועניגער קאָמפּליצירטע און אָפיציעלע פארהעלטניסע, אָבער די טעטיגקייט פון דער יוניאָן ווערט געשטערט דורך דער שוואכקייט פון דער אָרגאניזאציע אין די קלענערע ארבייטס־פּלעצער און אין די וועניגער וויכטיגע לאָקאלע צענטרען פון דער אינדוסטריע.

פון צווייטען צד האָבען זיך דערהויבען צו איינפלוס, — ניט נאָר אין די פיהרענדע קרייזען פון די טרייד יוניאָנען, נאָר אויך אין לאנד בכלל, — די פרויען ארבייטערינען, די אלגעמיינע פשוט'ע ארבייטער, דער „פּראָלעטאריאַט אין שווארצע פראקען“ — די פארוואלטונגס געהילפען, די געשעפטס־אָנגעשטעלטע און געשעפטס־שרייבער, די לעהרער, די טעכניקער און די באאמטע, — די מינען ארבייטער און די אייזענבאהן אָנגעשטעלטע. מיט דעם האָבען זיך די לעצטע דרייסיג יאָהר אויסגעצייכענט אין דער געשיכטע פון דעם טרייד יוניאָניזם.

די פרויען ארבייטערינען.

אין קיין גרופּע פון דער אינדוסטריעלער ארבייטער געזעלשאפט איז דער פאָרשריט פון דעם טרייד יוניאָניזם דורך די לעצטע דרייסיג יאָהר ניט געווען מעהר קענטיג אײדער צווישען די פרויען ארבייטערינען. דורך דער ערשטער העלפט פון דער פעריאָדע,

— הגם פאר דער צייט איז די צאָהל פון די אָרגאַניזירטע פרויען אין דורכשניט פאַרדאָפּעלט געוואָרן, — האָט עס, אמת, געמיינט בלויז אַ העכערונג אין דער צאָהל פרויען אין די טרייד יוניאָנען פון ארום הונדערט טויזענט אין 1890 צו ארום צוויי הונדערט טויזענט אין 1907, מעהרסטענס אין די טעקסטיל אינדוסטריען; די צאָהל פרויען טרייד יוניאָניסטען אויסער די דאָזיגע אינדוסטריען איז אין דעם לעצטען יאָהר נאָך אַלץ געווען ווייניגער פון דרייסיג טויזענט. אָבער די לאַנג־אָנגעהאַלטענע, געדולדיגע אַרבייט פון דער „פרויען טרייד יוניאָן ליעגע" האָט געהאַט איהר ווירקונג און דער געדאַנק פון דעם טרייד יוניאָניזם איז פעסט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישען די פרויען ארבייטערינען אין פיעלע אינדוסטריען. פיעל איז צו פאַרדאַנקען די אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען דורך די יאָהרען געמאַכט געוואָרען פון סער טשאַרלז דיילק און זיין פרוי לעידי דיילק, וועלכע זיינען געווען אונערמידליך אין זייער הילף. אין 1909 האָט ווינסטאָן טשוירטשיל, אַלס פּרעזידענט פון דער „באָארד אָוו טרייד" (האַנדעלס מיניסטער), אין אַ גרויסער מאָס צוליעב דער אויפפאָדערונג פון סער טשאַרלז דיילק און די פיהרערינען פון די פרויען, באַזונדערס פון מיס מערי מאַקארטהור, מיס גוירטרוד טאַקוועל און מיס סוזען לאָורענס, דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט דעם געזעץ וועגען אינדוסטריעלע קאָמיסיעס („טרייד באָארדס"), וואָס האָט מעגליך געמאַכט דורך געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס צו באַשטימען אַ געזעצליכען לוין־מינימום אין פיער באַזונדערס נידעריג־באַצאָהלטע אינדוסטריען, אין וועלכע עס זיינען באַשעפטיגט פיעלע פרויען. דער דאָזיגער געזעץ האָט ניט נאָר פיעל פאַרבעסערט די לאַגע פון די „נעשוויצטע" ארבייטער אין די קייטען און נעגעל פאַבריקען, דער ביליגער שניידעריי, די פּאַפּיער־קעסטלאַך פאַבריקען און אין די פאַבריקען פון מאַשין־געמאַכטע שפּיצען, נאָר ער האָט אויך, ווי עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרן פון איין צד און איז אָפּגעלייקענט געוואָרן פון צוויטען צד, — געשאַפען אַ שטאַרקע נייגונג צווישען די פרויען, וועמעס לאַגע אַלס ארבייטערינען איז פאַרבעסערט געוואָרן, זיי זאָלען זיך זעלבסטשטענדיג אָרגאַניזירן. די אויסשפּרייטונג פון די אינדוסטריעלע קאָמיסיעס און פון דעם

געזעצליכען לוין־מינימום, אין 1913, צו אַ האַלבען טוצען אַנדערע פאַכען האָט געהאַט אַן עהנליכע ווירקונג, און די ווייטערע אויס־שפּרייטונג פון 1918 פאַרשפּרעכט שוין אויך צו פאַרבעסערען די לאַגע אין דער זעלבער ריכטונג. די מיטגליעדערשאַפט פון פרויען אין טרייד יוניאָנען איז, חוץ דעם, שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן דורך די יאָהרען 1912־14 אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם געזעץ וועגען שטאַאַטס־פאַרזיכערונג („ניישאָנאַל אינשורענס עקט"), וואָס האָט אריינגעבראַכט פיעלע טויזענדע נייע מיטגליעדער אין די געזעצ־ליך אַנערקענטע אונטערשטיצונגס סעקציעס פון די יוניאָנען („אַפּרואווד סאָסייעטי"). דאָך איז עס געוועזן די גרויסע מלחמה, מיט איהר פּרעצעדענטלאָזע פאָדערונג פאַר פרויען ארבייטעריגען, ווען מען האָט זיי צוגעלאָזען, געמישט מיט אָדער אנשטאַט די מענער, צו אַלערליי מינים באַשעפטיגונגען און מלאכות, צו וועל־כע זיי האָבען פריהער ניט געהאַט קיין צוטרעט, אויף שכירות, וואָס מען האָט זיי קיינמאָל ניט ערלויבט צו באַקומען, וואָס האָט אריינגעבראַכט די פרויען אין די טרייד יוניאָנען אין די הונדערטע טויזענטע. די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון פרויען ארבייטערי־נען" — די גרעסטע אויסשליסליך פרויענשע יוניאָן — האָט פאַרגרעסערט איהר צאָהל מיטגליעדער פון עלף טויזענט אין 1914 צו איבער זעכציג טויזענט אין 1919. אין געוויסע פאַכען איז געגרינדעט געוואָרן אַ קליינע צאָהל נייע טרייד יוניאָנען אויס־שליסליך פאַר פרויען, ווי די אינטערעסאַנטע קליינע יוניאָן פון פרויען אַצעטעלען־לייטער („עסיטילין וועלדערס"). דער רוב אָבער פון די פרויען איז געבליבען אָרגאַניזירט אין טרייד יוניאָנען, וואָס נעמען אריין ביידע געשלעכטען. חוץ אין די פאַרשיידענע טעקסטיל ארבייטער יוניאָנען, זיינען יעצט דאָ טויזענטע פרויען אין דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אייזענבאַהן ארבייטער", אין דער „אַסאָציאַציע פון אייזענבאַהן אָנגעשטעלטע", אין דער יוניאָן פון שטיוועל און שיך ארבייטער און אין דער „קאָנפעדעראַציע פון די אייזען און שטאָהל פאַכען". די מעהרסטע יוניאָנען פון אַלגעמיינע (ניט קוואַליפיצירטע) ארבייטער און אויך אַנדערע, ווי די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון דרוקעריי און פּאַפּיער ארבייטער", די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון פאַרוואַלטונגס געהילפען, לאַגערהויז און

געשעפטס־אנגעשטעלטע", די „אמאלגאמירטע יוניאָן פון אַנגע־שטעלטע אין קאָאָפּעראַטיווען און האנדעלס־הייזער און פון אַליאירטע ארבייטער", האָבען דורך א משך פון א פּאָר צעהנדליג יאָהרען אריינגענומען פרויען אלס מיטגליעדער, און זייער צאָהל אין די דאָזיגע פאראיינען איז יעצט געוואקסען אויסערגעוועהנ־ליך שנעל. אָבער דער גרעסטער טייל פון די פרויען באשעפטי־גונגען זיינען נאָך ניט באריהרט געוואָרן פון דער באוועגונג. הגם מען קאָן שאצען, אז די צאָהל פרויען מיטגליעדער אין די טרייד יוניאָנען איז איצט, אין 1920, כמעט דריי פערטעל מיליאָן, באַ־טרעפט עס אָבער נאָך אלץ ווייניגער פון דרייסיג פּראָצענט פון אלע דערוואקסענע פרויען ארבייטערינען אין לאנד, וועלכע לעבען פון שכירות.

דורך דעם לעצטען צעהנדליג יאָהרען האָט דער טרייד יוניא־ניזם צווישען די פרויען זיך אויסגעצייכענט ניט בלויז מיט דער פארגרעסערונג פון זיין מיטגליעדערשאפט און מיט די דורכגע־פיהרטע פארבעסערונגען אין דער לאגע פון די פרויען ארבייטע־רינען, נאָר אויך מיט דעם, וואָס ער האָט שטארקער געמאכט זיין מצב און זיין איינפלוס. דאָס איז געקומען מיט וואקסענדער שנעלקייט. צו דער ערשטער קאָנפערענץ, וואָס איז צוזאמענגע־רופען געוואָרן פון דעם פינאנץ מיניסטעריום („טרעזשורי קאָנ־פערענס") אין 1915, וואו די רעגירונג האָט געזוכט צו באקומען די הילף פון די טרייד יוניאָנען אין אויסקעמפען די מלחמה, איז, ווי עס שיינט, קיינעם פון די באאמטע ניט געקומען אויפ'ן גע־דאנק איינצולאַדען די „נאציאָנאלע פעדעראציע פון די פרויען ארבייטערינען"; אָבער ביי אלע שפּעטערדיגע פארהאנדלונגען פון דעם זעלבען כאראקטער האָבען מיס מערי מאקארטהור און מיס סוזען לאורענס, אין דעם נאָמען פון די אָרגאניזירטע פרויען אין דער און אין אנדערע יוניאָנען, פארנומען א וויכטיגען פּלאַץ. סיי פאר די טריבונאלען, וואָס האָבען דורכגעפיהרט דעם געזעץ וועגען אמוניציע („מיונישאָנס עקט טריביונאלס"), סיי פאר דעם „קאָ־מיטעט איבער פּראָדוקציאָן", אָדער פאר דעם ספּעציעלען פּשרה־טריבונאל, וואָס די רעגירונג האָט געשאפען צו פארהאנדלען ווע־גען די ארבייטס־באדינגונגען פון די פרויען, וואָס ארבייטען ביי

אַמוניציע, זיינען די אינטערעסען פון די פרויען דורך די פּאַר־שטעהער פון די פרויען־יוניאָנען, אָדער פון יענע הויפּט יוניאָנען פון די אַלגעמיינע אַרבייטער, וואָס האָבען געהאַט פרויען מיט־גליעדער, אַזוי פעהיג פאַרטיידיגט געוואָרן, אַז די פרויען אַרביי־טערינען האָבען, כמעט צום ערשטען מאָל, באַקומען עטוואָס עהנ־ליכעס צו דער זעלבער מאָס גערעכטיגקייט, וואָס די מענער אַר־בייטער האָבען אַרויסגעריסען פון די אַרבייטס־געבער פאַר זיך אַליין. דער רעזולטאַט איז געווען ניט נאָר אַ היפּשע העכערונג בכלל אין דעם אַרבייטס־לוין פאַר פרויען, דאָס עפענען פאַר זיי פון פיעלע אַרבייטס־מעגליכקייטען, פון וועלכע זיי זיינען ביז דאַמאָלס געווען אויסגעשלאָסען, און אַן אַלגעמיינע פאַרבעסערונג אין זייערע אַרבייטס־באַדינגונגען, נאָר אויך אַ שנעלע ענטוויק־לונג צווישען זיי פון דעם טרייד יוניאָניזם — איין צעהנטעל פון די אָרגאַניזירטע פרויען געפינען זיך אין יוניאָנען, וואָס נעמען אריין מענער און פרויען — און דאָס שאַפען אין דער טרייד יוניאָן וועלט אַ רעספּעקט פאַר די אויסשליסליך פרויענשע טרייד יוניאָ־נען. אין 1919 האָט צום ערשטען מאָל דער טריידס יוניאָן קאָנ־גרעס דערוועהלט צום פּאַרלאַמענטארישען קאָמיטעט אַ פרוי, — מיס מאַרגאַרעט באָנפיעלד, פון דער „נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון פרויען אַרבייטערינען“, וועלכע האָט באַקומען איבער דריי מיליאָן שטימען. ווען די אַרבייטער פּאַרטיי, אין וועלכער די פרויען האָבען תמיד געהאַט גלייכע רעכטען, האָט אין 1918 איבערגעאַרבייט איהר קאָנסטיטוציע, איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּונקט, אַז עס מוזען שטענדיג לכל הפּחות פיער פרויען דער־וועהלט ווערען אַלס מיטגליעדער פון דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט. אַ „שטענדיגער געמיינשאַפטליכער קאָמיטעט פון די אינדוסטריעלע פרויען אָרגאַניזאַציעס“, געגרינדעט אין 1916, פיהרט יעצט אָן און קאָאָרדינירט די טעטיגקייט פון די וויכטיגסטע פרויען טרייד יוניאָ־נען, — פון דער „ווימענ׳ס קאָאָפּערייטיוו גילד“ (וואָס אָרגאַניזירט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פון די פרויען) פון דער „רעילוועי ווימענ׳ס גילד“, פון די פרויען פון אייזענבאַהן־אָנגעשטעלטע, און פון דער „פרויען אַרבייטער ליגע“, וואָס איז יעצט אַ טייל פון דער אַרבייטער פּאַרטיי גופא.

די אלגעמיינע (ניט־קוואליפיצירטע) ארבייטער.

אין 1888 זיינען די פיהרער פון די געלערנטע פאכלייטע און די בעסער־באצאהלטע ארבייטער געווען געניינט צו גלויבען, אז צווישען די אלגעמיינע און אומגעלערנטע אדער ניט־קוואליפי־צירטע ארבייטער איז פראקטיש אוממעגליך דער טרייד יוניאָ־ניזם זאל האבען א ווירקונג אדער זאל זיין דויערהאפט, אזוי ווי ער האט זיך ביז דאמאלס ארויסגעצייגט צו זיין אוממעגליך צווי־שען די מאסען פרויען־ארבייטערינען. ווען די באוועגונג האט אין 89־1888 אויסגעבראכען צווישען די האפען־ארבייטער און די גאז־ארבייטער, האט מען אומעטום דערווארטעט, אז זי וועט אנהאלטען בלויז לשעה, ווי עס איז געווען דער פאל מיט עהנליכע באוועגונגען אין 1834 און 1871. אין 1920 געפינען מיר ארגא־ניזאציעס פון דער פאראכטעטער גרופע ארבייטער, צווישען וועל־כע אייניגע זיינען שוין איבער דרייסיג יאהר אלט, — וועמעס מיטגליעדערשאפט באטרעפט ניט ווניגער פון דרייסיג פראצענט פון דער גאנצער טרייד יוניאן מיטגליעדערשאפט אין לאנד, און וועמעס פיהרער — באזונדערס די הערען קלאינז, טהארן און ראָ־בערט וויליאמז—איבען אויס,—לכל הפחות,—זייער פולען חלק איינ־פלוס אויף דער אנפיהרונג מיט דער טרייד יוניאן באוועגונג בכלל. דורך דעם משך פון עטליכע יאהר נאך 1889 איז, אמת, די מיט־גליעדערשאפט פון די ניי־געשאפענע יוניאנען פון פשוט'ע ארביי־טער געפאלען און אייניגע פון די שוואכערע זיינען אינגאנצען צופאלען, אדער האבען זיך צוזאמענגעגאסען מיט די גרעסערע ארגאניזאציעס. אבער די „יוניאן פון גאז־ארבייטער און אלגע־מיינע אומגעלערנטע ארבייטער" (געגרינדעט אין 1889), וואס האט אין 1918 געענדערט איהר נאמען אויף „די נאציאנאלע יוניאן פון אלגעמיינע ארבייטער", און די „דאק, והארף ריווערסייד ענד דזשענעראל ווארקערס' יוניאן" (האפען און אלגעמיינע ארבייטער, געגרינדעט אין 1887), האבען אויפגעהאלטען זייער עקזיסטענץ, און שוין אין 1907 זיינען געווען אזוי פיעל ווי הונדערט און פופציג טויזענט ארגאניזירטע אומגעלערנטע ארבייטער צווישען א האלבען טוצען גוט־באפעסטיגטע יוניאנען. דער אויסברוך פון דער יוניאָ־

ניסטישער באַוועגונג צווישען די לאַנד אַרבייטער אין 1890 איז צו־ביסלאַכווייז פאַרשוואונדען. אָבער אין 1906 איז געגרינדעט גע־וואָרן אַ נייע אָרגאַניזאַציע, די „נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָן פון אַגרי־קולטורעלע און דאָרפישע („רוראַל") אַרבייטער", וואָס האָט תיכף געמאַכט פאָרטשריט אין נאָרפאָלק און אין די דערבייאיגע פּראָווינ־צען, און אין 1913 איז געשאַפען געוואָרן די ענערגישע „שאָטלאַנ־דישע טרייד יוניאָן פון לאַנדווירטשאַפט פאַראַבקעס („פאַרם סוויר־ווענטס"). צווישען 1904 און 1911 האָט דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָצעס זיך כסדר אויסגעברייט אין אַלע ריכטונגען ביז עס איז דורכגעגאַנגען דער געזעץ וועגען אַלגעמיינער פאַרזיכערונג („נע־שאָנאַל אינשורענס עקט"), וואָס האָט פאַקטיש געצוואונגען יע־דען לוין־אַרבייטער אריינצוטרעטען אין וועלכער עס איז אָנערקענ־טער אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט („אַפּרואווד סאָסייעטי"). דאָס האָט געפיהרט צו אַ דראַמאַטישער פאַרגרעסערונג פון דער מיט־גליעדערשאַפט פון די טרייד יוניאָנען, פון וועלכער די פאַרשיי־דענע יוניאָנען פון „אַלגעמיינע אַרבייטער", ווי די אומגעלערנטע אַרבייטער האָבען יעצט זיך אַ נאָמען געגעבען, האָבען באַקומען זייער חלק נוצען. בפרט די „אַרבייטער'ס יוניאָן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1898 מיט דעם צוועק צו אָרגאַניזירן די אַלערליי מינים ניט־קוואַליפיצירטע און האַלב־געלערנטע אַרביי־טער, מיט וועמען די פאַך־יוניאָנען האָבען זיך ניט אינטערעסירט, און האָט, נאָך אַן עקזיסטענץ פון צוועלף יאָהר, אין 1910 געהאַט בלויז פינף טויזענד מיטגליעדער צוטיילט אין הונדערט מיט עלף לאָקאַלען, איז דורך די יאָהרען 1911-13 אויסגעוואַקסען ביז זי האָט געהאַט איין און נייגציג טויזענד מיטגליעדער איינגעטיילט אין 567 לאָקאַלען; דריי יאָהר שפּעטער האָט זי שוין געהאַט הונדערט זיעבען און נייגציג טויזענד מיטגליעדער אין 750 לאָ־קאַלען און צום סוף פון 1919 האָט זיך איהר מיטגליעדערשאַפט פאַרגרעסערט ביז אַרום פינף הונדערט טויזענד אין כמעט צוויי טויזענד לאָקאַלען, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט יעדען מין און גראַד אַרבייטער פון אַלע עלטערס און פון ביידע געשלעכטען, פון לייהם־גרעבער און צין־מינען־אַרבייטער ביז אָנגעשטעלטע פון אָק־

ציאָנס געזעלשאַפטען און סאַניטאַרישע אויפזעהער, פון הויז־באַ־
דיענטע און קעלנערס ביז לאַנד־אַרבייטער און באַהן־אַרבייטער
און יעדען מין ניט־קוואַליפיצירטען אַרבייטער פון די פאַבריקען,
פון די בוי־פּלעצער אָדער פון די באַהנען. אין דער אָרגאַניזירונג
פון די לאַנד־אַרבייטער האָבען זיך באַטייליגט כמעט אַלע וויכטיג־
סטע יוניאָנען פון די אַלגעמיינע אַרבייטער. דאָס דורכגעהן פון
דעם געזעץ „איבער דער פּראָדוקציאָן פון קאָרן" („קאָרן פּראָדאַק־
שאָן עקט") אין 1917, וואָס האָט אגב געשאַפען געמיינשאַפטליכע
קאָמיסיעס אין אַלע פּראָווינצען פון דעם פאַראייניגטען קעניגרייך
מיט דער מאַכט צו באַשטימען אַ געזעצליכען לוין־מינימום פאַר
אַ באַשטימטען נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג, האָט געבראַכט צו דעם,
אַז דער טרייד יוניאָניזם זאָל זיך זעהר שטאַרק פאַרשפּרייטען צווי־
שען אַלע גרופּען אַגריקולטורעלע אַרבייטער, וועלכע זיינען
יעצט (1920), צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע, מעהר אָדער
ווייניגער אָרגאַניזירט אין יעדער פּראָווינץ פון גרויס בריטאַניען —
טיילווייז אין דער זעהר ערפאָלגרייכער „יוניאָן פון אַגריקולטורעלע
אַרבייטער", וואָס האָט צו ענדע פון 1919 געהאַט 180 טויזענט
מיטגליעדער איינגעטיילט אין ניט ווייניגער פון 2700 לאָקאַלען;
טיילווייז אין דער „אַרבייטער'ס יוניאָן", וואָס האָט אַ גרויסע צאָהל
אַגריקולטורעלע לאָקאַלען; טיילווייז אין דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן
פון אַלגעמיינע אַרבייטער", אין דער „יוניאָן פון האַפען, וועהרפ־
טען און טייך־ברעג אַרבייטער" און אין דער „נאַציאָנאַלער אַמאַל־
גאַמירטער יוניאָן פון פּשוט'ע אַרבייטער"; אין אַלע שאָטלאַנדי־
שע פּראָווינצען — אין דער מעכטיגער „יוניאָן פון שאָטלאַנדישע
לאַנדווירטשאַפט באַדיענטע"; אין אירלאַנד זיינען די אַגרי־
קולטורעלע לוין־אַרבייטער אריינגעטראָטען אין דער „טראַנספּאָרט
ענד דזשענעראַל וואָירקערס' יוניאָן". די גאַנצע צאָהל פון אַגרי־
קולטורעלע אַרבייטער אין די טרייד יוניאָנען דערגרייכט אפשר אין
1920 ביז מעהר פון דריי הונדערט טויזענט, וואָס איז אַרום איין
דריטעל פון אַלע לוין־אַרבייטער אין דער לאַנד־ווירטשאַפט.

דורך די גאַנצע יאָהרען פון דער מלחמה האָט די מיטגליע־
דערשאַפט פון די פאַרשיידענע יוניאָנען, וואָס ווערן קלאַסיפיצירט

אונטער דעם נאָמען „טרענספּאָרט און אַלגעמיינע ארבייטער" (אריינרעכענענדיג די האפען ארבייטער און די ארבייטער אויף שיפען אונטערוועגענס), וועלכע האָבען אין 1892 געהאט בלויז 154,000 מיטגליעדער, זיך זעהר שנעל פאַרגרעסערט ביז די צאָהל מיטגליעדער פון זיי אַלע צוזאַמען איז אין 1920 געוואָרן פיעל גרעס־סער איידער עס איז געוועזען די גאַנצע מיטגליעדערשאַפט פון אַלע טרייד יוניאָנען אין לאַנד אין 1890 און איז ניט פיעל ווענינער פון אַ פּאָר מיליאָן.

די לעצטע יאָהרען איז כסדר געוואַקסען די נויטווענדיגקייט און די פאָדערונג צו אַמאַלגאַמירען און צוזאַמענצושמעלצען די כחות. פיעל קליינע און לאָקאַלע יוניאָנען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען און עטליכע פון די גרעסערע קערפּערשאַפטען האַלטען ביי פאַר־איינינגען זיך. דערוויי־ל קומט פאָר אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר שטאַרקערע פעדעראַטיווע פאַרבינדונגען. אין 1908 האָבען אַלע גרויסע יוניאָנען פון אַלגעמיינע ארבייטער זיך פאַרבונדען צווישען זיך אין דעם „נאַציאָנאַלען ראַט פון אַלגעמיינע ארבייטער", אַ ניצליכע באַראַטונגס־קערפּערשאַפט, וועמעס הויפּט ארבייט איז ניט צו דערלאָזען קיין צוזאַמענשטויסען צווישען די פאַרשיידענע יוניאָנען איבער די פראַגען פון „חזקה" אויף געוויסע סאָרטען אר־בייט און ארבייטס־פּלעצער. דער ראַט האָט מיט ערפאָלג דורכגע־פיהרט, אַז מיטגליעדער פון די יוניאָנען, וואָס ער רעפּרעזענטירט, זאָלען קאָנען אָהן שטערונגען איבערגעהן פון איין יוניאָן אין אַ צווייטער און אַז אַלע יוניאָנען זאָלען אנערקענען איינע די אנדע־רע. ער האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט די גרענע־צען פון די „חזקות" פון יעדער יוניאָן און האָט זיי אפילו אמאַל־גאַמירט ביז אַ געוויסען גראַד. אין מאַי פון 1917 האָט דער ראַט זיך אַנטוויקעלט אין אַ „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון אַלגעמיינע ארבייטער", וואָס שליסט איין עלף וויכטיגע אַלגעמיינע יוניאָנען פון ניט קוואַליפיצירטע ארבייטער, מיט אַ סך־הכל פון איבער אַכט הונדערט טויזענט מיטגליעדער. די דאָזיגע וויכטיגע פעדעראַציע האָט אין נאָוועמבער פון 1919 געמאַכט אַ באַדייטענדען שריט צו פאַראייניגונג, באַשטימענדיג צעהן באַצירק־קאָמיטעטען, וואָס

באַשטעהען פון צו צוויי פאָרשטעהער פון יעדער פאַרבונדענער יוניאָן, וועמעס פליכט איז צו העלפען ענדיגען יעדען לאָקאַלען אַר־בייטער סכסוך, און וועלכען עס זיינען פאַרמישט מעהר פון איין יוניאָן.

אין די לעצטע יאָהרען איז פאָרגעקומען אַ נייע גרופּירונג. די פאַרשיידענע יוניאָנען פון שיף־אַרבייטער, לאַדונגס־שיפלאָך אַרבייטער, האַפען און וועהרפטען אַרבייטער, קויהלען־טרעגער און וואַגאָנען־לאָדער זיינען אַרויסגעטראָטען אַלס טראַנספּאָרט אַרביי־טער, זוכענדיג ניט בלויז צו האַנדלען געמיינשאַפטליך אין פראַגען פון שכירות און אַרבייטס־שטונדען, נאָר צו פאָרמולירן רעגולי־רונגען, וואָס זאָלען איינגעפיהרט ווערן אין דער גאַנצער טראַנס־פּאָרט אינדוסטריע (אויסער אויף אייזענבאַהנען); דאָס איז נאָך איין ביישפּיעל פון דער טענדענץ צו שאַפען „אינדוסטריעלע״ פעד־דעראַציעס אויף אַ נאַציאָנאַלען באַזיס, ד. ה., וואָס זאָלען איינ־שליסען אַלע אַרבייטער אין לאַנד פון אַ גאַנצע אינדוסטריע. די אָרגאַניזאַציע פאַר דעם צוועק איז די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון די טראַנספּאָרט אַרבייטער״, וואָס נעמט אַריין דריי טוצען פון די יוניאָנען, וואָס האָבען מיטגליעדער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט ביים וואַסער־טראַנספּאָרט, איינשליסענדיג די אַרבייטער אויף שיי־פען אונטערוועגענס („סימען״), האַפען־אַרבייטער און איבערפיהר־רער („קאַרטערס״). די פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין נאָוועמבער פון 1910 דורך דער איניציאַטיווע פון דער „יוניאָן פון די האַפען־אַרבייטער״ און זי איז באַלד געוואָרן פּראָמינענט דורך דער צייט פון דעם שטרייק אין לאָנדאָן אין 1911, וועלכען זי האָט אָנגעפיהרט מיט אַ פעסטע האַנט.[1] דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער קאַמף אין דעם לאָנדאָנער האַפען זינט דעם אויפרוהר פון 1889. די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון מאַטראָסען און קויהלען־שאַרער״ (אויף שיפען), וואָס האָט אומזיסט זיך געפּרובירט

---

[1] די לאָנדאָנער האַפען־אַרבייטער זיינען אין 1911, ווען דער יקרות איז געוואָרען גרעסער און ווען מען האָט פאַקטיש פאַרוואָרפען די פּלענער צו פאַרבעסערען זייערע אַרבייטס־באַדינגונגען, געווען אין כמעט ניט קיין בעסערער לאַגע, איידער אין 1889.

צו פועל'ן ביי דער „שיפינג פעדערישאָן" (פון די באַלעבאַטים), אַז איהרע מיטגליעדער זאָלען זיך פאַראייניגען אויף דעם פאָר־שלאַג צו שאַפען אַן אויסגלייך קאָמיסיע (קאָנסיליאיישאָן באָארד), האָט אין יוני פון 1911 דערקלעהרט אַ שטרייק, פאָדערנ־דיג גלייכע שכירות אין אַלע האַפענס און פאַרשיידענע קלענערע פאַרלייכטערונגען אין דער לאַגע פון די אַרבייטער. אין יולי, אין אַ גרויסער מאָס אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אויפרעגונג, וואָס דער שטרייק פון די שיף־אַרבייטער האָט אַרויסגערופען, זיינען אַרויס אין שטרייק די האַפען־אַרבייטער, פאָדערנדיג אַ העכע־רונג אין זייערע שכירות פון זעקס פענים אויף אַכט פער שטונדע און אַ שילינג פער שטונדע פאַר איבער־דער־צייט אַרבייט. די סטעוועדאָרען (אָנלאָדער און אויסלאָדער), די גאַז־אַרבייטער, די וואַגאָנען־פּאַקער, די קויהלען־איבערפיהרער, די שלעפ־שיף מאַשי־ניסטען, די תבואה־טרעגער און פאַרשיידענע אַנדערע גרופען אַר־בייטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין אָדער אַרום דעם האַפען, האָבען אַרויסגעשטעלט זייערע אייגענע פאָדערונגען. די גאַנצע אַר־בייט אין דעם האַפען איז מיט גרויס אויפרעגונג אָפּגעשטעלט גע־וואָרען, אַלע טאָג זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען גרויסע פאַרזאַמלונ־גען אויף דעם „טאַוער היל" און דורך דער שטאָדט האָבען גע־מאַרשירט פּראָצעסיעס פון די שטרייקער, וועמעס צאָהל, האָט מען גערעכנעט, איז געווען הונדערט טויזענט. די אומרוהען האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער די מעהרסטע פון די אַנדערע האַפענס און אין אייניגע ערטער זיינען פאָרגעקומען לאָקאַלע צוזאַמענשטויסען. די „השגחה" איבער דעם לאָנדאָנער האַפען („פּאָרט אָוו לאָנדאָן אָ־טאָריטי"), מיט לאָרד דיוועַנפּאָרט בראש, האָט זיך אַנטזאָגט פון וועלכע עס איז פאַרהאַנדלונגען מיט די שטרייקער, און די רעגיע־רונג האָט פאַר אַ געוויסע צייט פאַקטיש געשטיצט דעם דאָ־זיגען גרויסען קאָלעקטיווען אַרבייטס־געבער, וואָס איז (ביז היינ־טיגען טאָג אפילו) ניט נאָכגעקומען דעם פּונקט פון דעם פּאַרלאַ־מענטס געזעץ, לויט וועלכען די „השגחה" איז געגרינדעט געוואָרען, וואָס האָט געפאָדערט עס זאָל איינגעפיהרט ווערן אַ פּלאַן פאַר מעהר ציוויליזירטע אַרבייטס־באַדינגונגען פאַר זיינע אַרבייטער.

דער קריענס־מיניסטעריום האָט, אויף דער פאָדערונג פון ווינסטאָן טשוירטשיל, וועלכער איז דאמאָלס געווען מיניסטער פון אינער־ליכע אנגעלעגענהייטען, צוזאמענגעצויגען סאָלדאטען קיין לאָנדאָן און האָט ווירקליך געשטראשעט אוועקצושטעלען פינף און צוואנ־ציג טויזענט סאָלדאטען צו טאָן די ארבייט ביים האפען אום צו ברעכען דעם שטרייק. אזא שריט וואָלט אָהן ספק געפיהרט צו בלוטיגע גאסען־צוזאמענשטויסען. אמענדע האָט דאָך דער מי־ניסטאָרן קאבינעט זיך אונטערגעגעבען און האָט גע׳פועל׳ט ביי לאָרד דיוועגפאָרט און זיינע קאָלעגען, צוזאמען מיט די שיף־איי־גענטימער, ווהערפט־אייגענטימער און תבואה־שפייכלער אייגענ־טימער, זיי זאָלען זיך צוזאמענקומען מיט די פאָרשטעהער פון די יוניאָנען פאר אן אויסגלייך. גאנצע דריי טעג האָבען זיי פאר־בראכט אין אויס׳טענה׳ען זיך, אָבער לסוף האָבען זיי אויסגעאר־בייט אן אָפמאך, לויט וועלכען די ארבייטער זיינען אוועק צוריק צו דער ארבייט מיט דעם תנאי, אז ארום העלפט פון זייערע פאָ־דערונגען זאָלען תיכף נאָכגעגעבען ווערן און די אנדערע העלפט זאָל איבערגעגעבען ווערן פאר אן אנטשיידונג צו א פשרה־גע־ריכט. אויף דעם אָנבאָט פון דער לאָנדאָנער האנדעל־קאמער האָט סער אלבערט ראָלליט, א פארלאמענטס־מיטגליעדער, אויף זיך גענומען די ארבייט אויסצואַרבייטען א פשרה, און ער האָט אמ־ענדע ארויסגעטראָגען א פסק, לויט וועלכען די ארבייטער האָבען באקומען כמעט אלץ, וואס זיי האָבען געפאָדערט: אכט פענים פער שטונדע און א שילינג פער שטונדע פער איבער־דער־צייט ארבייט פאר די האפען־ארבייטער; אנדערע פאכען און די ארביי־טער פון אנדערע האפענס, — אויסער לאָנדאָן, — האָבען באקו־מען עהנליכע פארבעסערונגען אויף פארשיידענע אופנים. אין מאי פון 1912 האָט דער סכסוך זיך וויעדער פאנאנדערגעפלאקערט אויף דעם טהעמז און מעדוועי און דורך א שטרייק און א לאָקאוט פון אכטציג טויזענט ארבייטער האָט זיך די ארבייט אין האפען אָפגעשטעלט אויף זעקס וואָכען. דורך סימפאטיע שטרייקען אין אנדערע האפענס האָבען צוואנציג טויזענד ארבייטער ניט געאר־בייט עטליכע טעג. די ארבייטער האָבען גע׳טענה׳ט, אז די אר־

בייטס־געבער האָבען ניט אומעטום און ניט אַלע מאָל מקים גע־
ווען דעם אָפּמאַך פון לעצטען יאָהר און אַז זיי פלעגען די טרייד
יוניאָניסטען באהאנדלען ערגער פון אנדערע ארבייטער. די אַר־
בייטס־געבער האָבען, ווי עס שיינט, הויפּטזעכליך ניט געוואָלט
דערלאָזען, אַז די „פעדעראַציע פון די טראַנספּאָרט ארבייטער״
זאָל מוזען אנערקענט ווערן און זיי האָבען געזוכט אָפּצוהאַלטען
איהר וואַקסענדע מאַכט. טראָץ דער שטאַרקער שטיצע פון דעם
„דעילי העראַלד״ (די טעגליכע ארבייטער צייטונג), די געלד שטי־
צע, וואָס איז געקומען ניט בלויז פון אויסטראַליען און פון די
פאַראייניגטע שטאַאַטען, נאָר אויך פון די דייטשע ארבייטער פאַר־
איינען, און דער אריינמישונג פון דער רעגירונג, איז דער שטרייק
געווען אַ דורכפאַל צוליעב דעם אָפּשטעהן פון די ארבייטער און
צוליעב דער עקשנות'דיגער איינגעשפּאַרטקייט פון לאָרד דיוועג־
פּאָרט, וועלכער האָט אַלס פּאָרזיצענדער פון דעם „פּאָרט אָוו לאָנ־
דאָן אָטאָריטי״ געפאָדערט, אַז די ארבייטער זאָלען געהן צוריק
צו דער ארבייט און פאַרלאָזען זיך אויף דעם פאַרשפּרעכען פון
די ארבייטס־געבער, אַז זיי וועלען מקים זיין אַלע אָפּמאַכען און
וועלען באַטראַכטען אַלע תביעות, וואָס די פאַרשטעהער פון וועל־
כער עס איז גרופּע ארבייטער וועלען פאַר זיי פאָרברייינגען. טראָץ
דעם דורכפאַל פון דעם עטוואָס צו פריהען ארויסטריט פון דער
„פעדעראַציע פון די טראַנספּאָרט ארבייטער״, האָט אָבער איהר
גרינדונג, צוזאַמען מיט דער גרינדונג פון דער „נאַציאָנאַלער פע־
דעראַציע פון אַלגעמיינע ארבייטער״, פיעל געהאָלפען צו ענדערן
די לאַגע. דורך אַ משך פון אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען איז די טע־
טיגקייט פון די יוניאָנען פון אַלגעמיינע ארבייטער באַשטאַנען אין
ארויסשטעלען אָהן אַ שיעור לאָקאַלע און גרופּען־פאָדערונגען ניט
בלויז פאַר העכערע שכירות, — הגם זיי האָבען ניט אויפגעהערט
אויסצוקעמפען העכערונגען פון עטליכע שילינגען אַ וואָך, — נאָר
אויך פאַר געגענזייטיגע אָפּמאַכען וועגען די פּרייזען פון שטיק־
ארבייט, וועגען דער פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט, וועגען
דער פאָדערונג פון באַפרידיגונג פאַר אומגליקספאַלען, וועגען באַ־
זאָרגען בעסערע באַקוועמליכקייטען אָדער אנגענעמערע אומשטענ־

דען פאַר דער ארבייט און וועגען שפּעציעלע באַלוינונגען פאַר אַר־בייט, וואָס פאָדערט באַזונדערע אָנשטרענגונגען, אָדער אין זעהר ניט־אַנגענעם. דורך די אָנשטרענגונגען פון די פעדעראַציעס זיי־נען די דאָזיגע לאָקאַלע און גרופּען אויסגלייכען אויפגעהויבען גע־וואָרען צו דער שטופּע פון נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און די אָפּמאַ־כען, וואָס זיינען יעצט געשלאָסען געוואָרען מיט די פאָרשטעהער פון די ארבייטס־געבער פון גאַנצען לאַנד, באַדייטען אַז דער קאָנ־טראָל פון די ארבייטער איבער דער אינדוסטריע וואַקסט און ווערט ממשות׳דיגער.

דער „פּראָלעטאַריאַט אין שוואַרצע פּראַקען״.

אויב דער טרייד יוניאָניזם האָט דורך די פאַרגאַנגענע דריי־סיג יאָהר פּראָגרעסירט צו די ניעדעריגערע ארבייטער שיכטען און האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די פרויען און די ניט־קוואַליפי־צירטע ארבייטער, איז אָבער זיין פּראָגרעס, אין אַ געוויסען זין, צו די העכערע שיכטען, און זיין פאַרשפּרייטען זיך צווישען די פאַר־שיידענע גרופּען פון דעם „פּראָלעטאַריאַט אין שוואַרצע פּראַ־קען״, געווען ניט ווייניגער מערקווירדיג. אין 1920 זיינען בלויז געווען גאַנץ קליינע סימנים פון טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס צווי־שען די געשעפטס־אָנגעשטעלטע און פּאַרוואַלטונגס־געהילפען, צווישען די פאַרשיידענע גרופּען פון דעם פּאָסט־אַמט און אַנדערע רעגיערונגס אָנגעשטעלטע, צווישען די שטאָדטישע באַאַמטע און לעבענס־פאַרזיכערונגס אַגענטען. צווישען די לוין־ארבייטער אין די דאָזיגע פאַרשיידענע באַשעפטיגונגען, וועמעס צאָהל אין דעם פאַראייניגטען קעניגרייך איז מעגליך עטליכע מיליאָן און וועלכע ווערן שלעכט באַצאָהלט, ארבייטען אונטער אומצופריעדענשטע־לענדע באַדינגונגען און ליידען אַמאָל אויך פון ווירקליכער טיראַ־ניי, איז דרייסיג יאָהר צוריק געווען עטליכע טוצען קליינע יו־ניאָנען, וואָס האָבען געקעמפּט פאַר זייער עקזיסטענץ און האָבען אַלע צוזאַמען געהאַט בלויז עטליכע צעהנדליג טויזענט מיטגליע־דער. אין 1920 זיינען זיי שוין געווען אַנטוויקעלט אין מעכ־טיגע אַמאַלגאַמירונגען אין די מעהרסטע פון די באַזונדערע גרו־

פען, כמעט אַלע פאַלשטענדיג אָנערקענט פון זייערע ארבייטס־געבער, — סיי פּריוואַטע און סיי קהל'שע, מיט וועמען זיי שליסען קאָלעקטיווע אָפּמאַכען; בסך־הכל איז זייער מיטגליעדערשאַפט ניט פיעל ווענינער פון דריי פערטעל מיליאָן.

צוערשט וועלען מיר אָנצייגען אויף דער ארמיי פון געשעפטס־געהילפען, לאַגערהויז־ארבייטער און אנדערע באַשעפטיגטע ביים גרויס־האַנדעל און ביים איינצעל־פּאַרקויף. די „נאַציאָנאַלע אמאַל־גאַמירטע יוניאָן פון געשעפטס־געהילפען, לאַגערהויז־ארבייטער און געשעפטס־אָנגעשטעלטע", געגרינדעט אין 1891, האָט לכתחילה שוואַך פּראָגרעסירט און האָט אין 1912, נאָך אַ וואוקס פון אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען, געצעהלט קנאַפּ פינף און זעכציג טויזענט מיטגליעדער. טיילווייז אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם געזעץ וועגען שטאַאַטס־פאַרזיכערונג, וואָס האָט פּאַקטיש געצוואונגען אַלע אר־בייטער, וועלכע פאַרדיענען ווענינער פון הונדערט זעכציג פונט שטערלינג (יעהרליך), אריינצוטרעטען אין וועלכער עס איז אָרגאַ־ניזאַציע, האָט די יוניאָן אָנגעפאַנגען וואַקסען זעהר שטאַרק; עס זיינען איהר צוגעקומען פיעלע נייע לאָקאַלען און יעצט צעהלט זי אַ מיטגליעדערשאַפט פון איבער הונדערט טויזענד. אין דער זעלבער צייט האָט אויך די „אמאַלגאַמירטע יוניאָן פון באַשעפטיג־טע אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען" (אויך געגרינדעט אין 1891) — אין 1918 האָט זי אין איהר נאָמען אויך איינגעשלאָסען: „האַנדעלס־אָנגעשטעלטע און אַליאירטע ארבייטער" — זיך שטאַרק פאַרשפּרייט און צעהלט יעצט, אין 1920, אויך איבער הונדערט טויזענט מיטגליעדער. די דאָזיגע יוניאָן האָט אָנגעפאַנגען איהר אָרגאַניזאַציע מיט דעם צוועק אריינצונעמען אַלע באַשעפטיגטע אין די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אָהן אונטערשייד פון פאַך, און קיינע אַנדערע ארבייטער. דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט זיך ארויסגעזאָגט געגען דעם פּונקט אין איהר קאָנסטיטוציע און יעצט איז זי ניט מעהר באַגרענעצט צו באַשעפטיגטע פון די קאָאָ־פּעראַטיוועז. צווישען איהרע מיטגליעדער זיינען דאָ אַ געווי־סע צאָהל וואַגאָנען־לאָדער, שניידער, בעקער, שטיוועל־ארבייטער און אנדערע, וועלכע זיינען באַשעפטיגט פון די קאָאָפּעראַטיוועז,

אָבער דאַרפֿען אייגענטליך באַלאַנגען צו אַנדערע יוניאָנען. די פּאַרהאַנדלונגען, וואָס ווערען שוין אַ היבשע צייט געפֿיהרט, וועגען דער צוזאַמענגיסונג פֿון ביידע אָרגאַניזאַציעס אין איין גרויסער יוניאָן פֿון באַשעפֿטיגטע אין האַנדעלס־אונטערנעמונגען און וועגען אַריבערפֿיהרען די אַרבייטער, וועלכע באַלאַנגען צו באַשטימטע פֿאַכען, צו זייערע אייגענע יוניאָנען, וועלען זיך אפשר אין גיכען ענדיגען מיט ערפֿאָלג.

די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע צווישען די געשעפֿטס־אָנגעשטעלטע איז די „אַסאָציאַציע פֿון אייזענבאַהן געשעפֿטס אָנגעשטעלטע" („רעילוועי קלוירקס אַסאָסיאיישאָן"), וואָס נעמט אויך אריין אין סטאַנציע־מייסטערס, אינספּעקטאָרען און בילעטען־צונויפֿנעמער („טיקעט־קאָלעקטאָרס"), וועלכע קענען אויך באַלאַנגען צו דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פֿון אייזענבאַהן אַרבייטער", צו וועלכער אַ געוויסע צאָהל פֿון זיי באַלאַנגט. די אַסאָציאַציע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1897 און פֿאַר אַ משך פֿון אַ צעהנדליג יאָהרען איז זי געבליבען אומבאַדייטענד לויט איהר גרויס. ביז דעם יאָהר 1910 האָט זי ניט אַריינגענומען אפילו קיין צעהן טויזענט מיטגליעדער. נאָך דעם אייזענבאַהן שטרייק פֿון 1911 האָט זי אָנגעפֿאַנגען צו מאַכען פֿאָרטשריט. אין 1914 האָט זי געהאַט דרייסיג טויזענט מיטגליעדער און אין 1915 שוין צוויי און פֿערציג טויזענט און די צאָהל איז פֿאַרדאָפּעלט געוואָרען ביז 1920. וועהרענדיג שטאַרקער האָט זי צוביסלאַכוויז אויך באַקומען מעהר אָנערקענונג פֿון די אייזענבאַהן געזעלשאַפֿטען און זי האָט מיט ערפֿאָלג איינגעהאַלטען פֿאַר זיך דאָס רעכט אַריינצונעמען אַלס מיטגליעדער ניט בלויז אָנגעשטעלטע אין די קאָנטאָרען פֿון די נעגעראַל־פֿאַרוואַלטער, נאָר אויך אינספּעקטאָרן און סטאַנציע־מייסטערס. מיט דעם וואוקס פֿון איהר מיטגליעדערשאַפֿט איז איהר אויך געלונגען דורכצופֿיהרן איהרע פֿאָרשטעהער ביי די וואַהלען פֿון קאָמיטעטען פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג פֿון די פֿאַרשיידענע פֿאָנדען, וואָס די אייזענבאַהן געזעלשאַפֿטען האָבען איינגעפֿיהרט פֿאַר אייזענבאַהן אַרבייטער, וועלכע זיינען געוואָרען צו אַלט ביי דער

ארבייט ווייטער צו ארבייטען. דורך דעם האָט די אסאָציאציע נע־
צייגט איהר רעכט צו ריידען אין דעם נאָמען פון אלע אייזענבאהן
(קאָנטאָרען) אָנגעשטעלטע. ארויסטרעטענדיג אין פריינדליכער
פארבינדונג מיט דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון אייזענבאהן אר־
בייטער" האָט די „אסאָציאציע פון אייזענבאהן אָנגעשטעלטע"
די לעצטע צייט צוגעצויגען צו זיך א כסדר־וואקסענדען טייל פון
די אינספּעקטאָרן און סטאנציע־מייסטערס, און אין 1920, ווען זי
האָט שוין א מיטגליעדערשאפט פון קרוב צו נײַנציג טויזענט, פאָ־
דערט זי דאָס רעכט צו ריידען אין דעם נאָמען פון אלע גראַדען
אָנגעשטעלטע פון דער אדמיניסטראציע און פון דער אויבער־
השגחה איבער די אייזענבאהנען. זינט דעם יאָהר 1913, אויב
ניט פריהער, האָט זי אָנגעפאנגען צו פאָדערען, אז אויב נאָר די
אייזענבאהנען וועלען ווערען נאציאָנאליזירט, זאָל זי האָבען א טייל
אין זייער פארוואלטונג, און צו ענדע פון 1919 האָט דער פאר־
קעהר־מיניסטער פארשפּראָכען — אזוי ווערט עס פארשטאנען —
אז אין פאל עס וועלען געשאפען ווערן אן אייזענבאהן קאָמיסיע
אָדער א נאציאָנאלער בּאראטונגס קאָמיטעט (וועגען דער אייזענ־
באהן פראגע) וועט די „אסאָציאציע פון אייזענבאהן אָנגעשטעל־
טע„ צוגלייך מיט דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון אייזענבאהן אר־
בייטער" און די „פאראייניגטע געזעלשאפט פון לאָקאָמאָטיוו־מא־
שיניסטען און קויהלען־שארער" באקומען איהר חלק אין דער פאָר־
שטעהערשאפט.

די גרויסע ארמיי אָנגעשטעלטע אין האנדעלס קאָנטאָרען האָט
געמאכט ווייניגער פאָרטשריט אין אָרגאניזירען זיך איידער די
געשעפטס־געהילפען און די אייזענבאהן אָנגעשטעלטע. יאָהרען לאנג
האָט עס טאקע געשיינט, אז די האנדעלס אָנגעשטעלטע וועלען ניט
שאפען קיין טרייד יוניאָן; די „נאציאָנאלע יוניאָן פון אָנגע־
שטעלטע" („קלוירקס"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1890,
האָט אויך ווייניג אויפגעטאָן. אין דעם יאָהר 1912 האָט זי נאָך
אלץ געהאט ווייניגער פון נײַן טויזענט מיטגליעדער. דורך די
לעצטע זיבען יאָהר האָט זי פארגרעסערט איהר מיטגליעדער־

שאפט ביז פינף און פופציג טויזענט.[1] אלס א רעזולטאט פון אן אָפּשפּאַלטונג פון דער נאציאָנאלער יוניאָן עקזיסטירט אויך אין אירלאנד, הויפּטזעכליך אין דובלין, א קליינע יוניאָן פון אירלאנדישע „קאָנטאָר־ארבייטער“. מערקווירדיגער פון אלץ איז די גרינדונג, אין דער צייט פון דער מלחמה, פון א „גילדע פון באנק באאמטע“ און פון אן „אסאָציאציע פון אירלאנדישע באנק באאמטע“, וואָס האָבען באשטימטע טרייד יוניאָן צוועקען (הגם זיי האָבען נאָך ביידע ניט געזוכט אָנצושליסען זיך אָן דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס) און זיינען ביידע אומאָפּהענגיג פון דעם „בענקערס' אינסטיטוט“, וואס בלייבט ביי זיין כאראקטער אלס א וויסענשאפטליכע און בילדונגס געזעלשאפט. עס עקזיסטירט יעצט אויך אפילו א „גילדע פון געריכטס־באאמטע“, וואָס האָט באשטימטע טרייד יוניאָן צוועקען.

די גרויסע מאסע אלערליי לעהרער, מענער און פרויען פון אלע גראדען, ועמעס צאָהל אין דעם פאראייניגטען קעניגרייך איז ארום דריי הונדערט טויזענט, איז דורך די פארגאנגענע דרייסיג יאָהר געוואָרן שטארק און זעהר פעסט אָרגאניזירט אין פיעלע פאראיינען. באזונדערס וויכטיג איז דער פאקט, וואָס פיעלע פון די דאָזיגע פּראָפעסיאָנעלע אסאָציאציעס האָבען דורך די לעצטע יאָהרען אין א גרויסער מאָס זיך אָנגעשלאָסען אָן די צוועקען און אָנגענומען אפילו די כאראקטעריסטישע מעטאָדען פון דעם טרייד יוניאָניזם. די גרעסטע פון די דאָזיגע קערפּערשאפטען, די „נאציאָנאלע לעהרער יוניאָן“, געגרינדעט אין 1890, האָט יעצט איבער הונדערט צוויי טויזענט מיטגליעדער און איבט אויס א גרויסען איינפלוס איבער די באשעפטיגונגס־באדינגונגען פון די לעהרער אין די אָנפאנגס שולען. דורך די פארגאנגענע עטליכע יאָהר האָט די יוניאָן געשטיצט שטרייקען אין פארשיידענע באצירקען און פּראָווינצען פאר העכערע שכירות. די לעהרער פון די מיטעלע שולען

[2] א קליינע אסאָציאציע פון פרויען אָנגעשטעלטע און סעקרעטארען, וואָס איז לאנג פארבליבען קליין לויט דער צאָהל פון איהרע מיטגליעדער, האָט זיך אויך פארגרעסערט און האָט יעצט פיער טויזענט פינף הונדערט מיטגליעדער.

זיינען אָרגאַניזירט אין פיער געזעלשאַפטען, — די מענער, די פרויען, און די שול אויפזעהער און זייערע געהילפען זיינען אָרגאַ־ניזירט יעדע גרופע באזונדער, — וואָס זיינען פאַראייניגט אין א „פעדעראַטיווען ראַט פון די אַסאָציאַציעס פון די מיטעל־שולען", וועלכער האָט הגם נאָך ניט ארויסגערופען אָדער געשטיצט קיין שטרייק, אָבער האָט לעצטענס אָרגאַניזירט א שטאַרקען דרוק (געגען די מאַכט־האָבער), אז די שטעלען פון די געהילפען זאָלען זיין מעהר געזיכערט, אז די שכירות זאָלען געהעכערט ווערן פאַר אַלע גראַדען לעהרער און אז עס זאָלען איינגעפיהרט ווערן אונטערשטי־צונגען פאַר אַלע לעהרער, וועלכע זיינען געוואָרן צו אַלט צו אַר־בייטען.

ניט ווייניגער וויכטיג איז די אנטוויקלונג פון אָרגאַניזירט־קייט אין דער לעצטער צייט צווישען די אינדוסטריעלע טעכני־קער, — אינזשעניערען, עלעקטריקער, כעמיקער, אָדער בלויז מייס־טערס און פאַרוואַלטער, — צווישען די ארבייטער אין וויסענ־שאַפטליכע לאַבאָראַטאָריעס, — פאַר וויסענשאַפטליכע פאָרשונגס צוועקען, פאַר מעדיצינישע ארבייט, פאַר שטודענטען אָדער פאַר רעגירונגס צוועקען, — און צווישען די ניעדעריגערע לעקטאָרען און געהילפס־פּראָפעסאָרען אין אוניווערזיטעטס אנשטאַלטען. די ספּע־רען, אויב ניט אויך די מיטגלידערשאַפטען גופא, פון די דאָזיגע אָר־גאַניזאַציעס, מישען זיך איבער צווישען זיך און זיי זיינען נאָך ניט פעסטגעשטעלט, אָבער די מעהרסטע פון זיי זיינען פאַראייניגט אין דער „נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון פּראָפעסיאָנעלע ארבייטער", וואָס נעמט ארום נאָך א ברייטערן קרייז. וויכטיג איז די וואַקסענ־דע פאַנאַנדערגרענעצונג צווישען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען לויט זייער תמצית טרייד יוניאָנען פון קאָפּ־ארבייטענדע פּראָפעס־סיאָנאַלען, און די ריינע „וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען", מיט וועלכע אַזעלכע מענשען האָבען ביז די לעצטע יאָהרען צופרידענ־געשטעלט זייער נייגונג צו פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניגונג. איי־ניגע פון די נייע קערפּערשאַפטען (אַזעלכע, ווי די „געזעלשאַפט פון אינזשעניערן־טעכניקער") האָבען זיך ווירקליך רעגיסטרירט אַלס טרייד יוניאָנען; דעם זעלבען שריט האָט געמאַכט די „מעדיקאָ־

פּאָליטיקאל יוניאָן", א קרעפטיגע אסאָציאציע פון מעדיצינישע פּראקטיקער, אויך די נייגעגרינדעטע „אסאציאציע פון אקטיאָרען" און די „נאציאָנאלע יוניאָן פון זשורנאליסטען" האָבען אָנגעגעבען, אז זיי ווילען ווערן א טייל פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס.

די לעבענס פארזיכערונגס אגענטען — הויפּטזעכליך די באַשעפטיגטע ביי „אינדוסטריעלע" פארזיכערונג — צעהלען ארום הונדערט טויזענד פּערזאָן און זיי זיינען אָרגאניזירט אין א פּאָר צעהנדליג פאראיינען, וואָס נעמען אריין בלויז די אגענטען פון באשטימטע פארזיכערונגס-געזעלשאפטען. די דאָזיגע אָרגאניזאַציעס זיינען פארשיידען לויט זייער כאראקטער און לויט דער שטופע פון זייער אומאָפּהענגיגקייט: איינינגע זיינען בלויז „וואוילזיין געזעלשאפטען", וואָס ווערן דאָמינירט פון די פארוואלטונגען (פון די פארזיכערונגס געזעלשאפטען), און אנדערע זיינען אגרעסיווע טרייד יוניאָנען; די שטארקסטע פון זיי איז די „נאציאָנאלע אסאָציאציע פון די אגענטען פון דער פּרודענשעל פארזיכערונגס געזעלשאפט". די מעהרסטע פון זיי זיינען פאראייניגט אין צוויי פארשיידענע פעדעראציעס. אנאנדער, און אפשר געזונטערער, אָרגאניזאציאָנס באזיס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון לעבענס פארזיכערונגס אגענטען", וואָס האָט יעצט עטליכע טויזענט מיטגליעדער.

אָבער די גרעסטע אנטוויקלונג פון דעם טרייד יוניאָניזם צווישען דעם „פּראלעטאריאט אין שווארצע פּראקען" איז פארגעקומען צווישען די באשעפטיגטע פון דער נאציאָנאלער און פון די לאָקאלע רעגיערונגען. דאָס איז אינגאנצען געוועזען א פּועל-יוצא פון דעם וואוקס פון די לעצטע דרייסיג יאָהר. לכתחילה האָבען זיך אָנגעפאנגען צו אָרגאניזירן די פיזישע ארבייטער פון דעם פּאָסט-מיניסטעריום, די בעלי מלאכות און די פּשוט'ע ארבייטער פון דער רעגיערונגס בוי-האפענס, ארסענאלען און אנדערע פאבריצירענדע רעגיערונגס דעפּארטאמענטען, און יעצט זיינען שוין דאָ הונדערט און זיבעציג באזונדערע טרייד יוניאָנען פון שטאאטס-באשעפטיגטע, פון די מאטראָזען פון די שיפלאך פון דעם צאָהל-אמט און די אינגלאך-שרייבערלאך ביז די בוי-אינזשענירען פון דעם פלאָט-

מיניסטעריום און די איבער־פּאַרוואַלטען פון די קאָנטאָרען פאַר דעם האנדעלס פלאָט. דורך די לעצטע יאָהרען האָבען זיך אָנגע־פאַנגען צו אָרגאַניזירן אויך די העכערע גראַדען פון די ציוויל באַ־אַמטע („סיוויל סוירוויס"), אפילו די ערשט־קלאַסיגע אָנגעשטעלטע, און עס איז אָנגענומען, אַז קיין רעגיערונגס־אָנגעשטעלטער ניע־דעריגער אין ראַנג פון וויצע־מיניסטער איז פּראַקטיש ניט אויס־געשלאָסען פון דער מעגליכקייט צו ווערן אַ מיטגליעד פון דער „געזעלשאַפט פון ציוויל באַאַמטע". די אַלע פאַרשיידענע פאַר־איינען זיינען גרופּירט אין פעדעראַציעס, אָנפאַנגענדיג מיט דער „פעדעראַציע פון דער וואַסערען־וואַך" („וואַטערגאַרד"), די „פעדע־ראַציע פון די געפענגעניש באַאַמטע פון דעם פאַראייניגטען קעניג־רייך", די „פאַראייניגטע פעדעראַציע פון רעגיערונגס אַרבייטער" און דער „פעדעראַטיווער ראַט פון רעגיערונגס־באַשעפטיגטע" ביז צו דער „פעדעראַציע פון דעם צאָהל־אַמט און אַקציז־פאַרוואַלטונג באַאַמטע", די „פעדעראַציע פון ציוויל באַאַמטע", די „ציוויל באַ־אַמטע אַליאַנץ" און אפילו די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבייטער", וואָס נעמט אַריין אויך לעהרער. די שטאַרקסטע פון די אַלע קערפּערשאַפטען איז אפשר די אָרגאַני־זאַציע פון די פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע פון דעם פּאָסט־מיניס־טעריום, וועמעס קאַמף פאַר „אַנערקענונג" און פאַר דאָס רעכט פון קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען האָט זיך געצויגען דורך אַ משך פון אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען. עס זיינען דאָ אַרום פופציג באַזונ־דערע יוניאָנען פון די פּאָסט־אַמט אָנגעשטעלטע, די מערהסטע פון זיי זיינען קליינע גרופּען־אָרגאַניזאַציעס, אָבער די דריי הויפּט קער־פּערשאַפטען (די „אַסאָציאַציע פון די פּאָסט און טעלעגראַף אָנגע־שטעלטע", די „פעדעראַציע פון פּאָסט־אַרבייטער" און די „פּאָוסט אַסאָציאַציע") האָבען זיך אין 1919 אַמאַלגאַמירט אין איין מעכ־טיגער „יוניאָן פון פּאָסט־אַמט אַרבייטער", מיט נייַנציג טויזענד מיטגליעדער און עלף באַצאָהלטע באַאַמטע, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי און וואָס פיהרט פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרוואַלטונגס־באַאַמטע פון דעם פּאָסט־אַמט כמעט ווי אַ גלייכער צד.

די אָנגעשטעלטע פון די לאָקאלע רעגירונגען — דרייסיג יאָהר צוריק זיינען זיי לחלוטין געווען ניט אָרגאַניזירט — זיינען נאָך יעצט אויך ניט אזוי גוט פאראייניגט, ווי די אָנגעשטעלטע פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. א פּאָר צעהנדליג פארשיידענע געזעל־שאפטען, — פון אזעלכע גראדען, ווי שולען־אויפזעהער, פּאָליציי און געפענגעניש באאמטע און באדיענטע אין אנ־שטאַלטען, ביז צו די אָנגעשטעלטע פון די מוניציפּאַליטעטען, — פיהרן אָן זייער טעטיגקייט צוגלייך מיט דער „נאַציאָנאַלער יו־ניאָן פון שטאָדט־ארבייטער" און די „אַסאָציאַציע פון אָנגעשטעל־טע פון מוניציפּאַליטעטען". א גרויסער טייל פון די לוין־ארביי־טער, וועלכע זיינען באשעפטיגט פון די לאָקאלע רעגירונגען, גע־פינען זיך אין די יוניאָנען פון אלגעמיינע ארבייטער. די „נאַציאָ־נאַלע אַסאָציאַציע פון די באאמטע און אָנגעשטעלטע פון לאָקאלע רעגירונגען" איז א גרויסע און מעכטיגע קערפּערשאפט, וואָס באַ־שטעהט הויפּטזעכליך פון קאנטאָר־אָנגעשטעלטע און אויבער־השגחה באאמטע.

דער טרייד יוניאָניזם פון די ציוויל באאמטע האָט באקומען א גרויסען שטויס נאָך דעם יאָהר 1906, ווען הערבערט סעמועל, אלס פּאָסט מיניסטער, צוזאמען מיט אייניגע אנדערע מיניסטאָרען, האָבען „אָנערקענט" די יוניאָנען פון זייערע אָנגעשטעלטע, האָבען זיך גערעכענט מיט זייערע קאָלעקטיווע פאָרשטעהער און האָבען מסכים געווען צו פיהרן אונטערהאנדלונגען מיט זייערע באאמטע (פון די אָנגעשטעלטע). ער איז נאָך מעהר פארשטארקט געוואָרן אין 1912, ווען די רעגירונג האָט צוגעשטימט צו דער גרינדונג פון אן אומאָפּהענגיגען אויסגלייך־טריבונאַל צו אנטשיידען וועגען די באשעפטיגונגס־באדינגונגען פון די ציוויל אַמטען פאר אַלע גראַ־דען און גרופּען, וואָס באקומען ווייניגער פון פינף הונדערט פונט שטערלינג יעהרליך. צו דעם טריבונאַל, וועמעס פּסק האָט גע־האָט די קראפט פון אן אויסדריקליך אנערקענטער אויטאָריטעט, האָבען די פאָרשטעהער פון וועלכער עס איז אַסאָציאַציע געקאָנט קומען אלס אָנקלעגער און די פאָרשטעהער פון דעם פינאנץ מי־ניסטעריום קומען שטענדיג פאר איהם אלס אָנגעקלאָגטע. אַמ־

ענדרע איז נאָך די פאַרעפענטליכונג אין 1917 פון דעם „ווהייטלי באַריכט“, וואָס די רעגיערונג האָט זיך געפונען געצוואונגען אָנצונעמען אין איהרע אייגענע אַנשטאַלטען, בשעת זי האָט איהם אַרויפגעצוואונגען אויף אַנדערע אַרבייטס־געבער, דורך דעם יאָהר 1919 געשאַפען געוואָרן אַ גאַנצע רייהע געמיינשאַפטליכע ראַטען (איינשליסענדיג אפילו די ציווילע דעפאַרטאַמענטען פון דעם קריעגס־אַמט און פון דעם פּאָסט־אַמט) פאַר באַשטימטע צווייגען פון אַנשטאַלטען, פאַר גאַנצע דעפאַרטאַמענטען און פאַר גאַנצע גראַדען באַאַמטע פון אַלע דעפאַרטאַמענטען צוזאַמען. די ראַטען זיינען באַשטאַנען אין גלייכע טיילען פון פאָרשטעהער פון די אַסאָציאַציעס פון די אָנגעשטעלטע און פון העכערע באַאַמטע, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער רעגיערונג צו רעפּרעזענטירן די פאַרוואַלטונג. זיי פלעגען זיך פאַרזאַמלען פון צייט צו צייט צו פאַרהאַנדלען ווי גלייכע צדדים איבער פראַגען בנוגע צו דער אָרגאַניזירונג פון די אַמטען, וועגען פּראָפעסיאָנעלע ערציהונג, וועגען באַשעפטיגונגס־באַדינגונגען, וועגען די מעטאָדען פון איבערפיהרן באַאַמטע צו העכערע גראַדען און וועגען אַלע אַנדערע ענינים.[1]

[1] פון דעם יאָהר 1913 און ווייטער האָבען פיעלע פון די פּאָליציי און געפענגעניש באַאַמטע כסדר געאַרבייט צו גרינדען אַ טרייד יוניאָן, אָבער דער מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען („האָום סעקרעטערי“), וועלכער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פּאָליציי אין דער הויפּט־שטאָדט, און די לאָקאַלע רעגירונגען האָבען אין דעם געשטערט. אין 1913 האָט דער געוועזענער אינספּעקטאָר אַימז געגרינדעט די „יוניאָן פון פּאָליציי און געפענגעניש באַאַמטע“, וואָס איז אין 1917 רעאָרגאַניזירט געוואָרן; די אָרגאַניזאַציע איז אָבער ניט אַנערקענט אָדער סאַנקציאָנירט געוואָרן. צוליב דעם, וואָס איניגע מיטגליעדער פון דער יוניאָן „זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר קרבנות“, האָט דעם 29טען אויגוסט, 1918, אויסגעבראָכען פּלוצלונג אַ שטרייק, אין וועלכען עס האָט זיך באַטייליגט כמעט די גאַנצע פּאָליציי פון פיעלע לאָנדאָנער דיוויזיעס. דאָס איז געוועזען אַן איבערראַשונג פאַר דער וועלט (און אויך פאַר דער קרימינעלער באַפעלקערונג), אָבער צוליעב דער ווייכער האַנדלונג פון דעם הויפּט־מיניסטער, (וועלכער האָט אויפגענומען דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט פון דער יוניאָן און האָט זיי געזאָגט, אַז „די יוניאָן קען ניט אַנערקענט ווערען דורך דער צייט פון דער מלחמה“), איז

די מינען־אַרבייטער.

די יאָהרען צווישען 1890 און 1920 האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואוקס פון דעם דאָמינירענדען איינפלוס פון די אָרגאַניזירטע קרעפטען פון די קויהלען־מינען אַרבייטער אין דער אַלגעמיינער פיהרערשאַפט און אין דער קאָלעקטיווער טעטיגקייט פון דעם טרייד־יוניאָניזם. ביז אזוי שפעט ווי 1888, ווי מיר האָבען געזעהן, איז די קויהלען־גרעבער פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד און וועלש נים געלונגען אויפצוהאַלטען וועלכע עס איז אָרגאַניזאַציע אויף אַ נאַציאָנאַלען מאָסשטאַב, הגם זיי האָבען ספּאָראַדיש (אָהן אַ באַשטימטען דרך) געשאַפען לאָקאַלע אַסאָציאַציעס און האָבען פון צייט צו צייט אָנגעפיהרט מורא'דיגע קאַמפען געגען זייער אַרבייטסגעבער אַמאָל אין איין קויהלען־פעלד און אַמאָל אין אַ צווייטען. הגם זייערע פאַרשטעהער האָבען זיך פון צייט צו צייט באַטייליגט אין דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג און אין די זיצונגען פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, און האָבען — אונטער דער פירערשאַפט פון וו. פּ. ראָבערטס אין די פערציגער יאָהרען; שפּעטער אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַלעקסאַנדער מעקדאָנאַלד און נאָך איהם פון טהאָמאַס בוירט אין די זעכציגער און אין

דער רעגירונג געלונגען צו פועל'ן ביי די שטרייקער זיי זאָלען תיכף געהן צוריק צו זייערע פליכטען אויף דעם תנאי, אַז די פּאָליציי־לייטע, וועלכע טרעטען אריין אין דער יוניאָן, זאָלען מעהר ניט „געמאַכט ווערען פאַר קרבנות" און די שכירות פון דער פּאָליציי זאָל אין אַ היפשער מאָס געהעכערט ווערן. ווען דער קאַמף האָט אויפגעהערט, האָט די יוניאָן דערוואַרטעט, אַז זי זאָל ביז אַ געוויסער מאָס אַנערקענט ווערן אָפיציעל, אָבער קיינע אַנערקענונג האָט זי ניט באַקומען און די תביעות פון דער פּאָליציי זיינען געבליבען, ווי געווען. דעם 31טען יולי, 1919, איז פּלוצלונג דערקלעהרט געוואָרן אַ צווייטער שטרייק, וועלכער איז געווען אַ דורכפאַל; בלויז אַ פּאָר טויזענד פּאָליציי־לייט זיינען אַרויס אין שטרייק אין לאָנדאָן און עטליכע הונדערט אין ליווערפּול, אין בוירקענהעד און אין אַנדערע שטעדט, צוזאַמען מיט אַ קליינער צאָהל געפענגעניש שומרים. אין ליווערפּול און אין בוירקענהעד זיינען פאַרגעקומען ערנסטע פּלינדעריִען פון געשעפטען און פון שענקען דורך דעם צורודערטען המון. די אויטאָריטעטען האָבען זיך געהאַלטען פעסט און דער אינערן־מיניסטער האָט זיך אנטזאגט צו סאַנקציאָנירן אויף

די זיבעציגער יאָהרען, — נאָכאנאַנד געהאט א היבשען איינפלוס אויף זיין פארלאמענטארישער אקטיוויטעט, דאָך האָבען די מי־נען־ארבייטער אליין זיך מעהרסטענס געהאלטען באזונדער, האָ־בען אויסגעארבייט זייער אייגענע טאקטיק און געקעמפט אליין אין זייערע אייגענע מלחמות, אין וועלכע, — צוליעב זייער, ווי עס האָט געשיינט, אומהיילבארען „לאָקאליזם“,—זייער ערפאָלג פלעגט זיין ניט לויט דער מאָס פון זייער שטארקייט. די ענדערונג איז געקומען מיט דעם וואוקס פון אומצופרידענהייט מיט דער טאקטיק פון אָנהאלטען א באוועגליכע שכירות טאבעלע. דער דאָזיגער וועג צו ענדערן די לוין ראטען פראָפּאָרציאָנעל צו דעם פארקויף־מקח פון קויהלען, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרן דורך דעם משך פון די יאָהרען צווישען 1874 און 1880 — געגען דעם ווילען פון אלעק־סאנדער מאקדאָנאלד און להיפּוך צו דער מיינונג פון אזעלכע אר־בייטער־פריינד, ווי פראָפעסאָר ביסלי און ללאָיד דזשאָונז — ווי מיר האָבען שוין באשריבען, האָט אין די אכציגער יאָהרען געשאפען א כסדר וואקסענדע אומצופרידענהייט. אין 1881 האָבען די קויה־לען גרעבער פון יאָרקשייר צוזאמענגעשמאָלצען זייערע צוויי יו־ניאָנען פון דרום און מערב יאָרקשייר אין איין „אסאָציאציע פון

וועלכען עס איז אופן די גרינדונג פון אַ יוניאָן פון פּאָליציי אָדער גע־פענגעניש באַאמטע און האָט אַלע שטרייקער אָפּגעזאָגט פון זייערע שטע־לען; אין דער זעלבער צייט האָט ער דערקלעהרט, אַז ער גיט נאָך אַ גרויסען טייל פון די פאָדערונגען פון די שטרייקער בנוגע צו שכירות, העכערונגען אין ראַנג און פענסיעס און אַז ער דערלויבט, — ניט קיין טרייד יוניאָן, — נאָר די גרינדונג פון אַן אָרגאַניזאַציע פון ערוועהלטע פאָרשטעהער פון די פּאָליציילייטע פון יעדען גראַד באַזונדער, וועלכע זאָלען האָבען דאָס רעכט פאָרמעל איבערצוגעבען צו דער רעגירונג תביעות און קלאַגעס פון זייערע דערוועהלער. די דאָזיגע הנחה איז פאַרקערפּערט אין דעם געזעץ וועגען דער פּאָליציי, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן אין 1919, וועלכער פאַרבאָט אויסדריקליך דער פּאָליציי צו באַ־טייליגען זיך אַלס מיטגליעדער אָדער צו זיין פארבונדען ווי־עס־איז מיט אַ טרייד יוניאָן אָדער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. די אָפּגעזאָגטע פּאָליציי־לייט זיינען צוריק ניט אָנגעשטעלט געוואָרן, אָבער די רעגירונג האָט זיי אויף אַ ניט אָפיציעלען וועג געהאָלפען צו באַקומען אַנדערע באַשעפטיגונגען.

די מינען־ארבייטער פון יאָרקשייר", וואָס האָט אָנגעפאַנגען איהר ערפאָלגרייכע קאַריערע מיט מאַכען אַ סוף צו דעם אָרטיגען אָפּ־מאַך וועגען דער באַוועגליכער שכירות־טאַבעלע און האָט זיך שפּע־טער כסדר אַנטשלאָסען אַנטזאָגט מסכים צו זיין צום פאַרלאַנג איינ־צופיהרען, אַז שכירות זאָלען זיין אָפּהענגיג פון די פּרייזען פון קויהלען. אין גיכען האָט איהר ביישפּיעל נאָכגעפאָלגט די „פעדעראַציע פון מינען־ארבייטער פון לאַנקאַשייר און פון טשעשייר. אין 1885 האָט אַ געוויסע צאָהל קלענערע לאָקאַלע אַסאָציאַציעס געגרינדעט די „מידלאַנד פעדעראַציע" מיט דעם צוועק אָפּצושאַפען די באַ־וועגליכע לוין־טאַבעלען און אויך צו פאַרשטאַרקערן די באַוועגונג איינצופיהרען דורך געזעצגעבונג דעם אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. דריי יאָהר שפּעטער, ביי אַ קאָנפערענץ אין מאַנטשעסטער, האָבען די אַסאָציאַציעס פון יאָרקשייר, פון לאַנקאַשייר און טשעשייר, פון די מידלאַנדז און פון פייפשייר, צוזאַמען מיט אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון סאָוטה וועילז, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געהאַלטען אין פאָר־מירן, געגרינדעט די „פעדעראַציע פון מינען ארבייטער פון גרויס־בריטאַניען". בסך־הכל איז די צאָהל מיטגליעדער פון די אַלע קערפּערשאַפטען געווען משונה'דיג קליין — לכתחילה בלויז זעקס און דרייסיג טויזענט — אָבער די נייע פעדעראַציע האָט פון אָנ־פאַנג אָן געהאַט אַ באַשטימטע טאַקטיק און אַ גרויסע טרייב־קראַפט. אויסער דער פעדעראַציע זיינען געבליבען די שטאַרקע, לויט דער צאָהל פון איהרע מיטגליעדער, „אַסאָציאַציע פון די מי־נען־ארבייטער פון דורהעם" און די „אַסאָציאַציע פון געגענזייטיגער חבר'שאַפט פון די מינען ארבייטער פון נאָרטהומבערלענד", וואָס האָ־בען זיך נאָך געהאַלטען צוזאַמען אַלס די „נאַציאָנאַלע יוניאָן" (צו־זאַמען מיט דעם לעבען־געבליבענעם רעשטעל פון דער „אַמאַלגאַ־מירטער אַסאָציאַציע" אין דרום סטאַפּפאָרדשייר און מיט די בלויז נאָמינעלע „אַסאָציאַציעס פון דער באַוועגליכער לוין־טאַבע־לע", וואָס זיינען דאַמאָלס געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די מעהר־סטע קויהלען פעלדער פון סאָוטה וועילז). די „נאַציאָנאַלע יו־ניאָן" האָט געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע ביים אויסקעמפען רעפאָרמען אין דעם געזעץ פון 1877 איבער דער רעגולירונג פון

קויהלען־גריבער, וואָס האָבען פעסט איינגעפיהרט, אז פראַקטיש ביי יעדער וויכטיגער קויהלען־גרוב זאָל זיין אָנגעשטעלט אַ רע־כענער־וועגער („טשעקוועיהער"). אָבער דאָס איז געווען איהר לעצטער קאָנסטרוקטיווער אויפטו. איהר ווייטערדיגע געשיכטע איז ניט פיעל מעהר ווי אַ לאַנגער פארצווייגענער ווידערשטאַנד פון די פעהיגע און אָנגעזעהענע פיהרער פון די מינען־ארבייטער פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם געגען די נייע אידעען וועגען דער טאַקטיק פון דער ארבייטער באַוועגונג, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו פארכאַפּען דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, ווי מיר האָבען באשריבען, און וואָס זיינען צוערשט אָנגענומען געוואָרן,—אויב ניט פון אַלע פיהרער — לכל הפחות פון די קאָנפערענצען פון די דעלעגאַטען פון דער „פעדעראַציע פון די מינען־ארבייטער" איינע נאָך דער אַנדערער.

די גרינדונג פון דער פעדעראַציע איז פאָרגעקומען אין אַ פעריאָדע, ווען די קויהלען אינדוסטריע איז שנעל געוואַקסען. די צאָהל באשעפטיגטע ביי קויהלען־גראָבונג איז היבש געשטיגען פון יאָהר צו יאָהר און דער טרייד יוניאָניזם האָט זיך צווישען זיי שנעל פארשפרייט. אין איין באַצירק נאָך דעם צווייטען זיינען געשאַפען געוואָרען שטאַרקע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, אומעטום געבאַזירט אויף דער אויטאָנאָמיע, בנוגע צו אָרטיגע ענינים, פון דער „לאָזשע", אָדער לאָקאַל, וואָס איז באשטאַנען פון די ארביי־טער פון אַ באשטימטער קויהלען־גרוב און איז פארוואַלטעט גע־וואָרען דורך אַלגעמיינע פארזאמלונגען פון די מיטגלידער, וועל־כע דערוועהלען אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געוועהנליך זיצונגען לכל הפחות איין מאָל אַ וואָך. אָבער הגם די „נאַציאָנאַלע יוניאָן" האָט נאָכאַנאַנד פארלאָרען איהר איינפלוס, האָט עס גענומען צוואַנ־ציג יאָהר איידער אַלע באַצירק פאראיינען זיינען אריינגעטראָטען אין דער „פעדעראַציע פון די מינען ארבייטער", וואָס האָט ביז דעם יאָהר 1893 געהאַט וועניגער פון צוויי הונדערט טויזענט מיט־גלידער און וואָס האָט זיבען יאָהר שפּעטער נאָך אַלץ געהאַט בלויז 363 טויזענט מיטגלידער. אפילו אזוי זיינען די מינען־ארבייטער, ווי מיר האָבען זיי באשריבען אין 1892, אין איינינע

הינזיכטען געווען די אַמשטאַרקסטען אָרגאַניזירטע פון די אינדוסטריעלע גרופּען, אין וועלכע מיר האָבען איינגעטיילט די טרייד־יוניאָן וועלט פון יענער צייט. אין 1908, ווען די „נאַציאָנאַלע יוניאָן" האָט אַמענדע אויפגעהערט צו עקזיסטירן און צו דער פעדעראציע זיינען צוגעשטאַנען נארטהומבערלאַנד און דורהאַם, איז איהר צאָהל מיטגליעדער געשטיגען ביז קרוב צו זעקס הונדערט טויזענט; דער וואוקס פון דער אינדוסטריע פאר די ווייטערע צוועלף יאָהר און דאָס איינשליסען אין דער פעדעראציע פון אַ גרויסען טייל פון די גרופּען־יוניאָנען צווישען די פארשידענע גראַדען פון די מינען־אַרבייטער[1] האָט געבראַכט די צאָהל פון איהרע מיטגלידער אין 1920 צו כמעט ניין הונדערט טויזענט.

דורך דער צייט האָבען די מינען אייגענטימער אָנגעפאַנגען אַ סכסוך; אין 1893 האָבען זיי אומעטום געפאָדערט, אַז די אַרבייטער זאָלען מסכים זיין צו אַ היבשער פאַרקלענערונג פון די לוין־ראַטען, טענה'נדיג, אַז דער פארקויף־מקח פון קויהלען איז געפאַלען. אין דעם גרויסען שטרייק, וואָס איז צוליעב דעם אַרויסגערופען געוואָרן, האָבען זיך באַטייליגט פיער הונדערט טויזענט אַרבייטער און האָט געדויערט פון יולי ביז נאָוועמבער. צום סוף האָבען די אַרבייטער געמוזט אָננעמען פאַרקלענערונגען אין זייערע שכירות, הגם זיי האָבען געוואונען דעם וויכטיגען פּונקט, וואָס עס איז פּראַקטיש, הגם ניט בפירוש, אַנערקענט געוואָרן אַ מינימום, נידעריגער פון וועלכען זייער לוין טאָר ניט פאַלען. דער ווייטערדיגער גרויסער אויפטו פון דער פעדעראציע איז געווען דאָס ווירקען, אַז דער פּראָיעקט וועגען אַן אכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג

---

[1] די מאַשיניסטען, די אכטונג־געבער אויף די דאַמף־קעסלען, די קויהלען־שאַרער (פאַר די מאַשינען), די מעכאַניקער פון די קויהלען־גריבער, די קויהלען־איבערברענער („קאָולמען"), די געהילפס־פאַרוואַלטער און אַנדערע אָנגעשטעלטע און די פארשיידענע מינים אַרבייטער אויבען ארום די מינען, האָבען אַלע זייערע אייגענע יוניאָנען, וואָס האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט דורך די לעצטע יאָהרען און האַלטען זיך צוריק, אין פיעלע באַצירקען, פון אָנשליסען זיך אָן די אָרגאַניזאַציעס פון די מינען־אַרבייטער פון דער פּראָווינץ, הגם זיי טרעטען אָפט אַרויס מיט זיי צוזאַמען.

זאָל אָנגענומען ווערן אַלס געזעץ; דאָס איז, הויפּטזעכליך צוליעב דער געגנערשאַפט פון די פיהרער פון נאָרטהומבערלאַנד און דור־האם, דורכגעפיהרט געוואָרען ערשט אין 1908. דורך איהר איינ־פלוס איז אויך אויסגעבעסערט געוואָרן דער געזעץ פון 1911 ווע־גען דער רעגולירונג פון מינען־גראָבונג. איהר דריטער ערפאָלג, — א פועל יוצא פון א צעהן־יאָהריגער ערפאָלגרייכער אָרגאַניזאַ־ציאָנס־ארבייט און אינטעלעקטועלער פיהרערשאַפט פון ראבערט סמיליע, וועלכער איז זינט 1912 אַלע יאָהר כסדר ווידערער־וועהלט געוואָרן אַלס איהר פּרעזידענט, — איז געקומען בלויז אַלס א רעזולטאַט פון דעם גרעסטען אינדוסטריעלען קאַמף, וואָס גרויס בריטאַניע האָט ווען עס איז דורכגעמאַכט.

דער אַלגעמיינער שטרייק פון די מינען־ארבייטער אין 1912, ווען די ארבייט איז פּראַקטיש אָפּגעשטעלט געוואָרן אין יעדער מי־נען־גרוב און קרוב צו א מיליאָן ארבייטער האָבען ניט געארבייט מעהר פון א מאָנאַט צייט, איז געקומען דורך דעם, וואָס די קויהלען־מינען געזעלשאַפטען האָבען גאָר ניט געטאָן געגען די ליידען און די אומגערעכטיגקייטען, פון וועלכע איינצעלנע ארבייטער האָבען אָבער־און־ווידער געליטען. די שטיק־ארבייט־ראַטען פון די אויס־האקער אָדער די ארויסבאַקומער פון קויהלען („היוערז" אָך „געטטערז") קען לייכט צופריעדענשטעלענד צוגעפּאַסט ווערן צו די אָנגענומענע טאָג־שכירות פון דעם באַצירק, הגם די דאָזיגע צו־פּאַסונג ווערט אין יעדען באַצירק, אָדער אפילו ביי יעדער מינען־גרוב, געמאַכט אויף פאַרשיידענע אופנים, וואָס זיינען אַליין ווייט פון צו באַוואָרענען אַלע פּרטים אָדער פון צו זיין צופריעדענשטעלענד. אָבער וואָס זאָל מען טאָן ווען דער קויהלען־גרעבער, — דורך אומ־שטענדען, וואָס ער אַליין קען ניט קאָנטראָלירן, — האָט ניט די מעגליכקייט ארויסצובאַקומען גענוג קויהלען צו פּראָדוצירן א לע־בענס־לוין פאַר זיך? — אין פאַל מען האָט איהם געשטעלט ארביי־טען אין אַן „אוננאָרמאַלען פּלאַץ" — וואו דער שיכט איז דין אָדער צוברעקעלט אויף קליינע קויהלען (פאַר וועלכע דער אויס־האַקער באַקומט אין סאַטוה ווײַלז גאָר ניט באַצאָהלט); אָדער וואו מען מוז האָבען אויסערגעוועהנליכע שטריכעוואַניעס צו פאַר־היטען פון געפעהרליכע איינפאַלונגען; אָדער וואו עס איז דאָ

צופיעל „שטיין" אָדער וואַסער; אָדער, — אין „נאָרמאַלע פּלעצער", — אויב די פּאַרוואַלטונג פון דער קויהלען־מינע באַזאָרגט איהם ניט שטענדיג אין צייט מיט „טראַמען" אָדער „צעבערען" אויף אָנצולאָדען אין זיי די קויהלען; אָדער זי באַזאָרגט איהם ניט מיט גענוג געהילץ פאַר זיילען און באַלקענס; אָדער מיט גענוג רעלסען — וועט קיין בריה'שאַפט, כח אָדער התמדה ביי דער אַרבייט ניט קענען אָפּהאַלטען זיינען פאַרדיענסטען פון קלענער ווערען ביז צו כמעט גאָרנישט. אַ לאַנגע צייט איז אין אייניגע קויהלען־פעלדער געוועזן איינגעפיהרט צו וואַרפען גורל פאַר „פּלעצער" און אויף דעם שטייגער האָט מען פון צייט צו צייט זיך געביטען צווישען די אַרבייטער מיט די געלעגענהייטען; אין אַנדערע מינען פּלעגט מען די אויסהאַקער, וועלכע פּלעגען זיך באַקלאָגען אויף צו קליינע פאַרדיענסטען, אויסצאָהלען געוויסע סומען אַלס „אויסצאָהל־געלד" אין אָנבאַטראַכט פון דער לאַגע. די אויסצאָהל־געלד פּלעגט ווערן באַוויליגט ניט רעגעלמעסיג, אָהן דעם שוץ פון קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען און אָהן אַ באַוואָרעניש געגען אומגערעכטיגקייטען; יעצט לייקענט מען עס שוין ניט, אַז אין אייניגע קויהלען־גרובען, באַזונדערס אין סאַוטה וועילז, פּלעגען די אייגענטימער זיך באַנוצען מיט דעם פּשוט'ען איינפאַל פון פּאַרוועהרען דעם פאַרוואַלטער צו באַוויליגען די אַרבייטער מעהר פון אַ געוויסער מאַקסימום־סומע געלד יעדען מאָל ווען מען האָט „אויסגעמאָסטען" די אַרבייטס־פּלעצער, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, ווי פיעל גערעכטע תביעות דער אַרבייטער האָט אָדער ווי גרויס זיי זיינען. די דאָזיגע סומען פּלעגען, חוץ דעם, באַשטימט ווערן אַ סך קלענער ווען די געשעפטען זיינען געוועזן שלעכט און די פּראָפיטען זיינען געוועזן גאָר קליין, באַזונדערס אין יענע קויהלען־מינען, וואָס האָבען געאַרבייט ווירקליך פאַרלירענדיג געלד. גאַנצע צעהן יאָהר האָט אָהן אַ גרויסען פּועל־יוצא אָנגעהאַלטען די אַגיטאַציע צו דערשלאָגען זיך צו אַ באַשטימטען מינימום פאַר דעם טעגליכען פאַרדיענסט פון אַלע שטיק־אַרבייטער און האָט געבראַכט צו ניט ווייניג לאָקאַלע אָפּשטעלונגען פון דער אַרבייט, באַזונדערס אין סאַוטה וועילז. צו ענדע פון דעם יאָהר 1910 האָבען זיי זיך אין די טאָלען פון אַבערדעיר און רהאָנדראַ פּאַנאַנדער־

געפלאָקערט אין אַ כמעט בסדר׳דיגע רייהע פון סכסוכים. אין יולי פון 1911 האָט די „פעדעראציע פון די מינען־גרעבער" געפאָ־נען זיך געצוואונגען אָפּצוגעבען זיך מיט דעם ענין אַלס מיט אַ פראגע, וואָס ריהרט אָן די מינען־ארבייטער פון גאַנצען לאַנד, און אַן אָפּשטימונג פון איהר גאַנצער מיטגליעדערשאַפט האָט באַשלאָסען פאר אַן אַלגעמיינעם שטרייק אויב די בעלי־הבתים וועלען ניט נאָכגעבען די פאָדערונג אַנצוגעמען דעם פּרינציפּ פון אַ באַשטימטען טעגליכען מינימום־לוין ניט בלויז פאר די אויסהאַ־קער, נאָר אויך פאר אַלע גראַדען מינען־ארבייטער. די אייגענ־טימער האָבען געמאַכט טענות און לסוף די פאָדערונג אנטזאגט. נאָך אַ וועיטערדיגער אָפּשטימונג איז באַשלאָסען געוואָרען צו רו־פען אַן אַלגעמיינעם שטרייק, וועלכען די פארהאַנדלונגען פון דער רעגיערונג האָבען ניט געקענט אָפּהאַלטען און וועלכער האָט זיך צום סוף פעברואר פון 1912, נאָך לאַנגע און וויעדערהאָלטע התראות, אָנגעפאַנגען און האָט זיך שנעל פארשפּרייט ביז ער האָט פּאַק־טיש פארכאַפּט יעדע קויהלען־גרוב אין דעם קעניגרייך. אַזוי ווי ניט די ארבייטס־געבער און ניט די ארבייטער האָבען ניט גע־וואָלט נאָכגעבען, האָט די רעגיערונג געלאָזט וויסען, אַז זי קלייבט זיך פאָרצושלאָגען אַ געזעץ, לויט וועלכען אַלע מינען־ארבייטער, וועלכע ארבייטען אונטער דער ערד, זאָלען באַקומען באַצאָהלט — ניט דעם מינימום־לוין, וואָס די באַצירקען האָבען אויסגעארבייט יעדער פאר זיך און אויך ניט אפילו דעם געפאָדערטען אַלגעמיין־נאַ־ציאָנאַלען מינימום פון פינף שילינגען (טעגליך) פאר אַ דערוואַקסע־נעם ארבייטער און צוויי שילינגען פאר אינגלאַך — נאָר פארשי־דענע באַצירק־מינימומען, וואָס דארפען באַשטימט ווערען אין יע־דען קויהלען־פעלד באַזונדער דורך אַ געמיינשאַפטליכער קאָמי־סיע פון ארבייטס־געבער און ארבייטער מיט אַן אומפּארטייאישען פאָרזיצענדען. געגען דעם געפּלאַנטען געזעץ האָבען ביטער גע־קעמפט ניט נאָר די קויהלען־גריבער אייגענטימער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין געזעצליכען לוין־מינימום, נאָר אויך די פאָרשטעהער פון די ארבייטער אין דעם פּאַרלאַמענט, וועלכע האָבען געפאָדערט אַ באַשטימטען מינימום פאר׳ן גאַנצען לאַנד. דער געזעץ איז אָבער אָנגענומען געוואָרען דורך אַ היבשער מאַיאָ־

ריטעט. דער פּאַרוואַלטונגס קאָמיטעט פון דער פעדעראַציע איז געווען אין אַ פּאַרלעגענהייט ניט וויסענדיג אויף וואָס צו באַשליסען זיך, ווארים האלב פון דער מיטגליעדערשאַפט האָט געוואָלט אָנגעהן מיט דעם קאַמף; אָבער אַמענדע איז באַשלאָסען געוואָרן צו געבען דעם גזוצץ און די געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס אַ געלעגענהייט און דעם שטרייק האָט מען דערקלעהרט אַלס געענדיגט. אין די מעהרסטע פאַלען האָט דער אומפּאַרטייאישער פּאַרזיצענדער געמוזט אַנטשיידען וועגען דעם מינימום־לוין און וועגען די רעגעלען בנוגע צו איהם פאַר די פאַרשיידענע באַצירקען באַזונדער און דער לוין איז געווען ווייט ניט גלייך אומעטום. געוועהנליך איז ער געווען עטוואָס וועניגער פון דעם, וואָס די אַרבייטער האָבען געפאָדערט. ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשטעהן ווי מיט דעם סיסטעם צו באַנוצען זיך און ער האָט שוין געאַרבייט גלאַט, האָט מען אַנערקענט, אַז די פעדעראַציע פון די מינען־אַרבייטער האָט געהאַט זעהר אַ וויכטיגען זיעג. צווינגענדיג די מינען־אייגענטימער צו צאָהלען זיי דעם מינימום טאָג־לוין, וואָס איז פּעריאָדיש באַשטימט געוואָרן, האָבען די גרעבער זיך באַנוצט מיט דער הילף פון דער שטאַרקער האַנט פון דעם געזעץ, — אמת, ניט פון דעם קרימינעלען געזעץ, ווי אין דעם פאַל פון די געזעצען, וואָס רעגולירען די אַרבייט אין די מינען, פאַבריקען און אַרבייטס־פּלעצער און וואָס די רעגיערונג צווינגט צו פאָלגען דורך אינספּעקטאָרען און געזעצליכע באַשטראָפונגען, נאָר פון דעם ציווילען געזעץ וועגען קאָנטראַקטען, וואָס זיי אַליין קאָנען צווינגען די אַרבייטס־געבער נאָכצוקומען דורך קלאַגעס אין דעם געריכט פון דער פּראָווינץ. די פעדעראַציע האָט אַרויסגעריסען פון דער רעגיערונג און פון די געזעצגעבער „אַן אויסעראָרדענטליכען און אין איילעניש צוגעגרייטען געזעץ, וואָס איז שנעל דורכגעשטופּט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט אונטער דעם שאָטען פון אַ נאַציאָנאַלען אומגליק וואָס האָט צו זיך ניט געהאַט קיין גלייכען" (ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט ה. סטאַנלי דזשעוואָנד אין זיין בוך וועגען דער קויהלען אינדוסטריע אין ענגלאַנד). די ערפאַהרונג האָט געצייגט, אַז דער דאָזיגער געזעץ, וואָס איז נאָמינעל בלויז צייטווייליג, מאַכט זיכער, אַז די אויסהאַקער זאָלען באַקומען אַ נישט־קשה'דיגען מינימום טאָג־לוין אפילו ווען

די באַדינגונגען פון זייער אַרבייט זיינען אַזעלכע, אַז זי באַצאָהלט זיך זעהר ווייניג, און אַז דורך דעם, וואָס די געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס באַשטימען די לוין־ראַטען, זיינען די שכירות פון די פאַרשיידענע גראַדען פון די ווייניגער געלערענטע אַרבייטער בכלל היבש פאַרגרעסערט געוואָרן. אָבער נאָך מעהר וויכטיג, איידער די דאָזיגע דירעקטע רעזולטאַטען, איז געווען דאָס, וואָס דורך דעם שטרייק האָט זיך אַרויסגעצייגט און זיך פאַרפעסטיגט איבער'ן גאַנצען לאַנד די מאַכט פון דער „פעדעראַציע פון די מינען־גרעבער" גופא, און דער רעספעקט, וואָס איהר מאַכט האָט צו איהר אַרויסגערופען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, צווישען די אַרבייטס־געבער, ביי דער רעגיערונג און אין פאַרלאַמענט.

דורך דעם משך פון אַ גאַנצען יאָהר אָדער צוויי יאָהר זיינען די אָרגאַניזאַציעס פון די מינען־ אַרבייטער געווען פאַרנומען מיט דורכפיהרען דעם געזעץ פון 1912 און מיט דער פאַרווירקליכונג פון די באַשלוסען פון די געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס. אָבער אין 1913 האָט די דעלעגאַטען־קאָנפערענץ געמאַכט אַ נייעם שריט, אויפפאָדערענדיג דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט ער זאָל אָנפאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט אַנדערע טרייד יוניאָנען וועגען געמיינשאַפטליכע אַרויסטרעטונגען כדי צו העלפען איינע די אַנדערע. אַ פאָרמעלער בונד איז געשלאָסען געוואָרן צווישען דער „פעדעראַציע פון די מינען אַרבייטער", דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער" און דער „פעדעראַציע פון טראַנספּאָרט אַרבייטער" — וואָס איז באַקאַנט געוועהנליך אַלס דער „דריי־בונד" („טריפּעל עלייענס"), — אָבער פּלוצלונג האָט זיך די גאַנצע לאַגע געענדערט דורך דעם אויסברוך פון דער גרויסער מלחמה. די פופצעהן הונדערט קויהלען־מינען געזעלשאַפטען און די אינדיווידועלע אייגענטימער פון קויהלען־גריבער, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען פאַראייניגט אין דער „מינערריי אַסאָציאַציע פון גרויס בריטאַניען", ווי אויך אין באַצירק אַסאָציאַציעס, האָבען דורך דער גאַנצער צייט זיך כסדר אָנטשלאָסען אָנטזאַגט צו אונטערהאַנדלען מיט דער „פעדעראַציע פון די מינען־אַרבייטער" וועגען אַן אָפּמאַך פאַר דעם גאַנצען לאַנד אָדער וועגען הנחות אין

שכירות פאר די מינען ארבייטער פון גאנצען לאנד, הגם אין יעדען באצירק האָבען שוין א לאנגע צייט עקזיסטירט אויסגעארבייטע אָרגאניזאציעס פאר אונטערהאנדלונגען.

דורך די פיער און א פערטעל יאָהרען, וואס די וועלט־מלחמה האָט געדויערט (1914—1918), האָבען די מינען־גרעבער, ווי דער גאנצער בריטאנישער ארבייטער־קלאַס, פּאטריאָטיש געשטעלט זייערע אייגענע אינטערעסען נידעריגער פון די אינטערעסען פון דער גאנצער נאציע בכלל. זיי זיינען פרייוויליג אריינגעטראָטען אין מיליטער־דיענסט אין אזא גרויסער צאָהל, אז מען האָט זיי געמוזט פארבאָטען צו פארלאָזען די מינען, און פיעלע פון זיי זיי־נען געשיקט געווארן צוריק פון די ארמייען, כדי אויפצוהאלטען די פּראדוקציע פון קויהלען. דאָרט, וואו זיי האָבען געהאט אפּ־מאכען, אז זייערע שכירות דארפען געהעכערט ווערן פּראָפּאָר־ציאָנעל צו דער שטייגונג פון די פּרייזען פון קויהלען — ווי אין דורהאם, — האָבען זיי זיך אָפּגעזאָגט פון די העכערונגען; זיי האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט קלענערע פּראצענטען אין דער העכערונג פון די לוין־ראטען און מיט די אכצעהן פּענים א טאָג, אויף וועלכע די רעגירונג האָט געהעכערט זייערע שכירות צוויי מאָל, אין 1917 און אין 1918, וואָס איז געווען לפי ערך פיעל וועניגער אײדער די שטייגונג פון דעם יקרות אויף לעבענס־מיטלען. ווען די מלחמה האָט אויפגעהערט, צום סוף פון 1918, און דער יקרות אויף לעבענס מיטלען האָט ניט אויפגעהערט צו שטייגען, האָט די „פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער" (וואָס האָט דערוועהלט אלס איהר נייעם סעקרעטער דעם יונגען מינען־גרעבער פון סאוטה וועילז, פראנק האָדזשעס, וועלכער האָט בא־קומען זיין בילדונג אין ארבייטער הויך־שולען, האָט באַשטימט א געגוועגדע געהאלט פאר איהר פּרעזידענט, ער זאָל אפּגעבען זיין גאנצע צייט פאר דער יוניאָן, און האָט צום ערשטען מאָל גע־עפענט א קאָנטאָר אין לאָנדאָן) ווידעראמאָל אָנגעפאנגען ארביי־טען פאר א שכירות העכערונג, ווי מיט פינף יאָהר צוריק. אין פעברואר פון יאָהר 1919, נאָך אן אָפּשטימונג פון דער גאנצער מיטגליעדערשאפט, האָט די פעדעראציע געגעבען א קלאָרע התראה

צו די מינען־איינענטימער, אז זי פאדערט אן אלגעמיינע העכע־רונג פון שכירות אויף דרייסיג פראָצענט, א דורכשניטליכע פאר־קירצונג פון די ארבייטס־שטונדען אויף איין פערטעל, (אָנשטאָט דעם נאָמינעלען אכט־שטונדען טאָג — א נאָמינעלען זעקס־שטונד־דען טאָג) און — וויכטיגער פון אלץ — די באזייטיגונג פון דעם פּראָפיטירענדען קאפיטאליסט פון דער אינדוסטריע דורך דער נאַ־ציאָנאליזירונג פון די מינען־גריבער, — א זאך, וואס דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט אומזיסט געפאדערט דורך א משך פון אי־בער צוואנציג יאָהר. די אייזענבאהן ארבייטער און די טראַנספּאָרט ארבייטער האָבען אין דערזעלבער צייט, אין מערץ פון 1919, גע־פיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען פארבעסערן זייער לאגע און עס האָט דערפאר אויסגעזעהן, אז עס האלט ביים אויסברעכען נאָך א גרעסערער אלגעמיינער שטרייק איידער דער שטרייק פון 1912, וואָרים דער „דריי־בונד" האָט פאראייניגט א מיטגלידערשאפט פון מעהר פון אנדערהאלבען מיליאָן ארבייטער און אונטער זיין פיה־רערשאפט זיינען געשטאנען איין זעקסטעל פון אלע דערוואקסענע ארבייטער פון לאנד. די רעגירונג, וועלכע האָט נאָך אלץ, דורך דער מאכט פון די מלחמה געזעצען, געהאט די אויפזיכט איבער די מינען און די אייזענבאהנען, האָט אויף דער פאדערונג פון די ארבייטער גענטפערט מיט א פאָרשלאָג צו שאפען דורך א באַ־זונדער געזעץ א קאָמיסיע („סטאטשוטאָרי קאָמישאָן", וואָס עק־זיסטירט אויף דעם סמך פון א געזעץ און איז ניט בלויז געשאפען פון דער רעגיערונג אלס א טייל פון דער פארוואלטונגס ארבייט פון לאנד), וואָס זאָל אר־בייטען אונטער דעם פאָרזיץ פון א ריכטער פון דעם הויכען געריכט און זאָל האָבען פּראַקטיש אומבאגרענצטע מאכט צו מאַ־כען אונטערזוכונגען און צו רעקאָמענדירען פארבעסערונגען; אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג גענעבען דער פעדעראציע צו פארשטעהן, אז א שטרייק וועט ווערן אונטערדריקט מיט דער גאנצער מאכט פון דעם שטאַאט אָבער אויך, אז די רעקאָמענדאַ־ציעס פון דער קאָמיסיע וועלען אָנגענומען ווערן פון דעם מיניסטאָרען קאבינעט. די קאָנפערענץ פון דער פעדעראציע פון די מינען־

ארבייטער האָט פארבראכט פיעלע שטונדען אויף ישוב'ען זיך. א גרויסער טייל פון די דעלעגאטען זיינען געווען פאר א באלדיגען שטרייק. די סטראטעגישע פּאָזיציע פון די ארבייטער איז באמת געווען אן אויסערגעווערנליך גוטע. די זאפּאסען פון קויהלען אין לאנד זיינען געווען זעהר קליין — לאָנדאָן האָט געהאט קויהלען גענוג בלויז אויף דריי טעג. אמענדע אָבער איז אנגענומען גע־וואָרן דער ראט פון די פיהרער און עס איז באשלאָסען געוואָרן אָפּצולייגען אויף דריי וואכען דאָס אָפּשטעלען פון דער ארבייט און צו באטייליגען זיך אין דער „געזעצליכער" קאָמיסיע מיט דעם אויסדריקליכען תנאי, אז זי מוז דורך דעם משך צייט צושטעלען א פּאָרלויפיגען באריכט און — די רעוואָלוציאָנערסטע פּאָדערונג פון אלע אנדערע — אז דער פעדעראציע זאָל געגעבען ווערן דאָס רעכט צו נאָמינירן פאר דער קאָמיסיע ניט בלויז איהרע אייגענע דריי מיטגליעדער אנטקעגען די דריי מיטגליעדער פון די מינען־אייגענטימער, וואס זיינען אומאָפיציעל באשטימט געוואָרען פון דער „אסאָציאציע פון מינען אייגענטימער פון גרויס בריטאניען", נאָר אויך דריי פון די זעקס מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וועלכע דארפען זיין אויסדריקליך אומפּאראינטערעסירטע מענשען, אלס א געגען־געוויכט אנטקעגען די דריי קאפּיטאליסטען, וואס די רעגי־רונג האָט שוין געווען אויסגעקליבען אלס פארשטעהער פון די הויפּט אינדוסטריען, וואס מוזען האָבען קויהלען פאר מעסיגע פּרייזען, אום זיי זאָלען קאָנען עקזיסטירן. דער הויפּט־מיניסטער האָט מסכים געווען צו די באדינגונגען. די „פעדעראציע פון די מינען־גרעבער" האָט דאמאָלסט, צוזאמען מיט איהר פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט און סעקרעטאר, נאָמינירט ניט קיין דריי אנדע־רע ארבייטער, נאָר דריי עקאָנאָמיקער און סטאטיסטיקער, וועלכע באלאנגען צו דער „פאַביאנער געזעלשאפט" און זיינען געווען באַ־קאנט צו די פיהרער פון דער יוניאָן דורך זייערע לעקציעס און שריפטען; מיט דעם האָט זי געשאַפען א נייעם פּרעצעדענט, וואָס וועט האָבען א ווייט־גרייכענדע ווירקונג.

די פארהאנדלונגען פון דער קאָמיסיע, וואס האָט אָפּגעהאלטע־ טעגליכע אָפענע זיצונגען אין דעם קעניג'ס איבערטאָן־צימער אין

דעם לאָרדען־הויז („קינג׳ס ראובינג־רום”), האָבען געשאפען א גוואלדיגע סענזאציע. אָנשטאָט דער טרייד יוניאָן איז גאר די פארוואלטונג פון דער אינדוסטריע געשטעלט געוואָרען צום משפט. עס זיינען אויפגעדעקט געוואָרען די גרויסע פּראָפיטען אין דער אינדוסטריע דורך דער צייט פון דער מלחמה און באזונדערס די גוואלדיגע רוחים פון די בעסערע מינען. עס איז געווארען קלאָר פאר יעדען איינעם, אז הגם די רעגירונג גופא האָט דורך דעם אָפּצאָהל אויף איבער־פּראָפיטען באקומען פופציג, זעכציג און לסוף אכטציג פּראָצענט פון די דאָזיגע רוחים, האָט דאָך, אויסער צוליעב דעם אָפּצאָהל, דער מקח פון קויהלען געקאנט זיין נידעריגער און די לעבענס באדינגונגען פון די מינען־גרעבער גע־קאָנט פארבעסערט ווערן צו א מצב, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט חושד געווען אלס מעגליך. מען האָט אויך דערזעהן, אז צוליעב דעם, וואָס די קויהלען מינען באלאנגען צו פארשיידענע איי־גענטימער, קאָן דאָס לאנד ניט באקומען די פולע נוצען פון די בעסטע פון זיי. עס איז ארויסגעבראכט געוואָרן א לעבעדיג בילד פון דעם כאָאָטישען צושטאנד פון דער אינדוסטריע: מיט פופצעהן הונדערט באזונדער ארבייטענדיגע אקציען־געזעלשאפטען מיט גאנץ פארשיידענע אנפיהרונגס הוצאות, מיט קיין קאָאָרדינירונג פון דער פּראָדוקציע און מיט ביז צום לעצטען אויסברייגנערישע איינשטעלונגען פון דעם טראנספּארט און פון דער איינצעל־פאר־טיילונג. אין דער זעלבער צייט זיינען בולט באוויזען געווארן און האָבען אויפגעריהרט דאָס גאנצע לאנד די אומצופרידענשטע־לענדע באדינגונגען, אונטער וועלכע די מינען־גרעבער האָבען גע־לעבט; די סקאנדאַליעז שלעכטע וואוינונגען פון די מינען־ארביי־טער פאמיליעס אין לאנקאשייר און אנדערשוואו. פונקטליך צום באשטימטען טאָג האָט די קאָמיסיע צוגעשטעלט דריי באריכטען. די דריי מינען־אייגענטימער האָבען ניט פארגעשלאָגען קיין פאר־בעסערונג אין דער אָרגאניזירונג פון דער אינדוסטריע; פאָר די ארבייטער האָבען זיי פאָרגעשלאָגען א העכערונג אין די שכירות אויף אכטצעהן פענים א טאָג און א פארקירצונג פון דער ארבייטס צייט אויף איין שטונדע טעגליך, ד. ה. בלויז האלב פון דעם, וואס

מען האָט געפאָדערט. די זעקס פארשטעהער פון די מינען־ארבייטער האָבען צוגעשטעלט א לאנגע און באגרינדעטע רעכט־פארטיגונג פון די פאָדערונגען פון די ארבייטער. זיי האָבען גע־טענה'ט, אז די פאַראייניגונג פון דער אינדוסטריע אַלס נאַציאָנאַ־לער אייגענטום מיט דער איינפיהרונג אין אַלע מינען פון די מעכאַנישע אויסבעסערונגען, וואָס ווערן שוין געברויכט אין די אמבעסטען־פארוואַלטעטע גריבער, מיט א מעהר פארזיכטיג אויס־געארבייטען סיסטעם פון טראַנספּאָרט און מיט א מוניציפּאַלע אָרגאַניזאַציע פאר דער איינצעל פארטיילונג וואָלט געמאַכט פּראַקטיש מעגליך נאָכצוגעבען אינגאַנצען די פאָדערונגען פון די ארבייטער צו העכערען זייערע שכירות אויף דרייסיג פּראָצענט און צו פארקירצען זייער ארבייטס טאָג אויף צוויי שטונדען טעג־ליך, ניט מאַכענדיג קיינע העכערונגען אין דעם מקח פון קויהלען פאר די געברויכער. דער פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט א דריטען באריכט, אונטער וועלכען עס האָבען זיך אונטערגעשריבען די דריי ניט־פאראינטערעסירטע קאַפּיטאַליס־טען און וואָס האָט זיך געהאַלטען לויט זיינע אויספיהרונגען צווי־שען די צוויי אַנדערע, פאָרשלאָגענדיג תיכף צו העכערן די שכירות פון די ארבייטער אויף צוויי שילינגען א טאָג, אָדער אויף צוואַנציג פּראָצענט, און תיכף צו פארקירצען די ארבייטס־צייט אויף איין שטונדע פער טאָג מיט דער פארשפּרעכונג צו פארקיר־צען די ארבייטס־צייט אויף נאָך א שטונדע אין דעם יאָהר 1920, אויב דער צושטאַנד פון דער אינדוסטריע וועט עס דער־לויבען. בנוגע צו דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער מינעריי אינדוסט־ריע האָט דער באריכט דערקלערט, אז היות ווי עס איז נאָך ניט געווען גענוג צייט צו אונטערזוכען דעם פאָרשלאַג, וועט די קאָ־מיסיע אָנגעהן מיט איהרע זיצונגען און וועט שנעל צושטעלען א ווייטערן באריכט, אָבער אז עס איז פּשוט צו זעהן, אפילו פון די באווייזען, וואָס זיינען שוין צוגעשטעלט געווארן, אז דער יעצ־טיגער סיסטעם איז א פאַרדאַמטער און זיין פּלאַץ מוז, דורך דעם נאַציאָנאַלען אויסקויף פון די מינען, פארנעמען אַנאַנדער סיס־טעם — אָדער שטאַאַטס־פּאַרוואַלטונג, אָדער א פּלאַן, לויט וועלכען

די מינען זאָלען געשטעלט ווערן אונטער א געמיינשאַפטליכען קאָנטראָל, אין וועלכען די מינען־ארבייטער זאָלען זיך באַטייליגען. די דאָזיגע שטארקע דערקלעהרונג פון דעם ריכטער־פארזיצענדען, געשטיצט פון דריי קאַפּיטאַליסטישע מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט קיין מינען־אייגענטימער, האָט ארויסגערופען א גרויסע סענ־זאציע אין לאנד. דער מיניסטאָרען־קאַבינעט האָט תיכף אָנגע־נומען דעם באריכט פון דעם פאָרזיצענדען און האָט זיך פארפליכ־טעט דורכצופיהרען איהם „בוכשטאבליך און לויט זיין גייסט". די פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער איז געווען אין ספק ווע־גען דעם, ווי צו האנדלען, אָבער לסוף, נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם פארשלאג תיכף ווייטער צו אונטערזוכען די פראגע וועגען נאציאָנאַליזירונג, אונטער דעם איינדרוק פון די וויכטיגע אויס־פיהרונגען פון ריכטער סענקי, האָט זי באשלאָסען איבערצוגעבען די זאך פאר דער אפשטימונג פון איהר מיטגלידערשאפט, וואס האָט, שטארק באַרוהיגענדיג דאָס פּובליקום, מיט א גרויסער מעהרהייט מסכים געווען אָנצונעמען דעם פארשלאג פון דער רעגירונג.

די קויהלען אינדוסטריע קאָמיסיע האָט אין הסכם מיט דעם ווייטער אָפּגעהאַלטען איהרע זיצונגען, מאַכענדיג איצט דעם עיקר פון איהרע פארהאנדלונגען די פראגע וועגען נאַציאָנאַליזירונג און וועגען דאָס באַטייליגען זיך פון די מינען־ארבייטער אין דעם קאָנטראָל. די דראמאטישע זייט פון דער אונטערזוכונג איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואס די קאָמיסיע האָט גערופען אלס עדות א רייהע פּערען און אנדערע מאגנאטען, וועלכע האָבען באקומען איינקונפטען אלס אייגענטימער פון מינען־גרובען, עפענטליך צו דערקלערען אונטער דעם שטרענגען קרייץ־פארהער פון די באַ־אַמטע פון דער פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער, ווי אזוי זיי אָדער זייערע עלטערען זיינען געקומען צו זייער אייגענטום, וויפיעל רווח זיי האָבען יעדער פון זיי באקומען פון די פארשיידענע מינען און מיט וואָס זיי האָבען אָפּגעדיענט דער געזעלשאַפט פאר די גוואלדיג גרויסע איינקונפטען. זייערע. די קאָמיסיע האָט אויסגעהערט פיעלע עדות פאר און געגען מלוכה פארוואלטונג. אין דעם משך פון א

פאַר מאָנאַטען פון כמעט כסדר'דיגע טעגליכע זיצונגען האָט די אומערמידליכע קאָמיסיע צוגעשטעלט איהר וויכטיגען באריכט, וויעדעראַמאָל האָפנונגסלאָז צוטיילט אין איהרע מיינונגען. איבער דער פראַגע וועגען דאָס אייגענטום פון די מינעראַל־מינען זיינען, אמת, אלע דרייצעהן מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע געוועזן איינשטימיג, אָננעמענדיג דעם העכסט באַדייטענדען באַשלוס צו רעקאָמענדירן, אַז דאָס אייגענטום־רעכט אויף אַזעלכע מינען זאָל תיכף עקספּראָפּריאירט ווערן פאַר דעם שטאַאט. אלע דרייצעהן מיטגליעדער זיינען אויך געווען איינשטימיג, רעקאָמענדירענדיג, אַז די אַרבייטער זאָלען צוגעלאָזען ווערן צו באַטייליגען זיך אין א געוויסער מאָס אין דער פּאַרוואַלטונג דורך גרובּ־ און באַצירק־קאָמיטעטען. אבער דערביי האָט זיך געענדיגט די איינשטימיגקייט אין דער קאָמיסיע. וויכטיג איז געווען דאָס, וואָס ניט בלויז די פאָרשטעהער פון די מינען ארבייטער, נאָר אכט פון די דרייצעהן (איינשליסענדיג דעם פארזיצענדען) האָבען אין זייער באַריכט זיך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אַז עס זאָלען עקספּראָפּריאירט ווערן אַלע עקזיסטירענדע קויהלען־מינען געזעלשאַפטען און אנדערע אייגענטימער פון קויהלען־גרובען. דער פארזיצענדער, געשטיצט (בלויז בכלל און מיט דעם תנאי, אז עס קענען געמאכט ווערן וויטערע פארשלאַגען) פון די זעקס פארשטעהער פון די מינען־ ארבייטער, האָט פארגעשלאָגען א קאָמפּליצירטען פּלאַן וועגען נאַציאָנאַליזירען די מינען און פּאַרוואַלטען זיי אונטער דעם אויפזיכט פון א מינען־מיניסטער געמיינשאַפטליך דורך באַצירק־ראַטען און גרובּ־קאָמיטעטען, אין וועלכע די אַרבייטער זאָלען זיין אין א גרויסער מאָס רעפּרעזענטירט. דער אכטער מיטגליעד פון דער קאָמיסיע, וועלכער איז געווען פאַר עקספּראָפּריאירונג, איז געווען מיט דער מיינונג, אז עס וואָלט בעסער געווען איבערצוגעבען די מינען אין די הענט פון א רייהע באַצירק־קויהלען־געזעלשאַפטען, וואָס זאָלען באַשטעהן פון קאַפּיטאַליסטישע אַקציאָנערען, זאָלען זיין באַגרענעצט בנוגע צו זייערע דיווידענדען (ריינע פּאַרדינסטען) און זאָלען באַארבייטען די מינען אונטער דעם אויפזיכט פון דער מלוכה מיט א באַגרענעצטער באַטייליגונג פון די אַרבייטער אין דער פּאַרוואַלטונג. פינף מיטגליעדער פון דער קאָמי־

סיע, אײנשליסענדיג אלע דרײ קויהלען־מינען אײגענטימער, געבענ־דיג זײער הסכמה, אז די מינעראלען־מינען זאלען נאַציאָנאליזירט ווערן, האָבען זיך אנטזאגט אָנצונעמען וועלכע עס איז וויכטיגע ענ־דערונג אין דעם שטײגער פון באארבײטען די מינען, ווענינער פון אלץ וועלכע עס איז ווירקליכע באטײליגונג פון די ארבײטער אין דער פארוואלטונג, הגם אפילו די דאָזיגע קאפּיטאַליסטישע מינדער־הײט האָט מיט די ליפּען צוגעבאמקעט צום פּרינציפּ, רעקאָמענדי־רענדיג צו שאפען גרוב־ און באצירק־קאָמיטעטען מיט בלויז באראַ־טונגס־מאכט.

די רעגירונג, וואָס האָט נאָך געהאט אדמיניסטראטיווען און פינאנציעלען קאָנטראל איבער אלע מינען אין דעם פאראײניגטען קעניגרײך און האָט פארשפּראכען אנצונעמען „אין זײן גײסטיגען זין און בוכשטאבליך“ די באשטימונגען פון ריכטער סענקי׳ס ערשטען באריכט, האָט גאר ניט געטאָן זײ דורכצופיהרען און האָט איבערגע־לאָזען פאר די אָרטיגע אײגענטימער פון די מינען און פאר די יוניאָנען פון די מינען־ארבײטער אויסצוגלײכען זיך צווישען זיך וועגען די ארבײטס־שטונדען און די נײע לוין־ראטען, וואָס דער באריכט האָט געפאָדערט. פּלוצלונג, עטליכע וואכען אײדער די נײע אײנשטעלונגען האָבען געזאָלט ארײנטרעטען אין קראפט, האָט דער „קויהלען קאָנטראָלער“ (דער באאמטער, וועלכער איז בא־שטימט געוואָרן אויף דער צײט פון דער מלחמה צו האָבען די אויפזיכט איבער דער פּראָדוקציאָן און דער פארטײלונג פון קויהלען) ארויסגעגעבען א באפעהל, אז עס טאָר ניט געמאכט ווערן קײן העכערונג אין די לוין־ראטען, וואָס זאָל באטרעפען מעהר פון צעהן פּראָצענט. דאָס איז געווען א גראבער טעות, ווארים ריכטער סענקי האָט אָפּגעשאצט, אז די ארבײטער וועלען אין דורכשניט אויסארבײטען אויף צעהן פּראָצענט ווענינער (דורך דער פארקירצונג פון די שטונדען), און די העכערונג פון די שכירות אויף צעהן פּראָצענט האָט געזאָלט בלויז געבען זײ דאָס, וואָס עס וועט באטרעפען די פאקטישע פארקלענערונג פון דער פּראָדוקציאָן אין יעדען באצירק. די „אסאָציאציע פון די מינען־ארבײטער פון יאָרקשײר“ האָט געוועזן כמעט פארענדיגט אויס־

צוארבייטען אן אויסגלייך מיט די מינען־אייגענטימער פון דעם געגענד, לויט וועלכען די ארבייטער האָבען געזאָלט באקומען א העכערונג פון א גרעסערן פראָצענט, ווען עס איז דערהאַלטען געוואָרן דער פארבאט פון דער רעגירונג. דער רעזולטאט איז געווען אן אויפגערייצטער שטרייק, וואָס האָט אפגעשטעלט די ארבייט אין אלע קויהלען־פעלדער פון יאָרקשייר אויף עטליכע וואכען און וואָס האָט זיך פארשפרייט צו נאָטטינגהאמשייר. לסוף האָט די רעגירונג געמוזט צוריקציהען איהר ניט־ריכטיגען פארבאָט און די העכערונג אין די לוין־ראטען, אין יאָרקשייר און אויך אין אנדערע פלעצער, איז, ווי די ארבייטער האָבען עס גע־פאָדערט, געמאכט געוואָרן אזוי נאָהענט, ווי מעגליך, פראפאר־ציאָנעל צו דער דערוואַרטעטער פארקלענערונג פון דער פראדוק־ציאָן אין יעדען פלאץ צוליעב דער פארקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען. צוליעב די איבעראיילטע מעשים פון ביידע צדדים און צוליעב די מיספארשטענדניסען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון ניט־קלאָרען ווימען, אָדער ניט־קלאָרע אויסדרוקען, האָט דאָס לאנד פארלאָרן פיער מיליאָן טאָנען קויהלען און די „אסאָציאציע פון די מינען־ארבייטער פון יאָרקשייר" האָט פארלאָרן ארום 356,000 פונט שטערלינג.

אין אָקטאָבער פון 1919 האָט לאָיד דזשאָרדזש (דער הויפּט מיניסטער פון ענגלאנד) געלאָזט וויסען, אז הגם די רעגירונג וועט פאָרשלאגען (אין פּארלאמענט) צו נאציאָנאַליזירען דאָס אייגענ־טום־רעכט אויף מינען און עפּעס אן אומבאשטימטע „טראָסטיפי־צירונג" פון די מינען באצירקענווייז, וועט אָבער דער באריכט פון ריכטער סענקי ניט אָנגענומען ווערן. די „פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער" האָט זיך אנטזאָגט צופריעדענצושטעלען זיך מיט אזוינס, וואָס האָט דעם כאראקטער פון קאפּיטאליסטישער „טראָסטיפיצירונג", און האָט געפאָדערט פון דער רעגיערונג זי זאָל מקים זיין איהר התחיבות דורכצופיהרן דעם באריכט, אבער אומ־זיסט. אין דעצעמבער פון 1919 האָט די פעדעראציע צוזאמען מיט דער ארבייטער פארטיי, מיט דעם פּארלאמענט קאָמיטעט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און מיט דער „קאָאָפּערייטיוו

יוניאָן" אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נאַציאָנאַ־ליזירונג פון די קויהלען זאַפּאַסען אין לאַנד. די ווירקונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, האָט זיך נאָך ניט ארויסגעצייגט. מיר מוזען איבעררייסען די געשיכטע אין מיטען פון דער קריטישער פּעריאָדע.

די אייזענבאַהן־ארבייטער.

נאָך אַ גרויסע אינדוסטריע, — פון די אַרבייטער ביי דעם אייזענבאַהן פאַרקעהר, — וואָס איז קוים דערמאָנט געוואָרן אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אונזער געשיכטע, האָט זיך קרעפ־טיג געשטעלט אין די ערשטע רייהען פון דער ארבייטער באַוועגונג. ביז גאָר צום סוף פון דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די אייזענבאַהן קאָנדוקטאָרן און די סיגנאַליסטען, די מאַשינים־טען און די קויהלען־שאַרער, די ווייכען־שטעלער („שאַנ־טערס"; „סוויטשמען" אין אַמעריקאַ; די ארבייטער, וועלכע שטע־לען איבער די באַוועגליכע רעלסען צו ענדערן די ריכטונג פון באַהן) און די משרתים, די מעכאַניקער און די פּשוט'ע ארביי־טער — הגם זייער צאָהל איז געווען ארום פינף פּראָצענט פון אַלע מענער פיזישע לוין־ארבייטער אין לאַנד — קוים געשפּיעלט וועלכע עס איז ראָלע אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. אַ לאַנגע צייט האָט געשיינט, אַז זיי איז ניט מעגליך צו אָרגאַניזירן זיך אַלס ארבייטער פון איין אינדוסטריע צוליעב זייער צוואָוואָרפענ־קייט איבער דעם גאַנצען לאַנד אין קליינע גרופּען און צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען צוטיילט צווישען זיך דורך די פאַרשיידענ־קייטען אין דעם גראַד פון באַשעפטיגונג, אין די ארבייטס־באַדינ־גונגען און אין די שכירות. עס שיינט, אַז דורך דעם משך פון אַ גאַנצען דור נאָך דעם, ווי די אייזענבאַהנען זיינען געשאַפען געוואָרן, האָבען אַלע געדענקט, אַז צווישען די אייזענבאַהן אָנגע־שטעלטע טאָר מען ניט דערלאָזען קיין טרייד יוניאָניזם, ווי צווי־שען סאָלדאַטען אָדער פּאָליציי־לייטע. אין 1865 האָט טשאַרלז באַססעט ווינסענט, אַ שרייבער אין דער צענטראַל קאָנטאָר פון די אייזענבאַהנען („רעילוועי קלירינג האוז"), געפּרובירט צו גרינ־דען די „אונטערשטיצונגס־געזעלשאַפט פון אייזענבאַהן ארבייטער"

(„טהי רעילוועי וואָירקינג מענ'ס פּראָווידענט סאָסייעטי"), וואָס איז אין גיכען געוואָרן באמת א טרייד יוניאָן, אָבער די אָרגאַניזאַציע איז אָהן רחמנות אונטערדריקט געוואָרן דורך אָפּזאָגען אָהן טענות פון דער ארבייט אַלע איהרע אָרגאַניזאַטאָרען און מיטגלידער. אין דעם זעלבען יאָהר האָט אַן „אסאָציאַציע פון מאַשיניסטען און קויהלען־שאַרער פון דער צפון־מזרח אייזענבאַהן" ממש אָנגעפאַנגען א שטרייק, אָבער זי איז דערביי צוּבראָכען געוואָרן. קיין פעסטע טרייד יוניאָן איז ניט געגרינדעט געוואָרן צווישען די אַייזענבאַהן אַרבייטער ביז צום סוף פון 1871, און דאַמאָלס אויך בלויז דורך דער הילף פון מייקעל באַסס, א מיטגליעד פון דעם פּאַרלאַמענט און אַליין א גרויסער אקציאָנער פון די אַייזענבאַהנען. צוליעב דעם, וואָס ער האָט א לאַנגע צייט, לחלוטין אָהן קיין פּערזענליכען אינטערעס דערביי, געגעבען דער אָרגאַניזאַציע פינאַנציעלע און אַנדער הילף, האָט די „אמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון אייזענבאַהן באַדיענטע" געקענט אויסקעמפען פאַר זיך א מעגליכקייט צו בלייבען עקזיסטירן מיט פּרעדעריק עוואַנס אַלס איהר ערשטען פעהיגען סעקרעטאַר. עס זיינען שפּעטער געשאַפען געוואָרן אַנדערע געזעלשאַפטען, לויט זייער כאַראַקטער לאָקאַלע אָדער גרופּען (סעקציאָנאַלע) אָרגאַניזאַציעס, אָבער אפילו אין דעם יאָהר 1892, נאָך צוואַנציג יאָהר פון אָרגאַניזירן זיך און פאַרשיידענע ניט געלונגענע שטרייקען, האָבען אַלע מינים טרייד יוניאָנען צווישען די אַייזענבאַהן אַרבייטער צוזאַמען געהאַט ווייניגער פון פופציג טויזענט מיטגליעדער, אָדער ווייניגער פון א זיבעטעל פון אַלע באַשעפטיגטע ביי דעם אייזענבאַהן פאַרקעהר אין לאַנד.[1]

---

[1] די אַנדערע יוניאָנען פון די אייזענבאַהן אַרבייטער זיינען די „בעלפאַסט ענד דובלין לאָקאָמאָטיוו אינדזשין־דרייווערז ענד פיירמענ'ס טרייד יוניאָן", געגרינדעט אין 1872 און וואָס עקזיסטירט נאָך יעצט (1920) מיט עטליכע הונדערט מיטגליעדער; די „אַסאָשיאיטעד סאָסייעטי אָוו לאָקאָמאָטיוו אינדזשינירז ענד פיירמען", — געגרינדעט אין 1880—אַ מעכטיגע גרופּע־געזעלשאַפט מיט דריי און דרייסיג טויזענט מיטגליעדער, וואָס האָט א לאַנגע צייט אָנגעהאַלטען א שאַרפע קאָנקורענץ מיט דער „אַמאַלגאַמירטער"; די „רעילוועי קלוירקז אסאָסיאיישאָן",

די צוועקען פון די געזעלשאַפטען פון אייזענבאַהן אַרבייטער, אויף וויפיעל זיי האָבען עקזיסטירט, זיינען דורך פיעלע יאָהרען געווען באַגרענעצט צו דער באַשיצונג פון זייערע מיטגליעדער, וועלכע זיינען געוואָרן „קרבנות" („וויקטימיזיישאָן"; וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער אַרבייט צוליעב זייער טעטיגקייט אין דער אָרגאַניזאַציע), אָדער האָבען געליטען פון אַנדער טיראַניי, און צו דער באַזאָרגונג פון די נויטבאַדערפטיגע מיט אונטערשטיצונגען; צייטענווייז האָבען זיי אויך געפּרובירט אויספיהרען, אַז אויף די אייזענבאַהנען זאָלען אויסגעמידען ווערען אומגליקס־פאַלען (וואָס פּאַסירן דורך אַרבייטען צו לאַנגע שטונדען), אָדער אַז זיי פּאַסירן יאָ, זאָלען זייערע מיטגליעדער, וועלכע האָבען פון זיי געליטען, באַקומען באַצאָהלט, און צו פאַרקירצען די אַרבייטס שטונדען. מיט פראַגען וועגען שכירות האָבען די יוניאָנען פון די אייזענבאַהן אַרבייטער דורך די יאָהרען זיך ווייניג באַשעפטיגט, אָבער אויף געוויסע אייזענבאַהנען זיינען צייטענווייז פאָרגעקומען שטרייקען פון באַזונדערע גראַדען אַרבייטער אָדער אין געוויסע צענטרען פון בלויז איין אייזענבאַהן. געוועהנליך האָט עס פּאַסירט אַלס פּראָטעסט געגען טיראַניי אָדער געגען שוין גאָר שלעכטע אַרבייטס־שטונדען און אָפט געגען דער הסכמה, לכתחילה, פון דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט. אין 1890 האָט די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט" צום ערשטען מאָל אָנגעפאַנגען אַן אַגרעסיווע טאַקטיק, הויפּטזעכליך בנוגע צו די אַרבייטס־שטונדען, וואָס זיינען ווירקליך געווען סקאַנדאַליעז. אַ פאַרלענגערטער שטרייק פאַר אַ קורצערן אַרבייטס־טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען ענדע דעצעמבער 1890 אויף די שאָטלענ־

— געגרינדעט אין 1897, — וואָס איז דורך גאַנצע צעהן יאָהר געבליבען זעהר קליין און האָט אין 1911 פאַרשלונגען די „רעילוועי טעלעגראַף קלוירקז אַסאָסיאַיישאָן", — געגרינדעט אין 1897, — מיט 85,000 מיטגליעדער; די „אַייריש רעילוועי וואָירקערז' טרייד וניאָן", געגרינדעט אין 1910, קליין און אָהן באַדייטונג; די „נעשאָנאַל יוניאָן אָוו רעילוועי קלוירקז", געשאַפען אין 1913, אַ קליינינקע, אָרטיגע, בלויז צייטווייליגע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפען געוואָרן צוליעב דער סוספּענדירונג פון דעם שעפּפילדען לאָקאַל פון דער „רעילוועי קלוירקז אַסאָשיאַיישאָן".

דישע אייזענבאהן ליניען, האָט זיך גענענדיגט מיט א דורכפאל, און די רעשטלאך פון דער „שאָטלענדישער געזעלשאפט פון אייזענבאהן באַדיענטע" האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער גרעסערער יוניאָן. אָבער דער שטרייק האָט ארויסגערופען די אויפמערקזאַמ־קייט פון דער געזעלשאפט און האָט געפיהרט צו דעם, אז א קאָ־מיטע, וואָס איז באשטימט געוואָרן פון דעם פארלאמענט, זאָל אין 1891-92 אונטערזוכען די לאגע פון די ארבייטער. די אונטער־זוכונג האָט געווירקט, אז דער פארלאמענט זאָל אין 1893 אָננעמען געוויסע געזעצען, וואָס האָבען געגעבען די מאכט דער „באָארד אָוו טרייד" (האנדעלס מיניסטעריום) צו פארלייכטערן די טיראַניי; צום אומגליק אָבער האָט די „באָארד" מיט איהר מאכט זיך ווייניג באנוצט. ערשט ניין יאָהר שפעטער האָט דער מיניסטעריום אויפ־געפאָדערט די אייזענבאהן געזעלשאפטען זיי זאָלען צושטעלען ידיעות צו צייגען אין ווי פיעל פאלען (פון אומגליקען (?) איבער־זעצער.) זיינען די ארבייטער געהאלטען געוואָרן ביי דער ארבייט איבער צוועלף שטונדען נאָכאנאנד. פיער פינפטלאך פון די איי־זענבאהן ארבייטער זיינען נאך געווען אויסער די רייהען פון דעם טרייד יוניאָניזם און דעריבער האָבען זיי זייערע ארבייטס־געבער געקענט אונטערדריקען און די רעגירונג האָט איבער זיי חוזק גע־מאכט. אפילו זייער עצם רעכט צו אָרגאניזירן זיך האָט מען ביי זיי געוואָלט צונעמען. סער דזשאָרדזש פינדלער, דער גענעראל־פארוואלטער פון דער „לאָנדאָן ענד נאָרטה־וועסטערן" אייזען־באהן, האָט אויסגעדריקט די אלגעמיינע מיינונג פון די אייזענבאהן־געזעלשאפטען ווען ער האָט דערקלעהרט, אז „איהר קענט אזוי האָבען א טרייד יוניאָן אָדער אַן „אמאלגאמירטע געזעלשאפט" אויף די אייזענבאהנען, ווי איהר קענט עס האָבען אין דער ארמיי, וואו עס מוז אויפגעהאלטען ווערן זעהר א הויכע דיסציפלין."

אין דעצעמבער פון 1896 האָט סער דזשאָרדזש פינדלער׳ס אייגענע אייזענבאהן־געזעלשאפט טאקע געמאכט אַן ענטשלאָסענעם פארזוך אויסצוואָרצלען דעם טרייד יוניאָניזם פון צווישען איהרע ארבייטער דורך אָפזאָגען פון דער ארבייט יעדען איינעם, וועגען וועלכען מען האָט אויסגעפונען, אז ער באלאנגט צו א טרייד יוניאָן. דורך דער טעטיגקייט פון דער „אמאלגאמירטער געזעלשאפט"

האָבען זיך געפונען גוטע־פריינד פאַר די דאָזיגע קרבנות, וועלכע האָבען דורך עפענטליכען און פּריוואַטען דרוק געצוואונגען זיי זאָ־לען אָנגעשטעלט ווערן צוריק. די אויפרעגונג, וואָס די דאָזיגע פּאַסירונג האָט ארויסגערופען, האָט געהאַט אַ געוויסען חלק אין דעם גרויסען וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער „געזעל־שאַפט," וועמעס צאָהל עס האָט זיך פאַרדאָפּעלט דורך דעם יאָהר 1897; די יוניאָן האָט דורך דעם זעלבען יאָהר אויך געמאַכט איהר ערשטען גרויסען שפּאַן אין דער „אַלע־גראַדען באַוועגונג". די פריהערדיגע באַוועגונגען פלעגען זיין לאָקאַלע אָדער פלעגען פאָר־קומען צווישען די אַרבייטער פון אַ געוויסער סעקציע פון די איי־זענבאַהן אָנגעשטעלטע און זיינען כמעט תמיד געווען אין די אינ־טערעסען פון באַשטימטע גראַדען אַרבייטער. צום ערשטען מאָל האָבען אַלע גראַדען, פון די קלענסטע ביז די העכסטע, געשטעלט די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען פאָדערונגען וועגען פאַרבעסערונגען אין זייער לאַגע — אַ פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט אַזוי, אַז דער אַרבייטס־טאָג זאָל זיין ניט מעהר פון צעהן שטונדען, און פאַר אייניגע פאַכען אַכט שטונדען, אַ העכערען לוין פאַר איבער־צייט־אַרבייט און אַ גלייכע העכערונג פון צוויי שילינגען אַ וואָך פאַר אַלע גראַדען, חוץ יענע, פאַר וועלכע מען האָט געפאָדערט אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. די אייזענבאַהן געזעלשאַפטען האָבען זיך אָנטזאָגט אפילו צו באַטראַכטען די דאָזיגע זעהר מעסיגע פאָדערונגען און כמעט אַ צעהנדליג יאָהרען האָט געמוזט פאַרביי־געהן — אַ צעהנדליג יאָהרען פון פאַמעלאַכדיגער אויפבויאונג פון דער אָרגאַניזאַציע, צוערשט אונטער דער פיהרערשאַפט פון ריטשאַרד בעלל און דזשיי. ע. וויליאַמזאָן, נאָכדעם פון דזשיי. ה. טהאָמאַס — אידער די טרייד יוניאָנען פון די אייזענבאַהן אַרבייטער האָבען געקענט צווינגען מען זאָל אויסהערן זייער צד.[1]

דורך דערזעלבער צייט האָט די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון אייזענבאַהן באַדיענטע", און מיט איהר די גאַנצע טרייד יוניאָן

---

[1] די „נאָרטה־איסטערן רעילוועי קאָמפּאַני" (פון דער „צפון־מזרח אייזענבאַהן") איז אויך אַזוי פיעל געווען אָן אויסנאָם אין דעם פּרט, אַז שוין אין 1890 האָט זי איינגעוויליגט אויפצונעמען קלאַגען פון דער טרייד יוניאָן.

באוועגונג, באַקומען אַ צייטווייליגען צוריקשטוים אין די גע־ריכטס הייזער. אויף דער „טאַף וועיל אייזענבאהן", אין סאוטה וועילז, האָט אויסגעבראָכען אַן אימפּולסיווער שטרייק, ביי וועל־כען די שטרייקענדע ארבייטער האָבען שטאַרק און מיט ערפאָלג „געפּיקעטעט" (אכטונג געגעבען ארום די ארבייטס פּלעצער ניט צו דערלאָזען אהינצו קיין שטרייק־ברעכער). דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט פון דער יוניאָן האָט לכתחילה דעם שטרייק ניט גע־וואָלט ליידען, אָבער לסוף האָט ער איהם אינדאָרסירט, באַשליסענ־דיג אויפצונעמען די תביעות פון די שטרייקער, און די אייזענ־באהן געזעלשאַפט האָט אין געריכט געמאָנט היזק פון דער „אמאל־גאַמירטער געזעלשאַפט" פאַר די פאַרלוסטען, וואָס די באאַמטע פון דער יוניאָן האָבען איהר פאַרשאַפט דורך זייערע כלומרשט אומגעזעצליכע האַנדלונגען. די פאַרטיידיגער פון דער יוניאָן, ווי אויך דאָס פּובליקום, זיינען געוואָרען איבערראַשט ווען די ריכטער האָבען גע'פּסקנ'ט, — טראָץ די תקנות פון די טרייד יוניאָן גע־זעצען פון 1871-76, וואָס האָבען געשיינט צו זיין אויסדריקליך וועגען דער פראַגע, — אַז אַ טרייד יוניאָן קען געצוואונגען ווערן צו צאָהלען היזקות פאַר אַלע האַנדלונגען פון איהרע באאַמטע, צענטראַלע אָדער לאָקאַלע, ווי וואָלט זי געווען אַ קאָרפּאָ־ראַציע, בשעת מען אַנטזאָגט איהר אין דער זעלבער צייט פון צו האָבען די פּריווילעגיען פון אַ קאָרפּאָראַטיווער קערפּערשאַפט. דער שטרייק און דער געריכטס פּראָצעס האָבען בסך־הכל אָפּגעקאָסט דער „געזעלשאַפט" קרוב צו פערציג טויזענט פונטען שטערלינג און די סכנה פאַר די קאָרפּאָראַטיווע פאָנדען פון אַלע יוניאָנען, וואָס דער פּסק האָט ארויסגעבראַכט, האָט אָפּגעהאַלטען די אַר־בייטער פון צו דערקלערען אפילו דעם גערעכטעסטען שטרייק, ביז דער נאָכאַנאַנדיגער דרוק פון די טרייד יוניאָנען, פאַרשטאַרקט דורך דאָס אריינטרעטען אין פּאַרלאַמענט פון אַ פאַרגרעסערטער גרופּע פאַרשטעהער פון דער ארבייטער פּאַרטיי, האָט געווירקט, אַז אין 1906 זאָל אָנגענומען ווערן דער געזעץ „איבער אינדוס־טריעלע סכסוכים" (טרייד דיספּיוטס עקט"), וואָס האָט צוריק־געשטעלט דעם געזעץ, ווי ער איז געווען פאַר די געריכטליכע אַנט־שיידונגען פון 1902.

די אייזענבאַהן אַרבייטער האָבען דאַמאָלס געקענט ווידער אָנפאַנגען זייער „אַלע־גראַדען באַוועגונג", וועגען וועלכער די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען האָבען אין יאַנואַר 1907 ווידעראַמאָל זיך אָנטזאָגט צו פאַרהאַנדלען, זייענדיג פעסט אַנטשלאָסען ניט צו אָנערקענען די טרייד יוניאָנען פון די אַרבייטער, און האָבען האַרטהאַרציג ניט געוואָלט נאָכגעבען זייערע תביעות.[1] אַן אָב־שטימונג פון די מיטגליעדער פון דער „אַמאַלגאַמירטער געזעל־שאַפט" און פון דער „אַלגעמיינער יוניאָן" האָט מיט 80,026 שטימען געגען 1857 באַשלאָסען אַרויסצוגעהן אין שטרייק, און אין נאָוועמבער פון 1907 האָט עס געהאַלטען ביי אָפּשטעלען די אייזענבאַהנען איבער דעם גאַנצען לאַנד, ווען ללאָיד דזשאָרדזש, אַלס פּרעזידענט פון דער „באָארד אָוו טרייד" (האַנדעלס מיניס־טער), האָט זיך אַריינגעמישט, האָט געצוואונגען די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס צו באַדענקען זיך און האָט גע'פועל'ט בייביידע צדדים אָנצונעמען אַ קאָמפּליצירטען פּלאַן פון לאָקאַלע און צענ־

---

[1] מערקווירדיג איז געווען דער סטאַטיסטישער צענזוס פון די שכירות פון די אייזענבאַהן אַרבייטער, וואָס די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט" האָט גענומען צווישען איהר גאַנצער מיטגליעדערשאַפט און וואָס ריטשאַרד בעלל, דער סעקרעטאַר, האָט אָנגעשטעלט וו. ט. לעיטאָן, וועלכער האָט גראַדואירט פון דעם קעמברידזש אוניווערזיטעט, צו באַאַרבייטען. דער „גרינער בוך" האָט באַוויזען, אַז 38 פּראָצענט פון די אַרבייטער האָט באַקומען צו צוואַנציג שילינגען און ווייניגער אַ וואָך און 49.8 פּראָ־צענט האָבען באַקומען צווישען איין־און־צוואַנציג און דרייסיג שילינגען וועכענטליך ביי מערדערליכע אַרבייטס־שטונדען. די אייזענבאַהן גע־זעלשאַפטען האָבען זיך געפּרובירט צו דיסקרעדיטירן די דאָזיגע סטאַ־טיסטישע באַווייזען; באַזונדערס האָבען זיי כסדר אָנגעגעבען, אַז כמעט אַלע הונדערט טויזענט אַרבייטער, וועמעס שכירות זיינען געווען ווייני־גער פון איין פונט שטערלינג אַ וואָך, זיינען געווען אינגלאַך. עס האָט ביי דער „באָארד אָוו טרייד" געדויערט פיער יאָהר צוזאַמענצושטעלען און צו פאַרעפענטליכען אַן אָפיציעלען לוין־צענזוס פאַר דעם מאָנאַט אָקטאָבער פון 1907, וואָס האָט אַמענדע באַוויזען, אַז זעקס און ניינציג טויזענט דערוואַקסענע אייזענבאַהן אַרבייטער האָבען באַקומען ניינצעהן אָדער ווייניגער שילינגען פער וואָך; אַן אויסערגעוועהנליך פּינקטליכע באַשטעטיגונג פון דעם צענזוס פון דער יוניאָן, וואָס מען האָט פיעל פאַרדרעהט און אַטאַקירט.

טראָלע פשרה קאָמיסיעס, צוזאמענגעשטעלט פון א גלייכער צאָהל פאָרשטעהער פון די פארוואלטונגען און פון די ארבייטער מיט אַן אומפארטייאישען פאָרזיצענדען, וועלכע זאָלען האָבען דאָס רעכט צו אנטשיידען איבער פראַגען וועגען שכירות און ארבייטס־שטונ־דען. די דאָזיגע פשרה קאָמיסיעס („קאָנסיליאיישאָן באָארדז"), ווי ניט צופרידענשטעלענד זיי האָבען זיך ארויסגעציינט, רעפרע־זענטירן מיט זיך א ווירקליכען נצחון פאר די ארבייטער. צום ערשטען מאָל איז געבראָכען געוואָרן די אויטאָקראטיע פון די אייזענבאהן פארוואלטונגען. טרייד יוניאָנען זיינען נאָך אלץ, אמת, ניט אנערקענט געוואָרן אָפיציעל, אָבער די פאָרשטעהער פון די ארבייטער האָבען געזאָלט דערוועהלט ווערן אויף יעדער אייזענ־באהן דורך אלע באשעפטיגטע געגרופירט לויט זייערע גראדען, און די דאָזיגע דערוועהלטע פאָרשטעהער זיינען זיך צוזאמענגע־קומען מיט דער פארוואלטונג אויסדריקליך ווי גלייכבארעכטיגטע מענשען. די וואהלען האָבען געציינט ווי לחלוטין ריכטיג עס זיינען געווען די טענות פון די טרייד יוניאָנען, אַז זיי דריקען אוים די פארלאנגען פון פראקטיש אלע אייזענבאהן ארבייטער. טראָץ דעם, וואָס די פארוואלטונגען פון די מעהרסטע אייזענבאהן ליניען האָבען שטארק געארבייט געגען זיי און טראָץ די שעדליכע קנאה־שנאה צווישען די פארשיידענע ארבייטער געזעלשאפטען, זיינען דאָך כמעט אין אלע פאלען דערוועהלט געוואָרען, — אָפט דורך גרויסע מעהרהייטען, — פאָרשטעהער, וועלכע די אָדער יענע יוניאָן האָט נאָמינירט. דורך דעם משך פון די ווייטערדיגע עט־ליכע יאָהר זיינען די „אמאלגאמירטע געזעלשאפט" און די „אסאָ־ציאירטע געזעלשאפט פון לאָקאָמאָטיוו אינזשעניערען (מאשינים־טען) און קויהלען־שארער" געווען פארנומען קעמפענדיג פאר די אינטערעסען פון פארשיידענע גראדען (אייזענבאהן ארבייטער) דורך די פשרה קאָמיסיעס און זיי האָבען אויף דעם אופן באקומען פיעלע קליינע העכערונגען פון שכירות און פארקירצונגען פון שטונדען. אָבער גלאט איז די זאך ניט געגאנגען. מעהרסטענס האָבען די אייזענבאהן קאָמפאניעס געזוכט צו שאפען שטערונגען און אָפהאלטונגען; זיי פלעגען אָפהאלטען די צוגע'פסק'ענטע הנחות, דינגענדיג זיך וועגען דעם, ווי מען זאָל זיי דורכפיהרען,

און אין אנדערע פאַלען פלעגען זיי באוואוסטזיניג אויסמיידען צו מקים זיין די באַשטימונגען, באַזונדערס דורך צוטראַכטען נייע גראַדען, אין וועלכע מען זאָל קענען די אַרבייטער באַשטימען אויף ניעדעריגערע לוין־ראַטען, איידער די, וואָס האָבען זיך געפאָדערט. אויסער דעם פלעגען די „אומפּאַרטייאישע" פאָרזיצענדע האָבען פאַרשיידענע מיינונגען וועגען זייערע רעכטע און פליכטען און אייניגע פון די אַנטשיידונגען האָבען ארויסגערופען שטאַרקע פּראָטעסטען. דערווייל איז דער יקרות אויף לעבענס־מיטלען כסדר געשטיגען און די אייזענבאַהן אַרבייטער בכלל זיינען געבליבען הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט אנדערע אָרגאַניזירטע אַרבייטער. זייער פּאַרשריט איז אין 1909־10 אָפּגעהאַלטען געוואָרען דורך אַ נייעם צוריקשטויס, וואָס די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט" האָט באַקומען אין די געריכטס־הייזער. איינער פון איהרע מיטגליעדער האָט מיט דער הילף פון קאַפּיטאַליסטען אַ לאַנגע צייט אָנגעפיהרט אַ פּראָצעס, וואָס איז געבראַכט געוואָרען ביז צו דעם „לאָרדען הויז" (די העכערע קאַמער פון פּאַרלאַמענט און אין דער זעלבער צייט די העכסטע געריכטס אינסטאַנץ), וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער אַנטשיידונג, אַז קיין טרייד יוניאָן קען ניט אַלס אַזעלכע באַטייליגען זיך אין פּאָליטישער טעטיגקייט (ד. ה. איהרע באַשלוסען און געלד־התחיבות'ען אין דעם פּרט זיינען ניט בינדענד אויף די מיטגליעדער). דאָס איז געווען אַ „פון־ריכטער־געמאַכטער" געזעץ, צו וועלכען מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרען און געגען וועלכען די רעגירונג און דער פּאַרלאַמענט האָבען אין אָנפאַנג זיך אַנטזאָגט וואָס־עס־איז צו טאָן. פלוצלינג, אין אויגוסט פון 1911, „האָט דער טאָפּ איבערגעקאָכט". אין דער אַרבייטער וועלט האָט געהערשט אַ רעוואָלוציאָנערער גייסט. אין יוני און אין יולי זיינען ארויס אין שטרייק די מאַטראָסען און די האַפען אַרבייטער און אָפּגעשטעלט די טעטיגקייט פון דעם לאָנדאָנ'ער האַפען. עס האָבען אויסגעבראָכען „ניט קיין אויטאָריזירטע" שטרייקען צווישען די אייזענבאַהן אַרבייטער פון מאַנטשעסטער, ליווערפּול און פון אייניגע אַנדערע גרויסע שטעדט און די אַרבייטער האָבען געפאָדערט אומעטום עס זאָל דערקלעהרט ווערען אַ שטרייק איבער דעם גאַנצען לאַנד. די פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטען

פון די פיער הויפּט יוניאָנען פון די אייזענבאַהן־אַרבייטער, דעם מאָל האַנדלענדיג אַלע ענג צוזאַמען, האָבען געגעבען די קאָמפּאַניעס פיער־און־צוואַנציג שטונדען צייט צו באַשליסען אויב זיי ווילען מסכים זיין צוזאַמענצוקומען זיך מיט די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער, אַנדערש וועלען די אייזענבאַהנען אָפּגעשטעלט ווערען איבער דעם גאַנצען לאַנד. די רעגירונג האָט ווידעראַמאָל זיך אַריינגעמישט. הויפּט מיניסטער אַסקוויט האָט פאָרגעשלאָגען צו שאַפען אַ קעניגליכע קאָמיסיע פאַר אַן אומבאַשטימטען משך צייט און אָהן אַ באַשטימטע אויפגאַבע; זי האָט בלויז געזאָלט פאָרשלאָגען אויסבעסערונגען פון די פּשרה־קאָמיסיעס. אין דער זעלבער צייט האָט ער קלאָהר געלאָזט וויסען די אַרבייטער — דעם פאַקט האָט ער שכל געהאַט ניט צו פאַרעפענטליכען — אַז די רעגירונג וועט זיך ניט אָפּשטעלען פאַר דעם געברויך פון סאָלדאַטען אום ניט צו דערלאָזען קיינע שטערונגען פאַר דעם האַנדעל פון לאַנד.[1] די יוניאָנען האָבען זיך אַנטזאַגט אָנצונעמען דעם אילוזאָרישען פאָרשלאַג און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נאַציאָנאַלער שטרייק, וואָס הגם ער איז ווייט ניט געוועזן אַלגעמיין, איז ער דאָך געווען גענוג גרויס צו דיסאָרגאַניזירען דעם גאַנצען אייזענבאַהן פאַרקעהר — צוויי הונדערט טויזענט אַרבייטער האָבען געוואָרפען די אַרבייט — און ער האָט שנעל געפיהרט צו דעם, אַז

---

[1] דער שטראַשונאַק האָט געווים געמיינט אַז די רעגיערונג האָט באַשלאָסען, ווי די „טיימז" האָט בפירוש געזאָגט, צו באַנוצען זיך מיט די „קעניגליכע אינזשענירען" (אַ טעכנישע אָפּטיילונג פון דער אַרמיי) צו טרייבען די אייזענבאַהנען. דעם באַשלוס איז כדאי צו פאַרגלייכען מיט אַנאַנדערן, וואָס די רעגיערונג האָט געמאַכט בשעת דעם אייזענבאַהן שטרייק פון 1919, ווען זי האָט דערקלעהרט, אַז עס וועט ניט געמאַכט ווערן קיין פאַרזוך צו לאָזען לויפען די אייזענבאַהנען מיט דער הילף פון סאָלדאַטען, אַז אויך די באַאַמטע פון דער פּאָסט וועלען ניט דאַרפען טאָן די אַרבייט פון די שטרייקענדע אייזענבאַהן־אַרבייטער און אַז אפילו די, וועלכע באַקומען אַרבייטסלאָזיגקייט אונטערשטיצונגען פון דער רעגיערונג, וועלען ניט מוזען אָננעמען קיין אַרבייט אויף די אייזענבאַהנען. די ענדערונג אין דער האַלטונג פון דער רעגיערונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר די אכט יאָהר, מיינט פיעל.

די אינדוסטריען אין לאַנד זאָלען זיך אָפּשטעלען. ווינסטאָן טשווירטשיל, וועלכער איז דאַמאָלס געווען „האָום סעקרעטערי" (אינערן מיניסטער) האָט אויסגעווירקט, אַז די רעגירונג זאָל שיקען אַ סך סאָלדאַטען קיין ראַטשעסטער און אַנדערע פּלעצער אָהן דער פּאָדערונג פון די לאָקאַלע ציווילע רעגירונגס־באַאַמטע, בלויז דערפאַר, וואָס די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען האָבען עס פאַרלאַנגט. די רעגירונג האָט פּאַקטיש באַשלאָסען צו אונטערדריקען די אַרבייטער און עס האָט שוין געהאַלטען ביי בלוט־פאַרגיסונג. אומזיסט האָבען די פיהרער פון די יוניאָנען געבעטען דעם הער אַסקוויט ער זאָל, אַלס הויפּט מיניסטער, פּועל'ן ביי די פאַרוואַלטונגען פון די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען זיי זאָלען זיך צוזאַמענקומען מיט די פאָרשטעהער פון די יוניאָנען. אַ קלוגערע מיינונג האָט ווי עס שיינט, געהערשט אין דעם מיניסטאָרען קאַבינעט, וועלכער האָט געהייסען די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען אָהן־טענות צו לאָזען זייערע גענעראַל־פאַרוואַלטער צוזאַמענקומען זיך פּנים־אל־פּנים מיט די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער אין דעם האַנדעלס־מיניסטעריום. דאָס האָט געווירקט און פּונקט אין צוועלף שטונדען אַרום האָבען די פאַרוואַלטער שוין פאַרהאַנדעלט מיט פיער פאָרשטעהער פון די יוניאָנען צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, אַרטהור הענדערסאָן און דזשיימז ר. מאַקדאָנאַלד. אַם ענדע איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך — דער ערשטער, וואָס איז ווען עס איז געמאַכט געוואָרען צווישען די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען אַלס איין קערפּערשאַפט און די טרייד יוניאָנען פון זייערע אָנגעשטעלטע — אַז דער שטרייק זאָל אויפהערען אויף די באַדינגונגען, אַז אַלע שטרייקער זאָלען צוריק אָנגעשטעלט ווערען צו דער אַרבייט אויף זייערע פריהערדיגע פּלעצער און זיי זאָלען דערביי ניט פאַרליערען קיינע פון זייערע פּריווילעגיען; אַז אַלע תביעות פון די אַרבייטער זאָלען תיכף באַטראַכט ווערען פון די פּשרה קאָמיסיעס און אַז עס זאָל באַלד געמאַכט ווערען אַן אונטערזוכונג דורך אַ קעניגליכער קאָמיסיע פון פאָרשטעהער פון צוויי פּאַרטייען וועגען דער אומצופרידענהייט מיט די דאָזיגע פּשרה־קאָמיסיעס און וועגען די בעסטע מיטלען, ווי זיי אויסצו־

בעסערן.[1] ווען די קאָמיסיע האָט אַריינגעבראַכט איהר באַריכט, — צו ענדע האָט זי באַקומען דעם נאָמען: „דער ספּעציעלער אונטערזוכונגס קאָמיטעט“ — האָט די יוניאָן פון די אייזענבאַהן אַרבייטער ווידעראַמאָל פאָרגעשלאָגען די אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס צוזאַמענצוקומען זיך מיט זייערע פאָרשטעהער פאַר פאַרהאַנדלונגען און די קאָמפּאַניעס האָבען זיך אַנטזאַגט עס צו טאָן. די יוניאָן האָט באַשלאָסען דורכצופיהרען אַן אָפּשטימונג צווישען דער מיטגליעדערשאַפט וועגען אַ נאַציאָנאַלען שטרייק און דער פּאַרלאַמענט האָט אויף דעם פאָרשלאָג פון דער רעגיערונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אָפיציעל רעקאָמענדירענדיג, אַז די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען זאָלען זיך צוזאַמענקומען מיט זייערע אַרבייטער. דאָס האָט געשאַפען אַ נייעם פּרעצעדענט. די אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס האָבען דעמאָלס נאָכגעגעבען. ביי די פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבען זיך אָנגעפאַנגען, האָבען ביידע צדדים מסכים געווען צו שאַפען פּשרה קאָמיסיעס לויט אַ נייעם פּלאַן, אויסבעסערענדיג די אַלטע קאָמיסיעס פון 1907 בכלל ווי דער ספּעציעלער אונטערזוכונגס קאָמיטעט האָט רעקאָמענדירט אין זיין באַריכט, אָבער אַריינגעמענדיג אויך די מעהרסטע מאָדיפיצירונגען, וואָס די יוניאָנען האָבען באַטראַכט אַלס נויטיג. די קאָמיסיעס זיינען איבערגעאָרגאַניזירט געוואָרן אַזוי, אַז זיי זאָלען אַרבייטען שנעלער און זייער פעלד איז געמאַכט געוואָרן ברייטער. וויכטיגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס דער אַרבייטער־צד אין יעדער קאָמיסיע האָט באַקומען דאָס רעכט אויסצוקלייַ־

---

[1] די קאָמיסיע איז באַשטאַנען, צום ערשטען מאָל, פון אַ גלייכע צאָהל פּערזאָנען באַשטימט אַלס פאָרשטעהער פון די אַרבייטס־געבער און פון די אַרבייטער, — צו צוויי פון יעדען צד, — קיינער פון וועלכע האָט נים געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו דער אינדוסטריע, מיט אַן אומפּאַרטייאישען פאָרזיצענדען. אַלע פינף זיינען אויסגעקליבען געוואָרן פון דער רעגיערונג. אַלס פאָרשטעהער פון די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען זיינען געווען סער ט. ראַטקליף עלליס און סי. דזש. ביעל און פון די אַרבייטער אַרטהור הענדערסאָן, אַן אַרבייטער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, און דזשאַהן בוירנעט. דער פאָרזיצענדער איז געווען סער דזיוויד האַררעל, אַ באַאַמטער פון דער רעגירונג אין אירלאַנד.

בען אַלס סעקרעטאַר אַ פּערזאָן, וואָס איז ניט באַשעפטיגט פון די אייזענבאַהן געזעלשאַפטען, און דורך דעם דעם איז מעגליך געוואָרען, אַז אַ באַאַמטער פון אַ טרייד יוניאָן זאָל קענען טאָן די דאָזיגע אַרבייט און ניט בלויז פאַר איין גראַד, נאָר פאַר אַלע גרופּען אייזענבאַהן־אַרבייטער אין דער זעלבער צייט, אַרבייטענדיג פאַר עטליכע קאָמיסיעס. דאָס איז ניט געווען קיין פאָרמאַלע „אַנערקענונג", אָבער אַלענפאַלס האָט דער טרייד יוניאָן באַאַמטער באַקומען אַ צוטריט. דורך דעם משך פון די וויטערדיגע צוויי יאָהר האָט מען, טראָץ דעם, וואָס די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען האָבען געמאַכט אומגלויבליכע שטערונגען, האָבען כסדר געזוכט תרוצים און געפּרובירט זיך אויסצודרעהען פון די קאָמיסיעס, באַקומען אַ צאָהל קליינע אויסבעסערונגען פאַר אַלע גראַדען אַרבייטער אויף פּראַקטיש אַלע אייזענבאַהן ליניען. נאָך אַ פיעל וויכטיגערער רעזולטאַט פון דער געמיינזאַמער אַרבייט איז געווען דאָס, וואָס אין 1913 האָבען, נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען, דריי פון די פיער הויפּט יוניאָנען פון די פיזישע אייזענבאַהן אַרבייטער [1] — די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט", די „אַלגעמיינע יוניאָן" און די „פאַראייניגטע וויכען־שטעלער („פּאָינטסמען") און סיגנאַליסטען" — זיך צוזאַמענגעגאָסען און געשאַפען אַ נייע טרייד יוניאָן אויף אַ פאָרזיכטיג איבערגעאַרבייטען יסוד אונטער דעם נאָמען „די נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער".

דער „נייער מאָדעל" פון אַ טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויף אַזאַ אופן נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת אָנגענומען געוואָרען, פאַרדיענט מען זאָל איהם באַטראַכטען. להיפוך צו דעם, וואָס איז אין 1851 געווען באַקאַנט אַלס דער „נייער מאָדעל" — די „אַמאַלגאַמירטע געזעלשאַפט פון מאַשיניסטען", — רעפּרעזענטירט דער „נייער מאָדעל" פון 1913 אַ פאַרזוך איינצושליסען אין איין

[1] די „אַסאָציאירטע געזעלשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו מאַשיניסטען און קויהלען־שאַרער", מיט 51 טויזענט מיטגליעדער, איז לוידער געבליבען שטעהן באַזונדער און די געשיכטע פון דעם טרייד יוניאָניזם צווישען אייזענבאַהן אַרבייטער איז ביז דעם יאָהר 1918, אין אַ גרויסער מאָס, באַשטאַנען פון קריעגעריייען צווישען דער „געזעלשאַפט" און די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער".

איינציגער, „אמאלגאמירטער“ יוניאָן אלע פארשיידענע „פאכען“ („קרעפטס“) און גראדען ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין איין אינדוסטריע איבער דעם גאנצען קעניגרייך. דער צוועק פון דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון אייזענבאהן ארבייטער“, ווי זי האָט עס דערקלעהרט, איז „צו ארבייטען דערפאר, אז אלע ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אויף אָדער אין פארבינדונג מיט וועלכער עס איז אייזענבאהן אין דעם פאראייניגטען קעניגרייך, זאָלען זיין פאָלשטענדיג אָרגאניזירט“. די יוניאָן מאכט אזוי אינגאנצען א סוף צו דעם „סעקציאָנאליזם“, — צו דער טענדענץ צו אָרגאניזירען זיך סעקציעסווייז (גרופענווייז), — און אויך צו דעם „לאָקאליזם“ און נעמט בעסער אָן דעם „אינדוסטריעלען יוניאָניזם“. מען קען באמת זאָגען, אז די נייע קאָנסטיטוציע פון דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון די אייזענבאהן ארבייטער“ געהט, לויט איהרע דערקלעהרונגען, נאָך ווייטער פון דעם „אינדוסטריעלען יוניאָניזם“, צו וועלכען די מעהר פראָגרעסיווע טיילען פון דער אָרגאניזירטער ארבייטערשאפט האָבען געשטרעבט. זי דריקט מיט זיך אויס דאָס, וואָס איז באקאנט אלס דער „באשעפטיגונגס יוניאָניזם“, דורך דעם, וואָס זי זוכט אריינצונעמען אין יוניאָן ניט בלויז אלע סעקציעס פון די אייזענבאהן ארבייטער, נאָר פאקטיש אלעמען, ווער עס איז נאָר באשעפטיגט ביי וועלכער עס איז אונטערנעמונג פון די אייזענבאהנען. דאָס שליסט איין ניט בלויז די מעכאניקער, אינזשעניערען און האָלץ־ארבייטער פון די אייזענבאהן פאבריקען[1], נאָר אויך די קוכערס, די קעלנערס און די הויז־

[1] די מעכאניקער און די פשוט'ע ארבייטער פון די בוי און פאררעכטונג ווערקשטאָטען פון די אייזענבאהן געזעלשאפטען זיינען א לאנגע צייט פארבליבען ניט אָרגאניזירט, הגם פיעלע פון זיי זיינען שטענדיג געווען מיטגליעדער פון די יוניאָנען פון די מאשיניסטען און פון אנדערע פאכען. פיעלע פון די וועניגער געלערנטע ארבייטער זיינען דורך די יאָהרען 1889—1913 אריינגעטראָטען אין דער „אלגעמיינער יוניאָן פון אייזענבאהן ארבייטער“, און ווען די דאָזיגע יוניאָן איז פארשלונגען געוואָרען פון דער „נאציאָנאלער יוניאָן פון אייזענבאהן ארבייטער“, מיט איהר ברייטערער קאָנסטיטוציע, זיינען אָרגאניזירט געוואָרען נאָך פיעלע מעכאניקער און פשוט'ע ארבייטער פון די אוי־

מיידלאַך פון די פינף־און־פופציג אייזענבאַהן האָטעלען; די מאַט־ראַסען און די קויהלען־שאַרער, וועלכע אַרבייטען אויף די דאַמפּ־שיפען פון די פּלאַטען, וואָס באַלאַנגען צו די אייזענבאַהן־געזעל־שאַפטען; די זעצער, די ליטאָגראַפיסטען און די בוכבינדער, וואָס די אייזענבאַהן־דרוקערייען באַשעפטיגען צו מאַכען בילעטען, צייט־טאַבעלען, שרייב־מאַטעריאַלען פאַר די קאָנטאָרען און אַנאָנסען; אפילו אויך די אַרבייטער, וואָס לכל הפחות איינע פון די גרעסטע אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען האָט תמיד באַשעפטיגט צו פאַבריצירען קוליעס און הילצערנע פּים פאַר איהרע קאַליקעס־געוואָרענע אָנגע־שטעלטע. די דאָזיגע אַל־איינשליסענדיגקייט האָט זינט 1913 געבראַכט די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער” אין צוזאַמענשטויס מיט פיעלע אַנדערע טרייד יוניאָנען, און די פראַגע וועגען פאַסיגע גרענעץ־ליניען (צווישען די פאַרשיידענע יוניאָנען) בלייבט נאָך ביז יעצט ניט געלייזט. די הויפּט נייע זאַך אין דעם

זענבאַהן ווערקשטאַטען, און די „נ. י. פון א. א.” האָט געהאָלפען צו באַקומען פאַר זיי די זעלבע לוין־העכערונגען און פאַרבעסערונגען, וואָס זי האָט געפאָדערט פאַר איהרע אַנדערע מיטגליעדער. די איי־זענבאַהן־געזעלשאַפטען האָבען ניט געוואָלט אַנערקענען דאָס רעכט פון דער „נ. י. פון א. א.” צו ריידען אין דעם נאָמען פון ווערקשטאַטען־אַרבייטער („שאַפּמען”). אויך די פאַך־יוניאָנען זיינען געווען געגען דעם. זיי האָבען יעצט זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט דער אַרבייט צו אָר־גאַניזירן די אַרבייטער פון די אייזענבאַהן־ווערקשטאַטען, וועלכע האָבען אַלס בעלי־מלאכות באַלאַנגט צו געוויסע פאַכען. מען האָט זיך אַ סך מאָל געפּרובירט צו קומען צו אַ פאַרשטענדניס בנוגע צו אַ „גרענעץ ליניע” אָדער צו שאַפען אַן אויסגלייך, וואָס וואָלט געמאַכט אַ סוף צו דער קאָנקורענץ צווישען אַרבייטער יוניאָנען, אָבער ביז יעצט איז עס ניט געלונגען. דער סכסוך ווערט פאַרשאַרפט צוליעב טעאָרעטישע מיי־נונגס־פאַרשיידענהייטען איבער דער טרייד יוניאָן פראַגע. די מאַשי־ניסטען, די קעסעל אַרבייטער, די סטאָליאַרעס און אַנדערע דענקען, אַז די אַרבייטער דאַרפען זיין אָרגאַניזירט לויט זייערע פאַכען, אָהן אונ־טערשייד אין וועלכער אינדוסטריע דער בעל־מלאכה איז באַשעפטיגט. די אָנהענגער פון דעם „נייעם מאָדעל” פון דער „נ. י. פון א. א.” טענה'ן, אַז אַ יוניאָן, וואָס שליסט איין אַלע בעלי־מלאכות און אַרבייטער, וועל־כע זיינען ווירקליך באַשעפטיגט אין אַ באַשטימטער אינדוסטריע, איז אַ העכערע אָרגאַניזאַציאָנס פאָרם.

קאָנסטיטוציאָנעלען בוי פון דער יוניאָן איז געווען די גרינדונג פון א באזונדערע געזעצגעבענדע קערפערשאפט, — די „יעהרליכע אלגעמיינע פאַרזאמלונג“, — וואָס באַשטעהט פון, — חוץ דעם פרעזידענט און דעם גענעראַל־סעקרעטאר, — זעכציג פאַרשטעהער, וועלכע ווערן דערוועהלט פון דער מיטגליעדערשאפט אין כמעט גלייכע געאָגראפישע טיילען פון לאנד. צו דער „יעהרליכער גע־נעראַל פאַרזאמלונג“ (וואָס קען אויך צוזאמענגערופען ווערן אויס־סעראָרדענטליך, ווען דאָס ווערט געפאָדערט) איז אונטערוואָרפען דער פאַרוואלטונגס־קאָמיטעט, וואָס באַשטעהט פון דעם פאָרזי־צענדען (פרעזידענט), דעם גענעראַל סעקרעטאר און פיער־און־צוואנציג אנדערע מיטגליעדער. די לעצטע ווערן דערוועהלט גרו־פענווייז דורך דער מעטאָדע, וואָס איז באקאנט אלס די „איינצעלנע איבערטראָגבארע שטימע“ („סינגעל טרענספערייבל וואוט“), פון פיער באַשטימטע גרופען, אין וועלכע די מיטגליעדער ווערן צו־טיילט, אין יעדער פון די זעקס גיגאנטישע געאָגראפישע וואהל־באַצירקען. איין דריטעל פון די פאַרשטעהער ענדיגען זייערע טערמינען יעדען יאָהר. נאָך יעדען דריי־יעהרליכען טערמין קען קיין פאַרשטעהער מעהר ניט זיין קיין קאנדידאט צו די וואהלען פאַר א משך פון דריי יאָהר און דער לאָקאַל, צו וועלכען ער באַ־לאנגט, פאַרליערט אויך דאָס רעכט צו נאָמינירען פאַרשטעהער פאַר דעם זעלבען משך צייט. דער פאַרוואלטונגס קאָמיטעט, וואָס באַשטעהט, ווי די „יעהרליכע גענעראַל פאַרזאמלונג“, פון ארביי־טענדע אייזענבאהן־אָנגעשטעלטע, וועלכע באַקומען באַצאָהלט בלויז פאַר די טעג, וואָס זיי דיענען דער יוניאָן, פאַרזאמעלט זיך אלע פערטעל־יאָהר און באַשטימט פיער סעקציאָנעלע אונטער־קאָמיטעטען, וואָס מוזען זיך פאַרזאמלען לכל הפחות אויך אלע פערטעל־יאָהר. מערקווירדיג איז אויך דער באַצירק־ראַט. קאָנ־סטיטוציאָנעל איז ער בלויז א פרייוויליגע פעדעראציע פון געאָ־גראפיש שכנ׳ישע לאָקאַלען פאַר ריין פראָפּאגאנדא־ און בעראטונגס־צוועקען. צוזאמען מיט אן אומאָפיציעלע „פעדעראציע פון באַ־צירק־ראַטען“ האָט ער זיך ענטוויקעלט אין אן אקטיווען „קאָקוס“, א פאַרפאַרזאמלונג פון די מעהר ענערגישע מיטגליעדער כדי צו דיסקוטירען און אַרבייטען פאַר „פאָרשריטליכע באַוועגונגען“ אויף

דער „יעהרליכער גענעראַל פאַרזאַמלונג" און צו „אָרגאַניזירען" די וואַהלען פון דעם פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט.

אַזאַ קאָנסטיטוציע און די פאַרוואַלטונג פון שטאַרק פאַרצווייגטע אונטערשטיצונגס פאָנדען אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט יעצט כמעט אַ האַלבען מיליאָן מיטגליעדער, מאַכען עס פאַר אוממעגליך, אַז דער פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט זאָל האָבען אַ גרויסע מאַכט. ער פאַנגט אָן און איז דער אָנפיהרער פון אַלע באַוועגונגען אין דער אינדוסטריע און קען דעריבער ארויסרופען אַן אַלגעמיינעם שטרייק אָהן אַן אָפּשטימונג פון דער מיטגליעדערשאַפט. ער קען צו אַלע צייטען דורכפיהרען אַן אָפּשטימונג, אָבער די תקנות פון דער יוניאָן באַוואָרענען בפירוש, אַז ער איז ניט מחויב צו האַלטען זיך ביי דעם באַשלוס פון דער מיטגליעדערשאַפט. אין אָנפאַנג האָט דער פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט אויך געהאַט די מאַכט „אויסצוגלייכען" יעדען סכסוך, אָבער די מאַכט איז ביי איהם צוגענומען געוואָרען דורך אַ באַשלוס פון די „יעהרליכע גענעראַל פאַרזאַמלונגען" פון 1915 און 1916, וואָס פאָדערט, אַז די פאַרוואַלטונג מוז צושטעלען אַ באַריכט צו דער „פאַרזאַמלונג" וועגען יעדען אויסגלייך פאַר אַן הסכמה. אין דער פּראַקטיק פיהרען די אומשטענדען צו דעם, אַז די זעקס באַצאָהלטע באַאַמטע, דער פאָרזיצענדער (פּרעזידענט), דער גענעראַל סעקרעטאַר און די פיער געהילפס סעקרעטאַרען, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטליך יעדער פאַר אַ באַזונדער טייל פון דער טעטיגקייט פון דער יוניאָן, זאָלען האָבען זעהר אַ גרויסע מאַכט סיי אין דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג און סיי ביי פאַרהאַנדלונגען מיט די ארבייטס-געבער. זיי האָבען אָבער דאָך ניט געקענט אָפּהאַלטען זייערע מיטגליעדער פון צו דערקלעהרען אַ רייהע „אומאויטאָריזירטע" שטרייקען", וואָס האָבען געהאַט אַ לאָקאַלען אָדער סעקציאָנעלען כאַראַקטער.

אין אָנפאַנג פון דעם יאָהר 1914 האָט לויט אַלע סימנים געשיינט, אַז די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן ארבייטער" וועט ווידער אָנפאַנגען אַ באַוועגונג צו פאַרבעסערען די לאַגע פון איהרע מיטגליעדער. די „יעהרליכע גענעראַל פאַרזאַמלונג" פון יענעם יאָהר האָט פריינדליך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון די מינענגרעבער צו פאַראייניגען זיך מיט זיי און מיט די טראַנספּאָרט

אַרבייטער און דאָס, וואָס הייסט די „טריפּל עלייענס" (דער „דריי־בונד"). נאָך מעהר, איהרע שטרעבונגען האָבען יעצט אָנגעפאַנגען צו געהן ווייטער פון פאַרבעסערונגען אין שכירות און אַרבייטס־שטונדען. די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן האָבען דורך אַ משך פון צוואַנציג יאָהר אַמאָל אַליין פאָרגעשלאָגען און אַלע מאָל געשטיצט די רעזאָלוציעס פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס צו גונסטען פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון די אייזענבאַהנען. אין 1913 האָט די „אַסאָציאַציע פון אייזענבאַהן געשעפט־קאָנטאָר אָנגעשטעלטע" געמאַכט אַ שריט ווייטער און געפאָדערט, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך אויך באַטייליגען אין דער קאָנטראָלירונג פון די אייזענבאַהנען. אין 1914 האָט די רעזאָלוציע, וואָס האָט געזאָלט פאָרגעשלאָגען ווערען אין דעם נאָמען פון דער „נאַציאָנאַלער א. א. יוניאָן", דערקלעהרט, אַז „קיין סיסטעם פון מלוכה־אייגענטום פון די אייזענבאַהנען וועט ניט צופרידענשטעלען די אָרגאַניזירטע אייזענבאַהן אַרבייטער סיידען זייערע פולע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכטען וועלען ווערן גאַראַנטירט, זיי וועלען באַקומען אין אַ געהעריגער מאָס די השגחה און די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער זיכערער און ווירקזאַמער אָנפיהרונג פון די אייזענבאַהנען און זיי וועלען זיין געזיכערט מיט אַ יושר'דיגען און געהעריגען טייל פון די געהעכערטע איינקונפטען, וואָס מען קען דערוואַרטען זאָלען קומען פון אַ מעהר עקאָנאָמישען און וויסענשאַפטליכער פאַרוואַלטונג". דאָ האָבען מיר דעם ערשטען אויסדרוק פון דעם פאַרלאַנג צו באַטייליגען זיך אין דער פאַרוואַלטונג פון די אייזענבאַהנען.[1] פון דאַמאָלס אָן איז די פאָדערונג געוואָרן מעהר אויסדריקליך און מען האָט זי געשטעלט מיט מעהר אַנטשלאָסענקייט. דערווייל אָבער איז געוועזן קלאָהר, אַז פריהער פון אַלץ מוז מען גרינדליך אויסבעסערן די אָרגאַניזאַציע פון די פּשרה

---

[1] דער פאָרזיצענדער (פּרעזידענט) פון דעם יעהרליכען קאָנפערענץ פון דער „אַסאָציאַציע פון אייזענבאַהן קאָנטאָר געהילפען" אין 1913 האָט אין זיין אָפיציעלער רעדע אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די פאַרשטעהער פון די אייזענבאַהן אַרבייטער זאָלען צוזאַמענשטעלען אַ דריטעל פון דער נאַציאָנאַלער אייזענבאַהן קאָמיסיע („באָארד"). זיער פאָרשלאָג האָט די גרעסערע יוניאָן ניט צופרידענגעשטעלט.

קאָמיסיעס. אין דער צייט ווען עס זיינען פאַרהאַנדעלט געוואָרן פאָרשלאַגען וועגען דעם האָט אויסגעבראָכען די מלחמה. די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען האָבען יעצט, שטאַרק להיפוך צו זייערע פריהערדיגע האַנדלונגען, ווירקליך געאַרבייט צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון דער יוניאָן אין אַ געמיינזאַמער קאָמיסיע פון צו זיבען מיטגליעדער פון יעדען צד. דער וואוקס פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן", וואָס האָט צו יענער צייט געהאַט איבער דריי הונדערט טויזענט מיטגליעדער און איהר אַריינטרעטען אין דעם „דריי־בונד" פון די מינער, אייזענבאַהנער און טראַנספּאָרט אַרבייטער האָבען אין דער ווירקליכקייט אַמענדע געצוואונגען די אייזענבאַהן געזעלשאַפטען פאַקטיש צו געבען דער יוניאָן „אַנערקענונג", הגם זיי האָבען דאַמאַלס געלייקענט, אַז זיי טוען עס. די ווירקליכע ענדערונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פשרה קאָמיסיעס האָט געזאָלט פאַר דער צייט פון דער מלחמה אָפּגעלייגט ווערען, אָבער אין 1915 איז דער פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט געקומען צו אַ צייטווייליגען אָפּמאַך מיט די אייזענבאַהן געזעלשאַפטען בנוגע צו געוויסע אויסבעסערונגען, וואָס די גענעראַל פאַרזאַמלונג פון יענעם יאָהר האָט באַטראַכט אַלס ניט גענוג און האָט זיך אַנטזאָגט צו סאַנקציאָנירען. אין דער זעלבער צייט, צוליעב דעם וואַקסענדען יקרות אויף לעבענס־מיטלען, האָבען אַלע גראַדען אַרבייטער פון דעם אייזענבאַהן פאַרקעהר באַקומען פון דעם האַנדעלס מיניסטער מלחמה־פּרעמיעס איינע נאָך דער אַנדערע. אַלע צוזאַמען האָבען זיי באַטראָפען דריי און־דרייסיג שילינגען וועכענטליך פאַר אַ מאַן, זעכצעהן מיט אַ האַלבען שילינג פער וואָך פאַר אַ פרוי און אַ אינגעל, און אַכט מיט אַ פערטעל שילינג פער וואָך פאַר אַ מיידעל. דאָס האָט מעהר ווי פאַרדאָפּעלט די דורכשניטליכע שכירות פון פאַר דער מלחמה. די הוצאות פון דעם זיינען פאַקטיש געפאַלען אויף דער רעגיערונג לויט איהר באַשטימונג צו גאַראַנטירען פאַר די אייזענבאַהן־אַקציאָנערען דעם ריינעם איינקונפט פון 1913. די רעגיערונג האָט, נאָך מעהר, פאַרשפּראָכען גינסטיג צו באַטראַכטען די פאָדערונג פון די אַרבייטער איינצופיהרען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג תיכף, ווי עס וועט זיך ענדיגען די מלחמה.

ווען דער וואפענרוהה פון נאָוועמבער 1918 האָט אָפּגעשטעלט די שלאַכטען, זיינען באַלד אָנגעפאַנגען געוואָרן פארהאנדלונגען וועגען אויסגלייכען די פראַגען, וואָס זיינען געבליבען ניט געלייזט. דורך דער צייט, וואָס די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאהן אר־בייטער", אין מעהר פריינדליכער מיטארבייטערשאַפט מיט דער „אסאָציאירטער געזעלשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו מאַשיניסטען און קויהלען־שארער", האָט געוואונען לוין־העכערונגען, וואָס זיינען אין א פולער מאָס געווען אזוי גרויס, ווי די העכערונג פון דעם יקרות אויף לעבענס־מיטלען, האָט זי אויך פּרינציפּיעל באַקומען ניט בלויז אנערקענונג, נאָר אויך דאָס וויכטיגע רעכט צו פיהרען אונטערהאנד־לונגען מיט דער פאראייניגטער פארוואלטונג פון אלע אייזענבאה־נען, אנשטאט צו מוזען שטענדיג האָבען צו טאָן מיט די באזונדערע אייזענבאהן געזעלשאַפטען, און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, זי האָט באַקומען דורך די מלחמה־פּרעמיעס („באָנוסעס"), וואָס זיינען גע־ווען גלייך איבער דעם גאַנצען לאַנד, א באַזיס פאַר נאַציאָנאַלע לוין־ראטען פאַר אלע פארשיידענע גראַדען ארבייטער, אָנ־שטאָט די פארשיידענע לוין־ראטען און קלאַסען־אר־בייטער, וואָס יעדע אייזענבאהן־געזעלשאַפט האָט געהאַט באזונדער פאַר זיך. יעצט האָט זי געזאָלט באַקומען אָהן א קאַמף דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאַג, וואָס האָט באדאַרפט איינגעפיהרט ווערן דעם ערשטען פעברואר פון 1919. אין דעצעמ־בער פון 1918 האָט די רעגיערונג, ניט בעראטענדיג זיך אפילו מיט די אייזענבאהנען־געזעלשאַפטען, — מיט אלע צוזאַמען אָדער מיט יעדער באזונדער, — פּרינציפּיעל געמאַכט די דאָזיגע הנחה אָהן א פארקלענערונג פון די שכירות. אין דער זעלבער צייט האָבען אָנגעהאַלטען פארלענגערטע און ניט כשורה'דיגע אונטערהאנדלונ־גען צווישען דעם „פארוואַלטונגס קאָמיטעט פון די אייזענבאהנען" און די צוויי הויפּט יוניאָנען וועגען דער נויטיגער רעקלאַסיפיצירונג פון די ארבייטער און דער באַשטימונג פון דער ארבייטס־צייט און שכירות לויט א נאַציאָנאַלען סיסטעם.

די רעגיערונג האָט פארצויגען די פארהאנדלונגען איבער דער „סטאַנדארדיזירונג" (דאָס איינפיהרען אומעטום איין גלייכען יסוד), — וואָס האָט נויטיגערווייז געפאָדערט, אז די אומעטום־

גלייכע מלחמה פרעמיומס און די פאַרשיידענע לוין־באַזיסען (וואָס האָבען עקזיסטירט פון פאַר דער מלחמה אויף יעדער אייזענבאַהן באַזונדער) זאָלען ווערען צוזאַמענגעגאָסען, — פון פעברואַר ביז ענדע אויגוסט. דאָס האָט געמאַכט, אַז די אויפרעגונג פון די אייזענבאַהן אַרבייטער זאָל וואַקסען. ווי די מיניסטאָרען האָבען שפּעטער זיך מודה געווען, אָדער, ריכטיגער, ווי זיי האָבען זיך באַריהמט, האָט פּאַסירט אָט וואָס: שוין אין פעברואַר האָט די רעגיערונג ווירקליך אָנגעפאַנגען צו מאַכען ברייטע געהיימע הכנות צו צוברעכען דעם שטרייק, וואָס זי האָט פאָראויסגעזעהן, אַז עס וועט פּאָרקומען, ווען עס וועלען ווערן באַקאַנט איהרע באַשלוסען. די אייזענבאַהן־אַרבייטער האָבען מיט צוטרוי דערוואַרטעט, אַז זייערע לוין־ראַטען וועלען ווערן „סטאַנדאַרדיזירט אַרויפצו", אַזוי, אַז עס זאָלען אָנגענומען ווערן פאַר אַלע אַרבייטער די ראַטען פון די בעסטע אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען און צו זיי זאָלען צוגעגעבען ווערן אַלע העכערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דער מלחמה. זיי האָבען געזעהן, אַז דער יקרות איז ניט קלענער געוואָרן און אַז די רעגיערונג האָט אָפיציעל באַשטעטיגט, אין סעפּטעמבער 1919, אַז לעבענס־מיטלען האָבען דאַמאָלס געקאָסט מיט 115 פּראָצענט טייערער ווי אין יולי פון 1914. אָבער די דאָזיגע אויטאָמאַטישע אַריינגעמונג פון די מלחמה־פּרעמיומען אין די „סטאַנדאַרדיזירטע ראַטען", — אַ זאַך, וואָס איינינגע אינדוסטריען האָבען שוין פאַר זיך אויסגעפיהרט, — איז געווען גראַדע דאָס, וואָס די וויכטיגערע אינדוסטריעלע אַרבייטס־געבער האָבען אין זייערע אייגענע אינדוסטריען שטאַרק געוואָלט ניט דערלאָזען. זיי האָבען באמת געהאַט בדעה אין 1919 אָדער אין 1920 דורכצופיהרן אַן אַלגעמיינע פאַרקלענערונג פון די „געשוואָלענע" שכירות פון די מלחמה יאָהרען אין דער גאַנצער אינדוסטריע פון גרויס בריטאַניען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צו דער יקרות אויף לעבענס מיטלען וועט זיך ענדערן, צו ניין. עס האָט צווישען זיי געהערשט דער געדאַנק, וואָס מען האָט גאַנץ אָפען אַרויסגעזאָגט — און עס איז באַוואוסט, אַז איינינע, לכל הפחות, פון די מיניסטאָרען האָבען אויך אַזוי געדענקט — אַז אַ גרויסער „קאַמף מיט די טרייד

יוניאָנען״ איז אומפּאַרמיידליך און אַז עס וואָלט געווען בעסער מען זאָל איהם „אָב׳פּטר׳ען״ איידער די אינדוסטריען האָבען בכלל ווידער אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אונטער די באַדינגונגען פון פריעדליכע צייטען. ווי ווייט סער אָוקלאַנד געדדעס, וועלכער איז אַלס פּרעזידענט פון דער „באָארד אָוו טרייד״ (האַנדעלס מיניסטער) געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פאַרהאַנדלונגען, אָדער זיין ברודער, סער עריק געדדעס, וועלכער האָט אַלס פאַרקעהרס מיניסטער („טראַנספּאָרט״) איבערגענומען די אַרבייט, האָבען זיך אויך גענ־האַלטען ביי דעם געדאַנק און האָבען דערלויבט ער זאָל ווירקען אויף זייער אָפיציעלער טעטיגקייט, איז ניט באַקאַנט. דער היסטאָריקער קען בלויז באַמערקען, אַז די האַנדלונג פון דער רעגיערונג שיינט צו זיין אין הסכם מיט דער השערה. די רעגיערונג האָט באַוואוסטזיניג אָפּגעזונדערט די לאָקאָמאָטיוון־טרייבער און די קויהלען־שאַרער, אָהן וועמעס אַרבייט מען האָט געדענקט מען קאָן זיך באַזונדערס ניט באַגעהן און וועלכע זיינען געווען צוטיילט צווישען די צוויי קאָנקורירענדע יוניאָנען, פון דער מאַסע אייזענבאַהן־אַרבייטער. אין אויגוסט האָט מען די צוויי קלאַסען אַרבייטער פאָרגעשלאָגען אָנגעמבאַרע באַדינגונגען, לויט וועלכע ניט נאָר זיינען אַלע מלחמה באָנוסעס אַריינגענומען געוואָרען אין זייערע נייע לוין־ראַטען, נאָר זיי האָבען אויך באַקומען געוויסע ווייטערע העכערונגען אין זייערע שכירות, כמעט אַזוי פיעל, וויפיעל די יוניאָן האָט איינגאַנצען געפאָדערט. אַזאַ הנחה, האָט מען שפּעטער באַמערקט, איז געווען וואונדערבאַר אויסגערעכענט כדי אָבצורייסען, אין פאַל פון אַ שטרייק, די מאַשיניסטען און די קויהלען־שאַרער פון זייערע חברים אין די זעלבע אָרגאַניזאַציעס; כדי צו צוטיילען די צוויי יוניאָנען צווישען זיך און כדי אַרויסצורופען אַזעלכע דערוואַרטונגען אין די אַנדערע גראַדען אַרבייטער, וואָס וואָלטען פּראַקטיש זיכער געווירקט, אַז זיי זאָלען מיט פאַראַכטונג זיך אַנטזאַגען אָנצונעמען דאָס, וואָס מען האָט זיי געזאָלט פאָרשלאָגען אין עטליכע וואָכען אַרום. ווען דער „קלאָהרער״ באַשלוס פון דער רעגיערונג איז אין אַ בריעף, — אין וועלכען סער אוקלאַנד געדדעס האָט מיט זיין אייגענער האַנד איבערגעמאַכט דעם וואָרט אויף „באַשטימט דעם לעצטען״ („דעפיניט״ — „דיפיניטיוו״), ווי ער וואָלט

געוואָלט זיכער מאַכען אַן אויסברוך פון אַ קאַמף,—געשיקט געוואָרען צו דער יוניאָן, האָט מען געזעהן, אַז לויט די נייע לוין־ראַטען האָבען, אָנפאַנגענדיג פון דעם ערשטען יאַנואַר פון 1920, די פאַר־דיענסטען פון אַלע גראַדען ארבייטער געזאָלט פאַרקלענערט ווערן — אין געוויסע פאַלען אויף בלויז איין אָדער צוויי שילינגען פער וואָך און אין אַנדערע אויף אַזוי פיעל, ווי זעכצעהן שילינגען פער וואָך. דער נייער מאַסשטאַב פון די שכירות פון די באַהן־באַדיענער („פאַר־טער"), למשל, איז באַשטימט געוואָרן פערציג שילינגען פער וואָך, אַנשטאַט די 51 אָדער 53 שילינגען, וואָס זיי פלעגען דאַמאָלס ווירקליך באַקומען, אָדער די זעכציג שילינגען, וואָס די יוניאָן האָט געפאָדערט. די ברידער געדדעס האָבען ניט געמאַכט קיין דער־קלעהרונג, אַז וואָס די רעגיערונג האָט געמיינט איז געווען, אַז דעם ערשטען יאַנואַר פון 1920 זאָלען ניט געמאַכט ווערן קיינע פאַר־קלענערונגען פון די פאַרדיענסטען פון די ארבייטער און אַז די כונה פון דער רעגיערונג איז געווען (ווי ללאָיד דזשאָרדזש האָט עס שפּעטער דערקלעהרט, אָבער ער האָט עס געטאָן ערשט דעם זעלבען פריהמאָרגען, ווען דער שטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען, און דאַמאָלס האָט מען זיך צום ערשטען מאָל וועגען דעם דערוואוסט), אַז עס זאָלען אינגאַנצען ניט געמאַכט ווערן קיינע רעדוצירונגען, סיידען דער יקרות וועט זיין געפאַלען פאַר אַ משך פון איבער דריי מאָנאַטען נידעריגער פון 110 פּראָצענט איבער די פאַר־מלחמה פרייזען, און אַז (ווי עס איז דערקלעהרט געוואָרן אין די אַנאָנסען, וואָס די רעגיערונג האָט געדרוקט אין די צייטונגען, ערשט אויף דעם אכטען טאָג פון דעם שטרייק) די צוקונפטיגע „באַוועגליכע לוין־מאָסשטאַבען", — וואָס זיינען קיינמאָל באַשטימט ניט פאָר־מולירט געוואָרן, — וועלען קאָנען געהן אַרויפצו אַזוי גוט ווי אַרונטערצו. פאַר וואָס איז עס אין דעם „באַשטימט דעם לעצטען" פאָרשלאָג גלייך דאָרט ניט געגעבען געוואָרן קיין רמז אפילו וועגען דעם דאָזיגען „פּראָגראַם פאַר 1920", סיידען מען האָט גע־מיינט צו רייצען די אַרבייטער און אַרויסרופען אַ שטרייק? פאַר־וואָס האָט מען עס אָפּגעלייגט מען זאָל זיך וועגען דעם דערוויסען בלויז אַגב אורחא און אויף אַזאַ שטייגער, אַז מען זאָל ניט לייכט

קאָנען פאַרשטעהן,—דורך די לעצטע פערזענליכע פאַרהאַנדלונגען מיט דעם הויפּט מיניסטער? און, — נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט, אַז דער שפּייז מיניסטער אַליין האָט עפענטליך דערקלעהרט, אַז וואָס מען האָט געקאָנט דערוואַרטען פון יאַנואַר 1920, איז ניט אַז דער יקרות אויף לעבענס מיטלען זאָל פאַלען, נאָר ער זאָל ווייטער שטייגען, — צו וואָס האָט מען עס איינגאַנצען געמאַכט דעם באַ־אומרוהיגענדען פאָרשלאַג וועגען פאַרקלענערן שכירות ביז פערציג שילינגען פער וואָך? עס איז כמעט אוממעגליך צו באַגעהן זיך אָהן דעם אויספיהר, אַז די רעגיערונג, וועלכע האָט זיכער באַ־שטימט דעם טאָג און די שטרייט־פראַגען, האָט געוויס אויך אַליין באַשלאָסען אַרויסצורופען דעם שטרייק גופא מיט דעם אויסקוק צו „שלאָגען די יוניאָן", כדי צו באַקומען א פרייע האַנד פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אייזענבאַהנען אָהן דער נויטינקייט צו באַ־ראַטען זיך מיט די אַרבייטער; כדי, אפשר, אַריינצופּאַסען זיך אין דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישען פּלאַן פון אַרונטערצוטריי־בען די „געשוואָלענע" מלחמה־צייטען־שכירות, און, ווי איינינע זאָגען, כדי צו באַזאָרגען ללאָיד דזשאָרדזש'ן מיט א ניצליכער „וואַה־לען הינטער־פּיסעל", מיט וועלכער אומפאַריכטבאַר צו שעדיגען די „אַרבייטער פּאַרטיי" אין די אויגען פון דעם מיטעל קלאַס.

צי די מיניסטאָרען האָבען געמיינט צו ברענגען דערצו, אָדער צו־ליעב זייער נשתומם'דיגער אומגעלומפּערטקייט ביי די אונטערהאַנד־לונגען—דאָס, וואָס די רעגיערונג האָט פאָראויסגעזעהן און זי האָט דערוואַרטעט און צו וואָס זי האָט בסוד געמאַכט הכנות פאַר א משך פון זעקס מאָנאַטען, האָט ווירקליך פּאַסירט. מיטוואָך, דעם 24־טען סעפּטעמבער, האָט דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „נאַציאָ־נאַלער יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער" אַרויסגעגעבען א באַ־פעהל וועגען א נאַציאָנאַלען (אַלגעמיינעם) שטרייק, וואָס זאָל זיך אָנפאַנגען פרייטאָג, דעם 26טען סעפּטעמבער, אום האַלבענאַכט, סיידען דער באַפעהל וועט אָפּגעשאַפט ווערן דורך דעם טעלעגראַף. די יוניאָן האָט אַזוי ווייניג געהאַט אין זינען צו מאַכען אַזא שריט אָדער גערינכט זיך אויף דעם, אַז זי האָט לחלוטין ניט געלאָזט וויסען וועגען דעם קריזיס דער פעדעראַציע פון מינען־גרעבער אָדער

דער פעדעראַציע פון די טראַנספּאָרט אַרבייטער, וועלכע זיינען גע־
ווען חברים פון די אייזענבאַהן אַרבייטער אין דעם „דריי־בונד״
(„טריפּל עלייענס״), און זי האָט געהאַט בלויז אַרום דריי טויזענט
פונט שטערלינג אין מזומן געלט. די אַרבייטער האָבען געמאַכט
אָנשטרענגונגען עס זאָל ניט קומען צו דעם שטרייק. זיי האָבען
אָנערקענט, אַז ער וואָלט געווען אַ נאַציאָנאַלער אומגליק. דער
פּאַרוואַלטונגס־ראַט האָט דאָנערשטאָג און אפילו פרייטאָג פאַר־
מיטאָג אַליין אָנגעבאָטען און האָט גע׳פּועל׳ט לאַנגע פּערזענלי־
כע איבעררעדונגען מיט דעם הויפּט מיניסטער אַליין. די וואָרט־און־
וואָרט („ווערבאַטים״) באַריכטען פון די דאָזיגע שמועסען ציינען,
(א) אַז די רעגיערונג האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין נייגונג צו קו־
מען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַרבייטער וועגען זייערע תביעות.
ביי איין שטעל האָט זיך סער עריק געדדעס האַסטיג אַריינגעמישט
ניט צו דערלאָזען אפילו אַרויסצוברייגנען קיין קריטיק וועגען דעם
„דיפיניטיוון״ נייעם לוין־מאַסשטאַב ; (ב) אַז די רעגיערונג האָט
אפילו ניט פאַרגעלייגט דאָס, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעציינט
צו זיין דער פאָרשלאָג, וואָס דער טראַנספּאָרט־מיניסטעריום האָט
ווירקליך געהאַט אין זינען צו מאַכען (סיידען מיר זאָלען באמת
אָננעמען, אַז דעם „דעפיניטיוון״ פאָרשלאַג האָט מען שטילערהייט
געענדערט דורך דעם משך פון דעם שטרייק). מען קאָן, צוריק,
בלויז אָננעמען, אַז אָדער ללאָיד דזשאָרדזש האָט ניט געוואָלט
פאַרמיידען דעם שטרייק, אָדער סיידען די קלאָהרהייט, מיט וועל־
כער ער צייכענט זיך געוועהנליך אויס ביי׳ם דערקלעהרען אַלערליי
פּלענער, וואָס ער וויל מען זאָל אָננעמען, האָט איהם דעם מאָל
אין זעהר אַ גרויסער מאָס פאַרלאָזען. וואָס דער הויפּט מיניסטער
האָט געטאָן, איז געווען תיכף צו פאַר׳מסר׳ן פאַר דעם פּובליקום
די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער״, אַז זי האָט גע־
מאַכט אַן אַנאַרכיסטישע פאַרשווערונג !

דער אַרויסגעקומענער ניין־טאָגיגער אָפּשטעל פון די אייזענ־
באַהנען איז אין פיעלע הינזיכטען געווען דער מערקווירדיגסטער
אינדוסטריעלער קאַמף, וואָס מיר האָבען ווען געזעהן. אַ האַלבער
מיליאָן אייזענבאַהן אַרבייטער האָבען פאַרלאָזען זייער אַרבייט

אום האלבענאכט דעם 26טען סעפּטעמבער. די „אסאָציאירטע געזעלשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו אינזשעניערן (מאשיניסטען) און קויהלען־שארער" האָט זיך פון לכתחילה אָן פאראייניגט מיט דער „נאציאָנאלער יוניאָן" און כמעט אלע מיטגליעדער פוןביידע אָרגאַניזאציעס זיינען ארויס אין שטרייק. די ארבייטער אויף די אייזענבאהנען אין אירלאנד האָט מען געהייסען בלייבען ביי דער ארבייט. עס איז קיינמאָל פריהער ניט פאָרגעקומען, אז דער אייזענבאהן פארקעהר פון איין עק גרויס־בריטאַניען ביז דעם צווייטען זאָל זיך אזוי כמעט אינגאַנצען אָפּשטעלען, ווי דעם מאָל. מען דארף באמערקען, אז די דריטע יוניאָן, די „אסאָציאציע פון די קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע פון די אייזענבאהנען" (וואָס האָט שוין געהאט אלס מיטגליעדער אויסער די קאָנטאָר־געהילפען אויך די באַאמטע פון דער פארוואלטונג און פון דער אויפזיכט (השגחה) איבער די אייזענבאהנען) האָט באפוילען איהרע מיטגליעדער, אז זיי זאָלען בלייבען אבסאָלוט נייטראל און ניט טאָן קיין ארבייט פון די שטרייקער. די רעגיערונג, וועלכע האָט געשיקט סאָלדאטען צו באוואכען אייניגע סטאנציעס פון די אייזענבאהנען,[1] האָט זיך געאיילט עפענטליך צו אנאָנסירען, אז די ארמיי וועט אין קיין פאל ניט באנוצט ווערן צו לאָזען לויפען די צוגען. אלס א היפּוך צו איהר באשלוס פון 1912 האָט דאָס פיעל געמיינט. צום ערשטען מאָל איז די רעגיערונג געווען מחויב צו צאָהלען ארבייטסלאָזיגקייט אונטערשטיצונגען צו אלע אנדערע ארבייטער, וועלכע האָבען געמוזט צוליעב דעם שטרייק אויפהערן ארבייטען, און צוליעב דעם, וואָס מען האָט ערווארטעט עס זאָל אויסקומען צו צאָהלען די שטאאטס־ארבייטסלאָזיגקייט־אונטערשטיצונגען צו אן אומגעהויער

---

[1] עס זיינען געווען באריכטען, אז אין אייניגע ערטער האָבען די סאָלדאטען „פראטערניזירט" (געוואָרן גוטע ברידער, זיך גע'חבר'ט) מיט די „פּיקעטס" (די ארבייטער, וועלכע האָבען אכטונג געגעבען, אז שטרייקברעכער זאָלען ניט פארנעמען די פּלעצער פון די שטרייקער) און מען האָט זיי שנעל צוגענומען אין די קאזארמעס אריין. דער מיניסטאָרען קאבינעט האָט געווים באַקומען א ווארנונג פון א הויכען מיליטערישען באאמטען, אז עס איז געפעהרליך צו געברויכען סאָלדאטען געגען די שטרייקער.

גרויסער צאָהל אַרבייטער, האָט מען איינגעאָרדענט אזוי, אַז די אונטערשטיצונגען זאָלען ווערן אויסגעצאָהלט דורך יעדען אַרבייטס־געבער צו זיינע אייגענע לוין־אַרבייטער, ווען זיי וועלען מוזען צוליעב דעם שטרייק אַרומגעהן ניט־אַרבייטענדיג, און אַז אַזעלכע אַרבייטער קאָן מען פאַרשלאָגען צייטווייליגע באַשעפּטיגונג ביים לאָדען פון שפּייז, אָבער זיי וועלען ניט דאַרפען אָננעמען קיין אַרבייט אויף די אייזענבאַהנען גופא.

עס זיינען, טראָץ די ווילדע גוזמאות פון די צייטונגען, פּ־אַקטיש ניט געווען קיינע אומאָרדנונגען און קיינע פאַרזוכען צו מאַכען היזקות אין אייגענטום. דעם באַפעהל פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט, אַז מען זאָל ניט דערלאָזען פערד זאָלען מוזען ליידען (הונגער) דורך דעם שטרייק, האָבען די אַרבייטער פריינדליך מקיים געווען, חוץ אין בלויז עטליכע פאַלען, אין וועלכע די לאָקאַלע באַאַמטע האָבען שלעכט באַהאַנדעלט די לאַגע און האָבען אַרויסגערופען א ווידערשטאַנד און מיספאַרשטענדניסען. מען האָט דערלויבט דער רעגיערונג אָהן קיינע שטערונגען דורכצופיהרען די קאָמפּליצירטע איינאָרדנונגען, וואָס זי האָט א לאַנגע צייט צוגעגרייט, פאַר דער פאַרזיכערונג פון לאָנדאָן און פון אַנדערע גרויסע שטעדט מיט דעם געוועהנליכען זאַפּאַס מילך און אַנדערע עסענוואַרגען מיט דער הילף פון א פאַרצווייגטען סיסטעם פון מאָטאָרוואָגענס. די רעגיערונג האָט אַרויסגעלאָזען אויפרופען פאַר פרייוויליגע אַרבייטער פאַר די אייזענבאַהנען און האָט מיט דער הילף פון א קליינעם רעשטעל פון ניט־יוניאָניסטען געלאָזען לויפען א קליינינקען שטרוימעלע צוגען, וואָס האָט באַזאָרגט דעם אָרטיגען פּאַסאַזשירען־פאַרקעהר אין לאָנדאָן און אין אייניגע אַנדערע שטעדט. צוביסלאַכווייז האָט זי אויך איינגעשטעלט איינעם אָדער צוויי צוגען א טאָג אויף ווייטע שטרעקעס, וואָס האָבען געפיהרט די פּאָסט און זיינען געווען געפּאַקט מיט ריזיקאַנטישע פּאַסאַזשירען. די באַוועגונג פון מינעראַלען און שווערע וואַארעס האָט זיך כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטעלט און צום סוף פון דער וואָך זיינען אַזוי פיעל אינדוסטריען געבליבען אָהן באַהייצונג און אַזוי פיעל קויהלען־גרעבער זיינען געבליעבען אָהן גענוג וואַגאָנען און אָהן גענוג פּלאַץ

ביים אריינגאנג אין גרוב אויף צו לאָדען קויהלען, אז אָנשטאָט די פיער הונדערט טויזענד מינען און פאבריק ארבייטער, וועלכע זיינען שוין ארומגעגאנגען לעדיג, וואָלטען די צווייטע וואָך גע־בליבען אָהן ארבייט בוכשטעבליך מיליאָנען מענשען. אין דער זעלבער צייט, האָבען די פיהרער פון דער יוניאָן געוואוסט, אז וועניג ארבייטער זיינען אוועק צוריק צו דער ארבייט, — הגם די צייטונגען האָבען באריכטעט אנדערש, — און אז יעדען טאָג פלעגען צושטעהן צום שטרייק א גרעסערע צאָהל ארבייטער אזוי, אז צום סוף פון דעם קאמף פלעגען באמת מעהר ארבייטער „אונ־טערשרייבען דעם בוך” (אין די קאָנטאָרן פון די יוניאָנען, וואו די שטרייקער דארפען זיך טעגליך מעלדען און אונטערשרייבען זיך אלס צייגנים, אז זיי שטרייקען ווירקליך.—איבערז.), איידער צום אָנפאנג. אָבער די „נאציאָנאלע יוניאָן פון אייזענבאהן אר־בייטער” האָט געהאט היבשע שוועריגקייטען צו באקומען מזומן געלט פאר די קאפּיטאלען, וואָס זי האָט אריינגעלייגט אין פאר־שיידענע געשעפטען, און צו האָבען אויף די ערטער, — אין א פּאָר טויזענט צענטראלע פונקטען, — גענוג מזומן ארויסצוצאָהלען תיכף דעם האלבען מיליאָן פונטען שטערלינג שטרייק־צאָהלונגען, וואָס די ארבייטער האָבען באדארפט באקומען. בלויז די שנעלע און פריינדליכע הילף פון דער דרוקעריי אָפּטיילונג פון דער „קאָ־אָפּעראטיוו האָלסייל סאָסייעטי” („קאָאָפּעראטיווע גרויס־פארקויף געזעלשאפט”), וואָס האָט וואונדערבאר שנעל אָפּגעדרוקט גענוג טשעקען (געלד־אָנווייזונגען אויף באנקען), און פון דער באנק פון דער זעלבער קאָאָפּעראטיווער געזעלשאפט, וואָס האָט איינגעאָר־דענט, אז די טשעקען זאָלען ארויסגעצאָהלט ווערן אין עטליכע קאָנ־טאָרן פון דער געזעלשאפט גופא, האָט פארהיט פון א צוזאמענברוך. עס זיינען געווען פאלען, ווען קרעמער האָבען זיך אנטזאָגט צו פארקויפען שפּייז צו די שטרייקער, און עס איז מעגליך, אז בלויז די שנעלע הילף פון די קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפטען, וואָס האָבען מסכים געווען אָנצונעמען די אָנווייזונגען („וואוטשערס”, ערבות־צעטלאך), וואָס די אָרטיגע שטרייק־קאָמיטעטען האָבען ארויסגע־געבען, האָט ניט דערלאָזען, אז די רעגיערונג זאָל דורכפיהרן איהר

פלאַן אויסצוהונגערן די פאַמיליעס פון אייזענבאַהן־ארבייטער דורך צונעמען בײַ זיי זייערע ראַציאָנס־קאַרטלאך (ציינגענישען, אָהן וועל־כע מען האָט ניט געקאָנט באַקומען קיין שפּייז), אָדער דורך צו־ריקהאַלטען די שפּייז זאַפּאַסען, וואָס די רעגיערונג האָט קאָנ־טראָלירט. איין שטאַרקען קלאַפּ האָט די רעגיערונג יאָ געגעבען דעם שטרייק דורך איהר דעספּאָטישען באַפעהל ניט אויסצוצאָה־לען די שטרייקער זייערע שכירות פאַר אַ גאַנצער וואָך ארבייט, וואָס זיי האָבען פאַרדיענט איידער דער שטרייק האָט זיך אָנגעפאַנ־גען. די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען פלעגען שטענדיג איינהאַלטען פאַר אַ גאַנצע וואָך שכירות, אַלס פאַרזיכערונג געגען גנבות אָדער געלד־פאַרכאַפּונג דורך די אָנגעשטעלטע, אָבער אין דער צייט פון אַן אייזענבאַהן שטרייק איז דאָס פריהער קיינמאָל ניט געטאָן גע־וואָרן. עס איז ניט קלאָהר אויב די ארבייטער האָבען געבראָכען אַ געזעצליכען קאָנטראַקט דורך דעם, וואָס זייער התראה וועגען דעם שטרייק איז געגעבען געוואָרן בלויז דריי טעג איידער ער האָט זיך אָנגעפאַנגען — עס שיינט, אַז מען האָט וועגען דעם פּונקט קיינמאָל ניט פאַרהאַנדעלט און מען איז וועגען דעם צו קיין שלום ניט געקומען, — אָבער די אייזענבאַהן געזעלשאַפטען האָבען אַלענ־פאַלס בלויז געהאַט דאָס רעכט אָנצוקלאָגען יעדען ארבייטער באַ־זונדער פאַר דעם היזק, וואָס זיי האָבען געקאָנט דערווייזען, אַז ער האָט זיי פאַרשאַפט דורך דעם, וואָס ער האָט אויף דעם אופן געבראָכען זיין קאָנטראַקט מיט זיי. עס איז קלאָהר, אַז די רע־גיערונג האָט ניט געהאַט קיין געזעצליכען רעכט צו ווערן אַ ריכ־טער בנוגע צו איהר אייגענער תביעה, אָדער אַליין אייגענוויליג צו באַשטימען דעם היזק, וואָס עס קומט איהר פון יעדען ארביי־טער, אַלס גראַד זיינע שכירות פאַר איין וואָך ארבייט. די דאָ־זיגע האַנדלונג, צוזאַמען מיט די אויסדרעהערישע ענדערונגען, וואָס די רעגיערונג האָט כסדר געמאַכט אין איהרע לוין־פאָרשלאַגען און די אַגיטאַציע דורך פאַרלוימדונגען, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט דורך דער גאַנצער פּרעסע פון לאַנד — אונטער דעם פּערזענליכען אָנ־פיהר פון סער וויליאַם סוטהערלאַנד, איינעם פון דעם הויפּט־מי־

ניסטער'ס סעקרעטאַרען — האָבען שטאַרק געווירקט, אַז די גאַנצע טרייד יוניאָן וועלט זאָל שטיצען די אייזענבאַהן־אַרבייטער.

דאָס מערקווירדיגסטע אין דעם שטרייק איז געווען די אַגי־טאַציע דורך דער פּרעסע („פּובליסיטי קאַמפּעין"), מיט וועלכער ביידע צדדים האָבען זיך צום ערשטען מאָל אין אַן אינדוסטריעלען קאַמף באַנוצט אויף אַן אָרגאַניזירטען אופן צו ווירקען אויף דער עפענטליכער מיינונג. לכתחילה האָט די רעגיערונג געהאַט די גאַנ־צע עפענטליכקייט אויף איהר צד טראָץ דעם, וואָס די „דעילי הע־ראָלד" (די טעגליכע אַרבייטער צייטונג) האָט אָפען פאַרטיידיגט דעם שטרייק. כמעט יעדע צייטונג אין דעם קעניגרייך — אַלע טאָג האָט מען זיי פון א רעגיערונגס קאָנטאָר באַזאָרגט מיט א לאַנגען בולעטין „שטרייק נייעס" — האָט דערצעהלט דעם עולם, וועלכער האָט געליטען ערנסטע אומבאַקוועמליכקייטען צו־ליעב דעם אָפּשטעלען פון די אייזענבאַהנען, אַז דער שטרייק איז געקומען פון אַן „אַנאַרכיסטישע" פאַרשווערונג צווישען די איי־זענבאַהן־אַרבייטער; אַז די יוניאָן האָט חוצפה'דיג אָהן קיין אור־זאַכע אָפּגעבראָכען די פאַרהאַנדלונגען דערפאַר, וואָס זי האָט גע־וואָלט לגמרי „באַ'גזלנ'ען" די געזעלשאַפט; אַז די רעגיערונג האָט באמת גאָר ניט געמיינט צו פאַרקלענערן קיינעמס שכירות און אַז זי האָט דערמאָנט די שכירות פון פערציג שילינגען פער וואָך בלויז פאַר דעם פאַל, ווען די פּרייזען פון לעבענס מיטלען וועלען ווידער ווערן אַזוי נידעריג, ווי פאַר דער מלחמה; אַז פאַקטיש האָט די רעגיערונג באמת פאַרדאָפּעלט די שכירות פון די אייזענבאַהן אַרבייטער און אַז באַגרייפענדיג עס און דערוויסענדיג זיך, ווי זייער פאַרוואַלטונגס ראַט האָט זיי אָפּגענאַרט, געהען די אַרבייטער אין אַלע פעלער צוריק צו זייערע פליכטען. אום צו ווירקען געגען דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדאַ פון דער רעגיערונג, האָט די „דעילי הערלאָלד" אויף א העכסט געשעפטליכען שטייגער איינ־געאָרדענט, אַז די צייטונג זאָל ווערן פאַרשפּרייט איבער גאַנץ ענג־לאַנד און האָט אויף דעם שטייגער מעהר ווי פאַרצווייפאַכט איהר צירקולאַציע (טיראַש). די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער" האָט אויסגענוצט איהר „אָפּטיילונג פאַר אַרבייטס־

פאַרשונגען" צו טאָן די ארבייט פון עפענטליכער אגיטאַציע. א געוויסע צאָהל קאָמפּעטענטע שרייבער, קאריקאַטוריסטען און סטאַטיסטיקער, וועלכע באַלאַנגען צו דער ארבייטער פּאַרטיי, האָבען זיך אָנגענומען צו ארבייטען פאר דער „פאָרשונגען אָפּטיילונג". דער פאַרוואַלטונגס-ראַט האָט דעריבער געהאַט די מעגליכקייט אין דעם משך פון א פּאָר טעג ארויסצולאָזען א שטרום אַרטיקלען, בריעף, רעדעס און קאריקאַטורען, פאר וועלכע די צייטונגען פלעגען בכלל געבען פּלאַץ צו דרוקען.[1] געגען יעדען ארויסטריט פון דער רעגיערונג, געגען יעדער דערקלעהרונג, וואָס זי האָט ארויסגעגעבען, איז תיכף ארויסגעקומען א געהעריגער ענטפער. ווען ללאָיד דזשאָרדזש האָט ארויסגעגעבען א דערקלעהרונג, אין וועלכער ער האָט פאַרדאַמט די שטרייקער און מען האָט די דערקלעהרונג געצייגט אויף דעם לייוועגט אין יעדען סינעמאַטאָגראַף טעאַטער, האָט מען אויף די לייוועגטען געצייגט דזש. ה. טהאָמאַס'ן פערזענליך געבענדיג א שאַרפע תשובה. אָבער די ביורא פאר דער עפענטליכער אגיטאַציע פון דער יוניאָן האָט געדענקט, אַז די צייטונגען גיבען אָפּ פאר דעם צד פון די שטרייקער ניט גענוג פּלאַץ, און זי האָט אָנגעפאַנגען צו דרוקען אויף גאַנצע זייטען פון דער „טיימז" און פון אנדערע צייטונגען באַצאָהלטע אַנאָנסען, אין וועלכע די פּלפּולים און די אויסדרעהענישען פון דער רעגיערונג בנוגע צו די שכירות, וואָס זי האָט פאָרגעשלאָגען, זיינען געמאַכט געוואָרן קלאָהר פאר דעם עולם. די רעגיערונג האָט נאָכגעטאָן און אין גיכען האָבען זיך באַוויזען צו צוויי מודעות זייט ביי זייט אין די זעלביגע צייטונגען. דער אומערוואַרטעטער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט באַמערקט, ווי די ערקלעהרונג פון דער רעגיערונג וועגען איהרע פאָרשלאָגען צו די ארבייטער ענדערט זיך פון טאָג צו טאָג מיט דעם אָנגאַנג פון דעם שטרייק, ווערנדיג מעהר און

---

[1] אַ מערקווירדיגע זאַך איז געווען דער ארויסטריט פון די זעצער און דרוקער, וועלכע האָבען געסטראַשעט צו שטרייקען און אינגאַנצען אָפּשטעלען די צייטונגען אויב מען וועט ניט דערלויבען די אייזענבאַהן אַרבייטער פאָרצולייגען זייער צד פאר דעם עולם און מען וועט ניט אויפהערען ארויסצוגעבען די זלזולים'דיגע מודעות.

מעהר צו גונסטען פון די שטרייקער, אָבער טענה'ענדיג, אז דאָס איז נאָך אַלץ די „דעפיניטיוויע" אנטשיידונג פון סער אוקלאַנד געדעס, וואָס האָט ארויסגערופען דעם שטרייק. דער פּועל־יוצא פון א קונציג אָרגאַניזירטע אגיטאציע אין דער פּרעסע פון איין וואָך צייט איז געווען, אז די עפענטליכע מיינונג האָט זיך נאָכאנאנד געביטען צו גונסטען פון די ארבייטער און אפילו אין די לייט־ארטיקלען פון די צייטונגען איז פאָרגעקומען א קענטיגע ענדערונג. צו ענדע וואָך האָט דער ארבייטער־צד שוין געהאַלטען אין געווינען.

דורך דער זעלבער צייט פלעגען די פיהרער פון די וויכטיגערע טרייד יוניאָנען, וואָס האָבען אומדירעקט געליטען פון דעם שטרייק, — איבערהויפּט די פארשיידענע סעקציעס פון דער טראַנספּאָרט ארבייטער יוניאָן צוזאַמען מיט באַאמטע אָדער פאָרשטעהער פון די מינען־ארבייטער, פון דעם פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט און פון דער ארבייטער פּארטיי — זיך אין געהיים פארזאַמלען אויף אומרוהיגע בעראַטונגען. מען מוז אָנצייגען, אז די בעראַטונגען זיינען פאררופען געוואָרן פון דעם פארוואַלטונגס־קאָמיטעט פון דער „נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון טראַנספּאָרט ארבייטער" צו זוכען מיטלען ווי אָפּצוהאַלטען זייערע אייגענע מיטגליעדער פון אן אומבאַטראַכטען ארויסטריט צו שטיצען די אייזענבאַהן ארבייטער און כדי צו ווירקען אויף ביידע צדדים זיי זאָלען זיך אויסגלייכען. לכתחילה האָט עס אויסגעזעהן, אז די לאַגע איז האָפנונגסלאָז. די רעגיערונג האָט געהאַנדעלט פּראָוואָצירענד. ללאָיד דזשאָרדזש האָט דערקלערט, אז ער וועט ניט אָנפאַנגען קיינע פארהאַנדלונגען מיט די יוניאָנען פון די אייזענבאַהן ארבייטער כל־זמן די שטרייקער וועלען זיך ניט אומקעהרען צו זייערע פליכטען אָהן קיינע באַדינגונגען. מען האָט אויפגעפאָדערט אַלע לאָקאַלע באַאמטע זייזאָלען ניט פארשטאַרקען די פּאָליציי דורך שפּעציעלע קאָנסטאַבלען (פּאָליציי־באַאמטע), לויט דעם קאָנסטיטוציאָנעלען מנהג, נאָר זיי זאָלען אָרגאַניזירן א „בירגער־וואַך" כדי צו באַקעמפען „די מאַכט פון אומאָרדענונג"; דאָס איז געווען א ווילדער געברויך פון א שלימזל'דיגען טערמין, וואָס האָט געקאָנט פיהרן צו דעם, אז

דער „קלאַסען־קריעג" זאָל אריבערגעטראָגען ווערן אין די גאַסען, אויב אפילו מען האָט עס ניט געמיינט. עס איז געווען באַוואוסט, אז מען האָט ערנסט באַטראַכט וועגען, ווי מען זאָל קאָנפיסקירן די פאָנדען פון דער יוניאָן אָהן קיין געזעצליכען גרונד דערפאַר און אויך ווי אַרויסצוגעבען שפּייז אַזוי, אַז די שטרייקער זאָלען עס ניט באַקומען. פון צווייטען צד זיינען די שטימונגען צווישען די טרייד יוניאָניסטען געוואָרן אַלץ מעהר אויפגערעגט. די לאַגע האָט שוין מעהר ערנסט ניט געקאָנט זיין. אָבער די „עלף" — שפּעטער די „פערצעהן" — טרייד יוניאָניסטישע פשרה־מאַכער זיינען געווען געדולדיג און האָבען ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען פאַר זייער אויפגאַבע. זיי האָבען אָפּגעהאַלטען לאַנגע שמועסען מיט דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט פון די אייזענבאַהן אַרבייטער. זיי האָבען געהאַט לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיט דעם הויפּט מיניס־טער, מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער און מיט דעם מיניסטער פון טראַנספּאָרט. זיי האָבען קלאָהר געמאַכט מיספאַרשטענדניסען. זיי האָבען באַזייטיגט פּראָוואָצירנדע אויסדרוקען. זיי האָבען גע־צוואונגען די רעגיערונג מודה צו זיין, אַז אין דער געגענוואַרט איז ניטאָ קיין געלעגענהייט צו רעדוצירן שכירות. זיי האָבען גע־ווירקט אויף די אייזענבאַהן אַרבייטער זיי זאָלען איינזעהן, אַז בלויז אָפּצולייגען די פראַגע מיינט שוין שטאַרקער צו מאַכען זייער חזקה אויף די שכירות, וואָס זיי באַקומען. טראָץ די בייזערדיגע ווערטער פון דער רעגיערונג האָבען דאָך די טרייד יוניאָניסטישע פשרה־מאַכער אויסגעווירקט, אַז דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון די אייזענבאַהן־אַרבייטער זאָל עטליכע מאָל האָבען לאַנגע שמועסען מיט דעם הויפּט־מיניסטער און מיט זיינע קאָלעגען אין נומער צעהן דאַונינג סטריט. (מיניסטעריום געביידע). לסוף, זונטאָג אין דער פריה, דעם דריטען אָקטאָבער, זיינען ללאָיד דזשאָרדזש און טהאָמאַס זיך צוזאַמענגעקומען ביחידות צו ענדיגען די פאַרהאַנד־לונגען. תיכף האָט די נייעס דורכגעבליצט איבערן גאַנצען קעניג־רייך, אַז דער שטרייק איז אויסגעגליכען געוואָרן, און אין אָווענט האָט טהאָמאַס אַנאָנסירט פאַר אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג פון אייזענ־באַהן אַרבייטער די באַדינגונגען פון דעם אויסגלייך. די תנאים

זיינען געוועזן, אַז אַלע אַרבייטער זאָלען תיכף געהן צוריק צו דער אַרבייט און קיינער זאָל ניט געמאַכט ווערן פאַר אַ „קרבן“ פון דעם שטרייק, (ד. ה. זאָל אַנטזאָגט ווערן פון דער אַרבייט), אָדער זאָל אויף אַנאַנדער אופן ליידען פאַר באַטייליגען זיך אין איהם; די איינגעהאַלטענע שכירות זאָלען אויסגעצאָהלט ווערן; די עקזיס־טירנדע פאַרדיענסטען פון אַלע גראַדען אַרבייטער (אויסער די, וועמעס שכירות זיינען געהעכערט געוואָרן) זאָלען „סטאַביליזירט“ (פעסטגעשטעלט) ווערן פאַר דעם משך ביז דעם דרייסיגסטען סעפּ־טעמבער, 1920; עס זאָלען ווידער זיך אָנפאַנגען פאַרהאַנדלונ־גען וועגען „סטאַנדאַרדיזירן“ און אויסגלייכען די לוין־ראַטען און דער אויסגלייך זאָל געמאַכט ווערן פאַר דעם 31טען דעצעמבער פון 1919, און אַז די נידעריגסטע שכירות פון אַ דערוואַקסענעם אייזענבאַהן אַרבייטער זאָלען תיכף געהעכערט ווערן צו אַ מינימום פון איין און פופציג שילינגען פער וואָך. איידער דער יאָהר 1919 איז געוועזן צו ענדע האָט די רעגיערונג געלאָזט וויסען, אַז פאַר דער צוקונפט איז זי מסכים, אַז אַלע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו די אַרבייטס־באַדינגונגען, זאָלען באַהאַנדעלט ווערן ניט פון די אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען, נאָר דורך אַ צענטראַלע קאָ־מיסיע פון צעהן מיטגליעדער (מיט דאָס רעכט צו פאַרגרעסערן די צאָהל אויף נאָך איינעם פון יעדען צד); פינף זאָלען נאָמינירט ווערן פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער“ און פון דער „אַסאָציאירטער געזעלשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו אינ־זשעניערן און קויהלען־שאַרער“ און פינף — פון די פאַרוואַלטונ־גען פון די אייזענבאַהנען. אין פאַל די קאָמיסיע וועט ניט קאָנען מושוה ווערן זאָל די פראַגע איבערגעגעבען ווערן צו אַן אַפּעלאַ־ציאָנס־קאָמיסיע פון צוועלף מיטגליעדער, — פון וועלכע פיער זאָלען נאָמינירט ווערן פון די זעלבע טרייד יוניאָנען, פיער זאָלען רעפּרעזענטירן די פאַרוואַלטונגען און פיער — דעם אַלגעמיינעם פּובליקום, — מיט אַ פאָרזיצענדען באַשטימט פון דער רעגיערונג. אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט דער פאַקט, וואָס עס איז אָנערקענט געוואָרן, אַז דאָס „פּובליקום“ באַשטעהט ניט בלויז פון די העכ־ערע און מיטעלע, אָדער די קאַפּיטאַליסטישע און פּראָפעסיאָנעלע

קלאַסען; פון די פאַרשטעהער פון דעם פובליקום דאַרפען צוויי נאָמינירט ווערן פון די „אַסאָציאירטע האַנדעלס קאַמערען” און פון דער „פעדעראַציע פון די בריטאַנישע אינדוסטריען” און צוויי פון דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און פון דער „קאָאָפּעראַטיווען יוניאָן”, וואָס ווערן אָנגענומען אַלס די פאַרשטעהער פון די פיער־פינפטלאַך פון דער באַפעלקערונג (און דערפאַר אויך פון די, וועלכע באַנוצען זיך מיט די אייזענ־באַהנען), וועלכע ארבייטען פאַר שכירות. אין דער זעלבער צייט איז געמאַכט געוואָרן די הנחה, אַז דער „באַראַטונגס קאָמיטעט פאַר אייזענבאַהן פאַרוואַלטונג”, וואָס פאַרנעהמט אונטער דעם מיניס־טער פון טראַנספּאָרט דעם פּלאַץ פון דעם „אייזענבאַהן־פאַרוואַל־טונגס־קאָמיטעט”, זאָל פון לכתחילה אָן אריינגעמען דריי פאַר־שטעהער פון די אייזענבאַהן יוניאָנען און אַז אַלע מיטגליעדער פון דעם קאָמיטעט זאָלען האָבען גלייכע רעכטען און די זעלבע אויפגאַבען.

מיר ווייסען נאָך ניט צו וואָס פאַר אַן אויסגלייך מען וועט קומען בנוגע צו „סטאַנדאַרדיזירונג”, אָדער די צוקונפטיגע לוין־ראַטען, אָבער דער טראַנספּאָרט מיניסטעריום וועט מן־הסתם מעהר ניט זוכען קיין נייע סכסוכים מיט די טרייד יוניאָנען פון די איי־זענבאַהן ארבייטער. דער שטרייק האָט ווירקליך געבראַכט העכסט וויכטיגע רעזולטאַטען. די רעגיערונג האָט אויסגעפונען, אַז עס איז ניט לייכט צו באַזיעגען דעם טרייד יוניאָניזם, ווען אפילו עס ווערן באַנוצט געגען איהם אַלע מיטלען, וואָס דער שטאַאַט האָט, און די געזעלשאַפטליכע מיינונג איז אויפגערייצט. די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען באַקומען אַ התראה געגען זייערע פּלענער פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרקלענערונג פון ארבייטער שכירות. דאָס איז, לכל הפּחות, אויף איין יאָהר אָפּגעלייגט געוואָרן. פון צווייטען צד האָבען די יוניאָנען פון די אייזענבאַהן ארבייטער באַקומען אַ השגה וועגען דער גרויסקייט פון דעם קאַמף, אין וועל־כען זיי זיינען מיט אַזוי ווייניג הכנות אריינגעטראָטען, אָדער אין וועלכען זיי זיינען אַזוי קונציג אריינגעצויגען געוואָרען. די נויטיג־קייט און די מאַכט פון אַ פעהיג־אָנגעפיהרטער עפענטליכער אגי־

טאַציע און די מעגליכקייטען פון אַ גוט אָרגאַניזירטער און געהעריג געשטיצטער ארבייטס־פאָרשונג ביוראָ („לעיבאָר ריסוירטש דע־פּאַרטמענט") זיינען יעצט פון אַלעמען אָנערקענט. צולעצט, זעהט מען איין, אַז אַזעלכע גרויסע נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע צוזאַ־מענשטויסונגען ריהרן שטאַרקער אָן די אינטערעסען פון דער טרייד יוניאָן וועלט בכלל איידער וועלכע עס איז איינצעלנע יוניאָן קאָן עס משיג זיין. מען האָט דעריבער געמאַכט אַ פּאַרזוך, — וואָס וועט שפּעטער באַשריבען ווערן — אויב ניט אָנצוהאַלטען די עק־זיסטענץ פון דער גרופּע פון „פּערצעהן פּשרה־מאַכער", — לכל הפּחות צו גרינדען אַ באַפאָלמעכטיגטען שטענדיגען ראַט, וואָס זאָל, אין פאַל עס וועט זיך אַנטוויקלען אַן אינדוסטריעלער קריזיס פון אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, נעמען אויף זיך די ארבייט אַכטונג צו געבען, אַז עס זאָלען אין צייט אָנגענומען ווערן אַלע נויטיגע מיטלען צו באַהאַנדלען די לאַגע אויף דעם מעגליך בעסטען אופן. די טרייד יוניאָן וועלט האָט פאַרשטאַנען, אַז זי נויטיגט זיך אין דאָס, וואָס מען האָט גערופען אַ „גענעראַל שטאַב".

אַמאַלגאַמאַציעס און פעדעראַציעס.

בשעת די שטאַרקייט פון די טרייד יוניאָנען, לויט דער צאָהל פון זייערע מיטגליעדער, און זייער אינדוסטריעלער און פּאָליטישער איינפלוס איז, אַלס אַ כלל, כסדר געוואַקסען דורך די פאַרגאַנגענע דרייסיג יאָהר, איז אָבער ניט אַזוי לייכט צו כאַראַקטעריזירן די ענ־דערונגען אין די פאַרהעלטניסען פון די יוניאָנען איינע צו די אַנ־דערע.

די גרויסע צאָהל באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע זעקס אָדער זיבען מיליאָן אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען גרופּירט, און די קאָמפּליצירטקייט און פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די שייכות'ען צווישען די פאַרשיידענע גענעלשאַפטען מאַכען יעצט אַזוי שווער צו קלאַסיפיצירן זיי, ווי עס איז געווען דרייסיג יאָהר צוריק און מאַכט כמעט אַזוי אוממעגליך צו אַנאַליזירן זיי. עס בלייבט נאָך יעצט אויך אַזוי אוממעגיך, ווי עס איז געווען אין דעם יאָהר 1890, צו זאָגען באַשטימט ווי פיעל עס געפינען זיך דייטליך־פאַרשיידענע

טרייד־יוניאָנען דערפאַר, וואָס די אומענדליכע פיעלפאַכיגקייט פון זייערע פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס מאַכט אוממעגליך צו זאָגען מיט זיכערקייט, וועלכע פון די לאָקאַלע אָדער סעקציאָנעלע יוניאָנען דאַרפען גערעכענט ווערן אַלס זעלבסטשטענדיגע געזעלשאַפטען. מיר שאַצען, פונדעסטוועגען, אַז ווי מען זאָל ניט רעכענען וועט די צאָהל פון פינאַנציעל־זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס, — וואָס, מיר קאָנען אָננעמען, איז אַרום עלף הונדערט, — בלייבען בערך די זעלבע, ווי זי איז געוועזן דרייסיג יאָהר צוריק. דאָס מיינט, אַז די טענדענץ צו שאַפען אַמאַלגאַמירונגען האָט, אַריטמעטיש, זיך פאַרגרעסערט אין דער זעלבער מאָס, ווי די שאַפונג פון נייע אָרגאַניזאַציעס, בשעת די דורכשניטליכע מיטגליעדערשאַפט פון יעדער איינצעלנער קערפערשאַפט איז מעהר ווי פאַרפיערפאַכט געוואָרן.

אַזאַ דערקלעהרונג גיט אָבער ניט ריכטיג איבער די ענדערונג, וואָס איז פאַר דעם משך צייט פאָרגעקומען אין רער טרייד יוניאָן וועלט. דרייסיג יאָהר צוריק איז זי, אַלס אַ כלל, באַשטאַנען פון אַ מאַסע באַזונדערע, לויט דער צאָהל פון זייערע מיטגליעדער, קליינע קערפערשאַפטען, פון וועלכע בלויז צוויי אָדער דריי האָבען געהאַט אַזוי פיעל, ווי פופציג טויזענד מיטגליעדער. יעצט זיינען דאָ כמעט אַ טוצען קערפערשאַפטען, וואָס פיהרן אָן באַזונדער מיט מיטגליעדערשאַפטען פון אַ פערטעל מיליאָן און אפשר פופציג, וואָס יעדע פון זיי האָט מעהר פון פופציג טויזענט מיטגליעדער. עטליכע אַנדערע נאַציאָנאַלע אַרבייטער־געזעלשאַפטען מיט קלענערע מיטגליעדערשאַפטען האָבען אַ געוויסע וויכטיגקייט. אין אַלע טיילען פון דעם קעניגרייך עקזיסטירן צואוואָרפען אַ טויזענט אַנדערע לאָקאַלע אָדער סעקציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס צעהלען פון עטליכע טוצען ביז עטליכע טויזענט מיטגליעדער, אָבער די שפּיעלען ניט קיין ראָלע און האָבען ניט קיין איינפלוס אין דער באַוועגונג בכלל. אפשר פינף זעקסטלאַך פון דער גאַנצער טרייד יוניאָן מיטגליעדערשאַפט און פּראַקטיש אַלע איהרע ממשות׳דיגע כחות געפינען זיך אין די הונדערט הויפּט אָרגאַניזאַציעס, מיט

וועלכע דער ארבייטס־מיניסטעריום האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויס־שליסליך אָפּגעגעבען אין זיין דעטאַל־סטאַטיסטיק.[1]

די באַוועגונג צוזאַמענצוגיסען די קאָנקורירנדע ארבייטער געזעלשאַפטען איז דורך דעם משך פון דעם פאַרגאַנגענעם צעהנדליג יאָהרען געווען באַזונדערס ענערגיש און אָנהאַלטענד. דאָס איז געקומען, טיילווייז ספּאָנטאַן, צוליעב דער באַשיינפּערליכער שעדליכקייט פון דער קאָנקורענץ צווישען יוניאָנען, וואָס זוכען אריינצונעמען אַלס מיטגליעדער די זעלבע קלאַסען ארבייטער איבער דעם גאַנצען קעניגרייך, — ווי צווישען די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון די אייזענבאַהן אָנגעשטעלטע, — און פון דער צוזאַמעאָרפּענקייט פון די ארבייטער פון דעם זעלבען פאַך צווישען פאַרשיידענע זעלבסטשטענדיגע לאָקאַלע ארבייטער־געזעלשאַפטען, ווי די באָנדאַרעס, שניצער און בויערער, און די מוליאַרעס, און די אַנדערע פאַכען פון די בוי־מלאכות. אָבער דורך די לעצטע צעהן יאָהר איז די באַוועגונג שטאַרקער געוואָרען דורך דער שטרעבונג צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַלס איהר יסוד אַ גאַנצע אינדוסטריע, ווי אינזשעניערעריי, הויזבוי, מינעריי, אָדער די אייזענבאַהנען — אין וועלכער אַלע מיטארבייטענדע פאַכען און אַלע גראַדען ארבייטער זאָלען זיין פאַרבונדען אין איין איינציגער אינדוסטריעלער יוניאָן, — אַלס היפּוך צו דער פריהערדיגער קאָנצעפּציע (געדאַנק, השגה) פון שאַפען באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר יעדען פאַך דורך דעם

---

[1] פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה פלעגט מען אָנצייגען אויף די חסרונות פון דעם ענגלישען טרייד יוניאָניזם, פאַרגלייכענדיג איהם מיט די דייטשע געווערקשאַפטען, וועלכע זיינען געווען מעהר וויסענשאַפטליך קלאַסיפיצירט. מען האָט, למשל, אָפט אָנגעוויזען אויף דעם, אַז די דריי מיליאָן דייטשישע אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען געווען גרופּירט אין ניט מעהר פון 48 יוניאָנען. מען האָט אָבער דערביי איגנאָרירט די פיעלע קאָנקורירענדע הירש־דונקער און די קריסטליכע יוניאָנען, וואָס האָבען פיעל מעהר צושטערט די גאַנצקייט פון דער באַוועגונג, איידער די מאַסע קלענערע ארבייטער געזעלשאַפטען אין גרויס בריטאַניען און אין אירלאַנד. יעצט, אין 1920, קאָנצענטרירען די 48 טרייד יוניאָנען פון ענגלאַנד אַ גרעסערע מיטגליעדערשאַפט איידער די פיעל־געלויבטע 48 דייטשישע געווערקשאַפטען האָבען קאָנצענטרירט אין 1914.

גאַנצען קעניגרייך, ווי די סטאָליאַרעס, די מאַשיניסטען, די מע־
כאַניקער ביי אינזשעניערעריי און די קאָנטאָר אַנגעשטעלטע, און
אין פאַרגלייך מיט די „אַלגעמיינע" (ניט־געלערנטע, פּשוט'ע) אַר־
בייטער, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט צוזאַמען, אָהן אונטער־
שייד אין וועלכער אינדוסטריע זיי אַרבייטען. אין אַזאַ אינדוס־
טריע, ווי מינעריי, למשל, איז תמיד, בלויז אפילו פון דעם שטאַנד־
פּונקט פון קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען און כדי געהעריג איינצו־
פיהרן די „אַלגעמיינע רעגעלען", געווען שטאַרק דער גדאַנק וועגען
דער אינדוסטריעלער יוניאָן, אָבער די באַוועגונג צו פאַרבייטען
דעם „פאַך יוניאָניזם" אויף דעם „אינדוסטריעלען" איז זינט דעם
יאָהר 1911 שטאַרקער געוואָרן דורך די שטרעבונגען פון די יעני־
גע, וועלכע האָבען אין דעם טרייד יוניאָניזם געזעהן עטוואָס מעהר
פון אַן אָרגאַניזאַציע, דורך וועלכער צו העכערן די שכירות און
צו פאַרקירצען די אַרבייטס־שטונדען. עס האָט געשיינט, אַז אויב
די אַרבייטער זאָלען ווען עס איז דורך זייערע פּריוויליגע אָרגאַ־
ניזאַציעס באַקומען די מעגליכקייט צו קאָנטראָלירן זייער אייגע־
נעם אַרבייטס־לעבען און זאָלען כסדר פאַרגרעסערן זייער באַטיי־
ליגונג אין דער פאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריען; אויב דעם פּלאַץ
פון אַ דעמאָקראַטיע, וואָס איז באַזירט אויף געאָגראַפישע קיבוצים
(„קאָנסטיטשוענסים"), זאָל פאַרנעמען אַ דעמאָקראַטיע, אָרגאַני־
זירט לויט די מלאכות פון דער באַפעלקערונג („וואָקיישאָנאַל דע־
מאָקראַסי"), קאָן עס געטאָן ווערן בלויז דורך טרייד יוניאָנען,
וועמעס מיטגליעדערשאַפטען באַשטעהען פון די באַשעפטיגטע אין
יעדער אינדוסטריע באַזונדער. דער איינפלוס פון דער באַוועגונג,
וואָס איז באַוואוסט אַלס דער „גילד־סאָציאַליזם" („אַרבייטער־
צעכען סאָציאַליזם"), האָט דעריבער בכלל געווירקט צו גונסטען
פון דעם אינדוסטריעלען יוניאָניזם ניט אַזוי צוליעב די באַלדיגע
נוצען, וואָס ער וואָלט געבראַכט פאַרבעסערנדיג די תנאים פון דעם
לוין־אָפּמאַך, ווי צוליעב דעם, וואָס בלויז אין דעם פאָרם קאָן דער
טרייד יוניאָניזם דורכפיהרן די שטרעבונג, אַז יעדער אינדוסטריע
זאָל ווערן קאָנטראָלירט פון דער גאַנצער מאַסע אַרבייטער, וואָס
ווערן אין איהר באַשעפטיגט.

אויסער דורך אינדוסטריעלע פעדעראַציעס, וועלכע וועלען באַהאנדעלט ווערן שפּעטער, איז בלויז אין דער מינען־אינדוסטריע און צווישען די אייזענבאהן אָנגעשטעלטע געמאַכט געוואָרן היבשער פאָרטשריט אין דער ריכטונג פון דעם אינדוסטריעלען יוניאָניזם. די „פעדעראַציע פון די מינען־אַרבייטער פון גרויס בריטאַניע" — געגרינדעט, ווי מיר האָבען געזעהן, ערשט אין 1888 מיט ניט מעהר פון 36,000 מיטגליעדער, — האָט יאָהרען נאָכאַנאַנד צוגעצויגען צו זיך אַ כמעט כסדר'דיגען שטראָם פון לאָקאַלע אָדער סעקציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס צווישען דעם מיליאָן און צוויי הונדערט טויזענד אַרבייטער פון אין אָדער אַרום די קויהלען און אייזען־ערץ מינען. זי האָט נאָכאַנאַנד פאַרשלונגען דורך וועלכע עס איז פון איהרע לאָקאַלע צווייגען, אָדער דירעקט פאַרבינדענדיג מיט זיך, ניט בלויז אַלע אַלטע און נייע באַצירק־אַסאָציאַציעס פון קויהלען־העקער און אַנדערע אונטער־דער־ערד אַרבייטער, נאָר אויך אייניגע פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פון די מאַשיניסטען און די קויהלען־שאַרער (ביי די מאַשינען), פון די מינען־מעכאַניקער, פון די פאַרוואַלטונגס־אָנגעשטעלטע און די משגיחים, פון די מינען־קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע, פון די קאָקס־קויהלען אַרבייטער און פון די אַנדערע באַשעפטיגטע אין אָדער אַרום די מינען, ביז די צאָהל פון איהר מיטגליעדערשאַפט איז אין 1920 געוואָרן אַרום ניין הונדערט טויזענט. הגם די פעדעראַציע פון די מינען־אַרבייטער איז נאָך אַלץ בלויז אַ פעדעראַציע פון גאַנץ אויטאָנאָמישע באַצירק אַסאָציאַציעס — אייניגע פון וועלכע זיינען אַליין אויך פעדעראַציעס פון אָרגאַניזאַציעס פון קלענערע ערטער, — און הגם זי מוז זיך נאָך אַלץ פאַרלאָזען מיט איהרע הכנסות כמעט אינגאַנצען אויף די צאָהלונגען, וואָס ווערן באַזונדער פון איהר'טוועגען אַרויפגעלייגט אויף די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען זי צוזאַמען, האָט זי דאָך געפונען מיטלען, דורך די דעלעגאַטען־קאָנפערענצען, וואָס פאַרזאַמלען זיך אָפט און וואָס קאָנטראָלירן דעם שטאַרקען פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט, וואָס זיי דערוועהלען, זעהר ווירקזאַם צו צענטראַליזירן די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער גאַנצער מינען־אינדוסטריע, באַזונדערס בנוגע צו די אַרבייטס־שטונדען, די זי־

בערהייטס-באדינגונגען, די פּראָצענטען פון אַלגעמיינע לוין-העכע־רונגען, די סומען פון די נאַציאָנאַלע מלחמה-פּרעמיען און, צולעצט, אָבער ניט ווייניגער וויכטיג, בנוגע צו דער ברענענדיגער פראגע פון נאַציאָנאַליזירן די מינען און דער באטייליגונג פון די ארביי־טער אין זייער פארוואלטונג. הגם די פעדעראציע פון די מינען־ארבייטער פארקערפערט אין איהר קאָנסטיטוציע די פּרינציפּען פון פעדעראטיוויזם און פון העכסטער לאָקאלער אויטאָנאָמיע, רע־כענט זי זיך אָבער ניט מיט די פארשיידענקייטען צווישען די באַ־זונדערע גרופּען ארבייטער און אויף איהרע דעלעגאטען-קאָנפע־רענצען אָדער אין איהר פארוואלטונגס קאָמיטעט זיינען קיינע באַ־זונדערע גראַדען אָדער גרופּען ארבייטער ניט רעפּרעזענטירט. אפשר איז דאָס די סיבה פון דעם, וואָס די פעדעראציע קאָן נאָך יעצט ניט ריידען דירעקט אין דעם נאָמען פון אַלע אָרגאַניזירטע פיזישע לוין-ארבייטער פון דער אינדוסטריע. עס זיינען דאָ, לכל הפּחות, פערציג באַזונדערע טרייד יוניאָנען פון מאשיניסטען, קעסעל-אָכ־טונג-געבער (וועלכע גיבען אכטונג אויף די וואסער-קעסלען פון די מאשינען) און קויהלען-שארער (פאר די מאשינען), קויהלען-גרוב מעכאניקער, קאָקס-קויהלען ארבייטער, געהילפס-פארוואלטער, פאר־וואלטונגס-אָנגעשטעלטע, משגיחים או אנדערע באאמטע; פון מי־נען-קאָנטאָר אָנגעשטעלטע און פון פארשיידענע מינים ארבייטער אויבען ארום די מינען, וואָס זיינען נאָך ניט פארבונדען מיט דער פעדעראציע פון די מינען-ארבייטער, ניט לאָקאל און ניט נאַציאָנאַל. די דאָזיגע יוניאָנען האָבען געשאפען באַזונדערע נאַציאָנאַלע פע־דעראציעס — פּאראלעל מיט דער „פעדעראציע פון די מינען אר־בייטער פון גרויס בריטאַניע" — פון מאשיניסטען, פון פארוואל־טונגס-אָנגעשטעלטע, פון קויהלען-גרוב מעכאניקער און געהילפס־פארוואלטער, און אין פעברואר פון דעם יאָהר 1917 האָבען זיעבע־צעהן פון די ארבייטער געזעלשאפטען צוזאמען געשאפען א „נאַציאָ־נאַלען ראַט פון קויהלען-מינען ארבייטער ניט-קיין-גרעבער" כדי אָנצוהאַלטען זייער איינענעם זעלבסטשטענדיגען איינפלוס.

צווישען די אייזענבאהן אָנגעשטעלטע האָט, ווי מיר האָבען שוין באשריבען, די צוזאמענגיסונג מיט דער „אמאלגאמירטער גע־

זעלשאפט פון אייזענבאהן אנגעשטעלטע" צוערשט, אין 1892, פון דער „שאָטלאנדישער געזעלשאפט", נאָכדעם פון דער „אלגע־מיינער יוניאן פון אייזענבאהן ארבייטער" און פון דער „פאראייניגטע סיגנאַליסטען און וויכען־שטעלער געזעלשאפט" אין 1913, מעגליך געמאכט די גרינדונג פון דער „נאַציאָנאלער יוניאן פון אייזנבאהן ארבייטער" אויף דעם יסוד פון אן ארגאניזאציע, וואס נעמט ארום די גאַנצע אינדוסטריע, און וועמעס פארשטעהערשאפט, לויט איהר קאנסטיטוציע, ווערט דערוועהלט פון די סעקציעס. די פיער „דעפּארטאמענטען", אין וועלכע די מיטגלידער זיינען איינגע־טיילט, שטימען ביי די וואהלען באזונדער. אונטער די רעגעלען איז דער „נאַציאָנאלער יוניאן פון אייזענבאהן ארבייטער" — הגם דאס פארבלייבען פון דער „אסאָציאירטער געזעלשאפט פון לאָקאָ־מאָטיוו מאשיניסטען און קויהלען־שארער" אלס א באזונדער אר־גאניזאציע האָט איהר געשטערט — געלונגען צו פארווירקליכען ניט בלויז איהרע תביעות פאר העכערע שכירות, נאָר אויך איהרע פאדערונגען פון א נארמאלען אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, פון איין גלייכען קלאסיפיצירונגס־סיסטעם פאר דעם גאנצען לאנד און פון גלייכע לוין־ראטען פאר די פארשיעדענע גרופען ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד, הגם זי האָט נאָך ניט דורכגעפיהרט איהרע שטרעבונגען (אויסגעדריקט זינט 1914) צו באטייליגען זיך אין דער פארוואלטונג און די פאדערונג (ארויסגעשטעלט דורך א משך פון מעהר ווי צעהן יאהר) צו באזייטיגען פון דער אינדוסטריע די קאַ־פּיטאליסטישע פראפיטען־ציהער דורך דעם פלאן צו נאַציאָנאַלי־זירען די אייזענבאהנען.

אויך אין אנדערע אינדוסטריען האָט די קאָנצענטרירונג פון די טרייד יוניאן כחות דורך די לעצטע צעהן יאהר וואָס וויטער אלץ מעהר זיך אויסגעדריקט אין א צוזאמענגיסונג פון געגנערישע גרופען־ארגאניזאציעס. אין אייניגע פאלען איז דאָס פארגעקומען צוליעב די פאדערונגען פון די מאסען איינפאכע ארגאניזירטע ארבייטער. די אסאָציאציע פון שיף בויער (שיפּ קאָנטראקטאָרס' ענד שיפּרייטס' אסאָסיאיישאן"), וואס איז געגרינדעט געווארען אין 1888, האָט מיט ערפאָלג פארשלונגען ניט בלויז די זעהר אלטע „שיפּרייטס' פּראווידענט יוניאן" פון לאָנדאָן, נאָר אויך אלע

איבעריגע לאָקאלע טרייד יוניאָנען פון די שיף־בויער, וואס האָבען א לאנגע צייט זיך געהאלטען אין ליווערפול, אין דובלין א. א. וו. די „נאציאָנאלע אמאַלגאמירטע אסאָציאציע פון מעבלירער פאכען" האָט ארייִנגענומען א געוויסע צאָהל קלענערע פאראיינען פון שעלאַק־פּאָליטורער („פרענטש־פּאָלישערז"), באגילדער און טאפּעצירער. די „פאראייניגטע טרייד יוניאן פון די קליידער ארבייטער" („יונייטעד גארמענט ווארקערס' טרייד יוניאן") איז געשאַפען געוואָרען אין 1915 דורך דער אמאַלגאמירונג פון א צאָהל געזעלשאפטען אין די פארשיידענע סעקציעס פון דעם שניידער־פאך; אין 1919 איז געשלאסען געוואָרען אן אבמאך, אז די ארגאניזאציע צוזאמען מיט דער „שאָטלאנדישער געזעלשאפט פון שניידער און שניידערינען" זאלען ווערען פארשלונגען פון דער אלטער „אמאַלגאמירטער געזעלשאפט פון שניידערס און שניידערינען", וואָס וואָלט דאן באשטעהן פון פראקטיש אלע ארגאניזירטע ארבייטער אין גרויס בריטאניען, וועלכע זיינען באשעפטיגט ביי מענער־ און פרויען־קליידער. פיעלע קלענערע יוניאנען פון מאַשין־ארבייטער, פון קליינע פאכען און פון אלגעמיינע ארבייטער זיינען פארשלונגען געוואָרען אין דער אָדער אין יענער פאָרם א האלבען טוצען גרעסערע ארבייטער יוניאנען. די „אמאַלגאמייטעד קארד ענד בלאָואינג־רום אפּעריייטיווס" האָט איבערגענומען פארשיידענע קליינע גרופּען־פאראיינען אין דעם פאך פון באוועל־ארבייט. אין שעפּפיעלד האָבען דרייצעהן קליינע יוניאנען, וואס האָבען געדיענט די אינטעסערען פון פארשיידענע סעקציעס פון גאָלד און זילבער ארבייטער, אין 1910 זיך פאראייניגט אין דער „געזעלשאפט פון גאָלד און זילבער ארבייטער און פון פאכען פון דעם זעלבען מין", וואָס האָט אין 1913 פארשלונגען נאָך עטליכע פאראיינען אין דער דאזיגער אינדוסטריע. אין הערבסט פון דעם יאהר 1919 האָבען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, זעקס סעקציאָנעלע פאראיינען אין דער אינזשענירעריי אינדוסטריע באשלאסען צוזאמענצוגיסען זיך מיט דער „אמאַלגאמירטער געזעלשאפט פון אינזשיניערען" (מאשיניסטען) און שאַפען א נייע און ריזיגערע אמאַלגאמירונג פון פיער הונדערט טויזענד מיטגלידער; די „פאראייניגטע מוסטערען־ארבייטער געזעלשאפט", די „עלעקטריקאל

טריידס יוניאָן" און פיעלע קליינע און ספעציאליזירטע געזעלשאפטען פון מעכאניקער ביי אייזען־ארבייט שטעהען נאָך פון דערווייטענס פון דער באוועגונג. אין דעם זעלבען מאָנאט האָבען דריי פון די הויפט יוניאנען פון די פּאָסט און טעלעגראף אנגעשטעלטע זיך פאראייניגט אין איין „יוניאן פון פּאָסט־אמט ארבייטער" מיט ניינציג טויזענד מיטגלידער. עס זיינען אויך געמאכט געווארען אמאלגאמירונגען פון די קליינע אדער לאָקאלע געזעלשאפטען צווישען די קאָרבען־פלעכטער, די האָלץ־דרוקער, די לעדער־ארבייטער, די פארבער, די פארשיידענע סעקציעס פון דעם טעפּעריי פאך און אזוי ווייטער.

אזעלכע אמאלגאמירונגען ווערען שטארק געשטערט דורך די פאדערונגען פון דעם געזעץ. ביז דעם יאהר 1917 האָט דאָס געזעץ געפאדערט, אז יעדער פאראיין, וואָס וויל זיך פאראייניגען מיט אנ'אנדער ארגאניזאציע, מוז ראטיפיצירען דעם באשלוס וועגען דעם דורך א מעהרהייט פון צוויי דריטעל ניט בלויז פון די, וועלכע האָבע זיך באטייליגט אין דער אפּשטימונג, נאָר פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט. אזא אבשטימונג איז כמעט אוממעגליך דורכצופירען אין טרייד־יוניאנען צוליעב דעם, וואס זיי קענען זיך געוועהנליך ניט שטעלען אין פארבינדונג מיט אלע זייערע מיטגלידער באזונדער ניט בלויז דערפאר, וואס זיי בייטען אפט זייערע וואוינונגס־ערטער און פיעלע זיינען אין אויסלאנד, נאָר אויך צוליעב דעם, וואס אין די מעהרסטע פאלען איז ניטא קיין פולער צעטעל פון די אדרעסען. אין 1917 האָט די רעגירונג אם ענדע מסכים געווען עס זאל אנגענומען ווערען אן אויסבעסערונגס־געזעץ („אמענדינג עקט"), וואָס די טרייד יוניאניסטען האָבען אָפט געפאָדערט; אבער אפילו דער אויסגעבעסערטער געזעץ האָט געפאָדערט, אז יעדע אמאלגאמירונג זאָל דורכגעפיהרט ווערען דורך אן אבשטימונג פון לכל־הפחות פופציג פראצענט פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט און אז דער באשלוס זאָל אנגענומען ווערען מיט א מעהרהייט פון לכל הפחות צוואנציג פראָצענט. די באדינגונגען מאכען שווער דורכצופיהרען אמאלגאמירונגען אומעטום און אין איינינע יוניאָנען (ווי פון די מאטראָסען) כמעט אוממעגליך. עס האָט עטליכע מאָל פּאסירט, אז יוניאנען, אין וועלכע די אלגעמיינע

שטימונג איז געווען פאר אמאלגאמירונג, איז ניט געלונגען צו באַקומען די נויטיגע צאָהל שטימען. מיר האָבען שוין באשריבען דעם קלוגען מיטעל, מיט וועלכען די „בריטאנישע שטאָהל־גיסער געזעלשאפט" און די „קאָנפעדעראציע פון די אייזען און שטאָהל אַרבייטער פאכען" האָבען זיך באנוצט אום איבערצוקומען די דאזיגע שוועריגקייט.

אין דער זעלבער צייט האָט איצט די טרייד יוניאן באוועגונג מעהר ווי אימער פארשיידענע פארפלאָנטערטע פעדעראציעס, וואס זיינען גאנץ פארשיידען פון די אמאלגאמירונגען; איינינע פון זיי האָבען מיר שוין דערמאָנט. מען דארף אנצייגען, אז די „פעדעראציע פון די אינזשענירערייי און שיף־בוי פאכען". — געגרינדעט אין 1889, — איז געבליבען עקזיסטירען און זי טוט צייטענווייז נוצליכע ארבייט אין פארבינדונג מיט די סכסוכים וועגען די גרענעץ־ליניען און אנדערע אנגעלעגענהייטען, וואָס רופען ארויס מחלוקות צווישען די יוניאָנען, — באזונדערס אין די צפון־מזרח האפענס. זי האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט דעם, וואס זי האָט אין 1905 געהאָלפען די בעלי־מלאכות פון דעם קלאֵיד־געגענד אויסצופיהרען, אז מען זאָל זיי צאָהלען וועכענטליך, אָנשטאָט אַלע צוויי וואָכען, — א פאדערונג, וואס די ארבייטס־געבער האָבען דורך דעם משך פון גאנצע צעהן יאָהר פאר'עקשנ'ט ניט געוואָלט נאָכגעבען. די פעדעראציע איז אבער כסדר געווארען שוואַכער און שוואכער דורך דעם, וואס די „אמאלגאמירטע אינזשינירען געזעלשאפט" האָט, מיט דעם אויסנאם פון עטליכע יאהר, זיך צוריקגעהאלטען פון באַטייליגען זיך אין איהר ארבייט. יעצט אָבער טרעט די „אמאלגאמירטע אינזשיניערען געזעלשאפט" אָפט ארוים צוזאמען מיט דער פעדעראציע אין אלגעמיינע פראגען בנוגע צו דער אינדוסטריע.

מערקווירדיג איז די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין דעם טיפ און אין דעם צוועק פון די דאזיגע פיעלע פארשיידענע אינדוסטריעלע פעדעראציעס, וועלכע זיינען געווארען א וויכטיגער עלעמענט אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג. עס איז פאקטיש פארגעקומען א טיעפע ענדערונג אין דעם כאראקטער פון דער פעדערירונג. אנשטאט די לויזע פארבינדונגען צוליעב געגענזייטיגער

שטיצע אין סכסוכים, אדער צוליעב אויסגלייכען די חלוקי־דעות צווישען די יוניאנען גופא איבער די פראגען פון „גרענעץ־ליניען" און טראנספערירונג פון מיטגלידער, זיינען די פעדעראציעס פון אלע פאך אדער גרופען יוניאנען פון ארבייטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין באשטימטע אינדוסטריען, — באזונדערס פון די בוי־פאכען, פון די ארבייטער ביים טראנספאָרט און, — הגם נאך ניט אין דער זעלבער מאָס, — פון די דרוקעריי פאכען און פון די וואָהל־ארבייטער, — ווי די עלטערע ארגאניזאציע פון די באוועל־מאשין ארבייטער, — אלץ מעהר און מעהר אליין געווארען די קערפער־שאפטען, וואס פיהרן אונטערהאנדלונגען; זיי זיינען אנערקענט פון די ארבייטס־געבער, וועלכע זיינען אויך אזוי אָרגאניזירט, און אר־בייטען צוזאמען מיט זיי אוים באמת נאציאָנאלע רעגולירונגען, פון וועלכע זייערע אינדוסטריען איבער דעם גאנצען קעניגרייך ווערען באהערשט. די שפעטערע אנטוויקלונג פון דער „פעדעראציע פון די אינזשעניערעריי און שיף־בוי פאכען" איז געווען אין דער זעל־בער ריכטונג. אין דער „מינען־ארבייטער פעדעראציע פון גרויס בריטאניע" איז די ענטוויקלונג געגאנגען נאך ווייטער, און די דאָ־זיגע גרויסע ארגאניזאציע, אָנהאלטענדיג איהר פעדעראטיווע פאָר־מע און, אפילו נאך איצט, ניט אינגאנצען „אנערקענט" פון דער „מינערייי אסאָציאציע פון גרויס בריטאניע", — טרעט ארוים בנוגע צו נאציאָנאלע פראגען אין דעם נאָמען פון דער גאנצער אינדוסט־ריע, ווי זי וואָלט געווען אן „אמאלגאמירטע" יוניאן, און קיינער שטעלט ניט קיין פראגען וועגען איהר רעכט עס צו טאָן. הן עס וועט קומען צו דעם, אז אלע געגנערישע און סעקציאָנעלע יוניאנען אין דער אינדוסטריע וועלען זיך אמאלגאמירען אין איין־איינצי־גער „אינדוסטריעלער יוניאן", ווי פיעלע טרייד יוניאניסטען ווי־לען, און הן ניט, מוז מען אנערקענען, אז די אַנטוויקלונג, דורך די לעצטע צעהן יאהר, פון אקטיווע פעדעראציעס פאר די באזונדערע אינדוסטריען, וואס פיהרן פאר זיי די אונטערהאנדלונגען מיט די באלעבאטים, שטעלט אין א גרויסער מאָס צופרידען די נויטיגסטע פאָדערונג. בקיצור, — הגם פינאנציעל גאנץ־זעלבסטשטענדיגע טרייד יוניאנען פארבלייבען בכלל אין אזא גרויסער צאָהל ווי גע־ווען, ווערט אבער נאָכאנאנד קלענער די צאָהל פון די קערפער־

שאפטען, וואס פיהרען באזונדער פארהאנדלונגען בנוגע צו פראַ־גען, וואָס האָבען א שיכות צו אן אינדוסטריע אלס א גאנצעס.

מיר געהען יעצט אריבער צו פעדעראטיווע קערפערשאפטען פון אַנ׳אנדער כאראקטער.

די אַלגעמיינע פעדעראַציע פון טרייד יוניאָנען.

אין 1899, אלס א פּועל יוצא פון די פּאַרלוסטען, וואָס זיינען פאראורזאכט געוואָרן פון דעם פיעל־אָבגעקאָסטען קאמף פון די מאשיניסטען („אינזשעניערן") אין 1897־1898, האָט דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, — אין א גרויסער מאָס דורך דער איניציאַטיווע פון ראָבערט נייהט, דעם פעהיגען סעקרעטאר פון די קעסעל־ארביי־טער — געגרינדעט אַן „אַלגעמיינע פעדעראַציע פון טרייד יוניאָנען" („דזשענעראַל פעדערייטאָן אָוו טרייד יוניאָנז"), וואָס האָט געזאָלט אויסשליסליך זיין א געגענזייטיגע פארזיכערונגס אגענטור געגען דעם שווערן פינאנציעלען יאָך, וואָס די ארבייטער סכסוכים וואַר־פען ארויף אויף יעדען אקטיווען פאַך־פארבאנד דורך די „שטרייק צאָהלונגען" אָדער דורך די „צופעליגע און קאמף אונטערשטיצונגען". מיט דער הילף פון א קליינע ביישטייערונג פון א גרויסע אַלגעמיינע מיטגליעדערשאפט (איינער אָדער צוויי שילינגען א יאָהר פון מיט־גליעד) קאָן די אלגעמיינע פעדעראציע אין דער צייט פון א קאמף צוריק אויסצאָהלען צו די אָרגאניזאציעס, פון וועלכע זי באשטעהט, ביז פינף שילינגען א וואָך פאַר יעדען מיטגליעד, וואָס באטייליגט זיך אין קאמף, צו דעקען די פארשיידענע הוצאות, וואָס זיינען פארבונדען מיט דעם סכסוך. אָנפאנגענדיג איהר עקזיסטענץ מיט פיער און פערציג אָרגאניזאציעס, וואָס האָבען אַלע צוזאמען געהאט 343,000 מיטגליעדער, האָט די פעדעראַציע כסדר פארגרעסערט די צאָהל פון איהרע אָנהענגער ביז זי איז — אין 1913 — באשטאַ־נען פון 150 ארבייטער־געזעלשאפטען, וואָס האָבען צו יענער צייט אַלע צוזאמען געהאט 884,291 מיטגליעדער. זינט יענער צייט איז די צאָהל פון די פעדערירטע אָרגאניזאציעס געפאלען ביז זייער צאָהל איז, — אין 1919, — געוואָרן 141, אָבער זייערע פארגרע־סערטע מיטגליעדערשאפטען האָט די אַלגעמיינע צאָהל ארבייטער,

וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער פעדעראציע, געבראַכט צו 1,215,107, מעהר ווי ווען עס איז פריהער. הגם דער וואוקס פון דער „אַלגעמיינער פעדעראציע האָט פאר די לעצטע זיעבען יאָהר זיך אָפּגעשטעלט, קומט איהר אָבער אָנערקענונג פאר דעם ערפאָלג, מיט וועלכען זי האָט דורך די לעצטע צוואנציג יָזהר בייגעקומען שוועריגקייטען, וואָס האָבען צונישט געמאַכט יעדען פריהערדיגען פאַרזוך אין דער זעלבער ריכטונג, און פאר איהר אויסגערעכענטער פארוואַלטונג, ווי עס באווייזט דער פאַקט, וואָס זי האָט ביז דעם יאָהר 1905 געקאָנט, פון איהרע געוועהנליכע הכנסות, מאַכען אַלע איהרע צאָהלונגען און דערצו נאָך אָפּשפּאָרען 119,656 פונטען שטערלינג. אין יענעם יאָהר האָבען די מיטגליעדער, ניט טראַכטענדיג וועגען דער צוקונפט, געפאָדערט, אז די ביישטייערונגען זאָלען פארקלענערט ווערען אויף אַ דריטעל. זיי האָבען ניט פאָראויסגעזעהן דעם אויסברעך פון די קאַמפּען פון 1908-9, וואָס האָבען פאראורזאַכט, אז די פעדעראַצע זאָל אין זעקס הונדערט אַכט און דרייסיג סכסוכים ארויסצאָהלען ניט ווייניגער פון 122,887 פונטען שטערלינג, און האָבען נויטיג געמאַכט, אז אין 1913 זאָל זי מאַכען די ביישטייערונג צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי ביז דאַמאָלס. זינט יענעם יאָהר — טראָץ דעם, וואָס זי האָט אין דורכשניט אויסגעצאָהלט צו די ארבייטער געזעלשאַפטען פופצעהן הונדערט פונט יעדע וואָך — האָט די פעדעראַציע ניט בלויז דערפילט אַלע איהרע התחיבות׳ען, נאָר זי האָט אויך אָפּגעשפּאָרט אַ קאַפּיטאַל פון מעהר פון אַ פערטעל מיליאָן פונטען שטערלינג. אין 1911 האָט זי געגרינדעט אַ „געזעצליך אָנערקענטע געזעלשאַפט” („אַפּרוּאווד סאָסייעטי”) אונטער דעם געזעץ וועגען נאַציאָנאַלער פארזיכערונג („נעשאָנאַל אינשורענס עקט”) כדי צו באַפרייען די באַזונדערע טרייד יוניאָנען — באַזונדערס די טויזענטע קליינע אָרגאַניזאַציעס צווישען זיי — פון דער שווערער אויפגאַבע יעדע פאר זיך איינציגווייז נאָכצוקומען דעם געזעץ און אויך כדי צו פאַרזיכערן, אַז זייערע מיטגליעדער זאָלען ניט אריבערגעהן צו די „אינדוסטריעלע פארזיכערונג געזעלשאַפטען” (פון קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער). דער אויפטו האָט ניט צוגעצויגען מעהר פון עטליכע טויזענט מיט-

גליעדער. אין 1913 האָט די „אָנערקענטע געזעלשאַפט" ברייטער געמאַכט איהר טעטיגקייט שאַפענדיג אַ „פריינדליכע אונטערשטי־צונגען" אָפּטיילונג פאַר טויט־פאַל אָפּצאָהלונגען, אָבער דאָס האָט איהר ערפאָלג קוים גרעסער געמאַכט.

מען מוז אָנערקענען, אַז דורך דעם משך פון די לעצטע זעקס אָדער זיעבען יאָהר האָט די פעדעראַציע פאַרלאָרען חן ביי וויכטיגע טיילען פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. עס איז אפשר געווען אומ־פאַרמיידליך, אַז דאָס אריינגעמען פון קליינע סעקציאָנעלע פאַר־איינען זאָל סוף־כל־סוף ברענגען די פעדעראַציע צו אַ צוזאַמענ־שטויס מיט די גרעסערע יוניאָנען, וואָס באַטראַכטען אָפט די דאָ־זיגע פאַראיינען אַלס זייערע אומגעזעצליכע קאָנקורענטען. מען קאָן זאָגען, אַז דאָס איז געווען די סיבה פון דעם, וואָס די „אַמאַל־גאַמירטע אינזשעניערן געזעלשאַפט" און די „אַמאַלגאַמירטע שניי־דער געזעלשאַפט" האָבען זיך אין 1915 אָפּגעריסען פון דער פע־דעראַציע און אויך פון דער זעהר שטאַרקער שנאה, וואָס די „פע־דעראַציע פון די מינען־אַרבייטער פון גרויס בריטאַניע" האָט צו איהר זינט 1913 אַרויסגעצייגט. אָבער דער דאָזיגער געפיהל איז שאַרפער געוואָרן צוליעב דער געגנערשאַפט צו דער ראָלע, וואָס די „אַלגעמיינע פעדעראַציע" האָט געשפּיעלט, — אין אַ געוויסער מאָס דורך דער שטאַרקער פּערזענליכקייט פון איהר גענעראַל־סעק־רעטאַר, — ערשטענס, אין אינטערנאַציאָנאַלע ענינים און, צוויי־טענס, אין איהר אַרויסשטעלען פון די מיינונגען פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פאַר דער רעגירונג און פאַר דעם פּובליקום.

די „אַלגעמיינע פעדעראַציע" איז זינט זי איז געגרינדעט גע־וואָרן געווען אַ טייל פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון אַרבייטער פאַראיינען", וועמעס צוועק איז געווען, דורך אַן „אינ־טערנאַציאָנאַלען סעקרעטאַריאַט", צו זאַמלען און צו פאַרעפענט־ליכען סטאַטיסטיק וועגען דער אַרבייטער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט און אַ געגענזייטיגער אויסטויש פון ידיעות וועגען דעם טרייד יוניאָניזם צווישען זיך. דורך די ערשטע פופצעהן יאָהר פון איהר עקזיסטענץ איז קיינער ניט געווען געגען דער האַנד־לונג פון דער פעדעראַציע, הגם דער פאַקט, וואָס זי האָט רעפּרע־

זענטירט בלויז פון 25 ביז 30 פּראָצענט פון די טרייד יוניאָנען אין גרויס בריטאַניען, האָט שוואך געמאכט דעם ווערטה פון דער סטאַטיסטיק, וואָס זי האָט צוגעשטעלט. דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, וועלכער האָט גוט געקאָנט נעמען אויף זיך די אַרבייט, האָט אַ לאַנגע צייט איגנאָרירט די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסען פון דעם קאָנגרעס, אָבער דורך דעם משך פון דער גרויסער מלחמה איז ער אַלץ שטאַרקער אַרויסגעטראָטען געגען דעם, וואָס די „אַלגעמיינע פעדעראַציע" קומט אַרויס אַלס די פאָרשטעהערין פון דעם טרייד יוניאָניזם פון ענגלאַנד און בפרט געגען די כמעט כסדר'דיגע פאַרהאַנדלונגען צווישען איהר סעקרעטאַר, אַפּעלטאָן, מיט סעמועל גאָמפּערס, דעם סעקרעטאַר *) פון דער „אַמעריקאַנער אַרבייטער פעדעראַציע" („אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר"), און מיט דעם הער זשואָ, דעם סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער „אַלגעמיינער אַרבייטער קאָנפעדעראַציע", וואָס זיינען געווען ניט אין הסכם מיט דער ריכטונג פון דער „אַרבייטער פּאַרטיי" און פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס. ווען מען האָט אין 1918 זיך גענומען ווידער צו אָרגאַניזירען די „אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון אַרבייטער געווערקשאַפטען" האָט דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט לכתחילה געפּאָדערט, אַז בלויז ער אַליין זאָל אָנערקענט ווערן אַלס דער פאָרשטעהער פון גרויס בריטאַניע, אָבער שפּעטער האָט ער איינגעשטימט אויף דער פשרה, אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס זאָלען צוזאַמען אין אַ גלייכער מאָס רעפּרעזענטירען די ענגלישע אַרבייטער.

אָבער אַ מעהר ערנסטע געגנערשאַפט, ווי איבער דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלע פאָרשטעהערשאַפט, האָט די „אַלגעמיינע פעדעראַציע" אַרויסגערופען געגען זיך דורך דעם, וואָס איהר סעקרעטאַר, אַפּעלטאָן, איהר פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט און איהרע קאָנפערענצען זיינען אַרויסגעטראָטען אַלס די פאָרשטעהער פון דער

---

*) סעמועל גאָמפּערס איז קיינמאָל ניט געווען דער סעקרעטאַר פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". ער איז געווען איהר „פּרעזידענט" (פאָרזיצענדער) כמעט דורך דער גאַנצער צייט, זינט זי איז געגרינדעט געוואָרען און אויך אין 1920.—איבערזעצער.

אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט בנוגע צו אַ כּסדר־וואַקסענדע צאָהל פּראָגען אין לאַנד גופא. מען האָט גע'טענה'ט, אַז די פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרן אויסשליסליך פאַר דעם צוועק פון געגענזייטיגע פאַרזיכערונג פון שטרייק צאָהלונגען; זי האָט, בכן, ניט געהאַט קיין אַנדער באַפּולמעכטיגונג און ווען זי וויל אויף זיך נעמען די התחיבות'ען פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס, אָדער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי, איז דער איינציגער פּועל יוצא פון דעם בלויז די אָפּשוואַכונג פון די טרייד יוניאָניסטישע כחות הן אויף דעם ענגערן געביט פון דעם קאַמף פאַר בעסערע אַרבייט באַדינגונגען און הן בנוגע צו די ברייטערע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו די פּאָליטישע שטרעבונגען פון די אַרבייטער.

עס שיינט, אַז די „אַלגעמיינע פעדעראַציע" וועט אין דער צוקונפט זיך מוזען האַלטען ביי די ענגע גרענעצען פון איהר לכתחילה'דיגען צוועק; אויב ניט — וועט זיין אַ געפאַהר, אַז זי זאָל פינאַנציעל אָפּגעשוואַכט ווערן דורך דעם, וואָס עס וועלען זיך פון איהר אָפּרייסען איינפלוסרייכע טרייד יוניאָנען. זיי וועלען ניט בלייבען אויף תמיד פאַרבונדען מיט אַלע דריי נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטען, ווען עס וועט זיך אַרויסציינען, אַז יענע רעדען וועגען די זעלבע זאַכען אויף פאַרשיידענע אופנים.

טרייד יוניאָן ראַטען.

(„טריידז קאַונסילס")

ווי עס איז אַרויסגעקומען און עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַנאַנדער פאָרם פון שוואַך־פאַרבונדענע פעדערירונגען, — צווישען די אָפּטיילונגען פון אַלע טרייד יוניאָנען פון אַ געוויסען שטח, — האָבען מיר שוין דערצעהלט, ווען מיר האָבען באַשריבען די לאָקאַלע ראַטען פון טרייד יוניאָנען. זייער צאָהל איז כסדר געוואַקסען, — פיעל מעהר ווי זייער איינפלוס. מיר שאַצען, אַז יעצט, אין 1920, זיינען דאָ מעהר פון 500 ראַטען און די מיטגליעדערשאַפט פון די טרייד יוניאָנען, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדען, דערגרייכט בסך הכל עטליכע מיליאָן. דער כאַראַקטער פון זייער

אקטיווער מיטגליעדערשאפט, זייערע פונקציעס און דער אַנגאַנג מיט זייער טעטיגקייט זיינען געבליבען כמעט אזוי ווי מיר האָבען זיי באַשריבען דרייסיג יאָהר צוריק, אָבער זייער שטארקייט און זייער לאָקאלער איינפלוס, ווי זייער צאָהל און זייער מיטגליעדערשאפט, זיינען בכלל גרעסער געוואָרן. מען האָט זיי, ווי מיר וועלען שפּעטער דערצעהלען, איז 1895 ניט גאָר מיט רעכט אויסגעשלאָסען פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, פון וועלכען זיי זיינען באמת געוועזן די אָנפאנגער. הגם זיי האָבען זיך, זינט יענער צייט, פאראייניגט אין פארשיידענע פּראָווינץ־פעדעראציעס פון טרייד יוניאָנען ראטען, האָבען אָבער יענע קיינמאָל ניט באַקומען קיין גרויסע מאכט און זייער ארבייט באשטעהט כמעט בלויז אין העלפען, אז אין לאָקאלע ארויסטרעטונגען זאָלען די טרייד יוניאָנען געהן צוזאמען. עס איז געמאכט געוואָרן א פארזוך צו שאפען א „נאציאָנאלע פעדעראציע פון טרייד יוניאנען ראטען“, אבער אָהן ערפאלג. פון צווייטען צד זיינען די ראטען, גלייך מיט די טרייד יוניאנען, צוגעלאזען געווארען אלס טיילען פון דעם „ארבייטער פארשטעהערשאפט קאָמיטעט“ (יעצט די „ארבייטער פּארטיי“) זינט ער איז געגרינדעט געווארען אין 1900, און הן אלס „טרייד יוניאנען ראטען“ אדער, אין זייער נייער צורה (מעהרסטענס צווישען די קלענערע פון זיי), אלס „טרייד יוניאנען ראטען און לאָקאלע ארבייטער פּארטייען“, ווערען זיי איצט צוביסלאכווייז דער געאָגראפישער יסוד פון דער ארבייטער פּארטיי. אין וואָס עס געלינגט זיי יאָ ביז א געוויסער מאָס אלץ מעהר און מעהר צו פאראייניגען די כחות פון די טרייד יוניאנען פון א געוויסער שטאָדט — איז אין דער פּאָליטישער זייט פון דער באוועגונג. בפרט איז עס אזוי אויף וויפיעל דאָס האָט א שיכות צו פראגען פון מוניציפּאלער פּאָליטיק. זיי זיינען, למשל, געוועזן די הויפּט מאכט אין דער ארבייט, אז עס זאָל איבעראל אנגענומען ווערען דער געזעץ וועגען „יושר'דיגע שכירות“ (ביי קהל'שע ארבייט) און אין העלפען דורכפיהרען די ארבייטער קאנדידאטען צו די ארטיגע רעגירונגס קערפּערשאפטען. זיי ווערען אבער שטרענג אויסגעשלאָסען פון צו באטייליגען זיך אין דער פּאָליטיק פון די יוניאנען בנוגע צו רעגירונגס אָדער אינדוסטריעלע פראגען. וואס אנבאלאנגט צום

טרייד יוניאָניזם גופא, איז זייער דירעקטער איינפלוס בנוגע צו אזעלכע פראגען, וואס ריהרען אָן דאָס גאנצע לאַנד, ניט גרויס. באשטעהענדיג צום גרעסטען טייל פון דעלעגאטען, וועלכע זיינען דערוועהלט געווארען פון לאָקאלען פון נאציאָנאלע ארגאניזאציעס, ווערען זיי געשטערט אין זייער טעטינקייט דורך דער באגרענעצטער אויטאָנאָמיע, וואס די לאָקאלען האָבען. בנוגע צו אינדוסטריעלע פראגען קאָן דער לאָקאל ניט ברענגען צום ראַט קיין גרעסער מאכט, ווי די, וואס ער גופא האָט, בשעת פאר יעדען אויפטו, וואָס פאדערט פון דעם ראַט הוצאות, קאָן ער, אין דעם פאל פון פיעלע יוניאָנען, אויסגעבען בלויז די פרייוויליגע, באזונדערע בייסטייערונגען פון זיינע מיטגלידער. דורך דעם משך פון דעם יעצטיגען יאָהרהונדערט האָבען שוין פיעלע יוניאָנען אנגעפאנגען צו צאָהלען די געלדער, וואס זייערע לאָקאלען דארפען ביישטייערען פון זיין פארבונדען מיט די טרייד יוניאָנען־ראַטען, פון צענטראלע פאָנדען, אבער ביז צו גאָר דעם סוף פון דעם נייַנצעהנטען יאהרהונדערט זיינען די הכנסות פון די ראַטען זעלטען געווען גענג אויף מעהר, ווי אויף צו דינגען א צימער, וואו צו פארזאמלען זיך,[1] אויף די נויטיגע פּאָסט־אויסגאבען און שרייב־מאַטעריאלען און אויף צו באצאָהלען עטליכע פונט סטערלינג א יאהר צו זייערע הויפּט־באַאמטע פאר „פארלאָרענע צייט״. ערגעץ ניט, אויסער לאָנדאָן, — אפילו אין דעם יאהר 1920, — צאָהלט קיין „טרייד יוניאנען ראַט״, אלס אזעלכער, ניט קיין פולע שכירות צו קיין איינציגען באצאָהלטען באַאמטען, אזוי אז ער זאָל זיך קאָנען באנוצען מיט יענעמס גאנצער צייט, הגם די ראַטען פון אזעלכע שטעדט, ווי גלאַזגאָו, מאַנטשעסטער און בראַדפאָרד האָבען באצאָהלטע סעקרעטאַרען, וועלכע האָבען אנדערע באשעפטי־

---

[1] אין נאָטינגהאַם, ליעסטער, מאַנטשעסטער און אין איניגע אַנדערע שטעדט פלעגען די ראַטען צייטענווייז באַקומען די ערלויבניש אָפּצוהאַלטען זייערע פאַרזאַמלונגען אין אַ צימער פון דער שטאָדט־ראַט געבוידע אָדער פון אַנאַנדער מוניציפּאַלער געבוידע. די „לאָקאַלע רעגיערונגען קאָמיסיע״ („לאָקאַל גאָווערנמענט באָארד״) האָט אין 1908 פאָרגעשלאָגען די אָרטיגע רעגיערונגען, אַז זיי זאָלען אומעטום אין דעם פּרט די ראַטען אויסהעלפען.

גונגען, און דאָרטען, וואו דער טרייד יוניאָנען ראַט איז פּאַראיי־ניגט מיט דער „לאָקאַלער ארבייטער פּארטיי" פּאסירט עס אָלץ מעהר און מעהר, אז ער באַנוצט זיך מיט דער ארבייט פון א רע־גיסטרירונגס־באַאַמטען אדער פון א וואהל אַגענט, וועמעס שכירות ווערען געוועהנליך באַזאָרגט אלס א טייל פון די וואהל הוצאות פון דעם קאַנדידאַט פון דער ארבייטער פּארטיי.

דורך א לאַנגען משך צייט האָט מען קוים געקאָנט זאָגען, אז די „טרייד יוניאנען ראַטען" האָבען געהאַט אפילו די מאָראַלישע שטיצע פון די גרויסע יוניאנען. די צענטראַלע פּאַרוואַלטונגען פון די נאַציאָנאַלע ארבייטער געזעלשאַפטען זיינען געווען גענייגט צו באַטראַכטען די עקזיסטענץ פון פיהרענדע קערפּערשאַפטען, אין וועלכע זיי זיינען דירעקט ניט געווען רעפּרעזענטירט, מיט חשד און קנאה. מען פלעגט די ארטיגע לאָקאַלען ניט דערמוטיגען, — אויב מען האָט זיי ווירקליך ניט פאַרבאָטען, — צו פאַרבינדען זיך מיט אזוינס, וואס איז מסוגל צו ווערען א קאָנקורירענדע מאַכט. די שטאַרקע פּראַווינץ־יוניאַנען פלעגען אָפט בלייבען שטעהן פון דערוויטענס, סיידען מען האָט זיי ערלויבט צו האָבען אַן איבער־וועגענד גרויסע פאַרשטעהערשאַפט. איינע פון די קענטיגע ענ־דערונגען פון דעם יעצטיגען יאָהרהונדערט איז דאָס וועניגער ווע־רען פון דער דאָזיגער קנאה געגען די טרייד יוניאַנען ראַטען. מיר ווייסען ניט פון קיין פאַל, וואו לאָקאַלען זאָל יעצט זיין פאַרבאָ־טען אריינצוטרעטען אין א ראַט. הגם מען דאַרף אפשר אמאָל האָבען דערפאַר אַן ערלויבניש פון דעם פאַרוואַלטונגס ראַט אדער פאַרוואַלטונגס קאָמיטעט, אבער אין די מעהרסטע פאַלען ווערט די דאָזיגע ערלויבניש גערן געגעבען, און זינט מען האָט אנערקענט די נויטיגקייט פון פּאָליטישער טעטיגקייט, — אין דעם משך צווי־שען 1911 און 1913, האָט מען אויך אָנגעפאַנגען באַשטימט צו דערמוטיגען די לאָקאַלען צוצושטעהן צו די טרייד יוניאנען ראַטען פון זייערע געגענדען.[1]

[1] איינער פון די אקטיוועסטע שטיצער פון דער „טריידז קאָונסילז" באַוועגונג איז די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אייזענבאַהן אַרבייטער", וואָס האָט זעהר פיעל געטאָן, אז די ראַטען זאָלען א סך העלפען אָרגאַניזירען

עס בלייבט אבער אזוי אמת אין 1920, ווי אין 1890, אז די טרייד יוניאנען ראטען האָבען ניט צווישען זייערע טוער די נאַציאָ־נאַלע פיהרער פון דער טרייד יוניאן וועלט. די באַצאָהלטע באַ־אַמטע פון די לאנג־עטאבלירטע ארבייטער ארגאניזאציעס נעמען זעלטען אן אנטייל אין זייערע פארהאנדלונגען. דער לאנדאָנער טרייד־יוניאן ראט, למשל, — דער קלאסישער פארזאמלונגס־פּלאץ פון דער „דזשונטא“, — האט שוין לאנג אויפגעהערט צו צעהלען צווישען זיינע דעלעגאטען די גענעראל־סעקרעטארען פון די אינ־זשעניערען (מאשיניסטען), פון די ציגעל־מויערער, פון די אייזען־באהן־ארבייטער, פון די שטאָל־גיסער, אָדער פון וועלכער עס איז אנדערער פון די גרויסע ארבייטער געזעלשאפטען, וואס האָבען זייערע הויפּט קאנטאָרען אין לאָנדאָן. די מעכטיגע גרופּע באַ־אמטע פון די באוועל־ארבייטער יוניאָנען באטייליגט זיך ניט אין דעם ראט פון מאנטשעסטער. ניט דער גענעראל־סעקרעטאר און ניט קיינער פון די ניין באצירק־דעלעגאטען פון די קעסעל־ארביי־טער זיינען געוועהנליך מיטגליעדער פון א טרייד יוניאָנען ראט. די אגענטען פון די מינען־ארבייטער זיינען באוואוסט מיט זייער אוועקשטעהן פון די ראטען אין זייערע געגנדען. דאָס קומט אָבער יעצט, — אָהן אונטערשייד, וואס די סיבות דערפון זיינען אמאָל געווען, — בעיקר פון דעם, וואס אלע באצאָהלטע באאמטע פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג איז צוגעקומען זעהר פיעל ארבייט, וואס מאכט פאר דעם רוב פון זיי אוממעגליך אבצוגעבען זיך מיט די פארזאמלונגען פון די ראטען.

די טרייד יוניאָנען ראטען דיענען יעצט אלס נוצליכע דער־

די אַגריקולטורעלע אַרבייטער. די „אַמאַלגאַמירטע יוניאָן פון די קאָ־אָפּעראַטיווען אָנגעשטעלטע“, די יוניאָן פון די „בעקער־אַרבייטער פון גרויס בריטאַניען און פון אירלאנד“ און די „אַסאָציאַציע פון מוניצי־פּאַליטעטען אָנגעשטעלטע“ זיינען אויך אָנגעזעהענע שטיצער פון די טרייד יוניאָן ראַטען. די „באַוועל־שפּינערייען אַרבייטער פון אָלדהאַם“ און די „שפּיצען־אַרבייטער פון נאָטטינגהאַם“ צווישען זייערע לאָקאַלען אַנצושליסען זיך אָן די ראַטען. פיעלע פון די הויפּט יוניאָנען צאָהלען אויס איבגאַנצען אָדער אַ גרויסען טייל פון די מיטגליעדערשאפט צאָה־לונגען פון די לאָקאַלען פון זייערע צענטראַלע פאָנדען.

ציהונגס־פּלעצער, — ברייטערע איידער די יוניאָן לאָקאַלען, — פאר די יעניגע, וועלכע מיר האָבען אין אנאנדער שטעל באשריבען אלס די אונטער־אָפּיצערען פון דער באוועגונג, פון וועמעס רייהען עס קומען ארויס כמעט אלע טרייד־יוניאָניסטישע פיהרער.

חוץ זייער שטענדיגער טעטיגקייט אין מוניציפּאלער פּאָלי־טיק און זייער ענערגישער שטיצע פון דער ארבייטער פּארטיי ביי אלע וואהלען איז די נוצליכקייט פון די טרייד יוניאָנען ראטען דורך דעם יעצטיגען יאָהרהונדערט אין א היבשער מאָס פארגרע־סערט געווארן. זיי האָבען פיעל געהאָלפען דער טרייד־יוניאָניס־טישער פּראפּאגאנדא אין זייערע אייגענע באצירקען, ווי אויך אין די דערבייאיגע אפּגעלייגטע געגענדען. דער כסדר׳דיגער ארבייט און דער שטיצע פון די מעהר אקטיווע ראטען קומט קרעדיט פאר ניט קיין קליינעם טייל פון דער פארגרעסערונג פון דער טרייד יוניאָניסטישער מיטגליעדערשאפט, בפרט צווישען די ארבייטער אָהן באשטימטע מלאכות אין די שטעדט און צווישען די אגרי־קולטורעלע ארבייטער אויף דעם ישוב. זיי האָבען פיעל געטאָן איינ־צושטילען מחלוקת צווישען די לאָקאלע סעקציעס פון פארשיידע־נע יוניאָנען און עס געלינגט זיי צייטענווייז מיט ערפאָלג ארויס־צוטרעטען אלס פשרה־מאכער. זיי ברייגנען צוזאמען קעמפענדע צדדים אפילו אָהן פאָרמעלע פאָך־געריכטען. זיי נאָמינירען פאר־שטעהער פון דעם ארבייטער קלאס צו פיעלע ארטיגע קאָמיטעטען און קאָנפערענצען און זיי דיענען אויף דעם אופן אלס א נוצליכע פארבינדונג מיט די רעגירונגס אנשטאַלטען. אייניגע פון זיי האָבען די לעצטע יאָהרען פיעל געטאָן צו שאפען בעסערע ערציהונג פאר דעם ארבייטער קלאס. זיי פארבינדען זיך מיט דער „אסאציאציע פאר ארבייטער בילדונג" אָדער מיט דעם „לייבאָר קאלעדזש" און שטיצען זיינע קלאסען. זיי אָרגאניזירן עפענטליכע פארזאמלונ־גען און באזאָרגען מיט רעדנער פון אויסער די יוניאָן קרייזען. זיי פארבינדען זיך מיט דעם „לייבאָר ריסוירטש דעפּארטמענט", וואָס האָט א באזונדער „אָפּטיילונג פאר ידיעות וועגען טרייד יוניאָן ראטען און לאָקאלע ארבייטער פּארטייען." זיי אבאָנירן זיך פאר דער באוועגליכער ביבליאָטעק פון ביכער־קאסטענס, וואָס

ווערט אויפגעהאַלטען פון דער „פאַביאַנער געזעלשאַפט“. זיי גיבען אָפט אַרויס זייערע אייגענע מאָנאַטליכע באַריכטען וועגען טרייד יוניאָניסטישע און אַרבייטער נייעס, אָדער זשורנאַלען מיט ידיעות איבער אָרטיגע רעגירונגס אַנגעלעגענהייטען, אָדער לכל־הפחות זייערע „יאָהר־ביכער“. זיי דיענען אויך אַלס פאַרשפּרייטונגס צענטרען פאַר די פלוג־בלעטער און פאַמפלעטען, וואָס ווערן געדרוקט פאַר דאָס גאַנצע לאַנד און אמאָל אפילו פאַר די מעהר פּאָפּולערע ביכער איבער אַרבייטער פראַגען. אין אייניגע צענטרען האָבען זיי, דורך „געמיינזאַמע ראַטען“, געשאַפען אַ שטאַרק נויטיגע פאַרבינדונג צווישען דער יוניאָניסטישער און דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונגען און זיי דיענען מעהר ווי וואָס אַנדערש אַלס דער צעמענט צווישען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס פון די צוויי באַוועגונגען מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי גופא. אין וועלכער מאָס מען קאָן פון זיי ערוואַרטען, אַז זיי זאָלען, — אַלס פיליאַלען פון דער אַרבייטער פּאַרטיי, אָדער אמאָל אַלס אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען באמת צוזאַמענגעגאָסען מיט די לאָקאַלע אַרבייטער פּאַרטייען (אין די לעצטע פאַלען איינשליסענדיג, זינט 1918, אויך אַ סעקציע פון אינדיווידועלע מיטגליעדער, — טרייד יוניאָניסטען אָדער אַנדערע; „האַנט אָדער קאָפּ אַרבייטער“), — אַנטוויקלען אַ שטאַרקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַרבונדען צוזאַמען אַלע שטיצער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי אין יעדען פּאַרלאַמענטאַרישען וואהל באַצירק, בלייבט נאָך צו באַווייזען ווערען.

דער „טריידס יוניאָן קאָנגרעס.“

אָבער די ברייטסטע פעדערירונג פון דער טרייד יוניאָן וועלט איז יעצט, ווי עס איז תמיד געווען, דער „טריידס יוניאָן קאָנגרעס“. די מיטגליעדערשאַפט פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען מיט דעם קאָנגרעס פאַרבונדען, איז אין סעפּטעמבער 1919 געווען מעהר פון פינף און אַ פערטעל מיליאָן, אַ צאָהל, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען ניט אין ענגלאַנד און ניט אין קיין אַנדער לאַנד. אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָבען מיר באַשריבען ווי די דאָזיגע פעדערירטע קערפּערשאַפט איז אַרויסגעקומען און ווי זי האָט זיך אַנטווי־

קעלט, די נוצען, וואָס זי האָט געבראַכט, פאַראייניגענדיג די צואַ־וואָרפענע טרייד יוניאָן כחות, און דעם דורכפאַל איהרען אין העלפען אין דער לייזונג פון די פּראָבלעמען פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזירונג פון די ארבייטער, אָדער אין דער שאפונג פון אן אינטעלעקטועלער פיהרערשאַפט פאַר די מאַסען.

אין דעם ערשטען ארויסגאַב פון דעם בוך אין 1894 האָבען מיר אָנגעוויזען ווי שוואַך עס איז אָרגאַניזירט דער דאָזיגער אימפּאָנירענדער יעהרליכער קאָנגרעס; פון דעם יאָהר 1895 און ווייטער זיינען כסדר געמאַכט געוואָרן געוויסע ענדערונגען אין זיין קאָנסטיטוציע און אין דעם אָנגאַנג פון זיינע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען, לויט אונזער מיינונג, ניט תמיד געווען צום בעסערן. אויף דעם קאָנגרעס אין נאָרוויטש, אין 1894, איז דער „פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט", וואָס ווערט יעדען יאָהר אויסגעקליבען פון דעם קאָנגרעס אַלס זיין פאַרוואַלטונג, דורך אַ רעזאָלוציע, וואָס איז פאַרגעשלאָגען געוואָרן פון וו. דזשיי. דייוויס, אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַטראַכטען אויסבעסערונגען פון די „פעסטע תקנות" („סטענדינג אָרדערז") און צו באַנוצען די אויסגעבעסערטע תקנות ביי דעם קומענדען קאָנגרעס. אויף דעם סמך פון דער דאָזיגער אומבאַשטימטער רעזאָלוציע, וואָס שיינט צו האָבען געמיינט בלויז די גרינדונג פון גרויסע קאָמיסיעס („גרענד קאָמיטעס"), וואָס זאָלען זיך אָפּגעבען מיט דער גרויסער צאָהל פאַרשיידענע רעזאָלוציעס פון דער געשעפטס־אָרדנונג פון דעם קאָנגרעס, האָט דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט, — ועמעם פאָרזיצענדער איז יעמאָלט געווען דער מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט דזשאָהן בוירנז, — באַשלאָסען תיכף אויסצושליסען פון דעם קאָנגרעס אַלע טרייד יוניאָנען ראַטען און איינפיהרענדיג אַלס אַ פעסטע תקנה, אז „אָפּשטימונגען דורך צעטלאַך" זאָלען געמאַכט ווערן ניט לויט דער צאָהל דעלעגאַטען, נאָר לויט דער גאַנצער צאָהל מיטגליעדער פון יעדער יוניאָן, און אז אַלס דעלעגאַטען קאָנען זיין ניט קיין אַנדערע, אויסער בשעת־מעשה באַצאָהלטע באַאַמטע פון דער יוניאָן אָדער מיטגליעדער פון טרייד יוניאָנען, וועלכע ארבייטען ווירקליך ביי זייער מלאכה, — אויסשליסענדיג אויף אַזאַ אופן ניט בלויז דעם וועטע־

ראַן הענרי בראָדהוירסט, וועלכער איז יעמאָלט געווען אַ מיט־גליעד פון פּאַרלאַמענט, מיט דזשאָהן בוירנז'ען אַליין, נאָר אויך קיער האַרדיע, טאָם מאַנן און אַנדערע פיהרער פון דער נייער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו מאַכען דעם טרייד יוניאָניזם פאַר אַ פּאָליטישע מאַכט. באַשטימט ווער איז געווען פאַראַנט־וואָרטליך פאַר דעם דאָזיגען „קו ד'עטא" („ממשלה איבערקעהרע־ניש") איז אָפיציעל ניט באַקאַנט געמאַכט געוואָרן. מען האָט געזאָגט, מיט אַ געוויסען יסוד, אַז דזשיימז מאָודסלי, דער עזות'־דיגער און קרעפטיגער סעקרעטאַר פון די באַוועל־שפּינער איז גע־ווען די נשמה פון דעם אויפטו און אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט דער פּערזענליכער געגנערשאַפט צווישען הענרי בראָדהוירסט און דזשאָהן בוירנז כדי אויסצושליסען פון די צוקונפטיגע קאָנגרעסען זיי ביידען און אויך די רעבעלירנדע עלעמענטען פון די טרייד יו־ניאָנען ראַטען, ווענען אַלע דריי האָבען ניט האָלט געהאַט. דער קאָנגרעס פון קאַרדיף, אין 1895, איז געווען זעהר אין כעס און האָט פּאַקטיש אויסגעדריקט זיין אומצופרידענהייט מיט דעם פּאַר־לאַמענטאַרישען קאָמיטעט, ער האָט אָבער געלאָזען באַשטעטיגען דעם פּונקט פון די נייע „פעסטע תקנות" וועגען דער נייער איינ־פיהרונג בנוגע צו „אָפּשטימונגען דורך צעטלאַך." אויף וויפיעל מען האָט געמיינט ניט צו דערלאָזען, אַז די נייע אידעען זאָלען אַריינ־דרינגען אין קאָנגרעס, איז דער רעזולטאַט פון דער תקנה געווען אַ דורכפאַל, וואָרום אין אַ משך פון פיער יאָהר איז אין דעם קאָנ־גרעס געווען אַ מאַיאָריטעט דעלעגאַטען, וועלכע האָבען געשטימט פאַר דער שאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיגע אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „אַרבייטער פּאַרשטעהערשאַפט קאָמיטעט", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן די יעצטיגע „אַרבייטער פּאַרטיי." דער פּועל־יוצא איז געווען בלויז דאָס, וואָס דער אינטעלעקטועלער איינפלוס פון דעם קאָנגרעס און פון זיין פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט אויף דער טרייד יוניאָן וועלט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

מיט דעם אויסנאַם פון דער אויסשליסונג פון די טרייד יוניאָ־נען ראַטען און פון די אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען, וואָס זיי פלע־גען צייטענווייז שיקען אַלס דעלעגאַטען, וואָלט אַ באַזוכער פון דעם

טריידס יוניאָן קאָנגרעס אין 1919 געפונען זעהר א קליינעם אונ־טערשייד צווישען דעם קאָנגרעס און די קאָנגרעסען פון דרייסיג יאָהר פריהער. די פארזאמלונג איז בלויז געוואָרן גרעסער און זי האָט רעפּרעזענטירט א גרעסערע מיטגליעדערשאפט. מען מוז צו־געבען, אז מען האָט אויך געקאָנט זעהן א דורכאויסיגע פארבעסע־רונג אין דער אינטעליגענץ און אין די מאניערן פון די דעלעגאטען, בפרט פון די יונגערע. מען קאָן קוים זאָגען, אז דער קאָנגרעס האָט אלס אן אינסטיטוציע, — לכל הפחות צווישען די יאָהרען 1890 און 1917, — ארויסגעצייגט וועלכע עס איז אנטוויקלונג.

מען מוז צוגעבען, אז מיט אלע זיינע חסרונות האָט דער קאָנ־גרעס, וואָס האָט ביז יעצט דורך א משך פון פופציג יאָהר כסדר אלע יאָהר זיך פארזאמעלט אין דעם אָדער יענעם אינדוסטריעלען צענטער, געבראכט נוצען אויף פיעלע אופנים. ראשית איז ער א ממשות'דיגער סימן פון דעם שטארקען געפיהל פון סאָלידארי־טעט, מיט וועלכען דער ארבייטער קלאס האָט זיך אויסגעצייכענט דורך דעם גאנצען פארגאנגענעם יאָהרהונדערט. דער קאָנגרעס, — באשטעהענדיג פון דעלעגאטען פון אלע גרויסע נאציאָנאלע און פּראָווינץ־יוניאָנען און פון א וואקסענדע צאָהל לאָקאלע ארבייטער־געזעלשאפטען און צו וועלכען עס פלעגען אין א גרויסער מאָל קו־מען די באצאָהלטע באאמטע, רעפּרעזענטירטווירקליך — ניט ווי די טרייד יוניאָנען ראטען — אלע עלעמענטען פון דער טרייד יוניאָן וועלט (אויסער דעם גרעסטען טייל פון די פּאָליטישע ארגאני־זאציעס, וואָס האָבען דאָ געפעלט). דעריבער האָבען זיינע פארהאנד־לונגען אנטדעקט פאר די באאמטע פון די טרייד יוניאָנען און פאר די פּארטיי פּאָליטיקער די אידעען ענדערונגען צווישען אלע טיילען פון די טרייד יוניאָניסטען און, דורך זיי, פון דער גרויסער מאסע לוין־ארבייטער. חוץ דעם גיט די וואָך פון דעם צוזאמענקונפט א באזונדער געלעגענהייט צו די פאָרשטעהער פון פארשיידענע פאכען פריינדליך דורכצושמועסען זיך צווישען זיך און דאָס פיהרט אָפט צו געמיינזאמער טעטיגקייט אָדער צו ברייטערע פּעדערירונ־גען. דאָך בלייבט דער קאָנגרעס, ווי מיר האָבען געשריעבען ווע־

גען זיינע פריהערע יאהרען, מעהר א פאראד פון די טרייד יוניאן כחות, איידער אן אמת'ער ארבייטער פארלאמענט.[1]

אלע צופעליגע אומשטאנדען האבען די טענדענץ צו אונטערשטרייכען דעם פאראד־כאראקטער פון דעם קאנגרעס צום שאדען פון זיין לעגיסלאטיווען (געזעצגעבערישען — פאר דער ארבייטער באוועגונג) כאראקטער. דער בירגער־מייסטער און די קארפאראציע („שטאדט־טאטעס") פון דער שטאדט, וואו דער קאנגרעס ווערט אפגעהאלטען, ווערן אפט ערלויבט צו געבען אן עפענטליכען ברוך־הבא צו די דעלעגאטען און אפצוהאלטען א רייכען קבלת־פנים פון זייער כבוד וועגען. די „גאלעריע פאר פרעמדע" איז פול מיט פאראינטערעסירטע צוזעהער, מיט אנגעזעהענע אויסלענדער, מיט פארשטעהער פון רעגיערונגס דעפארטמענטען, מיט „ברידערליכע דעלעגאטען פון אמעריקא און פון דעם קאנטינענט (אייראפע), פון דער „קאאפעראטיווער יוניאן" און פון דער „נאציאנאלער יוניאן פון לעהרער" און מיט נייגעריגע פאליטיקער און פאפולאריטעט זוכענדע מיניסטארן זיצען די גאנצע צייט ביי די פארהאנדלונגען יעדען טאג. דער טיש פאר פארשטעהער פון דער פרעס איז געדיכט באזעצט מיט קארעספאנדענטען פון אלע גרויסע צייטונגען

[1] אין דער ערשטער עפאכע פון זיין געשיכטע פלעגען פריינד פון דעם טרייד יוניאניזם פון צווישען די מיטעל־קלאסען לייענען ביים קאנגרעס פארטראגען און נעמען אן אנטייל אין זיינע דעבאטען. אבער שוין פיעלע יאהרען זינט מען דערלויבט ניט צו באטייליגען זיך אין זיינע פארהאנדלונגען אויף וועלכען עס איז אופן קיינעם ניט, אויסער די געהעריג דערוועהלטע דעלעגאטען, וועלכע ארבייטען ביי דער מלאכה, וואס זיי רעפרעזענטירען, אדער זיינען ווירקליכע באצאהלטע באאמטע פון די טרייד יוניאנען, וואס זיינען מיט דעם קאנגרעס פארבונדען. אין 1892 און 1893 איז דער צוטרעט צום קאנגרעס ווייטער באגרענעצט געווארן צו בלויז יענע ארבייטער־געזעלשאפטען, וואס ביישטייערען פאר די פאנדען פון דעם קאנגרעס א באשטימטע סומע געלט פון יעדע טויזענט מיטגליעדער. דער פארלאמענטארישער קאמיטעט באשטעהט פון זיעבעצעהן מיטגליעדער, וואס ווערען ערוועהלט דורך צעטלאך פון אלע דעלעגאטען דעם פינפטען טאג פון דעם קאנגרעס. די ערפאלגרייכע קאנדידאטען זיינען געוועהנליך די באצאהלטע באאמטע פון די גרויסע ארבייטער געזעלשאפטען. די „פעסטע תקנות" האבען א בפירוש'ען פונקט,

פון דעם קעניגרייך און די אָרטיגע ציימונגען יאָגען זיך איינע אי־בער דער אַנדערער ארויסצוגעבען עקסטרא אויסגאַבען, אין וועלכע עס ווערן געדרוקט ווערטערליכע באריכטען פון די פארהאנדלונגען פון יעדען טאָג. אָבער מעהר פון אַלץ מאַכט דעם קאָנגרעס פאר א יום טוב'דיגע דעמאָנסטראציע אָנשטאָט א מיושב'דיגע פארזאַמ־לונג, וואָס פיהלט איהר אייגענע אחריות, דאָס, וואָס זי האָט ניט קיין שום געזעצגעבענדע מאַכט. די דעלעגאַטען ווייסען זעהר גוט, אַז די רעזאָלוציעס פון דעם קאָנגרעס איבער „ענינים" („סאָב־דזשעקטו") האָבען ניט קיין בינדענדע ווירקונג אויף זייערע אָר־גאַניזאַציעס, און זיי נעמען זיך דעריבער ניט די מיה אויסצואַר־בייטען זיי אין א פּראַקטישען פאָרם אָדער אפילו צו מאַכען זיי אין הסכם איינע מיט דער אַנדערער. פון לכתחילה אָן זיינען די פאַר־האַנדלונגען ניט געשעפטסמעסיג. א גרויסער טייל פון דעם ערש־טען טאָג ווערט פארבראַכט אויף בלויז רוטינע און אויף א לאַנגער איינפיהר־רעדע פון דעם „פּרעזידענט", אַלס וועלכען מען האָט זינט דעם יאָהר 1900 שטענדיג ערוועהלט דעם פאָרזיצענדען פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פון דעם פאָריגען יאָהר. די אי־בעריגע אַרבייט באַשטעהט פון רעזאָלוציעס, וואָס ווערן צוגעשיקט פון פאַרשיידענע יוניאָנען און ווערן פאָרגעבראַכט פאַר דעם קאָנ־

אַז קיין פאַך קען ניט האָבען מעהר פון איין פאָרשטעהער, חוץ די מינען־אַרבייטער, וועלכע קאָנען יעצט האָבען צוויי (מיטגליעדער פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט). דער סעקרעטאַר באַקומט, אַפילו יעצט, אין 1920, בלויז פינף הונדערט פונט שטערלינג אַ יאָהר און דער אַמט פלעגט תמיד זיין פאַרנומען פון אַ באַאַמטען, וועלכער האָט הכנסות פון אַנדערע באַשעפטיגונגען. דורך די לעצטע פערציג יאָהר פלעגט דער סעקרעטאַר כמעט כסדר זיין אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט, אײדער ער איז ערוועהלט געוואָרן צו דעם אַמט פון דעם קאָנגרעס, גע־מאַכט זיינע וועהלער פאַרשפּרעכונגען, וואָס זיינען ניט תמיד אין הסכם מיט די דירעקטיווען פון זיינע חברים טרייד־יוניאָניסטען, און וועלכער האָט געהאַט פיעלע פאַרשיידענע פּאַרלאַמענטאַרישע פליכטען, וואָס פלעגען אָפּט שטערען זיין אַרבייט אַלס סעקרעטאַר. דורך פיעלע יאָהרען פלעגט ער אַליין דאַרפען זיך באַזאָרגען מיט די קאָנטאָר אָנגעשטעלטע, וואָס ער האָט געברויכט, אָבער אין 1896 האָט מען איהם צוגעגעבען אַ קאָנטאָר־אָנגעשטעלטען און אין 1917 אַ געהילפס־סעקרעטאַר.

גרעס תהו־ובהו'דיג אזוי, אַז זייער סדר ווערט באַשטימט דורך די צופאַליגקייטען פון דעם שטים־צעטעל. די דאָזיגע רעזאָלוציעס ווערן ניט דורכגעקליבען אָדער איבערגעאַרבייט חוץ דעם, וואָס די קליינע קאָמיסיעס („סאָב־קאָמיטעז") פּרובירן צוזאַמענצוגיסען עטליכע פאָרשלאַגען וועגען דעם זעלבען ענין אין איין רעזאָלוציע. די דעלעגאַטען האָבען אינגאַנצען אַרום פינף און צוואַנציג שטונדען אויף דורכצושמועסען זיך איבער אַלע ענינים, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אָנפאַנגענדיג פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען ביז דעם פאַרבאָט געגען דעם, אַז איין פוהרמאַן־אַרבייטער זאָל אָנטרייבען צוויי פוהרען מיט־אַמאָל. כדי מעגליך צו מאַכען, אַז אַפילו בלויז אַ מינאָריטעט פון די דערביי־איגע זאָלען קאָנען רעדען פאַר אָדער געגען די פאָרשלאַגען, ווערט יעדער רעדנער באַגרענעצט צו בלויז פינף, אָדער אפשר צו דריי מינוטען. די תקנה ווערט מעהר אָדער ווייניגער שטרענג דורכגעפיהרט. אָבער טראָץ דעם שטאַרקען באַנוצען זיך מיט דעם דאָזיגען מיטעל צו מאַכען די דעבאַטען קורץ, געלינגט דעם פאָרזיצענדען זעלטען דורכצופיהרן אַלע ענינים און ער האָט גענוג צו טאָן אום צו האַלטען אָרדענונג. די „קאָמיסיע איבער די פעסטע תקנות" איז אינגאַנצען פאַרנומען מיט איהר מעכאַנישער אַרבייט און זי האָט ניט די אויטאָריטעט, ניט מעהר פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט גופא, צו פאָרמולירן אַ פּראָגראַם פאַר די דעלעגאַטען צו באַטראַכטען. די ערפאַהרענע באַאַמטע פון די אַלטע יוניאָנען ווען העלפען אויך דעם קאָנגרעס ניט פיעל אין דעם אָנגאַנג מיט זיין אַרבייט. דורך אַ גוטמוטיגען פאַרלאַנג צו לאָזען די פּריוואַטע מיטגליעדער פון דעם קאָנגרעס האָבען אַ געלעגענהייט מען זאָל וועגען זיי שרייבען אין די צייטונגען, אָדער דורך אַן עטוואָס צינישען געדאַנק וועגען דער פרוכטלאָזיגקייט פון די שמועסען פון דעם קאָנגרעס, האַלטען זיך פיעלע פון זיי געוועהנליך שטיל און טרעטען זעלטען אַרויס מיט רעדעס חוץ אום צו פאַרטיידיגען זיך געגען אָנפאַלען. נאָכמעהר, זיי זיינען שטאַרק פאַרנומען דורך דער צייט פון די זיצונגען און אין דער צייט, ווען קיין זיצונגען קומען ניט פאָר, אַרבייטענדיג מען זאָל ערוועהלען זיי אַליין

אָדער זייערע פריינד צום פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט. דאָס איז ביז יעצט שטענדיג דורכגעפיהרט געוואָרן דורך „מסחר" מיט שטימען.[1] ווען די פיער־טאָגיגע ריידעריי האַלט ביי ענדיגען זיך זיינען פיעלע רעזאָלוציעס פון דער געשעפטס־אָרדענונג נאָך ניט אַראָפּגע׳פּטר׳ט. שבת אין דער פריה, ווען די מעהרסטע דע־לעגאַטען זיינען זיך שוין צופאָהרען אַ היים, שטופּט אַ שיטערע פאַר־זאַמלונג דורך שנעל די איבערגעבליבענע פאָרשלאַגען, רעדעס ווערן באַגרענעצט צו זעכציג סעקונדען פאַר יעדען און דער קאָנגרעס נעמט אָן אַ פּאָר צעהנדליג וויכטיגע רעזאָלוציע אין דעם משך פון צוויי שטונדען. פון אָנפאַנג ביז צום סוף איז ניטאָ קיין סמן פון אַ „פאָדערשטע באַנק" פון פיהרער מיט אחריות. אַלס אַ גע־שעפטס־פאַרזאַמלונג פּטר׳ט דער קאָנגרעס אַריבער זיין גאַנצע אַר־בייט מיט דעם, וואָס ער ערוועהלט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָ־מיטעט, וועלכער ווערט פאַר דעם ווייטערדיגען יאָהר אָנפאַרטרויט צו רעפּרעזענטירן די טרייד יוניאָן וועלט.

אין דעם ערשטען אַרויסגאַב פון דעם בוך, אין 1894, האָבען מיר געגעבען אַ באַשרייבונג פון דער אַרבייט פון דעם פּאַרלאַמענ־טאַרישען קאָמיטעט, וואָס איז אינטערעסאַנט דאָ ווידער איבערצו־געבען:

„די פליכטען פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט זיינען קיינמאָל קלאָהר ניט באַשטימט געוואָרן פון דעם קאָנגרעס און מען קאָן לייכט פאַרשטעהן, אַז אַזעלכע מינים רעזאָלוציעס, ווי מיר האָ־בען באַשריבען, זיינען אַ קליינער מורה־דרך פאַר פּראַקטישער אַר־

---

[1] יעדע יוניאָן האָט שטימען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל מיט־גליעדער, וואָס זי רעפּרעזענטירט; זי קאָן אָבער איהרע שטימען צו־טיילען צווישען די קאַנדידאַטען, ווי זי וויל. צווישען די יאָהרען 1906 און 1915 פלעגען די דעלעגאַטען זיין איינגעטיילט אין צעהן גרופּען פון פאַרבונדענע אינדוסטריען און יעדע גרופּע פלעגט אויסקלייבען איהר אייגענעם מיטגליעד. אין 1919 האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רעזאָ־לוציע, וואָס האָט באַשטימט, אַז די וואַהלען זאָלען ווייטער פאָרקומען אַזוי, אַז איין גרופּע זאָל קאָנען אָפּגעבען איהרע שטימען פאַר די קאַנ־דידאַטען פון אַנדערע גרופּען („טראַנספערייבל וואָוט"), און עס בלייבט צו זעהן אויב דאָס וועט מאַכען אַ סוף צו דעם „מסחר׳ען מיט שטימען".

בייט. עס ווערט אָבער פון אַלעמען פאַרשטאַנען, אַז דער קאָמיטעט דאַרף האָבען די השגחה איבער די פּאָליטישע אינטערעסען פון די יעניגע, וועמען ער רעפּרעזענטירט, אויף דעם זעלבען אופן בערך, ווי דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט פון א שטאָדט־ראַט אָדער פון אַן אייזענבאהן געזעלשאַפט. עס איז קלאָהר, אַז אין דעם פּאַל פון דער טרייד יוניאָן וועלט נעמט אַזאַ מאַנדאַט אַרום אַ ברייטען פעלד. דאָס רעכט פון פרייע פאַראייניגען, וואָס אַללען, אַפּעל־גאַרט, אַדרזשער און זייערע חברים האָבען אויסגעקעמפּט, איז יעצט שוין אַ פראַגע פון דעם עבר, אָבער דער אינטערעס פון די טרייד יוניאָנען אין דער געזעצגעבונג איז מיט דעם פּאָרטשריט פון דער דעמאָקראַטיע ברייטער געוואָרן און ער גרייכט יעצט גרעסערע און מעהר קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. די פולשטענדיגע דעמאָקראַ־טיזירונג פון דעם פּאָליטישען בנין; דער חוב פון דער רע־גיערונג צו זיין אַ מוסטער־אַרבייט־געבער; די ווייטערע רעגו־לירונג פון פּריוואַטער אונטערנעמונג דורך דער אויסבעסערונג פון דער פאַבריק־געזעצגעבונג; די קהל'שע פּאַרוואַלטונג פון מאָנאָ־פּאָליעם — דאָס זיינען אַלע פראַגען, אין וועלכע די יעצטיגע טרייד יוניאָן וועלט האָט, ווי זי דענקט, אַ טיפען אינטערעס. צו די דאָזיגע קלאָהרע אַרבייטער פראַגען מוז מען צוגעבען אַזעלכע, ווי מלוכה־שטייערן, די קהל'שע באַזאָרגונג פון בילדונגס־אַנשטאַלטען און פון ערהוילונגס־פּלעצער און די אויפהאַלטונג פון די קראַנקע און די אַלטע, אין וועלכע דער ניט־באַזיצענדער קלאַס איז פאַר־אינטערעסירט. מיר האָבען דאָ אַזוי פיעל פּאַרלאַמענטאַרישע אַר־בייט, וואָס איז פיעל מעהר ווי עס פאַלט אויס אויף דעם פּאַרלאַ־מענטאַרישען קאָמיטעט פון וועלכען עס איז געוועהנליכען שטאָדט־ראַט אָדער אייזענבאהן־געזעלשאַפט. צו אונטערזוכען אַלע אין פּאַרלאַמענט אריינגעבראַכטע געזעץ־פּאָרשלאַגען,— דורך דער רעגי־רונג און דורך פּריוואַטע פּאַרלאַמענטס־מיטגלידער, — וואָס קאָנען אפשר האָבען אַ ווירקונג אויף וועלכע עס איז פון די פריהער־דער־מאָנטע אַרבייטער אינטערעסען; כסדר אַכטונג צו געבען אויף דער פּאַרוואַלטונג פון די רעגיערונגס־דעפּאַרטמענטען; צו באַ־טראַכטען אין אַלע פּרטים דעם בודזשעט, די בילדונגס תקנות און

די באַפעהלען פון דער קאָמיסיע איבער לאָקאַלע רעגיערונגען („לאָקאַל גאָווערנמענט באָארד"); צו ווירקען אויף דעם מיניסטעריום, וואָס איז אין מאכט, אזוי, אז די רעדע פון דער קעניגין* זאָל באַקומען די צורה פון אַן אַרבייטער־פּראָגראַם; דורכצופיהרן אומאָפּהענגיגע געזעץ־פּראָיעקטען איבער אַלע ענינים, איבער וועלכע די רעגיערונג אַנטזאַגט זיך צו שאַפען געזעצגעבונג; און, לסוף, צו אָרגאַניזירן די פּאַר'עקשנ'טע „פּאַרצימער־שתדלנות" („לאָבביאינג") ביי מיניסטאָרן און איינצעלנע פּאַרלאַמענטס־מיטגליעדער, וואָס קריגט ארויס אמענדע די פאדערונגען פון די מאסען, — דאָס אַלץ איז אַן אויפגאַב, וואָס וואָלט געווען שווער פאַר די כחות פון א האַלבען טוצען אין א הויכען גראַד געאיבטע פּאַרלאַמענטאַרישע אַגענטען, וועלכע גיבען אָפּ זייער גאַנצע צייט פאַר זייערע קליענטען. דאָס איז די אַרבייט, וואָס דער קאָנגרעס גיט איבער צו א קאָמיטעט פון פאַרנומענע באַאַמטע, וועלכע זיינען אַלע פאַרטאָן אין דער מאַסע פאַרשיידענע פּרטים פון דער אַרבייט פאַר זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס און וועלכע האָבען אין דיענסט בלויז א סעקרעטאַר, וועמען מען צאָהלט פאַר א טייל פון זיין צייט און ער מוז דעריבער אויסער דעם אַמט האָבען נאָך אַנדערע פליכטען."[1]

---

* אין 1894, ווען דאָס איז געשריבען געוואָרן, האָט אין ענגלאַנד געהערשט קעניגין וויקטאָריאַ. — איבערזעצער.

[1] די לאַגע איז פאַר אַ משך פון יאָהרען געווען נאָך מעהר קאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס סי. פענוויק, אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט אין 1900 פאַרנומען דעם פּלאַץ פון הענרי בראָאַדהורסט אין דעם אַמט, איז געווען איינער פון די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרשטעהער פון די מינען־אַרבייטער פון דורהאַם, אַ מעהרהייט פון וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מיט דעם באַשלוס פון דעם קאָנגרעס איבער דער העכסט וויכטיגער פראַגע וועגען די אַכט־שטונדען געזעץ. אומזיסט האָט פענוויק מיט דער שעהנסטער אָפענהערציגקייט דערקלעהרט צו יעדען קאָנגרעס בסדר, אַז זיין פאַרשפּרעכען צו זיינע וועהלער, ניט וועניגער פון זיינע אייגענע איבערצייגונגען, וועלען איהם צווינגען צו אַרבייטען געגען וועלכער עס איז רעגולירונג פון די אַרבייטס־שטונדען פון דערוואָקסענע מיינער־אַרבייטער. דער קאָנגרעס האָט פונדעסטוועגען פיער יאָהר נאָכאַנאַנד איהם ערוועהלט אַלס סעקרעטאַר צום פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט, בלויז אין 1894 ערוועהלענדיג אויף זיין פּלאַץ אַ באַאַמטען, וועל־

די גאנצע אָרגאניזאציע איז אזוי זינלאָז ניט צוגעפאסט צו דער אויפגאבע, אז מען קאָן קוים האָבען תביעות צו דעם קאָמיטעט פאר אויפהערן אינגאנצען פרובירן צו האלטען די ארבייט אין גאנג. די מיטגלידער פארלאָזען זייערע הויפט־קאָנטאָרען אין דער פּראָווינץ פופצעהן אָדער צוואנציג מאָל דורכ'ן יאָהר צו פארברייגען עטליכע שטונדען אין דער קליינער קאנצעלאריע אין 19 בוקינגהאם סטריט (גאס), אין דעם סטראנד, צו מישב זיין זיך איבער די ענינים, וואָס זייער סעקרעטאר ברענגט פאר זיי פאָר. זייענדיג שטארק פארנומען מיט די געשעפטען פון זייערע „געזעלשאפטען" און ניט זייענדיג באקאנט מיט די פרטים פון דער אלגעמייגער פּאָליטיק, גיעבן זיי אָדער אָפּ זייער גאנצען געדאנק צו די אינטערעסען פון זייערע אייגענע פאכען, אָדער זיי באטראכטען זייער איבער־צוויי־וואכענדיגע נסיעה קיין לאָנדאָן אלס אנגענעמען אָפּפרישען זיך פון זייערע שווערע פליכטען אלס באאמטע. אין די צווישענצייטען פון איין פארזאמלונג ביז א צווייטער ראנגעלט זיך דער סעקרעטאר מיט דער ארבייט אזוי גוט ווי ער קאָן מיט אזוי פיעל אויסהילף אין קאָנטאָר, פאר וויפיעל עס איז איהם מעגליך צו באצאָהלען פון זיינע מאָגערע שכירות. זייענדיג פארטאָן אין זיינע אייגענע פארלאמענטארישע פליכטען, וואָס זיינע וועהלער צאָהלען איהם א געהאלט ער זאָל דערפילען, קאָן ער פאר די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער טרייד יוניאָן וועלט אָפּגעבען בלויז די שיריים פון זיין צייט און פון זיין געדאנק. עס איז דעריבער ניט קיין איבערראשונג צו דערוויסען

אנאנדערער. די זעלבע. כמעט, סיטואציע פלעגט זיך אין דער געשיכטע דאָס איז בלויז אנאנדער ביישפיעל פון דער אויסערגעוועהנליכער געטריישאפט, מיט וועלכער אַן ארבייטער־קלאַס אָרגאניזאציע האלט זיך ביי דעם מענשען, וועלכען זי האָט איינמאָל אויסגעקליבען אלס איהר באאמטען, — א געטריישאפט וואָס קומט, ווי מיר דענקען, טיילווייז פון דער גרויסמוטיגער געגנערשאפט געגען „ארויסשטופען א מענשען פון זיין שטעלע" און טיילווייז פון דעם טיעף־איינגעוואָרצעלטען גלויבען, אז יעדע באשטימטע שטיק ארבייט קען איין מענש מאכען אזוי גוט ווי אנאנדערער. כמעט די זעלבע סיטואציע פלעגט זיך פון דעם פארלאמענטארישען קאָמיטעט איבער'חזר'ן אָפּט.

זיך, אז אַנשטאָט ארומצונעמען דעם ברייטען פעלד, וואָס דער קאָנ־גרעס האָט אָנגעצייכענט דורך זיינע רעזאָלוציעס, איז די געשעפטס־אָרדענונג, וואָס עס ווערט פאָרגעלייגט פאַר דעם פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט, געוועהנליך רעדוצירט צום פּשוט׳סטען מינימום. די ארבייט, וואָס דער קאָמיטעט האָט יעהרליך אויפגעטאָן דורך דעם משך פון די לעצטע עטליכע יאָהרען, איז פאקטיש באשטאנען בלויז פון עטליכע דעפּוטאציעס צו דער רעגירונג, צוויי אָדער דריי ציר־קולארען צו די יוניאָנען, א ביסעל באראטונג מיט פריינדליכע פּא־ליטיקער און דאָס צוזאמענשטעלען פון א באריכט מיט א סך פּרטים צום קאָנגרעס, באשרייבענדיג, — ניט דאָס, וואָס זיי האָ־בען אליין אויפגעטאָן, — נאָר די געזעצגעבונג און אנדערע פאַר־האנדלונגען פון דער פּארלאמענט־סעסיע. דער רעזולטאט איז, אז דער פארוואלטונגס־קאָמיטעט פון דער „אסאָציאציע פון די פאר־אייניגטע טעקסטיל־פאבריקען ארבייטער" און די „פעדעראציע פון די מינען ארבייטער" האָבען ארויסגעצייגט א פיעל מעהר ממשות׳־דיגען איינפלוס אין די קולוארען, איידער דער קאָמיטעט, וואס רעפּ־רעזענטירט די גאנצע טרייד יוניאָן וועלט, בשעת אזעלכע בקיאים אין מאניפולאציעס, ווי דזשאהן בוירנז, האוועלאָק ווילסאָן און דזשאָרדזש האועל, קאָנען אָנצייגען אויף מעהר רעפאָרמען, וואָס זיי האָבען אויסגעווירקט אין איין איינציגע סעסיע, איידער דער פּארלאמענטארישער קאָמיטעט האָט די לעצטע צייט אויפגעטאָן דורך דעם גאנצען לעבענס־משך פון א פּארלאמענט."

עס איז דעריבער ניט קיין איבערראשונג, אז אין דער טרייד יוניאָן וועלט עקזיסטירט א וואקסענדער געפיהל פון אויפרעגונג געגען דעם פּארלאמענט־קאָמיטעט. אָנשטאָט צו פארנעמען דעם פּלאץ פון א פיהרער, איז דער קאָמיטעט אויף יעדען ווייטערדיגען קאָנגרעס געצוואונגען זיך צו פארטיידיגען. עס איז אָבער קלאָהר, אז דער קאָנגרעס גופא איז שולדיג. די מיטגליעדער פון דעם קאָ־מיטעט, — דער סעקרעטאר אריינגערעכענט, — זיינען מענשען מיט אזא לויטערן כאראקטער און אזוי פעהיג, ווי א קאָמיטעט פון אייזענבאהן דירעקטאָרן אָדער פון שטאָדט־ראטלייטע. אָבער בעת אן אייזענבאהן געזעלשאפט אָדער א שטאָדט־ראט שטעלען

אוועק אונטער דעם רשות פון זייערע פּאַרלאַמענט־קאָמיטעטען די גאַנצע ענערגיע פון אַ ספּעציעל געלערנטען שטאָדט־שרייבער („טאַון־קלוירק“) אָדער אַן אַדוואָקאַט און ערלויבען זיי, חוץ דעם, צו נעמען זיך צו הילף אַזוי פיעל עקספּערטען, ווי פיעל זיי דענקען פאַר נויטיג, ערוואַרטעט דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, אַז די פּאַר־לאַמענטאַרישע אַרבייט פאַר זיינע אַנדערהאַלבען מיליאָן מיטגליע־דער זאָל געטאָן ווערן דורך ווענינגער אַנגעשטעלטע, איידער עס האָט אַ דריטע־גראַדיגע טרייד יוניאָן. דורך איין משך צייט האָבען, אמת, די פיהרער פון דער טרייד יוניאָן וועלט אין אַלגעמייען מיט ערפאָלג אָנגעפיהרט אַ לאַנגען און שווערן פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמף. מיר האָבען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל באַשריבען די פיעל־באַדייטענדע לעגיסלאַטיווע רעוואָלוציע אין דער געזעצליכער לאַגע פון דעם טרייד יוניאָניזם, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן אין די יאָהרען צווישען 1867 און 1875. אָבער די קאָנפערענץ פון די „אַמאַלגאַמירטע טרייד יוניאָנען“ און איהר נאָכפאָלגער, דער „פּאַרלאַמענט קאָמיטעט“, האָבען אין יענע יאָהרען זיך געקאָנט באַ־נוצען מיט דער הילף, וואָס איז מיט אַ פרייער האַנט געגעבען גע־וואָרן, פון אַזא רייהע טאַלאַנטען אין געזעץ און פּאַרלאַמענט־ענינים, ווי פרעדעריק העריסאָן, פּראָפ. ע. ס. ביסלי, הענרי קראָמפּ־טאָן, טהאָמאַס היוז (יעצט ריכטער), גאָדפרי און וואָירנאָן לו־שינגטאָן און ר. ס. רייהט (יעצט — הויכער ריכטער). די געג־נערשאַפט, וואָס דער יעצטיגער דור טרייד יוניאָניסטען פיהלט גע־גען פאַרשולדיגען זיך פאַר טובות צו פריינט פון דעם מיטעלקלאַס, איז ניט אָהן אַ געוויסען יסוד. אָבער אויב דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס וויל, אַז זיין פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבייט זאָל געטאָן ווערן, מוז ער על כל פּנים באַשטימען אַזעלכע שכירות, פאַר וועלכע דער פעהיגסטער מענש אין דער באַוועגונג זאָל ווען אָפּגעבען זיין גאַנ־צע צייט, מוז באַזאָרגען זיין קאַנטאָר מיט אַ גענוגענדע צאָהל אָנגעשטעלטע און געבען דעם פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט דאָס רעכט צו באַנוצען זיך מיט דער הילף פון אַזוי פיעל עקספּערט פאַך־לייטע, אין וויפיעל ער קאָן זיך נויטיגען פון צייט צו צייט.

אַזוי איז געווען דער מצב, ווי מיר האָבען איהם געזעהן אין

1894. דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט אין קיין וויכטיגען פרט ניט פאַרבעסערט זיין אָרגאַניזאַציע און האָט אויך ניט באַזאָרגט זיין פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט מיט גענוג אָנגעשטעלטע. וואָס ווייטער איז אַלץ קלאָהרער געוואָרן זיין דורכפאַל אין באַזאָרגען די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט, אין וועלכער די טרייד יוניאָן וועלט איז פאַראינטערעסירט, און די אומצופרידענהייט איז גרעסער געוואָרן דורך דעם, וואָס פיעלע פון די וויכטיגערע מיטגליעדער פון דעם קאָמיטעט האָבען ניט געהאַט קיין נטיה צו די גרעסערע שטרעבונגען און צו דער מעהר אומאָפּהענגיגער שטעלונג אין פּאָליטישע פראַגען, מיט וועלכע עס האָבען זיך אויסגעצייכענט די טעטיגע גייסטער צווישען דער מאַסע טרייד יוניאָן מיטגליעדער. דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט, אַז דער קאָנגרעס פון 1899 זאָל שטימען פאַר אָננעמען באַשטימטע מיטלען צו פאַרגרעסערן די צאָהל ארבייטער פאָרשטעהער אין דעם פאָלקס־הויז פון פּאַרלאַמענט. פון דער אָפּשטימונג איז ארויסגעקומען די אומאָפּהענגיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באַוואוסט אַלס די „ארבייטער פּאַרטיי". אָבער הגם דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט אויף דעם אופן גאָר צום סוף פון דעם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט געשאַפען אַ באַזונדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פאַר דער טרייד יוניאָן וועלט, אין וועלכער עס האָט זינט יעמאָלט געשטרויםט די כסדר וואַקסענדע פּאָליטישע טעטיגקייט פון די טרייד יוניאָנען, האָבען אָבער דער קאָנגרעס גופא און זיין פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיטעט ניט געמאַכט קיינע ענדערונגען אין זייער אייגענער ארבייט. עס האָט דעריבער אין דעם קאָנגרעס אָנגעהאַלטען יאָהר איין יאָהר אויס דער זעלבער שטרוים פון פאַרשיידענע רעזאָלוציעס, 99 פּראָצענט פון וועלכע האָבען באַהאַנדעלט פּאָליטישע פראַגען און האָבען געפאָדערט אָדער געזעצגעבונג אָדער ענדערונגען אין דער טאַקטיק פון דער רעגירונג; מען האָט ניט אויפגעהערט פאָרצושלאָגען און דיסקוטירן די רעזאָלוציעס גאָר ניט רעכנענדיג זיך מיט דעם, צי זיי האָבען אַ פּלאַץ אין וועלכען עס איז אויסגעהאַלטענעם פּראָגראַם פאַר דער טרייד יוניאָן וועלט אַלס עטוואָס גאַנצעס. דער פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט האָט ניט אויפגע־

הערט צו באטראכטען זיך כמעט דורכאויס אלס א פארלאמענטארישען קאמיטעט גראד ווי די טרייד יוניאנען וואלטען זיך ניט פאראייניגט אין א ריין פאליטישער ארגאניזאציע און וואלטען ניט געשאפען זייער אייגענע פארלאמענטארישע ארבייטער פארטיי. די נוצלאזע אלע־יאהריגע דעפוטאציעס צו מיניסטארען האבען ניט אויפגעהערט איבערצוגעבען זיי די פשוט׳ע רעזאלוציעס פון דעם טריידס יוניאן קאנגרעס, ניט רעכענענדיג זיך מיט דער בשעת־מעשה־דיגער לאגע אין דעם פאלקס־הויז (פארלאמענט), אדער מיט דעם, וואס די ארבייטער פארטיי אין פארלאמענט האט געטאן, און ניט נעמענדיג אין אנבאטראכט זייער שייכות צו דעם פאליטישען פראגראם פון דער טרייד יוניאן וועלט, ווי ער איז יאהר׳ נאך יאהר פארמולירט געווארן אויף די קאנפערענצען פון דער ארבייטער פארטיי. דערווייל האט די בעצם אינדוסטריעלע ארבייט פון דער נאציאנאלער ארגאניזאציע פון טרייד יוניאנען ניט אויפגעהערט פארנאכלעסיגט צו ווערן. ביידע, דער טריידס יוניאן קאנגרעס און דער פארלאמענט־קאמיטעט, האבען ארויסגעצייגט די גרעסטע אפגעניינטקייט פון צו פארנעמען זיך מיט אזעלכע בעצם טרייד יוניאניסטישע פראבלעמען, ווי די, וואס קומען ארויס דורך דער עקזיסטענץ פון קאנקורירנדע יוניאנען אין איינע און די זעלבע פאכען;[1] דורך דער גרינדונג פון באזונדערע יוניאנען אויף באזיסען,

---

[1] איינער אזא פאל קאן דא דערמאנט ווערן. אין דעם יאהר 1898 האט א קליינע אלטע טרייד יוניאן (די „קאאפעראטיווע שמיעדען געזעלשאפט“, געיטסהעד) פארמאל זיך באקלאגט, אז די „אמאלגאמירטע געזעלשאפט פון אינזשעניערען“ (מאשיניסטען) האט דערלויבט איהרע מיטגליעדער צו פארנעמען די פלעצער פון ארבייטער, וועלכע זיינען ארויס אין שטרייק. דער פארלאמענטארישער קאמיטעט, אויף דעם סמך פון דער „פעסטער תקנה“ נומער 20, האט באשטימט דריי פון זיינע מיטגליעדער אלס פשרה־מאכער, וועלכע האבען, נאך א גרינדליכע אונטערזוכונג, באשטעטיגט, אז די קלאגעס זיינען ריכטיג און האבען אויפגעפאדערט די „אמאלגאמירטע אינזשעניערען געזעלשאפט“ זי זאל צוריקציהען איהרע מיטגליעדער פון דעם פלאץ, איבער וועלכען עס איז פארגעקומען דער סכסוך. די „א. א. ג.“ האט זיך אנטזאגט אנצונעמען דעם פסק און האט זיך צוריקגעציהען פון דעם קאנגרעס.

אנאנדער פאל, — אין 1902, — האט זיך געענדיגט מיט אן עהנ־

וועמעס גרענעצען דרינגען אריבער איינע אין די אַנדערע און זייער־
נען געגענזייטיג ניט אויסגעהאַלטען ; דורך דער וואַקסענדער געגע־
נערשאַפט צווישען די קעמפענדע אָרגאַניזאַציאָנס־אידעען, צווישען
דער אידעע, אַז די אַרבייטער דאַרפען זיך אָרגאַניזירען לויט זייערע
פאַכען, און דער אידעע, אז זיי דאַרפען זיין אָרגאַניזירט לויט די
אינדוסטריען ; דורך דעם, וואָס די מיטגליעדערשאַפטען פון די
פאַרשייעדענע לאָקאַלען שרייבען וואס ווייטער אַלץ וועניגער זיך
דורך מיט די באַאַמטע פון זייערע פאַרשידענע גיגאַנטישע אָרגאַניזאַ־
ציעס, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יעצטיגער צייט ;
דורך דער „פשוט'ער מיטגליעדערשאַפט („רענק ענד פייל”) באַ־
וועגונג”, וואָס פאָדערט אַ גרעסערע דירעקטע דעה („קאָנטראָל”)
איבער די באַדינגונגען אין די אַרבייטס־פּלעצער אייִדער די, וואָס
קאָן לייכט אָנהאַלטען אָהן סתירה צו דער צענטראַליזירונג פון די
טאַקטישע פראַגען אין די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעטען ;
דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די „אַרבייטס־
פּלעצער ממונים” („שאָפּ־סטואַרדז”; פאָרשטעהער פון די אַרביי־
טער אין יעדער פאַבריק אָדער אַנדער אַרבייטס־פּלאַץ באַזונדער,
וועלכע פאַרטרעטען אַלע אַרבייטער פון פּלאַץ אָהן אונטערשייד
צו וועלכער יוניאָן זיי באַלאַנגען.); דורך דער פאַרשפּרייטונג אין
פאַרשיידענע אינדוסטריען פון דעם סיסטעם פון „צאָהלען לויט
די רעזולטאַטען” (פון דער אַרבייט) אָהן דעם שוץ פון דער „לוין־
מאָס” („סטאַנדאַרד רעיט”) און פון קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען,
וואָס וואָלטען געהאָלפען די אַרבייטער צוצופּאַסען זיך צו דעם סיס־
טעם ; דורך דער טענדענץ פון די אַרבייטס־געבער צו פאַרקלע־
נערן די לוין־מאָס, ווען עס לוינט זיך זיי אָנצושטעלען איינצעלנע
אָדער נייע קלאַסען אַרבייטער, וועמען זיי ערקלערן אַלס „ערגערע“
— הן דאָס זיינען פרויען אָדער אינגלאַך און הן דאָס זיינען אַלטע
אָדער אַנדערע אַרבייטער, וועלכע האָבען אויף וועלכען עס איז אופן

ליכען פסק. אין יענעם פאַל האָבען די „אַמאַלגאַמירטע שמידען און
האַמער־שלעגער פון דעם פאַראייניגטען קעניגרייך” זיך באַקלאָגט אויף
דער „אַסאָציאירטער געזעלשאַפט פון אייזענשמידען”, וועלכע איז גע־
פונען געוואָרן שולדיג.

פארלאָרן א טייל פון זייער ארביטספעהיגקייט,—און דורך דער איינפיהרונג פון „וויסענשאפטליכער פאוואלטונג".[1]

דורך דעם גאנצען משך פון דעם יעצטיגען יאהרהונדערט האָט דער פּארלאַמענט-קאָמיטעט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, און דער קאָנגרעס גופא, פאקטיש זיך גאָר ניט פארנומען מיט דער ארבייט, וואָס בעט זיך, אז זי זאָל געטאָן ווערן דורך וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער טרייד יוניאָן וועלט. נאָכ־דעם, ווי ער האָט ערלויבט, אז עס זאָל, פון איין צד, געשאַפען ווערן די „אַלגעמיינע פעדעראַציע פון טרייד יוניאָנען", איבערלאָ־זענדיג פאר איהר די גאנצע פּארזיכערונגס ארבייט, צוזאמען מיט דער רעפּרעזענטירונג פון דעם בריטאנישען טרייד יוניאָניזם אין דער „אינטערנאציאָנאַלער פעדעראַציע פון ארבייטער פאראיינען", און, פון צווייטען צד, די ארבייטער פּארטיי, וואָס האָט אומ־פארמיידליך געמוזט פארשלינגען די פּאָליטישע טעטיגקייט פון דער טרייד יוניאָן וועלט, האָט דער פּארלאַמענט-קאָמיטעט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס ניט משיג געווען די ספערע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען פאר זיך, און האָט אויף איהר ניט קאָנצענט־

---

[1] צוליב דעם, וואָס דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט פּאַרפעהלט צו באַזאָרגען זיין פּאַרלאַמענט-קאָמיטעט מיט אָנגעשטעלטע, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען טאָן די אַרבייט, וואָס איז פּאַרבונדען מיט די דאָזיגע פּראָבלעמען, האָט די פאַביאַנער געזעלשאַפט אין 1912 אָנגע־פאַנגען דעם „פאַביאַנער אויספאָרשונגס דעפּאַרטאַמענט" צו אונטערזו־כען און צו באַזאָרגען מיט ידיעות איבער די דאָזיגע און אַנדערע פראַגען. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז יעצט געוואָרן דער „אַרבייטס אויספאָרשונג. דעפּאַרטאַמענט", אַן אומאָפּהענגיגע פעדעראַטיווע פאַראייניגונג פון טרייד יוניאָנען, קאָאָפּעראַטיווע און סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטען און אַנדערע אַרבייטער קערפּערשאַפטען (איינשליסענדיג די אַרבייטער פּאַרטיי, דער ענגלישער, שאָטלאַנדישער און אירלאַנדישער טריידס יוניאָן קאָנגרעסען, די „קאָאָפּעראַטיווע יוניאָן", דער „דעילי העראַלד" (די טעגליכע אַר־בייטער צייטונג), די מעהרסטע פון די גרויסע טרייד יוניאָנען און עטליכע הונדערט „טרייד יוניאָן ראַטען" („טריידז קאָונסילז"), לאָקאַלע אַרבייטער פּאַרטייען א. א. וו.) מיט אינדיווידועלע געלעהרטע און פאָרשער. דער „דעפּאַרטאַמענט" האָט זיין אייגענע קאָנטאָר אין לאָנדאָן, אויף עקלסטאָן סקווער, די צווייטע טיר פון די הויפּט־קוואַרטירען פון

טרירט זיינע כחות, נעמליך — צו ווערן דער נאַציאָנאַלער אָרגאַן פאַר דער פאַרבעסערונג און דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטרי־עלען צד פון דעם בריטאַנישען טרייד יוניאָניזם. בשעת דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס האָט ניט אויפגעהערט אומרוהיג און נערוועז צו־ריקצוהאַלטען זיך פון יעדען פאַרזוך פאַנאַנדערצוגרענעצען די ספע־רען פון געגנערישע יוניאָנען אָדער צו פאַרבעסערען זייערע געגענ־זייטיגע פאַרהעלטענישען — אַן ארבייט, וואָס וואָלט געבראַכט די סכנה פון אַ צוזאַמענשטויס צווישען דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָ־מיטעט און דער אָדער יענער פון די אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכער דער קאָנגרעס באַשטעהט — און ער האָט זיך אַזוי ווי תמיד איינ־גאַנצען אָפּגעגעבען מיט די רעפאָרמען אין די געזעצען און אין דער רעגירונג, וואָס זיינע פאַרשיידענע טיילען האָבען פאַרלאַנגט, איז ער אַלץ מעהר געבליבען אין שאָטען — פון דער פּאָליטישער זייט — דורך דעם וואוקס פון דער „ארבייטער פּאַרטיי", וואָס וועט באַשריבען ווערן אין אַ שפּעטערדיגען קאַפּיטעל.

צום סוף פון דעם יאָהר 1919 האָט די אומצופרידענקייט פון דער טרייד יוניאָן וועלט מיט דער שטעלונג און מיט דעם האַלטען זיך פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט דערגרייכט איהר העכ־סטע מדרגה. דער פּלוצימדיגער אייזענבאַהן שטרייק, וואָס איז

דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און דער אַרבייטער פּאַרטיי; ער גיט ארויס פאַר זיינע מיטגליעדער אַ מאָנאַטליכען אינפאָרמאַציאָנס־בולעטין און ער האָט אַרויסגעגעבען פיעלע נוצליכע ביכער, פּאַמפלעטען און מאָנאָגראַ־פיעס. ער ענטפערט אויף דעם שטרוים פראַגען, וואָס עס קומען פון טרייד יוניאָנען איבער דעם גאַנצען לאַנד איבער אַלע טעאָרעטישע אָדער פּראַקטישע ענינים, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען; ער באַזאָרגט מיט פּרטים וועגען לוין־ראַטען, אַרבייטס־שטונדען און אַרבייטס־באַדינ־גונגען אין אַנדערע פאַכען. (ד. ה. אויסער די, צו וועלכע די אָנפראַגער באַלאַנגען), און ער ווערט אָפט באַנוצט צו העלפען צוצוגרייטען די תביעות פון דעם אַרבייטער צד, וואָס דאַרפען פאָרגעבראַכט ווערן פאַר געמיינשאַפטליכע קאָמיסיעס אָדער פאר פשרה טריבונאַלען („דזשאָינט באָארדז" און „ארביטריישאָן טריבונאַלז"). דעם איינפלוס פון דעם „קאַמף דורך דער עפענטליכקייט" („פּובליסיטי"), וואָס דער „דעפּאַר־טאַמענט" האָט אָנגעפיהרט פאר דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון אייזענ־באַהן אַרבייטער" אין דעם שטרייק פון 1919, האָבען מיר שוין באַשריבען.

באשריבען אין דעם קאפיטאל, האָט ארויסגעצייגט, אז עס האָט געפעהלט א קאָארדינירונגס אָרגאן אין אינדוסטריעלע באוועגונגען, וואָס האָבען אומפארמיידליך געהאט א ווירקונג אויף דער גאנצער טרייד יוניאָן באוועגונג. דער פארלאמענטארישער קאָמיטעט אליין האָט פאָרגעבראכט פאר אן עקסטרא טריידס יוניאָן קאָנגרעס אין דעצעמבער 1919 א באריכט, אין וועלכען ער האָט דערקלעהרט, אז „עס איז שוין לאנג אָנערקענט געוואָרן די נויטיגקייט צו אנטוויק־לען א פאסיגערן מעכאניזם פאר דער קאָארדינירונג פון דער ארביי־טער טעטיגקייט, — פאר דער באוועגונג אלס א גאנצעס און פאר איהר עקאָנאָמישער זייט בפרט. דער רעזולטאט פון דעם פעהלען פון קאָארדינירונג איז כסדר געווען ניט בלויז פלאָנטערס אין דער אדמיניסטראטיווער ארבייט, ווען איין פארוואלטונגס אָר־גאן האָט געטאָן די ארבייט פון א צווייטען, נאָר אויך אומנויטיגע אינוועניגסטע און אנדערע סכסוכים, וואָס האָבען גורם געווען זעהר גרויסען פינאנציעלען און מאָראלען שאָדען פאר דער גאנצער אר־בייטער באוועגונג. די ארבייטער אין מינען, אויף די אייזענבאהנען און ביים טראנספּאָרט האָבען געגרינדעט דעם אינדוסטריעלען דריי־בונד כדי צו מאכען א סוף צו אייניגע פון די דאָזיגע פלאָנטערס און צו באזאָרגען מיטלען פאר דער קאָאָרדינירונג פון דער ארבייט פון געוויסע טיילען פון דער באוועגונג; צוליעב דעם זעלבען צוועק זיינען אין פארשיידענע אינדוסטריען און גרופּען געמאכט געוואָרן פיעלע התחלות פאר ענגערע פאראייניגונג. די אלגעמיינע מיינונג איז געווען, אז דער „אונטערהאנדלונגס־קאָמיטעט" („נעגאָשיאיי־טינג קאָמיטע"), וואָס איז אין איילעניש צוזאמענגעשטעלט געוואָרן צוליעב דער לאגע, וואָס איז אין הערבסט פון דעם יאָהר געשאפען געוואָרן דורך דעם אייזענבאהן שטרייק, האָט דערפילט, — אָט־ווי ניט פולקאָם ער האָט עס געטאָן — א לעבענס־נויט פון דער ארביי־טער באוועגונג; עס איז אָבער קלאָהר, אז עס האָט ניט געדארפט עקזיסטירן קיין נויטיגקייט צו שאפען א נייע און ציימווייליגע קערפערשאפט צו טאָן די דאָזיגע ארבייט. דער נויטיגער מעכא־ניזם האָט שוין געדארפט עקזיסטירן פון פריהער אין דעם פאָרם

פון א באמתווירקזאמע צענטראַלע קאָאָרדינירונגס־קערפּערשאַפט פאַר דער גאַנצער באוועגונג."

„אונז שיינט, אז די נויטיגע קערפּערשאַפט דאַרף און מוז זיך אַנטוויקלען פון דער שוין עקזיסטירנדער אָרגאַניזאַציע פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און פון זיין ענגערע מיטאַרבייטערשאַפט מיט אַנדערע טיילען פון דער באוועגונג פון דעם ארבייטער קלאַס. ווי עס איז יעצט, ערלויבען ניט די „פעסטע תקנות" דעם פּאַרלאַמענט קאָמיטעט ער זאָל נעמען אויף זיך די געפאָדערטע ארבייט. זיינע פונקציעס, ווי זיי זיינען יעצט באשטימט, זיינען באמת אין א גרויסער מאָס אן איבערבלייבעניש פון א פריהערדיגער פּעריאָדע, ווען די הויפּט פּאָליטישע פון דעם קאָנגרעס זיינען געווען פּאָליטישע און עס האָט ניט עקזיסטירט קיין באַזונדער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אויסדריקען דעם פּראָגראַם און די צוועקען פון די ארבייטער. עס איז דעריבער אונזער מיינונג, אז די גאַנצע ארבייט און די אָרגאַניזאַציע פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָמיטעט פאָדערן מען זאָל זיי ענדערן מיט דער כונה צו אַנטוויקלען פון איהם א ווירקליכען קאָאָרדינירונגס־אָרגאַן פאַר דער אינדוסטריעלער זייט פון דער גאַנצער טרייד יוניאָן באוועגונג. עס איז אויך נויטיג צו נעמען אין אָנבאַטראַכט די שייכות פון דעם „צענטראַלען אינדוסטריעלען קאָמיטעט" צו די אַנדערע טיילען פון דער באוועגונג און בפרט צו דער ארבייטער פּאַרטיי און צו דער קאָאָפּעראַטיווער באוועגונג."

„אויב מען זאָל קאָנען אַנטוויקלען א בעסערע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר איהר אינדוסטריעלען צד און אויך אַן ענגערע געמיינשאַפטליכע טעטיגקייט מיט די אַנדערע פליגלען פון דער באַוועגונג פון דעם ארבייטער קלאַס, וואָלט תיכף מעגליך געוואָרן אַן אומגעהויערע אַנטוויקלונג פון דער זעהר נויטיגער ארבייט פון עפענטליכער אגיטאַציע דורך דער פּרעסע, פון זאַמלען און פון פאַרשפּרייטען ידיעות און פון פאָרשען די ענינים, וואָס האָבען א שייכות צו דער ארבייטער באוועגונג („פּובליסיטי, אינפאָרמיישאָן ענד ריסוירטש"). די אָפּטיילונגען פאַר פאָרשונג, עפענטליכקייט און געזעצליכע ענינים, וואָס ארבייטען יעצט פאַר דער באַ־

וועגונג, פאָדערן אויך, — אזוי ווי איהרע אינדוסטריעלע און פאָ־ליטישע אָרגאַניזאַציעס, — קאָאָרדינירונג און אויסברייטונג. די פאָרשונגס־ארבייט, די עפענטליכע אגיטאַציע און די ארבייט אין שייכות מיט געזעץ־ענינים, וואָס ווערן יעצט אָנגעפיהרט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס, פון דער ארבייטער פארטיי און פון דעם „לעיבאָר ריסוירטש דעפּאַרטמענט" מוז קאָאָרדינירט און פיעל פארגרעסערט ווערן אין ענגער פארבינדונג מיט דער אנטוויק־לונג פון דעם פארוואַלטונגס־מעכאַניזם פון דער באַוועגונג."

דער פאָרשלאָג האָט ניט באקומען די הסכה פון דער „פע־דעראַציע פון די מינען־ארבייטער", אָבער דער אויסעראָרדענטלי־כער קאָנגרעס האָט מיט זעהר א גרויסער מעהרהייט אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט די דרינגענדע נויטיגקייט און די פאָדערונג פון א צענטראַלע קאָאָרדינירענדע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די גאַנצע טרייד יוניאָן באַוועגונג און זאָל זיין פעהיג ווירקזאַם אָפּצוגעבען זיך מיט אינדוסטריעלע פּראָגען פון נאַציאָנאַלער וויכטיגקייט, ווערט דער פּאַרלאַמענט־קאָמיטעט אינסטרואירט אזוי צו ענדערן די פעסטע תקנות פון דעם קאָנ־גרעס, ווי עס איז נויטיג אום איינצופיהרן די פאָלגענדע ענדערונגען אין די פונקציעס און אין די פליכטען פון דעם פארוואַלטונגס אָרגאַן, וואָס ווערט ערוועהלט פון דעם קאָנגרעס:

„(1) צו שאַפען אָנשטאָט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאָ־מיטעט א „גענעראַל־ראַט פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס" („דזשענעראַל קאָונסיל"), וואָס זאָל אַלע יאָהר ערוועהלט ווערן פון דעם קאָנגרעס."

„(2) צוצוגרייטען א פּלאַן, לויט וועלכען עס זאָלען באַ־שטימט ווערן די צוזאַמענשטעלונג און די ערוועהלונגס־מעטאָ־דען פון דעם „גענעראַל־ראַט."

„(3) צו מאַכען די הכנות פאר דער אַנטוויקלונג פון די אדמיניסטראַטיווע אָפּטיילונגען אין די קאַנצעלאַריעס פון

דעם גענעראַל־ראַט, אין דעם זין פון באַזאָרגען מיט די נויטיגע באַאַמטע, אַ געהילפס־פּערסאָנאַל און כלי־מכשירים צו שאַפען אַ גוט־אַרבייטענדען טרייד יוניאָן צענטער."

„אויסער דעם, כדי אויסצומיידען, אַז פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבייטער קלאַס זאָלען זיך פּלאָנטערן און טאָן די זעלבע אַרבייט, ווערט דער פּאַרלאַמענט קאָמיטעט אינסטרואירט צו באַראָטען זיך מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי און מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג מיט דער כונה (קאַוואָנע) אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן ווי אַוועקצושטעלען אָפּטיילונגען אונטער געמיינשאַפטליכע השגחה, וואָס זאָלען זיין פאַרענטפערליך פאַר ווירקזאַמע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייט אין די פאָלגענדע און אין אַלע אַנדערע נויטיגע ריכטונגען:

„(א) פאָרשונג: צו באַקומען אַלגעמיינע און סטאַטיסטישע ידיעות איבער אַלע פראַגען, וואָס האָבען אַ שיכות צום אַרבייטער אַלס פּראָדוצירער און פאַרברויכער דורך דער קאָאָרדינירונג און דער ענטוויקלונג פון די עקזיסטירענדע פאָרשונגס־אַנשטאַלטען".

„(ב) עצות איבער געזעץ־פראַגען אין שיכות מיט אַלע, וואָס באַריהרט די קאָלעקטיווע מלחמה פון די מיטגליעדער פון אַרבייטער־קלאַס אָרגאַניזאַציעס".

„(ג) עפענטליכע אַגיטאַציע („פּאָבליסיטי"), איינשליסענדיג דאָס צוגרייטען פון פּאַסענדע ליטעראַטור, וואָס באַהאַנדעלט פראַגען אין שיכות מיט דעם עקאָנאָמישען, סאָציאַלען און פּאָליטישען וואוילשטאַנד פון דאָס פאָלק; אויך אַרבייט־סיסטעמען פאַר דער אָנפיהרונג פון ספּעציעלע אַרויסטרעטונגען אין דער עפענטליכקייט („פּאָבליסיטי קאַמפּעינז"), ווען פּאַסירונגען פון אַן אינדוסטריעלען אָדער פּאָליטישען כאַראַקטער פאָדערען עס".

די באַאמטע פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

ווען מען באַטראַכט דעם וואוקס פון דער בריטאַנישער טרייד יוניאָן באַוועגונג דורך דעם משך פון די לעצטע דרייסיג יאָהר, באַמערקט מען לייכט, אַז בשעת די באַוועגונג איז וואונדערבאַר אויסגעוואָקסען אין צאָהל און אין קראַפט, האָט זי זיך אָבער בכלל אויסגעצייכענט מיט אַ פיהרערשאַפט, וואָס איז געווען ניט גענוג און אומפאַסענדיג אין יעדער יוניאָן באַזונדער און אין דער באַוועגונג גופא, און אויך מיט דעם, וואָס עס האָט איהר געפעהלט יענע גאַנצקייט און פעסטקייט פון שטרעבונג, וואָס בלויז אַן אינטעליגענטע פיהרערשאַפט קאָן געבען; דעריבער האָבען, לויט אונזער מיינונג, די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, — הגם געהענדיג נאָכאַנאַנד פאָראויס, — באַקומען פאַר זיך אָהן אַ ערך ווייניגער פון די רעזולטאַטען, — הן אויף דעם אינדוסטריעלער און הן אויף דעם פּאָליטישען געביט, — וואָס די אינדיווידועלע קרבנות און די אויסגעבראַכטע כחות פאַר זייער זאַך וואָלטען געקאָנט שאַפען. דער דאָזיגער אויספעהלען פון דער קאָפּ־אַרבייט פון דערפאָלגרייכער אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט איז זעהר קענטיג אין די פאַרשיידענע סעקציעס פון די בוי־פאַכען, מיט זייער תהו־ובהו פון באַזונדערע געזעלשאַפטען, און אין דער אינזשענירעריי (מאַשין־בוי) אינדוסטריע, וואָס האַלט זיך פעסט פאַר קאָנקורירענדע יוניאָנען, געבויט אויף ניט קיין אויסגעהאַלטענע יסודות, וועמעם פעסטע לוין־ראַטען פעהלט איינהייטליכקייט, און וואָס האָט ניט געקאָנט אויסאַרבייטען קיין פּלאַן, ווי צו באַשיצען דאָס רעכט פון קאָ־לעקטיווע אונטערהאַנדלונגען ביי די פאַרשיידענע סיסטעמען פון „שכירות לויט רעזולטאַטען”. דאָס האָט זיך אָבער אין דער זעלבער מאָס אויך געמערקט אין דער אומפעהיגקייט פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אַלס אַ גאַנצעס איינצושטעלען אַ צענט־ראַלע אויטאָריטעט, וואָס זאָל ניט דערלאָזען פאַרשיידענע אָרגאַ־ניזאַציעס צו טאָן די זעלבע אַרבייט („אָווערלאַפּפּינג”) און קיין גרענעץ־סכסוכים צווישען פאַרשיידענע יוניאָנען און וואָס זאָל קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פון פאַרשיידענע גרופּען אַרבייטער פאַר אַ העכערע לעבענס־מדרגה און פאַר אַ גרעסערער דעה איבער

די באַדינגונגען פון זייער ארבייטס־לעבען. מען מוז זאָגען, אז די בריטאַנישע ארבייטער האָבען ביז יעצט ניט פארשטאַנען די אבסאָלוטע נויטיגקייט פון דאָס, וואָס מיר קענען אָנרופען „אר־בייטער שטאַאַטסמאַנשאַפט". זיי האָבען זיך נאָך ניט אויסגע־לערענט, — סיי אין זייערע באַזונדערע יוניאָנען און סיי אין דער ארבייטער באַוועגונג אלס א גאַנצעס, — ווי צוזוציהען און איינ־צואיבען, אויסצוקלייבען און איינצוהאַלטען אין אמט, צו געבען פרייע איניציאַטיווע און אין דער זעלבער צייט צו קאָנטראָלירן — א גענוג גרויסען פערסאָנאַל פאַסענדע באַאמטע, וועלכע זיינען פעהיג ניט בלויז צו אינדיווידועלע פיהרערשאַפט, נאָר אויך צו הארמאָנישע קאָלעקטיווע ארבייט אין דעם לאַנג־פאַרצויגענעם קאַמף פון דעם לוין־ארבייטער קלאַס פאר זיין „פלאַץ אונטער דער זון". מיר דענקען, אז די דאָזיגע הינטערשטעליגקייט פון דער באַ־וועגונג אין זאכען, וואָס מען האָט על פי שכל געקאָנט פון איהר ערוואַרטען, איז די סיבה פון דעם, וואָס די טרייד יוניאָן טאַקטיק האָט זיך תמיד געוואַקעלט: דורך איין משך פון צעהן יאָהר האָ־בען די טרייד יוניאָניסטען געלייגט זייערע האָפנונגען הויפט־זאַכליך אויף פּאָליטישער אקציאָן, פארנאַכלאַזענדיג דעם אינ־דוסטריעלען וואָפען, בשעת דורך דעם משך פון די ווייטערע צעהן יאָהר האָבען זיי — אויף א ווײַלע ענטוישט מיט פּאָליטישער טע־טיגקייט — זיך ווילד אריינגעוואָרפען אין שטרייקען און האָבען פארנאַכגעלאָזט דעם שטים־קאַסטען. די דאָזיגע ענדערונג אין די שטימונגען איז יעדען מאָל געווען דער פועל־יוצא פון דעם, וואָס דער קאַמף האָט געבראַכט קלענערע רעזולטאַטען, ווי מען האָט ערוואַרטעט. די סיבות פון דעם וועלען מיר פארשטעהן ווען מיר וועלען אונטערזוכען ווי אזוי די טרייד יוניאָן באַוועגונג ווערט אין דער פּראַקטיק באַזאָרגט מיט איהרע באַאַמטע.

די אינטערעסען, — עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, — פון די זעקס מיליאָן טרייד יוניאָניסטען, וועלכע באַלאַנגען צו אפשר אזוי פיעל, ווי פופציג טויזענט אָרטיגע לאָקאַלען אָדער פאַר־איינען („לאַדזשעס"), — אריינרעכענענדיג א טויזענט אומאָפּ־העננגיגע קליינע אָרטיגע געזעלשאַפטען, — ווערן פּאַרוואַלטעט פון

בערך הונדערט טויזענט יעהרליך דערוועהלטע באַאַמטע פון די לאָקאַלען און ארבייטס־פּלאַץ־ממונים („סטוארדז"). זיי קענען באַטראַכט ווערן אַלס די אונטער־אָפיצערען פון דער באַוועגונג, און בעיקר גענומען ווענדט זיך עס אָן זייער ניכטערן האַלטען זיך און פּערזענליכער עהרליכקייט, ווי אויך אָן דער אינטימער באַקאַנטשאַפט פון יעדען איינעם פון זיי מיט זייערע פאַכען און אָן זייער שכל־הישר, אַז די אינטערעסען פון די לאָקאַלען זאָלען אָנגעפיהרט ווערן מיט ערפאָלג. זיי בלייבען ארבייטען ביי זייערע מלאכות און באַקומען בלויז עטליכע שטערלינג א יאָהר פאַר זייער גאַנצער שווערע און צייטענווייז סכנה'דיגע אַרבייט. די דאָזיגע אונטער־אָפיצערען פון דער טרייד יוניאָן ארמיי האַלטען עס אויף דעם לעבען פון די אָרגאַניזאַציעס. אָבער זיי האָבען ניט ניט די איבונג, ניט די פרייע צייט און ניט אפילו די געלעגענהייט, — כל־זמן זיי פאַרבלייבען אונטער־אָפיצערען און ארבייטען ביי זייערע מלאכות, — צו פאָרמולירן אָן אין־אַלע־פּרטים־אויסגעאַרבייטע טאַקטיק, אָדער צו באַזאָרגען זייערע באַזונדערע יוניאָנען און די באַוועגונג בכלל מיט דער שטענדיגער פאַרוואַלטענדער אָנפיהרערשאַפט, וואָס איז נויטיג. פאַר דעם אויסדרוק אין טאַטען, — עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע, — פון די פאַרלאַנגען און די אַיבערצייגונגען פון דער גאַנצער מאַסע מיטגליעדער, מוז די טרייד יוניאָן וועלט זיין אָפּהענגיג איבערהויפּט אויף איהרע באַצאָהלטע באַאַמטע, וועלכע גיבען אָפּ זייער גאַנצע צייט צו דיענען דער באַוועגונג אויף פאַרשיידענע אופנים. דאָס אויסארבייטען זיך פון אַזאַ פּערסאָנאַל באַאַמטע, וועלכע ווערן באַצאָהלט פאַר זייער גאַנצע צייט, איז אָנגעגאַנגען פּאַמעלאַך. אין 1850 האָט ער נאָך גאַר ניט עקזיסטירט. אין 1860 איז די צאָהל פון אַזעלכע באַאַמטע געוועזען אפשר ניט מעהר פון הונדערט אין דעם גאַנצען קעניגרייך. אין 1892 האָבען מיר די צאָהל אָנגעגעבען, — אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אונזער בוך, — אַלס בערך זעקס הונדערט. אין 1920, מיט א מיטגליעדערשאַפט, וואָס איז אויסגעוואַקסען פיער מאָל אַזוי גרויס, און מיט אומגעהויער פאַרגרעסערטע אַמטליכע און פינאַנציעלע געשעפטען פון די טרייד יוניאָנען (אונטער

דעם נאַציאָנאַלען פאַרזיכערונגס־געזעץ), שאַצען מיר, אַז די צאָהל פון די באַצאָהלטע באַאמטע פון אַלע טרייד יוניאָנען און זייערע פעדעראַציעס (ניט אַריינרעכענענדיג די סטענאָגראַפיסטען און די קאָנטאָר־אינגלאַך) איז בסך־הכל דריי אָדער פיער טויזענט, פון וועלכע אפשר איין צעהנטעל, — אין און אויסער דעם פּאַרלאַמענט, — גיבען זיך אָפּ אויסשליסליך מיט די וואַהלען און מיט אַנדערע פּאָליטישע אַרבייט. אָבער אפילו אין דער עקאָנאָמישער טעטיג־קייט גופא איז די אַרבייט פון די טרייד יוניאָן באַאַמטע גאַנץ פאַרשיידען און דער פּועל־יוצא פון דער פאַרשיידענקייט אין די פונקציעס איז אַ קענטיגער אונטערשייד אין דעם טיפּ פון זייערע פּערזענליכקייטען.

מיר האָבען צוערשט די באַצאָהלטע באַאמטע פון די געלע־רענטע פאַכען. זיי אונטערשיידען זיך בכלל פון די באַאמטע פון די יוניאָנען פון די פּשוט'ע אַרבייטער מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַלע מאָל מענשען, וועלכע האָבען געאַרבייט ביי די מלאכות, וואָס זיי רעפּרעזענטירען, און וועלכע האָבען געוועהנליך געאַרבייט פאַר זייערע יוניאָנען אַלס לאָקאַל־סעקרעטאַרען. צווישען זיי זיי־נען דאָ צוויי הויפּט־טיפּען, — די פּאַרוואַלטער מיט די „פריינד־ליכע (חברה'שע) אונטערשטיצונגען" („פריענדלי בענעפיטז") און די באַאמטע, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט די פאַך אינטערעסען.

צו דעם טיפּ — פּאַרוואַלטער מיט די „פריינדליכע אונטער־שטיצונגען", — לויט דער תורה פון וויליאם אַללען, — באַלאַנ־גען די מעהרסטע גענעראַל און געהילפס סעקרעטאַרען אין די הויפּט־קאַנטאָרען פון די אָרגאַניזאַציעס פון די „פריינדליכע פאַך־געזעלשאַפטען", אין וועלכע די מאַסע רוטינע, פינאַנציעלע און אַנדערע קאַנטאָר אַרבייט איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז בלויז די פעהיגסטע מענשען געלינגט עס ניט צו ווערן פאַרשלונגען פון איהר און צו דערהייבען זיך צו עטוואָס העכערס. צוליעב דעם כסדר'דיגען וואוקס פון דער מיטגליעדערשאַפט פון די הויפּט יוניאָנען, צוליעב זייער טענדענץ צו אַמאַלגאַמירען זיך אין אַלץ גרעסערע גרופּען, צוליעב דער שטענדיגער אויסברייטונג פון די חברת'שע אונטערשטיצונגען, און, זינט 1911, צוליעב דער זעהר

פיעל צוגעקומענער ארבייט דורך דעם נאציאָנאלען פארזיכערונגס געזעץ האָט מען דעם אדמיניסטראטיווען פערסאָנאל פון די יוניאָנען געמוזט דאָפּלען און פארפיערפאכען. אָבער דער איינפלוס פון דעם טיפּ טרייד יוניאָן באאמטען אויף דער באוועגונג, ווי גרוים עס זאָל נאָמינאל ניט זיין דער אָרט, וואָס ער פארנעהמט, — איז דורך דעם משך פון די לעצטע דרייסיג יאָהר כסדר געווארן אלץ קלענער און קלענער. זייענדיג באגרענעצט צו דער ארבייט פון זיין אמט, ווערט ער אין די מעהרסטע פאלען א פלייסיגער געשעפטס־אָנגעשטעלטער און אין בעסטען פאל שטייגט ער צו דער מדרגה פון א פלינקען פארוואלטער פון א פארזיכערונגס־געזעלשאפט. ער פארברייננגט זיין לעבען אין אונטערזוכונגען פון די תביעות פון זיינע מיטגליעדער פאר די פארשיידענע אונטערשטיצונגען און אין דער אויפהאלטונג פון א געזונטען פינאנציעלען סיסטעם מיט גענוג־גרויסע ביישטייערונגען און מעסיגע אויסצאָהלונגען, טראָץ אלע ריזיקעס פון דעם פאר זיין פּאָפּולאריטעט. פראגען וועגען דער עקאָנאָמישער טאקטיק פון דער יוניאָן אינטערעסירען איהם בעיקר אויף אזוי פיעל, וויפיעל זייווירקען צו פארגרעסערן אָדער צו פארקלענערן די צאָהל פון זיינע מיטגליעדער, וועלכע באקומען „אויסער־ארבייט צאָהלונגען". ער איז דעריבער גענייגט צו האָבען מעהר אין זינען דאָס ארונטערנעמען פון די אומבאשעפטיגטע מיטגליעדער פון זיינע ביכער אייזער די העכערונג פון די פעסטע לוין־ראטען אדער די פארקירצונג פון דעם „נאָרמאלען" ארבייטס־טאָג. צוליעב דעם זעלבען טעם ציינט ער זיך ארוים אלס א פאר'עקשנ'טער פארטיידיגער פון די חזקות פון זיינע מיטגליעדער אין אלע מחלוקות איבער פּלאָנטערונגען („אָווערלאפּפּינג") און אויסגרענעצונגען פון ארבייט צווישען יוניאָנען, און עס קאָן פּאסירען ער זאָל זיין מעהר פארנומען אין סכסוכים מיט נעגנערישע יוניאָנען, איידער מיט ארבייטס־געבער. ער רעפּרעזענטירט דעם קאָנסערוואטיווסטען עלעמענט אין דעם טרייד יוניאָן לעבען. ער בלייבט אומגעריהרט אלע מאָל און שטימט כסדר פאר דער פּארטיי, וואָס ער באטראכט אלס די אפּיציעלע אָדער די מעסיגע.

א גרעסערן איינפלוס אויף דער טרייד יוניאָניסטישער פּאָליטיק האָט דער באַצאָהלטער באַאמטער פון דעם אנדערן טיפּ. דער פאך־באַאמטער, ווי מיר רופען איהם, איז אין א גרויסער מאָס א פּועל־יוצא פון דער פאַרשפּרייטונג, אין געוויסע אינדוסטריען, פון דעם קאָמפּליצירטען סיסטעם פון „שכירות לויט רעזולטאַטען". מיר האָבען שוין באַשריבען ווי די לוין־טאַבעלען פון די באַוועל־ארבייטער פון איין צד און דער אָפּמאך וועגען די וואַנפאַרצייכנער פון צווייטען האָבען געשאַפען א ספּעציעל געאיבטען קלאַס אנגעשטעלטע, וואָס איז זינט יענער צייט גרעסער געוואָרן דורך דעם, וואָס די שטיוועל און שיך ארבייטער און אַנדערע אינדוסטריען האָבען איינגעפיהרט שטיק־ארבייט ליסטען. דער טיפּ באַאַמטע זיינען בעלי־מלאכות אין דער קונסט פון קאָלעקטיווע אונטערהאנדלונגען. זיי פאַרברייגגען זייערע לעבענס אין פאַרפּלאָנטערטע חשבונות איבער טעכנישע פּרטים און אין דער אָנפיהרונג פון דעליקאַטע אונטערהאנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער, אָדער זייערע פּראָפעסיאָנעלע שלוחים. עס איז א קליינע נפקא־מינא צי זיי זיינען די גענעראַל סעקרעטאַרען פון בעצם פאך־געזעלשאַפטען, ווי עס זיינען די פעדערירטע יוניאָנען פון באַוועל־שפּינער און באַוועל־וועבער, אָדער זיי זיינען די דעלעגאַטען פאַר אויסשליסליך פאך־ענינים פון ארבייטער־געזעלשאַטען מיט חברה'שע אונטערשטיצונגס־צאָהלונגען, ווי עס זיינען די שטאָהל־שמעלצער, די קעסעל־ארבייטער און די שטיוועל און שיך ארבייטער. אין ביידע פאַלען גיט זיך זייער געדאַנק כמעט אינגאַנצען אָפּ מיט דער פראַגע וועגען די פאַרדיענסטען פון זייערע מיטגלידער. אינטעליגענט און פריי פון פאַראורטיילען גיבען זיי שאַרף אכטונג אויף די מאַרק־פּרייזען, אויף די פּראָפיטען פון די ארבייטס־געבער, אויף דעם גאַנג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען מסחר און אויף אַלץ, וואָס קאָן האָבען א ווירקונג צו פאַרגרעסערן אָדער צו פאַרקלענערן זייער אינדוסטריע. זיי פיהלען שאַרפער די חסרונות, סיי פון די בעלי־בתים און סיי פון די ארבייטער, איידער זיי קאָנען עס אַלעמאָל ארויסזאָגען. אלס אָנהענגער פון פאַרבעסערטע ארבייטס־פּראָצעסען, פון נייע מאַשי־

נערייי און פון „אָנטרייבונגס־סיסטעמען" („ספידינג אָפּ") וואָל־טען זיי בעסער געוואָלט זעהן א צו־אַלטע פאבריק געשלאָסען אָדער אן אומפעהיגען ארבייטער אפּגעזאָגט פון זיין ארבייט, איידער צו פארקלענערן דעם „לוין־ראטען באזיס". זיי באגרענעצען זיך אויך ניט אויסשליסליך צו די געלט־פאָרדינסטען פון די ארבייטער, ווענען זיי רעפּרעזענטירען. מען געפינט צווישען זיי די בעסטע פארטיידיגער פון געזעצליכער רעגולירונג פון ארבייטס־באדינגונגען; און הגם זיי זיינען דורך דעם משך פון דעם יעצטיגען יאָהרהונדערט, ווען ברייטערע פּאָליטישע פראגען זיינען ארויסגעטראָטען פאראויס, געבליבען עטוואס אין הינטערגרונד, איז אָבער דאָך צו פארדאנקען הויפּטזעכליך זייער באקאנטשאפט מיט אלע פּרטים פון די ארבייטס־באדינגונגען און זייער אומערמידליכער אייננעשפּארטער ארבייט די ברייטע ארבייטער געזעצגעבונג פון די לעצטע דרייסיג יאָהר.

דער פאך־באאמטער האָט אָבער די חסרונות, וואָס זיינען פארבונדען מיט זיינע אייגענשאפטען. דער ענערגישער ארבייטער, וועלכער פארלאָזט אין דעם עלטער פון ארום דרייסיג יאָהר די פאבריק, דעם אייזען־אויווען, אָדער די מינען־גרוב אפּצוגעבען זיין צייט אין א קאמף, אין וועלכען עס קומט איהם אויס צו פארמעסטען זיך מיט זיין מח געגען די מחות פון די דורכגעטריבענע ארבייטס־געבער און די שארפזיניגע אדוואקאטען, איז געצוואונגען צו קאָנצענטרירען זיין גאנצע ענערגיע אויף דעם באגרענעצטען שטח פון זיין נייער ארבייט. אלס א סעקרעטאר פון א לאָקאל האָט ער אפשר זיך שטארק אינטערעסירט מיט די תביעות און די פאָדערונגען פון אנדערע פאכען חוץ זיין אייגענעם. ער געפינט אין גיכען אויס, אז אזא ברייטער בליק פּאָארט זיך בשום אופן ניט מיט זיינע פליכטען. דער געפיהל פון קלאס־סאָלידאריטעט, וואס איז אזוי פריש אין דעם האנט־ארבייטער, וועלכער לעבט פון שכירות, באקומט א טענדענץ צו פארלאָזען זיין פּלאַץ פאר אן ענגען פאך־אינטערעס. דער באצירק־דעלעגאט פון די קעסעל־ארבייטער געפינט אויס, אז ער האָט גענוג ארבייט פאר זיינע כחות צו באהערשען די אָהן־א־שיעור פּרטים, וואס ענדערן

זיך כסדר, ווענען דעם בויען פון אלערליי סאָרטען אייזערנע שי־פען, קעסלען און בריקען אין יעדען האפען און אפילו אין יעדען בוי־הויף. דער „אונטערזוכער" („אינוועסטיגעיטאָר") פון דער „נאַציאָנאלער יוניאָן פון שטיוועל און שיך ארבייטער" האָט אָפט א שווערע מלאכה ריכטיג אָפצושאצען די ארבייט ביי די טויזענט־ערליי מאָדעס פון שיך, וואָס בייטען זיך כסדר, און אין דער זעלבער צייט ניט אָפשטעהן אין זיין באקאנטשאפט מיט דער מאשינעריע און די ארבייט־פארטיילונג סיסטעמען, וואס ווערן נאָכאנאנד אלץ מעהר און מעהר קאָמפּליצירט. דער באאמטער פון די באוועל־ארבייטער, מיט זיינע ווילד־מאכענדע טאבעלען, מוז זיך מיט זיין גאנצען מח ארייננווארפען אין דער ארבייט פון באנעמען די אומענדליכע מינים חשבונות, וואָס זיינען פארבונ־דען מיט נייע מוסטערען, פארגרעסערטע שנעלקייט און מיט יעדע ענדערונג אין דאָס צעהלען (פון די פעדים; דורך די מאשינען), אין דאָס ציהען, אין דעם דורכוועב (פון די לענג־פעדים) און אין דעם קווערוועב (פון די ברייט־פעדים). די „אגענטען" פון די מינען־ארבייטער קאָנען זעלטען געהן ווייטער פון די אנאלאָגישע פּראָבלעמען פון זייער אייגענער אינדוסטריע. אזא פאך־באַ־אמטער — אויב עס בלייבען ביי איהם צום סוף פון זיין טאָג אויסמאטערענדע ארבייט פרייע צייט און כחות — טראכט א סך איבער גרעסערע פּראָבלעמען, אָבער דאך אלץ אזעלכע, וואָס האָבען א באזונדער שייכות צו זיין אייגענער אינדוסטריע. דער סעקרעטאר פון דער באוועל־ארבייטער יוניאָן איז געצוואונגען צו דרעהען זיך דעם קאָפּ איבער דער טענה פון די ארבייטס־געבער, אז „בימעטאליזם" (צוויי מעטאלען — גאלד און זילבער — אלס דער באזיס פון דעם געלט־סיסטעם אין לאנד), אָדער א נייער געזעץ וועגען פאבריקען אין אינדיען זיינען זאכען, וואס די אר־בייטער לוינט זיך צו שטיצען; אָדער צוצוטראכטען אן עצה ווי פּטור צו ווערן פון די אויסדרעהענישען פון דעם געזעץ געגען צופיעל דאמף („אָווער־סטימינג"), אָדער פון דעם „פּרטים־פונקט" („פּארטיקולארז קלאָז"). דער גאנצער פּערסאָנאל באאמטע פון די קעסעל־ארבייטער וועט זיין פארטאָן אין באטראכטען די וויר־

קונג פון די פארשיידענע סיסטעמען פון לעהר־צייט (ביי דער מלאכה) אין די שיפבוי־הויפען, אָדער א ריכטיגען וועג ווי צו באקעמפען די רואינירענד האסטיגע אויסברוכען פון וואוקס און פארקלענערונג אין דעם שיפענבוי. די מינען־ארבייטער באאמטע וועלען טראכטען בלויז וועגען דער טעכנישער פארבעסערונג פון די זיכערקייט באדינגונגען פון די מינען אדער וועגען דעם וועג, ווי צו באשיצען די אינטערעסען פון דעם קויהלען־האקער אין אן „אבנאָרמאלען פלאץ" (וואו עס איז אויסערגעוועהנליך שווער די ארבייט און זי באצאָהלט זיך ניט גוט פאר די שטיק־ארבייטער). און דער מאָדערנער ריטער פון דעם הייליגען קריספין ברעכט זיך ניט דעם מח איבער קיינע פון די זאכען, נאָר ער איז דורכאויס באשעפטיגט מיט דער צרה פון היים־ארבייט און מיט דער פראגע אויב די אינספעקציע פון קליינע פאבריקלאך וועט שטרענגער דורכגעפיהרט ווערן אונטער דער השגחה פון דעם מיניסטעריום איבער „היימישע" (אינערליכע) ענינים, אָדער אונטער דער השגחה פון דעם שטאָדט־ראט. עס איז דעריבער ניט משונה'דיג, וואס די „פאך־באאמטע" צייכענען זיך אוים מיט א זעהר שטאר־קען און עטוואס שמאָלען „סעקציאָנאליזם" (איבערגעבענהייט צו די ענינים פון בלויז זייער אייגענע ווינקלאך,—סעקציעס). די באַ־קאַנטשאפט און די פארטאָנקייט גופא מיט די טעכנישע פרטים פון איין באזונדער פאך, וואס מאכט זיי פאר אזעלכע עקספערטען־ספעציאליסטען, האלט זיי אפ פון אנטוויקלען די העכערע אייגענשאפטען, וואס זיינען נויטיג פאר דער פאָליטישער פיהרער־שאפט פון דער טרייד יוניאָן וועלט.

צו אנאנדער קלאס באאמטע באלאנגען די ארגאניזאטאָרען און די סעקרעטארען פון די ארגאניזאציעס, וואס מען האָט אמאָל גערופען די „יוניאָנען פון די פשוט'ע ארבייטער" און יעצט האָט מען זיי געגעבען דעם שעהנערען נאָמען די „יוניאָנען פון אלגע־מיינע ארבייטער". זיי זיינען א ווייניגער באשטימטער קלאס. אין 1892 איז זייער צאָהל געווען ארום צוויי הונדערט און אין 1920 מעגליך צעהן מאָל אזוי פיעל. די דאָזיגע באאמטע פלעגען, לחילוף צו דער פראקטיק פון די לאנג־געגרינדעטע ארבייטער־

געזעלשאפטען, קיינמאָל ניט ווערן אויסגעקליבען תמיד פון די רייהען פון די ארבייטער, מיט וועמעס אינטערעסען זיי פארוואלטען.[1] אין „דערוואכונגס" צייטען ציהט צו זיך צו די באַוועגונג לטובת די אומגעלערנטע ארבייטער, פון די רייהען פון די „אונטער־אָפּיצערען" פון אנדערע אינדוסטריען, אויסערגעוועהנליך פעהיגע מענשען, וועלכע האָבען דעם ברען פון רעליגיעזע פערדיגער. — אזעלכע, ווי דזשאהן בוירנז און טאָם מאַנן, וועלכע האָבען אָרגאניזירט די האפען ארבייטער און געפיהרט זיי צום זיעג 1889. אָבער די דאָזיגע מענשען זיינען באטראכט געוואָרן פון זיך אליין און פון אנדערע מעהר אלס אפּאָסטאָלען צו די אומבאקעהרטע, איידער אלס באצאָהלטע באאמטע, און זיי האָבען אפּגעטראָטען זייערע אמטען אזוי שנעל, ווי עס איז געווען מעגליך צו געפינען צווישען דער מאסע, וואס זיי האָבען רעפּרעזענטירט, קאָמפּעטענטע נאָכפאָלגער צו פארנעמען זייערע פּלעצער. בעיקר האָבען פאר באאמטע די אומגעלערנטע ארבייטער זיך געמוזט פארלאָזען אויף מענשען, וועלכע זיינען געקומען פון זייערע אייגענע רייהען. אין ניט ווייניג פאלען האָט דער פארהארטעוועטער ארבייטער אָהן א באשטימטער מלאכה זיך ארויסגעצייגט אלס אַן ערשט־קלאסיגער אדמיניסטראטאָר פון א גרויסער נאציאָנאלע יוניאָן. אָבער אין די ערשטע יאָהרען פון זייער ענטוויקלונג איז

---

[1] למשל, העגרי טעילאָר, דער מיטהעלפער פון דזשאָזעף אַרטש אין דער אָרגאַניזירונג פון די אַגריקולטורעלע אַרבייטער, אין 1872, איז געווען אַ סטאָלער; טאָם מאַנן, וועלכער איז צוויי יאָהר געווען דער באַצאָהלטער „פּרעזידענט" פון די „פּשוט'ע אַרבייטער ביי די האַפענס, ווערפטען און טויכבערגען", איז תמיד געווען אַ מיטגליד און איז איצטער דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אַמאַלגאַמייטעד אינזשעניערען געזעלשאַפט", בשעת עדוואַרד מ'היו, פאַר אַ געוויסע צייט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון בוי־האַפענס פּשוט'ע אַרבייטער", איז אַ שריפטזעצער; טשאַרלז דונקאַן, דער פּרעזידענט פון דער „יוניאָן פון פּשוט'ע אַרבייטער" („וואָירקערס' יוניאָן"), איז אַן איכזשעניר (מאַשיניסט); ר. וואָקער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „יוניאָן פון אַגריקולטורעלע אַרבייטער", איז געווען אַמאָל אַ קרעמער, אַן אָנגעשטעלטער אין אַן אייזענבאַן קאָנטאָר א. א. וו.

פאר די דאָזיגע יוניאָנען געוועז א באזונדער צרה דער פאקט, וואס „שלימזל׳ניקעס", וועלכע האָבען זיך ארונטערגעלאָזען פון אנדערע באשעפטיגונגען אין די רייהען פון די אָהן־א־מלאכה־ארבייטער, זיינען אָפט דערוועהלט געוואָרן, צוליעב זייער העכערער בילדונג, צו אמטען, ביי וועלכע פערזענליכע זעלבסט־באהערשונג און שטענדיגע ארבייטסזאמקייט זיינען העכסט־וויכטיג. די פליכטען פון אן אָרגאניזאטאָר פון די אומגעלערנטע ארבייטער אין די אלטע צייטען זיינען אויך ניט געוועזן אזעלכע, וואס האָבען אנטוויקעלט איינגעשטעלטע געוואוינהייטען אָדער געשעפטס־פעהיגקייטען. צוליעב דעם, וואס די יוניאָנען האָבען ניט געהאט קיין וויפיעל עס איז ברייטען סיסטעם פון „פריינדליכע אונטערשטיצונגען", זיינען די אדמיניסטראטיווע פונקציעס און די שרייבערשע ארבייט אין די הויפט קאנטאָרען רעדוצירט געווארן ביז צו א מינימום. די מיטגליעדער, וועלכע זיינען דאָס רוב געוועזן באשעפטיגט ביי פשוט׳ע, אלגעמיינע ארבייט און פלעגען ווערן באצאָהלט פון טאָג אָדער פון דער שעה, האָבען ניט געדארפט קיין קאָמפליצירטע שטיק־ארבייט פרייז־ליסטען, אפילו אָננעמענדיג, אז זייערע יוניאָנען האָבען געוואונען יענע פולע אנערקענונג פון די ארבייטס־געבער, וואס אזא סיסטעם מיינט. פון צווייטען צד פלעגען די לאָקאלען פון א יוניאָן פון פשוט׳ע ארבייטער אין יענע יאָהרען, צוליעב דער אָדער יענער סיבה, תמיד צוברעקעלט ווערן, און די צאָהל פון דער מיטגליעדערשאפט פלעגט אויפגעהאלטען ווערן די זעלבע בלויז דורך כסדר אויפברעכען נייעם באָדען. צוליעב דעם פלעגט דער גרעסטער טייל פון דעם ארגאניזאטאָר׳ס צייט זיין פארנומען אין אויפהאלטען דעם ענטוזיאזם פון זיינע מיטגליעדער און אין ארייננציהען מאסען נייע באקעהרטע. דאָס איז געוועזן פארבונדען מיט שטענדיגע נסיעות און מיט די אלע נייע אויפרעגונגען, וואס א שטענדיג־אָנהאלטענדער אגיטאציאָנס־טור מיינט. דער טיפישער ארגאניזאטאָר פון א יוניאָן פון פשוט׳ע ארבייטער אין די יאָהרען 1889-1894 איז דעריבער מעהר פון וועלכע עס איז אנדער פיגור אין דער טרייד יוניאָן וועלט געוועזן נאָהענט צו דער פארשטעלונג, וואס דער מיטעל־קלאס האָט

ווענען א טרייד יוניאָן באאמטען. ער איז באמת געווען א „פּראָפעסיאָנעלער אגיטאטאָר". ער האָט געקאנט זיין א היילינער (אידעאַליסט) אָדער א גליקען־זוכער, ער איז אָבער זעלטען געווען א פּראַקטישער מענש.[1]

דורך דעם משך פון דעם לעצטען פערטעל יאָהרהונדערט האָבען די דאָזיגע „יוניאָנען פון פּשוט'ע ארבייטער", וואס ווערן יעצט מעהר גערן גערופען „יוניאָנען פון אלגעמיינע ארבייטער", זיך געענדערט אין כאַראַקטער און זיי זיינען יעצט אָפט אומגעהויער גרויסע נאַציאָנאַלע ארגאַניזאַציעס מיט געזיכערטע פינאַנסען און פּארוואַלטעט פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען אזוי קאָמפּעטענט, ווי די פּאַרוואַלטער פון וועלכער עס איז אַנדער טרייד יוניאָן אין דער וועלט. זייערע באאמטע, וועמעס צאָהל איז געוואָרן זעהר פּיעל גרעסער, האָבען אויסגעארבייט זייערע אייגענע טעכנישע מעטאָדען, וואָס זיינען ווירקזאם פאר דער צוציהונג פון נייע מיטגליעדער און אויך ביי'ם ארויסשטעלען דעם צד פון זייערע מיט־

---

[1] די ברענענדיגע ענערגיע פון דעם טיפּישען באַאמטען פון א יוניאָן פון פּשוט'ע אַרבייטער פון יענער צייט איז גוט באַשריבען געוואָרען אין 1894 אין דעם פאָלגענדען אָנגעוואָרפענעם כאַראַקטער־בילד פון פּרוי ברום גלייזשיער (קאַטהערין קאָנוועי), אַ מיטגליד פון דער „אומאָפּהענגיגער אַרבייטער פּאַרטיי": „ער האָט זיך זיין קאַנצעלאַריע, אָבער מען באַמערקט איהם דורך דעם, וואָס ער איז דאָרט ניטאָ. וואָלטער קרעינ'ס „דער טריאומף פון אַרבייט" הענגט אויף דער וואַנט און צעוואָרפען איבער דעם צימער ליגען עקזעמפּלאַרען פון די „פאביאנער עססעיען" און דער גרעסטער טייל פון די טראַקטאַטען, וואָס די „אַרבייטער פּאַרלאַגען" פון מאַנטשעסטער אָדער גלאַזגאָו האָבען אַרויסגעגעבען. אין ענגלאַנד זיינען בייראָן און שעלי און אין שאָטלאַנד זיינען בייראָן און בורנז זיינע אַנערקענטע דיכטער. מען קאָן ביי איהם אויך זעהן קאַרלייל'ן און אַ געליהענעם ראַסקין באַנד אָדער צוויי, אויך אַ ביבליאָטעק־אויסגאַבע פון טהאָראָלד ראָדזשערס'עס „אַרבייט און שכירות". דזשאָהן סטואַרט מילל'ס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" זייט ביי זייט מיט „מאַרקס פאר שטודענטען" (ד. ה. פאַר די, וועלכע האָבען חשק צו שטודירען), זיינען אַ סימן פון אַ לויב־ווערטע אַנטשלאָסענקייט צו דערגעהן ביז צום שורש פון דעם ענין און צו באַגרינדען אַלע אַרגומענטען אויף אַ גרינדליכען און פּאָרזיכטיגען שטודיום. אָבער דער פּאַרלאַנג צו טאָן עטוואָס געהט קיינמאָל ניט אַוועק, און באַהן־נסיעות, וואָס זיינען אפשר אַ מיטעל

גליעדער אין אונטערהאנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער און פאר פשרה־טריבונאַלען; דאָס מאכט זיי, — בפרט אין אזוינע איינ־פלוסרייכע קערפּערשאַפטען, ווי די „נאַציאָנאַלע יוניאָן פון אל־געמיינע ארבייטער", די „יוניאָן פון די פשוט'ע ארבייטער ביי האַפענס, ווערפטען און טייך־ברעגען", די „יוניאָן פון (פשוט'ע) ארבייטער" און די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון פרויען ארבייטע־רינען", — פיעל עהנליכער צו די טרייד יוניאָן אָנגעשטעלטע, וועלכע מיר האָבען באַשריבען אלס „פאַך־באַאַמטע", איידער צו די טיפּישע ארגאַניזאַטאָרען פון פשוט'ע ארבייטער פון 1889. די באַזונדערע פרויען יוניאָנען, — צווישען וועלכע די „נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון פרויען־ארבייטערינען" איז די איינציגע גרויסע

פאַר דעם ג. אַלדיגען דערפאָלג פון דעם נייעם מין זשורנאַליזם, גיבען זעהר ווייניג געלעגענהייט צו לייענען ערנסטע זאַכען. „די טעגליכע צייטונגען זיינען בסדר אָנגעשטאָפּט מיט ליגענס, וואָס יעדערער דאַרף וויסען, ווי אויפצודעקען" און די לאַגע איבער דעם גאַנצען ערד־קוגעל „קאַן זיך אַנטוויקלען יעדער רגע" (אין וויכטיגע געשעהענישען).

„דאָך איז ער, גיט ווי דער אַלטער יוניאָניסטישער פיהרער, תמיד גרייט פאַר יעדען דורכצורייידען זיך, אָדער פאַר דעם סימפּאַטיזירענדען שאלות־פרעגער, צו וועלכען קלאַס אָדער געשלעכט יענע זאָלען ניט באַ־לאַנגען. אויפן' שטעל מיט אַן אימפּעט וועט ער באַשרייבען דעם שנעלען וואוקס פון דער באַוועגונג זינט דעם גרויסען האַפענס שטרייק פון 1889 און באַווייזען די נויטווענדיגקייט פון אָפּגעבען זיך מיט אַזאַ געמישטע מאַסע מענשען, ווי די, וועלכע פילען אָן די רייהען פון די איצטיגע אומגעלערענטע אַרבייטער און פון נאָכאַנאַנד שמידען כל־זמן דער אייזען איז הייס און פון אַיינשטעלען די טאַקטיק פון „קו ד'עטאַ" (שטאַטס־איבערקערעניש; פלוצלינגע איבערקערענישען דורך דרייסטע אַרויס־טרעטונגען), אָנשטאָט די מיושב'דיגע הכנות פון די עלטערע יוניאָנען. „פאַרליר דאָ; געווין דאָרטען" — איז אונזער איינציגער מאָטאָ, זאָגט ער, שטאַרק אַנטשלאָסען צו באַטראַכטען אַ מפלה פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ הויפּט־קאָמאַנדיר און ניט פון דער שמאָלערער השגה פון אַן אָפיצער, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער אַ ספּעציעלער אַרמיי־אָפּטיי־לונג. אין דער רגע, ווען ער גיט זיך אונטער, איז ער אפשר בלייך ביז איבער די אויערען, אָבער אַ טאָג שפּעטער געפינען מיר איהם פרעהליך און ניט אָפּגעשראָקען אין אַן אַנדער געגענט פון לאַנד, אָנפיהרענדיג זיין קאַמף און צוציהענדיג הונדערטע רעקרוטען מיט דעם כח פון דעם זיבערען טאָן פון זיין שעהנעם רעדען.

ארגאניזאציע, — זייען געווען באזונדערס מזל'דיג אין דעם פּרט פון צוציהען און פון אָנהאלטען אלס באאמטע אויסערגעווערנליך פעהיגע פּרויען, — גוטע אָרגאניזאטאָרען און פלינקע אונטער־האנדלער, — וועלכע האָבען ניט בלויז געבראכט פאר זייערע מיט־גליעדערינס א מערקווירדיגע פארבעסערונג אין די ארבייטס־באַ־דינגונגען, נאָר האָבען אויך דורך זייער קלוגער פּאָליטיק געוואונען א זעהר איינפלוסרייכען אָרט אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג. עס איז, באמת, וויכטיג צו פארצייכענען, אז די געבילדעטע באַ־אמטע פון די גרעסערע יוניאָנען פון די אלגעמיינע ארבייטער, און ניט בלויז פון די פּרויען־יוניאָנען, האָבען דערפיהלט, אז עס איז דאָ א פארשיידענקייט אין די שטאנדפּונקטען פון די קוואליפי־צירטע פאכמענשען, מיט א „חזקה־אינטערעס" אין זייערע פאכען, און די אומגעלערנטע, אָדער, ווי זיי האָבען בעסער האָלד צו רופען זיי, די האלב־קוואליפיצירטע אָדער „אלגעמיינע" ארביי־טער, וועלכע ווילען מען זאָל זיי באטראכטען אלס קוואליפיצירטע פאר יעדער ארבייט, וואס דער ארבייטס־געבער האָט צו געבען. פון דעם קומט עס, אז די דאָזיגע באאמטע האָבען אמאָל א בריי־טערן בליק אויף ארבייטער פראגען איידער די פאך־באאמטע פון די קוואליפיצירטע פאכען. זיי זיינען גענייגט צו דענקען, אז די באזונדערע ארבייטער־געזעלשאפטען דארפען זיך צוזאמענגיסען אין „איין גרויסע יוניאָן"; אז עס דארפען זיין פיעל גלייכערע שכירות פאר אלע מינים האנט־ארבייטער; אז פעהיגערע אר־בייטער דארפען האָבען אן „אָפענע טיר" צו העכערע פארדינס־טען; אז די לוין־ראטען ביי דער זעלבער ארבייט דארפען זיין די זעלבע פאר מענער און פאר פרויען; אויך, אז דער לעבענס־מצב פון די נידעריגסטע ארבייטער שיכטען דארף געבראכט ווערן צו דער זעלבער מדרגה, ווי פון אנדערע ארבייטער. דאָס פיהרט זיי אינסטינקטיוו צו באַנוצען זיך הארמאָניש מיטביידע, מיט דעם עקאָנאָמישען און מיט דעם פּאָליטישען, וואפען.

איינינע פון די דאָזיגע באאמטע ווערן אָבער באצאָהלט אין א וועג, וואס קאָן האָבען א שעדליכען איינפלוס אויף זייער טעַ־טיגקייט. מען האָט אויסגעארבייט א נייע מעטאָדע, ווי צו באַ־

לוינען די באאמטע פון א טרייד יוניאָן. עס איז באוואוסט איין פאל, אין וועלכען דער זעהר פעהיגער גענעראל־סעקרעטאר פון א יוניאָן פון קוואליפיצירטע פאכמענשען, וועמעס ארבייט האָט אין דער פארגאנגענהייט געהאַט די העכסטע ווערט פאר דעם פאך, באקומט באצאָהלט א באשטימטע סומע פון יעדען מיטגליעד יעהרליך און האָט, צוליעב דער שטארקער פארגרעסערונג אין דער מיטגליעדערשאפט, אן איינקונפט פיער מאָל אזוי גרויס, ווי די שכירות פון די גענעראל סעקרעטארען פון גרויסע טרייד יוניאָנען. אין אנאנדער זעהר פארשפרייטער יוניאָן פון אומגעלערענטע און האלב־געלערנטע ארבייטער ווערט פראקטיש דער גאנצער פער־סאָנאל פון באאמטע באצאָהלט „לויט רעזולטאטען"; די לאָקאל סעקרעטארען, דהיינו, האלטען איין פאר זיך אלס א כלל „זעקס פראָצענט פון די געוועהנליכע און ספעציעלע ביישטייערונגען און פון די קנס'ען, וואָס ווערן באקומען פון די מיטגליעדער פון דעם לאָקאל אין דעם נאָמען פון דער הויפט־קאנטאָר און וואָס ווערן אהינצו איבערגעגעבען"; זיי באקומען אויך א „צושטעל־שכר פון איין שילינג פאר פאָרשלאָגען נייע מיטגליעדער" פאר דער „גע־זעציליך אנערקענטער געזעלשאפט" („אפּרוּווד סאָסייעטי"); זיי ווערן אויך ווייטער באצאָהלט פאר דער איבעריגער ארבייט, וואָס איז פארבונדען מיט סכסוכים (שטרייקען), א האלבען שילינג ווען דער סכסוך ריהרט אָן ווייניגער פון 25 מיטגליעדער, א שילינג ווען — 25 אָדער מעהר; צוויי שילינגען ווען — 50 און צו האלבע שילינגען פון יעדע ווייטערדיגע 50 אָדער א טייל פון דעם צאָהל". די דאָזיגע מעטאָדע צו באלוינען טרייד יוניאָן באאמטע, — וואָס איז עהנליך צו דער, מיט וועלכער די „אינ־דוסטריעלע" פארזיכערונגס געזעלשאפטען באנוצען זיך מיט ער־פאָלג פאר זייערע אגענטען, — האָט געוויסע גוטע זייטען. מען קאָן אויף אזא אופן דעם באאמטען פאר זיין שטעלע און זיין אר־בייט אויסטיילען א גאנץ צופרידענשטעלענדען שכר אָהן דעם, אז די מיטגליעדער זאָלען שטימען אויסדריקליך פאר דער סומע, אָדער די סומע זאָל זיין אויסגעשטעלט אין די רעכענונגען אזוי, אז די איינפאכע מיטגליעדערשאפט זאל זיך פיהלען געערגערט

צוליעב דעם קאָנטראסט צווישען זייערע וועכענטליכע שכירות פאר פיזישער ארבייט און די הויכקייט פון די לוין־ראטען פאר א באשעפטיגונג, וואס אז בעצם פון אנאנדער מין. דאָך ווערט עס מיט רעכט באטראכט אלס א סיסטעם, וואס האָט זעהר א פאר־דארבענדע ווירקונג. די פראקטיק פון „צאָהלען לויט רעזולטא־טען", — זאָגט מען, — פיהרט צייטענווייז צו אריינגעמען מיט־גליעדער אין די יוניאָנען אָהן א טאָלק, צו „אריין און ארויס" טרייד יוניאָניזם און אפילו צו יאָגען זיך נאָך מיטגליעדער פון אנדערע יוניאָנען אויף א גרויסען מאסשטאב. דאָס שאפט אויך אין דער טרייד יוניאָן וועלט א מין „געשעפטס־מענשען", וועלכע זיינען מעהר פאראינטערעסירט צו האָבען א סך מיטגליעדער, איי־דער צו דערהייבען דעם לעבען'ס מצב פון די מיטגליעדער, וואָס זיי האָבען אריינגענומען, אָדער צו ארבייטען צוזאמען מיט אנ־דערע טרייד יוניאָנען פאר זייערע געמיינשאפטליכע אינטערעסען.

גאָר אנאנדער טיפּ איז דער פּאָליטישער באאמטער פון דער טרייד יוניאָן וועלט, וועלכער איז צוגעקומען ערשט שפּעטער. ער איז אמאָל בלויז דער רעגיסטרירונגס באאמטער אָדער דער וואה־לען־אגענט, וועלכער ארבייט פאר דער לאָקאלער ארבייטער פּארטיי און דעם ארבייטער קאנדידאט אין א באשטימטען וואהל־קרייז; ער איז אמאָל פּשוט אן ארבייטער פארשטעהער אין פּארלאמענט; אמאָל איז ער דער סעקרעטאר אָדער איינער פון דעם פּערסאָנאל באאמטע פון א גרויסער טרייד יוניאָן אָדער פון א מעכטיגער פעדעראציע, אדער טאקע פון דער ארבייטער פּארטיי גופא, אָפּגעבענדיג זיך מיט פּאָליטישער טעטיגקייט; ער קאָן אמאָל זיין א פּארלאמענט־מיטגליעד, וועלכער פארנעמט אין דער זעלבער צייט דעם אָדער יענעם פון די אמטען; ער אונטערשיידט זיך אָבער פון דעם טיפּישען גענעראל־סעקרעטאר, פאר־באאמטען אָדער ארבייטער־ארגאניזאטאר—געוועהנליך האָט ער אליין זיך אנט־וויקעלט פון איינעם פון דיזע אמטען— מיט דעם, וואס ער איז אינ־גאנצען פארטאָן אין דער פּאָליטישער ארבייט פון דער באוועגונג, הן אין דעם פּאָלקס־הויז (פּארלאמענט) אָדער אויסער איהם, אין איין וואהל־קרייז, אָדער אין א ברייטערן פעלד. ניט תמיד האָט

ער א פּאָליטישען אמט. די לעצטע צעהן יאָהר האָבען זיך אויס־געצייכענט מיט דעם, וואָס אָפט און פיעלע מאָל ווערן די טרייד יוניאָן פיהרער, וועלכע זיינען ניט אין פארלאמענט, אויפגעפאָדערט צו טאָן עפענטליכע ארבייט, אין וועלכע זייערע אייגענע יוניאָנען האָבען ניט קיין באזונדער אינטערעס. דעם טרייד יוניאָן באאמטען קומט אויס צו ארבייטען אלס מיטגליעד פון אָהן־א־שיעור עפענטליכע קערפּערשאַטען, — במעט תמיד אָהן וועלכען עס איז שכר, — פון לאָקאלע קאָמיסיעס אין שייכות מיט די געזעצען וועגען פענסיעס, שפּייז און פּראָפיטירעריי, די מאַגיסטראַטור (פּאָליציי געריכט), ביז צו נאַציאָנאַלע פּשרה־טריבונאַלען, אָפיציעלע אונטערזוכונגס־קאָמיטעטען, אָדער קעניגליכע קאָמיסיעס. אזא איינער גיט נאָכאנאנד אפּ יעדען טאָג שטונדען צו באטראכטען און דיסקוטירן און צייטענווייז געמיינשאפטליך ארויסצוגעבען אנטשיידונגען וועגען פראגען פון אן עפענטליכען כאראקטער, ביי וועלכע זיין ספּעציעלע עובדא (פונקציע) איז צו רעפּרעזענטירען ניט בפרט די מיינונגען און די אינטערעסען פון די טרייד יוניאָניסטען, וועלכע צאָהלען איהם זיינע שכירות, נאָר די מיינונגען און די אינטערעסען פון דעם גאנצען לוין ארבייטער קלאס. אָט די גאנצע וויכטיגע ארבייט, וואָס איז דורך דעם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט צוגעקומען צו די אַנדערע פונקציעס פון דעם טרייד יוניאָן פּערסאָנאל, און ניט בלויז די וואקסענדע פאָדערונגען פון דעם פארלאמענט, ווירקט אלץ מעהר און מעהר, אז עס זאָל זיך אנטוויקלען דאָס, וואָס מיר רופען דער „פּאָליטישער באאמטער" פון דער באוועגונג.

די דאָזיגע דריי אָדער פיער טויזענט באצאָהלטע באאמטע פון דער טרייד יוניאָן וועלט, צו וואָס פאר פארשיידענע טיפּען זיי זאָלען ניט באלאנגען און אָהן אונטערשייד וועלכע פליכטען עס ווערן פאר זיי באשטימט, ווערן אלע, מיט אומבאדייטענדע אויס־נאָמען, אויסגעקליבען אויף איין אופן, נעמליך, דורך אלגעמיינע וואהלען, אין וועלכע עס באטייליגען זיך די גאנצע מאסע מיטגליע־דער פון זייערע רעספּעקטיווע יוניאָנען, אָדער געוויסע טיילען פון יענע יוניאָנען. אין די קוואליפיצירטע פאכען מוזען זיי זיין

מיטגליעדער פון דער יוניאָן, וואס באשטימט זיי צו זייער אמט, און אום צו געווינען די שטימען פון זייערע חברים־מיטגליעדער האָבען זיי נאטירליך אויף וועלכען עס איז אופן געמוזט צווישען יענע ווערן באוואוסט. זיי ווערן דעריבער כמעט אלע מאָל אויסגעקליבען פון צווישען די באאמטע, וועלכע מיר האבען באשריבען אלס די אונטער־אפיצערען פון דער באוועגונג, פון צווישען יענע מיטגליעדער, וועלכע דיענען אדער האָבען געדיענט אלס לאקאל־סעקרעטאָרען אָדער אלס אנדערע לאָקאלע באאַמטע. זיי האָבען בכן אלע בעצם די זעלבע איבונג, — אן איבונג, וואס האָט ניט מעהר שייכות צו דער ארבייט פון א פארוואלטער פון חברה׳שע אונטערשטיצונגען, איידער צו דער ארבייט פון א פּאָליטישען באאמטען. וואס עס פּאסירט — איז, אז דער פּאָפּולארער אר־בייטער ווערט, דורך די שטימען פון זיינע חברים־ארבייטער, פּלוצ־לונג אוועקגענומען פון דעם ווערקשטאַט, פון דעם גוס־אויווען און פון דער מינען־גרוב, ווען ער איז שוין אין דעם עלטער פון דרייסיג און אמאָל אפילו פון פופציג יאָהר, מיט ניט קיין גרעסערע דער־פאהרונג, איידער די, וואס האָט א באאמטער פון א לאָקאל, און ווערט אוועקגעשטעלט צו דער העכסט ספּעציאליזירטער ארבייט פון איינעם פון די טיפען באאמטע, וואס מיר האָבען באשריבען.[1] אנאנדער חסרון איז דאָס, וואָס עס איז אָנגענומען, אז דער מין איבונג און דערפאהרונג, וואס א געוויסער טרייד יוניאָניסט האָט געהאט, און דער כאראקטער פון די פעהיגקייטען, וואס ער האָט ארויסגעצייגט, — הגם זיי האָבען עס געווירקט, ער זאָל דער־וועהלט ווערן צו א באצאָהלטען אמט, אָדער ער זאָל פון איינעם אזא אמט דערהייבען ווערן צו א העכערן, — האָבען קיין שיכות ניט צו דער פראגע, צו וועלכען אמט מען זאָל איהם אויסקלייבען

[1] בלויז די „קאָנפעדעראַציע פון אַייזען און שטאָהל פּאַכען", דענ־קען מיר, האָט אָנגענומען און דורכגעפיהרט דעם פּרינציפּ פון פּאַרטרויען די באַשטימונג פון באַצאָהלטע באַאמטע צו דעם פּאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט אויסדריקליך אויף דעם גרונט, אַז אַלגעמיינע וואַהלען דורך אַן אָפּ־שטימונג איז ניט דער ריכטיגער וועג, ווי אויסצוקלייבען אַדמיניסטראַ־טיווע באַאמטע.

צו פארנעמען. דער פּאָפּולערער לאָקאַל־סעקרעטאר, וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער פון א געוואונענעם שטרייק, קען אמאָל דער־וועהלט ווערן אלס גענעראל־סעקרעטאר אין א הויפּט־קאָנטאָר, וואו ער וועט בעיקר האָבען די ארבייט פון א פארוואלטער פון א פארזיכערונגס געזעלשאפט. דער ערפאלגרייכער פאך־באאמטער, וועלכער איז א בקי אין אונטערהאנדלונגען וועגען קאָמפּליצירטע ענדערונגען אין שטיק־ארבייט פּרייז־ליסטען, צייגט זיך אמאָל ארויס צו זיין דער אויסגעקליבענער קאנדידאט פון דער יוניאָן צום פּארלאמענט. ער וועט אויך, מיט דער צייט, ד׳ערוועהלט ווערן צום פאָלקס־הויז אפצוגעבען זיך דאָרטען אין דעם נאָמען פון דעם גאנצען קלאס פון לוין ארבייטער מיט פּאָליטישע פראגען, וועגען וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל אפילו ניט פארטראכט. דעם טרייד יוניאָן סעקרעטאר, וועמעס טעגליכע ארבייט האָט איהם איינגע־איבט צו דער ציטערדיגער השגחה איבער די חברה׳שע אונטער־שטיצונגען, קאָן אויסקומען נאָכאנאנד אוועקגערופען צו ווערן פון זיין קאנטאָר צו רעפּרעזענטירן די אינטערעסען פון די ארבייטער אלס א מיטגליעד פון קעניגליכע קאָמיסיעס און פון אויספארשונגס קאָמיטעטען איבער כל׳ערליי ענינים, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאר־שטעלען.

ביי אזעלכע אומפּאָלקאָמענע מעטאָדען פון אויסקלייבונג צו אמטען און ביי אזא ניט־האָבען לחלוטין קיין סיסטעמאטישע איבונג פאר זייערע שווערע און וויכטיגע פונקציעס איז עס, דענקען מיר, נתפּעל צו ווערן, ווי די טרייד יוניאָן באאמטע האָבען געוואונען פאר זיך א שם פאר אינטעליגענץ און פעהיגקייט אין אונטערהאנדלונגען מיט ארבייטס־געבער. אָבער דאָס, וואָס מען קלייבט זיי אויס אָהן א טאָלק און וואָס זיי האָבען ניט גענוג איבונג, זיינען ניט די איינציגע שוועריגקייטען, וואָס זיי מוזען בייקומען. טרייד יוניאָן באאמטע האָבען כמעט תמיד צופיעל ארבייט און מען דערוואַרטעט פון זיי, זיי זאָלען ווערן ספּעציא־ליסטען־עקספּערטען אין א האלבען טוצען טעכניקען; זיי זיינען אויסגעשטעלט צו פּלאָגעדיגע און דעמאָראַליזירענדע לעבענס־באדינגונגען און זיי ווערן געוועהנליך ניט־גענוג באצאָהלט. די

ארבייטס־באדינגונגען און די שכירות, וואס די טרייד יוניאָנען צווינגען ארויף, מחמת אומוויסענהייט, אויף די מענשען, וועלכע דינען זיי, זיינען אזעלכע, וואס ניט נאָר זיינען זיי ווייט פון העלפען שאפען א ווירקזאמע פארוואלטונג און אן אינטעליגענטע פיהרערשאפט, נאָר אָפט זיינען זיי מיאוס שלעכט. אין נאָוועמבער פון 1919 האָט די „נאציאָנאלע יוניאָן פון אייזענבאהן ארבייטער" געשאפען א מערקווירדיגען ביישפיעל העכערענדיג די שכירות פון איהרע צוויי הויפט באאמטע ביז צו איין טויזענט פונט שטערלינג א'יאָהר. אָבער דאָס איז לחלוטין א יוצא־מין־הכלל. אפילו יעצט, נאָך דעם, ווי דער יקרות אויף לעבענסמיטלען איז געווארן זעהר גרויס, זיינען די שכירות פון דעם געוועהנליכען באאמטען פון א וויכטיגער און רייכער טרייד יוניאָן זעלטען מעהר פון פיער אָדער פינף הונדערט פונט שטערלינג א'יאָהר, אָהן קיין שום באזאָרגונג מיט קיין אנדערע הכנסות אויף דער עלטער, ווען איינער מוז אויפהערען ארבייטען, חוץ די עלטער־אונטערשטיצונג פון צעהן אָדער צוועלף שילינג א'וואָך פון דער יוניאָן גופא, אויב זי האָט בכלל אזא אונטערשטיצונגס־אויסצאָהלונג. דער דורכשניטליכער מיטגליעד פארגעסט זיך, אז דעם סעקרעטאר'ס שכירות דארפען פארגליכען ווערן ניט מיט דעם וועכענטליכען לוין פון די מיטגליעדער פון דער יוניאָן, וועלכע זיינען האנט־ארבייטער, נאָר, — לויט דער תורה וועגען א לוין־ראטען־מאס, אין וועלכער זיי גלויבען, גופא, — מיט דער באלוינונג, וואס „גוטע באלעבאָטים" גיבען פאר דעם מין ארבייט, וואס דער סעקרעטאר דארף טאָן. ווען מיר געדענקען, אז דער מאָדערנער טרייד יוניאָן באאמטער מוז נאָכאנאנד ארומפאָהרען און צוזאמענטרעפען זיך מיט ארבייטס־געבער און מיט באאמטע, וועמעס השגות בנוגע צו פערזענליכע־ און וועג־הוצאות זיינען פיעל העכער, איידער זיינע, און ווען מיר באטראכטען די גרויס און די פינאנציעלע וויכטיגקייט פון זיין ארבייט, שיינט אונז, אז די קליינע שכירות און די גאנץ קארגע העפליכקייט אָדער פריינדליכקייט, וואס דער אמט באקומט, זיינען כמעט לעבערליך. דער פועל־יוצא איז, אז די פעהיגע און אמביציעזע יונגע ארבייטער אין

א קוואליפיצירטען פאך האָבען ניט קיין שטאַרקען חשק צו דער קאריערע פון א באאמטען, אויב אפילו זיי באטראכטען דעם אמט אלס א געלעגענהייט צו זיין א פיהרער צווישען די טרייד יוניאָנען, סיידען זיי זיינען אלטרואיסטישע ענטוזיאסטען (ווי פיעלע פון זיי זיינען עס באמת), אָדער סיידען זייערע אמביציעס האָבען באמת א פּאָליטישען כאראקטער. דער פעהיגער, יונגער ארביי־טער וועט שנעלער פארנעמען א העכערן פלאַץ און אויך האָבען מעהר נחת אין לעבען אויסמיידענדיג אָפענע טעטיגקייט לטובת זיינע חברים ארבייטער און באנוצענדיג זיך מיט דעם, וואס אינ־טעליגענטע ארבייטס־געבער, — אין די לעצטע יאָהרען ניט נאר אָהן דעם איינפלוס פון דעם האלב־באוואוסטזיניגען פארלאנג אפּ־צוציהען פון דעם טרייד יוניאָניזם צום קאפּיטאליזם די אקטיווסטע מוחות פון דעם פּראָלעטאריאט, — זיינען זעהר גערן צו געפינען קאָמפּעטענטע מייסטערם (פאָרלייטע) און פארוואלטער. די סכנה פאר דער טרייד יוניאָן באוועגונג ענדיגט זיך ניט בלויז מיט דעם, וואס אייניגע פון איהרע פעהיגסטע יונגע מיטגליעדער אנטזאגען זיך פון צו ווערן טרייד יוניאָן באאמטע. די שפלות'דיגקייט פון דעם מצב, — סיי בנוגע צו שכירות און סיי בנוגע צו חשוב'דיג־קייט און פריינדליכקייט, — צו וועלכען א טרייד יוניאָן פאר'־משפּט איהרע באאמטע, אין פארגלייך מיט דעם מצב, אין וועלכען עס געפינען זיך מענשען מיט גלייכע פעהיגקייטען און וועלכע טוען דעם זעלבען מין ארבייט אין אנדערע ספערען פון לעבען, לייגט ארויף א שטענדיגען שווערן נסיון אויף דער לאָיאליטעט פון טרייד יוניאָן באאמטע. מען שאפט אין זיי כסדר א פארלאנג צו פאר־לאָזען די ארבייט פאר זייערע חברים דורך פאַרשלאָגען זיי שטע־לעס אין דער געשעפטס־וועלט, פאר די אסאָציאציעס פון ארבייטס־געבער, אָדער אין רעגירונגס־דעפּארטאמענטען. די צו־נידעריגע שכירות פון די באאמטע שאפען אויך אנדערע איבלען. א טרייד יוניאָן באאמטער, וועמעס איינקונפט איז ניט גענוג פאר זיינע טעגליכע באדערפניסען, ווערט געשטויסען צו מאכען איבער־דער־מאָס ברייטע רעכענונגען פאר זיינע רייזע־הוצאות; ער קאָן אויך גרייליך קומען צום געדאנק, אז עס באצאָהלט זיך איהם בע־

סער צו האָבען וואס מעהר דעפּוטאַציעס און קאָמיטעטען־צוזאַ־מענקונפטען ווייט פון דער היים, איידער אפּצוגעבען זיך מיט זיי־נע פליכטען אין קאָנטאָר. דאָס קאָן איהם אויך טרייבען צו טאָן צוויי ארבייטען אָדער אָנצוהאַלטען צוויי שטעלען אין דער זעלבער צייט, כדי צו פאַרדיענען גענוג אויף אַן אנשטענדיגען לעבען. די טונקעלסטע זייט פון אזא בילד, דער נסיון צו נעמען פון אר־בייטס־געבער, אָדער פון דער רעגירונג יענעם מין שוחד, וואס איז אנשטענדיג פאַרדעקט אלס הוצאות־געלט, אָדער אלס צייטווייליגע שכירות פאַר ספּעציעלע שטעלעס, איז צום גליק אזוינס, וואס טרייד יוניאָניסטישע לאָיאַליטעט און א שטאַרקער געפיהל פון ארבייטער־קלאַס עהרע האָבען געמאַכט ביז יעצט זעלטען נויטיג צו אונטערזוכען. אָבער אזעלכע זאכען האָבען פּאַסירט, און די סיבה, וואס פיהרט צו זיי, — די ניט־שכל׳דיגע און געמיינע קאַר־גע שכירות פון טרייד יוניאָן באַאמטע, — פאַרדיענט, אז די טרייד יוניאָן וועלט זאָל זי באַטראַכטען.

ביז יעצט האָבען מיר באַטראַכט די באַאמטע פון דער יוניאָן וועלט בלויז אלס אינדיווידועלע פּאַרזאָנען. זייער ארבייט ווערט, ווירקליך, כמעט בלויז אזוי באַטראַכט פון זייערע מיט־גליעדער. עס איז מערקווירדיג, ווי שוואך עס אנטוויקעלט זיך אין דער טרייד יוניאָן וועלט די אנערקענונג פון דער וויכטיגקייט פון דער צוזאמענשטעלונג פון א היעראַרכיע (א צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע, וואס איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ, אז די קלענערע אין ראַנג מוזען זיך אונטערוואַרפען דער אויטאָריטעט פון די העכערע, כסדר ביז צום העכסטען ראַנג.), אָדער פון א גרופּע טוער, סיי אזא, וואו יעדער מיטגליעד איהרער האָט זיין באַזונדער אַר־בייט און סיי אזא, אין וועלכער אלע טוען די זעלבע ארבייט. ווען א גרויסע ארבייטער געזעלשאַפט האָט א באַצאָהלטען פּערסאָ־נאַל פון א האַלבען טוצען ביז צוואַנציג באַאמטע — אונטער אזעל־כע נעמען, ווי גענעראַל־סעקרעטאַר, געהילפס־סעקרעטאַרען, פּרע־זידענט, מיטגליעדער פון פאַרוואַלטונגס־ראַט אָדער באַצירק־דעלע־גאַטען, אָרגאַניזאַטאָרען אָדער אונטערזוכער — וועלען זיי כמעט תמיד זיין באַזונדער דערוועהלטע פון דער גאַנצער מאַסע מיט־

גליעדער אָדער, — וואס צושטערט נאָך מעהר די אייניגקייט, — פון די מיטגליעדער פון פארשיידענע באצירקען. מיר ווייסען בלויז וועגען איין ביישפּיעל אין דער טרייד יוניאָן וועלט, — די קאָנפעדעראציע פון אייזען און שטאָהל פאכען, — וואו דער פאר־ענטפערליכער פארוואלטונגס קאָמיטעט אליין באשטימט דעם אפּי־ציעלען פּערסאָנאל באאמטע, וועלכער טוט די ארבייט. אלע באַ־צאָהלטע באאמטע פון א טרייד יוניאָן, וואס עס זאָלען ניט זיין זייערע נעמען אָדער זייער ארבייט, קענען געוועהנליך פאדערן צו האָבען די זעלבע, — און בכן א גלייכע, — אויטאָריטעט. זיי זיינען אלע דערוועהלט געווארן דירעקט פון די מיטגליעדער. דער פּועל־יוצא פון דעם איז, אז עס פעהלט וועלכע עס איז ארגאַנישע שיכות ניט בלויז צווישען דעם פארוואלטונגס קאָמיטעט און די באצירק באאמטע, וועלכע דארפען זיין זיינע לאָקאלע אגענטען, נאָר אפילו צווישען דעם פארוואלטונגס קאָמיטעט און דעם גע־נעראל סעקרעטאר און די געהילפס סעקרעטארען. דער פארוואל־טונגס קאָמיטעט קאָן פאררוקען דעם גענעראל־סעקרעטאר, וועל־כער געפעלט איהם ניט, צו בלויז רוטינער ארבייט, און א ניט־פריינדליכער גענעראל־סעקרעטאר קאָן פּראקטיש צו־נישט מאכען די אויטאָריטעט פון דעם פארוואלטונגס־קאָמיטעט. אין אייניגע פאלען איז די קאָנטאָר ארבייט פּראקטיש איינגעטיילט צווישען דעם גאנצען באצאָהלטען פּערסאָנאל, — די פארוואלטונגס־ראט מיטגליעדער, דער גענעראל־סעקרעטאר און די געהילפס־סעקרע־טארען — אָהן שום דרך, יעדער איינער טוענדיג זיין אייגענע ארבייט אזוי ווי ער דענקט איז אמבעסטען, און באראטונגען אָדער באשלוסען פון אלעמען אלס איין קערפּערשאפט ווערן געמאכט אזוי ווענינ, ווי מעגליך. עס איז פּאקטיש ניטאָ קיין ערפות, אז עס וועט זיין וועלכע עס איז איינהייטליכע טאקטיק אין א פאר־וואלטונגס קאָמיטעט, וואס איז דערוועהלט געווארן פון א טוצען פארשיידענע באצירקען, אָדער צווישען א פארוואלטונגס־קאָמי־טעט און זיינע וויכטיגסטע באאמטע, וועלכע זיינען דערוועהלט געווארן אין פארשיידענע צייטען צוליעב פארשיידענע סיבות. די מיטגליעדער קאָנען דערוועהלען א רעאקציאָנערע מעהרהייט צום

פארוואלטונגס קאָמיטעט און אין דער זעלבער צייט א רעוואָלוציאָנערן גענעראל־סעקרעטאר. אין כמעט אלע יוניאָנען איז יעדער געדאנק וועגען דעם, אז עס איז ווינשענסווערט אנצונעמען דעם דרך פון דעם מיטעל־קלאס פון פארטרויען א פארענטפערליכען פארוואלטונגס־קאָמיטעט די מאכט אויסצוקלייבען זיינע אייגענע באאמטע, צוריקגעוויזען געווארן אלס אומדעמאָקראטיש.[1] אין איינינע יוניאָנען ווערט געשאפען די אומבאדינגט נויטיגע מאָס פון איינהייטליכקייט, — ניט אָהן אינערליכע שטרייטיגקייטען, — דורך דער ווירקונג פון איין דאָמינירענדער פערזענליכקייט — אמאָל דער סעקרעטאר, אמאָל דער פרעזידענט אָדער אמאָל בלויז א מיטגליעד פון דעם פארוואלטונגס־קאָמיטעט. דעם זעלבען חסרון איז צו זעהן אין די קאָנסטיטוציעס פון אזעלכע ברייטערע פעדעראציעס, ווי „דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס" און

[1] עס איז קלאָר, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען מען זאָל גוט האָבען אין זינען דעם אונטערשייד צווישען די באַאמטע, וועלכע האָבען אויף זיך די אחריות פאַר דער טאַקטיק (הן זיי הייסען אויספיהר־ראטליטע („עקזעקוטיוו קאָונסילארז"), פרעזידענט, אָדער אַנדערש), און די, וועמעס עובדה איז בלויז דורכפיהרען די אַרבייט. בשעת די ערשטע דאַרפען געוויס דערוועהלט ווערען פון דער מיטגלידערשאַפט און זיין צו איהר פאַרענטפערליך, צייגט אָבער די דערפאַהרונג, אַז עס איז בעסער, ווען די באַאמטע, עלכע טוען בלויז דורכפיהר־ארבייט, — אַזוינע דאַרפען זיין די באַאמטע, וועלכע טוען בלויז דרוכפיהר־אַרבייט, — ווערען באַשטימט דורך יענע, וועלכע ווערען דערוועהלט, און זיינען צו זיי פאַרענטפערליך.

עס דאַרף לכל הפחות איינגעשטעלט ווערען אַ קלאָרער אונטערשייד צווישען די, וועלכע ווערען דערוועהלט צו האָבען אויף זיך די אחריות פאַר דער טאַקטיק, און די באַאמטע, וועלכע ווערען באַשעפטיגט פאַר אויפגאַבען, וואָס פאָדערען ספּעציעלע דערפאַהרונג (ווי די גאַנצע אַרבייט אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרזיכערונגס טעטיגקייט פון דער יוניאָן און איהר „אַנערקענטער געזעלשאַפט", איהר כסדר וואַקסענדע סטאַטיסטישע אַרבייט און איהרע יורידישע אינטערעסען). אַזעלכע באַאמטע דאַרפען זיין באַשטימט, און ניט דערוועהלט, ווערען, און זיי דאַרפען זיך ניט באַטייליגען אין דער אנטשיידונג פון טאַקטישע פראַגען, אַפילו בנוגע צו זייערע אייגענע ספערען. מען דאַרף, רייזענדיג בכלל, שטרעבען צו אַ פיעל גרעסערער ספּעציאַליזירונג פון די פונקציעס פון די באַאמטע אין אַלע וויפיעל עס איז גרויסע יוניאָנען.

די „ארבייטער פארטיי”. דער רעזולטאט איז, אז די טרייד יוניאָן באוועגונג האָט נאָך ביז יעצט ניט אנטוויקעלט עטוואס, וואס זאָל האָבען דעם כאראקטער פון א רעגירונג דורך א קאבינעט, געבאזירט אויף אן איינהייטליכער טאקטיק פון אלע הויפט אדמיניסט־ראטאָרען. מיר זעהען אויך ניט קיין דערנעהענטערונג צו דעם סיסטעם פון פארטיי־הערשאפט, — די איינציגע זאך, וואס מאכט מעגליך אין אונזער נאציאָנאלער פאָליטיק קאבינעט־רעגירונג. עס שיינט, ווי אז יעדע דעמאָקראטיע, געבאזירט אויף דער צוטיילונג לויט באזונדערע מלאכות, וואלט אומפארמיידליך געמוזט באַ־הערשט ווערן פון א פארשיידענקייט פון סעקציאָנעלע (גרופען) אינטערעסען, וואס איז אנדערש פון דער אינטעלעקטועלער מיי־נונגס־פארשיידענקייט, וואָס ווערט אין איהר געשאפען. פון דעם שטאַנדפונקט פון דער ווירקזאמקייט פון׳ם גאנצען כלל באשטעהט דער חסרון אין דעם, וואס די סעקציאָנעלע פארשיידענקייטען שטערן תמיד דער פארמולירונג און דער זיכערער דורכפיהרונג פון באַ־שלוסען איבער ברייטערע פראגען, איבער וועלכע עס וואלט גע־בראכט מעהר נוצען פאר דער באוועגונג בכלל און פאר די אינ־טערעסען פון יעדען טייל איהרן באזונדער צו האבען א שטארקען אלגעמיינעם ווילען, אפילו אויב דער ווילען וואָלט זיין אויסגעדריקט אין א בלויזער מעהרהייט פון דעם דאָזיגען כלל.

לסוף, עס איז א גרויסע שטערונג פאר דער טרייד יוניאָן וועלט, וואס זי האָט ניט קיין הויפט־שטאָדט און קיין צענטראלע הויפט־קווארטירט אפילו אין לאָנדאָן. איהרע באַצאָהלטע באאַמ־טע, וועלכע שאפען איהר פיהרערשאפט און איהר טאקטיק, זיינען צוואווארפען איבער דעם גאנצען לאנד. די גענערעל־סעקרעטאָרען פון די גרויסע „פריינדליכע (חברה׳שע) פאך געזעלשאפטען” און פון די יוניאָנען פון אלגעמיינע ארבייטער זיינען פאנאנדערגע־ווארפען צווישען לאָנדאָן, מאנטשעסטער, ניוקעסל, גלאסגאָו, אבערדין, ליווערפול און ליעסעסטער. די באאמטע פון די באוועל־ארבייטער האָבען זייערע קאנטאָרען אין א טוצען שטעדטלאך אין לאנקאשייר און פון די מינען־ארבייטער אין יעדען קויהלען־פעלד. די באצירק דעלעגאטען פון די אינזשעניערעריי און די שיף־בוי פא־

כען און די אָרגאניזאַטאָרען פון די האפען ארבייטער און פון די אר־בייטער אויף שיפען („סימען") געפינען זיך אין אלע הויפט האפען־שטעדט. מיר האָבען געזעהן ווי וועניג דער טריידס יוניאָן קאָנגרעס, וואָס פארזאמעלט זיך אויף איין וואך איינמאָל אין יאָהר, באַזארגט די באוועגונג מיט א צענטראַלען ארגאַן, וועל־כער זאָל העלפען איהר מיט זיין ראט, אָדער זאָל איהר פיהרען אין א באַשטימטער ריכטונג. דער צוזאמענקונפט אין לאָנדאָן אלע עטליכע וואכען פון די 2-3 טוצען מיטגליעדער פונ'ם פארלאמענט־קאָמיטעט און פון דער עקזעקוטיווע פון דער ארבייטער פארטיי איז לחלוטין ניט גענוג פאר דער נויטיגער שטענדיגער בעראַטונג וועגען פראַגען פון טאַקטיק, פאר דער געגענזייטיגער מיטטיילונג צווישען זיך פון זייערע באַלדיגע פּלענער און פאר דער פאַסונג פון באַשלוסען וועגען אלגעמיינע אינטערעסען, וואָס די איצטיגע שטופע פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג פאָדערט. קיין איינציגע זאך וואָלט אפשר ניט אויפגעטאָן אזוי פיעל גרעסער צו מאכען די ווירקזאַמקייט פון דער טרייד יוניאָן וועלט אלס א גאנצעס, ווי די שאַפונג פון א פאַסיגען „צענטראַלען אינסטיטוט" (בנין) און אן אלגעמיינע קאָנ־טאָר געביידע אין וועסטמינסטער, וואו עס זאָל מעגליך זיין צו קאָנצענטרירען אלע צוזאמענקונפטען פון נאַציאָנאַלע ארגאַניזאַ־ציעס, פעדעראַציעס און קאָמיטעטען און וואָס וואָלט לכל הפחות מעגליך מאכען א שטענדיגע פּערזענליכע צוזאמענטרעפונג פון אלע פארשיידענע הויפּט־קאָנטאָרען.[1]

[1] אזאַ בנין איז באַשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אין 1918—19 פון געמיינזאַמע און באַזונדערע קאָנפערענצען פון דעם טריידס יוניאָן קאָנגרעס און פון דער אַרבייטער פּאַרטיי אַלס אַן „אנדענקונגס־געביידע פאַר פריידהייט און שלום", לזכרון פון די טויטע, וועלכע האָבען פאַרלאָ־רען זייערע לעבענס אין דער „גרויסער מלחמה". עס איז אָבער בשום אופן ניט זיכער, אַז די נויטיגע גרויסע סומע, וואָס אַזאַ געביידע דאַרף קאָסטען, וועט בייגעשטייערט ווערען.

געגענזייטיגע הילף

ביי חיות און מענשען אלס א פאקטאר פון ענטוויקלונג.

פון פעטער קראפאטקין

איבערזעצט אין אידיש פון דר. י. א. מעריסאן.

פעטער קראפאטקין האט געשריבען א ספעציעלע פאררעדע פאר דער אידישער איבערזעצונג, וועלכע געפינט זיך ניט אין קיין אנדער אויסגאבע.

די קאפיטלען 1 און 2 באהאנדלען די פאקטען פון געגענזייטיגער הילף ביי חיות, באשרייבענדיג דאס לעבען פון מוראשקעס און ביענען, די געזעלשאפטליכקייט פון פויגלען, פון די זויגטיערען, פון די גריזונעס און אפען א. אז. וו., דעם קאמף פאר עקזיסטענץ און די באזייטיגונג פון קאנקורענץ אין דער נאטור.

קאפיטעל 3 באהאנדעלט די פאקטען פון געגענזייטיגער הילף ביי די ווילדע מענשען.

קאפיטעל 4 באשרייבט דאס לעבען פון די בארבארישע פעלקער.

קאפיטלען 5 און 6 באהאנדלען די מיטעלאלטערליכע שטאדט, איהר אורשפרונג און זעלבסט-פארוואלטונג; די לייבאייגענשאפט און די פעאדאלע פריצים; די ארבייטער און זייערע צעכען; די קונסט און וויסענשאפט א. אז. וו.

קאפיטלען 7 און 8 באהאנדלען די געגענזייטיגע הילף אין דער היינטיגער געזעלשאפט: די פאלקס-אויפשטאנדען, די דארף-געמיינדען אין דער שווייץ, פראנקרייך, דייטשלאנד און רוסלאנד; די ענטשטעהונג פון ארבייטער יוניאנס, סטרייקס, קאאפעראציעס, הילפס-פאראיינען א. אז. וו.

דאס בוך ענטהאלט אויך א פאלשטענדיגען אינדעקס און ווארט-ערקלערער. 433 זייטען, שעהן געבונדען אין רויטען קלאטה.

דער איינציגער און זיין אייגענטום

פון מאַקס שטירנער

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

מיט אַ ביאָגראַפישער סקיצע פונ'ם פּראָפעסער און אַן איינלייטונג געשריבען פון דעם איבערזעצער.

שטירנער'ס בוך „דער איינציגער” האָט קיין גלייכען ניט צו זיך אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. עס איז דאָס גרעסטע אַפּיקורסישע בוך פון אַלע צייטען און פון אַלע ליטעראַטורען. „שטירנער איז דער איינציגער, וואָס בויגט ניט זיין קאָפּ, ניט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, ניט פאַר דער צוקונפט; וואָס לייקענט אין יעדער מאָראַל און מאַכט צונישט יעדען אידעאַל”... „שטירנער לאָזט ניט דורך קיין געזעלשאַפטליכען באַגריף, אויף וועלכען ער ווענדט ניט אָן זיין שאַרפען מעסער פון קריטיק: שטאַאַט, רעכט, פליכט, געזעץ, פרייהייט, אייגענטום א. אז. וו. ווערן צוגלידערט און אַרויסגעשטעלט אין זייער נאַקעטקייט און אינהאַלטסלאָזיגקייט.” „שטירנער'ס גרויסער פאַרדיענסט באַשטעהט דערהויפּט אין דעם, וואָס ער העלפט דעם מענשען צו צעברעכען אַזויפיעל קייטען. און ווען אפילו מיר קאָנען מיט איהם ניט איינשטימען, אַז יעדע היילינקייט איז אַ קייט; ווען אפילו זיין שווערער האַמער, מיט וועלכען ער שלאָגט אַזוי מעכטיג אויף אונזערע קייטען, רייסט אָפּטמאָל אָפּ אויך אַ שטיק לעבעדיג פלייש — ווען אפילו זיין מוטיג פייפען אויף אַלע אונזערע אידעאַלען און היילינגטימער גרילצט אונז אַזוי שאַרף אין די אויערען — מוזען מיר דאָך באַטראַכטען דעם „איינציגען און זיין אייגענטום” פאַר איינעם פון די גייסטרייכסטע אויפקלערונגס־ווערק פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, און דעם פּראָפעסער — פאַר איינעם פון די גרויסע וואוילטעטער פון דער מענשהייט.” (אויסצוג פון איבערזעצער'ס איינלייטונג.)

דאָס בוך ענטהאַלט 504 זייטען, איז שעהן געבונדען אין קלאָטה.

דאָס קאַפּיטאַל

פון קאַרל מאַרקס

איבערזעצט נאָך קאַרל קאַוטסקי'ס דייטשע פאָלקסאויסגאַבע
פון דר. י. א. מעריסאָן

מיט אַ ביאָגראַפישע סקיצע פון דעם פּראָפעסער.

דער באַריהמטער ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פאַרדיענט דעם נאָמען „די ביבעל פון פּראָלעטאַריאַט" איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי טיילען און ארויסגעגעבען אין דריי באַזונדער געבונדענע ביכער. דאָס ערשטע בוך ענטהאַלט 477 זייטען, דאָס צווייטע בוך ווערט פאָרטגעזעצט ביז זייטע 886, און דאָס דריטע בוך ענדיגט זיך מיט זייטע 1270. צום סוף פון דריטען בוך געפינט זיך אַ גרויסער רעגיסטער, וועלכער איז איינגעטיילט אין צוויי טיילען: אַ נ אָ מ ע ן - ר ע ג י ס ט ע ר, וועלכער פאַרצייכענט די נעמען פון די מחברים, וואָס זיינען ציטירט געוואָרען אין „קאַפּיטאַל", און גיט קורצע ביאָגראַפישע דאַטען פון יעדען מחבר; און אַ ז אַ ך - ר ע ג י ס ט ע ר, וועלכער צייגט וואו יעדער ענין אָדער געגענשטאַנד, וואָס מאַרקס האָט דערמאָנט, געפינט זיך אין די דריי ביכער פון אָט דעם גרויסען ערשטען באַנד. אָט דער טאָפּעלער רעגיסטער, וואָס איז אַ העכסט ניצליך ווערק פאַר זיך, פאַרנעהמט 45 זייטען טאָפּעל-קאָלום, נעדיכט געזעצט אין קליינעם שריפט.

די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און טריי־הייט צום אָריגינאַל. קיין אות און קיין נקודה איז ניט אויסגעלאָזט אָדער געענדערט געוואָרן. עס איז אויך ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך צו פּאָפּולאַריזירן אָדער פאַרטייטשען אירגענד וועלכען שווערן אויסדרוק. דער לעזער און דער שטודענט וועלען געפינען אין אָט די אידישע דריי ביכער פון דעם ערשטען באַנד „קאַפּיטאַל" אַן אבסאָלוט געטרייע קאָפּיע פון דעם דייטשען אָריגינאַל, אויף וועלכער זיי קאָנען זיך פאַרלאָזען מיט דער גרעסטער זיכערקייט.

די דריי ביכער זיינען איינהייטליך ארויסגעגעבען און געבונדען אין אַ שעהנעם קלאָטה און ווערן פאַרקויפט צוזאַמען אָדער יעדעם בוך באַזונדער.